STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03959

DEM PASHA'S YERUSHE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דעם פּאַשאַ'ס ירושה

אָדער

די פערזונקענע אוצרות

— פון —

זשול ווערן

איבערזעצט פון

א. טאנענבוים

NEW YORK

JEWISH PRESS PUBLISHING COMPANY

1912

פאָרוואָרט

„דעם פּאשאַ'ס ירושה", וועלכע מיר געבען איצטער ארויס פאר דיא אידישע לעזער, בעלאנגט צו יענע ווערק פון זשול ווערן, וואָס האָבען דעם גרויסען שרייבער געמאכט בערימט און בעליעבט איבער דער גאנצער וועלט.

וויא אין דיא מייסטע ווערק פון זשול ווערן, איז אויך „דעם פּאשאַ'ס ירושה" אין איין און דערזעלבער צייט אי א שפּאנענדער ראָמאן אי אינטערע־סאנטע פּאָפּולערע וויסענשאַפט. דאָס איז א רייזע איבער דיא פערוואָר־פענסטע ווינקעלעך פון דעם ערד־קוגעל, און אויף דער רייזע בעקענט זיך דער לעזער מיט וואונדערבארע נאטור־בילדער, מיט זעלטענע בעשעפענישען, מיט נייע מענשען, לעבענספאָרמען און מנהגים. דאָס איז אָבער אויך א רייזע אין דיא טיעפענישען פון דער מענשליכער נשמה מיט איהרע געפיהלען פון ליעבע און האס און מיט איהרע שטורעמדיגע ליידענשאַפטען.

זשול ווערן האָט דיא זעלטענע פעהיגקייט צו פערבינדען דאָס ניצליכע מיט דעם אנגענעהמען, צו מאכען דאָס שווערע לייכט, דאָס לאנגווייליגע העכסט שפּאנענד און דאָס שפּאנענדע בעלעהרענד. און דערפאר קענען יעדען פון זיינע ראָמאנען לעזען אלע מענשען אָהן אויסנאהמע, וויא פערשיעדען זיי זאָלען ניט זיין אין יאָהרען, אין כאראקטער אָדער אין בילדונג.

זשול ווערן'ס ווערק זיינען איבערזעצט אין אלע שפּראכען און ווערען געלעזען פון אלע קלאסען. זיי זיינען א נויטווענדיגקייט צוליעב זייער רייכען בעלעהרענדען אינהאלט פאר דיא יעניגע וואָס האָבען ניט געהאט קיין געלעגענ־הייט צו קריגען פיעל בילדונג. זיי זיינען דער פאסענדסטער לעזע־שטאָף פאר דיא יעניגע וואָס זיינען ניט פערקאָכט אין ראָמאנען און האָבען דאָך ניט קיין צייט אָדער געדולד צו לעזען וויסענשאַפטליכע ווערק. און זיי זיינען דאָס אינטערעסאנטסטע וואָס עס קען זיך ווינשען א ראָמאנען־לעזער.

און אויב זשול ווערן'ס ווערק זיינען צוליעב דיא דערמאָהנטע אורזאכען א דרינגענדע נויטווענדיגקייט ביי דיא אומות העולם איבער דער גאנצער וועלט, זיינען זיי, גלויבען מיר, ניט וועניגער נויטווענדיג פאר דעם אידישען לעזער אין אמעריקא.

זשול ווערן'ס ווערק בכלל און „דעם פּאשאַ'ס ירושה" בפרט בעפרידיגען א געדירפניס ביים לעזענדען עולם, וועלכע קיין אנדערע ביכער פון קיין אנדערען שרייבער קענען ניט בעפרידיגען.

1טעס קאפיטעל.

דיא געהיימניספאָלע שיף

עס איז דער 9טער סעפּטעמבער 1831 גאַנץ פריה. אויף דעם מעער פאָהרט לאַנגזאַם א ניט גרויסע, אָבער זעהר שעהנע זעגעל שיף.

דאָס מעער איז גלאַט וויא א שפּיגעל. קיין ווינטעלע וועהט, קיין הויך רעגט אויף זיינע וואַסערן. דיא זון האָט זיך נור וואָס געוויעזען אין אָסטען און האָט מיט איהרע העל־רויטליכע שטראַהלען בעלויכטען דיא גרויסע, ברייטע וואַסער וויסטע. וויא וויט דאָס אויג קען גרייכען, זעהט עס נור הימעל און וואַסער. דער הימעל איז ריין, קלאָהר און בלוי, דיא לופט איז שטיל און וואַרעם.

אויך אויף דער שיף איז אַלעס שטיל און רוהיג, נור אויף דעם בריקעל שטעהט אַן אַלטער מאַטראָז ביים רודער און דרעהט לאַנגזאַם דאָס גרויסע ראָד.

א טהיר פון א קאַיוטע האָט זיך געעפענט און דער שיפסקאַפּיטאַן איז ארויסגעקומען. ער איז צוגעגאַנגען צו דעם אַלטען מאַטראָז ביי דעם שטייער־רודער און האָט געזאָגט:

— סאַלעם!

— סאַלעם! האָט געענטפערט דער אַלטער מאַטראָז.

— זייט ווען שטעהסט דוא ביים רודער? האָט דער שיפסקאַפּיטאַן געפרעגט.

— זייט פיער אוהר, איז געוועזען דיא אַנטוואָרט.

— האָסט דוא עפּעס געזעהען?

— מיט א שטונדע צוריק האָט זיך געוויעזען א שיף אין נאָרד־אָסט (צפונית מזרחית), איך האָב אויסגעדרעהט אונזער שיף נאָך זיד־וועסט (דרומית מערבית), איז געוועזען דיא אַנטוואָרט.

— דוא האָסט גוט געטהאָן, האָט געזאָגט דער שיפסקאַפּיטאַן.

יעצט איז ער ארויפגעגאַנגען אויף דעם בריקעל, האָט גענומען זיין גרויסען טעלעסקאָפּ קווינט און האָט אָנגעהויבען צו קוקען אין אַלע זייטען. עס איז געוועזען דייטליך, אַז ער זוכט עפּעס, אַז ער פאַרשט עפּעס אויס. אַזוי וויא ער האָט אָבער גאָר ניט געפונען, האָט ער זיך אָנגעבויגען צו א רעהר און האָט אויסגע־רופען:

— אלע ארויף!

אין איי‌ניגע מינוטען זיינען ארויפגעקומען פון אונטען פופצעהן מאטראָזען.

דער שיפסקאפּיטאן האָט זיי געהייסען איינציהען דיא זעגעל, זעהן אויב דיא שיף געפינט זיך אין אָרדנונג און געהן עסען פריהשטיק. ער אליין איז גע־בליבען שטעהן ביים רעדעל און האָט פון צייט צו צייט געקוקט אויף דיא ווייטע, שטילע גלענצענדע וואסערען פון דעם אונענדליכען מעער.

וואָס איז דאָס פאר א שיף? איז עס א שיף פון מעער רויבער? דאָס קען ניט זיין. עס איז וואהר, אז אין א ווינקעלע זיינען געשטאנען צוויי קליינע קאנאָנען, אָבער מיט פופצעהן מאן קען מען ניט פיהרען א שיף פון מעער רויבער.

זאָל עס זיין א שיף פון שמוגלער? אויך דאָס איז אונמעגליך, ווייל אין דיא קאמערען פון דער שיף האָבען זיך קיינע וואארען ניט געפונען. נור אין איין קאמער זיינען געשטאנען פיער שטארקע פעסלעך מיט אייזערנע ריי־פען. עס איז וואהר, אז אין דיא שפּייז־קאמערען האָט זיך געפונען פּראָוויאנט אויף איי‌ניגע מאָנאטען, אָבער דאָס איז קיין קאָנטראבאנד.

אלזאָ, וואָס איז דאָס פאר א שיף? קיינער ווייס עס ניט, זאָגאר דיא מאַ־טראָזען ווייסען ניט, וואוהין דיא שיף געהט און וויא לאנג זיא וועט נאָך ארומפאָהרען אויף דעם אונענדליכען מעער. אלעס איז א געהיימניס אויף דיעזער זאָנדערבארער שיף. און דיעזע געהיימניס ווייסען נור צוויי מענשען: דער שיפסקאפּיטאן און א הויכער אלטער מאן, וועלכער איז נור וואָס ארויס־געקומען אויף'ן דעק.

ער איז א מאן פון א יאָהר זעכציג, מיט א שנעהנער ווייסער באָרד, מיט א טורבאן אויף'ן קאָפּ, אָנגעטהאָן אין לאנגע קליידער, וויא אן עכטער אראַ־בער. דאָס איז אָבער קיין נייעס ניט. אויך דער שיפסקאפּיטאן טראָגט א פעס אויף'ן קאָפּ און איז אָנגעטהאָן וויא א טערק. ער טראָגט ניט קיין לאנגע ברייטע קליידער, ווייל זיין בעשעפטיגונג ערלויבט עס ניט, אָבער זיין געזיכט צייגט דייטליך, אז ער איז אן עכטער טערק.

— געפונען?

— נאָך ניט, הויכער העדר!

אויף דעם געזיכט פון דעם אלטען מאן האָט זיך געוויזען א פינסטערער וואָלקען. עס איז געווען דייטליך, אז ער איז זעהר ניט צופריעדען מיט דעם ענטפער.

לאנגזאם, דעם קאָפּ אראָבגעלאָזען אויף דער ברוסט, פערטראכט און אונצופריעדען, איז ער אראָבגעגאנגען אין זיין קאיוטע, וועלכע איז געווען פערציערט און אויסגעפוצט מיט אלע רייכטהימער. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א ניעדריגען דיוואן, דיא פיס אונטער זיך, וויא דיא אראבער זיצען, דאן

האט ער אנגעשפארט דעם קאפ אן קישען, האט פערמאכט דיא אויגען און האט זיך פערטראכט. מען וואלט געקענט מיינען, אז ער שלאפט, ער איז אבער ניט געשלאפען, ווייל פון צייט צו צייט פלעגען זיינע פינגער א ציטער טהאן, גלייך וויא זיי וואלטען וועלען עפעס בעשיצען, עפעס פעסטהאלטען.

נעגען א האלבע שטונדע שפעטער איז ארויפגעקומען אויף דיא שפיץ פינגער א יונג פון א יאהר פופצעהן מיט א זילבערנע טאץ, אויף וועלכער עס איז געשטאנען דער פריהשטיק פאר דעם אלטען מאן. דאס געשיער איז געוועז פון גאלד און זילבער. דיא געריכטען זיינען בעשטאנען פון דיא טהייערסטע, זעלטענסטע זאכען, וועלכע מען קען נור בעקומען אין דער וועלט. יעדעס געריכט האט געשמעקט און געדופטעט, אז עס וואלט געקענט מאכען אפעטיט א רוימישען קייזער.

דער יונג האט אנידערגעשטעלט דיא זילבערנע טאץ מיט דיעזע זעלטענע און טהייערע שפייזען אויף א קליין טישעלע פאר דעם אלטען מאן.

דער אלטער האט געעפענט דיא אויגען אויף איינינע אויגענבליקע, האט בעטראכט דיא שפייזען און האט ווידער פערמאכט דיא אויגען. ער האט זיך זאגאר ניט צוגעריהרט צו דיעזע זעלטענע און אויסגעצייכענטע עסענס.

דער יונג איז ארויסגעגאנגען שטילערהייט און אויף דיא שפיץ פינגער, וויא ער איז אריינגעקומען.

ערשט שפעטער, נעגען מיטאג, האט דער זאנדערבארער מאן געעפענט דיא אויגען, זיך אומגעקוקט, גענומען א פאאר ביסען פון א זילבערנעם טעלער, דאן האט ער אנגעקלונגען מיט א זילבערנעם גלעקעלע. דער זעלבער יונג איז אריינגעקומען אויף דיא שפיץ פינגער, האט צוגענומען דעם פריהשטיק און האט אריינגעבראכט א גאנץ קליינע טאסע שווארצע, גערדיכטע קאפע און א נארגילעה, א טערקישע ליולקע, ריכטיגער נאך, א רויך מאשין.

דער אלטער האט אויסגעטרונקען דיא קאפע, האט פעררויכט דיא נארגילעה און האט ווידער זיך פערטראכט.

ווען ער האט אויסגערויכט זיין נארגילעה, האט ער זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאנגען צו א וואנד פון דער קאיוטע, וועלכע איז געוועזן פערהאנגען מיט א זעהר טהייערען פערזישען טעפיך (קארפעט), האט איהם אויפגעהויבען און האט געעפענט א טהיר. דורך דיעזער טהיר איז ער ארויסגעגאנגען אין א שמאלען, פינסטערען קארידאר און איז ווייטער געגאנגען, ביז ער איז געקומען צו דעם צימער, וואו עס זיינען געשטאנען דיא פיער ניט גרויסע, אבער זעהר פעסטע, מיט שטארקע אייזערנע רייפען בעשלאגענע פעסלעך.

אין דיעזען צימער איז געוועזן גאנץ ליכטיג: א קיילעכדיג פענסטער פון איין שויב, פון א גאנץ שטארקען גלאז, אויף דעם דעק, האט אריינגעלאזען אין

דיעזען צימער אזוי פיעל ליכטיגקייט, אז מען האט אונטען געקענט גאנץ דייט־ליך זעהן אלעס.

אייניגע מינוטען האט דער אלטער בעטראכט דיא זאנדערבארע פיער פעס־לעך, דאן האט ער געזאגט צו זיך אליין:

— ווען איך וועל ניט געפינען אזא אינזעל, וויא איך וויל, וועל איך מו־זען זיי ארייננווארפען אין מעער. דאס איז דאך א שאדע! פיער מיליאן פונט סטערלינג, 20 מיליאן אמעריקאנער דאלאר, אדער הונדערט מיליאן פראנק. אלעס ארייננווארפען אין מעער!... און דער פראנצויז דאראן?... און דער באנקיר זאמבוקא?... שאדע!... און דאך מוז איך עס טהאן!

אייניגע מינוטען איז ער נאך געשטאנען פערטראכט טרויעריג, דאן האט ער א ציטער געטהאן, איז ארויסגעגאנגען פון דעם קליינעם צימער, האט פער־מאכט דיא טהיר, אין צוריקגעגאנגען אין זיין קאיוטע, האט זיך אומגעקוקט, אויב אלעס איז אין ארדנונג, און איז לאנגזאם ארויפגעגאנגען אויף'ן דעק.

דער הימעל איז געבליעבען קלאהר און ריין. דיא לופט שטיל און ווארעם, דאס מעער רוהיג און גלאט, וויא א שפיעגעל.

ווען דער שיפסקאפיטאן האט דערזעהען דעם אלטען, איז ער באלד צוגע־קומען צו איהם און האט געפרעגט:

— ווינשט עפעס אייער האהייט?

— עפעס אויסגעפונען? האט דער אלטער געפרעגט.

— דערווייל נאך גאר ניט.

דער אלטער מאן איז ארויסגעגאנגען אויף דעם קאפיטאן'ס בריקעל און א מאטראז האט איהם צוגעבראכט א גרויסען, ווייכען שטוהל, אויף וועלכען דער אלטער האט זיך אנידערגעזעצט און האט בעטראכט דאס אונענדליכע מעער ארום איהם.

דער שיפסקאפיטאן האט גענומען זיין גרויסען שטארקען טעלעסקאפ און האט אנגעהויבען צו קוקען אין אלע זייטען.

א צעהן מינוטען האבען ביידע געשוויגען. אויף דער שיף איז געווארען אזוי שטיל, אז יעדער האט געקענט הערען, וויא זיין הארץ קלאפט.

דער שיפסקאפיטאן האט געקוקט און געזוכט און גאר ניט אויסגעפונען. ער האט צונויפגעלעגט דעם טעלעסקאפ, האט איהם אויפגעהאנגען אין א גרויסען לעדערנעם בייטעל לעבען ראד און האט א קוק געטהאן אויף דעם דעק. אלע מאטראזען זיינען געווען אונטען.

פלוצלונג האט זיך דער אלטער אבגערופען:

— יוסוף, קום אהער.

דער שיפסקאפיטאן האט זיך געשטעלט פאר איהם.

— ווייסט דוא, יוסוף, גאנץ גענוי, וואו מיר געפינען זיך יעצט? האָט דער אלטער געפרעגט.

— איך ווייס עס, האָהייט, איז געווען דיא אנטוואָרט.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער ארויסגענומען פון א גרויסען און שווע־רען קאסטען א מעער־קארטע מיט פראנצויזישע בוכשאבען, האָט זיא צוואווי־קעלט און געוויזען דעם אלטען, אין וועלכען פונקט דיא שיף געפינט זיך יעצט.

— וויא ווייט זיינען מיר יעצט פון יענעם אינזעל?

— אונגעפעהר פופציג מייל.

— און וויא ווייט זיינען מיר פון א לאנד?

— אונגעפעהר דריי הונדערט מייל.

— וויים ווער פון דיא מאטראָזען, וואו מיר געפינען זיך יעצט?

— קיינער ווייס עס ניט, אויסער אייער האָהייט און איך.

— און דער שטייערמאן?

— ער ווייס עס אויך ניט, ווייל איך אליין פיהר דיא שיף יעדע נאכט ביז צוועלף אוהר.

— און דאָך האָב איך מורא, אז דער שטייערמאָן קען וויסען, וואו מיר געפינען זיך.

— מיר האָבען אויף דער שיף נור פראנצויזישע מעער און לאנד־קארטען, דער שטייערמאן אָבער קען לעזען נור טירקיש און אראביש, וויא קען ער ווי־סען, וואו מיר געפינען זיך?

— וויים יעמאנד פון דיא מאטראָזען, אויף וועלכען מעער מיר געפי־נען זיך? האָט דער אלטער ווייטער געפרעגט.

— זיי קענען עס ניט וויסען, ווייל איך זעלבסט האָב אָפט ארייגעפיהרט דיא שיף פון איין מעער אין דאָס אנדערע ביינאכט. איהר ווייסט דאָך, האָהייט, אז מיר זיינען דורכגעפאָהרען דעם גיבראלטאר ביינאכט.

— איך ווייס עס, יוסוף, דוא ביסט מיר געטריי און ערגעבען מיט לייב און זעלע, האָט דער אלטער געזאָגט פריינדליך, גלייך וויא ער האָט געוואָלט זיך פערענטפערען פאר זיינע פיעלע פראגען.

יוסוף האָט צוגעלעגט דיא האנד צום הארצען, וויא אלע אָריענטאלען טהוען, ווען זיי ווילען איינעם דאנקען.

— און דענקסט דוא, יוסוף, אז מיר וועלען דאָ, אין דיעזער געגענד, געפי־נען אזא אינזעל, וועלכער איז נאָך ניט פערצייכענט אויף קיין מעער־קארטע?

— אללאה איז גרויס!

— אך! פאר וואָס האָט אללאה, אָדער דאָס שיקזאל, ביז אהער ניט בע־האלטען פאר אונז א קליינעם אינזעל אָדער זאָגאר א שטיין אין מעער, וואו איך זאָל קענען בעגראָבען מיינע טאָנען אוצרות? האָט דער אלטער מאן גע־

זיפצט. איך וועל מוזען אלעם אריינוואַרפען אין מעער... בעסער אין מעער איידער עס אוועקגעבען צו מיינע פיינד...

ער האָט זיך ווידער פערטראַכט אייניגע מינוט, נור פּלוצלונג האָט ער זיך געווענדעט צום שיפסקאַפּיטאַן און האָט געזאָגט:

— יוסוף, איך מוז אריינוואַרפען מיינע מיליאָנען אין מעער.

— ווען איהר וועט זיי אריינוואַרפען אין מעער, וועט איהר זיי דאָך קיין מאָל ניט קענען צוריק בעקומען.

— זאָלען זיי פערלאָרען געהן! זאָלען זיי בעסער ליגען אויף דעם גרונד פון'ם מעער איידער מיינע פיינד זאָלען זיי ביי מיר צונעהמען.

— אללאה איז גרוים! האָט דער שיפסקאַפּיטאַן געענטפערט.

— הער נור, יוסוף, אויב מיר וועלען ניט געפינען אזא אינזעל ביז מאָרגען מיטאָג, וועל איך אריינוואַרפען מיינע פעסלעך אין מעער.

— אללאה איז גרויס און מחמד איז זיין פּראָפעט! האָט דער פרומער שיפסקאַפּיטאַן אויסגערופען.

דער אַלטער מאַן איז לאַנגזאַם אראָבגעגאַנגען פון דעם קאַפּיטאַן'ס בריקעל און האָט א פּאָר מאָל ארומגעשפּאַציערט אויף'ן דעק, דאַן איז ער אראָב אין זיין קאַיוטע.

דער שיפסקאַפּיטאַן האָט ווידער גענומען זיין טעלעסקאָפּ און האָט געקוקט אין אלע זייטען.

עס איז געוואָרען שפּעט, די זון איז געשטאַנען אַזוי ניעדריג, אז עס האָט זיך אויסגעוויזען, אז זיא ריהרט אָן דאָס וואַסער. עס האָט זיך אויפגעהויבען א לייכטער ווינד.

— ארויפציהען דעם הויכען זעגעל! האָט דער שיפסקאַפּיטאַן קאָמאַנדירט אויף אראַביש.

עטליכע ברוינע הענד האָבען ארויפגעצויגען דעם זעגעל, וויא דער שיפסקאַפּיטאַן האָט געהייסען.

— שטעה ביים ראָד, איבראַהים, און רודער נאָך זיד-וועסט (דרומית-מערבית), האָט דער שיפסקאַפּיטאַן געזאָגט צו דעם אַלטען מאַטראָז, וועלכען ער האָט געטראָפען היינט גאַנץ פריה ביים ראָד.

די זון האָט אָנגעהויבען אונטערצוגעהן. דער שיפסקאַפּיטאַן האָט אויסגעדרעהט זיין טעלעסקאָפּ נאָך וועסט (מערב זייט) און האָט געקוקט, וויא די זון לאָזט זיך אראָב אין די בלויע וואַסערען.

— וואָס איז דאָס? איז עס מעגליך? האָט ער געמורמעלט. וואָס בעדייטעט יענער קליינער פלעק, וועלכען איך זעה דאָרט אין מערב זייט, וואו די זון געהט יעצט אונטער? זאָל דאָס זיין אַן אינזעל? אונמעגליך!

ער האָט ארויסגענומען זיין מעער-קאַרטע און האָט זיא גוט בעטראַכט,

גלייך וויא ער וואָלט פערלאַנגט פון איהר אַן ענטפער אויף זיינע זאָנדער־בארע פראגען. ווען ער האָט גענוי אויסגעשטודירט זיין מעער־קארטע און האָט דאָרט ניט געפונען א שפור, א צייכען, אז אין דיעזער געגענד געפינט זיך א שטיין, א קליינער אינזעל אָדער א ריף פון קאָראַלען, האָט ער געזאָגט צו זיך אליין:

— עס האָט זיך מיר אויסגעוויעזען. ווען עס זאָל זיך דאָרט געפינען אזא אינזעל אָדער אזא שטיין, וואָלט עס געווען פערצייכענט אויף דער מעער־קארטע. דיעזעס מעער איז אַם בעסטען בעקאַנט. דיא עלטסטע שיפער זיינען געפאָהרען אויף איהם, דיא עלטסטע פעלקער האָבען געפיהרט זייערע שלאַכ־טען אויף איהם. יעדער פעהיגער מאַטראָז האָט עס אויסגעפאָרשט, יעדער שיפסקאפּיטאַן קען עס, וויא זיין אייגען הויז, און מיין פראַנצויזישע מעער־קארטע איז דיא בעסטע און דיא גענויעסטע אין דער וועלט.

דיא זון איז אונטערגעגאַנגען. עס איז געוואָרען פינסטער, אויף דיא צוויי העכסטע זעגעל בוימער האָט מען אויפגעצויגען צוויי לאַנטערנען. דיא מאַטראָ־זען האָבען אָבגעטהאָן זייער ארבייט און האָבען זיך געזעצט אויף'ן דעק.

וויא עס איז געווען איינגעריכטעט ביז אהער, אזוי האָט מען אויך געטהאָן היינט. דער שיפסקאַפּיטאַן האָט זיך געשטעלט ביים ראָד און א מאַטראָז האָט זיך געזעצט אויף דעם באָדען לעבען איהם. ביז האַלבע נאַכט פלעגט דער שיפסקאַפּיטאַן אליין פיהרען דיא שיף, דאַן פלעגט ער געהן שלאָפען און דער שטייערמאַן, זיין ערשטער אָפיציער, פלעגט איבערנעהמען דאָס רעדעל.

דיא נאַכט איז פערגאַנגען שטיל און רוהיג, דיא לבנה האָט ניט געשיינט, אָבער דער הימעל איז געבליעבען קלאָר און ריין, און מיליאָנען שטערען האָ־בען זיך אָבגעשפּיעגעלט אין דיא שטילע וואַסערען פון מעער.

גאַנץ פריה, ווען עס איז נור וואָס טאָג געוואָרען און דער הימעל אין מזרח איז רויט געוואָרען פון דיא ערשטע שטראַהלען פון דער יונגער זון, האָט דער שטייערמאַן פּלוצלונג אויסגערופען:

— האָ! אהאָי!

דער מאַטראָז, וועלכער איז געזעסען לעבען איהם, איז באַלד אראָבגעלאָפען און האָט אויפגעוועקט דעם שיפסקאַפּיטאַן, וועלכער איז באַלד ארויפגעקומען און האָט געפרעגט:

— וואָס איז נייעס, איבראַהים?

— לאַנד אין נאָרד־וועסט! האָט איבראַהים געענטפערט.

דער שיפסקאַפּיטאַן האָט ארויסגענומען זיין טעלעסקאָפּ, איז ארויפגע־קראָכען אויף דיא שטריק־לייטער און האָט געקוקט אין דעם פונקט, וואו איב־ראַהים האָט איהם געוויעזען.

— ער האָט רעכט, האָט דער שיפסקאַפּיטאַן געזאָגט, עס איז ווירקליך א

גאנץ קליינער אינזעל. זאָל עס זיין דער שווארצער פלעק, וועלכען איך האָב געזעהן נעבכטען פארנאכט? אָבער וואָס איז דער אונטערשיעד? עס איז אן אינזעל און גראדע אזא אינזעל, וויא מיין הערר קיאמיל פּאשא זוכט.

ער איז אראָבגעגאנגען פון דעם שטריק־לייטער און האָט געהייסען דעם שטייערמאן פיהרען דיא שיף גלייך צו יענעם אינזעל. ער אליין איז אראָבגעגאנגען אין דער קאיוטע פון זיין האָהייט און האָט אָנגעהויבען צו קראצען דיא טהיר.

זיין האָהייט איז שוין ניט געשלאָפען און האָט איהם געהייסען אריינקומען.

— סאלעם! האָט געזאָגט דער שיפסקאפּיטאן.

— סאלעם (שלום)! האָט געענטפערט דער אלטער מאן. וואָס איז נייעס?

— א אינזעל געפינט זיך ניט ווייט.

— אין וואָס פאר א זייט?

— אין נאָרד־וועסט.

— געפינט זיך ניט דיעזער אינזעל אויף דיין מעער־קארטע?

— ניין.

— אָבער וויא איז עס מעגליך?

— עס קען זיין א גאנץ נייער אינזעל, האָט דער שיפסקאפּיטאן געענטפערט.

— וואָס מיינסט דוא דערמיט? איך פערשטעה דיך ניט.

— אין דיעזער געגענד ארבייט נאָך א וואולקאנישער פייער אונטער דער ערד און עס מאכט זיך אמאָל, אז גאָר פּלוצלונג הויבט זיך אויף פון מעער א שטיין אָדער א קליינער אינזעל.

— איך וואָלט געוועזן העכסט צופריעדען, ווען עס וואָלט זיין וואהר וואָס דוא זאָגסט, איך דארף גראדע אזא אינזעל, וועלכער איז נאָך קיינעם ניט בעקאנט.

— איך קען זאָגען פאר זיכער, אז דאָס איז א גאנץ נייער אינזעל.

— אלזאָ געהערט ער נאָך צו קיינעם ניט?

— אויף וויפיעל איך וויים דיא געזעצע פון פעלקער־רעכטע אויף דעם מעער, געהערט אזא אינזעל צו דעם ערשטען מענשען, וועלכער נעהמט איהם אָב.

— אלזאָ קען זיין, אז דיעזער אינזעל וועט געהערען צו מיר?

— געוויס, האָהייט!

— דאן פאָהר גלייך צו יענעם אינזעל.

— איך מוז ווארטען, ביז עס וועט ווערען גרויסער טאָג, ווייל עס קען זיין, אז ארום דעם אינזעל געפינען זיך שטיינער אונטער׳ן וואסער. מען מוז זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווען מען קומט צו צו א גאנץ אונבעקאנטען אינזעל.

— דאָס איז דיין זאַך, יוסוף.

דער שיפסקאפּיטאן האָט זיך פערנייגט און האָט געוואָלט אוועקגעהן.

— ווארט א ווײלע, יוסוף, האָט דער אלטער מאן געבעטען.

דער שיפסקאפּיטאן איז געבליבען שטעהן.

— האָסט דוא ביי זיך דיין מעער־קארטע? האָט דער אלטער געפרעגט.

— איך האָב זיא ביי מיר.

— וואָס וועל איך טהאָן, ווען איך וועל דאָ פערגראָבען מיינע מיליאָנען און איך וועל פיליכט אמאָל וועלען זיי צוריקנעהמען? וויא וועל איך זיי געפינען?

— דאָס איז גאנץ איינפאך, האָט יוסוף געענטפערט. איך וועל אויסרעכע־נען גאנץ גענוי דיא לענג און דיא ברייט, וואו דיעזער אינזעל געפינט זיך, און וועל עס גאנץ גענוי בעצייכענען אויף מיין מעער־קארטע. דיעזע מעער־קארטע וועל איך אייך געבען. ווען אייער האָהייט וועט אמאָל דארפען צוריק־געהמען אייערע אוצרות און איך וועל לעבען, וועל איך פאָהרען מיט אייך און וועל אייך ווייזען דעם וועג. זאָל איך אָבער מעהר ניט לעבען דאמאָלס, איך בין דאָך גור א מענש און מיט א מענשען קען דאָך אלעס פּאסירען, דאן וועט יעדער שיפסקאפּיטאן אייך קענען פיהרען צום אינזעל, ווען איהר וועט איהם ווייזען מיין מעער־קארטע.

— דוא האָסט רעכט, מיין גוטער יוסוף, אויף דיר קען איך זיך פערלאָזען, האָט דער אלטער מאן געזאָגט טיעף גערירהט.

דער שיפסקאפּיטאן האָט זיך פערנייגט און איז ארויפגעגאנגען אויף'ן דעק.

דיא ערשטע שטראהלען פון דער זון האָבען זיך בעוויזען און האָבען גע־פארבט דיא בלויע וואסערען פון מעער ראָזע־רויט. דער אינזעל איז געווען איינגעוויקעלט אין רויך.

דער שיפסקאפּיטאן האָט זיך געשטעלט ביים גלעלענדער און האָט געקוקט אויף דעם אינזעל. אין אונזערע צייטען, ווען ריעזען דאמפּף־שיפען פאָהרען ארום אויף אלע וואסערען, וואָלט מען געקענט מיינען, אז דאָס איז דער דיקער רויך פון א גרויסען דאמפּפער, אָבער דאמאָלס, אין 1831, פלעגען נאָך זעהר ווייניג גרויסע דאמפּף־שיפען ארומפאָהרען און דער שיפסקאפּיטאן האָט זיך געוואונדערט, פאר וואָס דער נייער אינזעל איז ארומגערינגעלט מיט א רויך אָדער מיט א דאמפּף.

עס איז נאָך וויים געוועזען צו דעם אינזעל.

דער שיפסקאפּיטאן האָט געלאָזען דעם ערשטען אָפיציער פיהרען דיא שיף און אליין האָט ער בעטראכט דיא געגענד און דעם אינזעל.

לאנגזאם און פאָרזיכטיג האָט דער פעהיגער איבראהים געפיהרט דיא שיף,

אָבער ערשט געגען עלף אוהר האָט דיא זון צוטריבען דיא וואָלקענס און דעם רויך ארום דעם אינזעל. ערשט יעצט האָט מען געקענט זעהן, אז אויף דעם אינזעל געפינט זיך ניט קיין בוים, קיין בלאט און קיין גרעזעלע. דער גאנצער אינזעל בעשטעהט פון דריי בערגעלעך פון שטיינער.

— אראָבלאָזען דעם אנקער! האָט דער שיפסקאפיטאן קאָמאנדירט.

יעצט איז דער אלטער ארויפגעקומען פון זיין קאיוטע און איז צוגעגאנגען צום שיפסקאפיטאן. אין דער צייט ווען דיא מאטראָזען האָבען פעראנקערט דיא שיף, האָט דער אלטער געפרעגט:

— נו, האָסט דו זיך איבערצייגט, אז עס איז א נייער אינזעל?

— איך בין זיכער, אז עס איז א גאנץ נייער אינזעל.

— פון וואנען ווייסט דו עס?

— ווייל איך זעה אויף איהם ניט קיין בוים און קיין גראָז.

— און ער געהערט נאָך צו קיינעם ניט?

— ער געהערט נאָך צו קיינעם ניט.

— פון וואנען ווייסט דו עס?

— ווייל איך געפין ניט קיין שפור, קיין צייכען פון א מענשען אויף דעם גאנצען אינזעל.

— דאָס האָב איך געזוכט, האָט דער אלטער געזאָגט וויא צו זיך אליין.

2טעם קאפיטעל.

דער בעל־הבית פון דער געהיימניספאָלער שיף

עס איז דער דריטער מערץ 1799. פאר דער שטאָדט יפו אין פאלעסטינא קאָכט און רוישט א בלוטיגע שלאכט. נאפאָלעאָן אָדער גענעראל באָנאפּארטע, וויא מען פלעגט איהם דאמאָלס רופען, איז געקומען פון עגיפטען (מצרים) מיט אן ארמעע פון צוועלף טויזענד מאן און ער נעהמט אָב סיריען און פאלעסטינא. דיא טירקען פערטהיידיגען זיך פיעל זיי קענען, אָבער עס איז ניט לייכט זיך צו שטעלען געגען דעם גרויסען קריעגס־טאלאנט פון א נאפאָלעאָן.

דעם 20טען פעברואר 1799 איז פאָרגעקומען א בלוטיגע שלאכט ביי דעם שטעדטעל על אריש. דיא טירקען האָבען געקעמפּפט וויא העלדען, נאפאָלעאָן אָבער האָט זיי דאָך געשלאָגען, האָט איינגענומען דיא שטאָדט און האָט געפאנגען דעם קליינעם טירקישען גארניזאָן, וועלכער איז בעשטאנען פון פופצעהן הונדערט מאן. צווישען דיא טירקישע אָפיציערען האָט זיך געפונען אן אָבערסט (פּאָלקאָווניק) מיט׳ן נאָמען קיאמיל פאשא. דאָס איז געווען א יונגער מאן פון א יאָהר עטליכע און צוואנציג. ווען נאפאָלעאָן האָט געפאָדערט פון דיא טירקישע געפאנגענע, אז זיי זאָלען שווערען ביים קאָראן (דיא תורה פון דיא

מאחמאדאנער), אז זיי וועלען קיין מאָל ניט פיהרען קריעג געגען איהם אָדער געגען פראנקרייך, איז דער יונגער קיאמיל פּאשא אויפגעשפּרונגען און האָט אויסגערופען :

— גענעראל פון דיא פראנצויזען! איך שווער, אז ווען איך וועל קענען און וואו איך וועל קענען, וועל איך אויפהויבען מיין שווערד געגען דיא פראנ־צויזען.

נאפּאָלעאָן האָט גאָר ניט געענטפערט, זאָנדערן האָט געהייסען, מען זאָל אָבפיהרען דעם יונגען פרעכען פאשא אין געפענגניס. ער האָט געוויס געוואָלט הייסען איהם שיסען. דאָס האָט אויך פערשטאנען קיאמיל פּאשא און דארום איז ער דיעזעלבע נאכט אנטלאָפען פון געפענגניס און איז געקומען צו אב־דאללאה פּאשא, דעם אָבער־קאָמאנדיר פון דער טירקישער ארמעע אין סיריען. אבדאללאה פּאשא האָט אויפגענומען דעם אנטלאָפענעם קיאמיל זעהר פריינד־ליך און אזוי וויא ער האָט איהם געקענט און האָט געוואוסט, אז קיאמיל איז א פעהיגער, מוטהיגער און טאפּפערער אָפיציער, האָט ער איהם געשיקט אלס קאָמענדאנט פון דער שטאָדט יפו.

דעם 26טען פעברואר האָט נאפּאָלעאָן אָבגענומען דיא שטאָדט עזה אָדער גאזא, וויא זיא הייסט אויף טירקיש, און דעם 3טען מערץ אין דער פריה איז ער אָנגעקומען אין דער שטאָדט יפו, וואו קיאמיל פּאשא האָט קאָמאנדירט א גארניזאָן פון פיער טויזענד מאַן.

קוים האָבען זיך דיא פראנצויזען אָבגערוהט און אָבגעגעסען זייער מיטאָג, האָט נאפּאָלעאָן קאָמאנדירט, אז מען זאָל אטאקירען דיא שטאָדט יפו און מען זאָל זיא איינגעהמען מיט שטורם. קיאמיל פּאשא האָט פערטהיידיגט די שטאָדט מיט אלע מעגליכע מיטעל. פינף שטונדען לאנג האָט ער אויסגעהאלטען דעם פייערינגסטען שטורם פון דער גאנצער פראנצויזישער ארמעע. ענדליך האָט אָבער נאפּאָלעאָן דאָך געזיעגט און האָט איינגענומען דיא שטאָדט. דריי טויזענד פינף הונדערט טירקישע סאָלדאטען און אָפיציערען און אויך דער קאָמענדאנט קיאמיל פּאשא זיינען אריינגעפאלען אין זיינע הענד אלס קריעגס־געפאנגענע.

— וואָס זאָלען מיר טהאָן מיט אזוי פיעל געפאנגענע? האָט געפרעגט נאפּאָלעאָן'ען זיין פריינד און בעסטער גענעראל קלעבער. מיר קענען זיי ניט האל־טען, ווייל מיר האָבען ניט קיין פראָוויאנט. מיר קענען זיי ניט לאָזען פריי, ווייל דאן וועלען זיי קעמפּפען אלע געגען אונז.

א פינסטערער וואָלקען האָט זיך בעוויזען אויף נאפּאָלעאָן'ס געזיכט. ער האָט געטראכט אייניגע מינוטען. דאן האָט ער ארויסגעגעבען דעם אונמענש־ליכען בעפעהל :

— מען זאָל אלע געפאנגענע דערשיסען.

דער בעפעהל איז געווען גרויזאם, אונמענשליך און געגען אלע רעגעלען

פון קריעג, ער איז אָבער דאָך אויסגעפיהרט געוואָרען מיט שרעקליכער פּינקט־ליכקייט.

געגען 6 אוהר פארנאכט האָט מען אויסגעשטעלט אַלע געפאנגענע טירקען אויף דעם ברעג פון מעער ביי דער שטאָדט יפו. פראנצויזישע סאָלדאטען האָבען זיי ארומגערינגעלט און אויף דעם בעפעהל פון א פראנצויזישען אָפיציער: "פייער!" האָבען זיי אָנגעהויבען צו שיסען. אין איינינע מינוטען זיינען פער־בלוטיגטע לייכען געבליבען ליעגען אויף'ן זאמד.

געגען אכט אוהר אבענד איז צוגעקומען צום ברעג א באָאט מיט פיער מענשען. דאָס איז געווען טהאָמאס דאָראן, דער שיפסקאפּיטאן פון א פראנ־צויזישער שיף, וועלכע האָט געפיהרט פּראָוויאנט פאר נאפּאָלעאָן'ס ארמעע, זיין ערשטער אָפיציער און צוויי מאטראָזען. דיא צוויי מאטראָזען זיינען גע־בליבען אין באָאט און דער שיפסקאפּיטאן דאָראן מיט זיין ערשטען אָפיציער זיינען ארויסגעגאנגען אויף דעם ברעג און האָבען זיך געלאָזט געהן נאָך יפו.

זייער וועג האָט זיי געפיהרט לעבען דעם הויפען דערשאָסענע טירקישע סאָלדאטען. עס איז געווען א שטילע, העלע מעריץ נאכט. דיא לבנה האָט גע־שיינט אויף א קלאָרען הימעל און האָט בעלויכטען דיא טרויעריגע, בלוטיגע סצענע. דריי טויזענד פינף הונדערט פערבלוטיגטע לייכען זיינען געלעגען אין הויפען אויף דעם ווייסען זאמד.

ניט ווילענדיג האָבען דיא צוויי פראנצויזען בעטראכט דיעזע שרעקליכע, שוידערהאפטע סצענע, וועלכע איז קוים גלויבליך, איז אָבער היסטאָריש וואהר.

פּלוצלונג האָט עפּעס א ציטער געטהאָן צווישען דיא ערמאָרדעטע. א ווייסע האנד האָט זיך אויסגעשטרעקט און פינף לאנגע, שעהנע פינגער האָבען אָנגעהויבען צו ציטערען און צו ריהרען זיך, גלייך וויא זיי וואָלטען עפּעס געזוכט.

— דער איז נאָך ניט טויט, האָט שיפסקאפּיטאן דאָראן געזאָגט צו זיין בעגלייטער.

— לאָמיר זעהען, האָט דער בעגלייטער געענטפערט.

זיי זיינען צוגעגאנגען צו דעם הויפען טויטע, האָבען אָנגעריהרט דיא ווייסע האנד און שיפסקאפּיטאן דאָראן האָט געזאָגט:

— דיא האנד איז ווארעם, ער לעבט נאָך. לאָמיר איהם רעטען!

שטילערהייד און פאָרזיכטיג האָבען זיי ארונטערגענומען דעם הויפען טויטע, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו דעם מאן פון דער ווייסער האנד. דאָס איז געווען א גאנץ יונגער מאן אין דעם מונדיר פון א העכערען טירקישען אָפי־ציער. ער האָט נאָך געלעבט, אָבער ער איז געווען בעוואוסטלאָז.

— שאדע אזא יונגען מענשען! האָט קאפּיטאן דאָראן געזאָגט. איך מוז איהם רעטען.

ער האָט אויפגעהויבען דעם פערוואונדעטען, האָט איהם גענומען אויף זיינע פּלייצעס און האָט איהם צוגעטראָגען צו זיין באָאט. יעצט האָט דער פערוואונדעטער געעפענט דיא אויגען און האָט געזאָגט שטילערהייט:

— וואסער!

ער האָט עס אָבער געזאָגט אויף טירקיש און שיפסקאפּיטאן דאראן האָט דיעזע שפּראך ניט פערשטאנען.

— וואָס פערלאנגט איהר? האָט ער געפרעגט דעם פערוואונדעטען אויף פראנצויזיש.

— וואסער! וואסער! האָט דער פערוואונדעטער געענטפערט אויף פראנ־צויזיש.

— רודערט שנעל צו אונזער שיף! האָט דאראן קאָמאנדירט זיינע מאט־ראָזען.

א פיערטעל שטונדע שפּעטער האָט שיפסקאפּיטאן דאראן מיט זיינע מאַטראָזען ארויפגעטראָגען דעם פערוואונדעטען אויף זיין שיף, האָט איהם ארייגעלעגט אין זיין קאיוטע און האָט בעטראכט דיא וואונד. דיא קוגעל האָט געטראָפען דעם יונגען טירקישען אָפיציער אין דער פּלייצע, אָבער זיא איז ניט געווען לעבענס געפעהרליך. אלס אלטער, ערפאהרענער שיפסקאפּיטאן האָט דאָ־ראן געוואוסט, וויא אזוי ארומצוגעהן ארום אזא וואונד. יעדער גוטער שיפס־קאפּיטאן אין יענע צייטען האָט געמוזט פערשטעהן אביסעל מעדיצין, בע־זונדערס וויא אזוי צו בעהאנדלען א פערוואונדעטען.

ווען דער פערוואונדעטער איז געקומען צו זיך אזוי ווייט, אז ער האָט געקענט רוהיג רעדען, האָט ער דערצעהלט קאפּיטאן דאראן זיין לעבענסגעשיכטע.

ער הייסט קיאמיל פּאשא און ער איז דער געוועזענער קאָמענדאנט פון דער שטאָדט יפו. ער איז אן עכטער טערק, אָבער זיינע עלטערען און זיינע אור־עלטערען האָבען געוואָהנט אין עגיפּטען. זיין פאָטער, קאמליק פּאשא איז א זעהר רייכער מאן און א זעהר אנגעזעהענער מאן אין קאָנסטאנטינאָפּאָל. סולטאן אבדול האמיד דער ערשטער האָט געמאכט זיין פאָטער פאר פּאשא פון עגיפּטען. ער, קיאמיל, איז זיין איינציגער זוהן.

אלס רייכער מאן און אלס פּאשא האָט קאמליק פּאשא געגעבען זיין זוהן דיא בעסטע ערציהונג, וועלכע א טערק קען נור געבען זיין זוהן. ער האָט איהם געלאָזען לערנען טירקיש, אראביש, פערזיש און איינינע אייראָפּעאישע שפּראַ־כען, וויא פראנצויזיש, איטאליעניש און ענגליש. אזוי וויא זיין פאָטער קאמליק פּאשא האָט איהם בעשטימט פאר דער ארמעע, האָט ער איהם געלאָזען לערנען אויך מאטהעמאטיק און דיא קריעגס קונסט.

ווען ער, קיאמיל איז אלט געוואָרען צוויי און צוואנציג יאָהר, האָט ער שוין געהאט דעם ראנג (טשין) פון אן אָבערסט (פּאלקאָווניק) אין דער טיר־

קישער ארמעע. ער האָט זיך געשלאָגען געגען דיא פראנצויזען אין עגיפּטען, דאן אין דער שטאָדט על אריש, דאן אין יפו, וואו מען האָט איהם דערשאָסען צוזאמען מיט אלע אנדערע טירקישע געפאנגענע.

שיפסקאפּיטאן דאָראן האָט געהאלטען ביי זיך דעם פערוואונדעטען קיאַמיל פּאשא צוויי מאָנאטען. ווען קיאמיל פּאשא איז געזונד געוואָרען אזוי ווייט, אז ער האָט געקענט ארויסגעהן, האָט ער געבעטען זיין רעטער, דעם שיפסקאפּיטאן דאָראן, ער זאָל איהם פיהרען נאָך קאָנסטאנטינאָפּאָל. שיפס־קאפּיטאן דאָראן האָט איהם צוליעב געטהאָן און האָט איהם געבראכט נאָך קאָנסטאנטינאָפּאָל.

ווען זיי האָבען געדארפט זיך צושיידען, האָט קיאמיל פּאשא געזאָגט צו זיין רעטער:

— דוא האָסט מיר גערעטעט דאָס לעבען, איך וועל דיר אייביג דאנקבאר זיין. ליידער האָב איך ביי זיך גאָר ניט, מיט וואָס צו צייגען אז יעדער מאח־מאדאנער איז פּונקט אזוי דאנקבאר וויא א קריסט. זאָג מיר, וואו דוא וואהנסט אין פראנקרייך און וואו איך וועל דיך קענען געפינען, ווען איך וועל דארפען.

שיפסקאפּיטאן דאָראן האָט איהם געזאָגט וואו ער וואָהנט און וואו מען קען איהם געפינען.

קיאמיל פּאשא האָט זיך אלעס פערשריבען, האָט בעדאנקט דעם קריסט, וועלכער האָט איהם גערעטעט דאָס לעבען, און איז אוועקגעגאנגען צום סול־טאן.

דאמאָלס האָט געהערשט אין טירקיי סולטאן סעלים דער דריטער. ער האָט אויפגענומען זעהר פריינדליך קיאמיל פּאשא, וועמען ער האָט געקענט פּערזענליך, האָט איהם געגעבען א בעזונדער וואָהנונג ביי זיך אין הויף און האָט איהם געהייסען בלייבען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל, ביז ער וועט געפינען פאר איהם א פּאסענדע שטעלע אלס גענעראל אין דער טירקישער ארמעע.

קיאמיל פּאשא איז אין א קורצער צייט פּאָלקאָמען געזונד געוואָרען און האָט געשיקט ברייגנען זיינע צוויי פרויען פון דאמאסקוס (דמשק), וואו ער האָט געוואָהנט איידער דער קריעג האָט זיך אָנגעפאנגען.

קיאמיל פּאשא האָט געהאַט צוויי פרויען, וועלכע ער האָט געליעבט מיט דער גאנצער קראפט פון א יונגען מאחמעדאנער. ליידער, איז סולטאן סעלים געוואָהר געוואָרען, אז קיאמיל פּאשא האָט צוויי שעהנע פרויען, און ער האָט זיי צוגענומען ביי איהם.

קיאמיל פּאשא איז געוועזן פערצווייפעלט און איז אוועקגעפאָהרען אהיים נאָך עגיפּטען, וואו זיין פאָטער האָט געוואָהנט.

אין עגיפּטען זיינען אָבער פאָרגעקומען פיעלע ענדערונגען. מחמד אלי פּאשא און זיין זוהן איבראהים פּאשא האָבען זיך אויפגעהויבען געגען דער

טירקישער רעגיערונג און האָבען אָבגענומען גאַנץ סיריען און פּאַלעסטינא. ווען סולטאַן סעלים וואָלט ניט געהאַנדעלט אַזוי שלעכט געגען איהם און וואָלט ניט צוגענומען זיינע פּרויען, וואָלט קיאַמיל פּאַשא געוויס געפאָהרען נאָך קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל און וואָלט געוויס ווידער אריינגעטראָטען אין דער ארמעע, אָבער יעצט האָט ער עס ניט געקענט.

אונטערדעסען איז זיין פאָטער קאַמליק פּאַשא געשטאָרבען און האָט איהם איבערגעלאָזען זיין גאַנצעס פערמעגען.

וויא גרויס איז געווען דיעזעס פערמעגען? דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. מען האָט געוואוסט, אַז אַמאָל האָט דיעזע פאַמיליע געהאַט פיעל גיטער און לענדער אין עגיפּטען און סיריען. מען האָט אויך געוואוסט, אַז דער קלוגער און פאָרזיכטיגער קאַמליק האָט ביסלעכווייז און ביי יעדער גינ־סטיגער געלעגענהייט פערקויפט זיינע גיטער און זיינע לענדער. אין יענע צייטען זיינען ניט געווען קיין בּיינק אין עגיפּטען און סיריען. וואו האַלט אַלזאָ קאַמליק פּאַשא זיין געלד? דאָס האָט אויך קיינער ניט געוואוסט.

קיאַמיל פּאַשא האָט געהאַט א שוועסטערקינד מיט'ן נאָמען מוראַד ביי, וועלכער איז געווען אָרים. אַזוי וויא קאַמליק פּאַשא איז געווען א לייבּליכער אָנקעל פון מוראַד ביי, האָט מוראַד ביי גערעכענט, אַז דער רייכער אָנקעל וועט איהם געוויס איבערלאָזען א גרויסע סומע געלד נאָך זיין טויט. קאַמליק פּאַשא האָט עס אָבער ניט געטהאָן און ער האָט געהאַט גענוג אורזאַכען עס ניט צו טהאָן.

קאַמליק פּאַשא איז געווען אַן עכטער טערק. ער האָט געוואָלט אַז דאָס טירקישע קייזערטהום זאָל ווערען אַלע מאָל שטאַרקער און מעכטיגער, און דא־רום איז ער געווען געגען מחמד אלי פּאַשא, וועלכער איז אויפגעשטאַנען געגען דעם סולטאַן און האָט געפיהרט קריעג געגען סולטאַן סעלים. מוראַד ביי אָבער איז געווען א פריינד און א טעלער־לעקער פון מחמד אלי פּאַשא, וועלכער האָט געגרינדעט דאָס קעניגרייך עגיפּטען און איז געוואָרען דער ערשטער כעדיוו אין עגיפּטען.

קאַמליק פּאַשא האָט פיינט געהאַט זיין נעפּע מוראַד ביי פאַר זיינע פּאָליטישע מיינונגען, און דארום האָט ער איהם ניט איבערגעלאָזען א פּיאַסטער נאָך זיין טויט. דאָס האָט זעהר געקריינקט מוראַד ביי.

מחמד אלי פּאַשא האָט עטליכע מאָל געזיעגט איבער דיא ארמעען פון סולטאַן סעלים דעם דריטען, און ווען דער קייזער אַלעקסאַנדער דער ערשטער פון רוסלאַנד וואָלט זיך ניט אַם ענדע אריינגעמישט, וואָלט מחמד אלי געוואָ־רען הערשער איבער אַלע טירקישע לענדער אין אַפריקא און אזיען.

"אום צו פיהרען קריעג מוז מען האָבען דריי זאַכען: געלד, געלד און

געלד", האָט געזאָגט נאפּאָלעאָן דער ערשטער, און מחמד אלי פּאשא האָט עס אויך געוואוסט, אָבער וואו נעהמט מען געלד?

מוראד ביי האָט איהם דערצעהלט, אז קאמליק פּאשא האָט געלד און מחמד אלי האָט געשיקט זיין ערשטען מיניסטער צו קאמליק פּאשא מיט דער ביטע, ער זאָל איהם אויסבאָרגען עטליכע מיליאָן. קאמליק פּאשא האָט העפליך, אָבער אויך גאנץ פעסט זיך אָבגעזאָגט פון דער עהרע צו לייהען געלד דעם כעדיוו פון עגיפּטען.

ווען קאמליק פּאשא איז געשטאָרבען און זיין איינציגער זוהן קיאמיל פּאשא האָט איבערגענומען זיין גאנצעס פערמעגען, האָט מחמד אלי געשלאָסען פריעדען מיט דעם סולטאן און מחמד אלי האָט אלץ ניט געהאט קיין געלע־גענהייט צו בעטען געלד ביי איהם, אָבער ער האָט פון איהם ניט אראָבגעלאָזען קיין אויג.

קיאמיל פּאשא האָט געוואָלט ארויספאָהרען פון עגיפּטען, ווייל ער איז ניט געווען צופריעדען מיט מחמד אלי'ס הערשאפט, מחמד אלי האָט איהם געשיקט א שטרענגען בעפעהל, ער זאָל בלייבען אין דער היים. קיאמיל פּאשא איז געווען א געפאנגענער אין זיין אייגענער היים. ער האָט אפילו געמעגט פאָהרען איבער גאנץ עגיפּטען, אָבער ער האָט גוט געוואוסט, אז מוראד ביי שיקט איהם נאָך שפּיאָנען איבעראל.

אונטערדעסען איז געוואָרען סולטאן מחמד דער צווייטער, וועלכער האָט ניט געקענט ניט קאמליק פּאשא, ניט קיאמיל פּאשא. דאָס איז געווען א שטאר־קער קלאפּ פאר קיאמיל, ווייל ביז אהער האָט ער וויינינגסטענס אין אייסער־סטען פאל זיך געקענט ווענדען צום סולטאן און בעטען ביי איהם שוץ און גערעכטיגקייט, יעצט האָט ער זיך געפונען אין דיא הענד פון זיינע פיינד מוראד ביי און מחמד אלי.

צום גליק האָט ער זיך בעקענט מיט איינינע ענגלענדער און פראנצויזען, וועלכע האָבען אין דער לעצטער צייט זיך בעזעצט אין עגיפּטען. דורך זיי האָט ער געקויפט א שיף און האָט איינגעפּאקט זיין גאנצעס פערמעגען, פיער מיליאָן פונט סטערלינג אָדער 20 מיליאָן דאָלאר, אין פיער שטארקע פעסער.

דאָס האָט איהם געראטהען א קלוגער פראנצויז, וועלכער האָט געהאנ־דעלט מיט פראנצויזישע וויינען. דיא פראנצויזישע וויינען, וועלכע ווערען געשיקט אין ווייטע לענדער, ווערען געשיקט אין דאָפּעל פעסער. אונטען איז א גאנץ שטארקע קליינע פאס, און אום זיא צו בעשיצען אויף'ן לאנגען וועג, שטעלט מען אריין דיא קליינע פאס אין א גרעסערער.

דער פראנצויז האָט געלאָזט מאכען פאר קיאמיל פּאשא אזעלכע פעסער און האָט אויף זיי אָנגעשריבען נעמען פון טהייערע פראנצויזישע וויינען, וויא שאטאָ לאפיט, שאטאָ לאראָז און דערגלייכען.

אויף דיעזען אופן איז עס לייכט געווען פאר קיאמיל פאשא אוועקצושיקען דיעזע פיער פעסער מיט זיין פערמעגען אויף זיין שיף. קיינער האט ניט געקענט וויסען, אז אין דיעזע פעסער געפינען זיך געלד, דימאנטען און בריליאנטען, וועלכע זיינען ווערטה מעהר וויא 20 מיליאן דאלאר.

אין יאהר 1830 האט מחמד אלי וויעדער ערקלערט קריעג סולטאן מחמד דעם צווייטען און ווייל ער האט געדארפט האבען געלד, האט ער געשיקט צו קיאמיל פאשא בעטען ער זאל איהם לייהען א פאאר מיליאן. קיאמיל פאשא האט זיך אבגעזאגט און מוראד ביי האט אונטערגעהעצט דעם ווילדען איבראהים פאשא, דעם זוהן פון מחמד אלי, על זאל ארעסטירען קיאמיל פאשא.

קיאמיל פאשא איז דערפון געוואהר געווארען און איז אנטלאפען נאך אלעקסאנדריע. דארט האט ער זיך פערשטעלט פאר א מאטראז און איז אוועק־געפאהרען מיט זיין שיף.

דאס איז אין קורצע ווערטער דיא געשיכטע פון דיא 20 מיליאן דאלאר, וועגען וועלכע מיר וועלען דערצעהלען אין דיא פאלגענדע קאפיטלעך.

3טעם קאפיטעל.

דער אוצר איז גוט בעהאלטען

דאס מעער איז געווען שטיל, רוהיג און גלאט וויא א שפיעגעל. דיא זון איז נור וואס אויפגעגאנגען און האט בעלויכטען דעם קליינעם אינזעל. מען האט דייטליך געזעהן, אז דער גאנצער אינזעל בעשטעהט פון גרויסע אנגעווארפע־נע שטיינער.

— זאל איך אראבלאזען דאס גרויסע באאט? האט דער שיפסקאפיטאן יוסוף געפרעגט.

— ניין, דאס קליינע באאט און נור מירביידע וועלען פאהרען זעהן, וואס עס טהוט זיך אויף דיעזען אינזעל.

קאפיטאן יוסוף האט געהייסען אראבלאזען דאס קליינע באאט. ער און קיאמיל פאשא האבען זיך אריינגעזעצט און זיינען צוגעפאהרען צום אינזעל.

א שטיק צייט האבען זיי געזוכט א קליינע בוכטע, א פלאץ, וואו דאס באאט זאל קענען צוקומען צום אינזעל. ביי דיעזער געלעגענהייט זיינען זיי ארום־געפאהרען דעם גאנצען אינזעל, וועלכער איז געווען ניט גרויס, אין גאנצען ביי א מייל דיא ברייט און דיא לענג. דיא וואסערען פון מעער האבען זיך אנגעשלא־גען אן דיא הארטע שטיינער און אין ערטער איז עס שווער געווען צוצוקומען צום אינזעל.

— מיר דאכט, אז גאט אליין האט בעשאפען דיעזען אינזעל פון מיינעט־וועגען, האט קיאמיל פאשא געזאגט ערנסט.

ענדליך האָבען זיי געפונען א קליינע בוכטע, און איינשניט אין שטיין, וואו א באָאט האָט געקענט צוקומען.

דאָס באָאט איז אריינגעפאָהרען אין דיעזער קליינער בוכטע אוןביידע מענער זיינען ארויפגעגאנגען אויף׳ן לאנד. קאפּיטאן יוסוף האָט צוגעבונדען דאָס באָאט צו א שטיין און קיאמיל פּאשא איז ארויפגעגאנגען אויף א שטיין בעטראכטען דאָס לאנד, וועלכעס געהערט יעצט צו איהם, ווייל ער האָט עס ענטדעקט און עס אָבגענומען. דאָס לאנד איז געווען וויסט און טרויעריג, קיין שפּור פון א מענשען, קיין צייכען, אז דאָ איז אמאָל געווען א מענש, קיין בלעטעלע, קיין גרעזעלע.

— עס איז א זאָנדערבארער אינזעל, האָט קיאמיל פּאשא געזאָגט וויא צו זיך אליין. מיר ווייסען, אז זאָגאר אויף א נאקעטען שטיין בילדעט זיך אביסעל ערד און פויגעל אָדער ווינטען ברענגען זאמען (זריעה) פון פלאנצען, וועלכע נעהמען זיך אָן און וואקסען. וויא קומט עס, וואָס אויף דיעזען אינזעל געפינט מען ניט קיין שפּור פון פלאנצען, פון א גרעזעלע, פון מאָאָס (מאָך)?

— דאָס וואונדערט מיך אויך, האָט קאפּיטאן יוסוף געענטפערט.

— גיב מיר דיין טעלעסקאָפּ, יוסוף, האָט קיאמיל פּאשא געבעטען.

יוסוף האָט איהם דערלאנגט זיין טעלעסקאָפּ. קיאמיל פּאשא האָט אָנגעהויבען צו קוקען אין אלע זייטען ווייט ארויף דאָס מעער.

וויא ווייט מען האָט געקענט זעהן דורך דעם שטארקען טעלעסקאָפּ, האָט מען ניט געקענט געפינען קיין אינזעל אין דער נאכבארשאפט, קיין לאנד און מען האָט אויך ניט געקענט זעהן א שיף פאָהרען.

— מיר דאכט, אז דאָ בין איך גאנץ זיכער און מיין פערמעגען וועט דאָ זיין גוט פערבאָרגען, האָט קיאמיל פּאשא ענדליך געזאָגט.

— איך געפין, אז דאָס איז דער זיכערסטער פּלאץ אין דער וועלט, האָט קאפּיטאן יוסוף בעשטעטיגט.

— ווייסט דוא גאנץ זיכער, וואו מיר זיינען יעצט?

— איך בין גאנץ זיכער, אָבער אום אייער האָהייט זאָל זיך איבערצייגען, אז איך וועל ריכטיג און גענוי בעצייכענען דעם אָרט, וואו דיעזער אינזעל געפינט זיך, האָב איך מיטגעבראכט אונזער מעער־קארטע און מיינע אסטראָנאָמישע אינסטרומענטען. איך וועל נאָך אמאָל גאנץ גענוי אויסרעכענען, וואו מיר געפינען זיך יעצט.

— טהו עס, יוסוף.

יוסוף האָט ארויסגענומען זיין מעער־קארטע און האָט געוויעזען קיאמיל פּאשא, וואו דער אינזעל געפינט זיך און וויא מען קען צוקומען צו איהם.

— וויא קומט עס אָבער, וואָס דיעזער אינזעל געפינט זיך ניט אויף קיין מעער־קארטע? האָט קיאמיל פּאשא געפרעגט.

— דער איינציגער ענטפער, וואָס איך קען געבען אויף דיעזער פראגע, איז, אז דיעזער אינזעל האָט זיך ניט לאנג געבילדעט. אין דיעזען מעער קומט פאָר זעהר אָפט, אז גאָר פּלוצלונג הויבט זיך אויף פון דעם גרונד פון מעער א קליינער אינזעל, ריכטיגער נאָך, א גרויסער שטיין. עס קען זיין, אז דיעזער אינזעל איז אלט נור עטליכע יאָהר, פיליכט נור א יאָהר.

— פיליכט איז עס נאָך בעסער פאר מיר, האָט קיאמיל פּאשא געזאָגט צו זיך אליין. דערווייל ווייס נאָך פון איהם קיינער ניט. עס איז זעהר מעגליך, אז ביז דיא איצטיגע טרויעריגע צייטען וועלען פאָריבערגעהן, וועט קיינער ניט קומען אהער, און איך וועל נאָך קענען טהאָן מיט מיין פערמעגען וואָס איך וויל און וואָס איך מוז טהאָן.

— איך גלויב, אז דאָ וועט אייער פערמעגען זיין גאנץ זיכער, האָט יוסוף בעשטעטיגט.

— אהער וועט געוויס ניט קומען ניט דער געלד־זיכטיגער מחמד אלי, ניט זיין ווילדער זוהן איבראהים און ניט מיין שלעכטער קרוב מוראד ביי. אך, דיעזער מוראד ביי! וויא פיעל האָב איך שוין געליטען דורך איהם! דיעזער טויגעניכטס האָט זיך איינגערעדט, אז ער איז מיין איינציגער יורש, ווייל איך האָב קיין קינדער ניט. ניין! איך וועל בעסער אריינוואַרפען מיינע מי־ליאָנען אין מעער, איידער זיי איבערלאָזען אזא טויגעניכטס...

ער האָט געטראכט אייניגע מינוטען. זאָנדערבארע געדאנקען זיינען איהם געקומען אין קאָפּ, בילדער און ערינערונגען פון פערגאנגענע צייטען זיינען לעבעדיג געוואָרען און האָבען זיך געשטעלט פאר איהם, האָבען פון איהם עפּעס געפאָדערט, עפּעס פערלאנגט.

האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם פראנצויזישען שיפסקאפּיטאן, וועלכער האָט איהם ארויסגענומען א האלב טויטען פון דעם הויפען לייכען אויף דעם ברעג פון מעער לעבען יפו? האָט ער איהם פערגעסען? האָט ער זיך דער־מאָנט, וואָס ער האָט געזאָגט צו איהם, ווען זיי האָבען אבשיעד גענומען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל? ווער ווייס עס? ווער קען עס זאָגען?

— קום, יוסוף! האָט ער פּלוצלונג אויסגערופען. קום! לאָמיר זוכען א פּלאַץ, וואו צו בעגראָבען מיינע אוצרות.

זיי האָבען ניט געדארפט לאנג זוכען. פּונקט אין דער מיט פון דעם אינ־זעל האָט זיך געפונען א גרויסער שטיין, דער שפּיץ, דער העכסטער פּונקט פון דעם אינזעל. זיי זיינען צוגעקומען צו איהם, האָבען איהם בעטראכט און האָ־בען געפונען אז ער איז לויז, אז ער איז ניט צונויפגעוואקסען מיט די אנדערע שטיינער פון דעם אינזעל.

— דאָס איז דער פּלאַץ, האָט קאפּיטאן יוסוף געזאָגט, דאָ קען מען לייכט אויפהויבען דיעזען שטיין און מאכען א הייל פאר דיא פיער פעסלעך.

קיאמיל פאשא האָט בעטראכט דאָס אָרט, וואָס יוסוף האָט איהם אָנגע־וויזען.

— יא, איך גלויב אויך, אז דאָס איז דער בעסטער פּלאַץ, האָט קיאמיל פּאשא געזאָגט.

זיי האָבען נאָך אמאָל בעטראכט דאָס אָרט און האָבען געפונען, אז מען קען לייכט אויפהויבען א צווייטען שטיין און מאכען א הייל.

— אלזאָ קום, לאָמיר מאכען אן ענדע! האָט קיאמיל פאשא געבעטען.

— איך בין פערטיג, האָט יוסוף געזאָגט.

— ווייסען אונזערע מאטראָזען וואו מיר געפינען זיך?

— ניין! קיינער ווייס זאָגאר ניט, אויב מיר געפינען זיך אין אמעריקא אָדער אין אייראָפּא, אין אזיען אָדער אין אויסטראליען. פערגעסט ניט, אז זייט 15 מאָנאטען רייזען מיר ארום אויף אלע מעערען, אין אלע וועלט טהיילען.

— איך האָב עס ניט פערגעסען, אָבער איך וויל זיין פאָרזיכטיג, ווייל איך האָב פיעלע זאכען צו בעזאָרגען.

— וואָס דענקט אייער האָהייט צו טהאָן, ווען מיר וועלען פערזאָרגען דעם פערמעגען? האָט יוסוף געפרעגט. וועלען מיר צוריק פאָהרען נאָך סי־ריען, נאָך קאָנסטאנטינאָפּאָל, אָדער ערגעץ אין א לאנד אין אייראָפּא?

— דוא ווייסט דאָך, יוסוף, וויא איך האָב פיינט אייראָפּא מיט איהרע ווילדע פילאָזאָפען, מיט איהר ציוויליזאציאָן, מיט איהרע בלוטיגע קריעגע און מיט איהרע שרעקליכע רעוואָלוציאָנען. נאָך סיריען קען איך ניט קומען, דאָרט וועט מיך דער ווילדער איבראהים אריינוואַרפען אין א געפענגניס און מיך פּיי־ניגען און מאטערען, איך זאָל איהם אוועקגעבען מיינע מיליאָנען. נאָך קאָנ־סטאנטינאָפּאָל? ניין! מיין פוס וועט מעהר ניט בעטרעטען דאָס פערדאָרבענע סטאמבול.

— זייט ניט אזוי פערצווייפעלט, האָהייט! האָט יוסוף געטרייסט זיין פריינד. דיא צייטען ענדערען זיך. דאָס הייליגע לאנד פון דיא גלויביגע אין מחמד וועט זיך בערוהיגען. דער סולטאן איז א גוטער מענש.

— אָבער א שוואכער הערשער, האָט איהם קיאמיל פאשא אונטערבראָכען. אללאה איז גרויס און מחמד איז געווען זיין הייליגער פּראָפעט, אָבער דיא מענשען ווילען ניט לעבען, וויא אללאה האָט געבאָטען און וויא דער הייליגער מחמד האָט אָנגעשריבען אין זיין תורה — דעם קאָראן, האָט קיאמיל פאשא געזאָגט טרויעריג.

— אלזאָ, וואו דענקט איהר זיך צו בעזעצען?

— אין ערגעץ ניט, איז געווען דיא אנטוואָרט, מיר וועלען ווייטער ארומ־פאָהרען אויף אלע מעערען און וועלען בעטראכטען גאָט'ס וואונדער אין דיא טיעפע וואסערען.

— וויא איהר וועט מיר בעפעהלען, האָהייט! איהר האָט מיר געראַטעט דאָס לעבען אין סטאַמבול, ווען סולטאַן סעלים האָט געהייסען מיך טויטען. דער הענקער האָט שוין אויפגעהויבען זיין האַק איבער מיין קאָפּ, און איהר האָט מיך געראַטעט. מיין לעבען געהערט אייך. אייער וואונש איז א בעפעהל פאר מיר און וויא לאנג איך וועל לעבען, וועל איך פאָלגען אלעס, וואָס איהר וועט מיר הייסען...

זיי זיינען צוריק געגאַנגען צו זייער באָאט, האָבען זיך אויפגעזעצט און זיינען צוריק געפאָהרען צו דער שיף.

קוים זיינען זיי אָנגעקומען אויף דער שיף, האָט קאַפּיטאַן יוסוף געהייסען דיא מאַטראָזען אראָבלאָזען דאָס גרויסע באָאט, אריינלייגען אין איהם אלער־ליי אינסטרומענטען, מיט וועלכע מען קען אויפברעכען א שטיין און צעהן שטארקע מאַטראָזען זאָלען זיך אריינזעצען און צופאָהרען צום אינזעל.

דאַן האָט ער געעפענט דיא קאַמער, וואו עס האָבען זיך געפונען דיא פיער פעסלעך, און האָט געהייסען זיי אראָבלאָזען אין דעם קליינעם באָאט.

אין א האַלבער שטונדע איז אלעס פערטיג געווען. ביידע באָאטע זיינען צוגעפאָהרען צום אינזעל. קאַפּיטאַן יוסוף און קיאַמיל פאשא זיינען געזעסען אין דעם קליינעם באָאט מיט דיא פיער פעסלעך.

ביידע באָאטע זיינען אריינגעפאָהרען אין דער קליינער בוכטע, וואו מען האָט זיי צוגעבונדען צו א שטיין. דאַן האָט מען ארויסגעקייקעלט דיא פעס־לעך און מען האָט זיי ארויפגעבראַכט צו דעם גרויסען שטיין, וואו קיאַמיל פאשא און קאַפּיטאַן יוסוף האָבען געפונען, אז דאָ איז דער בעסטער פלאַץ צו פערגראָבען 20 מיליאָן.

יעצט ערשט האָט זיך אָנגעהויבען דיא שווערע ארבייט. עס איז ניט לייכט געווען אויפצוהויבען דעם צווייטען קלענערען שטיין. מען האָט געמוזט איהם האַ־קען און שפּאַלטען.

קאַפּיטאַן יוסוף האָט קאָמאַנדירט און געהייסען דיא מאַטראָזען טהאָן זיי־ער ארבייט אזוי און אזוי. קיאַמיל פאשא אָבער האָט זיך אנידערגעזעצט אויף א שטיין ניט ווייט און האָט זיך פערטראַכט, גלייך וויא דיא גאַנצע געשיכטע וואָלט איהם גאָר ניט אָנגעגאַנגען.

וואָס האָט דיעזער מאַן געטראַכט? האָט עס איהם לייד געטהאָן, וואָס ער האָט געמוזט איבערלאָזען דאָס גרויסע פערמעגען פון זיינע עלטערען דאָ אויף דיעזען איינזאַמען אינזעל? האָט ער געטראַכט וועגען דער שלעכטיגקייט פון דיא מענשען, וועלכע האָבען איהם געצוואונגען צו פערגראָבען זיינע מיליאָ־נען? האָט ער געטראַכט פון דעם, וואָס ער זאָל יעצט טהאָן? ער איז יעצט צוויי און זעכציג יאָהר אלט, וויא לאַנג נאָך קען ער לעבען? וואָס וועט ווערען פון זיינע מיליאָנען נאָך זיין טויט?

פינף שטונדען נאָכאנאנד האָבען דיא מאטראָזען געארבייט זעהר שווער, ביז זיי האָבען אויסגעהאקט אין שטיין א הייל, וואו עס האָבען געקענט אריינגעהן אלע פיער פעסלעך, און דיא גאנצע צייט איז קיאמיל פאשא גע־זעסען פערטראכט גלייך וויא ער וואָלט געווען פערשטיינערט און פערגליווערט.

ענדליך, ווען מען האָט דיא פעסלעך אריינגעקייקעלט אין הייל, האָט ער זיך אויפגעהויבען, האָט אויף זיי א קוק געטהאָן צום לעצטען מאָל און האָט א מאך געטהאָן מיט דער האנד, א צייכען, אז מען זאָל זיי פערשיטען.

מען האָט פערלייגט דיא הייל מיט גרויסע שטיינער און זיי פערשאָטען מיט דיא קליינע שטיינדלעך, וועלכע מען האָט אָבגעהאקט, אז מען זאָל ניט לייכט דערקענען, אז מען האָט דאָ געמאכט א גרוב. דערמיט איז נאָך יוסוף ניט געווען צופריעדען. ער האָט געהייסען דיא מאטראָזען ברייננגען זאמד פון ברעג און פערשיטען אלע לעכער און אלע שפאלטען.

ערשט ווען ער האָט געפונען, אז דיא הייל איז גאנץ זיכער און מען קען ניט דערקענען, אז מען האָט זיא ניט לאנג אויסגעגראָבען, האָט ער געהייסען אוועקלייגען דיא ארבייט.

אום מען זאָל אָבער דערקענען דאָס אָרט, ווען מען וועט קומען צוריק מיט עטליכע יאָהר שפעטער — און דאן, קען דאָך זיין, אז דער אינזעל וועט שוין זיין בעוואקסען מיט גראָזען און מיט בוימער — האָט קיאמיל פאשא געהייסען, אז אויבען, אויף דעם גרויסען שטיין, וועלכער האָט געבילדעט דעם דאך פון דער הייל, זאָל מען אויסקריצען א דאָפעל "קיי", דיא ערשטע בוכשטאבען פון דיא נעמען קיאמיל און קאמליק.

דאָס איז געווען א לייכטע ארבייט. אין א קורצער צייט זיינען אויס־געקריצט געוואָרען אין דעם אויבערשטען שטיין צוויי גרויסע בוכשטאבען, דיא דאָפעל "ק".

מעהר האָט מען ניט געהאט וואָס צו טהאָן אויף'ן אינזעל. דיא מאט־ראָזען זיינען געווען מיעד און הונגעריג, מען האָט געמוזט צוריקפאָהרען.

ווען מען איז צוריקגעקומען אויף דער שיף, האָט יוסוף געהייסען דיא מאטראָזען געהן עסען און ער איז ארויפגעגאנגען אויף זיין בריקעל, לעבען ראָד און האָט נאָך אמאָל געקוקט דורך זיין שטארקען טעלעסקאָפ, אויב מען זעהט ניט ערגעץ א שיף.

קיאמיל פאשא איז צוגעקומען צו איהם און האָט געפרעגט:

— ביסט דוא זיכער, אז דוא האָסט ריכטיג פערצייכענט אויף דיין מעער־קארטע דעם אינזעל?

— גאנץ זיכער.

— און וואו איז דיין טאגעבוך?

— ביי מיר אין דער קאיוטע.

— איז פערשריעבען אין דיין טאגעבוך דער וועג, וועלכען מיר האָבען דורכגעמאכט דיא גאנצע צייט, זייט מיר פאָהרען ארום אויף דיא מעערען?

— געוויס, האָהייט! יעדער שיפסקאפּיטאן מוז פערשרייבען און פער־צייכענען גאנץ גענוי דעם וועג, וועלכען ער פאָהרט און אלעס, וואָס עס פּאַ־סירט מיט זיין שיף.

— דאן גיב מיר דיא מעער־קארטע און דאָס טאגעבוך.

קאפּיטאן יוסוף האָט ניט געענטפערט א וואָרט. ער איז אראָבגעלאָפען אין זיין קאיוטע און האָט ארויפגעבראכט דיא מעער־קארטע און זיין טאגע־בוך און האָט זיי איבערגעגעבען קיאמיל פּאשא.

— ברענג מיר ארויף א לאנטערנע מיט א ברענענדען לאָמפּ, האָט געזאָגט קיאמיל פּאשא.

קאפּיטאן יוסוף האָט געבראכט וואָס קיאמיל פּאשא האָט געפאָדערט.

קיאמיל פּאשא האָט גענומען דאָס טאגעבוך, האָט אויסגעריסען איין בלאט נאָך'ן אנדערען און האָט זיי פערברענט אויף דעם פייער פון דעם לאָמפּ און פון דער לאנטערנע. ווען דאָס לעצטע שטיקעל פּאפּיער איז פערברענט געוואָרען, האָט ער געזאָגט רוהיג:

— פערצייה מיר, יוסוף! איך האָב עס געטהאָן ניט ווייל איך גלויב דיר ניט, זאָנדערן ווייל דוא ביסט דאָך נאָר א מענש. א מענש קען קראנק ווערען, מיט א מענשען קען אלעס פּאסירען. אין א צייט פון אונרוהע קען אזא טאגעבוך אריינפאלען צו מענשען, וועלכע דארפען ניט וויסען פון איהם, דארום האָב איך איהם פערברענט.

— איך וויים, אז איהר געטרויט מיר און איהר דארפט זיך ניט ענטשול־דיגען פאר מיר, האָט יוסוף געענטפערט.

— יעצט קום עסען.

ביידע זיינען אראָבגעגאנגען אין קיאמיל פּאשא'ס קאיוטע און האָבען זיך געזעצט עסען. נאָך'ן עסען זיינען זיי ווידער ארויפגעקומען אויף'ן דעק.

עס איז געווען פינף אוהר נאָכמיטאָג. אין וועסטען (מערב זייט) האָבען זיך געוויזען קליינע וואָלקענס און עס האָט זיך אויפגעהויבען א ווינטעל.

— איך דענק, אז מיר וועלען האָבען א שטורם נאָך היינט ביינאכט אָדער מאָרגען אין דער פריה, האָט קאפּיטאן יוסוף געזאָגט.

— דאן לאָמיר פאָהרען.

— איך וועל הייסען אויפהויבען דעם אנקער.

קיאמיל פּאשא האָט זיך האסטיג אומגעקעהרט צו איהם און האָט גע־פרעגט שארף און אונרוהיג:

— ביזט דוא זיכער, אז דוא האָסט ריכטיג פערצייכענט אויף דער מעער־קארטע, וואו דיעזער אינזעל געפינט זיך?

— אזוי זיכער, וויא איך בין זיכער, אז איך בין מיין מוטער'ס זוהן.

— דאן הייס אויפהויבען דעם אנקער.

קאפיטאן יוסוף האט געהייסען דיא מאטראָזען ארויפציהען דעם אנקער. ער אליין האט זיך געשטעלט ביים ראד און האט אָנגעהויבען צו פיהרען דיא שיף.

קיאמיל פאשא איז צוגעגאנגען צום געלענדער און האט זיך געשטעלט קוקען אויף'ן אינזעל, וואו ער האט פערגראָבען זיינע מיליאָנען, און איז געבליבען שטעהן אזוי לאנג, ביז דער אינזעל האט אויסגעזעהן נור וויא א דונקעלער פלעק אין וויטען מעער.

4טעם קאפיטעל.

קאפיטאן דאראן

אין זיין שעהנעם, ריינעם צימער זיצט קאפיטאן זשאק דאראן לעבען א גרויסען טיש, אויף וועלכען עס זיינען אָנגעוואָרפען אלערליי לאנד־קארטען און מעער־קארטען. ער רויכט א קליינע, קורצע ליולקע און לאָזט ארויס גאנצע זיילען בלויען רויך.

עס איז רייטליך, אז ער איז אויפגערעגט. יעדעס מאָל, ווען קאפיטאן דאָראן הויבט אָן צו בלעטערען און צו זוכען אין זיינע לאנד־קארטען און מעער־קארטען, ווערט ער בייז און אויפגערעגט.

— צום טייפעל מיט דיעזער ברייט! האָט ער אויסגערופען. אָט איז עס! אָט שטעהט עס גאנץ דייטליך: פיער און צוואנציג גראד, ניין און פופציג מינוט נאָרדליכער ברייט. דאכט זיך, דייטליך גענוג, און דאָך, געה זוך, געה געפין!

ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין שטוהל, וויא א וואהנזיניגער, האָט אויפגעריסען א גרויסען קאסטען, האָט פון איהם ארויסגענומען א שטיק פערגאָמענט (פארמעט) און האָט אָנגעהויבען צו לעזען: 24 גראד 59 מינוט נאָרד.

— צום טייפעל! דאָס געהט ניט! אזוי קען איך עס ניט געפינען! האָט ער געשריען.

דערמיט איז ער אָבער נאָך ניט צופריעדען געווען, ער האָט גענומען אלע ביכער און אלע לאנד־קארטען פון זיין טיש און האָט אָנגעהויבען זיי צו שליידערען צו דער ערד, גלייך וויא זיי וואָלטען איהם עפּעס שלעכטס געטהאָן.

ער האָט געמאכט אזא ליארם, אז דיא טהיר פון זיין צימער האָט זיך האסטיג געעפענט און צוויי פרויען זיינען אריינגעקומען: אן עלטערע פרוי פון א יאָהר 50 און א יונג מעדכען פון א יאָהר ניינצעהן.

— אהא! איהר זייט דאָ! נאנאָן! זשוליעט! האָט קאפיטאן דאָראן געשריען ניט מיט זיין קול. אָבער וואָס דארפט איהר?

— וואָס איז מיט אייך, ליעבער אָנקעל? האָט זשוליעט, דאָס יונגע מעד־כען געפרעגט.

— וואָס איז שוין עפּעס נייעס? האָט געפרעגט דיא עלטערע פרוי. וואָס ביסט דוא היינט אזוי אויפגערעגט, זשאַק?

— וואָס איך בין אויפגערעגט? האָט דאַראַן געשריען. איך וויים, וואו דיא ברייט איז, וואו איז אָבער דיא לענג?

וויא עס ווייזט אוים, האָט נאנאָן, דיא עלטערע פרוי, זשאַק דאַראַן'ם שוועסטער שוין געוואוסט, פון וואָס איהר ברודער רעדט, ווייל זיא האָט גע־ענטפערט פריינדליך און מילד, וויא אן עכטע פרוי:

— נו, דוא וועסט שוין געפינען דיא לענג.

— אָבער, ליעבער אָנקעל, איך זעה גאָר ניט, פאר וואָס איהר זאָלט צו־ברעכען מיין וואזע מיט בלומען דערפאר, וואָס איהר קענט ניט געפינען דיא לענג.

— דיין וואזע? האָט דאַראַן געשריען.

— יא, אָנקעל, עס איז מיין וואזע, האָט זשוליעט געענטפערט.

— און ווער האָט זיא צובראָכען?

— איך.

— נו, האָב איך זיא געוואָלט צוברעכען! האָט דאַראַן זיך געקאָכט.

— זשוליעט האָט בעקומען דיעזע וואזע אלם פּרעזענט, האָט נאנאָן, זשו־ליעט'ם מוטער ערקלערט.

— עס האָט געמעגט זיין טויזענד מאָל א פּרעזענט, האָט דאַראַן געשריען. איך האָב זיא צובראָכען, ווייל איך האָב זיא צובראָכען.

— וואָס וועט אָבער זאָגען דארויף פראַנסוא? האָט דאָס מעדכען גע־פרעגט.

— ער וועט גאָר ניט זאָגען! לאָז ער נור פּראָבירען עפּעס זאָגען! האָט דאַראַן געשריען און האָט זיך אוועקגעקעהרט גלייך וויא ער וויל מעהר ניט ריידען מיט ווייבער.

ביידע פרויען האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען אָרדנונג אין צימער. זשוליעט האָט אויפגעקליבען דיא שערבלעך פון דער וואזע און נאנאָן האָט אויפגעהויבען און צונויפגעלייגט אויף'ן טיש דיא ביכער און דיא לאַנד־קאַרטען.

פּלוצלונג האָט זיך דאַראַן געווענד'עט צו דיא פרויען און האָט א פרעג געטהאָן:

— וואו איז פראַנסוא?

— איהר ווייסט דאָך, אָנקעל, אז ער איז געפאָהרען נאָך נאַנט.

— ער איז געפאָהרען נאָך נאַנט? וואָס איז דאָס? צו וואָס איז ער גע־פאָהרען נאָך נאַנט?

— ליעבער אָנקעל! איהר האָט דאָך איהם אליין געשיקט אהין, האָט זשוליעט געזאָגט מיט פערדרוס.

— איך האָב איהם געשיקט? צו וואָס?

— ער זאָל דאָרטען אויסהאלטען עקזאמען אויף שיפסקאפיטאן פון לאנגע רייזען.

— אזוי? ער וויל ווערען א שיפסקאפיטאן אויף א וועלט־מעער־שיף? צו וואָס דאַרף ער עס? קען ער דען ניט זיין א שיפסקאפיטאן אויף א שיף, וועלכע מאכט קורצע רייזען?

— אָבער, ליעבער זשאק, דוא אליין האָסט דאָך איהם געראטהען ער זאָל אויסהאלטען אזא עקזאמען, ווייל דאן קען מען קריעגען א העכערע שטעלע.

— איך האָב איהם געראטהען! איך האָב איהם געהייסען! פאָלגט איהר דען שטענדיג אלעס וואָס איך הייס אייך?

— געוויס, אָנקעל.

— נו, דאן וועט פראנסוא ניט אויסהאלטען זיין עקזאמען.

— אָה, ניין, אָנקעל! פראנסוא האָט גוט געלערנט, ער וועט יא אויס־האלטען זיין עקזאמען.

— איך זאָג דיר, אז ער וועט דורכפאלען און לאָז ער נאָר דורכפאלען, איך וועל איהם דאן שוין ווייזען, ווער עלטער איז.

פראנסוא איז געוועזען א פערוואנדעטער פון זשאק דאָראן, ער איז געוועזען א פעהיגער, טיכטיגער יונגער מאן, מיט וועמען קאפיטאן דאָראן פלעגט שטענ־דיג שטאָלצירען, אָבער היינט איז ער געוועזען אזוי בייז און אזוי אויפגערעגט, אז ער האָט געוואָלט קרענקען דיא גוטע זשוליעט.

קאפיטאן דאָראן האָט גאנץ גוט געוואוסט, אז פראנסוא און זשוליעט זיינען פערליעבט און האָבען געשוואָרען צו הייראטהען. זשוליעט׳ס מוטער נאנאָן וויים דערפון און איז פאָלקאָמען צופריעדען דערמיט. ער אליין, זשאק דאָראן האָט אויך איינגעוויליגט, אז זיי זאָלען הייראטהען, אָבער נור אונטער דער בעדינגונג, אז פראנסוא זאָל אויסהאלטען עקזאמען אויף א שיפסקאפיטאן פון א וועלט־מעער־שיף, אָדער וויא עס הייסט געוועהנליך, א שיפסקאפיטאן פון לאנגע רייזען, וועמען מען קען פערטרויען א שיף מיט פאסאזשירען אויף א רייזע פון עטליכע וואָכען. דאָס איז דער שווערסטער עקזאמען, וועלכען א שיפסקאפיטאן קען אויסהאלטען.

זשאק דאָראן האָט ליעב געהאט זיין ניכטע זשוליעט און ער האָט געוואָלט, אז זיא זאָל גליקליך זיין. ער האָט אויך ליעב געהאט זיין פערוואנדעטען פראנ־סוא און האָט גאנץ גוט געוואוסט, אז פראנסוא איז פעהיג אויסצוהאלטען אזא עקזאמען און וועט איהם געוויס אויסהאלטען. ער איז אָבער היינט געווען אזוי בייז און אזוי אויפגערעגט, אז ער האָט געוואָלט זיא קרענקען.

— עס איז שוין צעהן אוהר, האָט ער פּלוצלונג אויסגערופען, פראנסוא וואָלט שוין געדאַרפט זיין צוריק פון נאנט. דער צוג קומט אָן האלב נאָך ניין. נו, וואו איז ער? פאר וואָס איז ער נאָך ניטאָ? ער האָט פערשפּעטיגט דעם צוג! איך קען איהם שוין.

— אָנקעל, עס איז ערשט נאָך ניין, האָט זשוליעט געענטפערט.

— עס איז שוין צעהן!

— אָבער, אָנקעל...

— איך ווייס שוין! דוא ווילסט מיך קרענקען! ווען איך זאָג, אז עס איז טאָג, מוזט דוא זאָגען, אז עס איז נאכט.

— ניין, ליעבער אָנקעל...

— זאָג ניט "ניין"! האָט דאָראן געשריען אויסער זיך.

נאנאָן האָט א וואונק געטהאָן צו איהר טאָכטער, זיא זאָל שווייגען. זיא האָט גוט געוואוסט, אז ווען איהר ברודער איז אויפגערעגט, קען מען מיט איהם גאָר ניט רעדען.

ביידע פרויען האָבען געוואָלט ארויסגעהן.

— רופט מיר גילדאס טרעגאָמעין! האָט זשאק דאָראן געזאָגט שטרענג.

אין דער צייט ווען דיא פּרויען זיינען געגאנגען רופען גילדאס טרעגאָמעין, ווילען מיר בעשרייבען דיא הויפּט פּערזאָן פון אונזער ראָמאן און וואו מיר געפינען זיך יעצט.

סען מאלאָ איז א קליין שטעדטעל אין פראנקרייך. איהרע איינוואָהנער זיינען אלע מאטראָזען, שיפסקאפּיטאנען אָדער פישער. סען מאלאָ ווערט בעטראכט אלס א פּאָרט שטאָדט, אָבער ניט אלס א האנדעלס שטאָדט. ווען מען שטעהט אויף דיא דאקס פון סען מאלאָ, זעהט מען זעהר אָפט גרויסע שיפען פארבייגעהן, אָבער זיי פאָהרען אלע נאָך ענגלאנד און נור זעלטען, ווען עס פּאסירט עפּעס אן אונגליק אויף א שיף, קומט זיא צו צום פּאָרט פון סען מאלאָ.

וויא אין יעדער קליינער שטאָדט, האָט אויך אין סען מאלאָ יעדער איינוואָהנער זיין אייגען הויז. דער פּלאץ איז ביליג, דיא וואָהנונגען זיינען ביליג און דיא הייזער זיינען ביליג.

קאפּיטאן זשאק דאָראן וואָהנט אין זיין אייגענעם הויז ניט ווייט פון דיא דאקס. זיין פאָטער טהאָמאס דאָראן איז געוועזן שיפסקאפּיטאן פון זיין אייגענער שיף. ער פלעגט קויפען אלערליי וואארען אין פראנקרייך, פלעגט מיט זיי ארומפאָהרען אויף דעם מיטעללענדישען מעער און פלעגט זיי פערקויפען אין דיא שטעדט פון אזיען און אפריקא, וועלכע געפינען זיך ארום דעם מיטעללענדישען מעער.

ווען מיר וואָלטען געוועזן אמעריקאנער, וואָלטען מיר געקענט זאָגען, אז

קאפיטאן טהאָמאס דאָראן איז געוועזן א פעדלער, ווייל ער פלעגט ווירקליך פעדלען אָדער הויזירען מיט זיינע וואארען.

אין דיא יאָהרען 1798—1799, ווען נאפּאָלעאָן באָנאפּארטע האט געפיהרט קריעג אין עגיפּטען און סיריען, האט טהאָמאס דאָראן צוגעשטעלט פּראָוויאנט, לעבענס־מיטעל, פאר דער פראנצויזישער ארמעע.

דעם 3טען מערץ 1799 איז ער מיט זיין שיף געשטאנען לעבען דער שטאָדט יפו און דאָרט צופעליגערווייזע גערעטעט א יונגען טירקישען אָפיציער, וועלכער האט געזאָגט, אז ער הייסט קיאמיל פאשא. ער האט איהם גערעטעט דאס לעבען און האט איהם געבראכט נאך קאָנסטאנטינאָפּאָל.

אלס עכטער מאטראָז האט ער ליעב געהאט דאס מעער און האט זיין איינציגען זוהן זשאק געלאָזען לערנען זיין אייגענע האנדווערק: פיהרען א שיף. זשאק דאָראן האט געלערענט אין דער מארין שולע אין דער שטאָדט נאנט און האט ענדליך אויסגעהאלטען עקזאמען אלס שיפסקאפּיטאן פון א שיף, וועלכע מאכט קורצע רייזען.

זשאק דאָראן איז אויך געוואָרען א שיפסקאפּיטאן פון שיפען, וועלכע זיינען געפאָהרען אין דעם ענגלישען קאנאל, נאך האָלאנד, נאך דייטשלאנד, נאך שפאניען און פּאָרטוגאל.

אין דער צייט אָבער ווען ער האט געדיענט אלס צווייטער און שפעטער אלס ערשטער אָפיציער, האט ער ארומגערייזט אלע מעערען און אלע וואסערען. ער איז געווען אין אמעריקא, אין כינא, אין יאפּאן, אין אינדיען און אין אלע גרויסע פּאָרט שטעדט פון אפריקא.

זייט אָנדערהאלבען יאָהר האט ער זיך אָבגעזאָגט פון זיין בעשעפטיגונג אלס שיפסקאפּיטאן און איז געוואָרען א היים זיצער. ער איז ניט קיין רייכער מאן, אָבער אין א צייט פון עטליכע און צוואנציג יאָהר האט ער אָבגעשפּאָרט א שעהנעם קאפּיטאל און האט צוגעלעגט צו דעם קאפּיטאל, וועלכען ער האט גע'ירשנ'ט פון זיין פאָטער. צוזאמען האט עס אויסגעמאכט א שעהנע סומע, פון וועלכער ער האט געקענט לעבען רוהיג אין סען מאלאָ און ניט ארבייטען שווער און זיך אונטערוואַרפען אלע מעגליכע געפאהרען אלס שיפסקאפּיטאן.

ער איז יעצט אכט און פערציג יאָהר אלט. ער האט ניט געהייראט. אמאָל, שוין גאנץ לאנג, האט ער אויך געטרוימט פון ליעבע, פון גליק, פון א פאמיליע, פון קינדער. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז א שעהנע פּאָר אויגען פון א שעהנעם מיידעלשען געזיכט האבען אריינגעקוקט טיעף אין זיין הארצען, און ער האט געטראכט און געטרוימט, אָבער ווען ער איז צוריקגעקומען פון א לענגערער רייזע, האט ער געפונען, אז יענע אויגען האבען זיך

געוועגדעט אין אַן אַנדער זייט, און זייט דאַמאָלס האָט ער אויפגעהערט צו טראַכטען און צו טרוימען פון ליעבע און גליק.

ער איז געווען ניט גאַנץ הויך, אָבער שטאַרק געבויט. זיינע שוואַרצע האָר זיינען געווען האַרט און שטייף, וויא דיא האָר אויף דעם רוקען פון א געווייסער פּיער־פיסיגער חיה, וועלכע אידען און מאַכמעדאַנער ווילען ניט עסען. זיין געזיכט איז געווען ברוין, אויסגעאַרבּט פון מעער וואַסער און פון דיא הייסע שטראַהלען פון דער זון פון הייסע געגענדען. א פּאָר קליינע, קלוגע, שוואַרצע אויגען האָבען געלויכטען פון דיעזען ברוין געגאַרבטען געזיכט.

ער איז געווען מאַגער, אָבער ווער עס האָט געזעהן דיא געלעגענהייט צו בעטראַכטען דיא מוסקעלען פון זיינע אָרעמס, דער וואָלט געשוואָרען, אַז דיעזע הענד זיינען אים שטאַנד איינצוהאַלטען אַן אָקס אין זיין ווילדען לויף, און דאָס איז אויך ריכטיג. זשאַק דאָראַן איז געווען א שטאַרקער מאַן, וועלכער וואָלט נאָך מיט זיינע אַכט און פּיערציג יאָהר זיך געקענט שטעלען געגען פינף יונגע לייט פון עטליכע און צוואַנציג.

נאַנאָן איז געווען זיין שוועסטער, צוויי יאָהר עלטער פון איהם. איהר מאַן איז געווען א בוכהאַלטער אין דער קאָמפּאַניע, ביי וועלכער זשאַק איז געווען שיפסקאַפּיטאַן. ער איז אָבער געשטאָרבען יונג און האָט איבערגעלאָזען נור איין קינד, א טאָכטער זשוליעט. אַזוי וויא ער איז געשטאָרבען אָרעם, האָט דזשאַק דאָראַן גענומען צו זיך זיין שוועסטער מיט איהר קינד און האָט זיי געהאַלטען ביי זיך אין זיין שעהנעם געריימיגען הויז, וואָס ער האָט גע'ירש'נט פון זיין פאָטער.

נאַנאָן איז געווען א שטילע, רוהיגע, פלייסיגע פרוי. זייט איהר מאַן איז געשטאָרבען, האָט זיא זיך צוריקגעצויגען פון דער וועלט און האָט געלעבט נור פאַר איהר טאָכטער זשוליעט און פאַר איהר ברודער זשאַק. זיא פלעגט אויסשטעהן אַלע זיינע שגעונות, אַלע זיינע קאַפּריזען און פלעגט קיין מאָל ניט וואַגען צו רעדען א וואָרט געגען איהם.

גאַנץ אַנדערש איז געווען איהר טאָכטער זשוליעט. זיא פלעגט זיך שוין שטעלען געגען איהר אָנקעל און מאַכען איהם פּאָרווירפע, ווען ער פלעגט אַרויס־ווייזען צו פיעל קאַפּריזען. זיא פלעגט עס טהאָן, ווייל זיא האָט געוואוסט, אַז איהר אָנקעל וועט אויף איהר ניט בייז ווערען, ווייל זיא איז געווען דאָס שעהנסטע מעדכען אין סען מאַלאָ און פאַר א שעהנעם מעדכען האָט זאָגאַר אַן אַלטער, נערוועזער אָנקעל אביסעל רעספּעקט.

זשוליעט איז געגאַנגען רופען גילדאַס טרעגאַמעין און ער איז אויך באַלד געקומען.

גילדאַס טרעגאַמעין האָט געוואָהנט אין דעם דריטען הויז פון זשאַק דאָראַן. ער איז אויך געווען א מאַטראָז, ריכטיגער נאָך, א שיפסקאַפּיטאַן, אָבער א

שיפסקאפּיטאַן פון א בארקע, וועלכע פלעגט ארומפאָהרען נור אויף דעם טייך ראנס, א קליינער טייך, וועלכער פאלט אריין אין-מעער לעבען סען מאלאָ. דיא בארקע האָט געהערט צו גילדאס טרעגאַמעין. ער איז אלזאָ געוועזן אייגענטהי־מער און שיפסקאפּיטאַן פון זיין אייגענער בארקע, אויף וועלכער ער פלעגט פיהרען קויהלען, וויין און אנדערע פּראָדוקטען פון פראנקרייך צום פּאָרט פון סען מאלאָ, וואו מען פלעגט זיי אַנלאָדען אויף שיפען. אָבוואָהל ער איז געוועזן מאַטראָז און שיפסקאפּיטאַן, איז ער קיין מאָל ניט ארויסגעפּאָהרען אויף'ן מעער ווייטער פון סען מאלאָ. ער איז זאָגאר קיין מאָל ניט געוועזן אין ענגלאנד, דאָס הייסט, ער איז קיין מאָל ניט אריבערגעפאָהרען דעם קאנאל צווישען פראנק־רייך און ענגלאנד.

גילדאס טרעגאָמעין איז אלט געוועזן איין און פופציג יאָהר, אלזאָ מיט דריי יאָהר עלטער פון זשאק דאָראַן. זיי האָבען זיך געקענט פון קינדרוויז אָן, זיי פלעגען זיך שפּיעלען צוזאמען, געלערנט אין איין שולע און זיך אָפט צו־שלאָגען. עס איז זעהר מעגליך, אז דארום זיינען זיי געוואָרען אזעלכע גוטע פריינד, ווען זיי זיינען עלטער געוואָרען און זיינען געבליבען דיא בעסטע, דיא געטרייעסטע פריינד, וועלכע עס קען נור געבען אויף דער וועלט.

אויך גילדאס טרעגאָמעין איז שוין מעהר ניט געפאָהרען אויף זיין בארקע. אויך ער האָט אָבגעשפּאָרט א קאפּיטאל, פון וועלכען ער האָט געקענט אָבלעבען רוהיג זיינע יאָהרען. אויך ער האָט ניט געהייראטהע און האָט געלעבט גאנץ אליין. אן אלטע פרוי, זיינע א פערוואנדטע, פלעגט פיהרען זיין ווירטהשאפט.

אין דיעזע בעציהונגען זיינען דיעזעביידע מענער געוועזן גאנץ עהנליך, אָבער דערמיט האָט דיא עהנליכקייט אויפגעהערט. אין כאראקטער זיינען זיי געוועזן גאנץ פערשיעדען. זשאק דאָראַן פלעגט רעדען, שרייען, לארמען, ווערען אויפגערעגט, זיך בייזערען אויף אלעמען, און ווען ער פלעגט ווערען בייז, פלעגט ער צוברעכען אלעס, וואָס איז איהם אריינגעפאלען אין דיא הענד. גילדאס טרעגאָמעין איז געוועזן א שטילער, רוהיגער, קאלטבלוטיגער, איבערלעגטער מענש. ער פלעגט שטענדיג שמייכלען, איז שטענדיג געוועזן פרעהליך און פריינדליך געגען יעדען. ער האָט קיין מאָל קיינעם ניט געזאָגט קיין גראָב וואָרט און קיינער האָט איהם ניט געהערט זאָגען א הויך וואָרט.

זשאק דאָראַן איז געוועזן מאָגער און פלינק, גילדאס טרעגאָמעין איז גע־וועזן דיק און שטארק וויא אן אָקס. ער פלעגט רעדען לאנגזאם און פלעגט זיך בעוועגען לאנגזאם. אלע האָבען ליעב געהאט דעם גוטען, שטילען, רוהיגען גילדאס טרעגאָמעין. זשוליעט האָט איהם ליעב געהאט, וויא א פאָטער. זיא פלעגט אָפט שטעהן שטונדען לאנג ביים ברעג פון דעם טייך ראנס און וואַרטען אויף דער בארקע פון אָנקעל טרעגאָמעין, ווייל זיא האָט געוואוסט, אז יעדעס

מאָל, ווען ער פּלעגט צוריקקומען פון א רייזע, פּלעגט ער איהר עפּעס מיטברייני־גען. פראנסוא פּלעגט איהם שעצען און אכטען אלס א קלוגען אלטען פריינד.

דאָס זיינען געווען דיא צוויי מענער, וועלכע זיינען זיך צונויפגעקומען זונטאג, דעם 23טען פעברואר 1862 אין הויז פון זשאק דאַראן.

5טעס קאפּיטעל.

דאָס געהיימניס פון דעם בעגראָבענעם אוצר

קוים האָט זיך דיא ברייטע געשטאלט פון גילדאס טרעגאָמעין געווי־זען אין דער טהיר האָט זשאק דאַראן א געשריי געטהאָן:

— ענדליך ביזט דוא דאָך געקומען!

— איך בין געקומען, אזוי שנעל וויא דוא האָסט מיך געשיקט רופען, האָט טרעגאָמעין געענטפערט רוהיג.

— און פריהער האָסט דוא ניט געקענט קומען?

— פריהער האָב איך ניט געקענט קומען.

— איך פערשטעה! דוא האָסט געמיינט, אז דוא שלעפּסט זיך אויף דיין בארקע "דיא שעהנע אמאליע".

אזוי האָט געהייסען טרעגאָמעין'ס בארקע און זשאק דאַראן פּלעגט אָפט לאַכען פון זיין פריינד, וועלכער איז נור געווען א שיפסקאפּיטאן פון א בארקע, וועלכע פּלעגט נור ארומפאָהרען אין א טייך.

גילדאס טרעגאָמעין האָט זיך אָבער ניט בעליידיגט. ער האָט גוט געקענט זיין פריינד און האָט געזעהען, אז ער איז היינט עפּעס אויפגערעגט.

— נו, וואָס שטעהסט דוא ביי דער טהיר? האָט זשאק דאַראן געשריען. זעץ זיך! וואָס שטעהסט דוא וויא א קלאָץ?

גילדאס טרעגאָמעין האָט זיך אנידערגעזעצט לעבען דעם גרויסען טיש, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען דיא לאנד־קארטען און מעער־קארטען.

זשאק דאַראן האָט ארויסגענומען פון א שראנק א פלאש קאָניאק און צוויי גלעזער און האָט זיי אנידערגעשטעלט אויפ'ן טיש.

— ווילסט דוא טרינקען א קאָניאק? האָט ער געפרעגט זיין פריינד.

— דוא ווייסט דאָך, זשאק, אז איך טרינק ניט, האָט טרעגאָמעין גע־ענטפערט.

— איך האָב פערגעסען, אז א שיפסקאפּיטאן פון א בארקע און נאָך פון אזא בארקע וויא דיא "שעהנע אמאליע" טרינקט ניט, ווייל ער איז גאָר קיין מאטראָז ניט.

גילדאס טרעגאַמעין האָט זיך ניט בעליידיגט פון דיזע שטעכווערטער.

זשאק דאַראַן האָט אָנגעגאָסען צוויי גלעזלעך קאָניאק און האָט זיי אויסגע־טרונקען איינס נאָך'ן אנדערען, דאן האָט ער געזאָגט:

— יעצט וועלען מיר רעדען.

— פון וואָס זאָלען מיר רעדען?

— וואָס הייסט, פון וואָס? ווייסט דוא דען ניט פון מיין געשיכטע?

— כ'לעבען, איך האָב זיא שוין פערגעסען, האָט טרעגאַמעין געענט־פערט.

זשאק דאַראַן האָט געוואָרפען אויף איהם א בייזען בליק, פול מיט שפּאָט און פעראכטונג.

— איך האָב אין גאנצען פערגעסען, אז איך רעד מיט א לאנד מויז, מיט א וואסער פויגעל, מיט א ביבער, מיט א... שיפסקאפּיטאן פון א בארקע, וועלכע אָקסען שלעפּען אין דעם טייך ראנס, האָט זשאק דאַראַן געשריען. אזא מענש קען פערגעסען, וואָס מען האָט איהם דערצעהלט. ער וויים גאָר ניט, וואָס מען רעדט צו איהם, וויil ער האָט דאָך גאָר ניט וואָס צו טהאָן אויף זיין בארקע.

גילדאס טרעגאַמעין האָט זיך צולאכט מיט זיין איינפאכען, גוטמוטהיגען געלעכטער.

— וואָס זאָל איך טהאָן, מיין פריינד? האָט ער געזאָגט אזוי מילד און אזוי פריעדליך, אז זאָגאר דער אויפגערעגטער זשאק דאַראַן האָט א שמייכעל געטהאָן. וואָס זאָל איך טהאָן, מיין פריינד, ווען איך בין דאָך מיין לעבען לאנג נור ארומגעפאָהרען אויף דעם טייך ראנס? איך האָב אלעם פערגעסען.

— דאן מוז איך דיר דערצעהלען נאָך אמאָל, איך מוז דערצעהלען אלעס פון אָנפאנג.

— דערצעהל, מיין פריינד, האָט גילדאס טרעגאַמעין געזאָגט גאַנץ רוהיג.

— האָסט דוא געקענט מיין פאָטער, טהאָמאס דאַראַן?

— געוויס האָב איך איהם געקענט, דעם גוטען, אלטען טהאָמאס!

— ווייסט דוא, ווען מיין פאָטער איז געשטאָרבען?

— געוויס וויים איך עס: עס איז געווען דער 3טער יוני 1854.

— דאן הער אוים זיין געשיכטע.

— איך הער, מיין פריינד, האָט גילדאס טרעגאַמעין געענטפערט.

עס איז שווער צו זאָגען, אויב גילדאס טרעגאַמעין האָט געוואָלט מאכען שפּאס מיט זיין פריינד, אָדער ער האָט אבזיכטליך פערלאנגט, אז זיין פריינד זשאק דאַראַן זאָל זיך אביסעל בערוהיגען דורך זיין ערצעהלונג פון זאכען, וועל־כע ער האָט איהם שוין דערצעהלט צוואנציג מאָל.

זשאַק דאַראַן האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען:

— אין 1799 האָט מיין פּאָטער צוגעשטעלט פּראָוויאנט פאר דער פראנ־צויזישער ארמעע אין סיריען און פּאלעסטינא. אם 3טען מערץ נאָך דער שלאכט ביי דער שטאָדט יאפא (יפו) האָט מיין פּאָטער געראטעוועט א פערוואונדעטען טיר־קישען אָפיציער. מיין פּאָטער האָט איהם אויסגעהיילט און געבראכט נאָך קאָנ־סטאנטינאָפּאָל. דאָרט האָט דער טערק איהם געזאָגט, אז ער הייסט קיאמיל פּא־שא און וועט קיין מאָל ניט פערגעסען וואָס מיין פּאָטער האָט געטהאָן פאר איהם.

זייט דאמאָלס זיינען פערגאנגען פיעלע יאָהרען און מיין פּאָטער האָט אין גאנצען פערגעסען דיא געשיכטע. ער איז אלט געוואָרען און האָט אָנגעזא־מעלט אזוי פיעל געלד, אז ער האָט שוין געקענט רוהיג אָבלעבען דיא יאָהרען, וואָס עס איז איהם נאָך געבליבען צו לעבען, ביי זיך אין דער היים, אין סען מאלאָ.

דעם 5טען יוני 1842 איז איהם גאָר פּלוצלונג אָנגעקומען א בריעף מיט א טירקישער פּאָסט מארקע, מיט א שטעמפּעל "עגיפּטען". אין בריעף איז געשטאנען:

"שיפסקאפּיטאן טהאָמאס דאָראן ווערט געבעטען, ער זאָל זיך פערצייכע־נען אין זיין טאשענבוך: די ברייט פון דער וועלט 24 גראד 59 מינוטען נאָרד. דיא לענג פון דער וועלט וועט מען איהם שפּעטער מעלדען. ער וועט טהאָן זעהר גוט ניט צו פערגעסען און ניט צו פערליערען דיעזען בריעף און דיעזע נאָטיץ. דיא סומע געלד, וועלכע ער וועט בעקומען, וועט זיין דיא בעלוינונג דערפאר וואָס ער האָט געראטעוועט דאָס לעבען פון דעם פערוואונדעטען אָפיציער אין יפו".

— איז דיעזער בריעף געווען אונטערשריעבען? האָט גילדאס טרעגאָ־מעין געפרעגט.

— יא, ער איז געווען אונטערשריעבען מיט א דאָפּעל "ק".

— ווייטער, האָט גילדאס טרעגאמעין געבעטען.

זשאק דאָראן האָט ווייטער דערצעהלט:

— מיין פּאָטער האָט דאן אָנגעהויבען צו טראכטען: "עס איז צוואר שוין אביסעל צו שפּעט. דריי און פיערציג יאָהר זיינען פערגאנגען, זייט איך האָב געראטעוועט דאָס לעבען פון דעם פערוואונדעטען טירקישען אָפיציער; דריי און פערציג יאָהר זיינען פערגאנגען, זייט דיעזער אָפיציער האָט געזאָגט צו מיר: איך וועל דיך ניט פערגעסען. ער האָט געהאלטען וואָרט: ער האָט מיך ניט פערגעסען, אָבער וויא אזוי? ער האָט מיר אָנגעצייגט דיא ברייט פון דער ערד, וואו ער האָט בעהאלטען פאר מיר א גרויס פערמעגען. וואָס האָב איך אָבער דערפון ווען איך וויים ניט דיא לענג?"

אז דער טירקישער אָפיציער האָט איהם איבערגעלאָזען א גרויס פערמעגען, פיליינכט פיעלע, פיעלע מיליאָנען, איז זעלבסט פערשטענדליך, אלא ניט, וואָלט

ער איהם דאָך ניט געשיקט אזא בריעף. וואו געפינען זיך אָבער דיעזע מיליאָנען? דאָס איז דיא פראגע.

מיין פאָטער האָט געוואָרט, אז עס זאָל ווער קומען און איהם אָנצייגען דיא לענג. צוועלף לאנגע יאָהר האָט מיין פאָטער געוואָרט. ענדליך, אין 1854, ווען מיין פאָטער איז קראנק געוואָרען און האָט געפיהלט, אז זיין ענדע איז נאָהענט, האָט ער מיך צוגערופען צו זיין בעט, האָט מיר איבערגעגעבען דעם בריעף, וועלכען ער האָט ערהאלטען אין 1842 פון קיאמיל פאשא און האָט געזאגט צו מיר:

„מיין ליעבער זוהן, איך בין קיין רייכער מאן. איך פערמאָג נור דיעזעס הויז און צעהן טויזענד פראנק, וועלכע איך האָב אָבגעשפּאָרט און וועלכע איך האלט אין א באנק אין נאנט. דאָס איז ניט פיעל. מיט צעהן טויזענד פראנק איז א מענש ניט פערזאָרגט אויף זיין גאנצען לעבען, אָבער איך האָב דיעזען בריעף, וועלכער איז געוויס ווערטה מיליאָנען. וויא פיעל מיליאָנען? דאָס וויים איך ניט, איך קען מיר אָבער פאָרשטעלען, אז א רייכער פאשא, ווען איך האָב גערעטעט דאָס לעבען, האָט געוויס מיר איבערגעלאָזען אן אוצר פון מיליאָנען. אלזאָ, מיין זוהן, פערגעס ניט דיא ברייט: 24 גראד 59 מינוטען נאָרד".

איך האָב עס ניט פערגעסען. איך געדענק עס גאנץ גוט און האָב שטענדיג געטראכט דערפון.

מיין פאָטער איז באלד געשטאָרבען און מיר האָבען איהם בעערדיגט און בעטרויערט. אלע, וועלכע האָבען איהם געקענט, האָבען איהם בעדויערט און בעטרויערט.

ווען איך האָב מיך אביסעל בערוהיגט נאָך דעם טויט פון מיין פאָטער, האָב איך אָנגעהויבען צו טראכטען פון דיא מיליאָנען, וועלכע קיאמיל פאשא האָט איבערגעלאָזען מיין פאָטער. איך בין געפאָהרען נאָך אלעקסאנדריע, עגיפּטען און האָב אָנגעהויבען נאָכצופרעגען, אויב עס האָט אמאָל געלעבט אין עגיפּטען א מאן, וועלכער האָט געהייסען קיאמיל פאשא, אויב דיעזער קיאמיל פאשא איז געווען רייך, אויב ער האָט געהאט קינדער, ווען ער איז געשטאָרבען און וואו זיין פערמעגען איז אהינגעקומען. מען האָט מיר געענטפערט, אז קיאמיל פאשא איז געווען איינער פון דיא רייכסטע מענער אין עגיפּטען, ער איז געשטאָרבען אָהן קינדער, אָדער וועניגסטענס אָהן יורשים. וואו זיין פערמעגען איז אהינגעקומען, וויים קיינער ניט. מחמד אלי פאשא, דער כעדיוו פון עגיפּטען, האָט געוואָלט צונעהמען זיין פערמעגען און האָט עס געזוכט איבעראל, אָבער ער האָט עס ניט געקענט געפינען.

איך וויים אלזאָ, אז איך בין א רייכער מאן, אז קיאמיל פאשא האָט איבערגעלאָזען זיין פערמעגען צו מיין פאָטער, אלזאָ צו מיר, אָבער וואו געפינט

זיך דיזעם פערמעגען? וואו ליעגט דיעזער אוצר, וועלכען קיאמיל פאשא האט פערגראבען אין דער ברייט פון דער וועלט 24 גראד 59 מינוטען צו נארד פון'ם עקוואטאר? וואו איז עס אבער? וויא איז דיא לענג?

זשאק דאראן האט גערעדט נאך א לאנגע צייט און האט ערקלערט, וואס ער האט געטהאן, וואס ער האט איבערגעטראכט און וואס ער האט איבערגעלי־טען, זייט ער איז געוואהר געווארען, אז ער איז א מיליאנער, אז ער איז פי־ליכט רייכער פון דיא ראטהשילדס, ווען ער זאל נור קענען וויסען, וואו עס געפינט זיך דער אוצר, וועלכען קיאמיל פאשא האט בעהאלטען פון זיינעט־וועגען.

ער האט זיך אבגעזאגט פון זיין שטעלע אלס שיפסקאפיטאן פון א גרו־סער שיף, וועלכע האט געהערט צו דער אפריקא טראנספארט קאמפאניע, און ער טראכט, קלערט, ברעכט זיך דעם קאפ און זוכט אויסצוגעפינען, וואו עס ליעגען ערגעץ זיינע מיליאנען. עס איז אלזא גאר קיין וואונדער ניט, וואס ער איז געווארען אזוי אויפגערעגט, וואס ער ברעכט און ווארפט אלעס אין זיין צימער, ווען ער הויבט אן צו טראכטען און צו בעטראכטען דיא לאנד און מעער־קארטען, אום אויסצוגעפינען וואו עס קענען ערגעץ זיין בעהאלטען דיעזע מיליאנען.

גילדאס טרעגאמעין האט געוואוסט פון דיעזער געשיכטע, ניט גאנץ גענוי, וויא זיין פריינד זשאק דאראן האט עס איהם היינט דערצעהלט, אבער ער האט עס געוואוסט. זשאק'ס פאטער, טהאמאס דאראן האט איהם געגעבען א וואונק, אז ער וועט אמאל ווערען זעהר רייך, אבער אלס רוהיגער, איבער־לעגטער מענש האט גילדאס טרעגאמעין וועניג געגלויבט אין אזעלכע וואונדער.

ער אליין האט זיין גאנצעס לעבען לאנג געארבייט שווער און ביטער און האט זיך אויפגעלעגט פראנק צו פראנק, ביז ער האט אבגעשפארט, אבגעקארגט, זיך אבגעריסען פון מויל אזוי פיעל, אז ער זאל קענען פערברענגען זיינע עלטע־רע יאהרען אין זיין היים צווישען זיינע גוטע פריינד און פערוואנדטע, שטיל און רוהיג, ארים, אבער זיכער, אז ער וועט ניט דארפען ליידען מאנגעל און נויט.

— דוא הערסט מיך ניט? האט זשאק דאראן אויסגערופען אויסער זיך.

— איך הער דיך גאנץ גוט, מיין פריינד, איז געוועזן דיא אנטווארט.

— ווייסט דוא, וואס עס הייסט דער עקוואטאר?

— יא, עפעס וויים איך.

זשאק דאראן האט גענומען א גלאבוס (א פארשטעלונג פון דעם ערד־קוגעל) און האט איהם אנידערגעשטעלט אויף דעם טיש מיט פאלגענדע ווער־טער:

— ווייסט דוא וואס דאס איז?

— א גלאָבוס, א בילד פון דער ערד, אויף וועלכער מיר לעבען, האָט גילדאס טרעגאָמעין געענטפערט.

— זעהסט דוא ליניען, פאסען אויף דיעזען גלאָבוס?

— יא.

— וויא געהן דיעזע ליניען?

— אייניגע ליניען געהן פון נאָרד נאָך זיד, פון צפון נאָך דרום, מיט אנ־דערע ווערטער, זיי שניידען איבער דעם גאנצען גלאָבוס, דעם גאנצען קוגעל, אויף צוויי גלייכע העלפט.

— דאָס איז גאנץ ריכטיג. וויסט דוא אָבער, אז אויף יעדער פון דיעזע ליניען מוז אויסקומען איין מאָל אין טאָג פונקט מיטאָג, דאָס הייסט, דיא זון שטעהט פונקט אויף דיעזער ליניע און דאָרט איז פונקט האַלבער טאָג, און ווען א מענש אָדער א בוים זאָל שטעהען אויף א פרייען פעלד וואָלט פון איהם ניט געפאלען קיין שאָטען ניט רעכטס, ניט לינקס, זאָנדערן אונטער איהם?

— יא, דאָס וויים איך.

— אום געגנוי איינצוטהיילען דיא ערד און צו וויסען געגנוי, וואו עס געפינט זיך א לאנד, א שטאָדט אָדער א אינזעל, האָט מען איינגעטהיילט דעם גאנצען גלאָבוס, דאָס הייסט, דיא גאנצע ערד אין 360 אזעלכע ליניען. יעדע ליניע הייסט א מערידיאן, דאָס הייסט א פונקט, ווען דיא זון געפינט זיך אויף איהם איין מאָל אין פיער און צוואנציג שטונדען.

— יא, דאָס האָב איך אמאָל געלערנט אין שולע.

— אזוי וויא אָבער דיא ערד איז קיילעכדיג און מען קען ניט זאָגען, וועל־כער איז דער ערשטער פונקט אָדער דער ערשטער מערידיאן, האָט יעדעס פאָלק זיך אויסגעקליבען א פונקט, א מערידיאן, און האָט איהם גערופען דער ערש־טער. מיר, פראנצויזען, האָבען זיך אויסגעקליבען דעם פונקט, ווען דיא זון שטעהט פונקט איבער פאריז און האָבען איהם א נאָמען געגעבען: דער ערשטער מערידיאן. פון יענעם פונקט און ווייטער געהט דיא זון אלץ נאָך וועסט, צו מערב זייט, ביז זיא קומט צו דעם 180טען מערידיאן, דאָס הייסט, פונקט דיא העלפט פון דער ערד. ווען אין פאריז איז פונקט 12 אוהר, דאָס הייסט, ווען דיא זון גע־פינט זיך פונקט איבער פאריז, דאן איז אויף דעם 180טען מערידיאן האלבע נאכט. ווען דיא זון קומט צו דעם 180טען מערידיאַן, איז דאָרט פונקט האלבער טאָג, 12 אוהר ביי טאָג און איז פאריז איז עס פונקט האלבע נאכט.

— דאָס וויים איך אויך.

— וויסט דוא אָבער, אז אום לייכטער צו מאכען פאר מענשען אויס־צוגעפינען א געגענד, האָט מען איינגעטהיילט דיא וועלט אויף צוויי גרויסע טהיילען: אָסט און וועסט, מזרח און מערב. יעדער טהייל איז איינגעטהיילט אין 180 גראד, דאָס הייסט, 180 מערידיאנען. דער האלבער טהייל, אין וועלכען

דיא זון געהט פון פּאריז נאָך וועסט, צו מערב, הייסט דיא וועסטליכע לענג, דאָס איז דיא לענג צו מערב־צו. דער טהייל אָבער, פון וואנען דיא זון קומט אָן, הייסט דיא אָסטליכע לענג, דער מזרח.

— עפּעס געדענק איך, אָבער איך פערשטעה עס ניט גאנץ גוט, האָט גיל־דאס טרעגאָמעין געזאָגט.

— נו, בעטראכט דעם גלאָבוס, וועסט דוא באלד פערשטעהן, האָט זשאק דאָראן געענטפערט. דוא פאָהרסט פון פּאריז נאָך אמעריקא. וואו גע־פינט זיך אמעריקא?

— אין אָסט, מזרח פון פּאריז.

— וויא פיעל מערידיאנען אָדער וויא פיעל גראד אין אָסטליכער לענג גע־פינט זיך אמעריקא פון פּאריז?

גילדאס טרעגאָמעין האָט געצעהלט און האָט געענטפערט:

— עפּעס מעהר פון 41.

— אלזאָ ניו יאָרק געפינט זיך געגען פּאריז 41 גראד ווייט אין אָסטליכער לענג. דערמיט אָבער קענען מיר נאָך אלץ ניט וויסען גענוי, וואו א לאנד געפינט זיך. דארום האָט מען געמאכט נאָך אן אנדער אייגנטהיילונג.

דיא ערד איז א קוגעל, א קיילעכדיגע זאַך. אין דער מיט איז זיא העכער. פון דיא זייטען ווערט זיא אלץ קלענער און קלענער. דעם העכסטען פּונקט פון דער וועלט האָט מען א נאָמען געגעבען עקוואטאָר, דער גלייכער, ווייל ער צו־טהיילט דיא ערד אויף צוויי גלייכע טהיילען: איין טהייל נאָך נאָרד (צפון) און דעם אנדערען טהייל נאָך זיד (דרום).

— דאָס וויס איך אויך.

— אום אָבער נאָך גענויער צו בעשטימען, וואו עס געפינט זיך א לאנד, א אינזעל אָדער א שטאָדט, האָט מען איינגעטהיילט דיא ערד אין 180 פּאראַ־לעלען, גלייכע ליניען, 90 ליניען געהען פון דעם עקוואטאָר צו דעם נאָרד פּאָל און זיי הייסען דיא גראדען פון נאָרדליכער ברייט, און 90 ליניען אָדער פּאראַ־לעלען געהען פון דעם עקוואטאָר נאָך זיד (דרום זייט) און זיי הייסען דיא זידליכע ברייט.

— וויא גרויס איז אָבער א גראד?

— אום צו בעשטימען גענוי, וואו עס געפינט זיך א געגענד, האָט מען איינגעטהיילט יעדען גראד אין 60 טהיילען. דיעזע 60 טהיילען הייסען מינוטען, יעדע מינוט אָדער יעדע פון דיעזע 60 טהיילען ווערט ווידער צוטהיילט אויף 60 טהיילען אָדער 60 סעקונדען. יעדע סעקונדע ווערט ווידער איינגעטהיילט אויף 60 טהיילען, וועלכע הייסען 60 טערצען. פערשטעהסט דוא?

— גאנץ גענוי פערשטעה איך עס ניט, אָבער איך הויב אָן צו פערשטעהן, וויא אזוי א שיפסקאפּיטאַן קען אויסגעפינען זיין וועג.

— דוא פערשטעהסט גאָר ניט! האָט זשאק דאַראן געשריען, דוא פערשטעהסט ניט און וועסט ניט פערשטעהן.

— נו, וואָס קען איך מיר העלפען? האָט גילדאס טרעגאָמעין געזאָגט גאַנץ רוהיג.

— אָבער ווייסט דוא וויניגסטענס, אז אין יעדער שטונדע געהט דיא זון איבער פופצעהן גראד פון דיא 360 לענג גראַדען אָדער מערידיאַנען? פערשטעהסט דוא, אז אין יעדער מינוט מאכט דיא זון א וועג פון פופצעהן טהיילען פון א גראד אָדער 15 מינוט פון א גראד?

גילדאס טרעגאָמעין האָט מעהר ניט געענטפערט.

זשאק דאַראן האָט איהם אָנגעוויזען אויף א פאראלעל ליניע אויף דעם גלאָבוס און האָט ווייטער געזאָגט:

— נו, בעטראַכט דיעזע ליניע, דאָס איז דיא פאראלעל ליניע, וועלכע איז ווייט פון דעם עקוואטאָר 24 גראד 59 מינוט. זיא רינגעלט ארום דעם גאנצען ערד קוגעל, און שניידט איבער אלע דריי הונדערט און זעכציג גראַדען פון דער לענג, אָבער נור אין איין פונקט געפינען זיך דיא מיליאָנען פון קיאמיל פאשא. דוא לאכסט?

— איך לאך גאָר ניט.

— איך זאָג דיר נאָך אמאָל, אז דאָ ליגען מיינע מיליאָנען. וויא אזוי געפינט מען זיי אָבער? איך וויים גאַנץ גענוי דיא ברייט, דעם פאראלעל, וואו זיי געפינען זיך, וויא אזוי געפינט מען אָבער דיא לענג?

— געדולד! מען מוז האָבען געדולד, האָט גילדאס טרעגאָמעין געענטפערט.

— געדולד? דוא קענסט האָבען געדולד, ווייל דוא ביסט אן עקס־שיפס־קאַפּיטאַן פון א בארקע, וועלכע מען פלעגט שלעפּען מיט אָקסען ארויף וואַסער, דארום האָסט דוא זיך אויסגעלערענט צו האָבען געדולד, איך קען אָבער ניט האָבען קיין געדולד. עס קאָכט אין מיר וויא אין א קעסעל. איך מוז אויסגעפינען דיא לענג, דעם מערידיאן.

— אין דיין דאָקומענט, אָדער בריעף, שטעהט, דאכט זיך, גאַנץ דייטליך, אז מען וועט קומען דיר מעלדען דיא לענג, האָט טרעגאָמעין בעמערקט.

— יא, יא! אזוי שטעהט אין בריעף, דוא פערגעסט אָבער, אז היינט צעהלען מיר 1862, מיין פאָטער איז געשטאָרבען אין 1854, דיעזען בריעף האָט ער ערהאַלטען אין 1842, צוואַנציג יאָהר אלזאָ זיינען שוין פערגאַנגען, זייט מיין פאָטער און איך ווארטען אויף א צווייטען בריעף אָדער אויף א מענשען, וועלכער זאָל קומען און אונז מעלדען, וואו דיעזער אינזעל געפינט זיך. צוואַנציג יאָהר זייט מיר זוכען צו טרעפען דיעזע זאָנדערבארע רעטעניש.

— צוואַנציג יאָהר! האָט גילדאס טרעגאָמעין געזאָגט וויא צו זיך אליין,

אך, וויא שנעל דיא צייט לויפט אוועק! מיט צוואנציג יאהר צוריק בין איך נאך געווען קאפיטאן אויף דער "שעהנער אמאליע" און איך מוז זאגען, אז זיא איז געווען א גוטע בארקע. אראב וואסער פלעגט זיא געהן גאנץ שנעל, בעזאנדערס ווען עס איז געווען גענוג וואסער אין טייך ראנס.

זשאק דאראן איז אויפגעשפרונגען וויא אן אבגעבריהטער און האט אנגעהויבען צו שרייען:

— ווער רעדט דען פון דער "שעהנער אמאליע"? וועמען קימערט דיין בארקע? דער בריעף! ערקלעהר מיר דעם בריעף פון קיאמיל פאשא! ערקלעהר מיר דאס רעטעניש, אדער איך וועל בייז ווערען און וועל אין גאנצען צורייסען דעם בריעף.

— מיר דאכט, אז דאס וואלט געווען דאס בעסטע, האט גילדאס טרעגנאמעין געזאגט שטילערהייד.

זשאק דאראן האט אנגעכאפט זיין פריינד ביים האלז, גלייך וויא ער וואלט געוואלט איהם דערווערגען, און האט אויסגערופען:

— הערסט דוא, גילדאס! ווען דוא וועסט מיר זאגען נאך אמאל, אז איך זאל צורייסען מיין בריעף, וועל איך דיך דערווערגען! דוא ביסט מיין פריינד און דארום דארפסט דוא ניט דערלאזען, איך זאל פערניכטען אזא וויכטיגען דאקומענט, וועלכער קען מיר איינברייגגען מיליאנען.

— איך וועל עס אויך טהאן, ווען דוא וועסט זיך בערוהיגען און וועסט רעדען, וויא א מענש, האט גילדאס טרעגנאמעין געענטפערט. צו וואס קאכסט דוא זיך? פאר וואס ווערסט דוא אזוי אויפגערעגט? וואס קען דיר העלפען דיין קאכען זיך?

זשאק דאראן האט זיך ווירקליך אביסעל בערוהיגט. ער האט אנגעגאסען צוויי גלעזער קאניאק, האט גענומען איין גלאז צום מויל און האט אויסגערופען:

— פאר דיין געזונדהייט, קאפיטאן!

— פאר דיין געזונדהייט! האט גילדאס געענטפערט.

נאכדעם האט זשאק דאראן זיך געווענדעט צו זיין פריינד און האט געזאגט גאנץ רוהיג:

— בעטראכט דעם גלאבוס.

גילדאס האט בעטראכט דעם גלאבוס.

— ווייסט דוא, דורך וועלכע לענדער דיא פאראלעל ליניע 24 גראד 59 מינוט געהט?

— פון וואנען זאל איך עס ווייסען?

— דאן מוז איך עס דיר ווייזען. זעה! אט איז סען מאלא, דיא שטאדט וואו מיר געפינען זיך יעצט.

— און אָט איז דער טייך ראַנס, אויף וועלכען איך פּלעג ארומפּאָהרען מיט מיין "שעהנער אמאַליע".

— איך בעט דיך, לאָז מיך צורוה מיט דיין "שעהנער אמאַליע", האָט זשאַק דאַראַן אויסגערופען.

— נו, גוט! איך וועל שוין מעהר ניט דערמאָהנען ניט דעם טייך ראַנס, ניט דיא "שעהנע אמאַליע", וועלכע איז דאָך געווען א גאַנץ גוטע באַרקע.

— נו, זעה. דאָרט איז פּאַריז, וואו עס געפינט זיך דער ערשטער מערידיאַן, דער ערשטער גראַד פון דער לענג פון דער וועלט. פון דיעזען מערידיאַן געה אראָב צו דיא פּאַראַלעלען אָדער דיא גראַדען פון דער ברייט, ביז דוא וועסט קומען צו דעם 24טען גראַד. זעהסט דוא? אָט איז ער!

— איך זעה איהם גאַנץ גוט.

— ער געהט איבער פראַנקרייך, שפּאַניען, פון דאָרט געהט ער אריבער נאָך אפריקא, איבער אלזשיר, דאַן ווייטער העכער פון דער שטאָדט טימבוקטו. זעהסט דוא?

— געוויס זעה איך.

— מיר געהען ווייטער. מיר מוזען אריבערפאָהרען דאָס רויטע מעער, דורכפאָהרען אראַביען, דאַן מוזען מיר מאַכען א בעזוך דעם סולטאַן פון מוסקאַט און פון דאָרט אריבערשפּרינגען נאָך אינדיען, לאָזען באָמביי און קאַלקוטא אין אונזער רעכטער האַנד און אריבערשפּרינגען נאָך כינא, דורכוואַנדערען דעם גרויסען אינזעל פאָרמאָזא און פאָהרען אויף דעם שטילען וועלט־מעער, מאַכען א בעזוך אויף דיא אינזלען פון האוואי... זעהסט דוא? קוקסט דוא זיך גוט צו, וויא דער 24טער פּאַראַלעל געהט?

— געוויס זעה איך און קוק מיך צו...

— נו, פון האוואי מוזען מיר פאָהרען נאָך אמעריקא, דורכפאָהרען מעקסיקאָ, דורכשפּאַציערען פלאָרידא, פאַרבייפאָהרען דעם גרויסען אינזעל קובא און אלע קליינע אינזלען ארום, דאַן מוזען מיר פאָהרען אויף דעם אטלאַנטישען וועלט־מעער, פאַרבייפאָהרען דיא קאַנאַריען אינזלען, וויעדער קומען ניט ווייט פון אפריקא, צופאָהרען צו פראַנקרייך, צוקומען צו פּאַריז און נעהמען דעם ערשטען בעסטען צוג נאָך סען מאַלאָ. אויף דיעזער ארט מוזען מיר ארומפאָהרען דעם גאַנצען ערד־קוגעל און אלץ אויף דיעזען פערדאַמטען 24טען פּאַראַלעל.

— יא, האָט גילדאַס טרעגאָמיין געזאָגט פערטראַכט. יא, עס איז א ווייטע רייזע.

— דאָס אַרט מיך ניט! פאַר אזוי פיעל מיליאָנען מעג מען שוין מאַכען א רייזע אין עק וועלט. דיא פראַגע איז אָבער פאָלגענדע: אויף דעם 24טען פּאַראַלעל געפינען זיך טויזענדער, צעהן טויזענדער אינזלען, גרויסע און קליינע.

אלזא אויף וועלכען פון דיעזע אינזלען האט קיאמיל פאשא פערגראבען זיינע מיליאנען? ווען איך זאל קענען וויסען דיא לענג, דעם מערידיאן, וואלט איך עס שוין לייכט אויסגעפונען, אבער יעצט...

— ליידער, וויסען מיר דאך דאס ניט, האט דער עקס־קאפיטאן פון דער "שעהנער אמאליע" געזאגט טרויעריג.

— אבער דאס מוז איך געפינען!

— וויא אזוי אבער? האט דער גוטער גילדאס געוואלט פרעגען.

אין דיעזער מינוט אבער האט מען אנגעקלאפט אין דער טהיר.

— פיליכט קומט יעצט דער שליח פון קיאמיל פאשא, וועלכער וועט אונז זאגען דעם מערידיאן, האט גילדאס געזאגט שטילערהייט.

— איך ערווארט איהם יעדע מינוט, זייט מיין פאטער איז געשטארבען.

הויכע פרויען שטימען האבען זיך געלאזט הערען אין פארצימער.

— ער איז עס! ער איז געקומען! האט געשריען פול פרייד דיא לוסטיגע זשוליעט.

— ער איז געקומען פינקטליך, האט אויסגערופען דיא ערנסטע נאנאן.

דיא טהיר האט זיך געעפענט און א שעהנער יונגער מאן איז אריינגעקומען און האט געזאגט גאנץ העפליך:

— גוטען אבענד, אנקעל! גוטען אבענד, הערר טרעגאמעין!

— נו, זעהסט דוא, ליעבער אנקעל, פראנסוא איז געקומען פונקט צו דער מינוט, ער האט אויסגעהאלטען זיין עקזאמען מיט אן אויסצייכנונג און האט ניט פערשפעטיגט דעם צוג, האט זשוליעט אויסגערופען פול פרייד.

— יא, ליעבער אנקעל, איך האב אויסגעהאלטען.

— וואס האסט דוא אויסגעהאלטען?

— איך האב אויסגעהאלטען מיין עקזאמען אויף א שיפסקאפיטאן פון לאנגע רייזען, האט פראנסוא געענטפערט.

גילדאס טרעגאמעין האט ארומגענומען דעם יונגען מאן און האט אנגעהויבען איהם צו קושען.

— איך האב געוואוסט, אז פראנסוא וועט אויסהאלטען זיין עקזאמען, האט זשוליעט אויסגערופען. פראנסוא האט גוט געלערענט.

זשאק דאראן איז געזעסען, וויא א פערשטיינערטער. ער האט געקוקט אויף דעם גלאבוס און האט אלץ געזוכט זיין מערידיאן.

ווען אלע האבען זיך אביסעל בערוהיגט, האט נאנאן געזאגט צו איהר ברודער:

— נו, ליעבער זשאק, יעצט דארפען מיר אברייידען, ווען עס זאל זיין דיא האכצייט.

— דיא האכצייט? וואס פאר א האכצייט?

— מיר האָבען דאָך אָבגערעדט, אז ווען פראַנסוא וועט אויסהאַלטען זיין עקזאַמען, זאָל ער הייראַטהען זשוליעט, האָט נאַנאָן ערקלערט.

— געוויס, אָנקעל! אזוי האָבען מיר דאָך אָבגערעדט, האָט פראַנסוא בעשטעטיגט. איך בין יעצט שיפסקאַפּיטאַן און קען קריגען א שטעלע אויף דעם גרעסטען דאַמפּפער.

זשאַק דאָראַן האָט ניט געענטפערט.

— אָבער, זשאַק, זיי האָבען דאָך רעכט. האָט זיך גילדאַס טרעגאַמעין אריינגעמישט. דיא יונגע לייט האָבען דאָך רעכט. איהר האָט אזוי אָבגערעדט און דוא דאַרפסט האַלטען דיין וואָרט.

— ווען זאָל אַלזאָ זיין דיא האָכצייט? האָט ענדליך געפרעגט זשאַק דאָראַן.

— אין אכט וואָכען ארום, האָט געענטפערט נאַנאָן.

— אין אכט וואָכען? פאַר וואָס ניט אין אכט טעג ארום? פאַר וואָס ניט אין אכט שטונדען ארום? האָט זשאַק דאָראַן געשריען.

פראַנסוא האָט געוואָלט ענטפערען, אז ער איז פאָלקאָמען איינפערשטאַנען צו הייראַטהען זאָגאַר אין אכט מינוטען שפּעטער, אָבער ער האָט עס ניט געזאָגט, ווייל נאַנאָן האָט געענטפערט פאַר איהם:

— איך האָב אָבגעלייגט דיא האָכצייט אויף אכט וואָכען, ווייל מיר מוזען מאַכען געוויסע פאָרבערייטונגען. זשוליעט דאַרף נאָך האָבען איינינע קליידער.

— איך מוז זיך אויך מאַכען א שפּאָגעל נייעם ראָק אויף דער האָכצייט, האָט גילדאַס טרעגאַמעין זיך אריינגעמישט.

זשאַק דאָראַן האָט געטראַכט איינינע מינוט, דאַן האָט ער געזאָגט:

— איך וויליג איין, אז דיא האָכצייט זאָל זיין, ווען איהר ווילט, אָבער אונטער איין בעדינגונג.

— אַך, איך וויל ניט וויסען פון בעדינגונגען! האָט פראַנסוא געזאָגט ערנסט.

— ניין! איך בעשטעה דאַרויף, האָט זשאַק דאָראַן געזאָגט שטרענג. איך פאָדער מיין בעדינגונג.

— וואָס פאַר א בעדינגונג? האָט גילדאַס טרעגאַמעין געפרעגט.

— מיין בעדינגונג בעשטעהט דאַרין: ווען איך וועל ביז יענער צייט ניט אויסגעפינען מיין מערידיאַן, זאָלען זיי הייראַטהען; וועל איך אָבער ביז יענער צייט אויסגעפינען מיין מערידיאַן, דאַן וועלען זיי ניט הייראַטהען.

אַלע האָבען אויפגעאָטהעמט פרייער. אַלע האָבען געוואוסט דיא געשיכטע פון קיאַמיל פּאַשאַ מיט זיינע בעהאַלטענע מיליאָנען, אָבער אַלע האָבען אויך געוואוסט, אז דיעזע מיליאָנען קען מען ניט געפינען, און דארום האָבען אַלע אויסגערופען פרעהליך:

— יא, יא! מיר נעהמען אן דיעזע בעדינגונג!

יעדער האט געוואוסט ביי זיך, אז דיעזע בעדינגונג איז לייכט אויסצופיהרען, ווייל קיאמיל פאשא איז שוין געשטארבען און זיינע מיליאנען ליעגען ערגעץ בעגראבען אויף דעם 24טען פאראלעל. גוטע זוך זיי!

6טעם קאפיטעל.

דער שליח פון קיאמיל פאשא

א וואך איז פערגאנגען זייט יענעם אבענד. נאנאן און זשוליעט זיינען זעהר בעשעפטיגט. זיי דארפען זיך פארבערייטען אויף דער האכצייט. זיי האבען זאגאר אבגערעדט, אז זיי זאלען פאהרען נאך נאנט איינקויפען אלע נויטהיגע זאכען פאר זשוליעט'ס קליידער; פראנסוא זאל פאהרען מיט זיי, ווייל ער איז בעסער בעקאנט מיט אלע מאגאזינען אין נאנט.

זשאק דראן אבער איז אין דיעזער צייט געווארען נאך אונרוהיגער, נאך אויפגערעגטער. ער האט מיט קיינעם ניט געוואלט ריידען, פלעגט זיך איינשליסען אין זיין צימער, וואו ער פלעגט שטודירען אלערליי לאנד און מעער־קארטען אום אויסצוגעפינען זיין לענגען־גראד אדער מערידיאן.

ער איז געווען א שטיק אריסטאקראט און האט זיך פעסט איינגערעדט, אז ווען ער זאל קריגען קיאמיל פאשא'ס מיליאנען, וואלט ער פערהייראטה זיין זשוליעט, זיין איינציגע פערוואנדטע, וועלכע ער האט ווירקליך געליעבט, מיט א פרינץ.

— עס איז היינט אריין אין דער מאדע, אז פאר געלד הייראטה מען א פירסט אדער א פרינץ, פלעגט ער אפט זאגען צו זיך אליין, פאר וואס זאל מיין שעהנע און גוטע זשוליעט ניט הייראטהען א דייטשען אדער אן ענגלישען פרינץ? זיא מעג זיין א פרינצעסין. זיא איז ווערטה צו טראגען א קרוין אויף'ן קאפ. פראנסוא איז טאקע א גוטער יונג, וואס איז ער אבער? א שיפס־קאפיטאן! א גרויסע זאך א שיפסקאפיטאן! וואס איז דען א שיפסקאפיטאן? א בעל עגלה! אמאל פלעגען פוהרלייט פיהרען פאסאזשירען אויף זייערע גרויסע וואגענס, היינט טהון עס דיא אייזענבאהנען און דיא שיפען. א שיפס־קאפיטאן איז נור אן אבער־קאנדוקטאר פון אן אייזענבאהן־צוג, ניט מעהר.

ווען ער פלעגט מיעד ווערען זוכענדיג אין דיא ביכער און אין דיא מעער־קארטען, פלעגט ער ארויסגעהן שפאצירען לעבען פארט, אויף דיא דאקס, אין דער האפנונג, פיליכט וועט ער בריינגען דעם געשיקטען פון קיאמיל פאשא, וועלכער וועט איהם ענדליך זאגען דעם מערידיאן, וואו דיא מיליאנען ליעגען פערגראבען.

דעם 19טען מערץ איז זשאק דאַראן אויפגעשטאנען גאנץ פריה, האָט אָבגעגעסען זיין פריהשטיק און איז ארויסגעגאנגען אויף דיא דאקס פון סען מאלאָ. ער איז ארומגעגאנגען א לאנגע צייט און האָט זיך צוגעקוקט צו אלע שי־פען, וועלכע זיינען געשטאנען אין פּאָרט. ער האָט געפונען ענגלישע, דייטשע, שוועדישע און בעלגישע שיפען, אָבער קיינע טירקישע.

אזוי וויא ער האָט קיין נייעס ניט געפונען אויף דיא דאקס, איז ער געגאנגען צו דער אייזענבאהן סטאציאָן, וואו עס האָט געדארפט אָנקומען דער שנעל־צוג פון פאריז.

ווען ער וואָלט ניט געווען אזוי פערטראכט, וואָלט ער געוויס געווען בע־מערקט, אז זייט א שטונדע געהט איהם נאָך א מאן מיט א רויטען פעס אויף׳ן קאָפּ, מיט א ברייטען מאנטעל און ברייטע הויזען און אין א פּאָאר גרויסע טירקישע שיך.

דיעזער מאן איז נאָכגעגאנגען קאפּיטאן זשאק דאַראן, וויא זיין שאָטען, אָבער ער האָט ניט געוואָלט אָדער האָט מורא געהאט צוצוגעהן צו איהם.

ענדליך, ווען דער שנעלצוג איז אָנגעקומען און זשאק דאַראן האָט ניט געטראָפען וועמען ער האָט געזוכט, האָט ער זיך האסטיג אויסגעדרעהט און האָט זיך אָנגעשטויסען אָן דעם מאן מיט דעם רויטען פעס.

— צום טייפעל מיט דיר! האָט זשאק דאַראן געשריען. ביסט דוא א בלינדער? זעהסט דוא ניט, אז מענשען געהען?

דער פרעמדער האָט זיך טיעף פערנייגט און האָט געבעטען אום ענטשול־דיגונג. ערשט יעצט האָט זשאק דאַראן דערזעהען, אז פאר איהם שטעהט א טערק, אן עגיפּטער, א גרעק אָדער א סיריער, און איהם איז באלד איינגעפאַ־לען דער געדאנק:

— פּילייכט?... פּיעלייכט איז דאָס דער שליח פון קיאמיל פּאשא?

ער איז געוואָרען העפליכער און האָט געזאָגט:

— איך זעה, אז איהר זייט א פרעמדער.

— יא, איך בין א פרעמדער אין דיעזער שטאָדט, און איך וויל האָבען דיא עהרע צו זעהען דעם שיפסקאפּיטאן זשאק דאַראן.

— איך בין זשאק דאַראן.

— דאָס פרעהט מיך זעהר, האָט דער פרעמדער געזאָגט און האָט זיך פערנייגט.

— און וויא הייסט איהר?

— איך הייס בן אָמאר.

— אָבער פון וואנען זייט איהר?

— איך בין פון עגיפּטען.

— פון עגיפּטען? עגיפּטען איז גרויס!

— איך בין אן אדוואקאט אין אלעקסאנדריע, דיא גרעסטע פארט־שטאדט פון עגיפטען, האט דער פרעמדער געענטפערט.

זשאק דאראן האט קיין מאל ניט געזעהען אן אדוואקאט מיט א רויטען פעס אויף'ן קאפ. ער איז געוואהנט געווען מיט פראנצויזישע אדוואקאטען מיט שווארצע רעק און מיט א הויכען שווארצען צילינדער הוט.

— קענט איהר מיר זאגען, צו וואס איהר ווילט מיך זעהען? האט זשאק דאראן געפרעגט.

— איך וואלט מיך געשעצט זעהר גליקליך ווען איך זאל קענען ריידען מיט אייך אייניגע מינוטען.

— ווילט איהר פיליכט געהן מיט מיר אהיים, הערר בן אמאר?

דער עגיפטיאנער אדוואקאט האט געטראכט אייניגע אויגענבליקע, דאן האט ער געענטפערט:

— עס וואלט מיר פיליכט ליעבער געווען, ווען מיר זאלען קענען רעדען אין א פלאץ, וואו קיינער זאל ניט קענען זיך אונטערהערען.

— אלזא האט איהר מיר איבערצוגעבען א סעקרעט?

— עס איז יא א סעקרעט און ניט א סעקרעט, האט דער עגיפטיאנער אד־וואקאט געענטפערט. אייגענטליך וויל איך מיט אייך מאכען א געשעפט.

זשאק דאראן איז שיער ניט אויפגעשפרונגען. עס איז דייטליך, אז דיע־זער מאן ווייס פון דעם מערידיאן און ער וויל עס איהם פערקויפען. דער עגיפ־טיאנער וויל געלד. זאל ער איהם אבער געבען געלד? וויא אזוי קען ער וויסען, אז ער וועט איהם ניט אבנארען?

— איך מוז זיין זעהר פארזיכטיג מיט דיעזען אדוואקאט פון פרעה'ס לאנד, האט זשאק דאראן געזאגט צו זיך אליין.

ער האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האט געזאגט צו דעם עגיפ־טיאנער:

— ווען איהר ווילט מיט מיר ריידען וועגען א וויכטיגער אנגעלעגענהייט, דאן קענען מיר צוגעהן דארט הינטער יענעם הויז און קענען דארט רעדען, דארט וועט זיך געוויס קיינער ניט אונטערהערען, וואס מיר רעדען.

דער עגיפטיאנער האט זיך צוגעקוקט צו דעם ארט, וואו זשאק דאראן האט איהם אנגעוויזען, און האט געפונען, אז עס איז ווירקליך א גאנץ פרייער פלאץ, וואו מענשען קענען גאנץ רוהיג און גאנץ זיכער אברעדען און אבמאכען דיא גרעסטע און בעסטע געשעפטען.

— נו, גוט! לאמיר צוגעהן, האט ער ענדליך געזאגט.

עס איז געווען ניט וועיט צו געהן, אין גאנצען הונדערט שריט. דער פלאץ איז געווען פערלעגט מיט קלעצער און מיט שטיינער, ווייל מען האט דארט געוואלט בויען א נייעם צאלל אמט.

ביידע מענער זיינען צוגעגאנגען צו דעם אָרט, האָבען זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען און אזוי וויא זיי האָבען קיינעם ניט געזעהען, האָבען זיי זיך אני־דערגעזעצט אויף א הויפען קלעצער.

— נו, וויא געפעלט אייך דיעזער פּלאַץ? האָט זשאַק דאָראַן געפרעגט.

— ער געפעלט מיר גאַנץ גוט, האָט בן אָמאר געענטפערט.

— דאַן זאָגט מיר, וואָס איהר פערלאַנגט, זאָגט עס קורץ, שארף און דייטליך.

— איך דיינק גאָר ניט צו ריידען מיט אייך אין רעטעגישען, איך וועל אייך ערקלעהרען קלאָר און דייטליך, וואָס איך וויל אייך זאָגען.

בן אָמאר האָט זיך אויסגעהוסט, גלייך וויא עס וואָלט איהם געקראַצט אין האַלז, דאַן האָט ער געפרעגט:

— איהר האָט געהאַט א פאָטער?

— געוויס! אין אונזער לאַנד איז עס א מאָדע, אַז יעדער מענש זאָל האָבען א פאָטער.

— און ער איז געשטאָרבען?

— יא, ליידער איז ער געשטאָרבען.

— אייער פאָטער האָט געמאכט פיעלע רייזען?

— געוויס! ער איז געוועזען א שיפסקאַפּיטאַן און איז ארומגעפאָהרען אויף אַלע מעערען.

— אזוי? האָט בן אָמאר געפרעגט פערוואונדערט. אזוי? אויף אַלע מעע־רען פלעגט ער ארומפאָהרען?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז ער איז געוועזען א שיפסקאַפּיטאַן! האָט זשאַק דאָראַן אויסגערופען בייז.

— איהר דאַרפט דאָך ניט בייז זיין, האָט דער עגיפּטיאַנער געזאָגט פריינד־ליך, איך פרעג עס, ווייל איך דאַרף עס וויסען.

— נו, ווייסט איהר עס!

— איז ער אמאָל געוועזען אין סיריען און פּאַלעסטינא?

— געוויס! ער פלעגט האַנדלען מיט סיריען.

— אויף איינע פון זיינע רייזען נאָך סיריען... דאָס איז געוועזען... נו, לאָמיר זאָגען, דאָס איז געוועזען... מיט זעכציג יאָהר צוריק...

— נו? ווייטער!

— איך ווייס ניט גענוי, אָבער עס איז געוועזען מיט זעכציג אָדער מיט פינף און זעכציג יאָהר צוריק...

— נו, רעדט שוין ארויס! האָט זשאַק דאָראַן געשריען.

— פערשטעהט איהר מיך, איך מוז מיך אליין דערמאָהנען... איך האָב שוין אויך פערגעסען, האָט בן אָמאר געענטפערט.

— קענט איהר זיך טאקע ניט דערמאָהנען?

— נו, ווייסט איהר ניט... קענט איהר זיך ניט ערָאינערען, אויב אייער פאָטער האָט א מאָל געטהאָן א טובה, אן אויסעראָרדענטליכע געפעלינקייט פאר איינעם אין סיריען...

— איך ווייס ניט. איך געדענק ניט, האָט זשאק דאָראן געענטפערט בייז.

איהם איז שטארק ניט געפעלען, וואָס דער עגיפּטיאנער וויל עפּעס אויס־פאָרשען, עפּעס ארויסציהען פון איהם.

דער אדוואָקאט פון מצרים האָט עס פערשטאנען און ער האָט זיך אויסגע־דריקט דייטליכער.

— ווייסט איהר ניט, אויב אייער פאָטער האָט אמאָל ערהאַלטען א בריעף פון א געוויסען מאן מיט'ן נאָמען קיאמיל פאשא?

— ווער איז געווען דער קיאמיל פאשא?

— הערר זשאק דאָראן, עס האנדעלט זיך ניט, ווער קיאמיל פאשא איז געווען און וואָס ער איז געווען, האָט בן אמאר געענטפערט, איך פרעג אייך נור, אויב אייער פאָטער האָט אמאָל ערהאלטען א בריעף פון איהם?

— איך ווייס ניט. איך געדענק ניט.

— האָט איהר גאָר ניט איבערגעקוקט זיינע פאפּיערען נאָך זיין טויט? האָט בן אמאר געפרעגט. עס איז אונמעגליך, אז אייער פאָטער זאָל פערברענען אָדער צורייסען אזא בריעף, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען א זעהר וויכ־טיגע אנגעלעגענהייט, דאָס הייסט, דיא אנגעלעגענהייט אליין איז גאָר ניט, עס האָט גאָר קיין ווערטה, אָבער עס געפינט זיך אין יענעם בריעף א פונקט, וועלכער קען זיין זעהר וויכטיג.

— פאר אייך, הערר בן אמאר?

— אויך פאר אייך, הערר זשאק דאָראן.

— פאר מיר? וואָס פאר א ווערטה קען דיעזער בריעף האָבען פאר מיר?

— איך וועל איהם קויפען ביי אייך.

זשאק דאָראן האָט יעצט גוט פערשטאנען, וואָס דיעזער דורכגעטריבענער מצרים אדוואָקאט וויל פון איהם.

— טויגעניכטס! האָט זשאק דאָראן געקלערט. ער וויל עס מיך אָפּ־נארען! ער וויל עס ביי מיר אויסנארען דעם בריעף אום ער זאָל עס געהן אויס־גראָבען דיא מיליאָנען פון קיאמיל פאשא!... נו, דוא האָסט דאָ ניט געטראָ־פען, דוא אדוואָקאט פון פרעה'ס לאנד! דוא דורכגעטריבענער, אויסגעדאָרטער מצרים אדוואָקאט! יעצט ערשט מוז איך זיין פאָרזיכטיג און ארויסשלעפּען פון איהם אלעס, וואָס מיר איז נויטיג צו וויסען. איך וועל שוין שלעפּען א צונג ביי דיעזען מצרים אדוואָקאט.

אין דיעזער מינוט האָט זשאק דאָראן געזעהען, וויא א מאן מיט א רויטען

פעם אויף'ן קאָפּ איז פאַרבייגעגאַנגען גאָר ניט ווייט פון זיי. אז דאָס איז געווען א פּרעמדער און אויך א טערק, האָט מען לייכט געקענט דערקענען אָן זיינע קליידער, בעזאָנדערס אָבער אָן דעם רויטען פעס. דאָס איז געווען א יונגער מאַן פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג מיט שוואַרצע האָר, מיט א גלאַט ראַזירטען געזיכט, מיט א פּאָר פייערדיגע אויגען פון א הונגעריגען וואָלף.

אויב בן אַמאר האָט אויך געזעהן דעם פּרעמדען, איז געווען שווער צו זאָגען, ווייל גראַדע אין דיעזער מינוט האָט זיך בן אַמאר אזוי שטאַרק צוהוסט, אז עס איז קוים מעגליך געוועזן צו זעהן זיין געזיכט.

זשאַק דאָראַן האָט אָבער גאַנץ גוט בעמערקט, אז דער פּרעמדער האָט זיך גוט צוגעקוקט צו איהם און צו בן אַמאר'ען. ניט ווילענדיג האָט ער זיך אליין געפּרעגט:

— קענען זיך דיעזע מענשען? געהערען זיי ביידע צו איין באַנדע, וועלכע וויל פון מיר אויסנאַרען מיין געהיימנים? ... ווער ווייס? איך מוז זיין זעהר פאָרזיכטיג.

וויא פאָרזיכטיג זשאַק דאָראַן איז געווען, האָט ער דאָך ניט בעמערקט, וויא דער דורכגעטריבענער אדוואָקאַט פון פּרעה'ס לאַנד האָט געגעבען א צייכען, א וואונק מיט דיא אויגען צו דעם יונגען טערק, וועלכער איז יעצט פאַרבייגעגאַנגען און איז זיך אוועקגעגאַנגען זיין וועג.

ווען בן אַמאר האָט זיך ענדליך אויסגעהוסט, האָט זשאַק דאָראַן געזאָגט צו איהם:

— וויא איך זעה, זוכט איהר, הערר בן אַמאר, צו בעקומען דעם בריעף, וועלכען מיין פאָטער האָט בעקומען פון קיאמיל פּאשא. ווילט איהר מיר ניט ערקלעהרען, צו וועלכען צוועק דאַרפט איהר דיעזען בריעף? עס איז וואָהר, אז איך ווייס נאָך ניט, אויב איך האָב דיעזען בריעף. אָבער לאָמיר זיך פאַרשמועסען, אז איך וועל זוכען צווישען מיין פאָטער'ס פּאַפּיערען און וועל איהם געפינען, דאַן ווילט איהר איהם אָבקויפען; צו וואָס? צו וועלכען צוועק?

— מיין גוטער, ליעבער קאַפּיטאַן דאָראַן! האָט בן אַמאר אויסגערופען, איך בין אַן אדוואָקאַט און קיאמיל פּאשא איז געווען איינער פון מיינע קליענטען.

— ער איז געווען? אלזאָ יעצט איז ער ניט אייער קליענט?

— ער איז געשטאָרבען.

— נו, ווען ער איז געשטאָרבען, דאַרף ער דאָך אייך ניט מעהר ניט קימערען.

— איך בין אָבער אויך דער אדוואָקאַט פון זיינע יורשים, האָט בן אַמאר ערקלעהרט.

— אזוי? ער איז געשטאָרבען און האָט געלאָזען יורשים, האָט זשאַק דאָראַן געזאָגט גאַנץ שטילערהייט צו זיך אליין, דאָס מוז איך וויסען.

בן אָמאר האָט איהם ניט געלאָזען פיעל טראכטען.

— אלזאָ איהר האָט דעם בריעף? האָט ער געפרעגט.

— ניין, איך האָב איהם ניט.

— דאָס איז א שאַד! האָט בן אָמאר אויסגערופען. דאָס איז צו בע־דויערען.

— וואָס איז צו בעדויערען? האָט זשאק דאָראן געפרעגט.

— פערשטעהט איהר מיך, הערר זשאק דאָראן, האָט דער מצרים אדוואָ־קאט געזאָגט מיט א רחמנות פנים, פערשטעהט איהר מיך, דיא יורשים פון קיאמיל פאשא, וועלכע האָבען איהם זעהר ליעב געהאט, זוכען יעצט צו זאמ־לען אלע שריפטען, אלע פאפיערען און אלע בריעף, וועלכע זיי קענען בעקומען פון איהם. זיי ווילען האלטען דיעזע שריפטען און דיעזע בריעף אלס הייליגעם אנדענקען פון אזא גרויסען און בעריהמטען מאן.

— אזוי? האָט זשאק דאָראן אויסגערופען, דיעזע בריעף האָבען א ווערטה נור אלס אנדענקען! נור אלס עראינערונג! דאָס איז שוין גאנץ וואָס אנדערש! יעצט פערשטעה איך וויא פערוואנדטע ווייסען וויא אזוי צו שעצען דאָס אנדענקען פון א פערשטאָרבענעם.

— נו יא! האָט בן אָמאר אויסגערופען. עס האנדעלט זיך ניט מעהר וויא צו האָבען דיעזע בריעף אלס אנדענקען.

— וויא פיעל אלזאָ וואָלטען זיי געגעבען פאר יענעם בריעף? האָט זשאק דאָראן געפרעגט.

— וואָס מאכט עס אייך אויס, ווען איהר האָט גאָר ניט יענעם בריעף?

— איהר מעגט דאָך אָבער זאָגען, פיעלייכט וועל איך איהם דאָך געפינען.

— וואָס קען ווערטה זיין א בריעף, וועלכען מען וויל קויפען נור אום איהם צו האלטען אלס עראינערונג פון א טויטען?

— אָבער דאָך?

— נו, לאָמיר זאָגען, זיי וועלען געבען פאר איהם צוויי הונדערט פראנק.

— דאן איז עס ניט ווערטה דיא מיה איהם צו זוכען, האָט זשאק דאָ־ראן געזאָגט און האָט א מאך געטהאָן מיט דער האנד.

— פיעלייכט וואָלטען זיי זיך ענטשלאָסען צו געבען פינף הונדערט פראנק, האָט בן אָמאר געזאָגט לאנגזאם.

זשאק דאָראן האָט פערצויגען דיא אקסלען.

בן אָמאר האָט געטראכט איינינע אויגענבליקע, דאן האָט ער געזאָגט:

— איך ווייס עס ניט פאר געוויס, איך מוז שרייבען צו זיי, פיעלייכט וועלען זיי זיך זאָגאר ענטשליסען צו געבען פאר דיעזען בריעף א פאָר טויזענד פראנק. איך זאָג עס ניט פאר געוויס, איך דענק נור, אז עס קען זיין.

זשאק דאָראן האָט שוין מעהר ניט געקענט אויסהאלטען. ער איז אויפגע־

שפּרונגען, האָט אַנגעכאַפּט בן אַמאר׳ען ביים האלז, האָט איהם צוגעדריקט צו זיך און האָט געזאָגט אין זיין אויער:

— יא! איך האָב דעם בריעף!

— אזוי? איהר האָט איהם יא?

— איך האָב איהם יא! ער איז אונטערגעשריעבען מיט א דאָפּעל קיי.

— א דאָפּעל קיי? ריכטיג! אזוי פלעגט זיך אמאָל אונטערשרייבען מיין קליענט.

— ניט נור האָב איך דיעזען בריעף, זאָנדערן איך האָב איהם אויך געלע־זען ניט איין מאָל, נאָר הונדערט מאָל, טויזענד מאָל! איך וויים, וואָס עס שטעהט אין איהם און איך פערשטעה גאַנץ גוט, אז איהר דאַרפט איהם ניט נור אַלס עראינערונג, זאָנדערן...

— וואָס רעדט איהר? גוטער, ליעבער קאַפּיטאַן דאַראַן!

— וואָס איך רייד? איך וויל אייך זאָגען, אז איהר וועט איהם ניט אויס־נארען ביי מיר.

— ווער רעדט דען פון אויסנארען? האָט געפרעגט בן אַמאר מיט א זויערער מיענע, גלייך וויא ער וואָלט זיך געפיהלט שטארק בעליידיגט, וואָס מען קען גאָר דענקען, אז ער, אן אדוואָקאט פון פרעה׳ס לאַנד, וויל גאָר אויסנארען א דאָ־קומענט.

— רעדט ניט קיין דומהייטען! מאכט אייך ניט נאריש! האָט זשאק דאַ־ראַן געשריען אין דער הויך, איהר וועט ביי מיר ניט אויסנארען דעם בריעף, אָבער איך וויל אייך איהם פערקויפען.

— וויפיעל פערלאַנגט איהר פאר איהם? האָט בן אַמאר געפרעגט און האָט אריינגעשטעקט זיין האַנד אין איינער פון זיינע טיעפע קעשענעס, גלייך וויא ער וואָלט געוואָלט ארויסנעהמען געלד און בעצאָהלען.

— פופציג מיליאָן, האָט זשאק דאַראַן געזאָגט גאַנץ רוהיג.

יעצט איז דער אדוואָקאט פון מצרים אויפגעשפּרונגען, וויא אן אַבגע־בריהטער, האָט געעפענט דאָס מויל, האָט אויסגעגלאָצט דיא אויגען און האָט ניט געקענט ארויסזאָגען א וואָרט פאר שרעק און שטוינען.

— בערוהיגט אייך, הערר בן אַמאר! האָט זשאק דאַראַן געבעטען, איהר מעגט קויפען דעם בריעף אָדער ניט. דאָס איז מיין פרייז.

— פופציג מיליאָן? האָט קוים ארויסגעקייכט דער אדוואָקאט פון מצרים.

— אייער דינגען זיך וועט זיין גאַנץ אומזיסט, האָט זשאק דאַראַן גע־זאָגט רוהיג, איהר וועט ביי מיר ניט אַבדינגען א האַלבען פראַנק; נאָך מעהר, איך וועל אייך ניט געבען א האַלבען פראַנק קאָמיסיאָן.

— פופציג מיליאָן! האָט בן אַמאר ווידערהאָלט. אַללאה! אַללאה! פופציג מיליאָן?

— אזוי פיעל פערלאנג איך פאר מיין בריעף. איהר קענט מיר אויסצאָה־לען באארעס געלד אָדער מיר געבען א טשעק פון ראָטשהשילד אָדער פון דער באנק פון פראנקרייך.

בן אָמאר האָט זיך צוריקגעזעצט אויף א קלאָץ און האָט זיך פערטראכט. ער האָט יעצט גוט פערשטאנען, אז דיעזער שיפסקאפיטאן וויים גאנץ גוט, וואָס פאר א ווערטה דיעזער בריעף האָט, אז ווען איינער וויים, אין וואָס פאר א לענג, א מערידיאן, דיא מיליאָנען פון קיאמיל פאשא ליעגען פערגראָבען, קען ער זיי דאָך ניט געפינען, ווען ער וויים ניט דיא ברייט אָדער דעם פארא־לעל. ווען דיעזער שיפסקאפיטאן פערלאנגט פופציג מיליאָן, וויים ער געוויס, אז קיאמיל פאשא'ס אוצרות זיינען פיעל מעהר ווערטה. דאן וועט עס אונמעגליך זיין איהם אָבצונארען און ארויסצוקריגען פון איהם דעם בריעף פאר א קלייניג־קייט. אלזאָ, וואָס טהוט מען?

דער דורכגעטריבענער עגיפטיאנער האָט געטראכט א לאנגע צייט, ענדליך האָט ער געזאָגט מיט א פריינדליכער, בעטענדער שטימע:

— איהר פערלאנגט פופציג מיליאָן פאר א בריעף? דאָס איז אזוי קינ־דיש און אזוי לעכערליך, אז איך קען מיר גאָר ניט פאָרשטעלען, אז איהר מיינט עס ערנסט.

— אזוי? איהר געפינט אז דאָס איז לעכערליך? ווילט איהר הערען נאָך א מעהר לעכערליכע און נאָך א מעהר זאָנדערבארע געשיכטע?

— געוויס, הערר זשאק דאָראן!

— דאן מוז איך אייך זאָגען, אז איהר זייט דער גרעסטער שווינדלער און דער ערגסטער בעטריגער פון גאנץ עגיפטען. איהר זייט אן עכטער קראָקאָדיל פון דעם טייך נילוס. איהר זייט ניט אן אדוואָקאט, זאָנדערן א באנדיט, א...

— מיין הערר! איך בין ניט געקומען אהער אום צו הערען פון אייך גראָבהייטען.

— ווען איהר ווילט ניט, וועל איך אייך מעהר ניט זאָגען, האָט זשאק דאָ־ראן געענטפערט. איך וויל אייך נור זאָגען קורץ און שארף. איהר מיינט, אז איהר וועט קענען גאנץ לייכט כאפען פיש אין דעם טריבען וואסער פון סען מאלאָ און איהר האָט א טעות. איהר ווילט ארויסקריגען פון מיר מיין געהיימניס און איהר ווילט מיר ניט זאָגען אייער געהיימניס.

— וויא איך זעה, האָט איהר זיך איינגערעדט, אז איך האָב א געהיימניס. פון וואנען ווייסט איהר עס?

— איך וויים עס, ווייל איך וויים עס.

— איהר ווייסט גאָר ניט, איהר האָט זיך נור איינגערעדט, האָט בן אָמאר געזאָגט ערנסט.

— גענוג ריידען נאַרישקייטען! דוא אַלטער נאַר! האָט זשאַק דאַראַן געשריען.

— שוין ווידער גראָבהייטען?

— ענטשולדיגט מיר, הערר אדוואָקאַט פון דעם טייך נילוס! עס האָט זיך ביי מיר ארויסגעכאַפּט אַן איבריג וואָרט. איהר זייט געווים קיין נאַר. איהר דאַרפט גאָר ניט אַזוי נויטהיג דעם בריעף, איהר ווילט נור וויסען דיא פיער ווערטער, וועלכע געפינען זיך אין איהם.

— פיער ווערטער? פון וועלכע פיער ווערטער רעדט איהר?

— איהר ווייסט גאַנץ גוט פון וועלכע פיער ווערטער איך רייד. דיעזע פיער ווערטער וועל איך ניט פערקויפען ביליגער פון צוועלף און אַ האַלב מי־ליאָן פיר יעדעס וואָרט. אַזוי פיעל פערלאַנג איך און דאָס איז אַלעס! מעהר האָב איך ניט צו ריידען מיט אייך.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער זיך אויפגעהויבען און האָט געזאָגט צום עגיפּטיאַנער:

— אַ גוטען טאָג, הערר אדוואָקאַט!

דאַן האָט ער אַריינגעשטעקט זיינע ביידע הענד אין דיא קעשענעס און איז זיך אוועקגעגאַנגען.

בן אָמאַר איז געבליעבען זיצען וויא פערשטיינערט. ער, דער קלוגער, דער דורכגעטריבענער אדוואָקאַט, וועלכער איז געווען העכסט איבערצייגט, אַז ער וועט אַרייננאַרען אין זאַק דעם פראַנצויזישען מאַטראָז וויא ער פלעגט אַריינ־נאַרען און בעשווינדלען דיא פעלאַכען פון עגיפּטען, — ער האָט ניט געקענט ארויסקריגען אַ קליין שטיקעל פּאַפּיער פון אַזאַ קליין שטעדטעלדיגען פראַנ־צויזישען מאַטראָז! דאָס וואָלט זיך איהם קיין מאָל ניט גע'חלום'ט.

פּלוצלונג איז זשאַק דאַראַן געבליבען שטעהן. אַ נייער געדאַנק איז איהם געקומען אין קאָפּ. ער האָט זיך האַסטיג אומגעקעהרט און האָט געזאָגט אין דער הויך:

— הערר בן אָמאַר!

— וואָס ווילט איהר זאָגען, הערר דאַראַן?

— איך האָב עפּעס פערגעסען.

— וואָס האָט איהר פערגעסען?

— איך האָב אייך פערגעסען צו זאָגען דעם נומער.

— וועלכען נומער?

— דעם נומער פון מיין הויז. איך וואוין נומער 3 דעסאַלל שטראַסע. איך דענק, אַז איהר ווילט געווים וויסען, וואו מיך צו געפינען, ווען איהר וועט קומען צו מיר מיט...

— מיט וואָס?

— מיט דיא פופציג מיליאָן, האָט זשאק דאָראן געענטפערט גאנץ רוהיג.
מיט דיעזע ווערטער האָט ער זיך אויסגעדרעהט און איז זיך גאנץ רוהיג ווייטער געגאנגען.
— אללאה איז גרויס! האָט בן אָמאר אויסגערופען.

7טעם קאפּיטעל.

קיאַמיל פּאַשאַ׳ס צוואה און זיינע יורשים

דיא געסט פון דעם האָטעל דע פּאריז וואָלטען געוויס ניט געקענט שלאָפען דיעזע נאכט, ווען דיא טהירען פון דעם צימער נומער 14 וואָלטען ניט געווען פערשלאָסען און פון אינעווייניג פערהאנגען מיט שווערע פּאָרהענגע.

אין דיעזען צימער זיינען געזעסען נור צוויי מענער און האָבען גערעדט, ריכטיגער נאָך, איינער האָט געשוויגען, דער אנדערער האָט אָבער זיך געקאָכט, האָט זיך געבייזערט, האָט געשאָלטען און געדראָהעט און איז שיער ניט געשפּרונגען פון דער הויט. דער צווייטער דאגעגען האָט נור פון צייט צו צייט עפּעס געענטפערט און האָט געזוכט צו בערוהיגען דעם ערשטען.

וויא פערהאנגען דיא טהיר איז געווען און וויא פערשלאָסען זיא איז געווען, האָבען דאָך דיא לאָקייען און דיא קעלנער פון דעם האָטעל פּאריז געהערט, וויא איינער בייזערט זיך און קאָכט זיך, און אזוי וויא אלע קעלנער זיינען זעהר נייגעריג, האָבען אויך דיא קעלנער פון האָטעל דע פּאריז זיך צוגעהערט אין נומער 14, אָבער זיי האָבען ניט פערשטאנען א וואָרט, ווייל מען האָט דאָרטען גערעדט און זיך געבייזערט אויף אראביש אָדער אויף טירקיש, שפּראכען, וועלכע זאָגאר קעלנער פון א האָטעל אין סען מאלאָ האָבען ניט פערשטאנען.

אין קאמין האָט געברענט א פייער און אויף א קליינעם טישעלע פאר דעם קאמין האָט געברענט א סטעארין ליכט.

פון א זייט טישעלע לעבען פייער איז געזעסען אונזער בעקאנטער בן אָמאר. אזוי וויא ער איז געווען א מאן פון א יאָהר עטליכע און פופציג ביז זעכציג און עס איז גראדע געווען א קאלטער טאָג, איז ער געזעסען איינגעהויקערט און איינגעבויגען מיט׳ן רוקען צום פייער, וואו עס האָט זיך איהם וועניגסטענס געקענט אויסוואַרמען, אז ער געפינט זיך אין דעם ווארעמען עגיפּטען.

פון דער אנדערער זייט טישעלע איז געזעסען, ריכטיגער נאָך, געשטאנען דער יונגער טערק, וועמען מיר האָבען געזעהן פארבייגעהן, ווען בן אָמאר האָט גערעדט מיט זשאק דאָראן אויף דיא קלעצער, ניט ווייט פון דער אייזענבאהןסטאציאָן.

— אזוי? האָט דער יונגער מאן געשריען, אזוי? דוא ביסט דורכגע־פאלען? מיאוס דורכגעפאלען?

— יא, גנעדיגער הערר! אללאה איז גרויס! אללאה איז מיין עדות, אז איך...

— איך פערלאנג יעצט ניט, אז אללאה זאָל געהן עדות זאָגען פאר דיר! האָט זיך געקאָכט דער יונגער מאן. איך פרעג דיך נור: ביזט דוא דורכגע־פאלען?

— ליידער! ליידער! האָט בן אָמאר געזיפצט.

— דיעזער לומפ, דיעזער טויגעניכטס, דיעזער נארישער פראנצויז זשאק דאָראן וויל ניט אוועקגעבען דעם בריעף?

— ער וויל ניט און וויל ניט.

— וויל ער איהם ניט פערקויפען?

— פערקויפען? יא... ער וויל איהם פערקויפען —

— אָבער דוא האָסט איהם ניט געקויפט? דוא אלטער נאר! דוא האָסט געוואָלט מאכען דערביי עטליכע בייטעל פיאסטער? דוא...

— ווייסט איהר אָבער, גנעדיגער הערר, וויא פיעל ער פערלאנגט פאר איהם?

— ווער פרעגט דיך? וואָס מאכט עס מיר אויס, וויא פיעל ער פערלאנגט? דוא האָסט איהם געדארפט געבען, וויא פיעל...

— ער פערלאנגט פופציג מיליאָן פראנק.

— פופציג מיליאָן, האָט דער יונגער מאן אויסגערופען, דיעזער דשאור (ווער עס גלויבט ניט אין מחמד)! דיעזער הינזשור (חזיר)! דיעזער טויגע־ניכטס! דיעזער גראָבער קאָפּ!

דער יונגער טערק האָט אויסגעשאָטען א גאנצען זאק טירקישע און אראַ־בישע שימפּפווערטער, בעליידיגונגען און קללות, וועלכע עס איז אונמעגליך איבערצוגעבען אויף אן אייראָפּעאישער שפּראך.

בן אָמאר האָט אלעס אויסגעהערט גאנץ רוהיג און האָט געשוויגען.

ענדליך, ווען דער יונגער מאן האָט שוין אויסגעגאָסען זיין גאנצען צאָרן און האָט אויסגעשאָטען זיין גאנצען באגאזש שימפּפווערטער, קללות און חרמות, האָט ער געפרעגט אביסעל רוהיגער:

— אלזאָ דענקסט דוא, אז דיעזער לומפּיגער מאטראָז ווייס, וואָס פאר א ווערטה דיעזער בריעף האָט?

— ליידער! ער ווייס עס זעהר גוט, האָט בן אָמאר געזיפצט.

— מחמד און אלע זיינע ענגעל זאָלען איהם דערווערגען און דיך אויך! האָט זיך געבייזערט דער יונגער טערק. דיך פריהער, ווייל דוא ביסט שולדיג.

— איך זעה ניט איין, פאר וואס איך בין שולדיג, גנעדיגער פאשא! האט בן אמאר זיך פערטהיידיגט, איך קען דאך ניט דיא געהיימניסע פון קיאמיל פאשא. איהר ווייסט דאך, אז ער איז געווען א פערשלאסענער, פערביסענער מענש.

— דוא האסט געמוזט וויסען אלע זיינע געהיימניסע, ווייל דוא ביסט געווען זיין אדוואקאט, זיין נאטאריוס. דוא פלעגסט שרייבען פאר איהם אלע געזעצליכע דאקומענטען.

און דער יונגער מאן האט ווידער אנגעהויבען צו שימפפען און שילטען.

אין דער צייט, וואס ער זידעלט זיך, קאכט זיך און שילט אלעמען, ווילען מיר בעקאנט מאכען דיא לעזער מיט דיעזער פערזאן, וועלכע שפיעלט אויך א וויכטיגע ראלע אין אונזער ערצעהלונג.

דיעזער יונגער מאן איז סואד פאשא. ער איז דער זוהן פון מוראד ביי, קיאמיל פאשא׳ס נעפע. ער איז יעצט איין און דרייסיג יאהר אלט און ער האט א זעהר הויכען ראנג (טשין) אין עגיפטען.

אזוי וויא קיאמיל פאשא איז געשטארבען אהן קינדער, איז מוראד ביי געבליעבען זיין איינציגער יורש, און אזוי וויא מוראד ביי איז אויך געשטארבען און האט איבערגעלאזען איין איינציגען זוהן, סואד, איז דיעזער סואד דער איינציגער יורש פון דעם גרויסען פערמעגען פון קיאמיל פאשא.

מיר מוזען איך דערצעהלען, וואס עס האט ווייטער פאסירט מיט קיאמיל פאשא און ווידער אויפהויבען א בלעטעל פון דער וועלט געשיכטע.

אין 1831 האט איבראהים פאשא, דער זוהן פון מחמד אלי פאשא, קעניג פון עגיפטען, ערקלעהרט קריעג סולטאן מחמד דעם צווייטען און איז ארויסגעגאנגען געגען איהם מיט צוויי און צוואנציג קריעגס שיפען און אן ארמעע פון דרייסיג טויזענד מאן.

אין א קורצער צייט האט ער אבגענומען דיא שטעדט עזה (גאזא), יפו, חיפה און אקר אדער עכו. דעם 27טען מערץ 1832 איז מחמד אלי פאשא געווען הערשער איבער גאנץ סיריען און פאלעסטינא און ער איז געווען בעריים צו שיקען זיין פעהיגען זוהן, איבראהים פאשא, דער גרעסטער און פעהיגסטער גענעראל און אדמיראל, וועלכען טירקיי האט געהאט, זייט זיא עקזיסטירט, אבצונעהמען קאנסטאנטינאפאל.

ווען קייזער ניקאלאי דער ערשטע פון רוסלאנד וואלט זיך דאמאלס ניט אריינגעמישט און וואלט ניט געהייסען איבראהים פאשא בלייבען אין סיריען און ניט געהן נאך קאנסטאנטינאפאל, וואלט טירקיי געווארען איינע פון דיא גרעסטע מעכטע אין אייראפא, ווייל איבראהים פאשא איז געווען א צווייטער נאפאלעאן אלס קריעגס העלד, עס האבען איהם נור געפעהלט דיא ארמעען פון פראנקרייך און דאס געלד פון פראנקרייך. מענער, וועלכע קענען דיא

קריעגס קונסט, בעהויפּטעט זאָגאר, אז איבראהים פּאשא איז געווען פיעל פּע־היגער פון נאפּאָלעאָן דעם ערשטען.

וויא מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט, האָט קיאמיל פּאשא פערגראָ־בען זיינע רייכטהימער אויף א קליינעם ניט בעוואָהנטען אינזעל, דאן איז ער ארומגעפאָהרען אויף זיין שיף אויף אלערליי מעערע.

מיר וויסען ניט גענוי, אין וועלכע געגענדען ער איז געפאָהרען און וואָס ער האָט געטהאָן דיא גאנצע צייט פון סעפּטעמבער 1831 ביז דעם 3טען יולי 1834. מיר וויסען נור, אז דעם 3טען יולי 1834 איז קיאמיל פּאשא מיט זיין שיף געפאָהרען אויף דעם מיטעללענדישען מעער און איז צופעליגערווייזע צו־געקומען צו דעם קליינעם פּאָרט חיפה אָדער האיפא אין פּאלעסטינא אום צו פערזאָרגען זיין שיף מיט וואסער.

צום אונגליק זיינען אָנגעקומען איבראהים פּאשאָ'ס צוויי קריעגס־שיפען, וועלכע האָבען אויפגעהאלטען קיאמיל פּאשאָ'ס שיף און געפאָדערט פון דעם שיפסקאפּיטאן א פּאספּאָרט. יעדע שיף מוז האָבען א פּאספּאָרט פון א רע־גיערונג, אין וועלכען עס שטעהט דייטליך, ווער זיא איז, צו וועמען זיא געהערט, ווער עס איז איהר שיפסקאפּיטאן, פון וואנען זיא קומט און וואוהין זיא געהט.

אזא פּאספּאָרט האָט דיא שיף ניט געהאט.

צום אונגליק נאָך האָט זיך אויף איינער פון איבראהים פּאשאָ'ס קריעגס־שיפען געפונען מוראד ביי, קיאמיל פּאשאָ'ס פערוואנדטעטער.

קוים האָט מוראד ביי דערקענט קיאמיל פּאשא און זיין שיפסקאפּיטאן יוסוף, האָט ער געהייסען זיי ארעסטירען. אזוי וויא מוראד ביי איז געווען פּריוואט סעקרעטער ביי איבראהים פּאשא, האָט ער לייכט אויסגעווירקט ביי איהם א בעפעהל, אז קיאמיל פּאשא זאָל מען אוועקשיקען אין א געפענגניס אין קאאירא, דיא הויפּט שטאָדט פון עגיפּטען און דעם אָרימען יוסוף זאָל מען אוועקשיקען אין א געפענגניס אין דמשק.

מוראד ביי איז געווען זיכער, אז יעצט וועט ער שוין בעקומען דיא רייכ־טהימער פון קיאמיל פּאשא. אין א געפענגניס אין טירקיי אָדער אין עגיפּטען מעג מען זיך שוין ערלויבען ארויסצורייסען און ארויסצומאטערען א געהיימניס פון א געפאנגענעם.

וואָס עס איז פּאָרגעקומען מיט קיאמיל פּאשא אין זיין געפענגניס, ווייס קיינער ניט. מען ווייס נור, אז מען האָט איהם געהאלטען געפאנגען גאנצע אכט יאָהר, פון 1834 ביז 1842. אין דיעזער צייט איז איהם געלונגען אָנצושרייבען עטליכע בריעף. ער האָט אונטערגעקויפט איינעם פון זיינע וועכטער, וועלכער האָט בעזאָרגט דיא בריעף, דאָס הייסט, זיי אוועקגעשיקט מיט דער פּאָסט.

איינער פון דיעזע בריעף איז געווען געשריבען אין 1842 און אדרעסירט צו קאפּיטאן טהאָמאס דאָראן אין סען מאלאָ, פראנקרייך. דיא פּינקטליכע

פראנצויזישע פאסט, האט געטהאן איהר פפליכט און האט ריכטיג צוגע־שטעלט דעם בריעף צו קאפיטאן טהאמאס דאראן.

אין יענער צייט האט יעדע גרויסמאכט, וויא רוסלאנד, ענגלאנד און פראנק־רייך, געהאט איהר אייגענע פאסט אין עגיפטען און ווען איינער האט געוואלט שיקען א בריעף נאך פראנקרייך, האט ער איהם געשיקט מיט דער פראנצויזישער פאסט. האט איינער געוואלט שיקען א בריעף נאך ענגלאנד, האט ער איהם גע־שיקט מיט דער ענגלישער פאסט, ווייל נור אויף אזא ארט האט מען געקענט זיין זיכער, אז דער בריעף וועט ריכטיג אנקומען, און וויא מיר האבען געזעהען, האט טהאמאס דאראן אויך גאנץ ריכטיג בעקומען דעם בריעף פון קיאמיל פאשא.

קאפיטאן יוסוף איז געשטארבען אין 1838. ער איז געשטארבען אין גע־פענגניס. וויא מען האט איהם געמאטערט און וויא מען האט איהם געפלאגט, האט ער דאך ניט ארויסגעגעבען דאס געהיימניס פון זיין העדר און פריינד קיאמיל פאשא.

מוראד ביי איז געשפרונגען פון דער הויט. ער האט געוואלט ארויסקריי־גען פון דעם געטרייען יוסוף, וואו קיאמיל פאשא האט פערבארגען אדער אהינגעטהאן זיינע רייכטהימער, אבער יוסוף האט עס ניט אויסגעזאגט און פילייכט האט ער עס אויך ניט געקענט זאגען, ווייל ער האט איבערגעגעבען קיאמיל פאשא דיא מעער־קארטע, אויף וועלכער עס איז געווען פערצייכענט דער קליינער אינזעל, וואו קיאמיל פאשא האט פערבארגען זיינע מיליאנען.

קיאמיל פאשא האט אויסגעהאלטען לענגער. ער איז אויך געשטארבען אין געפענגניס אין קאאירא, אבער ערשט אין 1852.

דער איינציגער מענש, וועלכער פלעגט קומען איהם בעזוכען אין גע־פענגניס, איז געווען מוראד ביי. וואס צווישען דיעזעביידע מענשען איז פאר־געקומען וויים מען ניט. דיא מויערען פון געפענגניס אין עגיפטען זיינען שטיל וויא דער טוידט.

א יאהר שפעטער, אין 1853, איז אויך מוראד ביי געשטארבען און האט איבערגעלאזען איין איינציגען זוהן, סואד פאשא. זיין פאטער האט פאר איהם אויסגעווירקט דעם טיטול פאשא און א הויכע שטעלע אין דעם הויף פון דעם כעדיוו פון עגיפטען.

סואד פאשא האט געלעבט ברייט, פיעל העכער פון זיינע מיטעל. אזוי וויא עס האבען זיך דאן בעזעצט פיעלע אייראפעער אין עגיפטען און דערצו נאך אלערליי סארטען מענשען, האט זיך סואד פאשא מיט זיי בעקאנט און האט אנגעהויבען צו פיהרען א לוסטיגען לעבען. ער האט זיך אויסגעלערענט צו שפיעלען אין קארטען און צו בעזוכען גאנץ אפט דאס פרעהליכע פאריז.

אום צו פיהרען אזא לעבען, מוז מען האבען געלד. און פיעל געלד. אלס

הויכער בעאמטער אין עגיפטען האָט ער צוואר געמאכט גענוג געלד. אין אנדע־רער אויף זיין פּלאץ וואָלט רייך געוואָרען און וואָלט זיך געקויפט לאנד און שלעסער, סואד פאשא אָבער האָט פערשוועגדעט זיין געלד אין קאָרטען שפּיע־לען און אויף אנדערע פאריזער פערגעניגען.

עס איז אלזאָ ניט קיין וואונדער וואָס ער פלעגט שטענדיג דארפען געלד, און אזוי וויא ער האָט עס ניט געהאט, האָט ער געמוזט לייהען און באָרגען. ענדליך איז ער אָבער געוואָרען אזוי פיעל שולדיג, אז קיינער האָט איהם מעהר ניט געוואָלט לייהען א פּיאסטער.

אין דיעזער טרויעריגער לאגע האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין גרויס־אָנקעל קיאמיל פאשא און אָן זיין גרויסעס פערמעגען. וואו נעהמט מען אָבער דיע־זעס פערמעגען? וויא אזוי געפינט מען אוים וואו דיעזעס פערמעגען געפינט זיך?

סואד פאשא האָט געטראכט, געקלערט, זיך געבראָכען דעם קאָפּ און האָט ניט געקענט מעהר אויסגעפינען, וויא זיין פאָטער מוראד ביי.

אין א שעהנעם פריהמאָרגען אין 1862 האָט ער בעקומען מיט דער פּאָסט א קליין בריוועלע, אין וועלכען עס איז געשטאנען פאָלגענדעס:

"דער אדוואָקאט בן אָמאר פון אלעקסאנדריע ווינשט צו זעהען זיין גנאדען סואד פאשא וועגען א זעהר וויכטיגער אנגעלעגענהייט".

מען קען זיך לייכט דענקען, וויא איבערראשט סואד פאשא איז געוואָרען, ווען ער האָט ערהאלטען דיעזעס בריוועלע. ער איז באלד אוועקגעפאָהרען נאָך אלעקסאנדריע און איז געקומען צום אדוואָקאט בן אָמאר.

— וואָס פערלאנגסט דוא פון מיר? צו וואָס דארפסט דוא מיך? האָט ער געפרעגט.

בן אָמאר האָט זיך טויזענד מאָל ענטשולדיגט, וואָס ער האָט געוואגט צו רופען צו זיך אזא גרויסען פאשא און האָט גאנץ אונטערטהעניג געבעטען סואד פאשא זיך זעצען און איהם רוהיג אויסהערען.

סואד פאשא האָט זיך אנידערגעזעצט און האָט אויסגעהערט.

— גנעדיגער העהר און פאשא! האָט בן אָמאר אָנגעהויבען, קענט איהר מיר ניט זאָגען, אויב איהר זייט דער איינציגער יורש פון קיאמיל פאשא?

— וואָס פרעגט איהר? ווייסט איהר דען ניט, אז קיאמיל פאשא האָט קיין קינדער ניט געלאָזען און מיין פאָטער מוראד ביי איז געוואָרען דער איינ־ציגער יורש פון זיין גאנצען פערמעגען?

— דאָס ווייס איך, איך וויל אָבער וויסען, אויב עס געפינט זיך ניט נאָך א יורש, עס קען זיין א פרעמדער, קיין פערוואנדטער פון קיאמיל פאשא, אָבער דאָך א יורש, ווייל קיאמיל פאשא האָט דאָך געמעגט איבערלאָזען א טעס־

טאמענט (א צוואה), אז ער שענקט אוועק אדער לאזט איבער זיין פערמעגען צו א פרעמדען.

— דאס קען ניט זיין! דאס איז אונמעגליך! האט סואד פאשא גע־שריען און זיך געבייזערט.

— בערוהיגט אייך, גנעדיגער העדר און פאשא! האט בן אמאר געבעטען. אויף דער וועלט קומען אפט פאר רעכט זעלטענע זאכען. עס קען זיין, אז קיאמיל פאשא האט איבערגעלאזען נאך אנדערע יורשים.

סואד פאשא איז אויפגעשפרונגען און האט אנגעהויבען צו שרייען און צו שילטען.

בן אמאר האט געעפענט א געהיימען שופלאד פון זיין גרויסען אלט־מאָ־דישען שרייב־טיש, האט פון דארט ארויסגענומען א פערזיגעלטען בריעף און האט איהם דערלאנגט סואד פאשא.

— וואס איז דאס? האט סואד פאשא געפרעגט.

— דאס טעסטאמענט פון קיאמיל פאשא, איז געווען דיא אנטווארט.

— וויא קומט עס צו אייך? קיאמיל פאשא איז דאך געשטארבען אין געפענגניס.

— א וועכטער פון געפענגניס האט מיר געבראכט דיעזען דאקומענט מיט א בריעף פון קיאמיל פאשא.

— ווען איז עס געווען?

— אין 1842.

— אלזא, שוין זייט צוואנציג יאהר? און איהר האט דיא גאנצע צייט געשוויגען? איהר האט עס קיינעם ניט געזאגט?

— לעזט איבער דיעזע פאפיערען, וועט איהר מעהר ניט שטעלען אזעלכע פראגען, האט בן אמאר געענטפערט.

סואד פאשא האט אויפגעריסען דעם אויבערשטען קאנווערט פון דעם בריעף און האט דערזעהען, אז אונטען געפינט זיך א צווייטער קאנווערט. אויף דיעזען צווייטען קאנווערט איז געשטאנען אויף אראביש, אז דער טעסטאטאר, דער מאן, וועלכער האט געלאזען דיעזע צוואה, בעשווערט יעדען ביים היילינען קבר פון דעם פראפעט מחמד, אז ער זאל ניט עפענען דיעזען בריעף פאר צעהן יאהר נאך זיין טויט.

— נו, זעהט איהר, גנעדיגער הערר און פאשא, אז ביז היינט האב איך ניט געקענט און ניט געטארט ארויסגעבען דיעזען דאקומענט. קיאמיל פאשא איז געשטארבען אין 1852, היינט האבען מיר 1862, אלזא פונקט צעהן יאהר נאך זיין טויט. ערשט יעצט אלזא קען מען עפענען דיעזען בריעף און לעזען קיאמיל פאשא׳ס טעסטאמענט.

— פערדאמטער אדוואקאט! פאר וואס האסט דוא מיר עס ניט געמעל־

דעמ באלד נאך מיין פאטער'ס טויט? איך וואלט דאך שוין ביז יעצט גע־קענט זיין א גאנץ רייכער מאן.

— ווייסט איהר דען פאר געוויס, אז קיאמיל פאשא האט אייך איבערגע־לאזען זיין פערמעגען?

— וועמען ד'ען, עזעל? איך בין זיין איינציגער יורש.

מיט דיעזע ווערטער האט ער געוואלט אויפרייסען דעם צווייטען קאנ־ווערט און לעזען דאס טעסטאמענט.

— ענטשולדיגט מיר, גנעדיגער הערר און פאשא! האט בן אמאר גע־בעטען. דאס געזעץ זאגט, אז א טעסטאמענט דארף געלעזען ווערען פאר עדות. איך מוז אלזא שיקען אריינרופען צוויי עדות, וועלכע זאלען זיך איבערצייגען, אז דער קאנווערט איז געבליבען גאנץ, אז קיינער האט איהם פריהער ניט געלעזען און דארום האט איהם קיינער ניט געקענט פעלשען.

סואד פאשא האט אנגעהויבען זיך צו קאכען און האט ניט געוואלט הערען פון עדות, בן אמאר אבער האט איהם געגעבען צו פערשטעהן, אז ווען עס ווע־לען זיך געפינען עדות ביים עפענען פון דעם טעסטאמענט, קען מען שפעטער, אין פאל ווען מען מוז פיהרען א פראצעס, בעווייזען דורך דיא עדות, אז דאס איז ווירקליך דער ריכטיגער, אריגינעלער טעסטאמענט.

— דאן ברענג מיר עדות! האט סואד פאשא געשריען.

בן אמאר האט געשיקט אריינרופען צוויי קויפלייטע, וועלכע האבען גע־וואהנט ניט ווייט.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען, האט בן אמאר זיי געוויזען דעם בריעף, אז ער איז גאנץ, אז דיא אויפשריפט איז ריכטיג און אז ער איז ניט געענדערט.

ווען דיעזע צערעמאניע האט זיך געענדיגט, האט סואד פאשא געעפענט דעם בריעף.

עס איז געווען א ניט לאנגער בריעף. געשריעבען אויף פראנצויזיש, און אין איהם איז געשטאנען פאלגענדעס:

"איך בעשטימם בן אמאר, דער זוהן פון מחמד, אדוואקאט און נאטאריוס אין אלעקסאנדריע, אלס עקזעקוטאר פון מיין צואה. איך האב א פערמעגען פון פיער מיליאן פונט סטערלינג, דיעזעס פערמעגען בעשטעהט אין גאלדענע מינ־צען, ענגלישע און טירקישע, דיאמאנטען און אנדערע טהייערע שטיינער.

"אין סעפטעמבער 1831 האב איך געהאלטען מיין גאנצעס פערמעגען אין פיער קליינע, שטארקע פעסלעך, וועלכע איך האב פערגראבען אויף א קליינעם אינזעל אין א געוויסען מעער, דיעזען אינזעל קען מען לייכט אויס־געפינען, ווען מען ווייסט דיא לייגג און דיא ברייט, דעם מערידיאן און דעם פאראלעל פון דער וועלט קארטע. דער מערידיאן איז 54 גראד 57 מינוט

אָסטליכער לענג. דיא ברייט אָבער, דעם פּאראלעל, האָב איך געשיקט צום שיפס־קאפּיטאן טהאָמאס דאָראן אין סען מאלטאָ, פראנקרייך.

"איך בעט דעם אדוואָקאט בן אָמאר, ער זאָל אליין פאָהרען נאָך פראנק־רייך און זאָל דאָרט אויסגעפינען טהאָמאס'ען אָדער זיין יורש. אזוי וויא בן אָמאר וויים דיא לענג און טהאָמאס דאָראן וויים דיא ברייט, וועלען זיי ביידע לייכט אויסגעפינען דעם אינזעל, וואו מיין פערמעגען ליעגט פערגראָבען.

"בן אָמאר זאָל בעקומען פאר זיין מיה איינס פּראָצענט פון דעם גאנ־צען פערמעגען. דעם רעסט זאָל בעקומען טהאָמאס דאָראן אָדער זיין יורש לויט דעם דאָקומענט, וועלכען איך האָב איבערגעלאָזען אין אן אנדער אָרט.

"איך בעט און בעפעהל, אז מיין נעפע מוראדביי און זיין פערדאָר־בענער זוהן סואד זאָלען ניט בעקומען א פּיאסטער פון מיין פערמעגען. איך ערקלער, אז דיעזע מענשען האָבען מיך פערפאָלגט, געפייניגט און געמאטערט און דארום בעט איך און בעפעהל אלע גוטע מענשען און אלע ריכטער און געריכטע, אז זיי זאָלען ניט געבען קיין איין־איינציגען פּיאסטער פון מיין פער־מעגען ניט צו מוראד ביי און ניט צו זיין זוהן סואד.

"דאָס איז מיין לעצטער ווילען, מיין טעסטאמענט. איך בין קראנק און איך וויים, אז איך וועל שוין לאנג ניט לעבען.

"געשריבען מיט מיין אייגענער האנדשריפט אין געפענגנים פון קאאירא, דעם 9טען פעברואר, 1842.

"קיאמיל פּאשא, זוהן פון קאמליק פּאשא, זוהן פון אבדול רחמן פּאשא".

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, וויא סואד פּאשא האָט געטאנצט און געשפּרונגען, ווען ער האָט איבערגעלעזען דיעזען זאָנדערבארען דאָקומענט. מען קען זיך לייכט דענקען וואָס דער קארגער בן אָמאר האָט געפיהלט, ווען ער האָט דערהערט, אז ער וועט בעקומען דיא אויפזיכט איבער פיער מיליאָן פונט סטערלינג אָדער 20 מיליאָן אמעריקאנער דאָלאר.

איינינע מינוטען האָבען אלע אנגעוועזענדע געשוויגען. קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען און וואָס צו רעדען פון אזא זאָנדערבארען טעסטאַ־מענט.

ענדליך, ווען אלע האָבען זיך אביסעל בערוהיגט, האָט בן אָמאר געזאָגט:

— וואָס ווערט דען דערפון? ווען דיא מיליאָנען זאָלען שוין זיין דאָ אין אלעקסאנדריע, וואָלט איך צופריעדען געווען. זיי זיינען דאָך אָבער ניטאָ, מען דארף זיי ערשט זוכען. מען מוז פריהער אויסגעפינען דעם אינזעל, וואו דיעזע מיליאָנען ליעגען בעגראָבען. איך מוז צוערשט פאָהרען נאָך פראנקרייך אויסזוכען דיעזען טהאָמאס דאָראן, און ווען איך וועל איהם שוין געפינען, וועלען מיר ערשט מוזען פאָהרען זוכען דעם אינזעל. דאָס איז א לאנגע געשיכטע.

בן אָמאר איז שוין באלד געווען בערייט זיך אָבצוזאָגען פון זיין קאָמי־

סיאָן אום ניט ארומצופאָהרען זוכען א פראנצויז מיט׳ן נאָמען דאָראן, דאן ערשט פאָהרען מיט איהם ערגעץ אויף אן אינזעל. דאָס איז געווען צו פיעל ארבייט פאר אזא מאן, וויא בן אָמאר, וועלכער האָט זעהר ניט ליעב געהאט צו פאָהרען אויף׳ן מעער, ווייל ער פלעגט שרעקליך ליידען פון דער זעעקראנקהייט.

גאנץ אנדערש האָט אָבער געטראכט פון דיעזער אנגעלעגענהייט סואד פאשא. קוים האָט ער זיך אביסעל בערוהיגט פון דעם ערשטען שרעק נאָך דעם איבערלעזען פון דעם טעסטאמענט, האָט ער אויסגערופען:

— ניין! דאָס וועל איך ניט דערלאָזען! דאָס וועט דער כעדיוו ניט דערלאָזען און דאָס וועט דער סולטאן ניט דערלאָזען! א פראנצויז, א דזשאור, זאָל ירשן׳ען אזא פערמעגען פון א מאָסלים, פון א פרומען מאחמאדאנער? איך מוז בעקומען קיאמיל פאשא׳ס מיליאָנען, ווייל איך בין זיין איינציגער געזעצליכער יורש.

ער האָט געטראכט און געקלערט און האָט אויך אויסגעקלערט א פלאן, וויא אזוי צו בעקומען קיאמיל פאשא׳ס מיליאָנען. ער האָט דערצעהלט זיין פלאן בן אָמאר׳ען און האָט געזאָגט צו איהם:

— וועסט דוא מיך פאָלגען און מיר וועלען בעקומען דיא מיליאָנען, וועסט דוא בעקומען צעהן פראָצענט פון דעם גאנצען פערמעגען, וועסט דוא עס אָבער ניט טהאָן, וועל איך דיך דענאנסירען (פער׳מסר׳ן) ביים כעדיוו און דוא וועסט ענדיגען דיין לעבען אין געפענגנים, וויא קיאמיל פאשא.

נאָך לאנגען רעדען און איינרעדען האָט בן אָמאר איינגעוויליגט צו ארבייטען צוזאמען מיט סואד פאשא.

דורך דעם פראנצויזישען קאָנסול זיינען זיי געוואָהר געוואָרען, אז טהאָמאס דאָראן איז געשטאָרבען אין 1854 און האָט איבערגעלאָזען א זוהן מיט׳ן נאָמען זשאק, וועלכער וואָהנט אין סען מאלאָ, אין זיין פאָטער׳ס הויז. מען האלט איהם פאר א רייכען מאן און ער האָט ניט קיין קינדער, ווייל ער האָט קיין מאָל ניט געהייראטה.

קוים זיינען דערפון געוואָהר געוואָרען סואד פאשא און בן אָמאר, האָבען זיי זיך באלד ענטשלאָסען צו פאָהרען נאָך פראנקרייך, זיך צו זעהען מיט זשאק דאָראן און אויסצונארען ביי איהם זיין בריעף, אין וועלכען עס געפינט זיך דיא בגרייט פון דעם אינזעל מיט דיא מיליאָנען.

סואד פאשא און בן אָמאר זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אז זשאק דאָראן וועט זיי פערקויפען זיין בריעף פאר א קלייניגקייט, ווייל וואָס פאר א ווערטה האָט דיעזער בריעף? וואָס קען ער טהאָן מיט דיעזען בריעף? וויא קען ער אויסגעפינען דעם אינזעל מיט דיא מיליאָנען, ווען אין בריעף שטעהט

נור דיא ברייט, ניט דיא לענג? וואס קען איהם העלפען, וואס ער ווייס דעם פאראלעל, ווען ער ווייס ניט אויף וועלכען מערידיאן דער אינזעל ליעגט?

מען קען זיך לייכט פארשטעלען, וויא איבערראשט בן אמאר איז געוואָרען, ווען זשאק דאראן האט איהם ערקלערט, אז ער פערלאנגט גאר פאר דעם בריעף פופציג מיליאן פראנק!

יעצט זיינען זיי ביידע אין צימער נומער 17 האטעל דע פאריז און סואד פאשא קאכט זיך, בייזערט זיך, שימפפט, זידעלט און שילט זיך, וויא א גאסען יונג.

— דוא ביזט שולדיג! האט זיך סואד פאשא געקאכט, א גוטער פעהיגער אדוואקאט וואלט אין דריי ווערטער אויסגענארט דעם בריעף פון אזא נאַרישען פראנצויז. איך זאג דיר נאך אמאל: וועה דיר, בן אמאר, ווען איך וועל ניט בעקומען קיאמיל פאשא'ס מיליאנען! עס וועט דיך טהייער קאסטען! דוא ווייסט, וואס איך קען טהאן ביים בעדיוו!

— אבער, גנעדיגער הערר און פאשא! וואס בין איך שולדיג?

— דוא ביזט שולדיג! דוא ביזט שולדיג! האט געשריען ניט מיט זיין קול סואד פאשא, פאר וואס האסט דוא ניט אויסגענארט דעם בריעף ביי דיעזען פראנצויזישען מאטראז?

— אבער, גנעדיגער הערר און פאשא, דיעזער פראנצויז איז גאר ניט אזא נאר וויא אונזערע פעלאכען. מען קען איהם ניט אבנארען און מען קען איהם ניט איבערשרעקען.

— נארישקייטען!

— עס איז גאר ניט קיין נארישקייטען. זשאק דאראן איז א שטארקער, קרעפטיגער מאן, וועלכער ווערט צוקאכט פון יעדען ווארט און איז גרייט צו זאגען אלערליי גראבהייטען, צו זידלען זיך און זאגאר צו שלאגען, וויא...

ער האט געוואלט ענדיגען: "וויא איהר, הערר סואד פאשא", אבער ער האט זיך פערכאפט און האט געשוויגען.

איינינע אויגענבליקע האבען ביידע געשוויגען, ענדליך האט בן אמאר געזאגט:

— מיר דאכט, אז מיר מוזען זיך אבזאגען פון דער גאנצער געשיכטע.

— זיך אבזאגען? אויפגעבען אזוי פיעל מיליאנען? אויף קיין פאל! עס ליעגען פאר מיר מיליאנען; איך קען זיי דערגרייכען מיט דער האנד און איך זאל זיך אבזאגען פון זיי? דאס וועט סואד פאשא ניט טהאן!

— וויא אזוי קומט מען אבער צו דיעזע מיליאנען?

— מען מוז טראכטען און קלערען און אויסגעפינען א מיטעל וויא אזוי ארויסצוקריגען דעם בריעף פון זשאק דאראן.

— פיליכט וואלט גלייך געווען, אז מיר זאלען איהם אנבאטען, ער זאל

ביי אונז אָבקויפען דיא לענג, האָט בן אָמאר געקלערט. מיר קענען גאָר ניט מאכען מיט אונזער מערידיאַן, ער קען גאָר ניט מאכען מיט זיין פּאַראַלעל. ער פערלאַנגט פאַר זיין פּאַראַלעל פופציג מיליאָן פראַנק. לאָמיר פערלאַנגען פאַר אונזער מערידיאַן פופציג מיליאָן פראַנק.

— עזעל! האָט א געשריי געטהאָן סואד פּאַשאַ, וואו וועט דער לומפּי־גער פראַנצויז דיר געהמען פופציג מיליאָן פראַנק?

בן אָמאר האָט פּרובירט מאכען אַנדערע פּלענער, ׳סואד פּאַשאַ האָט זיי אָפּער ניט אָנגענומען, ווייל עס איז געווען דייטליך, אז בן אָמאר וואָלט גע־ווען צופריעדען מיט עטליכע טויזענד פראַנק אום לויז צו ווערען פֿון דער גאַנצער געשיכטע.

ענדליך האָט סואד פּאַשאַ אויסגעטראַכט א פּלאַן און האָט געהייסען דעם אדוואָקאַט איהם אויספיהרען מאָרגען אין דער פריה.

דער פּלאַן איז בעשטאַנען אין פאָלגענדען: ערשטענס, בן אָמאר זאָל געהן מאָרגען אין דער פריה צו זשאַק דאָראַן און זאָל איהם מאכען א׳ פּאָרשלאַג, אז זיי זאָלען זיך טהיילען מיט קיאַמיל פּאַשאַ׳ס מיליאָנען. דאן זאָל זשאַק דאָראַן איבערגעבען בן אָמאר׳ען דעם פּאַראַלעל און בן אָמאר וועט איהם איבערגעבען דעם מערידיאַן.

סואד פּאַשאַ האָט דערביי גאַנץ ריכטיג אויסגערעכענט, אז קוים וועט ער וויסען גענוי, וואו עס געפינט זיך דער אינזעל מיט דיא מיליאָנען, וועט ער טהאָן אַלעס מעגליכע, אז ער זאָל אָנקומען אהין פריהער פון זשאַק דאָראַן און וועט אַלעס צונעהמען פאַר זיך אליין.

צווייטענס, אין פאַל זשאַק דאָראַן וועט ניט איינשטימען דארויף, זאָל מען איהם אָנבאָטען, אזביידע צוזאַמען זאָלען פאָהרען זוכען דעם אינזעל מיט דיא מיליאָנען, דאָס הייסט, יעדער זאָל האַלטען ביי זיך זיין געהיימניס, ביז מען וועט צוקומען צום אינזעל. ווען מען וועט געפינען דעם אינזעל מיט דיא מיליאָנען, וועט מען שוין מוזען זיך צוטהיילען גלייך אויף גלייך.

— און מיינע פּראָצענטען? האָט בן אָמאר געפרעגט.

— דאן בעקומסט דוא פינף פּראָצענט פון אַלע מיליאָנען, האָט סואד פּאַשאַ געענטפערט.

— ווען זשאַק דאָראַן וועט דארויף איינשטימען, בין איך צופריעדען, האָט בן אָמאר ערקלערט.

מען האָט זיך נאָך איבערלעגט איינינע צייט און ענדליך האָט מען אָנ־גענומען דיעזען פּלאַן. אויב ער איז גוט אָדער שלעכט, קען מען ניט זאָגען; אויב ער וועט געלינגען, איז ער גוט.

סואד פּאַשאַ האָט נאָך געהאַט א געהיימען פּלאַן און דאָס איז: אויב דער אינזעל מיט דיא מיליאָנען געפינען זיך ערגעץ לעבען א לאַנד פון מאחמאדאנער,

וועט ער שוין געפֿינען מיטעל, וויא אזוי לויז צו ווערען פֿון דעם פּראַנצוויז, דעם דזשאור, דעם לומפּ, וועלכער גלויבט ניט אין מחמד'ען.

עס איז אן אלטע געשיכטע, אז ווען עס האנדעלט זיך וועגען געלד, ווערט מען פֿרום און מען ערלויבט זיך זאגאר א קליינעם מאָרד אום צו צונעהמען יענעמ'ס געלד: „ער גלויבט דאָך ניט אין דעם גרויסען גאָט בראהאמא", זאָגט דער פֿרומער בראהמין. „ער גלויבט דאָך ניט אין דעם היילינען קאָנפֿוציוס", זאָגט דער כינעזער, „און ווען ער גלויבט ניט, וויא איך וויל, און ער וויל ניט אוועקגעבען זיין געלד, מעג מען דאָך שטילערהייט איהם אריינשטעכען א מעסער צווישען דיא ריפּען אָדער איהם פֿערברענען אויף דעם שייטער הויפֿען".

סואד פֿאשא האָט אלזאָ געהאט פֿאָלקאָממען רעכט צו דענקען, אז ביי א געלעגענהייט קען מען לויז ווערען פֿון זשאק דאָראן, ווייל ער איז א דזשאור, ער גלויבט ניט אין מחמד'ען.

— דיא הויפּטזאך איז, אז מיר טאָרען ניט לאָזען דעם פֿערדאמטען פּראנצויז אליין אפילו אויף איין איינציגע מינוט, האָט סואד פֿאשא געענדיגט זיין פּלאן.

— דאָס איז גאַנץ ריכטיג, האָט בן אָמאר בעשטעטיגט. וויא אזוי אָבער קענט איהר מיטפֿאָהרען מיט אונז? וויא אזוי קען איך אייך פֿאָרשטעלען פֿאר'ן פּראנצויז און איהם ערקלערען, אז איהר מוזט פֿאָהרען מיט אונז?

— דאָס איז גאנץ לייכט.

— אָבער וויא אזוי?

— איך וועל פֿאָהרען אלס דיין שרייבער, האָט סואד פֿאשא ערקלערט.

— דאָס איז א גוטער איינפֿאל! האָט בן אָמאר אויסגערופֿען, אָבער דאן קען איך דאָך ניט אייך פֿאָרשטעלען אלס סואד פֿאשא?

— דאָס איז גאָר ניט נויטהיג! שטעל מיך פֿאָר אלס דיין שרייבער, פּריוואט סעקרעטער נאזים, גאָר אָהן א טיטול.

— אייך? אייך, גנעדיגער הערר און פֿאשא?

— וואָס געהט עס דיך אָן? איך וויל זיין דיין שרייבער נאזים בן אבדאלאה! פֿערשטעהסט דוא מיך?

— יא, איך פֿערשטעה אייך.

שפּעט ביי נאכט זיינען דיעזע צוויי מענשען געגאנגען שלאָפֿען, סואד פֿאשא אין נומער 17 און בן אָמאר אין נומער 16 פֿון האָטעל דע פּאריז.

8טעם קאַפּיטעל.

דער פּלאַן ווערט אויסגעפיהרט

זשאַק דאַראַן איז געקומען אהיים גאַנץ שטיל און רוהיג. ער האָט ניט גע־זעהן אָדער האָט ניט געוואָלט זעהן, אז לעבען פענסטער זיינען געזעסען פראַנ־סוא און זשוליעט און זיינען געווען אַזוי פערטיעפט אין זייער געשפּרעך, אַז זיי האָבען איהם ניט בעמערקט.

נאַנאַן איז געווען בעשעפטיגט אין קיך. זיא האָט היינט געקאָכט אַ בע־זונדערס גוטען מיטאָג, ווייל זיא איז נעכטען געווען אין דער שטאָדט נאַנט און האָט איינגעקויפט פיעלע זאַכען פאַר איהר איינציגער טאָכטער זשוליעט.

געוועהנליך, ווען זשאַק דאַראַן פלעגט קומען אהיים פון אַ שפּאַציער פאַר מיטאָג, פלעגט ער באַלד פרעגען, אויב דאָס עסען איז שוין פאַרטיג און ווען נאַנאַן פלעגט איהם ענטפערען, אַז עס וועט באַלד פערטיג ווערען, פלעגט ער שרייען, זיך בייזערען, מאַכען געוואַלדען און פערביטערען דער אָרימער נאַ־נאַן דאָס לעבען, היינט אָבער איז ער געווען גאַנץ שטיל. ער האָט זיך אויף קיינעם ניט אומגעקוקט און האָט קיינעם ניט געפרעגט, אויב דער מיטאָג איז שוין פאַרטיג.

פראַנסוא האָט פּרובירט עטליכע מאָל רעדען צו איהם, אָבער ער האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג, פיליייכט האָט ער אויך ניט געהערט, און האָט ניט געענטפערט.

זשוליעט איז צוגעקומען צו איהם און האָט איהם געזאָגט: גוט מאָרגען! ער האָט איהר ניט געענטפערט.

— וואָס איז מיט אייך, אַנקעל? האָט זיא איהם געפרעגט פריינדליך.

ער האָט איהר ניט געענטפערט און זיא האָט עס דערצעהלט איהר מוטער.

דאָס עסען איז באַלד פאַרטיג געוואָרען און מען האָט זיך געזעצט צום טיש, נאַנאַן האָט איהם גערופען. ער איז געגאַנגען עסען. ער האָט שטענדיג געהאַט אַ גוטען אַפּעטיט. דאָס מאָל אָבער האָט ער געגעסען זעהר ווייניג און אין דער גאַנצער צייט פון דעם מיטאָג־עסען האָט ער ניט אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט.

דיא גוטע נאַנאַן איז געוואָרען אונרוהיג. זיא האָט גוט געקענט איהר ברו־דער און האָט געוואוסט, אַז דאָס איז געגען זיין כאַראַקטער. זיא האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט איהם ענדליך געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, זשאַק? פעהלט דיר עפּעס?

— עס איז מיר גאָר ניט, איז געווען דיא אַנטוואָרט.

מעהר האָט מען פון איהם ניט געקענט ארויסקריגען א וואָרט. נאָך'ן עסען האָט ער זאָגאר פערגעסען צו פעררויכען זיין ליולקע. ער פלעגט שטענדיג רויכען זעהר שטארק.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, האָט זיך אויף קיינעם ניט אומגעקוקט און איז ארויפגעגאנגען אין זיין צימער אויף'ן צווייטען שטאָק.

— עפּעס איז נייעס מיט'ן אָנקעל, האָט דיא שעהנע זשוליעט געזאָגט צו איהר מוטער און צו איהר געליעבטען, ווען זשאק דאָראן איז ארויסגעגאנגען פון צימער.

— עפּעס איז ער מיר צו שטארק פערטראכט, האָט נאנאָן בעשטעטיגט.

— איך מיין, אז מיר זאָלען רופען טרעגאָמעין, מיט איהם וועט ער רעדען, איהם וועט ער אלעם דערצעהלען.

און אין דער צייט איז זשאק דאָראן ארומגעגאנגען אין זיין צימער און האָט גערעדט צו זיך אליין:

— איך האָב פּילייכט ניט גלייך געטהאָן, וואָס איך האָב אזוי אָבגעזי־דעלט דעם עגיפּטער. עס איז דאָך דייטליך, אז ער איז דער איינציגער מענש, וועלכער וויים פון מיין געהיימניס. ער וויים דיא לעגע פון דער וועלט, וואו עס געפינען זיך מיינע מיליאָנען. פאר וואָס בין איך ניט געווען פריינדליך צו איהם? פאר וואָס האָב איך איהם געזידעלט און גערופען "לומפּ", "קראָקאָדיל" און נאָך אזעלכע שעהנע נעמען? פאר וואָס האָב איך ניט געזוכט צו מאכען מיט איהם א געשעפט, אויסצונארען ביי איהם דעם מערידיאַן, וויא ער האָט געוואָלט אויסנארען ביי מיר דעם פּאראלעל? וואָס וועט זיין, ווען דיעזער מצרים־אדוואָקאט וועט איינפּאקען זיינע זיעבען זאכען און וועט אוועקפאָהרען? דאן וועל איך מוז פאָהרען נאָך עגיפּטען איהם זוכען, דאן אָבער וועט ער שוין וועלען ארויסקוועטשען פון מיר דיא נשמה.

מיט דיעזע געדאנקען איז ער ארומגעגאנגען דעם גאנצען טאָג.

נאנאָן האָט עטליכע מאָל געוואָלט שיקען רופען טרעגאָמעין, ער זאָל ארויפגעהן צו איהר ברודער און איהם פרעגען, וואָס עס פעהלט איהם, זיא האָט אָבער מורא געהאט פאר זשאק'ען.

ענדליך איז נאכט געוואָרען און זשאק דאָראן איז ניט ארויפגעקומען צום אָבענד־עסען. פראנסוא האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאלטען. ער איז אוועקגעלאָפען צו טרעגאָמעין, איהם בעטען ער זאָל קומען אויסרעדען אָדער איבעררעדען מיט זשאק דאָראן, אָבער טרעגאָמעין איז גראדע ניט געווען אין דער היים. ער איז געווען איינגעלאדען אויף א האָכצייט און האָט געדארפט קומען אהיים גאנץ שפּעט.

דער אבענד איז פערגאנגען לאנגוויילינ און טרויעריג. נאנאָן וואָלט שוין געווען מעהר צופריעדען, איהר ברודער זאָל זיך בייזערען און זאָל שרייען אויף

איהר. זיא איז עטליכע מאָל ארויפגעגאנגען און האָט איהם געבעטען, ער זאָל געהן עסען, ער האָט אָבער איהר געענטפערט קורץ און שארף:

— געה שלאָפען! ווען איך וועל וועלען עסען, וועל איך דיך אויפוועקען.

מען האָט געמוזט זיך לעגען שלאָפען גאנץ פריה, אָבער דיא גוטע נאנאָן האָט ניט געקענט שלאָפען. זיא איז עטליכע מאָל אויפגעשטאנען פון איהר געלעגער און האָט זיך צוגעהערט: איהר ברודער איז א גאנצע נאכט ארומגעגאנגען אין זיין צימער. ער האָט אויך ניט געשלאָפען.

זיא האָט קוים דערלעבט דעם טאָג. קוים איז עס ליכטיג געוואָרען, האָט זיא אויפגעוועקט פראנסוא און האָט איהם געשיקט רופען גילדאס טרעגאָמעין.

— וועק איהם אויף! שלעפּ איהם ארויס פון בעט! ער מוז באלד קומען! האָט זיא געזאָגט צו איהר צוקינפטיגען איידעם.

פראנסוא האָט אויך אזוי געטהאָן. טרעגאָמעין איז געקומען שפּעט פון א האָכצייט און האָט געוואָלט זיך אויסשלאָפען. פראנסוא האָט געמוזט איהם ארויסשלעפּען פון בעט.

ער האָט איהם דערצעהלט, וואָס עס האָט פּאסירט מיט זשאק דאָראָן און וויא ער וויל מיט קיינעם ניט רעדען.

לאנגזאם האָט זיך דער עקס־קאַפּיטאן פון דער בארקע "דיא שעהנע אמאליע" אָנגעטהאָן און האלב פערשלאָפען איז ער ארויסגעגאנגען פון זיין שטוב. דיא פרישע קיהלע מאָרגען לופט האָט איהם אָבער אין גאנצען אויסגעניכטערט און דערפרישט.

דיא זון איז שוין געשטאנען הויך אין הימעל, ווען גילדאס טרעגאָמעין איז ארויפגעקומען צו זשאק דאָראן. ער האָט אָנגעקלאפּט אין דער טהיר און זשאק דאָראָן האָט איהם אויך באלד געעפענט.

— דוא ביסט עס? האָט זשאק דאָראָן אויסגערופען. ווער האָט דיך געבראכט צו מיר?

— דער ווינד, האָט טרעגאָמעין געענטפערט.

— און דיזער ווינד וועט, דאכט זיך, מיך ארויסטרייבען.

— דוא ווילסט ערגעץ אוועקפאָהרען?

— ווען איך וועל דארפען, וועל איך מיך ביי דיר ניט אָנפרעגען, האָט זשאק דאָראָן געענטפערט גראָב.

— דוא מעגסט דאָך אָבער מיר זאָגען וואוהין דוא ווילסט פאָהרען.

— איך וועל פאָהרען, וואוהין איך דארף.

— איך גלויב, אז ווען דוא וועסט ערגעץ פאָהרען, וועסט דוא מיך מיטנעהמען.

— פאר וואָס גלויבסט דוא אזוי?

— ווייל איך קען דיך!

דאָס איז געווען אַ ריכטיגער ענטפער. גילדאס טרעגאַמעין האָט גאַנץ גוט געקענט זיין פריינד און האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ווען ער זאָל ווירקליך וועלען ערגעץ פאָהרען, וועט ער זיך געוויס פריהער בעראַטהען מיט איהם.

ער האָט אַזוי לאַנג גערעדט איבער איהם, ביז זשאַק דאַראַן האָט איהם דערצעהלט אַלעס, וואָס מיט איהם האָט געטראָפען פאַסירט מיט בן אָמאַר'ען, וויא דיעזער טערק האָט געוואָלט אויסנאַרען ביי איהם זיין פּאַראַלעל און אַז ער האָט פערלאַנגט פאַר איהם פופציג מיליאָן פראַנק.

— דוא האָסט זיך אַבּיסעל איבעראיילט, מיין פריינד, האָט טרעגאַמעין געזאָגט, דוא האָסט געדאַרפט אויספאָרשען ביי איהם, וויא פיעל ער וועט דיר אַנבאָטען.

— איך האָב עס שפּעטער בעריעהט, האָט זשאַק דאַראַן געזאָגט, עס איז ווירקליך געווען אַ נאַרישקייט פון מיר צו אַנטלויפען פון איהם. איך בין אָבער געווען בייז, עס האָט מיך פערדראָסען פאַר וואָס ער האָט מיך געוואָלט אָבנאַרען. איך וואַרט שוין אַזוי לאַנג אויף אַ שליח פון קיאַמיל פּאַשאַ, אַז דיא אויגען זיינען מיר שיער ארויסגעקראָכען וואַרטענדיג, און ענדליך, ווען ער איז שוין יאַ געקומען, וויל ער גאָר מיך אָבנאַרען.

— זאָל עס ווירקליך זיין וואָהר? האָט טרעגאַמעין געזאָגט צו זיך אַליין. זאָל דיא געשיכטע מיט דיא מיליאָנען ניט זיין אַ טרוים, אַן איינבילדונג?

ער האָט עס אַפּילו געזאָגט גאַנץ שטיל, אָבער זשאַק דאַראַן האָט עס דאָך דערהערט און האָט אויפגעהויבען ביידע הענד, גלייך וויא ער וואָלט געוואָלט שלאָגען זיין פריינד. אָבער אין דיעזער מינוט איז נאַנאָן אַריינגעקומען אין צימער.

זשאַק דאַראַן איז אויפגעשפּרונגען און האָט אַ געשריי געטהאָן אויף זיין שוועסטער:

— נו, וואָס ווילסט דוא? וואָס קריכסט דוא צו מיר? פאַר וואָס שטערסט דוא מיר?

— עס איז געקומען אַ פרעמדער, וועלכער וויל עפּעס ריידען מיט דיר, האָט נאַנאָן זיך פערענטפערט.

— אַ פרעמדער? ווער איז ער? וואָס וויל ער?

— ער האָט מיר געגעבען זיין קאַרטע.

מיט דיעזע ווערטער האָט זיא דערלאַנגט איהר ברודער אַ קליינע קאַרטע. זשאַק דאַראַן האָט איבערגעלעזען:

— בן אָמאַר, אַדוואָקאַט, אַלעקסאַנדריע.

— דאָס איז ער! דאָס איז מיין מאַן! האָט זשאַק דאַראַן געשריען.

— ווער איז ער? האָט טרעגאַמעין געפרעגט.

— בן אָמאַר! דער שליח פון קיאַמיל פּאַשאַ!

— אזוי? ווען ער איז געקומען צו דיר, איז עס דאָך א בעוויז, אז ער דאַרף דיך, האָט טרעגאַמעין געזאָגט.

זשאק דאַראַן האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג.

— רוף איהם ארויף אהער! האָט ער געזאָגט צו זיין שוועסטער.

— ער איז אָבער ניט אליין, האָט נאַנאַן בעמערקט.

— ניט אליין? ווער איז דען דאָ מיט איהם?

— א יונגער מאַן, וועלכער ווייזט אוים אויך צו זיין א פרעמדער.

— אזוי? זיי זיינען צוויי? נו, גוט! מיר זיינען אויך צוויי, אלזאָ צוויי געגען צוויי! האָט זשאק דאַראַן אויסגערופען.

ער האָט זיך דאַן געווענדעט צו זיין שוועסטער און האָט געזאָגט צו איהר:

— שיק זיי ביידען ארויף! און דוא, טרעגאַמעין, בלייב ביי מיר. איך וויל, אז דוא זאָלסט הערען, וואָס איך וועל מיט זיי ריידען.

— ווען דוא ווילסט, וועל איך בלייבען ביי דיר, האָט טרעגאַמעין געזאָגט רוהיג.

איינינע מינוטען שפּעטער האָט נאַנאַן אריינגעפיהרט אין צימער בן אַמאַר׳ען מיט זיין בעגלייטער.

זשאק דאַראַן האָט איהר געהייסען ארויסגעהן און האָט פערשלאָסען די טהיר הינטער איהר.

קוים זיינען זיי געבליעבען אליין, האָט זשאק דאַראַן אויסגערופען:

— איהר זייט עס, הערר בן אַמאַר?

דאָס מאָל האָט ער שוין גערעדט פיעל פריינדליכער מיט דעם עגיפּ־טיאַנער.

— יאָ, איך בין עס, הערר דאַראַן.

—און ווער איז דיעזער הערר?

— דאָס איז מיין הויפּט שרייבער, מיין געשעפטס־פיהרער, האָט בן אַמאַר געענטפערט.

אלס העפליכער מענש האָט ער געפונען פאַר נויטהיג פאָרצושטעלען זיין שרייבער:

— הערר שיפּסקאַפּיטאַן זשאק דאַראַן! הערר נאַזים בן אבדאלאה!

סואד פאשא און זשאק דאַראַן האָבען זיך פערנייגט איינער פאַר דעם אנדערען.

— איז אייער שרייבער בעקאַנט מיט אונזער אנגעלעגענהייט? האָט זשאק דאַראַן געפרעגט.

— ער איז בעקאַנט מיט אלע מיינע געשעפטען און ער פערזאָרגט אויך אלע מיינע געשעפטען.

— זאָל זיין אזוי, האָט זשאק דאַראַן געזאָגט, ווען איהר פערשטעהט, אז איהר מוזט האָבען אייער שרייבער ביי זיך, בין איך אויך צופריעדען.

— מעג איך וויסען, ווער איז דיעזער העדר? האָט בן אַמאר געפרעגט און געוויזען אויף טרעגאַמעין.

— דאָס איז מיין פריינד, גילדאס טרעגאַמעין! און דאָס איז דער אדוואָ־קאט פון עגיפּטען, העדר בן אַמאר! האָט יעצט זשאק דאַראַן פאָרגעשטעלט.

— איך האָב אָבער געוואָלט רעדען מיט אייך אליין, האָט בן אַמאר, בע־מערקט.

— מיין פריינד טרעגאַמעין איז אויך גוט בעקאנט מיט אונזער אנגעלע־גענהייט און איך האַלט עס פאר נויטהיג ער זאָל זיין דערביי, ווען מיר וועלען רעדען, אזוי וויא איהר געפינט פאר נויטהיג, אז אייער שרייבער זאָל זיין דערביי.

בן אַמאר איז געוועזן שטארק אונצופריעדען, ווען ער האָט דערזעהען טרע־גאַמעין׳ס ברייטע פּלייצעס און זיינע שטארקע פאַר הענד, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט העלפען: ווען ער האָט מיטגעבראכט זיין שרייבער, מעג דאָך זשאק דאַראַן לאָזען ביי זיך זיין פריינד.

איינינע מינוטען האָבען אַלע געשוויגען. יעדער האָט פערשטאנען, אז אזא געשעפט וויא זשאק דאַראַן און בן אַמאר הויבען אָן צו פערהאנדלען, ווערט געוועהנליך אָבגעמאכט אונטער פיער אויגען, און דאָך האָט יעדער גע־וואוסט, אז דאָס מאָל מוז עס אָבגעמאכט ווערען אונטער אכט אויגען. דאָס איז אונאנגענעהם, אָבער עס קען דאָך ניט אנדערש זיין.

ענדליך האָט זשאק דאַראַן אונטערבראָכען דאָס אונאנגענעהמע שוויינען. ער האָט זיך געווענדעט צו בן אַמאר׳ען און האָט געפרעגט:

— אייער שרייבער רעדט געווים פראנצויזיש?

— ניין, העדר דאַראַן, ער רעדט נור טירקיש און אראביש.

— אָבער ער פערשטעהט פראנצויזיש?

— ער פערשטעהט נור עטליכע ווערטער.

דאָס איז געוועזן א ליגען. סואד פּאשא האָט גערעדט פראנצויזיש וויא אַן עכטער פּאריזער, אָבער ער האָט נעכטען ביינאכט אָבגערעדט מיט בן אַמאר׳ען אז ער וועט זיך פערשטעלען, אז ער פערשטעהט ניט קיין פראנצויזיש און וויים גאָר ניט וואָס מען רעדט צו איהם אין דיעזער שפּראַך.

— נו, ליעבער העדר בן אַמאר, האָט זשאק דאַראַן געזאָגט, איך דענק, אז איהר זייט געקומען צו מיר אום פאָרטצוזעצען דעם געשפּרעך, וועלכע; מיר האָבען נעכטען אָנגעפאנגען.

— גאַנץ ריכטיג, העדר דאַראַן.

— דאן האָט איהר געווים מיטגעבראכט א טשעק אויף צעהן מיליאָן, איך מיין פופציג מיליאָן פראנק.

— לאָמיר רעדען ערנסט, האָט בן אָמאר געענטפערט.

— גאנץ ריכטיג, הערר בן אָמאר! לאָמיר רעדען ערנסט. מיין פריינד טרע־גאָמעין האָט פיינד צו פערברענגען זיין צייט אומזיסט. ניט וואהר, הערר טרעגאָמעין?

טרעגאָמעין האָט זיך פערשעהמט און האָט אראָבגעלאָזען דיא אויגען.

— הערר בן אָמאר, לאָמיר פערשטעהען איינער דעם אנדערען, האָט זשאק דאָראן ווייטער געזאָגט. צו וואָס זאָלען מיר זיך פערשטעלען און צו וואָס זאָלען מיר וועלען אָבנארען איינער דעם אנדערען? איהר ווייסט, ווער איך בין און איך ווייס ווער איהר זייט...

— איך בין אן אדוואָקאט.

— איהר זייט אָבער דאָך אויך געשיקט צו מיר פון קיאמיל פאשא, האָט איהם זשאק דאָראן אונטערבראָכען, מיין פאָטער און איך האָבען אייך ערוואר־טעט זייט צוואנציג יאָהר.

— איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, הערר זשאק דאָראן, פאר וואָס איך בין ניט געקומען פריהער, איך האָב ניט געקענט קומען פריהער...

— ווארום?

— ווייל ערשט גאָר ניט לאנג, ערשט מיט א מאָנאט צוריק, האָב איך געקענט עפענען קיאמיל פאשא׳ם טעסטאמענט, פון וועלכען איך בין געוואָהר געוואָרען, אז אייער פאָטער האָט ערהאלטען אזא בריעף פון קיאמיל פאשא.

— אָה! איהר מיינט דעם בריעף, וועלכער איז אונטערשריעבען מיט א דאָפעל "קיי"? נו, גוט! יעצט קומען מיר צום ריכטיגען פונקט. איהר זייט געקומען אויסשליסליך אום צו בעקומען דיעזען בריעף?

— יא, איך בין געקומען אהער אום אייך צו זעהען און צו ערפאהרען אויב איהר האָט ווירקליך ערהאלטען דיעזען בריעף.

— נור וועגען דעם?

— נור וועגען דעם.

אין דער צייט ווען דאָראן האָט גערעדט מיט בן אָמאר׳ען, האָט טרעגאָמעין ניט אראָבגעלאָזען קיין אויג פון נאזים בן אבדאלאה, בן אָמאר׳ם שרייבער. ער האָט אויף איהם אכטונג געגעבען אום צו זעהען, פילייכט גיט ער א וואונק אָדער מאכט עפּעס א צייכען צו בן אָמאר׳ען. נאזים איז אָבער געזעסען, וויא אן אָבגעמאָלטער און טרעגאָמעין וואָלט געקענט שווערען, אז דער שרייבער פערשטעהט גאָר ניט, וואָס מען רעדט און פון וואָס מען רעדט.

— אויב עס איז אזוי, האָט זשאק דאָראן געזאָגט, אויב איהר זייט געקו־מען נור אום מיר איבערצוגעבען דעם לעצטען ווילען, דיא צואה פון קיאמיל

פּאשא, דאַן האָב איך פאַר אייך דעם גרעסטען רעספּעקט און וועל מיר מעהר ניט ערלויבען אייך צו זאָגען א גראָב וואָרט. איך בעדויער זעהר, וואָס איך האָב אייך נעכטען גערופען "קראַקאָדיל", "טויגעניכטס" און נאָך אזעלכע ניט שעהנע נעמען. אָבער איך מוז אייך דאָך זאָגען, אז איהר האָט נור וואָס געזאָגט א ליגען.

— א ליגען? וואָס רעדט איהר? ווען האָב איך אייך געזאָגט א ליגען?

— נור וואָס, האָט זשאק דאַראַן אויסגערופען. איהר האָט נור וואָס געזאָגט, אז איהר זייט געקומען אהער אום מיר איבערצוגעבען דעם לעצטען ווילען פון קיאמיל פּאשא, און דאָס איז א ליגען.

— אָבער איך קען אייך שווערען, אז...

— שווערט ניט, מיין קלוגער אדוואָקאט! איהר זייט ניט געקומען אהער פון דעם אלטען עגיפּטען אום מיר איבערצוגעבען קיאמיל פּאשאַ'ס צוואה, זאָנדערן אום געוואָהר צו ווערען, וואָס עס שטעהט אין מיין בריעף.

— גלויבט מיר, הערר דאַראַן!...

— איך גלויב אייך ניט, הערר בן אַמאַר, איך וויים, אז איהר זייט געקומען וועגען א געוויסען צוועק.

— וואָס פאַר א צוועק קען איך דען האָבען?

— דאָס וויים איך ניט גענוי, אָבער איך וויים, אז ווען איהר זאָלט געווען קומען נור אום מיר איבערצוגעבען דעם אינהאַלט פון קיאמיל פּאשאַ'ס טעסטאמענט, וואָלט איהר מיר געדאַרפט איבערגעבען מינדליך אָדער שריפטליך געוויסע ציפערען.

— ציפערען? האָט בן אַמאַר געפרעגט פערוואונדערט. וועלכע ציפערען? וואָס פאַר א ציפערען קען איך אייך איבערגעבען?

זשאק דאַראַן האָט זיך לענגער ניט געקענט איינהאַלטען.

— איהר דאַרפט מיר איבערגעבען דיא גענויע ציפערען פון א מערידיאן! האָט ער ענדליך ארויסגעפּלאַצט. קיאמיל פּאשא האָט געשריעבען צו מיין פאָטער, אז עס וועט קומען צו איהם א מאַן, וועלכער וועט איהם איבערגעבען דיא לענג פון דער וועלט, וואו...

— בראַוואָ! האָט אויסגערופען טרעגאַמעין. דאָס הייסט, גערעדט צו דער זאַך!

— איך וויל נאָך ווייטער געהן, הערר בן אַמאַר, האָט זשאק דאַראַן אויסגערופען, איהר וואָלט געדאַרפט מיר איבערגעבען דעם מערידיאַן, איהר זייט אָבער געקומען אום אויסצונאַרען ביי מיר מיין פּאַראַלעל, מיט אנדערע ווערטער, אום מיך צו בערויבען.

— בערויבען! האָט וויא פּראָטעסטירט בן אַמאַר.

— נו, זאָל זיין אויסנאַרען, איהר ווילט ביי מיר אויסנארען מיין פּאראַ־לעל אום צו בעקומען דיא מיליאָנען פון קיאמיל פּאשא.

בן אָמאר האָט יעצט גוט פערשטאנען, אז ער איז אריינגעפאלען, אז דער פראנצויז פערשטעהט מעהר, וויא איהם האָט זיך אויסגעוויעזען. ער האָט אלזאָ געזוכט זיך אויסצודרעהען און האָט געזאָגט:

— גלויבט מיר, הערר דאַראן, אז איך מיין עס גאָר ניט. גיט מיר אייער בריעף און איך וועל אייך איבערגעבען דעם מערידיאן, וועלכען איהר ווינשט.

— אלזאָ זייט איהר זיך מודה, אז איהר ווייסט, וואָס עס שטעהט אין מיין בריעף? איך האָב דעם פּאראלעל פון דעם אינזעל, וואו עס געפינען זיך קיאמיל פּאשא׳ס מיליאָנען, און איהר האָט דעם מערידיאן. מיט אנדערע ווער־טער, איך ווייס דיא ברייט פון דער וועלט, וואו יענער אינזעל געפינט זיך, און איהר ווייסט דיא לענג.

בן אָמאר האָט אראָבגעלאָזען דיא אויגען, וויא א שוהל אינגעל, ועמען מען האָט נור וואָס געכאַפּט ביי א גנבה און ער קען זיך ניט ארויסדרעהען. וויא קלוג, וויא דורכגעטריבען ער איז געווען, וויא געוואָהנט ער איז געווען צו אלע מעגלי־כע אדוואָקאטען דריידלעך, האָט ער דאָך דיעזעס מאָל ניט געוואוסט, וויא אזוי זיך אויסצודרעהען פון דיעזען איינפאכען פראנצויז.

זשאק דאַראן האָט איהם אויסגעהאָלפען.

— לאָמיר זיין אָפענהערציג, הערר בן אָמאר, האָט ער געזאָגט, מיר האָ־בען גענוג געשפּיעלט זיך אין בעהעלטעניש, לאָמיר אמאָל רעדען ערנסט און אָפענהערציג.

— לאָמיר רעדען ערנסט, האָט בן אָמאר געזאָגט שטילערהייד.

אלס אדוואָקאט איז ער אפילו ניט געוואָהנט געווען צו רעדען עהרליך און אָפענהערציג. אָבער ״נויט ברעכט אייזען״, און נויט קען אויך ברעכען דאָס פערשטעלען זיך אין בלאָפען פון אן אדוואָקאט. ער האָט ענדליך געמוזט ארויסטרעטען מיט זיין פארב און ער האָט עס אויך געטהאָן.

ער האָט געעפענט זיין גרויסען פּאָרטפעל און האָט פון איהם ארויסגענו־מען אן אלטע, געל געוואָרענע שריפט. דאָס איז געווען דאָס טעסטאמענט פון קיאמיל פּאשא, דאָס זעלבע, וואָס סואד פּאשא האָט געלעזען אין אלעקסאנדריע אין דער געגענוואַרט פון עדות.

אזוי וויא דיעזער דאָקומענט איז געווען געשריבען אין פראנצויזיש, האָט זשאק דאַראן איהם געקענט לעזען. ער האָט איהם געלעזען אזוי הויך, אז טרע־גאָמעין האָט געקענט הערען יעדעס וואָרט, און ווען ער איז געקומען צו דעם פונקט, וואו קיאמיל פּאשא גיט אָן דעם מערידיאן, האָט טרעגאָמעין גענומען א שטיק פּאפּיער און האָט זיך נאָטירט: לענג 54 גראד 57 מינוטען אָסט.

זשאק דאַראן האָט צוריקגעגעבען דעם דאָקומענט דעם אדוואָקאט, וועל־

כער האָט איהם צוגענומען, אריינגעלייגט אין זיין פּאָרטפעל און דערלאַנגט דעם פּאָרטפעל זיין הויפּט שרייבער נאזים. מען וואָלט געקענט מיינען, אז נאזים איז געבליבען גלייכגילטיג ביי דער גאנצער געשיכטע, אז עס האָט איהם ווענינ גע־קימערט, וואָס דאָ איז פּאָרגעקומען. וויא אַן עכטער טערק איז ער געזעסען מיט אראָבגעלאָזענע אויגען, פערטראכט און פערטיעפט אין זיינע געדאנקען.

דאגעגען אָבער איז זשאק דאָראן געוואָרען אונגעדולדיג. יעצט, ווען ער האָט שוין דיא לענג און דיא ברייט, דעם מערידיאן און דעם פּאראלעל פון דעם אינזעל, וואו עס געפינען זיך קיאמיל פּאשא'ם מיליאָנען, דארף ער שוין ניט דיא טערקען. ער האָט זיך אויפגעהויבען און האָט זיך פערנייגט פאר זיי, דאָס הייסט, ער האָט זיי געגעבען א וואונק, אז זיי מעגען זיך געהן.

בן אָמאר און זיין שרייבער זיינען אָבער געבליבען זיצען, גלייך וויא זיי וואָלטען ניט געזעהען אָדער ניט פערשטאנען דעם וואונק, וואָס מען האָט זיי געגעבען. גאנץ אונבעמערקט האָט נאזים געגעבען א וואונק דעם אדוואָקאט, ער זאָל עפּעס זאָגען.

— איך האָב אלזאָ אויסגעפאָלגט דעם וואונש פון קיאמיל פּאשא . . .

— און יעצט דארפען מיר נעהמען אבשיעד איינער פון דעם אנדערען, האָט איהם זשאק דאָראן אונטערבראָכען, איך קען אייך אזוי פיעל זאָגען, אז דער ערשטער בעסטער צוג געהט אָב פּונקט 10 אוהר 37 מינוט.

— זייט נעכטען געהט ער אָב פּונקט 10 אוהר 25 מינוט, האָט איהם טרעגאָמעין אויסגעבעסערט.

— נאָך בעסער, האָט זשאק דאָראן אויסגערופען, ווען ער געהט אָב אום 10 אוהר 25 מינוט, מוזט איהר זיך איילען. איהר קענט זאָגאר לאָזען אייער באַ־גאזש אין האָטעל, איך וועל עס שוין פערזאָרגען.

נאזים האָט אָנגעהויבען צו שארען מיט דיא פיס, גלייך וויא עס וואָלט זיך עפּעס געפונען אונטער איהם.

בן אָמאר איז געזעסען, וויא אויף דערנער. דאָס האָט ער ניט ערוואַר־טעט. עס איז איהם גאָר ניט איינגעפאלען, אז דער פראנצויז זאָל זיין אונ־העפליך.

— ענטשולדיגט מיר, הערר דאָראן, האָט ער געזאָגט, איך האָב נאָך ניט געזאָגט אלעס, וואָס איך האָב אייך צו זאָגען.

— איהר האָט א גרויסען טעות, הערר בן אָמאר, איך בין גאנץ צופריעדען מיט דעם, וואָס איהר האָט מיר געזאָגט און איך פערלאנג ניט מעהר צו וויסען.

— און דאָך מוז איז אייך נאָך עפּעס פרעגען . . .

— איך זעה ניט איין, וואָס איהר האָט מיך נאָך צו פרעגען, אָבער ווען איהר פערלאנגט עס, וועל איך אייך צוליעב טהאָן. וואָס ווילט איהר מיך פרעגען ?

— איך האָב אייך איבערגעגעבען דיא לענג, דעם מערידיאן...
— גאנץ ריכטיג! האָט זשאק דאַראן געזאָגט, איך און מיין פריינד טרע־גאָמעין האָבען עס שוין נאָטירט.
— דאן אָבער דארפט איהר מיר געבען דיא ברייט אָדער דעם פאראלעל, וויא עס שטעהט אין דעם בריעף, וועלכען אייער פאָטער האָט ערהאלטען פון קיאמיל פאשא.
— אין דעם בריעף צו מיין פאָטער?
— געוויס.
— ענטשולדיגט מיר, הערר בן אָמאר! האָט זשאק דאַראן אויסגערופען, זאָגט מיר דיא ווארהייט, האָט איהר ניט געהאט א בעפעהל פון קיאמיל פאשא צו קומען אהער און מיר איבערגעבען דיא לענג?
— יא, און איך האָב עס געטהאָן.
— געוויס! איהר האָט עס געטהאָן, וויא אן עהרליכער און געטרייער אדוואָקאט. דאָס איז זעהר שעהן און זעהר בראוו פון אייך, אָבער איך ווייס ניט, פון וואנען האָט איהר עס גענומען, אז איך דארף אייך איבערגעבען דיא ברייט? איך זעה עס ניט, ניט אין דעם בריעף צו מיין פאָטער, ניט אין דעם טעסטאמענט פון קיאמיל פאשא.
— און דאָך... האָט בן אָמאר אנגעהויבען.
זשאק דאַראן האָט איהם אונטערבראָכען און האָט אויסגערופען:
— און דאָך?... ווען איהר האָט א בעפעהל פון קיאמיל פאשא וועגען דיעזער אנגעלעגענהייט, בין איך בערייט אייך אויסצוהערען.
— ווען מיר ריידען אָפענהערציג און ווילען האנדלען איינער געגען אנ־דערען, וויא דזשענטעלמען, מוז מען אלעס געני איבעררעדען און אָברעדען.
— איך פערשטעה ניט, וואָס איהר מיינט, הערר בן אָמאר! וואָס נאָך האָ־בען מיר דען צו רעדען?
זשאק דאַראן איז שוין בייז געוואָרען און איז שוין בערייט געוועזען ארויס־צופלאצען און זאָגען עפּעס א גראָבהייט.
טרעגאָמעין האָט עס פערשטאנען און אום אויסצומיידען א קריעג און גע־שרייען, האָט ער געעפענט דיא טהיר, גלייך וויא ער וואָלט דערמיט געבעטען דיא הערען טרעקען ארויסצוגעהן.
בן אָמאר און זיין שרייבער נאזים זיינען אָבער געבליבען זיצען, גלייך וויא זיי וואָלטען געווען צוגעשמידט.
— איך זעה מיט פערדרוס און בעדויערען, אז איהר האָט ניט קיין צוטרויען צו מיר, הערר דאַראן, האָט בן אָמאר געזאָגט מיט א פריינדליכער, בעטענדער שטימע.
— פערגעסט ניט, הערר בן אָמאר, אז אין דעם בריעף, וועלכען קיאמיל

פּאַשאַ האָט געשיקט צו מיין פּאָטער, שרייבט ער אויסדריקליך, אז ער זאָל עס האַלטען פאַר א געהיימניס, און מיין פּאָטער האָט עס מיר אויך איבערגעגעבען אלס א געהיימניס, וויא קען איך אַלזאָ פיעל ריידען דערפון?

— ווילט איהר אָננעהמען פון מיר א גוטען ראטה? האָט בן אָמאר גע־פרעגט.

— א גוטען ראטה וועל איך געוויס אָננעהמען, האָט דאַראַן געענטפערט.

— דאן ראטה איך אייך, איהר זאָלט גאָר ניט טהאָן אין דיעזער אנגע־לעגענהייט.

— וואָס מיינט איהר דערמיט?

— איך מיין דערמיט, אז איהר זאָלט ניט פאָהרען זוכען דיא מיליאָנען.

— פאַר וואָס?

— וויל איהר קענט זיך צוזאַמענקומען מיט א מענשען, וועלכער וועט מאכען, אז איהר וועט עס בערייהען.

— מעג איך וויסען, ווער דיעזער מענש איז?

— דיעזער מענש הייסט סואד פּאַשאַ. ער איז דער איינציגער געזעצלי־כער יורש פון קיאמיל פּאַשאַ, אָבער קיאמיל פּאַשאַ האָט ביי איהם אוועקגענו־מען זיין געזעצליכע ירושה און האָט זיא אייך איבערגעגעבען. דאָס איז ניט רעכט נאָך דיא געזעצע פון עגיפּטען, און סואד פּאַשאַ איז א מאַן, וועלכער וועט שוין וויסען זיך צו פערשאַפען זיין רעכט. מיט איהם טאָר מען ניט שפּאַסען.

— קענט איהר דיעזען סואד פּאַשאַ?

— איך קען איהם ניט, אָבער איך האָב געהערט פון איהם; מען האָט מיר געזאָגט, אז ער איז א געפעהרליכער מענש.

— דאן ווען איהר וועט איהם בעגעגענען אין אייער עגיפּטען, זאָגט איהם, אז איך הער איהם, וויא דאָס פערפלאָסענע וואסער פון דעם טייך נילוס, און איך האָב קיין מורא ניט פאַר א גאַנצער ארמעע סואדס און עגיפּטישע פּאַשאַס. וויא עס ווייזט אויס, איז אין עגיפּטען דאָ מעהר פּאַשאַס, וויא מענשען.

בן אָמאר איז געבליעבען זיצען, וויא א דערשלאָגענער. נאָזים האָט זיך גע־מאכט, אז ער פערשטעהט ניט וואָס מען רעדט.

— נאַנאָן! האָט פּלוצלונג זשאַק דאַראַן א געשריי געטהאָן.

בן אָמאר האָט זיך אויפגעהויבען. זיין שרייבער איז געוואָרען אַזוי לעפיש, אז ווען ער איז אויפגעשטאַנען האָט ער איבערגעקעהרט דעם שטוהל, אויף וועלכען ער איז געזעסען.

— נאַנאָן! האָט געשריען זשאַק דאַראַן צום צווייטען מאָל.

בן אָמאר איז צוגעגאַנגען ביז צו דער טהיר, איז דאָרט געבליבען שטעהן און האָט זיך אומגעקעהרט צו זשאַק דאַראַן.

— נו, פאָהרט געזונד! האָט דאַראַן אויסגערופען.

— הערר דאַראן, איהר האָט געוויס פערגעסען, אז אין טעסטאמענט פון קיאמיל פאשא געפינט זיך א געוויסער פונקט.

— וואָס נאָך פאר א פונקט?

— אז איך זאָל פאָהרען מיט אייך און שטעהן דערביי, ווען מען וועט אויסגראָבען דיא פעסלעך מיט דיא מיליאָנען, ווייל מיר קומט מיין קאָמיסיאָן.

— איך וועל האלטען דיעזען פונקט, איהר מעגט פאָהרען מיט מיר, אָבער אויף אייערע הוצאות.

— דאן מוז איך דאָך וויסען, ווען און אויף וואָס פאר א וועג איהר פאָהרט.

— איהר מעגט עס וויסען.

— דאן זאָגט עס מיר.

— איך וועל אייך שוין לאָזען וויסען.

— ווען?

— ווען איך וועל עס געפינען פאר נויטהיג.

— פערגעסט אָבער ניט, אז איך קען ניט פאָהרען אליין, איך מוז מיט־נעהמען מיין שרייבער.

— נעהמט מיט, וויא פיעל שרייבער איהר ווילט.

אין דיעזער מינוט איז נאנאָן ארויפגעקומען פון דער קיך.

— נאנאָן! צינד אָן א ליכט און וויז דיעזע הערען דעם וועג, האָט זשאק דאַראן אויסגערופען.

— א ליכט? האָט נאנאָן געפרעגט פערוואונדערט און ערשטוינט. א ליכט? יעצט איז האלבער טאָג.

— איך הייס דיר וויזען דיעזע הערען דעם וועג, וויא אזוי אראָבצוגעהן פון דיא טרעפ.

בן אָמאר און סואד פאשא האָבען געמוזט ארויסגעהן פון צימער. זשאק דאַראן האָט א קלאפ געטהאָן מיט דער טהיר און האָט זיא פערמאכט מיט אזא ליארם, אז דיא וועגט האָבען געציטערט.

יעצט, ווען דאַראן האָט געזעהען, אז ער איז לויז געוואָרען פון זיינע געסט, האָט ער אָנגעהויבען צו לאכען אזוי הויך, אז מען האָט געוויס געהערט זיין געלעכטער אויף דער גאס און ביידע טערקען האָבען געוויס געהערט איהם לאכען.

יעצט האָט ער שוין זיין מערידיאַן! יעצט איז ער שוין זיכער, אז ער וועט אויך געפינען דיא מיליאָנען פון קיאמיל פאשא. יעצט וועלען שוין זיינע גוטע פריינד מעהר ניט לאכען פון איהם און טרעגאָמעין וועט שוין ניט וואגען צו זאָגען, ער זאָל זיך ארויסשלאָגען פון קאָפּ דיעזע נארישע געדאנקען.

—פיער מיליאָן פונט סטערלינג! צוואנציג מיליאָן דאָלאר! הונדערט מי־ליאָן פראנק! האָט ער אויסגערופען איין מאָל נאָך דעם אנדערען. יעצט בין איך איינער פון דיא רייכסטע מענער אין פראנקרייך!

— יאָ... דאָס איז אַ גרויסע סומע געלד, האָט דער עקס־קאַפּיטאַן פון דער באַרקע געזאָגט צו זיך אַליין. אָבער מען מוז עס פריהער האָבען אין קעשע־נע, דערווייל איז עס נאָך אויף'ן פּאַפּיער.

— דוא האָסט אַ טעות, פריינד טרעגאָמעין! האָט זשאַק דאַראַן אויסגערו־פען, עס זיינען עכטע גוטע צוואַנציג מיליאָן! איך בין אַ מיליאָנער!

מיט דיעזע ווערטער האָט ער ארומגענומען דעם גוטען, שטילען גילדאַס טרעגאָמעין און האָט אָנגעהויבען צו טאַנצען און צו זינגען:

— איך בין אַ מיליאָנער!

9טעם קאַפּיטעל.

דיא יאָגעניש נאָך דעם אוצר

אין דער צייט, ווען זשאַק דאַראַן האָט אונטערהאַנדעלט מיט בן אָמאַר'ען, זיינען פראַנסוא און זשוליעט געגאַנגען מאַכען פּאָרבערייטונגען פאַר זייער האָכ־צייט. ניט פראַנסוא און ניט זשוליעט האָט געוואוסט, אַז גאָר פּלוצלונג איז ארויפגעקומען פון עגיפּטען אַ וואָלקען אויף זייער גליקס הימעל און אַז דיעזער וואָלקען וועט ברענגען אַ שרעקליכען שטורם אין זייער לעבען.

זיי האָבען געליעבט איינער דעם אַנדערען מיט דעם גאַנצען פייער פון זייער יונגער ליעבע און זיי האָבען זיך געפיהלט איבערגליקליך. פראַנסוא האָט ערשט מיט אַ טאָג פריהער בעקומען אַ בריעף פון אַ גרויסער שיפסקאָמפּאַניע אַז ער וועט באַלד האָבען אַ שטעלע פון אַ שיפסקאַפּיטאַן אויף אַ דאַמפּף־שיף, וועלכע מאַכט רייזען צווישען מאַרסעל און מעלבורן, אויסטראַליען. דאָס איז געווען אַ וויכטיגע שטעלע, וועלכע האָט זיך זעהר גוט בעצאָהלט.

פראַנסוא איז אַלזאָ געווען דאָפּעלט גליקליך. ער האָט דערגרייכט זיין ציעל: ער איז שוין שיפסקאַפּיטאַן פון אַ שיף, וועלכע מאַכט ווייטע רייזען, און באַלד וועט ער זיך פעראייניגען מיט זיין היים געליעבטער זשוליעט.

זשוליעט איז אפילו געווען ניט אזוי שטאַרק צופריעדען דערפון, וואָס איהר חתן האָט שוין בעקומען אַ שטעלע און וועט מוזען אַ קורצע צייט נאָך דער האָכצייט אוועקפאָהרען אויף איייניגע מאָנאַטען. זיא וואָלט געווען פיעל מעהר צופריעדען, ווען איהר פראַנסוא וואָלט געבליבען אין דער היים וועניגסטענס אַ גאַנץ יאָהר נאָך דער האָכצייט. אין סען מאַלאָ אָבער, וואו כמעט אַלע איינ־וואָהנער זיינען געווען מאַטראָזען און פישער, זיינען דיא פרויען שוין געוואָהנט דערצו, אַז זייערע מענער זאָלען אוועקפאָהרען אויף וואָכען און מאָנאַטען.

פראַנסוא און זשוליעט פלעגען דארום פערברייינגען דיא צייט צוזאַמען. זיי פלעגען אַ גאַנצען טאָג ארומגעהן צוזאַמען, פלעגען פערזאָרגען אַלעס, וואָס איז

נויטהיג געווען צו דער הָאכציים, בעזאָנדערס אָבער זייער נייע וואָהנונג. דאָ פּלעגען זיי ביידע ווירטהשאַפטען. זשוליעט פּלעגט מאַכען א פּלאַן, אז אין דיעזען צימער זאָלען זיך געפינען פראַנסוא׳ס ביכער, אינסטרומענטען און סאָווענירס, עראינערונגען, זעלטענע זאַכען, וועלכע ער וועט ברענגען פון זיינע וויימע רייזען; פראַנסוא אָבער פּלעגט געפינען, אז דיעזעס צימער פּאַסט בעסער פאר אַן עס־צימער און אַן אַנדער צימער פּאַסט גאָר פאר זיין שטודיר־צימער.

גילדאַס טרעגאַמעין פלעגט קומען זעהר אָפט זעהן און הערען, וויא דיא יונגע לייט קריעגען זיך און ליעבען זיך. פאר איהם פּלעגען זיי אַלעס דערצעהלען און ער פּלעגט זיי ראַטהען, וויא אַזוי צו טהאָן און וואָס צו טהאָן. זיי האָבען איהם געליעבט וויא א פאָטער און ער האָט זיי געליעבט וויא זיינע איינענע קינדער.

אַלעס וואָס פראַנסוא האָט ניט געקענט זאָגען און ארויסזאָגען פאר זיין אָנקעל, זשאַק דאַראַן, פלעגט ער ארויסזאָגען און דערצעהלען גילדאַס טרעגאַמעין, און דער אַלטער טרעגאַמעין פּלעגט אָפט זאָגען:

— אַך! איך וואָלט זעהר געוואָלט, איהר זאָלט שוין זיין פערהייראַטה.

— פאר וואָס ווילט איהר עס, פאָטער גילדאַס? פּלעגט זשוליעט פרעגען.

— אייער אָנקעל איז אין דער לעצטער צייט עפּעס אַזוי זאָנדערבאַר, אַז איך ווייס שוין ניט וואָס צו דענקען פון איהם. ער האָט זיך ארייננענומען אין קאָפּ א שגעון, א מאַניע, אַז ער האָט ערגעץ מיליאָנען, און ווען ער הויבט אָן צו רעדען פון זיינע מיליאָנען, קען מען שוין גאָר ניט אויסקומען מיט איהם.

פראַנסוא האָט אויך אַזוי געדענקט. ער האָט געהאַלטען זשאַק דאַראַן פאר א גאַנץ גוטען און א גאַנץ קלוגען מענשען, אָבער ווען איינער רעדט זיך איין, אַז ער האָט מיליאָנען און ער וועט באַלד בעקומען מיליאָנען, איז עס א בעוויז, אַז ביי איהם אין אויבערשטיבעל איז עפּעס ניט אין אָרדנונג.

— איך וואָלט שוין גערן דערלעבען דעם 5טען אַפּריל, דעם טאָג פון מיין הָאכצייט, פלעגט פראַנסוא זאָגען זעהר אָפט.

עס האָט איהם אָבער וועניג געהאָלפען. דיא הָאכצייט האָט געדאַרפט זיין דעם 5טען אַפּריל און היינט איז ערשט געווען דער 20טער מערץ.

גאַנץ פריה איז ער מיט זשוליעט געגאַנגען צו זייער גייסטליכען ארויסנעהמען דיא נויטהיגע דאָקומענטען, ווען זיי זיינען געבאָרען געוואָרען. ביידע זיינען זיי היינט געווען בעזאָנדערס גליקליך און בעזאָנדערס פרעהליך, ווייל זיי זיינען יעצט געווען זיכער, אַז קיין זאַך וועט שוין ניט שטערען זייער הָאכצייט.

געגען צעהן אוהר זיינען זיי געקומען אהיים. זיי זיינען אָנגעקומען פּונקט אין דער מינוט, ווען בן אָמאַר און סואַד פּאשאַ זיינען ארויסגעגאַנגען פון דאַראַן׳ס הויז.

פראַנסוא האָט צוערשט דערזעהן די צוויי מענשען מיט רויטע פעסעס אויף׳ן

קאָפּ ארויסגעהן פון דעם הויז, ביידע האָבען געדעדט אין דער הויף א פרעמדע שפּראַך, טירקיש אָדער אראביש און האָבען דערביי שטארק געמאכט מיט דיא הענד.

עס האָט איהם פערקלעמט ביים הארצען, גלייך וויא ער וואָלט דערזעהען זיין שיקזאל. אמת, ער האָט ניט געוואוסט, ווער דיעזע פרעמדע זיינען, וואָס זיי ריידען און צו וואָס זיי זיינען געוועזען ביי זשאק דאָראן, אָבער דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט, אז דיעזע מענשען מיט דיא רויטע היטלען אויף'ן קאָפּ האָבען געבראכט ניט גוטעס פאר איהם און פאר זיין געליעבטער זשוליעט.

ווען פראנסואַ און זשוליעט זיינען אריינגעגאנגען אין פאָרהויז, האָבען זיי דערהערט, וויא זייער אָנקעל טאנצט און זינגט ביי זיך אין צימער.

— אום גאָטעס ווילען! וואָס איז דאָס? האָט פראנסואַ אויסגערופען. איז אונזער אָנקעל אראָב פון זינען?

נאָכאָן האָט דערהערט פראנסואַ'ס שטימע אין קיך און זיא איז ארויסגע־קומען.

— וואָס איז דאָס, ליעבע טאנטע? האָט פראנסואַ געפרעגט. וואָס טהוט זיך דאָ ביי אונז?

— אייער אָנקעל טאנצט, האָט דיא שטילע נאָנאָן געענטפערט.

— דאָס איז אָבער אונמעגליך!

— נו, דאן טאנצט עס טרעגאָמעין, האָט נאָנאָן געענטפערט.

— טרעגאָמעין טאנצט? וואָס רעדט איהר, טאנטע? דאָס קען ניט זיין!

— פיליכט טאנצט ער אבזיכטליך אום צו קרענקען דעם אָנקעל, האָט זשוליעט בעמערקט.

— לאָמיר זעהען, וואָס דאָרטען טהוט זיך, האָט פראנסואַ געבעטען.

אַלע דריי זיינען אריינגעגאנגען אין זשאק דאָראן'ס צימער.

פאר זיי האָט זיך פאָרגעשטעלט א זאָנדערבארעס בילד. דער ערנסטער, בייזער, אויפגערעגטער זשאק דאָראן האָט געטאנצט, געשפרונגען און געזונגען וויא א וואהנזיניגער. און זאָנדערבאר, אויך דער רוהיגער, איבערלעגטער, גע־לאסענער טרעגאָמעין האָט פון צייט צו צייט א שפּרונג געטהאָן פאר פרייד.

פראנסואַ האָט אין ערשטען אויגענבליק געמיינט, אז זשאק דאָראן איז ווירקליך אראָב פון זינען, ווען ער האָט אָבער איהם געהערט שרייען: „איך האָב מיין לעבען!" און דער רוהיגער טרעגאָמעין האָט אויך ווידערהאָלט: „ער האָט זיין מערידאַן!" דאן איז פראנסואַ געוואָרען בלייך און האָט זיך דערמאָנט אָן דיא צוויי פרעמדע, וועלכע ער האָט נור וואָס בעגעגענט, ווען ער איז צוגעקומען צו זיין אָנקעל'ס הויז.

ער איז צוגעקומען צו זשאק דאָראן און האָט געפרעגט מיט א ציטערענ־דער שטימע:

— וואָס איז געשעהען, ליעבער אָנקעל?
— איך האָב מיין לענג!
— ער האָט זיין מערידיאַן! האָט טרעגאָמעין צוגעשטימט.
— וואָס רעדט איהר? וויא איז דאָס מעגליך? האָט פראַנסוא געפרעגט זיין גוטען פריינד טרעגאָמעין.

טרעגאָמעין האָט זיך אנידערגעזעצט אויף א שטוהל אזוי פעסט, אז דער שטוהל איז צובראָכען געוואָרען אונטער איהם. דאָס האָט איהם בערוהיגט, און ער האָט דערצעהלט פראַנסוא און זשוליעט אלעס, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זשאק דאָראן זייט נעכטען, וויא אזוי ער האָט בעגעגענט דעם אדוואָקאַט בן אָמאר פון עגיפּטען און וויא בן אָמאר האָט ביי איהם געוואָלט אויסנארען דעם בריעף פון קיאַמיל פּאַשא און וויא ענדליך זשאק דאָראן האָט אָבגענאַרט דעם טערק.

— יעצט, ווען זשאק דאָראן וויים שוין דעם מערידיאַן און דעם פּאַראַ־לעל פון דעם אינזעל, וואו קיאַמיל פּאַשא האָט פערגראָבען זיינע מיליאָנען, קען ער גאַנץ לייכט פאָהרען און זיי נעהמען, האָט טרעגאָמעין געענדיגט זיין ערצעהלונג.

— אָבער, אָנקעל, ווען דיא צוויי עגיפּטיאַנער ווייסען, וואו דיעזע מי־ליאָנען געפינען זיך, וועלען זיי קומען און אויסגראָבען דיעזע מיליאָנען פריי־הער פון אייך, האָט פראַנסוא בעמערקט.

— אזוי מיינסט דוא? האָט זשאק דאָראן אויסגערופען, דענקסט דוא ווירקליך אז איך בין אזא נאר און האָב זיי געגעבען מיין פּאַראַלעל? מיינסט דוא ווירקליך, אז זשאק דאָראן איז שוין אזא פערד, אז ער האָט זיי געגעבען דעם שליסעל צו זיין קאַסע?

— און נאָך וואָס פאַר א קאַסע! צוואַנציג מיליאָן! האָט טרעגאָמעין צוגעשטימט.

דער גוטער טרעגאָמעין האָט געוויס גערעכענט, אז ער וועט דערמיט פערשאַפען פרייד פראַנסוא און זשוליעט; זיי וועלען אויך אָנהויבען צו טאַנ־צען, וויל זייער אָנקעל איז יעצט א מיליאָנער. דיא יונגע לייט אָבער האָבען גוט געפיהלט, אז דיעזע מיליאָנען זיינען אן אונגליק פאַר זיי. דיא יונגע לייט האָבען גוט פערשטאַנען, אז יעצט וועלען זיי שוין ניט קענען הייראַטהען דעם 5טען אפּריל און גאָט וויים ווען זיי וועלען קענען הייראַטהען. און צו וואָס דאַרפען זיי דיעזע מיליאָנען? זיי קענען גליקליך זיין אָהן דיא מי־ליאָנען. עס איז שוין א בעקאַנטע זאַך, אז ווען מען בעקומט מיט אמאָל פיעל געלד, ברענגט דיעזעס געלד קיין גליק. געלד מוז מען פערדיענען, אויף געלד מוז מען ארבייטען. פראַנסוא און זשוליעט האָבען אראָבגעלאָזען דיא קעפּ און האָבען זיך פערטראַכט.

זשאק דאַראַן האָט אויפגעהערט צו טאַנצען און צו שפּרינגען. ער האָט א קוק געטהאָן אויף זיין שוועסטער, אויף זיין ניכטע און אויף זיין פערוואַנדעטען פראַנסוא און האָט אויסגערופען שטאָלץ:

— יעצט בין איך א מיליאָנער! א ראָטהשילד! ווער איז יעצט גלייך צו מיר? איך פערמאָג צוואַנציג מיליאָן דאָלאַר! הונדערט מיליאָן פראַנק! איהר האָט אמאָל געזעהען א מיליאָן אין איין האַנד? א מיליאָן גאָלד שטיקע, ניט נאַפּאָלעאָנס, זאָנדערן ענגלישע פונט סטערלינג.

קיינער האָט איהם ניט געענטפערט. אלע האָבען אראָבגעלאָזען דיא אויגען און האָבען געשוויגען.

ענדליך האָט זיך זשאק דאַראַן געווענדעט צו זיין שוועסטער און האָט געפרעגט:

— נו, וואָס זאָגסט דוא עפּעס דערצו, נאַנאָן?

— וואָס זאָל איך זאָגען? האָט נאַנאָן געענטפערט. עס איז געוויס א גרויסעס פערמעגען, א רייכטהום.

— א רייכטהום? עס איז מעהר וויא א רייכטהום! האָט זשאק דאַראַן געשריען. עס איז לייכט ארויסצוזאָגען: הונדערט מיליאָן פראַנק! פּראָבירט אָבער איבערצעהלען הונדערט מיליאָן!... נו, וואָס זאָגסט דוא דערצו, מיין ליעבע זשוליעט? וויא געפעהלט דיר אזא פערמעגען?

— ליעבער אָנקעל, איך דענק, אז מען דאַרף גאָר ניט זיין אזוי רייך אום צו זיין גליקליך, האָט זשוליעט געענטפערט טרויעריג.

— אה, איך ווייס עס! האָט זשאק דאַראַן אויסגערופען. איך קען שוין אייער ביכער־מאָראַל: "געלד איז נאָך ניט קיין גליק", "מען קען עסען א טרוקען שטיקעל ברויט און דאָך זיין גליקליך". דאָס אלעס שטעהט אין קינדער ביכלעך און איז גוט פאר קליינע קינדער. מיר מענער, ווייסען אָבער גאַנץ גוט, אז א מיליאָן איז א מיליאָן און צוואַנציג מיליאָן זיינען בעסער פון איין מי־ליאָן, און טאַקע: "ווער עס האָט געלד, דער האָט דיא וועלט", ווער עס האָט געלד, דער האָט אלעס, אָהן געלד האָט מען גאָר קיין ווערטה ניט... נו, וואָס זאָגט איהר דערצו, מיין הערר שיפסקאַפּיטאַן פון לאַנגע רייזען?

— איך דענק, אז קיאַמיל פאשא האָט ניט שעהן געהאַנדעלט געגען אייך, האָט פראַנסוא געענטפערט.

— פאר וואָס מיינסט דוא עס אזוי, הערר שיפסקאַפּיטאַן?

— קיאַמיל פאשא האָט נאָך געדאַרפט צולעגען דעם טיטול פאשא צו זיינע מיליאָנען, האָט פראַנסוא געזאָגט גאַנץ ערנסט. מיליאָנען אָהן א טיטול האָבען גאָר קיין ווערטה ניט. זאָגאַר דער נאָמען ראָטהשילד קלינגט נור דאַן גאַנץ גוט, ווען פאר איהם שטעהט דער טיטול באַראָן אָדער לאָרד.

— אלזאָ, זשאק דאַראן פּאשא! האָט אויסגערופען טרעגאַמעין און האָט ארויסגעלאָזען א געלעכטער, אז דאָס גאנצע הויז האָט געציטערט.

— רוהיג דאָך! האָט זשאק דאַראן אויסגערופען. בלייבט דאָך רוהיג, איהר עקס־קאפּיטאן פון דער בארקע דיא "שעהנע אמאליע". מיין נעפּע, הערר פראנסוא, מעג פערלאַנגען פאר מיר א טיטול, אָבער איהר, הערר עקס־קאפּי־טאן, זאָלט ניט וואגען צו לאכען פון מיר.

— איך לאַך ניט פון דיר, מיין ליעבער גוטער, אלטער פריינד! האָט טרע־גאַמעין געענטפערט ערנסט. דו ביסט יעצט א מיליאָנער און מעגסט זיך זאָגאר שעהמען מיט דעם אלטען עקס־קאפּיטאן פון אן אָרימער בארקע.

— איך שעהם מיך ניט מיט דיר, מיין אלטער פריינד! האָט זשאק דאַ־ראן אויסגערופען.

— נו, גוט! אויב אזוי קענען מיר רעדען.

— רעד! זאָג, וואָס דו ווילסט.

— לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז דו האָסט שוין דיעזע מיליאָנען, האָט טרעגאַמעין געזאָגט ערנסט.

— וואָס הייסט, לאָמיר זיך פאָרשטעלען! האָב איך דען שוין ניט דיעזע מיליאָנען? האָט דאַראן געפרעגט.

— נו, גוט! דו האָסט דיעזע מיליאָנען, האָט טרעגאַמעין געזאָגט. דו ביסט געוואָהנט צו וואָהנען אין א קליין שטעדטעל וויא סען מאלאָ און צו לעבען איינפאַך. דו עסט, ווען דו ווילסט און וואָס דו ווילסט; דו טרינקסט ווען דו ווילסט און וואָס דו ווילסט; דו געהסט אָנגעטהאָן וויא אלע איינוואָהנער פון סען מאלאָ. און דו האָסט מיט אמאָל, גאָר פּלוצלונג, בעקומען אזוי פיעל מיליאָנען, וואָס וועסט דו מאכען מיט אזוי פיעל געלד?

— איך וועל טהאָן מיט מיין געלד, וואָס איך וועל נור וועלען! האָט דאַראן געענטפערט שטאָלץ.

— דאָס גיב איך צו, אָבער דו וועסט דאָך געוויס ניט וועלען אויסקוי־פען גאנץ סען מאלאָ?

— פאר וואָס ניט? איך וועל אָבקויפען גאנץ סען מאלאָ, גאנץ סען סער־וואן און גאנץ דינאר (צוויי דערפער לעבען סען מאלאָ). נאָך מעהר, איך וועל אָבקויפען דעם טייך ראנס מיט אלע בארקעס, וועלכע געהן אויף איהם.

זשאק דאַראן האָט געוואָלט א שטאָך טהאָן זיין פריינד טרעגאַמעין און דא־רום האָט ער געזאָגט, אז ער וויל אָבקויפען דעם טייך ראנס מיט אלע בארקעס אויף איהם.

— נו, גוט! האָט טרעגאַמעין געזאָגט. איך גיב צו, אז דו וועסט אָב־קויפען דיעזע אלע זאכען, אָבער וואָס ווערט דערפון? וועסט דו דען קענען אויפעסען איין ביסען ברויט מעהר, וויא פיעל דו עסט יעצט? וועסט דו דען

קענען אויסטרינקען איין גלאָז ווין מעהר, וויא פּיעל דוא טרינקסט יעצט? דוא מוזט דיר דאַן קויפען נאָך אַ מאָגען, און איבריגען מאָגען, דאָס איז דאָך אָבער אונמעגליך.

— איך וועל קויפען, וואָס איך וועל נור פערלאַנגען! האָט זשאַק דאָראַן געשריען, און דוא, עקס־קאַפּיטאַן פון אַ באַרקע אויף דעם טייך ראַנס, דאַרפסט מיר ניט דערצעהלען, וואָס איך זאָל קויפען. איך וויל ניט, אַז מען זאָל מיר שוין זאָגען, וואָס איך וועל טהאָן און וואָס איך זאָל טהאָן מיט מיינע מי־ליאָנען.

דערביי האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף דיא צוויי פערליעבטע, גלייך וויא ער האָט זיי געגעבען אַ וואונק, אַז זיי זאָלען זיך ניט אריינמישען אין זיינע אנגעלעגענהייטען.

— וואָס געהט עס אייך אָן, וואָס איך וועל טהאָן מיט מיינע מיליאָנען? האָט ער ווידער געפרעגט. איך וועל זיי אויפעסען! איך וועל זיי פערברע־נען! איך וועל זיי ארויסוואַרפען אויף דער גאַס! איך וועל איבערלאָזען אַ מיליאָן פאַר זשוליעט און אַ מיליאָן פאַר פראַנסוא.

— זאָג בעסער צוויי מיליאָן פאַר ביידע.

— פאַר וואָס זאָל איך אַזוי זאָגען?

— ווייל זיי וועלען דאָך באַלד הייראַטהען, האָט טרעגאַמעין ארויסגע־פּלאַצט.

ער האָט דערמיט אויסגעשטאָכען דעם בלאָטער. ער האָט בעריהרט דיא וויכטיגסטע פראַגע.

— רוהיג זיין, הערר עקס־קאַפּיטאַן פון אַ באַרקע! רעד קיין וואָרט מעהר דערפון! געה בעסער אויף דיין באַרקע דיא "שעהנע אמאַליע" און פאָהר ארום אויף דעם טייך ראַנס!

פראַנסוא און זשוליעט האָבען אראָבגעלאָזען דיא אויגען. זיי האָבען גוט געוואוסט, אַז יעצט האַנדעלט עס זיך וועגען זייער גליק.

טרעגאַמעין האָט זיך אָבער ווענינ איבערגעשראָקען פאַר זיין פריינד, וועל־כער איז פּלוצלונג געוואָרען אַ מיליאָנער. ער האָט זיך געווענדעט צו איהם פריי און אָפען און האָט געזאָגט:

— פערגעס ניט, זשאַק, אַז דוא האָסט געגעבען דיין וואָרט, אַז דיא יונגע לייט זאָלען הייראַטהען דעם 5טען אַפּריל.

— האָב איך דען ניט געשטעלט אַ בעדינגונג?

— וואָס פאַר אַ בעדינגונג?

— זיי זאָלען הייראַטהען, ווען ביז דעם 5טען אַפּריל וועט קיינער ניט קומען און מיר מעלדען מיין מערידיאַן. עס איז אָבער דאָך געקומען איינער און איך האָב שוין מיין מערידיאַן.

— דעסטאָ בעסער! גראָדע יעצט, ווען דו ביסט געוואָרען א מיליאָנער, דארפסט דוא זעהן, אז דיעזע יונגע לייט, דיינע פערוואנדטעטע, דיין בלוט און פליישׁ, זאָלען הייראטהען און זאָלען גליקליך זיין.

— איך וויל אויך, אז זיי זאָלען גליקליך זיין און דארום וועל איך זוכען פאר מיין טהייערער זשוליעט א פּרינץ פאר א מאן. זשוליעט איז ווערטה צו זיין א פּרינצעסין.

— מען מוז דאָך צוערשט זוכען אזא פּרינץ.

— איך וועל שוין געפינען, האָט זשאק דאָראן אויסגערופען, פאר געלד קען מען היינט קויפען גאנץ לייכט דעם בעסטען פּרינץ, אויך פראנסוא זאָל הייראטהען א פּרינצעסין.

— איך ווייס גאָר ניט, אויב עס וואלגערען זיך אין דיא גאסען פּרינצען און פּרינצעסינען, האָט טרעגאָמעין בעמערקט.

— וואָס ווייס א קאפּיטאן פון א בארקע? האָט דאָראן אויסגערופען מיט פעראכטונג. "געלד איז דיא וועלט", פאר געלד קען מען זאָגאר קויפען א קע־ניג. היינטיגע צייטען זיינען קעניגע גאָר ניט אזוי טהייער, וויא זיי פלעגען אמאָל זיין. מען קען היינט קויפען א קרוין פיעל לייכטער, וויא בעקומען מי־ליאָנען.

— אָבער מען מוז דאָך פריהער זוכען, האָט זיך טרעגאָמעין שוין געביי־זערט.

— מען קען זיי געפינען אין צייטונגען און אין אלמאנאכען, האָט זשאק דאָראן געענטפערט, עס איז היינט א מאָדע, מען זאָל אלעס אָנצייגען אין צייטונגען... אָבער גענוג פאר היינט! לאָזט מיך אליין!

אלע האָבען געמוזט ארויסגעהן. פראנסוא איז געווען טרויעריג, זשוליעט האָט אָנגעהויבען צו וויינען. דאָס האָט ניט געקענט אויסהאלטען דער אלטער עקס־קאפּיטאן פון א בארקע.

— איך קען ניט ליידען, ווען מען וויינט, האָט ער אויסגערופען, איך בעט דיך, ליעבע זשוליעט, וויין ניט, האָט ער געזאָגט, ווען זיי זיינען אריינגעקו־מען אונטען אין פראָנט צימער.

— אַך! יעצט איז אלעס פערלאָרען! האָט זשוליעט געוויינט, איך קען מיין אָנקעל גאנץ גוט. ווען ער האָט זיך איינגעשפּארט, אז איך מוז הייראטהען א פּרינץ, וועט ער ניט נאָכגעבען. דיא מיליאָנען האָבען איהם פערדרעהט דעם קאָפּ.

— ליידער, איז עס וואהר, האָט נאנאָן געזאָגט טרויעריג, מיין ברודער איז א גרויסער עקשן. ווען ער שפּארט זיך עפּעס איין, קען מען איהם ניט אָב־רייסען מיט אָקסען.

— איך דארף איהם ניט! האָט פראנסוא אויסגערופען, איך קען הייראַ־טהען אָהן זיין איינוויליגונג!

— דאָס איז וואהר, האָט טרעגאָמעין געענטפערט. איהר מעגט הייראטהען אָהן זיין איינוויליגונג, ווייל איהר זייט פאָליעהריג, זשוליעט אָבער קען עס ניט, ווייל זיא איז נאָך ניט אלט צוואנציג יאָהר. אויסער דעם איז ער איהר אַפּעקון און זיא טאָר ניט הייראטהען אָהן זיין איינוויליגונג.

— פערגעס ניט, ליעבער פראנסוא, אז ער איז דער הויפּט פון אונזער פאַמיליע, האָט נאנאָן געזאָגט, מיר מוזען טהאָן, וואס ער הייסט אונז.

— הערט מיך אויס, מיינע פריינד, האָט טרעגאָמעין געבעטען, מיין מיינונג איז, אז מיר זאָלען זיך דערווייל ניט שטעלען געגען איהם. היינט איז איהם דער קאָפּ אזוי פערדרעהט פון זיינע מיליאָנען, אז ער ווייס ניט, וואָס ער רעדט. לאָמיר איהם לאָזען לויפען א געוויסע צייט; זאָל ער זיך אביסעל אויסניכטערען. איך דענק, אז זיין שגעון וועט באלד אריבערגעהן. ער וועט זיך בערוהיגען, ער וועט זיך איבערלעגען, דאן וועט ער אליין פערשטעהן, אז עס איז א גרויסער אונזין צו וועלען פערהייראטהען זשוליעט מיט א פּרינץ, ווען זיא ליעבט אזוי היים און אזוי שטארק איהר פערוואנדטען פראנסוא.

— איהר האָט רעכט, אונזער גוטער אלטער פריינד! האָט זשוליעט אויסגערופען, איך דענק אויך, אז מיט גוטען וועלען מיר מיט איהם בעסער מאכען, וויא מיט בייזען.

— פערגעסט אויך ניט, אז דערווייל האָט ער נאָך ניט זיינע מיליאָנען, האָט דער עקס־קאפּיטאן פון דער בארקע בעמערקט.

— איך פערגעס גאָר ניט, האָט פראנסוא געזאָגט ערנסט. מיט זיין מערידיאן וועט ער נאָך האָבען פיעלע שוויריגקייטען אויסצוגעפינען דעם אינזעל. איך ווייס גאַנץ גוט, אז אויסגעפינען דיא לענג און דיא ברייט פון א געוויסען פּונקט איז ניט אזוי לייכט. א קליינער פעהלער, א האלבע סעקונדע, איז שוין אן אונטערשיעד אין עטליכע מייל, און ווען עס זאָל שוין אלעס זיין גאָר אזוי גענוי, גאָר אזוי ריכטיג, וויא עס שטעהט איןביידע דאָקומענטען, וועט עס נאָך אויך נעהמען פיעל צייט, ביז ער וועט בעקומען דיעזע מיליאָנען.

— מוז עס ווירקליך נעהמען אזוי פיעל צייט, ביז מען קומט אהין? האָט זשוליעט געפרעגט.

— יא, ליעבע זשוליעט, האָט פראנסוא געענטפערט, עס מוז נעהמען זעהר פיעל צייט... אך! דיעזער אָנקעל און זיינע פערדאמטע מיליאָנען!

— פערדאם בעסער דיא צוויי טערקען, וועלכע זיינען היינט געקומען צו אונז, האָט נאנאָן געבעטען. ווען איך זאָל געוועזן ווייסען, אז זיי קומען פערדרעהען מיין ברודער דעם קאָפּ מיט זייער לענג און ברייט, וואָלט איך זיי ארויסגעטריבען מיט א בעזים.

— דאָס וואָלט ווייניג געהאָלפען, ליעבע טאנטע, האָט פראנסוא געזאָגט, בן אָמאר וואָלט געשיקט רופען דעם אָנקעל צו זיך אין האָטעל. וויא איך פער־

שטעה, האָט ער דערביי א גרויסע אינטערעסע. ווען ער איז געקומען פון עגיפּ־טען נאָך סען מאלאָ אום איבערצוגעבען דעם אָנקעל עטליכע ווערטער, האָט ער עס דאָך ניט געטהאָן אומזיסט.

— אלזאָ וועט דער אָנקעל באלד אוועקפאָהרען? האָט זשוליעט געפרעגט.

— געוויס, האָט טרעגאָמעין געענטפערט. יעצט, ווען ער וויים שוין גאנץ גענוי, וואו עס געפינען זיך זיינע מיליאָנען, וועט ער געוויס פאָהרען זיי זוכען.

— איך וועל פאָהרען מיט איהם, האָט פראנסוא געזאָגט.

— דוא, פראנסוא? דוא ווילסט פאָהרען מיט איהם? האָט זשוליעט גע־פרעגט פערוואונדערט.

— איך מוז עס טהאָן, ליעבע זשוליעט, איך מוז פאָהרען מיט איהם אום צו וואכען איבער איהם; ער קען נאָך בעגעהן א פעהלער; עס וועט איהם אויך ניט לייכט זיין אויסצוגעפינען דיעזען אינזעל, ווייל ער האָט ניט אויס־געהאלטען אן עקזאמען פון קאָסמאָגראפיע. ער איז געווען א שיפסקאפּיטאן פון קורצע רייזען, אָבער ניט פון לאנגע וועלט־רייזען און יעצט מוז ער מאכען א וועלט־רייזע.

— פראנסוא האָט רעכט, האָט טרעגאָמעין צוגעשטימט, אייער אָנקעל איז אזוי אויפגערעגט, אז מען קען איהם ניט לאָזען אליין. ווער וויים, מיט וועלכע מענשען ער וועט מוזען זיך צוזאמענקומען, און פיהרען ביי זיך צוואנציג מי־ליאָן איז אויך ניט קיין קלייניגקייט.

— פערדאמט זאָלען ווערען דיעזע מיליאָנען! האָט דיא גוטע נאנאָן גע־זיפצט. מיר וואָלטען אלע געקענט לעבען רוהיג און גליקליך, ווען ניט דיעזע צוואנציג מיליאָן.

זשוליעט האָט אָנגעהויבען צו וויינען. ערשט יעצט האָט זיא פערשטאנען, אז זיא מוז זיך צושיידען מיט איהר געליעבטען אויף א לאנגע צייט. אלע איה־רע פּאָרבערייטונגען פאר דער האָכצייט זיינען געוועזן אומזיסט.

פראנסוא האָט געפּרובט זיא צו טרייסטען, וויא ער האָט געקענט. ער האָט איהר צוגעזאָגט, אז ער וועט איהר שרייבען בריעף זעהר אָפט, ער וועט איהר דערצעהלען אלעס, וואָס מיט זיי וועט פּאסירען און ער וועט זיך געבען אלערליי מיה איבערצורעדען דעם אָנקעל, ער זאָל ענדליך דאָך איינווילליגען צו זייער הייראטה.

— און איך וועל בלייבען דאָ און וועל דיך זעהן יעדען טאָג, האָט דער גוטער אלטער טרעגאָמעין געזאָגט, איך וועל דיר דערצעהלען וועגען מיינע רייזען אויף מיין בארקע. מענשען מיינען, אז פאָהרען אויף א בארקע איז לאנג־וויילינג. דאָס איז א טעות. דוא וועסט הערען, וואָס מיר האָט פּאסירט און דוא וועסט וויסען, אז פאָהרען אויף'ן וואסער איז שטענדיג אינטערעסאנט.

זשוליעט האָט גוט געוואוסט, אז דיא רייזע פון דעם אלטען טרעגאָמעין

אויף זיין בארקע קען זיא ווענינ אינטערעסירען, אָבער זיא האָט דאָך איינגעזעהען, אז עס מוז אלעס אזוי זיין. פראנכוא מוז פאָהרען מיט איהר אָנקעל און זיא מוז אָבלעגען איהר חתונה אויף אן אונבעשטימטע צייט.

אזוי וויא אלע פיער האָבען אזוי גערעדט, האָט מען דערהערט פון אויבען זשאק דאַראַן'ס שטימע:

— קאפיטאן פון דער בארקע, קום נור ארויף!

— וואָס איז דאָס? וואָס וויל ער פון מיר?

— זיין שטימע איז רוהיג, האָט נאנאָן געזאָגט, ער איז שוין ניט בייז.

— דוא קומסט ארויף, טרעגאָמעין? האָט זשאק דאַראן געפרעגט צום צווייטען מאָל.

— איך קום באלד, האָט טרעגאָמעין געענטפערט.

ער איז אויך באלד ארויפגעגאנגען צו זיין פריינד.

קוים איז ער אריינגעקומען אין צימער, האָט איהם זשאק דאַראן אנידערגעזעצט אויף א שטוהל און האָט פערריגעלט דיא טהיר הינטער איהם.

דאן האָט ער ארויסגענומען לאנד און מעער־קארטען, א קאָמפאס, א צירקעל און צוויי בליישטיפטען און האָט אלעס אויסגעלעגט אויף'ן טיש.

— נעהם דוא דעם קאָמפאס אין דיא הענד, האָט ער געזאָגט.

— פאר וואָס איך? האָט טרעגאָמעין געפרעגט.

— וויל מיינע הענד ציטערען און דיא נאָדעל פון דעם קאָמפאס שטעהט ניט אויף איין אָרט, איז געוועזען דיא אנטוואָרט.

טרעגאָמעין האָט גענומען דעם קאָמפאס.

זשאק דאַראן האָט אויסגעשפרייט אויף'ן טיש א גרויסע מעער־קארטע און האָט אָנגעהויבען ארומצוגעהן מיט א פינגער.

— וואו זאָל זיין דיעזער אינזעל? האָט ער געזאָגט, וויא צו זיך אליין, איך האָב אלץ געזוכט דיעזען אינזעל און קען איהם ניט געפינען.

— איך זעה איהם אויך ניט, האָט טרעגאָמעין געברומט.

— ער מוז אָבער דאָך זיין!

— איך פערשטעה, אז ער מוז זיין, אָבער...

— ער איז דאָ! מיר וועלען איהם געפינען! זוך נור, פריינד טרעגאָמעין!

— וואו זאָל איך זוכען?

— צוערשט זוך אויס דעם 54טען מערידיאן פון פאריז, ריכטיגער נאָך, דעם פינף און פופציגסטען, וויל דיעזער אינזעל געפינט זיך 54 גראד 57 מינוט.

טרעגאָמעין האָט געשטעלט דעם קאָמפאס אזוי, אז דער מאגנעט האָט געוויזען נאָך נאָרד (צפון זייט). ווען מען וויים, וואו נאָרד איז, קען מען לייכט אויסגעפינען דיא אנדערע דריי זייטען פון דער וועלט: אָסט, וועסט און זיד.

ער האָט דאַן געזוכט איינינע צייט און האָט געזאָגט פערוואונדערט:

— איך זעה דאָ גאָר קיין אינזעל ניט.

זשאק דאַראַן האָט זיך צוגעקוקט צו דער געגענד, וואו זיין פריינד האָט געזוכט, און האָט אויסגערופען:

— וואו זוכסט דוא? פערד! עזעל!

— איך זוך אויף דעם 55סטען מערידיאַן, האָט טרעגאַמעין געענטפערט.

— עס זיינען דאָך אָבער דאָ צוויי 55סטע מערידיאַנען: איינער אָסטליך (איז מזרח זייט) און דער אנדערער וועסטליך (אין מערב זייט), האָט זשאק דאַראַן אויסגערופען. דוא זוכסט אויף דעם 55סטען מערידיאַן וועסט, מיין אינזעל אָבער דאַרף זיך געפינען אויף דעם 55סטען מערידיאַן אָסט.

דער עקס־קאַפּיטאַן פון דער בארקע דיא "שעהנע אמאליע", וועלכע פלעגט ארומפאָהרען נור אויף דעם טייך ראַנס, פלעגט ניט דאַרפען וויסען פון א מערידיאַן און פלעגט זיך ניט קימערען אויב זיין בארקע פאָהרט אָסט אָדער וועסט.

— עזעל! פערשטעהסט דוא דען ניט, אז עס איז א גרויסער אונטערשיעד צווישען אָסט און וועסט? האָט זשאק דאַראַן געשריען.

דער עקס־קאַפּיטאַן פון דער בארקע האָט פערצויגען מיט דיא אקסלען.

— וויים אלזאָ, הערר עקס־קאַפּיטאַן פון דער "שעהנער אמאליע", אז אום בעסער און גענויער צו בעשטימען דיא לאַגע פון א לאַנד אָדער פון א שטאָדט, האָט מען איינגעטהיילט דעם גאַנצען ערד־קוגעל אין דריי הונדערט און זעכ־ציג טהייל: יעדער טהייל הייסט מערידיאַן, ווייל איין מאָל אין פיער און צוואַנציג שטונדען שטעהט דיא זון גראַדע איבער דיעזען פּונקט און עס איז דאָרט געגוי מיטאָג, געגוי צוועלף אוהר ביי טאָג. אום אָבער צו מאכען נאָך לייכטער אויסצוגעפינען א געוויסען פּונקט, האָט מען איינגעטהיילט דיא מע־רידיאַנען אויף אָסט און וועסט, ריכטיגער נאָך, מען האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז דער גאַנצער ערד־קוגעל איז צושניטען אויף צוויי טהייל: אָסטליך און וועסטליך, מזרח און מערב, און מען צעהלט הונדערט און אכציג מערידיאַנען אָסטליך און הונדערט און אכציג מערידיאַנען וועסטליך... פערשטעהסט דוא, בארקע־קאַפּיטאַן?

טרעגאַמעין האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— נו, מיין מערידיאַן ליעגט קנאַפּע 55 גראַד אָסט און דוא זוכסט 55 גראַד וועסט!... פערשטעהסט דוא מיך?

דער עקס־קאַפּיטאַן פון דער בארקע דיא "שעהנע אמאליע" האָט זיך אזוי פערשעהמט און איז אזוי צומישט געוואָרען, אז ער האָט שוין גאָר ניט גע־וואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהם. אזוי פיעל געאָגראַפיע און קאָסמאָגראַ־פיע מיט אמאָל האָט ער ניט געקענט פערשטעהן.

זיין גאַנץ געזיכט איז בעדעקט געוואָרען מיט גרויסע טראָפּען שווייס, און זיין גרויסער, רויטער טאַשענטוך איז באַלד נאָס געוואָרען און ער האָט זאָגאַר ניט געהאַט, מיט וואָס זיך אָבצואווישען דאָס געזיכט.

— לעג ארויף דעם קאָמפּאַס אויף דעם 55סטען מערידיאַן אָסט! האָט זשאַק דאָראַן געשריען!

טרעגאַמעין האָט גענומען דעם צירקעל און האָט איין עק פון איהם גע־שטעלט אויף א פּונקט פון דער קאַרטע, דערביי האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז דער 24סטער פּאַראַלעל.

— אָקס! בהמה! האָט זשאַק דאָראַן געשריען. איך דאַרף דעם מע־רידיאַן! זוך אויס דעם מערידיאַן 55 אָסט, וואו ער קרייצט איבער דעם 24סטען פּאַראַלעל!

— צו וואָס זאָל איך עס טהאָן?

— דאָרט געפינט זיך דער אינזעל מיט מיינע מיליאָנען! האָט זשאַק דאָ־ראַן געשריען אויסער זיך פאַר צאָרן און פערדרוס.

— נו, גוט! האָט ענדליך טרעגאַמעין געזאָגט, אָט איז דיין מערידיאַן...

— ווייטער!

— ווייטער? וואו ווייטער?

— ארויף! העכער!

טרעגאַמעין האָט אָנגעהויבען צו ווייזען ניעדריגער און איז באַלד געקו־מען צום נאָרד פּאָל.

— עזעל! אידיאָט! מיט דיר איז גאָר ניט צו מאַכען! האָט זיך גע־קאָכט זשאַק דאָראַן.

ער איז אויפגעשפּרונגען, איז צוגעלאָפען צו דער טהיר און האָט אָנ־געהויבען צו שרייען:

— פראַנסואַ! פראַנסואַ! קום נור אהער, שיפּסקאַפּיטאַן פון לאַנגע רייזען!

פראַנסואַ, וועלכער איז געזעסען אונטען אין עס־צימער מיט זיין כלה און איהר מוטער, האָט דערהערט דעם ווילדען געשריי פון זיין פערוואַנדעטען און איז באַלד ארויפגעלאָפען זעהן, וואָס דאָרט טהוט זיך.

— וואָס ווינשט איהר, ליעבער אָנקעל? האָט ער געפרעגט פריינדליך.

— זאָג מיר, וואו געפינט זיך דער אינזעל מיט מיינע מיליאָנען? האָט זשאַק דאָראַן אויסגערופען.

— איך מוז וויסען גענוי דעם מערידיאַן און דעם פּאַראַלעל, איז געווען דיא אנטוואָרט.

וויא פריי און אָפענהערציג זשאַק דאָראַן איז געווען געגען זיין פריינד טרעגאַמעין, אזוי צוריקגעהאַלטען און געהיימניספאָל האָט ער געוואָלט זיין

געגען זיין פערוואנדעטען. ער האָט ניט געוואָלט ארויסזאָגען פּראנסוא דיא גאנצע ווארהייט. ער האָט גוט געוואוסט, אז קוים וועט ער זאָגען פּראנסוא גאנץ גענוי דיא לענג און דיא ברייט, וועט עם פּראנסוא באלד אויסגעפינען. אלס געלערענטער שיפסקאַפּיטאַן פון ווייטע רייזען, מוז פּראנסוא קענען אלע אינזלען אין אלע מעערען.

— הויב אָן פון דעם נאָרד פּאָל, האָט זשאק דאַראַן געזאָגט, ערקלעהר מיר אלע לענדער, וועלכער דער 55טער מערידיאן געהט דורך.

— גאנץ גוט, ליעבער אָנקעל.

— קיינע קאָמפּלימענטען! זאָג וואָס איז דאָס ערשטע לאנד, אָדער דער ערשטער אינזעל, וואָס דער 55טער מערידיאן געהט דורך.

— פראנץ יאָזעף'ס לאנד.

— גוט... ווייטער!

— בארענטס מעער.

— ריכטיג... ווייטער!

— נאָוואיא זעמליא.

— ווייטער!

— דאָס קארא מעער. דיא רוסען רופען עס קאַרסקאַיע מאָריע און עס געהערט צו רוסלאנד.

— דאָס דארף איך ניט וויסען!... ווייטער!

— אזיאטישעס רוסלאנד.

— וועלכע שטעדט?

— יעקאטערינענבורג.

— ווייטער!

— דער אוראַל אָדער, וויא דיא רוסען רופען איהם, אוראַלסקאַיע מאָריע.

— ווייטער! ווייטער!

— דיא שטאָדט כיווא אין טורקעסטאַן.

— יעצט קומען מיר שוין נעהנטער... ווייטער!

— דיא שטאָדט העראט אין פּערזיען.

— ווייטער!

— מאַסקאַט, דיא הויפּט שטאָדט פון דעם קעניגרייך מאַסקאַט אין זיד־אָסט פון אראביען.

יעצט האָט זיך זשאק דאַראַן צוגעבויגען צו דעם גלאָבוס און האָט א קוק געטהאָן, וואו דיא שטאָדט מאַסקאַט געפינט זיך.

— ריכטיג! האָט ער אויסגערופען. דאָס קעניגרייך מאַסקאַט געפינט

זיך אויף דעם פונקט, וואו דער 55סטער מערידיאן אָסט קרייצט דורך דעם 24סטען פאראלעל נאָרד.

— אָט איז עס, ליעבער אָנקעל.

— עס איז אָבער ניט גאנץ גענוי, האָט זשאק דאָראן געזאָגט פערטראכט. קיאמיל פאשא שרייבט, אז ער האָט פערגראָבען זיינע מיליאָנען אויף אן אינזעל און דאָס קעניגרייך מאַסקאט איז ניט קיין אינזעל.

— דאן געפינט זיך דער אינזעל אין דער בוכטע אָמאן, וועלכע טהיילט אָב פערזיען פון אראביען, האָט פראנסוא געזאָגט. אין יענער גרויסער בוכטע געפינען זיך פיעלע קליינע אינזלען.

— דוא האָסט רעכט, פראנסוא! עס איז אין מאָסקאט.

— מאסקאָט? א זאָנדערבארער נאָמען! האָט טרעגאָמעין געזאָגט וויא צו זיך אליין. מאסקאָט הייסט א זאך, וועלכע ברענגט גליק.

— עזעל! עקס־קאפיטאן פון א בארקע! ניט מאסקאָט, זאָנדערן מאָסקאט! האָט זשאק דאָראן געשריען. ווייסט דוא דען ניט, אז עס איז דאָ אויף דער וועלט א לאנד, וועלכעס הייסט מאָסקאט און וואו עס הערשט א גרויסער סולטאן?

— לאָז זיין מאָסקאט, האָט טרעגאָמעין געזאָגט שטילערהייד. וואָס מאכט עס מיר אויס, אויב מאסקאָט אָדער מאָסקאט?

— דאן ביסט דוא זיכער, אז דער 55סטער מערידיאן אָסט שניידט איבער אָדער קרייצט זיך מיט דעם 24סטען פאראלעל נאָרד ניט וויט פון מאָסקאט?

— גאנץ געוויס, אָנקעל!

— איך מוז דיר אלזאָ זאָגען גאנץ גענוי. מיין אינזעל געפינט זיך אין דעם אָרט, וואו עס קומט זיך צונויף דער מערידיאן 55 גראד 57 מינוט אָסט מיט דעם פאראלעל, 24 גראד און 59 מינוט נאָרד.

פראנסוא האָט זיך גאנץ גענוי צוגעקוקט, האָט גענומען א בליישטיפט און האָט גערעכענט אייניגע אויגענבליקע.

— האָסט דוא עס געפונען?

— יא, ליעבער אָנקעל.

— וואו איז אלזאָ דיעזער אינזעל?

— אין דער בוכטע פון אָמאן, 70 מייל פון דער שטאָדט מאָסקאט.

— ביסט דוא זיכער, אז עס איז אזוי?

— אזוי זיכער, אזוי וויא איך בין זיכער, אז מיר געפינען זיך יעצט אין דער שטאָדט סען מאלאָ, האָט פראנסוא געענטפערט.

— צו וועמען געהערט דיעזער אינזעל?

— צו טערקיי.

— און וויא אזוי קען מען צוקומען צו דיעזען אינזעל?

— מען מוז פאָהרען נאָך דער שטאָדט מאָסקאַט און דאָרט דינגען א באָאט אָדער א קליינע שיף, וויל גרויסע שיפען קענען ניט געהן אין יענער בוכטע אזוי וויט.

— דאַן וועלען מיר מאָרגען שוין מאכען אונזערע פאָרבערייטונגען פאר דער רייזע נאָך מאָסקאַט, האָט זשאק דאָראַן געזאָגט פעסט ענטשלאָסען.

— איהר האָט גאנץ רעכט, אָנקעל, האָט פראנסוא געזאָגט.

ער האָט גאנץ גוט פערשטאנען, אז ער קען גאָר ניט מאכען מיט זיין אָנקעל און האָט זיך פעסט ענטשלאָסען איהם נאָכצוגעבען אלע זיינע שגעונות אום צו זעהן, וואָס דיא ענדע וועט זיין.

— מיר מוזען פאָהרען נאָך פאָרט סאאיד אין עגיפּטען, האָט זשאק דאָראַן ווייטער געזאָגט, פון דאָרט וועלען מיר פאָהרען איבער דאָס רויטע מעער, דאַן איבער דאָס אינדישע וועלט-מעער ביז צו דער שטאָדט מאָסקאַט.

— גאנץ ריכטיג, אָנקעל.

— דאָס מוזען מיר טהאָן אזוי שנעל, וויא מעגליך. איך וועל ניט דערלאָזען, אז דיא פערדאממטע טערקען זאָלען ביי מיר אוועקרויבען מיינע מיליאָנען.

— נו, איך גלויב, אז אזוי לייכט קען מען דיעזע מיליאָנען ניט אוועקרויבען, האָט טרעגאָמעין געזאָגט מיט א שמייכעל.

זשאק דאָראַן האָט ניט געפונען פאר נויטהיג איהם צו ענטפערען. ער האָט זיך געווענדעט צו פראנסוא און האָט איהם געפרעגט:

— ווילסט דוא פאָהרען מיט מיר?

— געוויס, אָנקעל!

— און דוא, טרעגאָמעין? ווילסט דוא פאָהרען מיט מיר?

— איך? צו וואָס דארפט איהר מיך, אן עקס-קאפּיטאן פון א בארקע?

— איך דארף דיך האָבען מיט מיר, בארקע-קאפּיטאן! האָט זשאק דאָראַן געזאָגט מיט א בעפעהלענדען טאָן.

— ווען דוא פערלאנגסט עס, וועל איך פאָהרען מיט דיר, האָט טרעגאָמעין געענטפערט ניט ווילענדיג.

ער האָט זעהר ניט געוואָלט פאָהרען. ער איז ניט געוואָהנט געוועזען צו פאָהרען אויף'ן מעער, ער האָט זאָגאר מורא געהאַט פאר א לאנגע רייזע, ער האָט אָבער פערשטאנען, אז ער קען ניצליך זיין דעם אונרוהיגען אויפגערעגטען זשאק דאָראַן און דארום האָט ער זיך בעשלאָסען מיטצופאָהרען.

— אלזא לאָמיר אָנהויבען זיך פאָרצובערייטען צו אונזער לאנגער רייזע, האָט זשאק דאָראַן געזאָגט. ווען עס וועט נור מעגליך זיין, וועלען מיר שוין מאָרגען אוועקפאָהרען.

10טעם קאַפּיטעל.

אויף דער רייזע נאָך פּאָרט סאַאיד

אונזערע רייזענדע האָבען ניט געדאַרפט פיעל צייט אום זיך פּאָרצובע־רייטען. זשאק דאָראַן האָט מיטגענומען א קליינעם רייזע קאסטען. ער האָט ארויסגענומען פון דער באנק צוואַנציג טויזענד פראַנק אויף רייזע קאָסטען און האָט מיטגענומען וועש און זעהר ווייניג נייע קליידער. פראַנסוא אלס יונגער שיפסקאַפּיטאַן האָט געדאַרפט זעהר ווייניג און זשוליעט האָט איהם שוין פער־זאָרגט מיט אַלע זאַכען, וועלכע זיא האָט געפונען פאַר נויטהיג פאַר דער רייזע.

טרעגאָמעין האָט מיטגענומען נור וועש און א פּאָר טויזענד פראַנק.

דיא פראַגע איז נור געווען, וואו נעהמט מען א שיף, וועלכע זאָל געהן נאָך עגיפּטען? אָנפאַנגס האָבען זיי גערעכענט, זיי זאָלען פאָהרען נאָך ענג־לאַנד, וואו מען קען שטענדיג געפינען שיפען נאָך עגיפּטען. דער צופאַל האָט אָבער אזוי איינגעריכטעט, אז אין סען מאַלאָ האָט זיך דאַמאָלס געפונען א דאַמפּף־שיף, דער "סטירסמאַן" וועלכער האָט געפיהרט ערד קויהלען נאָך פּאָרט סאַאיד. דאָס איז אַלזאָ געווען א קויהלען שיף, ניט קיין פּאַסאַזשיר שיף און מען האָט גאָר ניט געוואָלט אויפנעהמען פּאַסאַזשירען, אָבער זשאַק דאָראַן האָט זיך בעקענט מיט דעם שיפסקאַפּיטאַן און האָט זיך ביי איהם איינגעבעטען, ער זאָל איהם מיט זיינע פריינד אויפנעהמען אלס פּאַסאַזשירען.

דער "סטירסמאַן" איז געווען א גאַנץ געוועהנליכער קויהלען דאַמפּפער. אויף אזא שיף קוקט מען זיך זעהר ווייניג אום, ווייל ענגלאַנד שיקט ארויס איהרע קויהלען אויף אַלע וואַסערען און אין אַלע עקען און ענדען פון דער וועלט. עס זיינען דאָ ענגלישע קויהלען שיפען, וועלכע זיינען בעקאַנט נור דעם האַנדעלס מיניסטער און דער האַנדעלס קאַמער פון ענגלאַנד. דיעזע שיפען זיינען כמעט טויט פאַר דער גאַנצער וועלט, אויסער פאַר דיא קויפלייטע צו וועמען זיי געהערען.

דער "סטירסמאַן" איז אויך געווען אזא שיף, און ווען זשאַק דאָראַן וואָלט ניט געווען פּערזענליך בעקאַנט מיט דעם שיפסקאַפּיטאַן, וואָלטען אויף איהם געוויס קיין מאָל ניט געפאָהרען פּאַסאַזשירען, און דער נאָמען "סטירסמאַן" וואָלט געוויס געבליבען נור אין דיא ביכער פון דער ענגלישער האַנדעלס קאַ־מער. מיסטער טשיפּ, דער שיפסקאַפּיטאַן פון דעם "סטירסמאַן", איז אָבער געוועזען אַן אַלטער בעקאַנטער פון זשאַק דאָראַן, און ער האָט ניט געקענט איהם אָבזאָגען, ווען דאָראַן האָט געבעטען ער זאָל איהם מיטנעהמען נאָך פּאָרט סאַאיד.

מען קען זיך לייכט דענקען, וויא שווער עס איז געווען דעם יונגען פראַנ־סוא זיך צו שיידען פון זיין יונגער כלה זשוליעט, וועלכע ער האָט געדאַרפט

הייראטהען אין צוויי וואָכען ארום. דיא אָרימע זשוליעט האָט געוויינט, וויא א ביבער, ווען מען וויל צושטערען זיין נעסט. נאַנאָן האָט געוויינט שטילערהייד. זיא האָט געוואָלט ווייזען פאר מענשען, אז זיא איז שטארק און קען אלעס איבערטראָגען, אָבער קוים האָט זיא זיך געפונען אליין, האָט זיא אָנגעהויבען צו וויינען.

ענדליך איז מען אוועקגעפאָהרען.

דער "סטירסמאן" איז טאקע ניט געוועזען קיין שנעל־שיף, אָבער דאָך א גוטע, זיכערע שיף. אלס פריינד און בעקאנטער פון זשאק דאָראן, האָט קאַ־פיטאן טשיפ געטהאָן אלעס מעגליכע אום צו מאכען דיא רייזע אזוי אנגענעהם, וויא נור מעגליך.

קיינער האָט זיך ניט געשטעלט דיא פראגע: וואו איז אהינגעקומען בן אָמאר און זיין שרייבער גאזים?

זשאק דאָראן איז געוועזען אזוי פערטיעפט אין זיינע געדאנקען, אז אזא פראגע איז איהם גאָר ניט פאָרגעקומען. גילדאס טרעגאָמעין האָט גאָר פער־געסען אָן דיא צוויי טערקען, נור פראנסוא האָט פערשטאנען, אז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. ווען עס זאָל שוין זיין וואהר אלעס, וויא זיין אָנקעל האָט זיך איינגערעדט, איז עס דאָך אונמעגליך, אז דער אדוואָקאט בן אָמאר זאָל זיך אזוי לייכט ענטזאגען פון זיין קאָמיסיאָן. איינס פּראָצענט פון צוואנציג מיליאָן איז אויך א שעהנע סומע.

דיא ווארהייט איז אָבער געווען, אז בן אָמאר און סואד פאשא האָבען ניט אראָבגעלאָזען קיין אויג פון זשאק דאָראן. ווען זיי זיינען געוואָהר געוואָ־רען, אז דאָראן פאָהרט אויף דעם "סטירסמאן", האָבען זיי אויך געוואָלט זיך איינבעטען ביים שיפסקאפּיטאן, ער זאָל זיי מיטנעהמען, אָבער בן אָמאר איז געווען א זאָנדערבארער מענש. ער האָט מורא געהאט פאר א לאַנגע רייזע אויף'ן מעער, ווייל ער האָט שרעקליך געליטען פון דער ים־קראנקהייט אויף זיין רייזע פון קאאירא נאָך מארסעל. ער איז קיין מאָל ניט געפאָהרען אויף א מעער. דאָס איז געווען זיין ערשטע רייזע אין זיין לעבען. ער האָט דארום געבעטען, זיי זאָלען בעסער פאָהרען מיט דער אייזענבאהן, וויא ווייט עס וועט נור מעגליך זיין.

דאָס איז געווען זעהר לייכט. זיי זיינען געפאָהרען מיט דער באהן ביז ברינדזי אין איטאליען, דאָרט האָבען זיי זיך ארויפגעזעצט אויף א שנעל־דאמפּפער נאָך אלעקסאנדריע. נאָך סועז האָבען זיי ווידער געקענט פאָהרען מיט דער באהן.

אין 1862 איז דער סועז קאנאל נאָך ניט געווען פארטיג. מען האָט איהם ערשט געבויט. ווען מען פלעגט אלזאָ דאמאָלס פאָהרען פון אייראָפּא נאָך אזיען, דאָס הייסט, נאָך אראביען, האָט מען געמוזט פאָהרען נאָך אלעק־

סאַנדריע, אין עגיפּטען, פון דאָרט פאָהרען מיט דער באהן נאָך סועז און דאָרט זיך אויפזעצען אויף א שיף, וועלכע געהט אין רויטען מעער נאָך אינדיען.

דאָראן, פּראַנסוא און טרעגאַמעין זיינען אונטערדעסען געפאָהרען אויף דעם "סטירסמאַן", וועלכער איז געפאָהרען גאַנץ לאַנגזאַם. א קויהלען דאַמפּפער האָט זיך ניט וואָס צו איילען.

דאָראן און פּראַנסוא זיינען געוועזען געוואָהנט צום מעער און דיא רייזע אויף א קויהלען שיף האָט אויף זיי קיין איינדרוק ניט געמאַכט. ביי טרעגאַ־מעין'ען אָבער איז עס געוועזען א נייעס. ער איז צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען געפאָהרען אויף דעם מעער און אויף אַן אונרוהיגען מעער. ער האָט זיך ערשט געמוזט געוואָהנען צו שטעהען אויף דעם דעק פון א שיף, וועלכע ווערט געשליידערט פון דיא שטאַרקע וועללען. דאָס איז ניט אזוי לייכט, וויא מען דענקט. פיעלע פּאַסאַזשירען בעקומען דיא זעע־קראַנקהייט נור דארום, ווייל זיי קענען ניט אויסשטעהען אויף דעם דעק פון דער שיף.

טרעגאַמעין האָט, אמת, ניט געליטען פון דער זעע־קראַנקהייט, אָבער ער האָט דאָך ניט געקענט אזוי לייכט ארומשפּאַצירען אויף'ן דעק פון דעם "סטירסמאַן", וויא זשאַק דאָראן און פּראַנסוא. ער פּלעגט זיך אנידערזעצען אין א ווינקעלע אין פראָנט פון דער שיף און פּלעגט בעטראַכטען דאָס גרויסע, ווייטע מעער.

— נו, וואָס מאַכסט דוא, עקס־קאַפּיטאַן פון א באַרקע? האָט איהם איין מאָל זשאַק דאָראן געפרעגט. וויא געפעלט דיר דאָס מעער?

— דערווייל פיהל איך גאַנץ גוט, איז געוועזען דיא אנטוואָרט.

— דערווייל פאָהרען מיר נאָך ניט ווייט פון לאַנד, האָט זשאַק דאָראן געשפּאַסט. דערווייל קענסט דוא נאָך מיינען, אז דוא פאָהרסט אויף דיין באַרקע, באַלד אָבער וועלען מיר קומען אויף דאָס גרויסע אַטלאַנטישע וועלט מעער, דאַן וועט עס ערשט אָנהויבען צו וואַרפען און צו שליידערען, אז דוא וועסט מיינען דוא ביסט נאָך א קינד און וויעגסט זיך אין א וויעגעל.

— וואָס דאַן וועט זיין, ווייס איך ניט.

— דאַן וועסט דוא בעקומען דיא זעע־קראַנקהייט.

דאָס האָט פערדראָסען דעם יונגען פּראַנסוא.

— אָה, ניין! האָט ער אויסגערופען, מיין אָנקעל האָט שוין פערגעסען וועלכע פּאַסאַזשירען עס ליידען אַם מייסטען פון דער זעע־קראַנקהייט. נור מענשען, וועלכע זיינען ניט געוואָהנט צו פאָהרען אויף'ן מעער, ליידען פון דיעזער קראַנקהייט, איהר אָבער, פריינד טרעגאַמעין, זייט געוואָהנט צו וואַ־סער, אייך וועט עס ניט שאַדען.

דער "סטירסמאַן" איז ענדליך ארויסגעפאָהרען פון דעם ענגלישען קאַנאַל

און איז אריינגעפאהרען אין דאס גרויסע מעער, עס האט זיך אויפגעהויבען א ווינטעל, דאס מעער איז געווארען אונרוהיג און האט אנגעהויבען צו וויעגען און צו שליידערען דעם "סטירסמאן" ניט גאנץ אנגענעהם.

— וואס איז דאס? האט זשאק דאראן געפרעגט זיך אליין. עס ווערט מיר ניט גוט. איך פיהל מיך שלעכט. איז דאס מעגליך, אז אין דיא צעהן יאהר, וואס איך בין אויף קיין שיף ניט געפאהרען, בין איך געווארען אזוי שוואך, אזוי ווייבעריש, אז איך הויב אן צו פיהלען דיא זעע־קראנקהייט? דאס איז אונמעגליך!

יעצט ערשט האט עס זיך ארויסגעוויזען, אז טרעגאמעין איז שטארקער און קען לייכטער איבערטראגען דאס שליידערען און ווארפען פון דער שיף, וויא דער אלטער שיפסקאפיטאן זשאק דאראן.

עס האט זיך בעשטעטיגט דיא אלטע ווארהייט, אז מענשען מיט שטארקע נערוועז ליידען לייכט גאר ניט, אדער זעהר זעלטען, פון דער זעע־קראנקהייט.

דיא זעע־קראנקהייט איז א נערווען־קראנקהייט. ווער עס האט שוואכע נערוועז, דער ליידעט דערפון, וואס דיא נערוועז פון זיינע אויגען און דיא נערווען פון זיין מאגען ווערען צושאקעלט און צוטרייסעלט פון דער שטארקער בעוועגונג פון דער שיף. דערפון קומט עס, וואס מענשען ברעכען פון דער זעע־קראנקהייט. דיא נערוועז פון דעם מאגען ווערען אזוי שוואך, אז ער קען ניט איינהאלטען דאס וואס עס געפינט זיך אין איהם.

עס איז דארום קיין וואונדער ניט, וואס אזא אלטער שיפסקאפיטאן וויא זשאק דאראן האט אין דער ערשטער צייט פון זייער רייזע זיך געפיהלט זעהר שלעכט. דאס האט אבער ניט לאנג געדויערט. קוים איז דער "סטירסמאן" ארויסגעפאהרען אין גרויסען וועלט־מעער, האט זשאק דאראן ווידער אנגעהויבען צו פיהלען, אז ער איז א מאטראז, און ער האט זאגאר זעהר אפט גע־בעטען דעם שיפסקאפיטאן, ער זאל איהם לאזען פיהרען דיא שיף.

מען איז פארבייגעפאהרען שפאניען און פארטוגאל. זשאק דאראן האט דערקענט דיעזע געגענד, וואו ער פלעגט אפט פאהרען מיט זיינע שיפען. ער האט דערקענט דיא בערלינגס, א לאנגע קייט קליינע אינזלען ביי דיא ברעגעס פון פארטוגאל. אמאל, אין דיא אלטע צייטען פלעגט מען מורא האבען פאר זיי, ווייל ווען א שיפסקאפיטאן איז ניט געווען געגוג פארזיכטיג, פלעגט זיין שיף צו־שלאגען ווערען אויף דיא שטיינער פון דיעזע אינזלען, וועלכע מען פלעגט בעטראכטען אלס דאס אונגליק פון יענע געגענדען. היינט האט מען אויסגעבויט אויף יעדען פון דיעזע אינזלען א לייכט־טהורם, א וועגווייזער פאר דיא שיפען. א גוטער שיפסקאפיטאן דערקענט יעדען לייכט־טהורם מיט זיין נומער און וויים גאנץ גענוי וויא אזוי צו פאהרען אין יענע געפעהרליכע וואסערען.

ווען דאס וועטער פלעגט זיין שעהן, פלעגט מען רעדען פון זייער רייזע.

— מיר געפעלט ניט דער אדוואָקאט פון עגיפּטען, האָט אמאָל געזאָגט טרעגאָמעין.

— ער איז א שווינדלער! א טויגעניכטס! א רויבער! האָט זשאק דאָראן זיך געקאָכט.

— אָבער וואו איז ער? האָט פראנסוא געפרעגט, איז עס צו גלויבען, אז ער פאָהרט אונז ניט נאָך?

— אָה, דיעזער קראָקאָדיל פון טייך נילוס וועט קומען פריהער פון אונז אין סועז! האָט זשאק דאָראן אויסגערופען. אזא קראָקאָדיל וועט ניט אוועקוואר־פען זיין איינס פּראָצענט קאָמיסיאָן.

— מיר געפעלט אויך ניט דיעזער אדוואָקאט פון מצרים, אָבער זיין שריי־בער איז נאָך ערגער פון איהם, האָט טרעגאָמעין ווייטער געזאָגט. איך האָב מיך גוט צוגעקוקט צו איהם און מיר דאכט, אז ער איז גאָר ניט זיין שרייבער.

— שאדע, וואָס ער פערשטעהט ניט קיין פראנצויזיש, האָט דאָראן בע־מערקט, מיר וואָלטען פיליכט געקענט שלעפּען ביי איהם א צונג.

— ווער ווייס, אויב ער רעדט ניט אזוי גוט פראנצויזיש וויא מיר, האָט פראנסוא בעמערקט, עס איז לייכט זיך צו פערשטעלען, אז מען פערשטעהט ניט א פרעמדע שפּראך, ווען מען רעדט זיא גאנץ גוט.

— איך דענק אויך, אז דיעזער נאָזים איז א שפּיאָן, האָט טרעגאָמעין בעמערקט.

— א שפּיאָן פון וועמען?

— פון סואד פאשא, דעם זוהן פון מוראד ביי, דעם איינציגען פערוואנדע־טען פון קיאמיל פאשא.

— גאָט אין הימעל! אזוי פיעל פאשאס! האָט פראנסוא אויסגערופען.

— וואָס קימערען מיך אלע דיעזע פאשאס? האָט זשאק דאָראן געזאָגט גאנץ ערנסט. לאָמיר נור קומען אויף מיין אינזעל, דאן האָב איך קיין מורא ניט פאר אלע מעגליכע און אונמעגליכע פאשאס פון טירקיי און פון עגיפּטען. דיא מיליאָנען געהערען מיר, אזוי שטעהט עס געשריעבען קלאָר און דייטליך אין דעם טעסטאמענט פון קיאמיל פאשא. פון אלע דיעזע מיליאָנען דארף איך גע־בען נור איינס פּראָצענט, דאָס הייסט פיערציג טויזענד פונט אָדער צוויי הונ־דערט טויזענד דאָלאר אָדער א מיליאָן פראנק צו דיעזען בן אָמאר. דאָס קומט איהם און דאָס וועל איך איהם געבען.

אונטערדעסען איז דער "סטירסמאן" פארבייגעפאָהרען דיא שטאָדט קאַ־דיז, א בעריהמטע פּאָרט־שטאָדט אין שפּאניען, דאן זיינען זיי פארבייגעפאָה־רען דיא בעריהמטע בוכטע פון טראפאלגאר, אין וועלכער דער ענגלישער אד־מיראל נעלסאָן האָט פערניכטעט דיא פראנצויזישע פלאָטע דעם 21טען אָקטאָ־בער 1805; דערביי אָבער איז נעלסאָן געפאלען.

דער שיפסקאפּיטאן פון דעם "סטירסמאן", אן עכטער ענגלענדער, האָט בע־טראכט דיעזע בוכטע מיט שטאָלץ און פרייד. דיא ענגלענדער האָבען א נאָמען געגעבען א גרויסען פּלאץ אין לאָנדאָן טראַפאַלגאר סקווער און האָבען דאָרט אויפגעשטעלט א מאָנומענט צור עהרע פון זייער גרויסען אדמיראל.

דיא פראנצויזען אָבער האָבען אראָבגעלאָזען דיא קעפּ, ווען זיי האָבען דערזעהען דיעזע בוכטע, וואו זייער פלאָטע האָט געליטען אזא גרויסע נידער־לאגע. א גאנצע שטיק פון דער עהרע פון פראנקרייך ליעגט בעגראָבען אין דער בוכטע פון טראַפאַלגאר.

עס איז געווען ענדע מערץ. דאָס וועטער איז געווען שעהן און ווארעם. מען האָט ניט געקענט ליעגען אונטען אין דיא דומפּיגע קאיוטען. מען האָט געמוזט פערברייננגען דעם טאָג אויף'ן דעק.

דעם אנדערען טאָג אין דער פריה איז דער "סטירסמאן" ארייננגעפאָהרען אין דיא מעער־ענגע פון גיבראַלטאר, א שמאָלער פּאס וואסער, וועלכער פעראיי־ניגט דאָס אטלאנטישע וועלט־מעער מיט דעם מיטעללענדישען מעער.

דאָ בעגעגענען זיך אפריקא מיט אייראָפּא. פון איין זייט זעהט מען דעם הויכען פעלזען, אויף וועלכען עס געפינט זיך דיא פעסטונג גיבראַלטאר, א שטי־קעל ענגלאנד אין שפּאניען. מיט אנדערע ווערטער, ענגלאנד האָט אָבגע־נומען דיעזען שטיין פון שפּאניען, האָט אויסגעבויט אויף איהם א פעסטונג און האלט דאָרט שטענדיג עטליכע קריעגס־שיפען. פון דער אנדערער זייט זעהט מען דיא נאַקעטע בערג פון אפריקא.

זשאק דאַראן און פראנסואַ זיינען שוין עטליכע מאָל דורכגעפאָהרען דעם גיבראַלטאר און עס איז פאר זיי קיין נייעס ניט געווען; טרעגאַמעין אָבער, וועל־כער האָט זיין גאנצעס לעבען פערבראכט אין פראנקרייך, האָט זיך ניט געקענט אָברייסען פון דיא שעהנע בילדער, וועלכע מען האָט געזעהען פון דעם דעק פון דעם "סטירסמאן".

— עס איז שעהן צו רייזען אויף'ן מעער, האָט ער געזאָגט צו זיך אליין, ערשט אויף'ן מעער בעקענט מען זיך מיט דער וועלט, ערשט אויף דעם מעער לערנען מיר וויא שעהן דיעזע וועלט איז און וויא רייך זיא איז.

ער האָט רעכט געהאט, דער גוטער טרעגאַמעין! דער "סטירסמאן" איז יעצט פאָרבייגעפאָהרען פערשיעדענע אינזלען און מען האָט געקענט דייטליך זעהען זייערע בערג, זייערע טהאָלען, זייערע וועלדער און זייערע בליהענדע פעלדער.

— וואָס זייט איהר אזוי פערטראכט, פריינד טרעגאַמעין? האָט אמאָל פראנסואַ איהם געפרעגט.

— איך זעה דאָ הונדערטע קליינע אינזלען, האָט דער קאפּיטאן פון א באר־קע געענטפערט. איך זעה הונדערטע קליינע אינזלען צוואָרפען, צוזעעט און

צושפרייט אין דיזען מעער און איך טראכט: פאר וואס האט קיאמיל פאשא ניט פערגראבען זיינע מיליאנען אויף איינעם פון דיזע אינזלען?

— איהר ווייסט געוויס ניט, גוטער אלטער פריינד, אז אין דיזען מעער אר־בייטען זאנדערבארע קרעפטע. עס ענטשטעהען גאר פלוצלונג אינזלען און עס פערשווינדען גאר פלוצלונג אינזלען. עס איז שוין פארגעקומען פיעל מאל, אז גאר פלוצלונג איבער נאכט האט זיך אויפגעהויבען א שטיין פון מעער, עס האט זיך געבילדעט אן אינזעל, וועלכער איז געבליעבען שטעהן א געוויסע צייט און איז שפעטער זאגאר בעוואקסען געווארען מיט גראז, דאן איז ער גאר פלוצלונג פערשוואונדען געווארען און עס איז קיין שפור פון איהם ניט גע־בליעבען.

— דאן איז עס א גליק פאר אונזער פריינד, וואס קיאמיל פאשא האט ניט פערגראבען זיינע מיליאנען אויף איינעם פון דיזע אינזלען?

— געוויס!

— קען דען ניט זיין, אז אין דער בוכטע פון אמאן קומט פאר דאסזעלבע און מיר פאהרען אומזיסט? האט טרעגאמעין געפרעגט.

— אין דער בוכטע פון אמאן קומען ניט פאר אזעלכע נאטור־וואונדער, האט פראנסוא געענטפערט.

דער "סטירסמאן" איז דערווייל פארבייגעפאהרען דיא אינזלען מאלטא און גאצא און האט זיך געווענדעט נאך עגיפטען.

טרעגאמעין האט צום ערשטען מאל אין זיין לעבען געזעהען, וויא דער בעריהמטער טייך נילוס גיסט זיך אריין אין מיטעללענדישען מעער. דאס איז איינע פון דיא זעלטענסטע שעהנהייטען פון דער נאטור. ווען דער טייך נילוס קומט צו נאהענט צום מעער, צולאזט ער זיך וויא א פאכער און בילדעט פיעלע קליינע טייכלעך אדער ארמס, וויא מען רופט זיי געוועהנליך. ביים לעצטען רעכטען ארם, דאס לעצטע ענדע פון דעם פאכער, געפינט זיך דיא שטאדט דאמיעטא, ביי דעם לעצטען לינקען ארם, אדער ביי דעם לעצטען ענדע פון דעם פאכער געפינט זיך דיא שטאדט ראזעטא.

דער "סטירסמאן" איז אבער ניט צוגעפאהרען ניט צו ראזעטא און ניט צו דאמיעטא. ער איז געפאהרען גלייך נאך פארט סאאיד. דארט האט ער גע־דארפט אויסלאדען זיינע קוילען.

זשאק דאראן און זיינע קאמעראדען האבען בעדאנקט דעם שיפסקאפיטאן פאר זיין פריינדליכקייט און זיינען אבגעשטיגען אין פארט סאאיד. טרעגאמעין האט געוואלט זיך אברוהען און בעטראכטען דיזע ערשטע אריענטאלישע שטאדט, וועלכע ער האט געזעהען אין זיין לעבען, זשאק דאראן האט זיך אבער געאיילט. נאך דעמזעלבען טאג האט ער מיט זיינע קאמעראדען זיך אויפגע־

זעצט אויף דער אייזענבאהן און זיי זיינען געפאָהרען נאָך סועז, דעם הויפּט פּאָרט אויף דעם רויטען מעער.

סועז איז א וויכטיגער פּאָרט אין עגיפּטען. אין 1862 איז סועז געווען איינע פון דיא לעבעדיגסטע פּלעצער אויף דער וועלט, ווייל פערדינאנד לע־סעפּס האָט דאמאָלס געבויט דעם סועז־קאנאל און עס האָבען זיך געפונען אין סועז עטליכע הונדערט אייראָפּעאישע ארבייטער, אויסער צעהן טויזענד אראַ־בישע ארבייטער.

עס האָט דאמאָלס געקאָכט און געזאָטען אין סועז, וויא אין א קעסעל. פראנצויזען, ענגלענדער, גריכען, אראבער און טערקען האָבען געהאלטען אין סועז רעסטאָראנען, קאפעען, שפּיעל הייזער, מאגאזינען. מען האָט געארבייט, מען האָט פערדיענט גאָלד און מען האָט געקויפט, פערקויפט, געגעסען, געטרונ־קען, געשפּיעלט און געזוכט אלע מעגליכע פערגעניגען.

סועז איז געוואָרען אויף א געוויסע צייט א מארק, א וועלט מארק. פראנסוא האָט זעהר געוואָלט זעהען און בעטראכטען סועז. אָבער זאָנדערבאר! קוים זיינען זיי ארויסגעגאנגען פון זייער וואגאָן אויף דער סטאציאָן פון סועז, זיי־נען זיי באלד אנטקעגען געקומען צוויי מענער — בן אָמאר און זיין שרייבער נאזים בן אבדאלאה.

11טעס קאפּיטעל.

אויף דעם רויטען מעער

ווען פראנסוא וואָלט דערזעהען א גיפטיגע שלאנג פאר זיך, וואָלט עס איהם ניט אזוי געעקעלט, וויא דער אנבליק פון בן אָמאר און זיין שרייבער.

בן אָמאר איז צוגעקומען צו זיי, האָט זיך טיעף פערנייגט פאר זשאק דאָ־ראן און האָט געזאָגט מיט א צוקער־זיסער שטימע:

— עס פרעהט מיך זעהר, וואָס מיר האָבען זיך ווידער געטראָפען אין סועז.

זשאק דאָראן איז געווען אזוי פערטיעפט אין זיינע געדאנקען, אז ער האָט קוים דערקענט דעם אדוואָקאט פון דעם קראָקאָדילען לאנד.

— איך... איך בין עס, האָט בן אָמאר געשטאמעלט.

— איהר? ווער זייט איהר דען? האָט זשאק דאָראן געפרעגט מיט אזא טאָן, אז יעדער אנדערער, ניט אן אדוואָקאט און נאָך אן אדוואָקאט פון פרעה׳ס לאנד, וואָלט געוויס פערשטאנען, אז מען וויל איהם ניט קענען און מען וויל פון איהם ניט וויסען.

בן אָמאר האָט זיך אָבער געמאכט, אז ער פערשטעהט גאָר ניט, וואָס דאָ קומט פאָר, און האָט געפרעגט:

— קענט איהר מיך שוין גאָר ניט? איך בין בן אָמאר, אַן אדוואָקאט פון אלעקסאנדריע.

— קענט איהר פילייכט דיעזען העררן? האָט זשאק דאָראַן געפרעגט פראנסוא און טרעגאָמעין.

— איך דענק, אז איך קען איהם, האָט טרעגאָמעין געענטפערט, מיר דאכט, אז מיר האָבען שוין אמאָל געהאט דאָס פערגניגען צו זעהען דיעזען העררן אין סען מאלאָ.

— אזוי?... יא, גאנץ ריכטיג! האָט זשאק דאָראַן ענדליך געזאָגט. איהר זייט עס דער אדוואָקאט בן אָמאר?

— יא, איך בין עס, האָט דער אדוואָקאט געענטפערט רוהיג.

— אלזאָ וואָס מאכט איהר דאָ? האָט דאָראַן געפרעגט.

— וואָס איך מאך דאָ? איך ווארט אויף אייך, העררן דאָראַן.

— איהר ווארט אויף מיר?

— געוויס! האָט איהר דען פערגעסען, אז מיר האָבען אָבגערעדט, מיר זאָלען זיך בעגעגענען אין סועז?

— מיר האָבען אזוי אָבגערעדט? דאָס איז א נייעס! צו וואָס זאָלען מיר זיך בעגעגענען?

— וועגען דעם טעסטאמענט פון קיאמיל פאשא... וועגען זיינע מיליאָ־נען... וועלכע ער האָט פערגראָבען אויף אַן אינזעל.

— איהר מיינט געוויס, אז מיר דארפען זיך זעהען וועגען מיין אינזעל און וועגען מיינע מיליאָנען? אָ, יא! איהר האָט רעכט! אייך קומט א פראָ־צענט, האָט זשאק דאָראַן געזאָגט רוהיג. נו, גוט מאָרגען, העדר בן אָמאר.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער זיך געווענדעט צו פראנסוא און טרעגאָמעין און האָט געוואָלט אוועקגעהן אין שטאָדט.

— וואו ווילט איהר דען אָבשטייגען, העדר דאָראַן? האָט בן אָמאר געפרעגט.

— אין א האָטעל, איז געווען דיא אנטוואָרט.

— ווילט איהר פילייכט קומען אין דעם האָטעל, וואו איך מיט מיין שרייבער שטעהען?

— דאָס מאכט מיר ניט אויס. וויא לאנג מוזען מיר בלייבען דאָ?

— אכט און פערציג שטונדען, האָט בן אָמאר געענטפערט, ערשט נאָך אכט און פערציג שטונדען וועט אָבגעהן א שיף נאָך אינדיען.

— ווייסט איהר עס פאר געוויס?

— איך ווייס ניט גענוי, וואוהין איהר ווילט ווייטער פאָהרען פון דאנען, האָט בן אָמאר געזאָגט רוהיג.

— וויא מען האט מיר געזאגט אין פארט סאאיד, געהט דער פאסאזשיר־דאמפפער "אקסוס" גלייך נאך באמביי.

— באמביי? אלזא פאהרט איהר נאך באמביי? האט בן אמאר איבער־געפרעגט.

— יא, הערר אדוואקאט פון קראקאדילען לאנד! האט זשאק דאראן גע־ענטפערט בייז.

— דאן קען איך מיט מיין שרייבער פאהרען צוזאמען מיט אייך אויף דעם "אקסוס"?

— איהר מעגט פאהרען אויף דערזעלבער שיף, האט דאראן געענטפערט, איך קען עס אייך ניט פערוועהרען.

— דאן געפינט זיך אייער אינזעל ניט ווייט פון באמביי? האט בן אמאר געפרעגט גאנץ אונשולדיג.

— איך וויים שוין וואו מיין אינזעל געפינט זיך, האט דאראן געענט־פערט קורץ און שארף.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך אבגעווענדעט פון דעם עגיפטישען אד־וואקאט און איז געגאנגען גלייך צו דעם ערשטען בעסטען האטעל, וועלכער האט זיך געפונען לעבען דער באהן סטאציאן. אן אראבער האט נאכגעטראגען זייער באגאזש.

בן אמאר איז געבליבען שטעהן אויף דער גאס. זיין שרייבער האט איהם צוגעווארפען א בייזען, ווילדען בליק.

זשאק דאראן איז אריינגעגאנגען אין האטעל. פראנסוא און טרעגאמעין זיינען געבליבען שטעהן אין דרויסען. אלס יונגער מאן האט זיך פראנסוא שטארק אינטערעסירט מיט דעם סועז קאנאל. ער האט זיך זאגאר ניט געשעהמט צו פרעגען דעם שרייבער פון האטעל, וויא אזוי דיעזע שטאדט הייסט אויף אראביש. דער שרייבער פון האטעל האט איהם ערקלעהרט:

— דיא אראבער פלעגען רופען דיעזע שטאדט סועאיס, דיא אלטע עגיפ־טיאנער פלעגען זיא רופען קלעאפאטריס, ווייל דיא קעניגין קלעאפאטרא האט דא געוואהנט צוויי יאהר פאר קריסטוס׳עס געבורט.

— מיר האבען גענוג צייט צו זעהן און צו בעטראכטען דיעזע זאנדער־בארע שטאדט, האט פראנסוא געזאגט צו טרעגאמעין.

— דוא האסט רעכט, ליעבער פראנסוא, האט טרעגאמעין געענטפערט. וואס וועלען מיר דען טהאן דיעזע צוויי טעג?

— פיליכט וועט דער אנקעל אויך געהען מיט אונז?

— לאמיר איהם פרעגען.

זיי זיינען אריינגעגאנגען אין האטעל און א דיענער האט זיי געוויזען דיא צימערען, וועלכע זשאק דאראן האט אבגענומען פאר זיי.

זיי האָבען געבעטען זשאק דאַראַן, ער זאָל מיטגעהן מיט זיי און צוזאמען מיט זיי בעטראכטען דיעזע מערקווירדיגע שטאָדט, וועלכע איז אויסגעוואקסען אין אזא קורצער צייט.

— וואָס געהט מיך אָן אייער סועז? האָט זשאק דאַראַן אויסגערופען. איך בין ניט געקומען אהער אום ארומצושלענדערען אין דיא גאסען.

פראנסוא און טרענאָמעין האָבען זיך ענטשלאָסען צו געהן אליין און צו בעטראכטען דיא שטאָדט.

סועז איז ווירקליך א מערקווירדיגע שטאָדט. זיא איז אן עכט אראבישע שטאָדט, אָבער אין דער זעלבער צייט געפינען זיך אין סועז מעהר אייראָפּעער אלס אראבער. אין יענער צייט איז סועז געוועזען און איז אויך יעצט א וויכטיגע האנדעלס שטאָדט אין אפריקא. צוויי אייזענבאהנען קומען זיך צונויף אין סועז און אלע שיפען אויף דעם רויטען מעער בלייבען שטעהן אין סועז אום אויפצונעהמען און אראָבצולאָזען פאסאזשירען.

אין סועז ווייזט מען נאָך דאָס הויז וואו נאפאָלעאָן דער ערשטער האָט גע־האַלטען קווארטיר אין 1799.

פראנסוא איז געוועזען העכסט צופריעדען ארומצושפאציערען אין דיא גאסען און געסלעך פון סועז, וואו מען זעהט נייע מענשען, נייע זיטען, נייע מאניע־רען און א נייעס לעבען.

זשאק דאַראַן דאגעגען פלעגט זעלטען אוועקגעהן וויים פון האָטעל. ער האָט בעמערקט, אז מען שפּיאָנירט איהם נאָך, אז מען היט איהם אָב און ער האָט ניט געוואָלט געבען אָמאר'ען און זיין שרייבער דיא געלעגענהייט, זיי זאָלען איהם נאָכשפּיאָנירען. ער איז דארום ליעבער געבליעבען אין זיין האָ־טעל און האָט געטראכט וועגען זיין אינזעל און וועגען זיינע מיליאָנען.

אזוי זיינען פערגאנגען דיא צוויי טעג אין סועז.

אויף'ן דריטען טאָג אום ניין אוהר אין דער פריה האָט דער "אָקסוס", א גרויסער פּאָסט און פאסאזשיר דאמפּפער געדארפט אָבפאָהרען פון סועז נאָך באָמביי און נאָך אלע גרויסע סטאציאָנען אויף'ן וועג, וואו ער פלעגט אויפ־נעהמען דיא פּאָסט און פאסאזשירען.

גאנץ פריה איז זשאק דאַראַן מיט זיינע בעגלייטער שוין געוועזען אויף דער שיף. איינינע מינוטען שפּעטער איז אָנגעקומען בן אָמאר מיט זיין שרייבער. זשאק דאַראַן האָט זיך גענומען א קאיוטע מיט דריי בעטען. בן אָמאר און זיין שרייבער האָבען גענומען א קאיוטע ניט וויים.

פונקט ניין אוהר איז דיא גרויסע שיף אָבגעפאָהרען פון סועז. ווען דיא פאסאזשירען האָבען זיך אביסעל איינגעאָרדענט, האָט זשאק דאַראַן אויסגע־זוכט דעם עגיפּטישען אדוואָקאט און האָט געזאָגט צו איהם:

— הערר בן אָמאר, איהר פאָהרט אייך אייער וועג און איך פאָהר מיר

מיין וועג. ביז מיר וועלען קומען אויף אונזער בעשטימונגס אָרט, קענען מיר זיך ניט און ווייסען ניט, אז מיר זייַנען בעקאנט. איך האָף, אז מיר וועלען זיך זעהען אזוי זעלטען וויא נור מעגליך.

בן אָמאר האָט זיך פערנייגט און האָט גאָר ניט געענטפערט.

ער האָט אויך ניט געדארפט ענטפערען, ווייל קוים איז דיא שיף אָבגע־פאָהרען איינינע מייל פון ברעג, האָט בן אָמאר בעקומען דיא זעע־קראנקהייט און ער האָט געליטען פון איהר אזוי שטארק, אז ער איז געלעגען אין זיין קאיוטע וויא א קלאָץ. זיין שרייבער אָבער האָט ניט געליטען פון דיעזער קראנק־הייט זאָגאר שפּעטער, ווען דאָס רויטע מעער האָט בעוויזען, אז עס קען זיין אזוי שטירמיש און אזוי אונרוהיג וויא דאָס גרויסע וועלט־מעער.

דער גוטער טרעגאָמעין האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און איז גע־גאנגען בעזוכען דעם קראנקען בן אָמאר.

— נו, הערר בארקע־מאן, וואָס מאכט אונזער אדוואָקאט פון קראָקאָדי־לען לאנד? האָט זשאק דאַראן געפרעגט.

— ער איז גוט קראנק, האָט טרעגאָמעין געענטפערט, ער איז ווירק־ליך צום בעדויערען, דוא מעגסט אויך געהן איהם בעזוכען, עס איז דאָך א רחמנות אויף איהם.

— יא, איך וועל געהן איהם בעזוכען, ווען ער וועט האַלטען ביים שטארבען.

דערביי האָט ער א לאַך געטהאָן. זיין אייגענער וויץ איז איהם געפעלען.

טרעגאָמעין און פראנסוא האָבען פּרובירט רעדען מיט בן אָמאר'ס שריי־בער און איהם געבען א ראטה, וואָס ער זאָל טהאָן פאר דעם קראנקען, אָבער נאַ־זים בן אבדאַלאה האָט ניט פערשטאנען א וואָרט פראנצויזיש און זיי האָבען ניט פערשטאנען א וואָרט אראביש.

דיא רייזע אויף דעם רויטען מעער אין פריהלינג איז נאָך רעכט אנגע־נעהם, שפּעטער אין זומער צייט איז דיא היץ אונערטרעגליך. אייראָפּעער קענען ניט הייצען אונטער דיא קעסלען פון דער שיף, דאָס מוזען טהאָן אראבער. נור זיי קענען אויסהאַלטען דיא שרעקליכע היץ לעבען קעסעל. דיא היץ איז דאָן אזוי גרויס, אז ווען מען ברייננט אריין אייער אין דעם הייץ־צימער, ווערען זיי אָבגעקאָכט אין איינינע מינוטען.

דער "אָקסוס" איז ענדליך אריינגעפאָהרען אין דעם שמאָלסטען קאנאַל, באב על מאנדעב, "דער טויער פון טרעהרען", וועלכער פעראייניגט דאָס רויטע מעער מיט דעם אינדישען וועלט־מעער. דיא אראבער רופען דיעזען שמאָלען פּאַס וואסער "דער טויער פון טרעהרען", ווייל אמאָל פלעגט זיין זעהר גע־פעהרליך דורכצופאָהרען דיעזען קאנאַל.

יעצט איז דער "אָקסוס" צוגעקומען צו דער שטאָדט אדען, א פעסטונג, וועל־

בע געהערט צו ענגלאנד זייט 1823. דיא ענגלענדער האבען פערכאפט יעדען וויכ־טיגען פונקט אויף דער וועלט און האבען זיך דארט בעפעסטיגט.

דער "אקסוס" איז געשטאנען א גאנצען טאג אין אדען. בן אמאר האט זיך געפיהלט בעסער און איז ארויסגעקומען אויף׳ן דעק, ער איז אבער געווען אזוי בלייך, אזוי שוואך און אזוי אבגעצעהרט, אז ער האט זיך קוים געקענט האלטען אויף דיא פיס.

דאס מאל איז זשאק דאראן צוגעגאנגען צו איהם און האט געזאגט מיט א שמייכעל:

— אה! איהר זייט עס, העררבן אמאר? איך האב אייך קוים דערקענט. ווען איך וואלט געווען אויף אייער פלאץ, וואלט איך מיך אבגעזאגט ווייטער צו רייזען און וואלט בעסער געבליבען אין אדען.

— איך וואלט עס אויך געטהאן, ווען איהר זאלט וועלען בלייבען אין אדען ביז עס וועט קומען דיא צווייטע שיף. אין א פאר טעג אויף דעם לאנד וואלט איך אין גאנצען געזונד געווארען.

— עס טהוט מיר זעהר לייד, וואס איך קען עס אייך ניט צוליעב טהאן, האט דאראן געענטפערט, איהר פערשטעהט דאך, אז איך אייל מיך אייך ארויסצוצאהלען אייער קאמיסיאן.

— האבען מיר נאך ווייט צו פאהרען?

— נאך זעהר ווייט, איז געווען דיא אנטווארט.

אזוי וויא דיא שיף איז געשטאנען א גאנצען טאג אין אדען, האט בן אמאר דאך געקענט עפעס עסען און זיך קרעפטיגען פאר דער לאנגער רייזע.

דעם אנדערען טאג איז דער "אקסוס" אריינגעפאהרען אין דאס אינדי־שע וועלט־מעער. דאס מאל איז דאס מעער געווען בעזאנדערס ניט פריינדליך צו בן אמאר׳ען. עס האט זיך אויפגעהויבען א שטארקער ווינד, וועלכער האט געשליידערט דיא שיף אין אלע זייטען גאנצע דריי טעג. ערשט אויף דעם דריטען טאג איז דיא שיף צוגעפאהרען צו דער אראבישער שטאדט האדרא־מאוט אום אבצוגעבען און אויפצונעהמען דיא פאסט און איינינגע פא־סאזשירען.

סואד פאשא האט ניט געליטען פון דער זעע־קראנקהייט. אבער יעדעס מאל, ווען ער פלעגט דערזעהען זשאק דאראן אדער איינעם פון זיינע בעגליי־טער, פלעגט ער אויפקאכען וויא א קעסעל. ער, סואד פאשא, דער איינציגער פערוואנדטער פון דעם רייכען קיאמיל פאשא, זאל מוזען נאכפאהרען און נאכשפיאנירען א פראנצויז, וועלכער בעהויפטעט, אז קיאמיל פאשא׳ס מיליא־נען געהערען צו איהם!

דאס האט דער פאשא פון׳ם קראקאדילען לאנד ניט געקענט אריבערטרא־גען. וואס האט ער אבער געקענט בעסער מאכען?

אין האדראַ־מאוט איז דיא שיף געשטאַנען נור אַ פּאָר שטונדען און בן אַמאר האָט ניט געקענט זאָגאר זיך אויפהויבען פון בעט. דאַן איז דיא שיף ווייטער געפאָהרען צוויי טעג און איז צוגעקומען צו דער שטאָדט בירבאַט, וואו זיא איז געבליבען גאַנצע צוועלף שטונדען, ווייל בירבאט איז אַ וויכטיגער פּאָרט אין אינדישען וועלט־מעער. אַראַבער, טערקען און פּערזער פיהרען דאָ אַ גרויסען האנדעל מיט אַלע וועלט טהיילען.

פון בירבאט איז דיא שיף געפאָהרען צוויי טעג און האָט ארומגערינגעלט דעם קאַפּ ראַז על האַד, אַ בארג, וועלכער קומט אַריין ווייט אין מעער. דאַן איז דיא שיף אריינגעפאָהרען אין דיא גרויסע בוכטע פון אָמאַן און צוויי טעג שפּע־טער איז זיא צוגעקומען צו דער שטאָדט מאַסקאַט, דיא הויפּט שטאָדט פון דעם סולטאַן פון אָמאַן.

וואָס נעהענטער דיא שיף איז געקומען צו אָמאַן, אַלץ אונרוהיגער און אויפגערעגטער איז געוואָרען זשאַק דאַראַן. יעצט האָט ער שוין געזעהען פאַר זיך מיליאָנען. אָט האָט ער זיי שוין, אָט כאַפּט ער זיי שוין, אָט פאָהרט ער שוין צוריק מיט אַזוי פיעל מיליאָנען.

איין מאָל האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע בעגלייטער און האָט געזאָגט:

— ווען קיאַמיל פּאַשאַ'ס מיליאָנען בעשטעהען אין שטיקער גאָלד, וויא אַזוי וועלען מיר זיי מיטנעהמען? וויא אַזוי קען מען פיהרען אַזוי פיעל גאָלד אַזאַ לאַנגע שטרעקע?

— איך האָב אויך געטראַכט דערפון, האָט פראַנסוא געזאָגט.

— נו, מיר וועלען אָנלעגען אונזערע קעשענעס און אונזערע טאַשענטיכער פול מיט גאָלד, האָט טרעגאָמעין געענטפערט.

— דו ביסט געוועזען אַ מאַטראָז אויף אַ באַרקע און ביסט געבליבען אַ באַרקע־מאַטראָז! האָט זשאַק דאַראַן אויסגערופען. דענקסט דו ווירקליך, אַז דו וועסט קענען אריינגעהמען אַ מיליאָן גאָלד אין דיינע קעשענעס?

— פאַר וואָס ניט?

— האָסט דו שוין אַמאָל געזעהן אַ מיליאָן אין גאָלד?

— ניין. עס האָט זיך מיר זאָגאר קיין מאָל ניט גע'חלום'ט, אַז איך זעה אַ מיליאָן.

— ווייסט דו וועניגסטענס, וויא פיעל עס וועגט אַ מיליאָן פונט סטער־לינג?

— איך האָב קיין מאָל ניט געטראַכט דערפון.

— נו, דאַן וועל איך עס דיר זאָגען: אַ מיליאָן פונט סטערלינג דאַרף וועגען אונגעפעהר 17,775 פונט פון 12 אונץ אַ פונט. אַ מיליאָן אַמעריקאַנער דאָלאַר דאַרף אַלזאָ וועגען אונגעפעהר 3,555 פונט און אַ מיליאָן פראַנק, אונ־זער קליינעס געלד, דאַרף אויך וועגען אונגעפעהר 711 פונט. איך וועל אָבער

בעקומען פיער מיליאָן פונט סטערלינג, אָדער 20 מיליאָן דאָלאר, אָדער הונדערט מיליאָן פראנק, דאָס הייסט אלזאָ מעהר אלס זיעבציג טויזענד פונט.

— אך! האָט אויסגערופען דער רוהיגער טרעגאָמעין.

מעהר האָט ער ניט געקענט זאָגען. עס איז איהם קיין מאָל ניט איינגע־פאלען אין זיין איינפאכען, ניט איבערגעשפיצטען קאָפּ, אז א מיליאָן גאָלד איז אזוי שווער.

— ווייסט דוא, בארקע־מאטראָז, וויא פיעל מענשען מען מוז האָבען אום צו טראָגען אזוי פיעל גאָלד?

טרעגאָמעין האָט געשוויגען.

— וויא פיעל מענשען דארף מען האָבען? האָט פראנסוא געפרעגט.

— דריי הונדערט דריי און צוואנציג מענשען, האָט זשאק דאָראן געענט־פערט, פערשטעהסט דוא שוין?

— איך פערשטעה שוין, האָט פראנסוא געזאָגט, איך פערשטעה אָבער ניט, וויא אזוי וועלען מיר דריי קענען אויפהויבען אזוי פיעל גאָלד.

— צום גליק, געפינען זיך אין דעם אוצר פון קיאמיל פאשא זעהר פיעל דימאנטען און בריליאנטען, לייכטע זאכען, וועלכע האָבען א גרויסען ווערטה.

— אלזאָ, וועלען מיר דריי שוין קענען אויפהויבען אלע מיליאָנען, האָט פראנסוא געזאָגט פערטראכט.

ער האָט ניט פיעל געגלויבט אין דיעזע מיליאָנען, אָבער ער האָט דאָך גע־זעהען, וויא בן אָמאר פאָהרט מיט און זיין שרייבער לאָזט פון זיי קיין אויג ניט אראָב, און דארום האָט ער געמוזט גלויבען, אז עפּעס איז עס דאָך.

— וויא איך זעה, איז דיין קיאמיל פאשא געוועזען א גאנץ קלוגער מאן, וואָס ער האָט אריינגעלייגט זיין גאנצעס געלד אין בריליאנטען, האָט טרע־גאָמעין בעמערקט, איך ווייס אָבער ניט, וואָס קענסט דוא טהאָן מיט אזוי פיעל בריליאנטען.

— נארישער בארקע־מאטראָז! ווייסט דוא דען ניט, אז בריליאנטען קען מען זעהר לייכט פערקויפען אין לאָנדאָן, אין פאריז און אין פעטערבורג?

— וועסט דוא דען פערקויפען אלע בריליאנטען?

— אָה, ניין! איך וועל צוערשט פערקויפען נור אביסעל, נור פאר איין מיליאָן. איך וועל אויסקלייבען דעם גרעסטען בריליאנט פאר זיך.

— פאר זיך? האָט טרעגאָמעין געפרעגט, וואו וועסט דוא איהם דען טראָגען?

— אין מיין העמד.

— דאן וועלען אלע קוקען אויף דיר און וועלען דיך בעוואונדערען.

— א צווייטען גרויסען בריליאנט וועל איך שענקען מיין זשוליעט, האָט דאָראן ווייטער פאנטאזירט, א דריטען וועל איך שענקען מיין שוועסטער, א

פיערטען וועל איך שענקען מיין ליעבען נעפע פראַנסוא, און אַ פינפטען דיר, מיין אַלטער באַרקע־מאַטראָז.

— מיר? וואָס קען איך מאַכען מיט אַ בריליאַנט? האָט טרעגאַמעין געפרעגט. איך דאַרף ניט קיין בריליאַנטען.

אַזוי האָט זשאַק דאָראַן גערעדט און פאַנטאַזירט וואָס ער וועט טהאָן מיט די בריליאַנטען, וועלכע ער וועט געפינען אויף דעם אינזעל.

אונטערדעסען איז די שיף אריינגעפאָהרען אין פאָרט פון מאַסקאַט.

12טעם קאַפּיטעל.

מאַסקאַט

אויף דער זיד־אָסט זייט (דרומית־מזרחית) פון דעם גרויסען האַלב־אינזעל אַראַביען געפינט זיך דאָס קעניגרייך, ריכטיגער געזאָגט, דאָס סולטאַנאַט אָמאַן. עס איז אַ סולטאַנאַט, ווייל דער הערשער רופט זיך ניט קעניג, זאָנדערן סולטאַן פון אָמאַן. די הויפּט שטאָדט פון דיעזען סולטאַנאַט הייסט מאַסקאַט.

דאָס לאַנד איז אונגעפעהר 350 מייל די לענג און 180 מייל די ברייט. עס האָט אונגעפעהר צעהן מיליאָן איינוואָהנער. איך זאָג אונגעפעהר, ווייל גאַנץ גענוי ווייס מען עס ניט און מען קען עס ניט וויסען. אין לענדער וואו עס הערשט דער מאַהמאַדאַנישער גלויבען, איז עס שווער צו וויסען וויא פיעל איינוואָהנער עס געפינען זיך אין אַ דאָרף, אַ שטאָדט אָדער אַ לאַנד, ווייל דער מאַהמאַדאַנער האַלט עס פאַר אַ גרויסע זינד צו צעהלען מענשען. אַ מאַהמאַדאַנער וועט קיין מאָל ניט ערלויבען מען זאָל צעהלען און פערשרייבען, וויא פיעל פרויען ער האָט און וויא פיעל קינדער ער האָט.

די איינוואָהנער פון דיעזען סולטאַנאַט זיינען אַראַבער, פּערזיער, אינדיער, אידען און נעגער, ריכטיגער נאָך, האַלב־נעגער פון פערשיעדענע געגענדען.

ווען מען קומט אין דיעזען לאַנד אויף אַ שיף פון דעם אינדישען וועלט־מעער, פאָהרט מען אריין צוערשט אין אַ ברייטע און לאַנגע בוכטע, וועלכע הייסט די בוכטע פון אָמאַן. דיעזע בוכטע ווערט אַלע מאָל שמעלער, ביז זיא ענדיגט זיך מיט אַ גאַנץ שמאָלען פּאַס וואַסער, די מעער־ענגע פון אָרמוז, וועלכע פעראייניגט די בוכטע פון אָמאַן מיט דער גרויסער פּערזישער בוכטע אָדער גאָלף.ביידע בוכטען, אָדערביידע גרויסע שטרעקען וואַסער, טהיילען אָב דאָס סולטאַנאַט אָמאַן פון פּערזיען. אין אָסטען (מזרח) פון דיעזע וואַסערען געפינט זיך דאָס קעניגרייך פּערזיען און אין וועסטען (מערב) געפינט זיך דער גרויסער האַלב־אינזעל אַראַביען.

דער גאַנצער האַלב־אינזעל אַראַביען געהערט צו טערקיי, נור דער שמאַ־

לער פאס לאנד ביי דעם גאָלף פון אָמאן און ביי דעם גאָלף פון פערזיען געהערט צום סולטאן פון אָמאן. דיעזער סולטאן איז ניט נור דער הערשער פון דעם לאנד, ער איז אויך דער העכסטער גייסטליכער און דער גרעסטער געלערנטער אין דער רעליגיאָן פון מחמד, אין דער זעלבער צייט איז ער אויך דער ערשטער און גרעסטער קויפמאן פון דעם גאנצען לאנד.

דאָס לאנד איז רייך און פרוכטבאר. עס וואקסען דאָרט אלערליי פריכטע פון דיא הייסע לענדער: פייגען, גראנאטען (מילגרוימען), וויינטרויבען, אָראנזשען, לימענעס און אלע אנדערע זעלטענע פריכטע וואקסען איבעראל. דיא הויפט פרוכט אָבער זיינען טייטלען. דאָס רייכטהום פון אן איינוואָהנער ווערט אָבגעשאצט נאָך דער צאָהל פון טייטעל בוימער, וועלכע ער בעזיצט. אזוי, צום ביישפיעל, ווען מען רעדט פון א רייכען מאן, זאָגט מען: ער פערמאָגט פינף הונדערט טייטעל בוימער אָדער טויזענד טייטעל בוימער.

אזוי וויא דער סולטאן איז דער גרעסטער קויפמאן פון דעם גאנצען לאנד, האָט ער אייגענע צוויי טויזענד זעגעל שיפען, וועלכע פיהרען אוועק אין אנדערע לענדער דיא פראָדוקטען פון אָמאן און ברייגנען צוריק דיא פראָדוקטען פון יענע לענדער. ער האָט אויך א פלאָטע פון הונדערט זעגעל שיפען, בעוואָפענט מיט קאנאָנען. ער האָט אויך א לאנד־ארמעע פון פינף און צוואנציג טויזענד מאן.

עס איז אן אָפענעס געהיימניס, אז ענגלאנד שטיצט דעם סולטאן מיט געלד און דער סולטאן ערלויבט דארום, אז ענגלישע קריעגס־שיפען זאָלען שטענדיג זיך געפינען אין דער בוכטע פון אָמאן. מען וויים עס גאנץ גוט, אז דער סולטאן געפינט זיך אונטער דעם איינפלוס פון ענגלאנד און ער וועט שטענדיג טהאָן אלעס, וואָס ענגלאנד וועט איהם הייסען.

ענגלאנד פיהרט אזא זאָנדערבארע פאָליטיק אין אלע לענדער פון אזיען, וועלכע געפינען זיך ביים מעער, און אין יעדען וויכטיגען פאָרט געפינען זיך ענגלישע קריעגס־שיפען.

אָמאן איז א זאָנדערבאר לאנד. עס איז איינע פון דיא וויכטיגסטע האנדעלס לענדער פון דער וועלט, און דאָך איז עס אם וועניגסטען בעקאנט אין דער וועלט. פאר אידען איז אָמאן פון בעזאָנדערער וויכטיגקייט, ווייל אידען האָבען זיך דאָרט בעזעצט נאָך דעם חורבן בית ראשון, אלזאָ מיט 2,500 יאָהר צוריק. זעהר וועניג אידישע פאָרשער און רייזענדע האָבען בעזוכט אָמאן, און דיא איינציגע גענויערע נאכריכטען, וועלכע מיר האָבען איבער דיא אידען פון אָמאן, האָבען מיר בעקומען פון ענגלישע מיסיאָנערען, וועלכע האָבען בערייזט אָמאן און זיך געגעבען אלע מעגליכע מיה צו בעקעהרען דיא אידען צום קריסטענטהום. אז דאָס איז זיי ניט געלונגען, איז זעלבסטפערשטענדליך, דערפאר אָבער האָבען זיי גוט בעשריבען דיא לאגע פון דיא אידען אין יענע געגענדען.

זשאק דאראן, טרעגאמעין און פראנסוא זיינען געשטאנען אויף דעם דעק פון דער שיף, ווען זיא איז צוגעפאהרען צו דעם פארט פון מאסקאט. פראנסוא האט זעהר געוואלט זיך בעקענען מיט דעם לאנד, מיט דיא איינוואהנער און מיט דיא פאליטישע און רעליגיעזע איינריכטונגען פון דיעזען זאנדערבארען לאנד, אבער זשאק דאראן האט געטראכט נור פון זיינע מיליאנען און וואו עס געפינט זיך דער גליקליכער אינזעל, וואו דיעזע מיליאנען ליעגען פערגראבען. זעלבסטפערשטענדליך, אז ער האט איבערגעלאזען דיא ארבייט אויסצוגעפינען דיעזען אינזעל צו פראנסוא, אלס צו א שטודירטען שיפסקאפיטאן פון לאנגע רייזען. נור אזא געלערענטער שיפסקאפיטאן קען לייכט אויסגעפינען, וואו דיעזער אינזעל געפינט זיך.

קוים איז דיא שיף געבליבען שטעהן ביי איהר דאק, איז זשאק דאראן מיט זיינע בעגלייטער אראבגעגאנגען פון שיף. אן אגענט פון א האטעל, וועל־כער האט גוט גערעדט פראנצויזיש, האט זיי געפיהרט אין דעם גרעסטען האטעל פון דער שטאדט מאסקאט. דיעזער האטעל האט געהערט צו אן ענגלענדער. אלע דיענער האבען גערעדט ענגליש, פראנצויזיש און איטאליעניש, דיא הויפט שפראכען פון איירא פא, וועלבע ווערען געברויכט אין יענע לענדער.

ניט זשאק דאראן און ניט זיינע בעגלייטער האבען זיך אומגעקוקט אויף בן אמאר'ען מיט זיין שרייבער און האבען זיך ניט געקימערט צו וויסען, וואו זיי זיינען און וואס זיי טהון.

קוים זיינען זיי אנגעקומען אין האטעל און האבען אבגעלעגט זייערע זא־כען אין זייערע צימערען, האבען זיי זיך אנגעפרעגט וואו עס וואהנט דער פראנ־צויזישער קאנסול אין מאסקאט. מען האט זיי געוויזען און זיי זיינען גלייך געגאנגען צו איהם.

דער פראנצויזישער קאנסול איז געווען העכסט איבערראשט צו זעהען מיט אמאל דריי פראנצויזען אריינקומען אין זיין קאנצעליי. עס קומען אזוי זעלטען און אזוי ווייניג פראנצויזען נאך מאסקאט, אז דיא פראנצויזישע רעגיערונג האט זאגאר ניט געפונען פאר נויטהיג צו האלטען א גענעראל קאנסול אין דעם גאנצען סולטאנאט.

דער פראנצויזישער קאנסול איז דארום געווען העכסט דערפרעהט צו זע־העןביי זיך דריי פראנצויזען מיט איין מאל און ער האט אויסגערופען:

— עס פרעהט מיך זעהר צו בעגריסען מיינע לאנדסלייט! איך וועל געוויס טהאן פאר אייך אלעס, וואס איך וועל נור קענען.

— מיר דאנקען אייך זעהר פאר אייער פריינדליכקייט, העהר קאנסול, האט זשאק דאראן געענטפערט, איהר קענט טהאן פאר אונז זעהר פיעל, ווען איהר זאלט אונז געבען אייניגע אויסקינפטע וועגען דיעזען לאנד.

— מיט פֿערגניגען! האָט דער קאָנסול אויסגערופֿען. זאָגט מיר נור, וועלכע אויסקינפֿטע איהר פֿערלאַנגט פֿון מיר.

— מיר זיינען פֿון סען מאַלאָ, א פּאָרט, וועלכער איז אייך געוויס בעקאַנט, האָט זשאַק דאָראַן געענטפֿערט, א גרויס געשעפֿט אין סען מאַלאָ האָט אונז געשיקט אהער, מיר זאָלען אויסזוכען א פּלאַץ, וואו צו עפֿענען א ברענטש, א פֿיליאַלע, אן אָבטהיילונג פֿון יענעם געשעפֿט.

— דאָס פֿרעהט מיך זעהר, האָט דער קאָנסול געזאָגט, און איהר קענט זיין זיכער, אז איך וועל געוויס טהאָן אלעס, וואָס איך וועל נור קענען אום צו שטיצען מיינע לאַנדסלייט.

— דאַן קענט איהר אונז ניט זאָגען, וואו עס איז בעסער צו עפֿענען א געשעפֿט: אין דער שטאָדט מאַסקאַט אָדער אין אן אנדער שטאָדט אין אָמאַן? האָט פֿראַנסוא געפֿרעגט.

— איך געפֿין, אז מאַסקאַט איז דער בעסטער פּלאַץ פֿאַר א געשעפֿט. דער האנדעל פֿון דיעזער שטאָדט וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג. דיא פֿערדאַמטע ענגלענ־דער פֿיהלען עס און פֿערשטעהען עס גאַנץ גוט און דאַרום זוכט יעדעס גרויסעס געשעפֿט אין לאָנדאָן צו עפֿענען אן אָבטהיילונג, א ברענטש אין מאַסקאַט, וואָס איז געוואָרען דער מיטעלפּונקט פֿון האנדעל פֿון פּערזיען, אַראַביען, אינדיען, זאַנזיבאַר און אַפֿריקאַ.

— וועלכע זיינען דיא הויפּט עקספּאָרט פּראָדוקטען פֿון מאַסקאַט? האָט טרעגאָמעין געפֿרעגט.

— דיא הויפּט פּראָדוקטען פֿון דעם לאַנד אָמאַן, וועלכע ווערען געוועהנליך עקספּאָרטירט (ארויסגעפֿיהרט) פֿון דאַנען נאָך אייראָפּא און אמעריקאַ, זיינען: טייטלען, ראָזשינקעס, שוועפֿעל, פֿיש, גומי אַראַביקום, קאָנכיליען (אלערליי שעהנע מושעלען, זשאַבע שיסעלעך, מויערקעפּ), דיא הערנער פֿון דעם רהינ־אָצעראָס, וועלכע ווערען געברויכט אלס עלפֿאַנט ביין, בוימעהל, קאַקאַ־נים, רייז, הירזש, קאַפֿע און צוקערוועדק, האָט דער קאָנסול געענטפֿערט.

— צוקערוועדק? האָט טרעגאָמעין איבערגעפֿרעגט. צוקערוועדק ווערט עקספּאָרטירט פֿון דאַנען?

טרעגאָמעין האָט רעכט געהאַט: ער האָט געוואוסט, אז דיא בעסטע און טהייערסטע צוקערוועדק ווערען געמאַכט אין פֿראַנקרייך. פֿראַנצויזישע קאַנדיר־טע פֿריכטע זיינען בעריהמט אין דער גאַנצער וועלט. וויא איז עס אלזאָ מעג־ליך, אז מען זאָל עקספּאָרטירען צוקערוועדק פֿון מאַסקאַט?

— יאָ, מיין העדר, האָט דער פֿראַנצויזישער קאָנסול געענטפֿערט, אין מאַס־קאַט און אין אנדערע שטעדט פֿון אָמאַן מאַכט מען א סאָרט צוקערוועדק, וועל־כעס הייסט האַללאַוואַה. עס ווערט געמאַכט פֿון צוקער, האָניג, גומי, מאַנדלען

און איינינע געווירצע. דיעזעם צוקערוועדק איז שטארק בעליעבט אין אזיען און אפריקא.

— דאָס מוזען מיר פערזוכען! האָט טרעגאָמעין אויסגערופען.

— מיין ליעבער, גוטער טרעגאָמעין! האָט זשאק דאַראן געזאָגט מיט א פּאַרוואורף, מיר זיינען ניט געקומען אהער אום צו פערזוכען דעם צוקער־ווערק פון אָמאן, מיר זיינען געקומען אום צו מאכען א געשעפט, אלזאָ מוזען מיר וויסען, וועלכע זיינען דיא הויפט עקספּאָרט ארטיקעל פאר אייראָפּא. וואָס דענקט איהר דערפון, הערר קאָנסול?

— איך האָב אייך אויסגערעכענט אלע הויפּט פּראָדוקטען פון דיעזען לאנד, וועלכע ווערען ארויסגעפיהרט אין פערשיעדענע געגענדען פון דער וועלט, האָט דער פראנצויזישער קאָנסול געענטפערט, איך האָב נאָך פערגעסען אייך צו זאָגען, אז אין דעם פּערזישען גאָלף ווערען אויסגעפישט פּערל אויף אונגעפעהר דריי מיליאָן פראנק א יאָהר. מען טרעפט אָפט דאָ דיא בעסטע און שעהנסטע פּערל אין דער וועלט.

— פּערל פאר דריי מיליאָן פראנק א יאָהר? האָט זשאק דאַראן בע־מערקט מיט א שמייכעל, דריי מיליאָן פראנק א יאָהר?

פאר א מענשען, וועלכער איז געקומען אָבנעהמען א ירושה פון הונדערט מיליאָן פראנק, איז דריי מיליאָן געווען א קליינינקייט, א גאָרנישט.

— איך מוז אייך אָבער בעמערקען, אז דער גאנצער האנדעל פון פּערל גע־פינט זיך אין דיא הענד פון אינדיער אָדער הינדוסען, וועלכע ווילען קיינעם ניט צולאָזען צו דיעזען האנדעל.

— זאָגאר ניט דיא קויפלייטע פון מאָסקאט? האָט פראנסוא געפרעגט.

— זאָגאר ניט דיא קויפלייטע פון מאָסקאט, איז געווען דיא אנטוואָרט פון דעם קאָנסול. איך מוז אייך נאָך בעמערקען, אז עס איז זעהר שווער פאר א פרעמדען צו עפענען א געשעפט אין דיעזען לאנד.

פראנסוא האָט גוט געוואוסט, אז דער אינזעל, וועלכען זיי זוכען, געפינט זיך ניט ארום מאָסקאט, זאָנדערן וויטער ערגעץ אין דעם פּערזישען גאָלף, און דארום האָט ער וויטער געפרעגט:

— וועלכע נאָך גרויסע שטעדט געפינען זיך אין דיעזען לאנד, וואו מען קען עפענען א געשעפט?

— אָמאן איז אויך א גרויסע שטאָדט און א האנדעלס שטאָדט, האָט דער קאָנסול געענטפערט.

— אָמאן? וואו ליגט דען אָמאן? אין נאָרדען (צפון זייט) פון מאָסקאט?

— ניין, אָמאן געפינט זיך אין זיד־אָסט (דרומית־מזרחית) פון מאָסקאט.

— און וועלכע שטעדט געפינען זיך נאָרדליך, אין צפון זייט פון מאָסקאט?

— דיא וויכטיגסטע האנדעלס שטאָדט איז ראסקאט.

— געפינט זיך ראסקאט ביים מעער?

— ניין, ראסקאט געפינט זיך פון יענער זייט פון דיא בערג.

— און וועלכע גרויסע און וויכטיגע האנדעלס שטעדט געפינען זיך ביים פערזישען גאָלף? האט פראנסוא ווייטער געפרעגט.

— דיא שטאָדט סאהאר.

— וויא ווייט איז סאהאר פון מאָסקאט?

— אונגעפעהר הונדערט פינף און צוואנציג מייל.

פראנסוא האט א וואונק געטהאָן צו זיין אָנקעל, אז דאָס איז דיא שטאָדט, וועלכע זיי דארפען.

— איז סאהאר א וויכטיגע האנדעלס שטאָדט? האט פראנסוא געפרעגט.

— יא, האט דער קאָנסול געענטפערט, זיין האָהייט דער סולטאן, וואָהנט אָפט אין סאהאר, זעלבסטפערשטענדליך, ווען עס פאלט איהם איין אין קאָפּ אריבערצופאָהרען אין דיעזער פּאָרט שטאָדט.

— זיין האָהייט? האט טרעגאָמעין איבערגעפרעגט. וואָס איז דאָס פאר א טיטול?

טרעגאָמעין איז געוועזען אן איינפאכער מענש. ער האט געוואוסט, אז דער הערשער פון א רעפּובליק הייסט פּרעזידענט און זיין טיטול איז: "זיין עקסעלענץ", דער טיטול פון א קעניג איז "זיין קעניגליכע מאיעסטעט", דער טיטול פון א קייזער איז "זיין קייזערליכע מאיעסטעט", אָבער א טיטול "זיין האָהייט" איז איהם פאָרגעקומען עטוואָס זאָנדערבאר. אזא טיטול האט ער נאָך קיין מאָל ניט געהערט.

דער פראנצויזישער קאָנסול האט פערשטאנען, וואָס טרעגאָמעין מיינט, און ער האט געפונען פאר נויטהיג צו געבען זיינע לאנדסלייט א פאָלשטענדיגע ערקלערונג.

— דער טיטול פון דעם סולטאן פון אָמאן איז "זיין האָהייט", דיעזער טיטול איז, אמת, ניט אזוי גרויס, וויא דער טיטול "מאיעסטעט", דאָך איז דער סולטאן פון אָמאן א פרייער, זעלבסטשטענדיגער, דעספּאָטישער הערשער. אָהן זיין וויסען און אָהן זיין ווילען קען מען קיין זאך ניט אָנפאנגען אין דיעזען לאנד. ווען איהר ווילט עפּענען א געשעפט אין איינער פון זיינע שטעדט, מוזט איהר זיך ווענדען צו איהם מיט א ביטשריפט, און נור ווען ער וועט אייך עס ערלויבען, וועט איהר מעגען עפענען אייער געשעפט. יעצט פערשטעהט איהר שוין?

— איך פערשטעה עס גאנץ גוט, אָבער איך דענק, אז זיין האָהייט וועט אונז ניט אָבזאָגען אונזער ביטע, האט זשאק דאראן געענטפערט.

— ער וועט אייך געוויס ניט אָבזאָגען, ווען איהר וועט איהם בעצאָהלען זיין טאקסע.

— אָה, מיר װעלען איהם געװיס בעצאָהלען! האָט דאַראַן אױסגערופען.
— װיא אַזױ פאָהרט מען נאָך סאהאר? האָט פראַנסואַ געפרעגט.
— מען מוז פאָהרען מיט אַ קאַראַװאַנע, האָט דער קאָנסול געענטפערט.
— מיט אַ קאַראַװאַנע? האָט טרעגאָמעין איבערגעפרעגט.

דער עקס קאַפּיטאַן פון דער באַרקע "דיא שעהנע אמאליע" האָט נעבעך ניט געװאוסט, װאָס אַ קאַראַװאַנע איז.

דער פראַנצױזישער קאָנסול האָט איהם פערשטאַנען און האָט ערקלעהרט:

— מײנע ליעבע לאַנדסלײט, איהר דאַרפט װיסען, אַז אין דעם סולטאַנאַט אָמאַן געפינען זיך ניט קײן אײזענבאַהנען, קײן פאָסט טראַקטען, קײן גוט געבױטע און אײנגעריכטעטע װעגען. װען מען דאַרף פאָהרען פון אײן שטאָדט צו דער אַנדערער, מוז מען רײטען אױף אַן עזעל, אױף אַ מױל־עזעל אָדער אױף אַ קעמעל. דיא רײזע איז אָבער אָפט געפעהרליך, אײן מענש אַלײן האָט מורא צו מאַכען אַזאַ רײזע, עס מוזען זיך פערזאַמלען פיעלע רײזענדע און פאָהרען צוזאַמען. אַזאַ פערזאַמלונג פון רײזענדע הײסט קאַראַװאַנע.

— אַזאַ קאַראַװאַנע געהט אַלזאָ ניט גאַנץ אָפט צװישען מאַסקאַט און סאהאר? האָט פראַנסואַ געפרעגט.

— מאַסקאַט און סאהאר זײנען גרױסע האַנדעלס שטעדט און דאַרום געהן זעהר אָפט קאַראַװאַנען פון אײן שטאָדט צו דער אַנדערער, האָט דער קאָנסול ערקלעהרט, מאָרגען געהט אָב אַ קאַראַװאַנע נאָך סאהאר.

— מאָרגען? האָט זשאַק דאַראַן איבערגעפרעגט.
— יאַ, מאָרגען, האָט דער קאָנסול געענטפערט.
— דאָס איז דאָך װיא געװאונשען! האָט דאַראַן אױסגערופען, מיר קענען אַלזאָ שױן מאָרגען פאָהרען מיט דיעזער קאַראַװאַנע נאָך סאהאר.

טרעגאָמעין'ען איז עס אָבער שטאַרק ניט געפעלען צו פאָהרען מיט אַ קאַראַ־װאַנע. זײט ער לעבט איז ער ניט געזעסען אױף דעם רוקען פון אַ פערד, פון אַן עזעל אָדער פון אַ קעמעל און יעצט, אױף דער עלטער זאָל ער גאָר דאַרפען פאָהרען רײטענדיג. דאָס האָט איהם שטאַרק ניט געשמעקט און ער האָט געזאָגט:

— װען דיא שטאָדט סאהאר געפינט זיך בײם פערזישען גאָלף און דיא שטאָדט מאַסקאַט געפינט זיך בײ דעם גאָלף פון אָמאַן, פערשטעה איך ניט, פאַר װאָס זאָלען מיר ניט פאָהרען אױף'ן װאַסער, אױף אַ שיף אָדער אױף אַ באַרקע, פון מאַסקאַט נאָך סאהאר?

— טרעגאָמעין האָט דאָך רעכט! האָט זשאַק דאַראַן אױסגערופען, פאַר װאָס זאָלען מיר טאַקע ניט פאָהרען אױף'ן װאַסער נאָך סאהאר? איך גלױב, אַז מיט'ן װאַסער װאָלטען מיר שנעלער אָנגעקומען אין סאהאר... װאָס זאָגט איהר, הערר קאָנסול?

— איך זאָג, אז מען קען געוויס פאָהרען מיט'ן וואסער נאָך סאהאר, איך האָב עס אָבער אייך ניט געראטהען, ווייל עס איז רעכט געפעהרליך צו פאָהרען אויף דעם גאָלף פון אַמאן.

— געפעהרליך? וואָס מיינט איהר דערמיט? האָט זשאק דאָראן זיך געקאָכט. מיר זיינען אלע שיפסקאפּיטאנען, מיר זיינען געוואָהנט צו פיהרען שיפען, מיר האָבען קיין מורא ניט פאר ווינד און שטורם.

— איך רעד ניט פון ווינד און שטורם, האָט דער קאָנסול געענטפערט, איך ווייס גאנץ גוט, אז פראנצויזען פון סען מאלאָ האָבען קיין מורא ניט צו פאָהרען אויף'ן מעער, אָבער...

— וואָס אָבער?

— אָבער אין דיעזע געגענדען געפינען זיך פיעלע ים־רויבער, האָט דער קאָנסול געזאָגט.

— צום טייפעל! האָט זשאק דאָראן אויסגערופען.

פאר ווינד און שטורם האָט זשאק דאָראן געוויס קיין מורא ניט געהאט, פאר מעער־רויבער אָבער האָט ער זיך דערשראָקען. ווען מען געהט אויסגראָבען אן אוצר פון 20 מיליאָן, מעג מען זיך אביסעל שרעקען פאר רויבער.

זשאק דאָראן און זיינע קאמעראדען האָבען יעצט גוט פערשטאנען, פאר וואָס דער פראנצויזישער קאָנסול האָט זיי געראטהען צו פאָהרען נאָך סאהאר מיט א קאראוואנע. זיי האָבען יעצט פערשטאנען, אז אַמאן איז ניט פראנק־רייך, און אז נור מיט א קאראוואנע, וואו עס פאָהרען פיעלע מענשען צוזאמען, קען מען פאָהרען זיכער אין דיעזען לאנד.

זיי האָבען דארום זיך אָנגעפרעגט, וואו מען געפינט דיעזע קאראוואנע, וואָס עס דאַרף קאָסטען אן עזעל אָדער מויל־עזעל, דאָס הייסט, דריי עזלען אָדער דריי מויל־עזלען פון מאסקאט נאָך סאהאר, און אויב מען דאַרף עפּעס צאָהלען דעם קאראוואנען־פיהרער.

דער פראנצויזישער קאָנסול האָט זיי אלעס ערקלעהרט און האָט דערביי בעמערקט, אז אויב זיי ווילען, וועט ער זיי פאָרשטעלען פאר זיין האָהייט, דעם סולטאן פון אַמאן, און וועט ביי איהם אויסווירקען, ער זאָל זיי געבען א פאספּאָרט צו זיינע בעאמטע אין סאהאר.

זשאק דאָראן האָט אָבער ניט געפונען פאר נויטהיג צו מאכען דיא בעקאנטשאפט פון זיין האָהייט. ער איז קיין מאָל ניט בעקאנט געווען מיט קעניגע און פירסטען און האָט איך יעצט ניט געוואָלט מאכען אזא וויכטיגע בעקאנטשאפט.

ער האָט בעדאנקט דעם פראנצויזישען קאָנסול פאר זיין פריינדליכקייט און איז אוועקגעגאנגען מיט זיינע קאמעראדען זוכען דיא קאראוואנע נאָך סאהאר.

אין דער צייט ווען זשאק דאַראַן מיט זיינע קאמעראַדען האָבען זיך אונ־טערהאלטען מיט זייער קאָנסול, האָבען אין דעם זעלבען האָטעל, וואו זשאק דאַראַן איז אָבגעשטיגען, אָבגענומען א צימער בן אָמאר און זיין שרייבער נאַזים, אָדער סואד פאשא. זיי האָבען נאָך ניט געוואוסט, אז דאַראַן מיט זיינע בעגלייטער זיינען געקומען נאָך מאָסקאַט, ווייל דער אינזעל מיט דיא מיליאָנען געפינט זיך ערגיץ אין דיעזער געגענד.

דאָס אָבער האָבען זיי געמוזט ווייסען. זיי האָבען געמוזט בעאָבאַכטען און נאָכשפּירען יעדען שריט, וועלכען זשאַק דאַראַן האָט געמאַכט. ליידער, איז בן אָמאר נאָך געווען זעהר שוואַך פון דער רייזע און פון דער זעע־קראַנק־הייט, און סואד פאשא אָדער נאַזים האָט געמוזט איבערנעהמען אויף זיך דיא שווערע ארבייט פון שפּיאָנירען.

— דוא טייפעל! דוא קראָקאָדיל! דוא אונריינער שוויין! האָט סואד פאַ־שאַ זיך געבייזערט, פאר וואָס ביזט דוא אזוי קראנק געווען דיא גאַנצע צייט און קענסט יעצט ניט אויסשפּרייטען דיין נעץ פאר אונזערע גאָלדענע פישע־לעך?

— זייט רוהיג, האָהייט! האָט בן אָמאר געבעטען, דער פראנצוויז אנט־לויפט דאָך ניט, מיר ווייסען גאַנץ גוט, אז ער איז אין מאָסקאַט און שטעהט איין אין דיעזען האָטעל, אלזאָ קענען מיר דאָך לייכט ווייסען, אויב זיי בלייבען דאָ אָדער זיי פאָהרען ווייטער, און זאָגאר וואוהין זיי פאָהרען. מיר ווייסען יעצט פאר געוויס, אז זיי פאָהרען ניט נאָך קאלקוטא. דער "אָקסוס" פאָהרט אוועק מאָרגען אין דער פריה און דער סטיואַרד האָט אונז געזאָגט, אז דיא פראנצוזען האָבען גענומען זייער קאַיוטא נור ביז מאָסקאַט. דיא פראַגע איז אלזאָ, וואוהין וועלען זיי פאָהרען פון דאַנען?

— יאָ! דאָס איז דיא פראַגע, האָט סואד פאשא געזאָגט, וויא אזוי ווערט מען עס געוואָהר?

— לאָזט מיך זיך אָברוהען אביסעל, האָט בן אָמאר געבעטען, קוים וועל איך קענען ארומגעהן, וועל איך עס אויסגעפינען.

סואד פאשא האָט זיך געבייזערט, זיך געקאָכט, געטאַנצט און געשפּרונגען, ער האָט זיך אָבער דאָך ניט געקענט העלפען. ער האָט געהייסען בן אָמאר'ען האלטען אן אָפען אויג אויף דיא פראנצויזען, ווען זיי וועלען צוריקקומען אין האָטעל, און ער אליין איז געגאַנגען זוכען, וואו דיעזע פראנצויזען זיינען געגאַנגען.

אזוי וויא ער האָט גערעדט אראביש, טירקיש, פראנצויזיש און ענגליש, איז עס איהם ניט שווער געווען זיך נאָכצופרעגען וואו דיא פראנצויזען זיינען געגאַנגען און ער האָט אויך באַלד אויסגעפונען, אז דיא פראנצויזען זיינען גע־גאַנגען צו זייער קאָנסול, און ער איז געגאַנגען אהין, זיי נאָכשפּיאָנירען.

דער פראַנצויזישער קאָנסול איז געווען אַזוי העפליך צו שיקען מיט דיא דריי פראַנצויזען זיינעם אַ מענשען, וועלכער האָט גוט גערעדט אַראַביש, צו דעם אַנפיהרער פון דער קאַראַוואַנע. אין אַ האַלבער שטונדע האָט מען אַלעס אָבגערעדט און אַלעס אָבגעמאַכט.

אַזוי וויא עס איז ערשט געווען אום איינס אוהר, האָט טרעגאָמעין גע־ראַטהען זיי זאָלען אַביסעל אַרומגעהן אין דיא גאַסען און בעטראַכטען דיזע זאָנדערבאַרע אַזיאַטישע שטאָדט.

— געהט איהר אייך, וואו איהר ווילט, האָט זשאַק דאַראַן געזאָגט פער־טראַכט. איך וועל ליעבער געהן אין האָטעל מיך אָברוהען.

— אָבער, אָנקעל, פאַר וואָס זאָלט איהר אויך ניט מיטגעהן מיט אונז בעטראַכטען דיזע האַנדעלס שטאָדט? האָט פראַנסואַ געפרעגט.

— וואָס זאָל איך דאָ זעהען? אַזיאַטען? אַראַבער? פערזער? האָט זשאַק דאַראַן געפרעגט בייז.

מעהר האָט פראַנסואַ ניט געוואָלט פרעגען. ער האָט געוואוסט, אַז זיין אָנקעל איז אַזוי שטאַרק בעשעפטיגט מיט זיינע מיליאָנען, אַז ער וויל פון קיין אַנדער זאַך ניט הערען און ניט זעהען.

פראַנסואַ און טרעגאָמעין האָבען איהם צוגעפיהרט צום האָטעל, דאַן זיי־נען זיי געגאַנגען בעטראַכטען דיא שטאָדט.

מאַסקאַט איז ווירקליך אַ רעכט פרעהליכע האַנדעלס שטאָדט. עס גע־פינען זיך אין איהר פיעלע באַזאַרען, פּלעצער, וואו עס ווערען געקויפט און פערקויפט אַלערליי וואַארע, מייסטענס אָריענטאַלישע: אַלערליי גאַרטלען, טורבאַנען, מאַנטלען, בורנוסען און אַלערליי מעגליכע אָריענטאַלישע קליידער.

אין איין באַזאַר האָבען זיך געפונען נור ציערונג פון גאָלד, זילבער און אַלערליי טהייערע שטיינער.

— קויף אַ רינג פאַר זשוליעט, האָט טרעגאָמעין געראַטהען, זאָל זיא האָ־בען אַן אַנדענקען פון מאַסקאַט.

דער אָרימער פראַנסואַ האָט אַ זיפץ געטהאָן און האָט געמורמעלט:

— וואָס מאַכט יעצט מיין געליעבטע זשוליעט? וואָס וועט ווערען פון אונזער ליעבע, ווען דער אָנקעל וועט ווירקליך בעקומען זיינע מיליאָנען?... וועט ער זיי אָבער בעקומען?

אין דיא פאָאַר שטונדען וואָס זיי האָבען אַרומגעשפּאַציערט אין דיא גאַסען פון מאַסקאַט, האָט פראַנסואַ בעמערקט, אַז עס געפינען זיך עפּעס צופיעל פּאָ־ליציסטען; ווענינגסטענס האָט ער נאָך אין קיין שטאָדט אין דער וועלט ניט גע־זעהען אַזוי פיעל פּאָליציסטען, וויא אין מאַסקאַט. דאָס זאָנדערבאַרע דערביי איז געווען, וואָס דיזע פּאָליציסטען האָבען, וויא עס האָט זיך אויסגעוויזען, זעהר וועניג זיך געקימערט וועגען דעם, וואָס עס טהוט זיך אַרום זיי.

ניט ווילענדיג האָט פראנסוא געפרעגט זיך אליין:

— צו וואָס דארף מען אזא שטארקע פּאָליציי?

שפּעטער איז ער געוואָהר געוואָרען, אז דער סולטאן פון אָמאן האָט א גאנץ אנדערע פּאָליציי, וויא אין אייראָפּאישע שטעדט. יעדער פּאָליציסט איז א שפּיאָן און ער שפּיאָנירט דיא פרעמדע, וועלכע קומען נאָך מאסקאט. קוים קומט אָן א פרעמדער, געהן איהם נאָך דריי־פיער פּאָליציסטען און לאָזען פון איהם קיין אויג ניט אראב. אין א צייט פון זעקס שטונדען מוזען זיי מעלדען זייער שעף, ווער דער פרעמדער איז, פון וואנען ער קומט און וואָס ער וויל טהאָן.

מען פרעגט ניט דעם פרעמדען אויף א פּאספּאָרט, מען רעדט זאָגאר ניט מיט איהם, נור מען געהט איהם נאָך און מען פערצייכענט זיך אלעס, וואָס ער טהוט, וואָס ער קויפט און זאָגאר וואָס ער רעדט.

יעדען אבענד מוז דער פּאָליציי שעף מעלדען דעם סולטאן, וויא פיעל פרעמדע עס זיינען אָנגעקומען אין מאָסקאט, וואָס יעדער פרעמדער האָט גע־טהאָן דעם גאנצען טאָג און וואו ער שטעהט איין.

דער סולטאן פון אָמאן האָט זעהר מורא פאר פרעמדע, בעזאָנדערס פאר אייראָפּעער, ער וויל אָבער ניט און קען פיליכט ניט זיי פערוועהרען צו קו־מען אין זיין לאנד און דארום בעוואכט ער זיי מיט זיין פּאָליציי.

ווען פראנסוא וואָלט דאָס געוואוסט, וואָלט ער פערשטאנען, אז עס וועט זיין אונמעגליך אויפצוהויבען אין אזא לאנד אן אוצר פון אזוי פיעל מי־ליאָנען. דער סולטאן וועט צונעהמען דיא מיליאָנען פאר זיך, ווייל זיי זיינען געפונען געוואָרען אין זיין לאנד.

צום גליק האָט פראנסוא דערפון ניט געוואוסט און ער האָט פערבראכט אן אנגענעהמען טאָג אין דיא גאסען פון מאָסקאט, וואו ער האָט געקענט זעהען אלע מעגליכע סאָרטען מענשען: אראבער, אידען, אינדיער, פּערזער, נעגער און זעהר ווייניג אייראָפּעער. דיא אייראָפּעער זיינען געוועזען מייסטענס ענג־לענדער. ענגלאנד האנדעלט מיט דער גאנצער וועלט, און וואו מען ווארפט א שטיין, דאָרט טרעפט מען אן ענגלענדער. עס איז קוים דאָ א פערוואָרפענער ווינקעל אין דער גאנצער וועלט וואו מען זאָל ניט טרעפען ענגלענדער.

ווענען דיא אידען אין מאָסקאט, וויא אין גאנץ אָמאן, ווייס מען זעהר ווייניג. זעלטען קומט אן אייראָפּעער אין דיא שטעדט ווייט אין לאנד און ווען איינער קומט, זוכט ער אָבצומאכען זיינע געשעפטען און צו אנטלויפען, ווייל וויא שעהן דאָס לאנד איז און וויא רייך עס איז, האָבען דיא איינוואָהנער דאָך ניט שטארק ליעב דעם פרעמדען, בעזאָנדערס דעם קריסט.

ווען זשאק דאָראן איז געקומען אין זיין האָטעל און איז אריינגעקומען

אין זיין צימער, האָט ער געהערט אָנקלאַפּען אין דער טהיר. ער האָט געעפענט דיא טהיר און פאר איהם איז געשטאנען בן אַמאר.

— נו, וואָס פערלאנגט איהר, הערר אדוואָקאט פון קראָקאָדילען־לאנד? האָט דאָראן געפרעגט.

— קענט איהר מיר ניט זאָגען וואוהין איהר וועט פאָהרען פון דאנען? האָט בן אַמאר געפרעגט מיט א צוקער־זיסער שטימע.

— איך וועל פאָהרען צוערשט רעכטס, דאן לינקס, דאן גלייך און גלייך, איז געוועזען דיא אַנטוואָרט.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער פערמאכט דיא טהיר און געלאָזען דעם אַרי־מען בן אַמאר'ען פון יענער זייט טהיר.

13מעס קאפּיטעל.

פון מאַסקאַט נאך סאהאר

דעם אנדערען טאָג גאנץ פריה זיינען דיא דריי פראנצויזען געגאנגען אין קאראוואן סאראי, א סאָרט גאסט־הויז, וואו דיא קאראוואנע קומט זיך צונויף און פון וואנען זי פאָהרט ארויס.

א פּאָר מינוט שפּעטער איז אָנגעקומען בן אַמאר און זיין שרייבער. דאָס איז ניט קיין וואונדער. סואד פאשא איז זיי נעכטען נאָכגעגאנגען און האָט גע־זעהען, אז זיי זיינען געווען אין קאראוואן סאראי. ווען זיי זיינען אוועקגעגאנגען, איז ער אריינגעקומען אין קאראוואן טאראי און איז באלד געוואָהר געוואָרען, אז דיא פראנצויזען פאָהרען מאָרגען מיט דער קאראוואנע. אזוי וויא ער האָט גערעדט אראביש און איז געוועזען א מאהמעדאנער, האָבען דיא קאראוואנען־פיהרער געהאט מעהר צוטרויען צו איהם, וויא צו דיא פראנצויזען, צו דיא דזשאַורס (מענשען וועלכע גלויבען ניט אין מחמד).

סואד פאשא איז געוואָהר געוואָרען, אז זשאק דאָראן און פראנסוא האָבען געדונגען, ריכטיגער נאָך, געקויפט צוויי מויל־עזלען, פאר טרעגאָמעין'ען אָבער האָט מען געמוזט נעהמען א קעמעל, ווייל ער איז געווען צו שווער פאר א מויל־עזעל.

דיא וועגען אין אָמאן זיינען אזוי שלעכט, אז מען מוז פאָהרען נור אויף דעם רוקען פון אן עזעל, א מויל־עזעל אָדער א קעמעל. עס זיינען צוואר דאָ גוטע פערד, עכטע אראבישע פערד, אָבער זיי קאָסטען אזוי טהייער, אז נור א גאנץ רייכער מאן קען זיך פערגינען צו פאָהרען אויף א פערד. דאָס טהוט מען אָבער קיין מאָל ניט, ווען מען פאָהרט מיט א קאראוואנע.

יעצט האָבען דיא דריי פראנצויזען צייט געהאט צו בעטראכטען דיא קאַ־

ראַוואַנע. זיא איז בעשטאַנען פון מעהר אַלס הונדערט רייזענדע, אַלע אַראַבער, פּערזער און אינדיער. דיא פּראָנצוויזען און דיא צוויי עגיפּטער זיינען געווען דיא איינציגע פרעמדע.

אזוי וויא דער קלימאַט איז זעהר הייס, פאָהרט מען געוועהנליך ארוים גאַנץ פריה, ווען עס איז נאָך ניט שטאַרק הייס. שפּעטער, געגען מיטאָג, ווען דיא זון הויבט אָן צו ברענען וויא מיט פייער, מוז מען בלייבען שטעהן ערגעץ אונטער א בערגעל און רוהען ביז געגען פיער־פינף אוהר, דאַן פאָהרט מען א גאַנצע נאַכט. מען האָט זיך דארום געאיילט אויסצושטעלען דיא קאַראַוואַנע.

זשאַק דאַראַן און פראַנסואַ זיינען אויך קיין רייטער ניט געווען, זיי האָבען אויך קיין מאָל ניט געריטען אויף א פערד אין זייער לעבען, זיי האָ־בען זיך אָבער דאָך אויפגעזעצט אויף זייערע מויל־עזלען און האָבען פּרובירט ארומצופאָהרען אום זיך צוגעוואָהנען צו זיצען אויף דעם רוקען פון א בהמה.

גאַנץ אַנדערש איז עס געווען, ווען דער דיקער טרעגאַמעין האָט געדאַרפט זיך אויפזעצען אויף א שטאַרקען הויכען קעמעל. דאָס איז געווען איינע פון דיא שווערסטע ארבייטען פאַר איהם אַליין, וויא אויך פאַר דיא אַראַבער, צו וועמען דער קעמעל האָט געהערט.

— דיא אַראַבער רופען דעם קעמעל דיא שיף פון דער וויסטע, האָט פראַנסואַ געזאָגט צו זיין פריינד טרעגאַמעין. איך האָב דאָך געזעהען, אז איהר זייט מיט פערגניגען געפאָהרען אויף א שיף אויף׳ן מעער, פאַר וואָס האָט איהר מורא צו פאָהרען אויף דער שיף פון דער וויסטע?

— אָך, פריינד! האָט טרעגאַמעין געזיפצט, ווען איך זאָל געווען וויסען, אז איך וועל מוזען פאָהרען אויף אזא שיף, וואָלט איך בעסער געבליבען אין סען מאַלאָ.

עס האָט איהם אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפען. ער האָט געמוזט זיצען אין דער הויך אויף זיין קעמעל. איך מוז אָבער אויך בעמערקען, אז פאַר דעם מענשען, וועלכער איז ניט געוואָהנט צו פאָהרען אויף א קעמעל, איז עס ווענינ פערגניגען; עס איז א פּלאָגע. ווען דער קעמעל געהט נאָך לאַנגזאַם, קען מען עס נאָך איבערטראָגען, הויבט ער אָבער אָן צו געהן שנעל, מוז מען זיך צו־בינדען צום זאָטעל און ביי יעדען שריט פון דעם קעמעל פיהלט מען א שטויס און א זעץ פון דעם האַלץ פון דעם זאָטעל.

דיא קאַראַוואַנע האָט זיך ענדליך אויסגעשטעלט און האָט אָנגעהויבען צו ריהרען. פאָראויס איז געפאָהרען אויף א שטאַרקען מויל־עזעל דער קאַראַוואַ־נען־פיהרער. ער מוז פאָהרען פאָראויס אום צו ווייזען דעם וועג און צו קוקען, אויב עס איז ניטאָ ערגעץ א געפאַהר. נאָך איהם זיינען געפאָהרען איינינע אַראַבישע קויפלייטע. יעדער האָט געהאַט מיט זיך עטליכע קעמלען און צו יעדען קעמעל א בעזונדערען קנעכט. זיי האָבען געפיהרט אַלערליי וואַארען נאָך

סאהאר. דאן זיינען געפאָהרען אונזערע צוויי פראנצויזען אויף זייערע מויל־עזלען און הינטער זיי איז געפאָהרען טרעגאָמעין אויף זיין גרויסען קעמעל. פוןביידע זייטען זיינען געפאָהרען צוויי אראבער אויף קעמלען. זיי האָבען זיך אונטערגענומען אכטונג צו געבען אויף דעם דיקען פראנצויז און איהם צו לערנען און צו ווייזען, וויא אזוי מען פאָהרט אויף א קעמעל.

גאָר צו לעצט איז געפאָהרען סואד פאשא אויף א מויל־עזעל און בן אָמאר אויף אן עזעל. אזוי איז ער געוואָהנט געווען אין עגיפטען.

פראנסוא איז באלד געוואָהר געוואָרען, אז דיא רייזע פון מאָסקאט נאָך סאהאר וועט דויערען אונגעפעהר פיער טעג. מען רעכענט צו פאָהרען עטליכע און דרייסיג מייל א טאָג, ווען אלעם וועט געהן, וויא עס דארף זיין, ווען עס וועלען קיין שטערונגען ניט פאָרקומען.

דיא רייזע איז געווען אונאנגענעהם און לאנגווייליג. אום צעהן אוהר האָט דיא זון אָנגעהויבען צו ברענען, וויא א פייער, און א הייסער ווינד, וויא פון א קאלך אויוועז האָט געוועהט גלייך אין געזיכט פון דיא רייזענדע.

פאר אייראָפּעער איז עס א רעכט שווערע אויפגאבע צו רייזען אין יענע געגענדען, זיי קענען ניט איבערטראָגען דיא היץ און זיי ווערען קראנק פון אזא רייזע.

צום גליק פאר אונזערע פראנצויזען, האָבען זיי געטראָפען א גוטע קאראוואנע און דער קאראוואנען־פיהרער האָט געזעהן וויא ווייט עס איז מעגליך געווען צו פאָהרען דורך געגענדען, וואו עס האָבען זיך געפונען וועלדער און גערטנער מיט פרוכט בוימער. מען האָט אלזאָ געקענט וועניגסטענס אויף אייניגע מינוטען זיך שיצען פון דער זון אין דעם שאָטען פון בוימער.

דאָס איז אָבער נור געווען ניט ווייט פון מאָסקאט, וואו דאָס לאנד איז גוט בעארבייט און עס געפינען זיך נאָך וועלדער פון צייט צו צייט. ווען דער קאראוואנען־פיהרער געפינט א גוטען פלאץ, בעוואקסען מיט גראָז, בלייבט ער שטעהן און לאָזט דיא טיהרע פרעסען דאָס גרינע, זאפטיגע גראָז. דאן מאכט מען א סטאציאָן און מען רוהט זיך אָפּ.

אויף איינער פון אזעלכע סטאציאָנען האָבען אונזערע דריי פראנצויזען זיך געזעצט עסען און זיי האָבען זיך צורעדט איבער דעם הויפּט צוועק פון זייער רייזע.

וויא פראנסוא האָט אויסגערעכענט, דארף זיך געפינען קיאמיל פאשא'ס אינזעל ערגעץ ניט ווייט פון סאהאר אין דעם פערזישען גאָלף.

— וויא אזוי וועלען מיר אָבער קומען צום אינזעל? האָט טרעגאָמעין געפרעגט.

— סאהאר איז דאָך א פאָרט־שטאָדט, אלזאָ געפינען זיך דארום געוויס פיעלע באָאָטע און פישער שיפלעך, האָט זשאק דאָראן געענטפערט. מיר

וועלען דינגען אָדער קויפען א באָאט אָדער א פישער שיפעל, אויף וועלכען מיר וועלען צופאָהרען צו מיין אינזעל, וועלען אויסגראָבען דיא פעסלעך מיט גאָלד און בריליאַנטען און וועלען צוריק קומען נאָך סאהאר.

— דאָס איז שוין מעגליך, האָט טרעגאַמעין צוגעגעבען, אָבער וויא אזוי וועלען מיר ברייננען דיזע פעסלעך פון סאהאר נאָך מאָסקאָט? מיר קענען זיי דאָך ניט טראָגען אויף אונזערע פּלייצעס.

— מיר וועלען זיי אָנלאָדען אויף קעמלען.

— איך האָב אָבער געהערט, אז דיא פּאָליציי אינטערעסירט זיך צו ווי־סען, וואָס פאר א סאָרט וואארע יעדער קויפמאַן פיהרט.

זשאק דאָראן איז געוואָרען אונרוהיג. ער האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אז 20 מיליאָן קען מען ניט אזוי לייכט ארומפיהרען אין אזא ווילדען לאנד וויא אָמאן.

—צום טייפעל! האָט ער געשריען. פאר וואָס האָט קיאמיל פאשא פער־גראָבען זיינע מיליאָנען גראדע אין אזא פערוואָרפענעם מעער און אין אזעלכע ווילדע געגענדען? האָט ער ניט געקענט אויסגעפינען א בעסערען אינזעל לעבען ציוויליזירטע לענדער?

זשאק דאָראן האָט געשריען, זיך געבייזערט, זיך געקאָכט, אָבער ער האָט זיך דאָך ניט געקענט העלפען. זיין אינזעל געפינט זיך דאָך אין פערזישען גאָלף און דער סולטאן פון אָמאן קען צו יעדער צייט זאָגען, אז דער אינזעל געהערט צו איהם און דיא מיליאָנען געהערען צו איהם.

— איך וועל מוזען מיך ווענדען צו אונזער קייזער נאפּאָלעאָן דעם דריטען, האָט ענדליך זשאק דאָראן זיך ענטשלאָסען.

דאָס איז אָבער לייכט צו זאָגען, אָבער שווער אויסצופיהרען. עס איז נאָך א גרויסע פראגע, אויב נאפּאָלעאָן וועט זיך אָננעהמען פאר א פראנצויז, וועלכער געפינט אן אוצר אין א פרעמדען לאנד. וועט דען נאפּאָלעאָן ער־קלעהרען קריעג דעם סולטאן פון אָמאן?

דיזע טרויעריגע געדאנקען האָבען פערביטערט דיא רייזע פון דעם אָרימען מיליאָנער זשאק דאָראן.

פראנסוא איז אויך ניט געווען שטארק פרעהליך. ער פלעגט אָפט דער־מאָהנען זיין געליעבטע זשוליעט און פלעגט טראכטען, וואָס זיא מאכט דאָרט גאנץ ווייט אין סען מאלאָ.

דער איינציגער רייזענדער, וועלכער איז געבליעבען רוהיג און גלייכגילטיג, איז געווען נילדאס טרעגאַמעין. ער איז ניט געפאָהרען זוכען מיליאָנען, ער איז געפאָהרען נור צוליעב זיין פריינד.

איין מאָל, ווען מען איז געפאָהרען אויף'ן וועג און פראנסוא איז צוגעקומען נעהענטער צו איהם, האָט ער געפרעגט:

— גלויבסט דוא, פראנסוא, אין דיא מיליאָנען פון קיאמיל פאשא?

— איך וויים אליין ניט וואס צו זאָגען, האָט פראנסוא געענטפערט, וואס געהענטער מיר קומען צום אינזעל, אליץ וועניגער גלויב איך אין זיי.

— ביסט דוא זיכער, אז עס איז וועניגסטענס דאָ אזא אינזעל?

— דיא מעער קארטען, וועלכע איך האָב, צייגען פיעלע קליינע אינזלען אין דעם גאָלף.

— דאן וועלען מיר מוזען ארומפאָהרען פון איין אינזעל צום אנדערען און זוכען, וואו דער פאשא האָט פערגראָבען זיינע מיליאָנען.

— דאָס איז ניט אזוי שווער, וויא איהר דענקט, האָט פראנסוא געענט־פערט, איך האָב אלע מיינע אינסטרומענטען מיט מיר; ווען איך וועל זיין אויף'ן מעער, וועל איך קענען אויסרעכענען גאנץ גענוי, וואו דיעזער אינזעל געפינט זיך.

— וואס וועט אָבער זיין, ווען מיר וועלען קומען אויף'ן אינזעל און דאָרט ניט געפינען דיא מיליאָנען?

— דאן וועלען מיר פאָהרען צוריק אהיים, האָט פראנסוא אויסגערופען.

דעם אנדערען טאָג איז דיא רייזע געוואָרען שווערער און אונאנגענעה־מער. מען איז ארויסגעפאָהרען אויף א פרייען לאנד. דיא פעלדער און וועל־דער זיינען ביסלעכווייז פערשוואונדען און עס האָט זיך אָנגעהויבען א וויסטע, ווילדע, טרויעריגע געגענד.

דאָס טרויעריגסטע איז געווען, וואס מען האָט ניט געפונען קיין וואַ־סער. מען האָט געזעהען פאר זיך נור זאמד און זאמד. פון וויטען האָט זיך אויפגעהויבען א הויכער בארג, וועלכען דיא אראבער האָבען גערופען דשעבעל אחדן. ער איז בעשטאנען פון הויכע, צוריסענע, צושפאָלטענע, צוואָרפענע שטיינער.

ביז אהער איז דער וועג געווען זעהר שלעכט; עס איז גאָר קיין וועג ניט גע־ווען, זאָנדערן א שמאָלער שטעג צווישען שטיינער און פעלזען. יעצט אָבער איז יעדער וועג פערשוואונדען און נור דער קאראוואנען־פיהרער און דיא אראבער האָבען געוואוסט וואוהין צו פיהרען זייערע מויל־עזלען און קעמלען.

ערשט יעצט האָבען אונזערע פראנצויזען אָנגעהויבען צו פיהלען, וואס עס הייסט וואנדערען אין דער וויסטע; ערשט יעצט האָבען זיי פערשטאנען, וואס עס הייסט א וויסטע.

זאָנדערבאר! וואס שווערער עס איז געוואָרען דיא רייזע, אליץ לעבעדי־גער און מהעטיגער איז געוואָרען בן אָמאר'ס שרייבער. ער פלעגט ארומפאָה־רען דיא קאראוואנע און פלעגט זוכען צו רעדען מיט אלע אראבער. פראנסוא האָט עס גוט בעמערקט און ער האָט יעצט זעהר בעדויערט, וואס ער פערשטעהט ניט קיין אראביש, ווייל בן אָמאר'ס שרייבער האָט גערעדט נור אראביש.

וואָס האָט אָבער געזוכט סואד פאשא? ער האָט געזוכט מענער, וועל־כע זאָלען איהם העלפען אוועקנעהמען ביי דיא פראנצויזען דיא מיליאָנען פון זיין פערוואנדעטען קיאמיל פאשא.

דער דורכגעטריבענער סואד פאשא האָט זיך אונטערגעהערט, וואָס דיא פראנצויזען האָבען גערעדט און וויא זיי האָבען אָבגערעדט, אז זיי וועלען קוי־פען אָדער דינגען א באָאט, מיט וועלכען זיי וועלען פאָהרען אויף׳ן אינזעל. סו־אד האָט באלד געפאסט א פלאן, וויא אזוי אוועקצונעהמען ביי זשאק דאָראן זיינע מיליאָנען. דערצו אָבער האָט ער געדארפט פיער־פינף קרעפטיגע און ענט־שלאָסענע מענער.

עס האָבען זיך אָבער געפונען אין דער קאראוואנע נאָך אנדערע פערזאָנען, וועלכע האָבען זיך צוגעקוקט צו דיא פראנצויזען און צו דיא עגיפטער, און האָבען זיך אונטערגעהערט צו יעדעס וואָרט, וואָס איינער פון זיי האָט ארויס־גערעדט. וויא קלוג און וויא דורכגעטריבען דיא עגיפטער זיינען געווען, האָבען זיי דאָך ניט געוואוסט, אז מען שפיאָנירט זיי, אז מען גיט אויף זיי אכטונג, אז מען פערצייכענט זיך יעדען שריט, וועלכען זיי מאכען און יעדעס וואָרט, וואָס זיי זאָגען.

אויף׳ן דריטען טאָג פון זייער שווערער און לאנגווייליגער רייזע איז דיא קאראוואנע געבליבען שטעהן אום זיך אָבצורוהען, געמאכט א סטאציאָן אונטער א גרויסען בוים, אונטער א זאָנדערבארען בוים, א וואונדער פון דער נאטור, וועלכען מען קען זעהן נור אין דיא גאנץ הייסע געגענדען פון אזיען און אפריקא.

דיעזער בוים, דער ברויט בוים אָדער דער "באניאן בוים", וויא מען רופט איהם געוועהנליך, צוואוואקסט זיך אָפט אזוי שטארק, אז ער שטעלט פאָר א רעגענשירם און זאָנענשירם, אונטער וועלכען עס קענען זיך שיצען פון דער זון און פון רעגען ביז צעהן טויזענד מענשען.

דיעזער בוים הויבט אָן צו וואקסען, וויא אלע בוימער: פון דער ערד געהט ארויס דער שטאם, דער קלאָץ, פון וועלכען עס וואקסען ארויס צווייגען אין אלע זייטען. ווען דיעזע צווייגען ווערען גרוים און ציהען זיך אויס, בוי־גען זיי זיך אראָב צו דער ערד, גראָבען זיך איין און עס ווערען פון זיי וואָרצ־לען, נייע שטאמען, נייע קלעצער, וועלכע הויבען זיך און ווערען בעוואקסען מיט נייע צווייגען. דיעזע נייע צווייגען וואקסען איינינגע יאָהר אין דער הויך, וויא געוועהנליכע צווייגען פון בוימער, דאן בויגען זיי זיך אראָב, גראָבען זיך איין אין דער ערד און עס ווערען פון זיי נייע שטאמען, נייע קלעצער, פון וועלכע עס וואקסען ארויס נייע צווייגען.

אויף דיעזער ארט בילדעט זיך צווישען דעם אלטען שטאם און דיא נייע שטאמען געוועלבען, גאלערעען, גרינע קיאָסקען און היטען (בעסיעדקעס), אונ־

מער וועלכע א גאנצע קאראוואנע קען זיך אויסרוהען אין קיהלען שאָטען און זיך שיצען געגען שטורם און רעגען.

דיא נייע שטאמען בילדען זיילען, קאָלאָנען, צווישען וועלכע א מענש און אַפט זאָגאר א רייטער מיט זיין קעמעל קען רוהיג און בעקוועם ארומשפאציר־רען א גאנצע שטונדע.

עס איז, דאכט זיך, נור איין בוים, אָבער דיעזער איינער בוים איז א גאנ־צער וואלד, א געדיכטער וואלד מיט גענוג וועגען און שטעגען אונטער איהם.

ווער עס האָט ניט געזעהען מיט זיינע אייגענע אויגען אזא אלטען בוים, דער קען זיך קוים פארשטעלען, וויא גרויס אזא בוים איז, וויא שטארק ער צוא־וואקסט זיך און וואָס פאר א גרויסען פלאץ ער פערנעהמט.

אין א געוויסען אָרט אין אינדיען, לעבען דעם טייך נערבודדא, געפינט זיך א באניאן בוים, פון וועלכען מען דערצעהלט אז נעארדוס, א גענעראל פון אלכסנדר מוקדון, האָט אויפגעשלאָגען זיין לאגער אונטער איהם און זיין אר־מעע פון זיבען טויזענד מאן האָט געפונען שוץ און קיהלונג אונטער דיא צווייגען פון דיעזען בוים.

אויף דער וויסענשאפטליכער שפראך הייסט דיעזער בוים **Ficus Indica** דער פייגען בוים פון אינדיען. מען קען זיך אָנשטויסען, אז דיעזער בוים פלעגט אמאָל וואקסען אין פאלעסטינא און דאָס מיינט דער פסוק: וישב ישראל איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו (ישראל האָט געלעבט רוהיג, יעדער אונטער זיין וויינשטאָק און יעדער אונטער זיין פייגענבוים). א פאמיליע קען גאנץ בע־קוועם זיך איינריכטען אונטער אזא פייגענבוים, וועלכער גיט איהר וואָהנונג און נאהרונג, ווייל דיא פריכטע פון דיעזען בוים ווערען גענעסען רויהערהייט, גע־קאָכטערהייט און מען קען זיי אויך בראטען און באקען.

מען רופט דיעזען בוים אויך דער ברויט בוים, ווייל דיא איינוואָהנער פון אינדיען און פון דעם אינזעל סיילאָן מאכען פון דיא פריכטע א סאָרט טייג, וועלכעם זיי באקען אויף הייסע שטיינער און עסען עס אלס ברויט.

אונטער אזא באניאן בוים אָדער ברויט בוים האָט יעצט דיא קאראוואנע געמאכט איהר סטאציאָן.

טרענאָמעין איז אראָבגעקראָכען פון זיין קעמעל און האָט בעטראכט מיט שטוינען און פערוואונדערונג דיעזען זאָנדערבארען בוים, וועלכער בילדעט אליין א גאנצען וואלד. אזא וואונדער האָט ער געוויס ניט געזעהען אין פראנק־רייך און אזוי וויא ער איז ניט געווען א גרויסער ליעבהאָבער פון לעזען ביכער, האָט ער אויך קיין מאָל ניט געלעזען פון אזא בוים.

ער איז געווען אזוי ערשטוינט און פערוואונדערט פון דיעזען בוים, אז ער האָט ניט ווילענדיג אויסגערופען:

— ביי גאָט! וויא פיעל צווייגען האָט דען דיעזער בוים?

— מעהר וויא צעהן טויזענד! האט געענטפערט א שטימע לעבען איהם אויף ענגליש.

טרעגאמעין האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן הינטער זיך אן אראבער. טרעגאמעין, וויא אלע פראנצויזישע מאטראזען, וועלכע וואהנען ביים קאנאל געגען ענגלאנד, האט פערשטאנען אביסעל ענגליש, ניט פיעל, אבער דיא ווערטער "טען טהאוזענד" האט ער שוין גוט פערשטאנען.

וויא קומט אבער אן אראבער צו רעדען ענגליש? פון וואנען האט דיעזער אראבער געוואוסט, אז דער פראנצויז פרעגט, וויפיעל צווייגען דיעזער בוים האט?

דאס האט דער איינפאכער גוטער טרעגאמעין ניט געקענט וויסען. ער האט זיך ניט געקענט פארשטעלען, אז דיעזער אראבער איז א דעטעקטיוו, אן אגענט פון דער געהיימער פאליציי פון זיין האהייט, דעם סולטאן פון אמאן.

דער שעף פון דער פאליציי פון מאסקאט האט געוואוסט, אז קוים זיינען דיא דריי פראנצויזען אנגעקומען און האבען אבגעלעגט זייער באגאזש, זיינען זיי געגאנגען צום פראנצויזישען קאנסול, וואו זיי זיינען געבליבען א גאנצע שטונדע, דאן האט דער קאנסול געשיקט מיט זיי זיינעם א מענשען אין קאראוואן סאראי, וואו זיי האבען אבגערעדט צו פאהרען מיט דער קאראוואנע נאך סאהאר. צו וואס דיעזע פראנצויזען זיינען געקומען נאך אמאן און וואס זיי ווילען דא טהאן, האט דער שעף פון דער פאליציי ניט געקענט אויסגעפינען, ער האט דארום געשיקט מיט דער קאראוואנע צוויי פון זיינע בעסטע דעטעקטיווס, מענער, וועלכע האבען גערעדט פיעלע אריענטאלישע שפראכען, גאנץ גוט ענגליש און אביסעל פראנצויזיש.

איינער פון דיעזע דעטעקטיווס האט יעצט גערעדט מיט טרעגאמעין׳ען. ווען ער וואלט געטראפען פראנסוא׳ן, וואלט ער זיך געוויס געווען צורעדט מיט איהם און וואלט געווים געזוכט איהם צו שלעפען ביים צונג און ארויסקריגען פון איהם צו וואס זיי זיינען געקומען נאך אמאן. טרעגאמעין אבער האט גערעדט נור פראנצויזיש, ער האט פערשטאנען נור זעהר ווענינ ענגליש און דער דעטעקטיוו האט ניט פערשטאנען אזוי פיעל פראנצויזיש, אום זיך קענען פאנאנדעררעדען מיט דעם עכטען פראנצויז.

איינינע מינוטען האבען ביידע מענער פרובירט רעדען איינער מיט׳ן אנדערען, ווען טרעגאמעין האט אבער געזעהען, אז ער קען זיך ניט גוט צוזאמענרעדען מיט דיעזען אראבער, האט ער צוגערופען פראנסוא.

— קום נור אהער, פראנסוא! האט טרעגאמעין אויסגערופען, אט האסט דוא א נייעם וואונדער, אן אראבער, וועלכער רעדט ענגליש.

פראנסוא איז צוגעקומען און האט אנגעהויבען צו רעדען מיט דעם אראבער. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער אראבער איז א דאלמעטשער ביים

ענגלישען קאָנסול אין מאָסקאט. דאָס איז געווען זעלבסטפערשטענדליך א ליגען. דער דעטעקטיוו פון דער פּאָליציי פון אָמאן האָט נור געוואָלט ערקלערען דעם פראנצויז, פאר וואָס ער רעדט אזוי גוט ענגליש.

פראנסוא איז באלד בעקאנט געוואָרען מיט דעם דעטעקטיוו און איז זאָגאר געוואָרען מיט איהם א גוטער פריינד, ווייל דער אראבער האָט איהם ערקלערט, אז ער ליעבט זעהר פראנצויזען און איז בערייט צו טהאָן פאר זיי אלעס, וואָס ער וועט נור קענען.

דער סולטאן פון אָמאן האָט געהאט גוטע, געשיקטע אגענטען פון זיין געהיים פּאָליציי. דער דעטעקטיוו האָט עס געמאכט אזוי קלוג און אזוי געשיקט, אז פראנסוא איז געווען גליקליך, וואָס ער האָט געפונען אזא גוטען און פריינדליכען מענשען צווישען דיא אראבער.

ווען פראנסוא האָט דערצעהלט דעם דעטעקטיוו, אז זיי ווילען אויסזוכען אן אינזעל אין גאָלף, וואו עס ליעגט בעהאלטען א וויכטיגער היסטאָרישער דאָקומענט פון אלטע צייטען (זעלבסטפערשטענדליך, אז ער האָט איהם ניט דערצעהלט אז אויף דעם אינזעל געפינען זיך מיליאָנען) און זיי מוזען האָבען א באָאט, האָט דער דעטעקטיוו אָנגעבאָטען זיינע דיענסטע: ער וועט זיי פערשאפען א באָאט און פערזאָרגען אלעס נויטהיגע. ער איז געבאָרען אין סאהאר און קען דאָרט יעדען פישער און יעדען בארקע־מאן.

פראנסוא האָט צונערופען זיין אָנקעל זשאק דאָראן און האָט איהם דערצעהלט וואָס פאר א גליק עס האָט זיי געטראָפען דערמיט, וואָס זיי האָבען געפונען אן אראבער, א געבאָרענעם אין סאהאר, וועלכער איז בערייט און ווילינ זיי אלעס צו ווייזען און אין אלע בעציהונגען צו העלפען, ווען מען וועט איהם נור בעצאָהלען פאר זיין מיה.

— דאָס איז גוט! האָט זשאק דאָראן אויסגערופען, זאָג איהם, אז איך וועל איהם אזוי גוט בעצאָהלען, אז ער וועט מיך האָבען צו גערענקען.

— עס איז נאָך א פראגע, אויב עס וועט זיין מיט וואָס איהם צו בעצאָהלען, האָט טרענאָמעין געברומט אונטער דער נאָז.

פראנסוא איז געווען העכסט צופריעדען וואָס ער איז בעקאנט געוואָרען מיט דיעזען אראבער, אָבער גאנץ אונצופריעדען איז געווען סואד פּאשא. ער האָט גוט געוואוסט, ווער דיעזער אראבער איז. ער האָט גוט געוואוסט, אז דאָס איז א דעטעקטיוו, אן אגענט פון דער געהיים פּאָליציי פון מאָסקאט. ווען דיעזער דעטעקטיוו וועט פּאָהרען מיט זשאק דאָראן אויף'ן אינזעל און ער וועט זעהן וויא מען גראָבט אויס דיא פעסלעך מיט דיא מיליאָנען, וועט ער עס געוויס מעלדען דעם סולטאן פון אָמאן און דער סולטאן וועט צונעהמען אלע מיליאָנען.

מען האָט פערבראכט דיא נאכט אונטער דעם באניאן בוים, א גאסט־

הויז, וואָס דיא נאטור האָט אויסגעבויט פאר מיעדע רייזענדע אין יענע הייסע געגענדען.

דעם אנדערען טאָג גאנץ פריה איז מען ווייטער געפאָהרען. יעצט האָט זיך אָנגעהויבען א גאנץ פלאכע געגענד, אָהן א בערגעלע, אָהן א בוים, אָהן א בלאט און אָהן א גראָז, א וויסטע, א שרעקליכע וויסטע, וואו מען האָט געזעהען נור הימעל און זאמד.

דיא היץ איז געוואָרען שרעקליך, אונערטרעגליך. דער עקס־קאפּיטאן פון דער בארקע "דיא שעהנע אמאליע" האָט מורא געהאט, אז ער וועט צושמעלצען ווערען פון דער היץ, וויא דיא אייזבערג, ווען זיי קומען אריין אין ווארעמע וואסערען.

דער אגענט פון דער געהיימער פּאָליציי פון מאָסקאַט איז געוואָרען דער בעסטער פריינד פון פראנסוא און זשאק דאָראן. ער האָט געהייסען סעלים און איז געווען איינער פון דיא בעסטע און פעהיגסטע דעטעקטיווס פון דעם סולטאן פון אָמאַן. ער האָט אזוי קלוג און אזוי געשיקט זיך ארייננגע'גנב'עט אין דאָס צוטרויען פון דיא פראנצויזען, אז זיי זיינען געווען בערייט איהם אלעס צו ערקלערען און אלעם צו דערצעהלען, אָבער דיא שרעקליכע היץ און דיא שווערע רייזע אין דער וועסט מאכט א מענשען, בעזאָנדערס אן אייראָ־פּעער, רוהיג, שטיל און פערטראכט.

דיא וויסטע ווירקט וויא א צויבער אויף מענשען און טהיערע. דיא וויסטעניי איז שטום און דער מענש ווערט שטום אין דער וויסטע, אָבער ניט נור דער מענש, אויך דיא טהיערע: דיא עזלען, דיא קעמלען, דיא מויל־עזלען, דיא פערד און אלע אנדערע טהיערע ווערען רוהיג און שטיל אין דער וויסטע. איין איינציגעס טהיער לאָזט זיך הערען אין דער וויסטע, דאָס איז דער לייב; ווען ער הויבט אָן צו ברומען, ציטערען אלע טהיערע און דער מענש, דער אראַ־בער, וועלכער איז געוואָהנט צו דער וויסטע, ווערט בלייך און בלייבט שטעהן. ערשט אין דער וויסטע פערשטעהט מען דעם זין פון דעם אידישען נביא, וועלכער האָט געזאָגט: "אריה שאג, מי לא יירא?" ווען דער לייב ברומט, ווער ציטערט עס ניט?

מיעד, מאַט, צובראָכען, ערשעפּפט און טרויעריג איז דיא קאראוואנע אָנ־געקומען שפּעט ביינאכט אין סאהאר.

14טעם קאפּיטעל.

סעלים קריעגט א באָאט

סאהאר איז א מערקווירדיגע, עכט אראבישע שטאָדט. עס איז וואהר, אז דיא גאסען זיינען ריין און שעהן, עס איז אויך וואהר, אז דיא שטאָדט

האָט א גוטע וואסער לייטונג, וועלכע ברייננט גוטעס, פרישעס, ריינעס וואסער פון דיא בערג ארום; עס איז ווידער וואהר, אז סאהאר איז א רעכט לעבעדיגע האנדעלס שטאָדט; און דאָך איז זיא אן עכט אראבישע שטאָדט. דער אייראָפּעער, וועלכער בערייזט דיא וועלט צום פערגניגען, געפינט ניט אין סאהאר קיין נייעס, קיין אינטערעסאנטעס. אלעס איז שטיל, רוהיג, שלעפעריג, פערשטיינערט. אין דער גאנצער שטאָדט געפינט זיך ניט קיין האָטעל, וויא אייראָפּעער פערשטעהן דיעזעס וואָרט. עס געפינט זיך נור א קאראוואן סאראי, דאָס הייסט, א גרויסער פּלאַץ ארומגעצאמט פון בוימער, וואוהין עס קען אריינפאָהרען דיא גרעסטע קאראוואנע: דיא עזלען, קעמלען און מויל־עזלען בלייבען אין דרויסען און פאר דיא פּאסאזשירען איז אויסגעבויט א גרויס, נידעריג הויז מיט פיעלע קליינע צימערען, ריכטיג געזאָגט, קעמערלעך מיט ברייטע הילצערנע בענק, אויף וועלכע דיא פּאסאזשירען קענען שלאָפען, ווען זיי ווערען געוואָהנט מיט אלע מעגליכע פליגען און אנדערע קליינע, אונאנגענעהמע זעקס־און־אכט־פיסיגע טהיערע, וועלכע אייראָפּעער ליעבען ניט. עסען קען מען ניט בעקומען אין אזא קאראוואן סאראי, יעדער פּאסאזשיר מוז זיך אליין פערזאָרגען מיט זיין נאכט־עסען אָדער מיט זיין מיטאָג־עסען.

דער אגענט פון דער געהיים פּאָליציי סעלים האָט באלד אויסגעפונען א צימער פאר דיא דריי פראנצויזען, וועלכע זיינען געווען אזוי מיעד און אזוי צובראָכען פון דער רייזע, אז זיי האָבען זאָגאר ניט געקענט דענקען פון עסען און האָבען זיך באלד געלעגט שלאָפען.

אָבער נור פראנסוא און טרענאָמיין האָבען געקענט באלד אנטשלאָפען ווערען, זשאק דאָראן האָט ניט געקענט שלאָפען. ערשט יעצט האָט ער אָנגעהויבען צו פיהלען, וויא שווער עס איז אויפצוהויבען אין אזא ווילדען לאנד אן אוצר פון 20 מיליאָן. ער האָט אפילו ניט געוואוסט, אז סעלים איז א דעטעקטיוו, אָבער ער האָט שוין גוט געוואוסט, אז דער סולטאן פון אָמאן איז א זעלבסטהערשער, א דעספּאָט אין זיין לאנד. וואָס וועט ער טהאָן, ווען דער סולטאן וועט וועלען צונעהמען זיינע מיליאָנען?

אויך סואד פּאשא האָט ניט געקענט שלאָפען. ער איז ניט מיעד געווען פון דער רייזע. אלס עכטער עגיפּטער איז ער געווען געוואָהנט צו א רייזע אין דער וויסטע, ער איז אָבער דאָך געקומען אום מיט גוטען אָדער מיט בייזען אוועקצונעהמען ביי דיא פראנצויזען דיא מיליאָנען פון זיין אָנקעל, און יעצט וועט ער מוזען זיך שטעלען געגען דעם סולטאן פון אָמאן.

סואד פּאשא האָט אויך אָנגעהויבען צו טראכטען, ער זאָל זיך ווענדען צום כעדיוו אָדער וויצע־קעניג פון עגיפּטען, אָבער דער כעדיוו קען פאר איהם גאָרניט טהאָן, ווייל דער כעדיוו האָט דאָ ניט קיין קאָנסולען און קיין געזאנדטע. דער איינציגער, וועלכער קען עפּעס טהאָן פאר איהם, איז דער סולטאן

פון טירקיי. וועט אָבער דער סולטאן אין קאָנסטאנטינאָפּאָל וועלען זיך אָננעה־מאן פאר א פּאשא פון עגיפּטען?

ביידע, זשאק דאָראן און סואד פּאשא, האָבען ניט געקענט שלאָפען דיעזע נאכט. זשאק דאָראן האָט זיך געבראָכען דעם קאָפּ וויא אזוי געפינט מען א באָאט, אויף וועלכען מען זאָל קענען פאָהרען צום אינזעל, אויסגראָבען דיא מי־ליאָנען און אנטלויפען, וואו דיא פיס טראָגען. סואד פּאשא האָט געטראכט, וויא אזוי צו געפינען מענשען, וועלכע זאָלען איהם העלפען אוועקנעהמען ביי דיא פראנצויזען דיא מיליאָנען און דאן אנטלויפען מיט זיי פון אָמאן.

פאר ביידע איז דיעזע נאכט געווען זעהר א טרויעריגע. ענדליך איז עס אָבער דאָך טאָג געוואָרען און יעדער האָט געמוזט עפּעס טהאָן אום צו בעקומען דיא מיליאָנען.

זשאק דאָראן איז געווען זעהר אויפגערעגט און מען קען זאָגען, האלב וואהנזיניג, אָבער ער האָט נאָך געהאט אזוי פיעל געזונדען מענשען־פערשטאנד אום זיך צו ענטשליסען, אז דער איינציגער מענש, וועלכער קען איהם ווירקליך העלפען אין זיין זאָנדערבארער לאגע, איז דאָך סעלים; ער איז בעקאנט מיט דער געגענד, ער איז א מאחמאדאנער און אראביש איז זיין מוטער־שפּראך. ער קען אלזאָ אויסזוכען א באָאט, ער קען דינגען מענשען, וועלכע זאָלען אויס־גראָבען דיא מיליאָנען און ער קען געוויס עס אזוי איינריכטען, אז דער סול־טאן פון אָמאן זאָל ניט געוואָהר ווערען, אז פראנצויזען זיינען געקומען ארויס־נעהמען פון זיין לאנד אן אוצר פון צוואנציג מיליאָן.

ווען פראנסואַ איז אויפגעשטאנען האָט איהם זיין אָנקעל ערקלערט, וואָס ער האָט בעשלאָסען צו טהאָן, און צולעצט האָט ער בעמערקט:

— איך האָב אָבער קיין פיעל צוטרויען ניט צו אלע אראבער און אויך ניט צו אונזער פריינד סעלים, דוא דארפסט אלזאָ איהם ניט אויסזאָגען, אז מיר געהן זוכען אויף'ן אינזעל מיליאָנען. זאָג איהם, אז מיר זיינען געלערנטע און מיר זוכען אויף מיין אינזעל אלטע דאָקומענטען.

— איהר האָט פאָלקאָם רעכט, האָט פראנסואַ געענטפערט, אויך איך האָב ניט קיין גרויסען צוטרויען צו אונזער אראבער, אָבער וואָס קענען מיר דען אנדערש טהאָן?

אנדערש האָט מען אויך ניט געקענט טהאָן. פראנסואַ האָט געמוזט דער־צעהלען דעם אראבער סעלים, אז ער מוז האָבען נאָך היינט א באָאט אָדער א שיפעל.

— ווילט איהר דען אריבערפאָהרען דעם פערזישען גאָלף? פאָהרט איהר נאָך פערזיען? האָט סעלים געפרעגט גאנץ אונשולדיג.

— ניין, האָט פראנסואַ געזאָגט, מיר פאָהרען ניט נאָך פערזיען, מיר ווילען

נור געגוי וויסען און געגוי פערצייכענען, וויא פיעל אינזלען געפינען זיך אין דיע־זען גאָלף און ווען עס וועט מעגליך זיין אויך בעשרייבען יעדען אינזעל בעזונ־דער.

— דאָס קומט מיר פאָר עטוואָס זאָנדערבאר, האָט סעלים בעמערקט.

— זאָנדערבאר? פאר וואָס קומט עס אייך פאָר זאָנדערבאר? מיר, איירא־פּעער זיינען געלעהרטע, וועלכע בעשעפטיגען זיך דערמיט צו בעשטימען גענוי, וויא פיעל אינזלען עס געפינען זיך אין יעדען מעער.

— אָבער דיא אינזלען אין דיעזען גאָלף זיינען אזוי קליין און אזוי ווערטה־לאָז, אז איך קען מיר גאָר ניט פאָרשטעלען, אז עס זאָל ווערט זיין דיא מיה זיי אויסצופאָרשען.

— מיר ווילען עס אָבער דאָך טהאָן, האָט פראנסוא בעמערקט.

— נו, גוט, וועל איך זוכען פון אייערטוועגען א באָאט, האָט סעלים געענטפערט רוהיג. איך וועל אויך געפינען מענשען, וועלכע וועלען פיהרען דאָס באָאט, איך מוז אייך אָבער זאָגען, אז דאַן מוזט איהר אָנגרייטען עסען פאר דיא מענשען.

— פערזאָרגט אלעס, ליעבער סעלים, מיר וועלען אייך דאנקבאר זיין, האָט פראנסוא געזאָגט.

— אזוי וויא איהר קענט ניט קיין אראביש און זייט ניט בעקאנט מיט דיא היגע מענשען, וואָלט פיליכט בעסער געווען איך זאָל מיטפאָהרען מיט אייך אויף אייער רייזע אויסצופאָרשען דיא אינזלען? האָט סעלים וויטער גע־פרעגט.

— איהר האָט רעכט, ליעבער סעלים, האָט פראנסוא געענטפערט, פאָהרט מיט אונז און זייט אונזער דאָלמעטשער.

סעלים איז אוועקגעגאנגען זוכען דאָס באָאט און דיא נויטהיגע מענשען.

פראנסוא האָט דערצעהלט זיין אָנקעל אלעס, וואָס ער האָט אָבגערעדט מיט דעם אראבער, זשאַק דאַראַן איז געווען צופריעדען; ער האָט געמוזט זיין צופריעדען, וואָס דען האָט ער געקענט טהאָן?

אלע דריי פראנצויזען זיינען געגאנגען זוכען עפּעס עסען, אין סאהאר געפינען זיך אָבער ניט קיין רעסטאָראנען. יעדער מוז אליין קויפען זיין עסען און עס פאָרבערייטען, וויא ער פערשטעהט און וויא ער קען.

זיי זיינען ארומגעגאנגען א לאנגע צייט אין דיא גאסען און האָבען ענדליך געמוזט זיך צופריעדענשטעלען מיט פרוכט און מיט געטריקענטע פיש.

דיא צייט איז פערגאנגען, עס איז געוואָרען צוועלף, איינס, צוויי אוהר, סעלים איז ניט צוריקגעקומען. זשאַק דאַראַן איז געוואָרען אונגעדולדיג און האָט אָנגעהויבען זיך צו בייזערען.

— פאר וואָס האָסט דוא זיך פערטרויט אויף דיעזען לומפּ, אויף דיעזען אראבער? האָט ער געשריען.

— ווייל איך האָב קיין בעסערען ניט געפונען, האָט פראנסוא גיעענטפערט.

— אָבער ער וויל מיך בערויבען! ער וויל צונעהמען מיין געלד.

— איך האָב איהם קיין געלד ניט געגעבען.

— דאן האָסט דוא געטהאָן זעהר שלעכט! פאר וואָס האָסט דוא איהם קיין געלד ניט געגעבען? האָט זיך געקאָכט זשאק דאָראן. ווען דוא זאָלסט איהם געווען געבען געלד, וואָלט ער געקענט עפּעס טהאָן פאר אונז.

— ער זאָל געווען בעטען, וואָלט איך איהם געווען געגעבען.

זשאק דאָראן האָט זיך ווייטער געקאָכט און געבייזערט, אָבער פראנסוא האָט איהם שוין מעהר גאָר ניט געענטפערט.

אלע דריי זיינען אוועק צום ברעג פון מעער, וועלכער איז געווען ניט ווייט פון דעם קאראוואן סאראי, פיליכט וועלען זיי געפינען דעם אראבער סעלים.

ווען זיי וואָלטען געקענט אראביש, אָדער ווען דיא איינוואָהנער פון סאהאר וואָלטען גערעדט פראנצויזיש, וואָלטען זיי געווים געקענט לייכט אויסגעפינען דעם אראבער סעלים אָדער זיי וואָלטען גערונגען א באָאט אָהן איהם. אָבער דיא פראנצויזען איז קיין מאָל ניט איינגעפאלען צו שטודירען אראביש און דיא אראבער פון סאהאר האָבען ניט געוואָלט לערנען פראנצויזיש.

זשאק דאָראן האָט ערשט יעצט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, וויא נויטה־ווענדיג עס איז צו קענען פרעמדע שפּראכען, ווען מען פאָהרט אין פרעמדע לענדער.

— פיליכט וואָלטען מיר געבעטען אָמאר'ען אָדער זיין שרייבער, זיי זאָלען זוכען פאר אונז א באָאט? האָט גאָר פלוצלונג טרעגאָמעין בעמערקט.

— אויף קיין פאל ניט! האָט זשאק דאָראן אויסגערופען. איך וויל פון זיי ניט וויסען.

פונקט אין דיעזער מינוט זיינען זיי אנטקעגען געקומעןביידע עגיפּ־טיאנער.

— עס איז דייטליך, אז בן אָמאר וויל רעדען צו אונז, האָט טרעגאָמעין בעמערקט, לאָמיר הערען, וואָס ער וויל אונז זאָגען.

— לאָז ער נור צוקומען צו מיר! האָט דאָראן געשריען. איך וועל איהם צוברעכען דעם קאָפּ.

— לאָמיר זיך גוט איבערלעגען, ליעבער אָנקעל, האָט פראנסוא געבעט־טען, לאָמיר פערשטעהן אונזער לאגע.

— וואָס קענסט דוא פערשטעהן? דוא פערשטעהסט אויך עפּעס?

— איך פערשטעה גאָרניט, אָבער ערלויבט מיר איך עפּעס צו פרעגען.

— נו, וואָס ווילסט דוא פרעגען?

— איהר ווילט ניט, אז בן אַמאר זאָל וויסען, וואוהין מיר פאָהרען?

— געוויס וויל איך עס ניט.

— דענקט איהר צו האַלטען, וואָס עס שטעהט אין דעם טעסטאמענט פון קיאמיל פאשא?

— איך וויל עס האלטען.

— דאַן שטעהט דאָך דאָרט, אז בן אַמאר זאָל בעקומען איינס פּראָצענט.

— דאָס וועט ער אויך בעקומען.

— עס שטעהט דאָך אָבער אויך אין טעסטאמענט, אז בן אַמאר זאָל זיין דערביי, ווען מען וועט אויסגראָבען דיא מיליאָנען.

— אזוי שטעהט אין טעסטאמענט.

— אויב אזוי, מוזט איהר דאָך צוגעבען, ליעבער אָנקעל, אז ער דאַרף וויסען, וואו דיא מיליאָנען ליעגען פערגראָבען און ער דאַרף אויך פאָהרען מיט אונז.

— ער מעג פאָהרען מיט אונז, האָט זשאק דאַראַן צוגעגעבען.

— דאַן ווארום זאָלען מיר איהם ניט בענוצען אלס אינסטרומענט, ער זאָל אונז העלפען קומען אויף'ן אינזעל?

— ניין! דאָס וויל איך ניט! האָט זשאק דאַראַן געשריען. איך וויל ניט וויסען און וויל ניט קענען דיעזען טויגעניכטס, דיעזען רויבער, וועלכער האָט געוואָלט אוועקרויבען ביי מיר מיין ברויט.

— מיר מוזען איהם אָבער דאָך יעצט געברויכען, האָט טרעגאָמעין זיך אריינגעמישט.

— מוזען? האָט זשאק דאַראַן אויסגערופען און האָט אָנגעהויבען צו טאנצען פאר צאָרן און פערדרוס.

— נו, ניט מוזען, זאָנדערן קענען... מיר קענען דאָך איהם יעצט געברויכען.

— האָסט דוא געענדיגט? האָט דאַראַן געפרעגט זיין נעפע.

— יא, איך האָב געענדיגט.

— האָסט דוא נאָך עפּעס צו זאָגען? האָט דאַראַן געפרעגט זיין פריינד טרעגאָמעין.

— איך האָב מעהר גאָר ניט וואָס צו זאָגען.

— דאַן געהט און טהוט, וואָס איהר ווילט. איהר מעגט אייך רעדען מיט בן אַמאר'ען אָדער מיט אלע אראבער פון עגיפּטען און פון אַמאַן, איך אָבער וויל פון זיי ניט וויסען.

מיט דיעזע ווערטער האָט זיך זשאק דאַראַן אוועקגעהערט פון זיינע בעגלייטער און איז צוריקגעגאנגען אין קאראוואן סאראי.

פראנסוא און טרעגאָמעין זיינען געבליבען שטעהן אייניגע מינוטען, וויא

פערשטיינערט. דיעזע אייניגע מינוטען האָבען בענוצט בן אָמאר מיט זיין שרייבער. בן אָמאר איז צוגעקומען צו זיי, האָט זיך פערנייגט גאנץ טיעף און האָט געזאָגט:

— מיינע הערן, ווילט איהר מיר ערלויבען?...

— מאכט עס קורץ, הערר בן אָמאר, האָט פראנסוא געבעטען. זאָגט, וואָס איהר ווילט און וואָס איהר פערלאנגט פון אונז.

— מעג איך וויסען, וואו איז דיא ענדע פון אונזער רייזע?

— יא.

— וואו געפינט זיך אַלזאָ דער אינזעל, וועלכען מיר זוכען?

— ער געפינט זיך דאָ ערגעץ ניט ווייט פון סאהאר, האָט פראנסוא גע־ענטפערט.

— דאן מוזען מיר ווידער פאָהרען אויף דעם מעער? האָט בן אָמאר געפרעגט טרויעריג.

ער האָט זיך דערמאָהנט אָן דער ים־קראנקהייט און האָט א ציטער גע־טהאָן.

— יא, מיר מוזען פאָהרען אויף'ן מעער, האָט פראנסוא געענטפערט.

— און וואו דארפען מיר זיך אויפזעצען?

— דאָ, אין סאהאר.

— ווען?

— ווען מיר וועלען קענען.

— ווען וועלען מיר עס אָבער קענען?

— פיליכט נאָך היינט, פיליכט ערשט מאָרגען.

בן אָמאר איז געווען צופריעדען. ער האָט יעצט געוואוסט אלעס, וואָס ער האָט געוואָלט וויסען. סואד פאשא איז געווים געווען צופריעדען. יעצט ווייס ער שוין פאר געוויס, אז דער אינזעל, וואו קיאמיל פאשא האָט פערגראָבען זיינע מיליאָנען, געפינט זיך ערגעץ ניט ווייט פון סאהאר, און אזוי וויא סאהאר געפינט זיך ניט ביים וועלט־מעער, ניט ביי א מעער זאָגאר, זאָנדערן ביי א בוכטע פון א מעער, איז עס דאָך גאנץ לייכט דעם אינזעל אויסצוגעפילען.

סואד פאשא אָדער נאזים בן אבדאללאה האָט געגעבען א וואונק צו בן אָמאר'ען, אז מעהר דארף ער ניט וויסען.

ביידע עגיפּטיאנער האָבען זיך פערנייגט פאר דיא פראנצויזען און זיינען אוועקגעגאנגען.

— פאר וואָס האָסט דוא זיי ניט געזאָגט, אז מיר מוזען האָבען א באָאט און מיר קענען עס ניט קריעגען, וויל מיר קענען זיך ניט צופריידען מיט דיא פישער? האָט טרעגאָמעין געפרעגט, ווען דיא עגיפּטיאנער זיינען אוועק־געגאנגען.

— איך האָב מורא פאַר מיין אָנקעל, איז געווען די אַנטוואָרט.

— אָבער מיר מוזען דאָך עפּעס טהאָן...

אין דיעזער מינוט איז פון ערגעץ אָנגעקומען סעלים.

פראַנסוא און טרעגאַמעין זיינען איהם אַנטקעגענגעלאָפען.

— ענדליך זייט איהר דאָך געקומען! האָט פראַנסוא אויסגערופען אויף ענגליש. וואו זייט איהר געווען אַ גאַנצען טאָג?

— ענטשולדיגט מיר, וואָס איך האָב מיך פערשפּעטיגט, האָט סעלים געזאָגט העפליך און פריינדליך, איך האָב ניט געקענט פריהער קומען, עס איז ניט אזוי לייכט געווען צו געפינען, וואָס איך האָב געזוכט.

— אָבער יעצט האָט איהר שוין אַ באָאָט? האָט איהם פראַנסוא אונטער־בראָכען.

— יעצט האָב איך שוין אַ באָאָט.

— אַלזאָ קענען מיר נאָך היינט אוועקפאָהרען?

— ליידער, ניין, האָט סעלים געענטפערט.

— פאַר וואָס ניין?

— ווייל מיר האָבען נאָך ניט גענוג מאַטראָזען.

— אַלזאָ, ווען וועלען מיר קענען אַרויספאָהרען?

— מאָרגען אין דער פריה.

— נו, זאָל זיין מאָרגען, ווען עס איז אונמעגליך היינט, האָט פראַנסוא גע־מוזט צוגעבען.

— אין אונזערע געגענדען מוז מען האָבען צייט, האָט סעלים בעמערקט.

— דאַן קומט אין קאַראוואַן סאַראַי, דאָרט געפינט זיך מיין אָנקעל, און דאָרט וועלען מיר אַלעס אָברעדען.

סעלים איז געגאַנגען מיט זיי אין קאַראוואַן סאַראַי, וואו פראַנסוא האָט דערצעהלט זיין אָנקעל, אַז מאָרגען גאַנץ פריה וועלען זיי אַרויספאָהרען אויף זיין אינזעל.

זשאַק דאַראַן איז געווען גליקליך. ענדליך האָט ער שוין אַלע מיטעל צו קומען צו זיינע מיליאָנען.

ער האָט געוואָלט געבען סעלים'ען געלד, אָבער דער גוטער אַראַבער האָט ערקלעהרט, אַז אזוי ווי ער פאָהרט מיט זיי און ער מוז פאָהרען מיט זיי, ווייל די מאַטראָזען זיינען דאָך אַלע אַראַבער, וועט ער בעקומען זיין בעלוינונג שפּעטער.

— האָבען מיר נאָך עפּעס צו טהאָן?

— נור אָנגרייטען פּראָוויאַנט.

— דאַן מוז מען דאָך עס קויפען?

— געוויס.

— וויא פיעל דארפט איהר אויף פראוויאנט?
— צעהן דאהירס וועלען זיין גענוג, האט סעלים געענטפערט.
א דאהיר איז א גאלדענע מטבע, וועלכע איז ווערטה אונגעפעהר צוואנציג פראנק.
זשאק דאראן האט געגעבען דעם אראבער סעלים צעהן נאפאלעאנס און איז געוועזען העכסט צופריעדען, וואס דיא געשיכטע האט איהם געקאסט אזוי ביליג.

15טעם קאפיטעל.

אויף דער „בערבערא"

דעם אנדערען טאג גאנץ פריה, ווען דיא זון איז נאך וואס אויפגעגאנגען, האט סעלים אויפגעוועקט דיא פראנצויזען מיט דיא ווערטער:
— דאס באאט איז פערטיג און מיר קענען פאהרען.
אלע דריי זיינען אויפגעשפרונגען וויא דיא אבגעבריהטע און האבען צונויפגענומען זייערע זאכען.
ווען אלעס איז געוועזען פארטיג, האט פראנסוא געפרעגט:
— זאל איך מעלדען בן אמאר'ען, אז מיר פאהרען?
— וויא דוא ווילסט, האט זשאק דאראן געענטפערט בייז.
פראנסוא האט געוואלט געהן זאגען בן אמאר'ען, אז זיי פאהרען, אבער דאס איז געוועזען איבעריג: בן אמאר און זיין שרייבער נאזים זיינען אליין געקומען, גלייך וויא זיי וואלטען געוואוסט גאנץ גענוי, אז מען מאכט זיך פארטיג צו דער רייזע.
ווען סעלים האט דערזעהן דיא צוויי עגיפטיאנער, האט ער געפרעגט מיט שטוינען און פערוואונדערונג:
— וועלען דיעזע מענשען אויף פאהרען מיט אונז?
— יא, האט פראנסוא געענטפערט.
וויא קלוג און וויא דורכגעטריעבען סעלים איז געוועזען, האט ער דאך ניט געקענט אויסגעפינען, אז צווישען דיא דריי פראנצויזען און דיא צוויי עגיפטיאנער געפינט זיך עפעס אן אבמאך און אז זיי קענען זיך ניט נור אלס רייזענדע פון איין קאראוואנע, נאר אז זיי פאהרען גאר איין וועג.
דער קלוגער סעלים האט זיך פערטראכט אייניגע אויגענבליקע. דיא צוויי עגיפטיאנער האבען איהם געגעבען מאטעריאל צו דענקען, אז דא איז עפעס ניט גלאט, אז דא איז עפעס א געהיימניס, וועלכע ער מוז אויסגעפינען און מעלדען; פיעלייכט איז דיעזעס געהיימניס אזוי וויכטיג, אז דער סולטאן אליין מוז עס וויסען.

— זייט איהר בעקאנט מיט דיעזע צוויי מענשען? האט סעלים געפרעגט.

— געוויס, האט פראנסוא געענטפערט.

— איהר זייט פיליכט געקומען צוזאמען אויף איין שיף פון עגיפטען?

— יא, מיר זיינען צוזאמען געפאהרען אויף דעם "אקסוס" פון סועז, האט דער איינפאכער פראנסוא געענטפערט.

סעלים האט מעהר ניט געפרעגט. ער האט נור געבעטען דיא פראנצויזען, זיי זאלען צוקומען צום ברעג אזוי שנעל, וויא נור מעגליך, דאן איז ער ארויסגע־גאנגען אויף א פאר מינוט.

אין הויף פון דעם קאראוואן סאראי פלעגען זיך שטענדיג געפינען פער־שטעלטע אגענטען פון דער געהיים פאליציי. סעלים האט געגעבען איינעם א וואונק, אז ער איז אויף דער שפור פון א זעהר וויכטיגען געהיימניס און דיעזער דעטעקטיוו זאל איהם נאכגעהן.

איניגע מינוטען שפעטער זיינען דיא דריי פראנצויזען, דיא צוויי עגיפ־טיאנער און דער אראבער סעלים אראבגעגאנגען צום ברעג, צום דעם ארט, וואו דאס באאט איז געשטאנען.

פראנסוא אלס געלערענטער שיפסקאפיטאן האט בעטראכט דאס באאט פון אלע זייטען. עס איז געוועזן א סארט סקונער מיט צוויי זעגעל־בוימער מיט פיעלע זעגעל. אלעס איז געווען אלטמאדיש, אונגעוועהנליך. א געלערענטער שיפסקאפיטאן פון אונזער צייט קען קוים פערשטעהן, אויף וועלכע שיפען אונזערע עלטער־עלטערן פלעגען פאהרען אויף דעם מעער, וועלכע מיטעל און וועלכע אינסטרומענטען זיי פלעגען געברויכען אום צו געפינען זייער וועג.

מיר קענען היינט בעסער דיא געזעצע פון דער מעכאניק און פון דער טעכ־ניק און מיר האבען היינט פיעל בעסערע מיטעל צו פיהרען און רעגיערען א שיף. איך וויל שוין ניט רעדען דערפון, וואס מיר געברויכען יעצט צוויי קרעפטע, פון וועלכע מען האט ניט געוואוסט אין דיא אלטע צייטען: דאמפף און עלעקט־ריציטעט, אויך אונזערע זעגעל־שיפען ווערען געפיהרט און רעגיערט מיט גאנץ אנדערע מעטהאדען, מיט גאנץ אנדערע אינסטרומענטען און מיט גאנץ אנדערע מיטעל וויא אמאל.

דיא "בערבערא" — אזוי האט געהייסען דאס באאט — איז אבער געווען א גאנץ אלטמאדישעס באאט, פערזארגט מיט דיא איינפאכסטע אינסטרומענטען און מיטעל, וויא עס פלעגען פאהרען מענשען מיט טויזענד יאהר צוריק.

דיא אראבער זיינען אמאל, אין דיא גאנץ אלטע צייטען, געווען דיא פעהיגסטע מאטראזען, זיי זיינען עס נאך היינט, אבער אלע זייערע פעהיג־קייטען זיינען פערבונדען און פערוואקסען מיט דיא אלטע מעטהאדען.

פראנסוא איז אויך געווען דער ערשטער, וועלכער איז ארויפגעגאנגען

אויף דאָס באָאט, און אויך דער ערשטער, וועלכער האָט עס בעטראכט אלס געלערענטער שיפסקאפּיטאן.

ער האָט אויך צוערשט בעמערקט, אז אויף דיעזען באָאט געפינען זיך צוואנציג מאטראָזען. דאָס האָט איהם איבערראשט, ווייל נאָך זיין רעכנונג וואָלט מען געקענט פיהרען אזא באָאט מיט פינף, העכסטענס מיט זעקס מאט־ראָזען. צו וואָס דארף מען צוואנציג? פראנסוא האָט זעלבסטפערשטענדליך ניט געקענט וויסען, אז פון דיעזע צוואנציג מאטראָזען זיינען צעהן פערשטעלטע אגענטען פון דער געהיים פּאָליציי פון דעם סולטאן פון אָמאן.

קוים זיינען דיא פּאסאזשירען ארויפגעגאנגען אויף דאָס באָאט, האָט פראנסוא געהייסען דעם שיפסקאפּיטאן, אָן אָלטען, בייזען, קרעפּטיגען אראַ־בער, ציהען דיא זעגעל און פאָהרען נאָך נאָרד־וועסט (צפונית־מערבית). אזוי וויא פראנסוא האָט זיך ניט געקענט צונויפרעדען מיט דעם שיפסקאפּיטאן, האָט סעלים געמוזט דיענען אלס דאָלמעטשער.

נאָך פראנסואַ'ס בערעכנונג האָבען זיי געדארפט צוקומען צום אינזעל אין צייט פון א פופצעהן שטונדען, אָבער דיא נאטור אָדער דער צופאַל האָט ליעב צו רייצען, צו קריינקען און בייז צו מאכען דיא אָרימע מענשען, וועלכע האָבען זיך איינגערעדט, אז זיי זיינען קליגער און שטארקער פון דער נאטור.

קוים איז מען אָבגעפאָהרען ביי א שטונדע, איז עס איינגעפאַלען דעם בלויען הימעל זיך צו בעדעקען מיט שווארצע וואָלקענס. עס איז געקומען א שטורם. אזוי וויא מען איז געפאָהרען אויף א גאָלף, אין א בוכטע, האָט טרע־גאָמעין גערעכענט, אז מען האָט ניט וואָס מורא צו האָבען פאר דעם שטורם, און ער האָט זאָגאר געלאכט:

— וויא עס ווייזט אויס, וויל דער הערר שטורם אויף א טהייל פון אונזע־רע מיליאָנען.

— דער שטורם קימערט מיך ווענינ, האָט פראנסוא געענטפערט, איך בין אונרוהיג, ווייל איך מוז האָבען דיא זון. איך קען אויסגעפינען גאנץ גענוי וואו דער מיליאָנען־אינזעל געפינט זיך נור פונקט צוועלף אוהר, דאָס הייסט, פונקט אין דער מינוט, ווען דיא זון געהט אריבער אונזער מערידיאן. ווען דער הימעל איז בעדעקט מיט וואָלקענס, קען איך ניט בעשטימען דעם מערידיאן און קען ניט אויסגעפינען דעם אינזעל.

— קענט איהר ניט אויסרעכענען אייער ברייט און אייער לענג נאָך דעם שטאנד פון דער לבנה און פון דיא שטערן?

— דאָס קען איך, אָבער דערצו מוז איך דאָך האָבען א לבנה מיט שטערן, דאָס הייסט, א קלאָרען הימעל. ווער ווייס, אויב מיר וועלען האָבען א ריינעם קלאָרען הימעל אין דיעזען אבענד?

פֿראנסוא האָט אָנגעגרייט אַלע זיינע אינסטרומענטען: זיין כראָנאָמעטער, זיין סעקסטאַן, זיין טעלעסקאָפּ און זיינע מעער־קארטען.

דיא אראבישע מאטראָזען און זאָגאר זייער שיפֿסקאפּיטאַן, וועלכע האָבען קיין מאָל ניט געזעהען אַזעלכע אינסטרומענטען און האָבען ניט געוואוסט, וויא אזוי מען געברויכט זיי, האָבען זיך איינגערעדט, אַז פֿראנסוא איז א כשוף־מאכער און מיט דיעזע זאָנדערבארע זאכען מאכט ער זיין כשוף.

ווען פֿראנסוא וואָלט פֿערשטאנען אראביש, וואָלט ער געוויס געהערט, וואָס מען רעדט וועגען איהם און וויא מען פֿערפֿלוכטעט איהם, פֿערשילט איהם און פֿערדאמט איהם.

פֿון צייט צו צייט האָט דיא זון דורכגעבראָכען דיא וואָלקענס און האָט זיך געוויזען אויף׳ן מעער. קוים איז דאָס געשעהען, האָט פֿראנסוא זיך גענומען צו זיינע אינסטרומענטען, אָבער קוים האָט ער זיי אויפֿגעשטעלט, האָט א שטיק וואָלקען פֿערדעקט דיא זון און פֿראנסוא האָט געמוזט אוועקלעגען זיינע אינסטרומענטען. זשאק דאָראַן איז געוועזן פֿערצווייפֿעלט. זיין אינזעל איז אזוי נאָהענט, אַז א שטראהל פֿון דער זון קען איהם ווייזען, וואו זיינע מיליאָנען געפֿינען זיך, אָבער פּלוצלונג קומט א פֿערדאמטער וואָלקען און פֿערשטעלט דיא זון. ער האָט זיך געבייזערט און געשאָלטען דיא גאנצע וועלט אויף פֿראנצויזיש.

ווען סעלים וואָלט ניט געוועזן מיט זיי, וואָלטען דיא אראבער מאטראָזען געוויס זיך צוקריעגט און פּילייכט אויך זיך צושלאָגען מיט דיא פֿראנצויזען. סעלים האָט אויך ניט געוואוסט וועלכע אינסטרומענטען פֿראנסוא געברויכט, אָבער ער איז געוועזן אזוי ווייט בעקאנט מיט אייראָפּעער, אַז ער האָט געוואוסט, אַז דאָס זיינען וויסענשאפֿטליכע, ניט כשוף־אינסטרומענטען. ער האָט דארום בערוהיגט זיינע לאנדסלייט און האָט זיי געהייסען זיך פֿערהאלטען רוהיג.

דאָס מעער איז געוואָרען מיט יעדער שטונדע אונרוהיגער. פֿראנסוא האָט געוואוסט, אַז אין דיעזען גאָלף קומען זעהר אָפֿט פֿאָר שרעקליכע שטורם־ווינדען, וועלכע פֿעראורזאכען פֿיעלע אונגליקען.

ארום צוויי אוהר נאָכמיטאָג האָט דער שטורם ענדליך אויסגעבראָכען מיט זיין גאנצער ווילדער מאכט. דיא אראבער מאטראָזען האָבען אָבער בעוויזען, אַז זיי זיינען געוואָהנט צו אזא שטורם און האָבען געקעמפֿפֿט געגען איהם ניט מיט זייער וויסענשאפֿט, זאָנדערן מיט איבונג און געשיקטליכקייט.

דער אלטער אראבישער שיפֿסקאפּיטאַן האָט זיך בעוויזען אלס עכטער, טיכטיגער מאטראָז. ער האָט געקעמפֿפֿט מיט דיא וועללען וויא א העלד, און זאָגאר פֿראנסוא האָט אָנגעהויבען צו בעקומען רעספּעקט פֿאָר א מענשען, וועל־

בער האָט קיין מאָל ניט בעזוכט א נאוויגאציאָנס שולע און האָט זאָגאר ניט געוואוסט, וויא אזוי צו בענוצען א ריכטיגען קאָמפּאס.

דער שטורם האָט אויסגעבראָכען און עס האָט אָנגעהויבען צו גיסען א שלאַגס־רעגען, פון וועלכען אייראָפּעער האָבען גאָר קיין בעגריף ניט. פראַנסוא האָט געבעטען זיין אָנקעל, ער זאָל אראָבגעהן אין קאיוטע, וואו ער וועט ווע־ניגסטענס זיין געשיצט געגען דעם רעגען. דאָס האָט אָבער זשאַק דאראָן אויף קיין פאַל ניט געוואָלט. ער האָט זיך איינגעהילט אין א זעגעל־טוך, האָט זיך צוגעבונדען צו א זעגעל בוים און האָט בעטראַכט דאָס ווילדע מעער.

— טרויעריג, האָט טרעגאַמעין געזאָגט שטילערהייט צו פראַנסוא, עס איז רעכט טרויעריג, אונזער רייזע איז עפּעס ניט געראָטהען.

— איהר ווייסט דאָך, אז איך בין ניט צופריעדען מיט דער גאַנצער גע־שיכטע, האָט פראַנסוא געענטפערט, איך וואָלט קיין מאָל ניט געזוכט קיאמיל פּאשא׳ס מיליאָנען. צו וואָס דאַרף איך דיזע מיליאָנען?

עס איז געוואָרען נאַכט, א דונקעלע, פינסטערע, טרויעריגע נאַכט. דער שטורם האָט ניט נאָכגעלאָזען, דער רעגען האָט ניט אויפגעהערט, דאָס מעער האָט גערוישט און געקאָכט וויא א קעסעל און הויכע וועללען האָבען געשליי־דערט דאָס קליינע באָאָט, וויא קינדער ווארפען זיך מיט דער שאָלעכץ פון א נוס. דיא אראבישע מאַטראָזען האָבען זיך געהאַלטען פעסט און האָבען אויס־געפאָלגט יעדען בעפעהל פון זייער שיפסקאפּיטאן, גלייך וויא עס וואָלט גאָר ניט פּאסירט.

ערשט נאָך האַלבער נאַכט האָט דער שטורם אביסעל נאָכגעלאָזען און דיא דריי פראַנצויזען האָבען געקענט זיך צולעגען אין דער קאיוטע. עס איז אָבער געוועזען אזא ענגע און אזא שמוציגע קאיוטע, אז זאָגאר טרעגאַמעין, וועלכער איז געוועזען געוואָהנט צו שלאָפען אין דער קאיוטע פון זיין בארקע, האָט ניט געקענט אנטשלאָפען ווערען.

זיי האָבען קוים דערלעבט דעם טאָג, זיי זאָלען קענען ארויפגעהן אויף דעם דעק און אָטהעמען פרישע לופט.

דער שטורם האָט אין גאַנצען אויפגעהערט, אָבער דאָס מעער איז נאָך געוועזען אונרוהיג. פראַנסוא האָט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען. קיין לאַנד און קיין אינזעל האָט מען ניט געזעהען.

— וואָס זאָל עס הייסען? האָט פראַנסוא געפרעגט זיך אליין, האָט דער שטורם פערוואָרפען אונזער ״בערבערא״ אזוי ווייט, אז מיר זיינען שוין ווייט פון דעם אינזעל?

אייניגע מינוטען האָבען אלע דריי פראַנצויזען בעטראַכט דעם הימעל און דאָס מעער. אלעס איז געוועזען גרוי, שווארץ און טרויעריג.

סעלים איז צוגעקומען צו זיי און האָט געזאָגט:

— וויא עס ווייזט אויס, וועט אויך היינט דער הימעל בעדעקט ווערען מיט וואָלקענס.

— עס קען זיין, האָט פראַנסוא געענטפערט.

— דאן וועט איהר ווידער ניט קענען געברויכען אייערע אינסטרומענ־טען?

— ווען דיא זון איז ניטאָ, קען איך ניט בענוצען מיינע אינסטרומענטען.

— אלזאָ, וואָס דענקט איהר צו טהאָן?

— מיר מוזען ווארטען ביז עס וועט ווערען א שעהנעס וועטער.

— אָבער מיר האָבען דאָך אָנגעגרייט לעבענס מיטעל נאָר אויף דריי טעג?

— דאן וועלען מיר מוזען צוריקפאָהרען נאָך סאהאר.

— און איהר וועט שוין מעהר ניט אויספאָרשען דיא בוכטע פון אָמאן?

— מיר וועלען דאן זעהען.

— וועט איהר בלייבען אין סאהאר אָדער צוריקפאָהרען נאָך מאָסקאט?

סעלים איז געווען אונצופריעדען, ער האָט געוואָלט ארויסציהען ביי פראַנסוא דעם ריכטיגען צוועק פון זייער רייזע, אָבער פראַנסוא האָט זיך גע־היט. זייט דער שטורם האָט זיך אָנגעהויבען, האָט פראַנסוא גוט בעמערקט, אז ניט אלע מענער, וועלכע געפינען זיך אויף דעם באָאט, זיינען ווירקליכע מאַטראָזען, פיעלע פון זיי האָבען זיך ניט געקענט ריהרען, ווען דער שטורם האָט געשליידערט דאָס באָאט. אייניגע האָבען זאָגאר בעקומען דיא ים־קראַנק־הייט. פראַנסוא האָט דערשמעקט, אז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט.

דער טאָג איז פערגאַנגען לאַנגזאַם און טרויעריג. דער הימעל איז געבלי־בען פערדעקט מיט שווארצע וואָלקענס און ערשט פארנאַכט האָט ער אָנגעג־פאַנגען זיך אויסצוליוטערען.

צום אבענד־עסען האָט מען אויסגעטיילט דיא פּאָרציאָנען זעהר קארג. סעלים האָט געמעלדעט, אז מען וועט קוים אויסקומען מיט לעבענסמיטעל נאָך פיער און צוואנציג שטונדען.

ביינאַכט האָט זיך דער הימעל אין גאַנצען אויסגעלייטערט, דאָס מעער האָט אָנגעהויבען זיך צו בערוהיגען. אזוי וויא עס איז ניט קיין מעער, נאָר א גרויסע בוכטע, דאָס הייסט, א גרויסע שטרעקע וואסער, ארומגערינגעלט פון דריי זייטען פון לאנד, בערוהיגט זיך נאָך א שטורם דאָס מעער אין אזא בוכטע פיעל שנעלער, וויא דאָס וועלט־מעער.

ווען פראַנסוא וואָלט געוואוסט, וואו דאָס באָאט געפינט זיך יעצט, וואָלט ער געקענט הייסען דעם שיפסקאפּיטאַן פאָהרען גלייך צום אינזעל, אָבער ביינאַכט אין דער בוכטע און אויף א באָאט אָהן דיא נויטהיגע אינסטרומענטען, האָט ער גאָר ניט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך און וואוהין ער זאָל הייסען פאָהרען. מען האָט געמוזט ווארטען, ביז עס וועט טאָג ווערען.

ענדליך איז עס טאָג געוואָרען. דיא זון איז ארויס אויף א קלאָרען, בלויען, לויטערען הימעל, וויא מען קען איהם זעהען נור אין יענע געגענדען. פראנסוא האָט אָנגעגרייט זיינע אינסטרומענטען, מיט וועלכע ער זאָל אויסרעכענען און בעשטימען גאנץ גענוי, וואו עס געפינט זיך דער אינזעל און וויא ווייט דאָס באָאט איז פון דעם אינזעל.

אלע האָבען זיך ארומגעשטעלט ארום פראנסוא, ווען ער האָט גענומען דעם סעקסטאַן און האָט געגעבען טרעגאָמעין דעם כראָנאָמעטער. דער שאָ־טען פון דעם סעקסטאַן האָט איהם געוויזען גענוי דעם מערידיאַן. דאן האָט ער גענומען זיין נאָטיץ בוך, האָט אָנגעשריעבען מיט א בליישטיפט אייניגע ציפערען, האָט עפּעס אויסגערעכענט, האָט עפּעס אָנגעשריעבען און האָט דאן ערקלעהרט:

— מיר זיינען נור פופצעהן מייל ווייט פון דעם אינזעל. מיר מוזען יעצט פאָהרען נאָך נאָרד... נאָרד־וועסט.

סעלים האָט עס איבערגעגעבען דעם שיפסקאפּיטאַן אויף אראביש און דער שיפסקאפּיטאַן האָט אויסגעדרעהט דאָס באָאט אין דער זייט, וואו פראנסוא האָט אָנגעוויזען.

יעצט האָבען אלע אראבער געארבייט מיט אלע זייערע קרעפטען. וואהר־שיינליך האָט זיי סעלים ערקלעהרט, אז דער ציעל פון זייער רייזע איז ניט ווייט און יעדער איז געוואָרען נייגעריג צו וויסען, וואָס דיא אייראָפּעער זוכען און צו וואָס זיי פאָהרען אויף דיעזען באָאט.

א האלבע שטונדע שפּעטער האָט דער שיפסקאפּיטאַן געוויזען אויף א שווארצען פלעק אין מעער.

— דאָס איז מיין אינזעל! האָט זשאק דאָראַן אויסגערופען.

— יא, דאָס איז דער אינזעל, האָט פראנסוא געזאָגט רוהיג.

זשאק דאָראַן האָט אָנגעהויבען צו שפּרינגען וויא א וואהנזיניגער. יעצט איז ער שוין געווים א מיליאָנער. יעצט האָט ער שוין זיינע 20 מיליאָן אין קעשענע.

— רעכען איבער נאָך אמאָל, פראנסוא, האָט ער געבעטען, רעכען איבער נאָך אמאָל, אויב דאָס איז ווירקליך דער אינזעל.

פראנסוא האָט נאָך אמאָל גערעכענט, איבערגערעכענט און נאָכגערע־כענט און האָט געפונען, אז דאָס איז עס דער אינזעל, וויא קיאמיל פּאשא האָט עס פערצייכענט אין זיין צוואה.

אום זיך נאָך בעסער איבערצוציינען, האָט ער גענומען זיינע אינסטרו־מענטען און האָט געקוקט און געזוכט אין דיעזער געגענד פון דער בוכטע און האָט קיין אנדער אינזעל ניט געפונען.

אייניגע מינוטען שפּעטער איז דיא "בערבערא" צוגעקומען צום אינזעל.

16טעם קאַפּיטעל.

פון דעם בעכער ביז צום מויל איז נאָך אַ ווייטער וועג

זשאק דאַראן האָט געטאַנצט פאַר פרייד.

פראנסוא און טרעגאַמעין האָבען בעטראכט דעם אינזעל. עס איז געווען נור א שטיין, ריכטיגער נאָך, א הויפען שטיינער פיעל העכער פון דעם וואסער. קיין בוים, קיין בלעטעל און קיין גרעזעלע האָט מען ניט געזעהען. דער גאנצער אינזעל איז בעשטאַנען פון א הויפען שווארצע שטיינער פון אונגעפעהר טויזענד קוואדראט מעטער. דאָס וואסער ארום איז געווען אזוי ריין און אזוי קלאָר, אז נאָהענטביים ברעג האָט מען געקענט זעהען דיא מושעלען און דיא מעער-גראָזען, וועלכע האָבען געוואקסען אויף דיא שטיינער פון דעם אינזעל עטליכע פוס טיעף.

דער אראבישער שיפסקאפּיטאַן האָט באלד אויסגעפונען א פּלאַץ, וואו צו פעראנקערען זיין באָאט און עס צובינדען צו א גרויסען שטיין אויף'ן ברעג. דאן האָבען דיא מאַטראָזען אויסגעלייגט עטליכע ברעטער פון דעם באָאט אויף דעם ברעג.

בן אָמאר, וועלכער האָט ניט געקענט ליידען דאָס מעער, האָט געוואָלט זיין דער ערשטער ארויסצוגעהן אויף'ן אינזעל. זשאק דאַראן האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי דיא פּלייצעס און האָט אויסגערופען:

— ווארט, דוא אדוואָקאט פון קראָקאָדילען לאַנד! עס איז מיין אינזעל און איך וועל זיין דער ערשטער ארויפצוטרעטען אויף מיין אינזעל!

מיט דיעזע ווערטער איז ער אראָבגעשפּרונגען אויף זיין אינזעל און האָט אָנגעהויבען צו טרעטען דיא זאמד מיט דיא פיס, גלייך וויא ער וואָלט געוואָלט איבערלאָזען אן אייביגען איינדרוק, אן אייביגען שפּור, אז דיעזער אינזעל געהערט צו איהם.

בן אָמאר איז געווען דער צווייטער, וועלכער איז ארויפגעקומען אויף'ן אינזעל. נאָך איהם זיינען ארויפגעקומען פראנסוא, טרעגאַמעין און סואד פּאשא, דאן אויך סעלים און עטליכע אראבער.

סעלים, אלס אגענט פון דער געהיים פּאָליציי פון דעם סולטאן, האָט זיך צוגעקוקט צו יעדער בעוועגונג פון דיא פרעמדע. ער האָט אויף קיין פאַל ניט געקענט פערשטעהן, צו וואָס מענשען האָבען געמאכט אזא לאַנגע און שווערע רייזע אום צו קומען אויף א נאקעטען שווארצען שטיין אין פּערזישען גאָלף. סעלים איז געווען גענוג קלוג צו פערשטעהן, אז זשאק דאַראן איז האלב פעררינקט, ער איז אָבער אויך געווען גענוג מענשען-קענער צו וויסען, אז

פראַנסוא איז אַ געלערענטער מאַן און טרעגאַמעין איז אויך ביי זיין פולען פערשטאַנד.

ווען סעלים און דיא אַראַבער האָבען געוואָלט מיטגעהן מיט זשאַק דאַראַן און זיינע פריינד, האָט זשאַק דאַראַן אויסגערופען:

— בלייבט אויף דעם באָאָט! יעצט דאַרפען מיר אייך ניט. דער אינזעל איז ניט גענוג גרויס פאַר אונז אַלעמען און איך דאַרף דאָ ניט קיין דאָלמעטשער.

פראַנסוא האָט עס איהם איבערגעגעבען אויף ענגליש און סעלים האָט געענטפערט:

— איך בין צופריעדען צו בלייבען אין באָאָט.

עס האָט איהם אפילו שטאַרק פערדראָסען, וואָס דיא פראַנצויזען ערלויבען איהם ניט צו געהן מיט זיי, אָבער ער האָט שוין אָבגערעדט מיט זיינע מענשען, אַז ווען דיא פראַנצויזען וועלען צוריקקומען און וועלען עפּעס מיטבריינגען, זאָל מען זיי ערקלערען, אַז זיי זיינען אַרעסטירט, ביז זיי וועלען קומען אין סאַהאַר און ווייזען דער פּאָליציי, וואָס זיי האָבען געפונען אויף'ן אינזעל, וועלכער געהערט צום סולטאַן פון אָמאַר.

דער שיפסקאַפּיטאַן פון דער "בערבערא" האָט ערקלערט, אַז ער קען דאָ ניט בלייבען מעהר פון זעקס שטונדען, ווייל ער האָט ניט קיין פּראָוויאַנט פאַר זיינע מענשען.

— מיר וועלען באַלד צוריקקומען, האָט זשאַק דאַראַן געענטפערט האַסטיג.

ער האָט קיין צייט ניט געהאַט. ער איז געוועזען אַזוי אויפגערעגט, אַז ער איז גרייט געוועזען זיך שטעלען שלאָגען מיט יעדען ווער עס וואָלט זיך איהם געשטעלט אין וועג.

סעלים און דיא אַראַבער זיינען צוריקגעגאַנגען אויף דאָס באָאָט און זשאַק דאַראַן, פראַנסוא, טרעגאַמעין, בן אָמאַר און זיין שרייבער נאַזים האָבען אָנגעהויבען צו קלעטערען אויף דיא שטיינער און זוכען דעם שטיין מיט דעם דאָפּעל "קיי".

וואָס ווייטער זיי זיינען געגאַנגען, אַלץ מעהר האָבען זיי זיך איבערצייגט, אַז קיין מענש האָט נאָך ניט בעזוכט דיעזען אינזעל. אויבען, העכער, האָבען עטליכע וואַסערפויגעל געמאַכט זייערע נעסטען צווישען דיא שטיינער און האָבען שטאַרק פּראָטעסטירט, ווען מענשען זיינען געקומען זיי שטערען און זיי אוועקטרייבען פון זייער היים. דיעזע מענשען האָבען אָבער גאָר ניט געוואָלט שטערען אָדער בערויבען דיא רוהיגע פויגעל. זיי האָבען געזוכט עפּעס אַנדערש.

עס איז געוועזען אַ שווערער וועג צווישען דיא שטיינער און איבער בערגלעך, וועלכע קיין מענשען־פוס האָט נאָך ניט בעטראָטען.

פראַנסוא איז געגאַנגען פאָראויס מיט אַ קאָמפּאַס אין דער האַנד. ער האָט

גאנץ גענוי אויסגערעכענט, וואו עס דארף זיך געפינען דער אָרט, וואו די מיליאָנען זיינען פערגראָבען.

נאָך א שטונדע פון א שווערען וועג האָט פראנסוא אויף גאנץ ריכטיג געפונען דעם אָרט. עס איז געווען א גרויסער הויפען קליינע שטיינער. אויף דעם גרויסען שטיין איז געווען אויסגעקריצט שארף און דייטליך א גרויסער דאָפעל ״קיי״.

ווען זשאק דאַראן האָט דערזעהען דעם דאָפעל ״קיי״ אויסגעקריצט אויף דעם גרויסען שטיין, האָט ער אָנגעהויבען צו טאנצען און צו שפרינגען וויא א וואהנזיניגער.

— נו, טרעגאַמעין? נו, פראנסוא? וואָס זאָגט איהר יעצט? האָט ער גע־שריען אויסער זיך.

— איך זאָג גאָר ניט, מיין פריינד, האָט טרעגאַמעין געענטפערט.

פראנסוא האָט געשוויגען. יעצט האָט ער שוין געוואוסט פאר זיכער, אז ער קען ניט אזוי שנעל הייראטהען זיין געליעבטע זשוליעט. ער האָט גוט גע־קענט זיין אָנקעל, ער האָט געוואוסט, אז קוים האָט ער זיך איינגעשפארט, אז זשוליעט זאָל הייראטהען א פרינץ, וועט ער געווים וועלען עס אויספיהרען.

עס איז אָבער יעצט ניט געווען דיא צייט צו טראכטען. יעצט האָט מען געמוזט ארבייטען, אויסגראָבען דיא מיליאָנען, וועלכע ליעגען אונטער זייערע פיס.

— צו דער ארבייט, מיינע פריינד! האָט זשאק דאַראן געבעטען.

ער האָט עס אויך ניט געדארפט. גאָלד איז א זאָנדערבארער מאַגנעט: עס ציהט צו צו זיך דעם שטארקסטען, איך מיין, דעם קליגסטען מענשען. עס איז א וואונדערבארער מאגנעט, וועלכער בערוישט. מען ווערט פון איהם שיכור, וויא פון א שטארקען וויין.

זאָגאר דער רוהיגער טרעגאַמעין איז געוואָרען בערוישט פון דעם געדאנק, אז אונטער זיינע פיס ליעגען פערגראָבען 20 מיליאָן. בן אָמאר האָט געציטערט, וויא פון א פיעבער, נור ביי דעם געדאנק, אז ער וועט באלד בעקומען איינם פראָצענט פון 20 מיליאָן, דאָס איז אויך א שעהנע סומע פאר אן אדוואָקאט אין עגיפטען.

סואד פאשא אָדער נאזים בן אבדאללאה איז געוואָרען בלייך וויא קאלך. באלד וועט מען אויסגראָבען 20 מיליאָן, וועלכע געהערען צו איהם, ווייל ער איז דער איינציגער יורש פון קיאמיל פאשא, און דאָך וועט עס צונעהמען א פרעמדער, א פראנצויז, א מאן, וועלכער גלויבט ניט אין מחמד.

עס איז אָבער יעצט ניט געווען דיא צייט פון טראכטען. יעצט זיינען אלע געווען בערוישט און האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט וויא דיא וואהנ־זיניגע. מען האָט געמוזט פונאנדערנעהמען דעם הויפען שטיינער.

אַלע פינף האָבען אָנגעהויבען צו ארבייטען. יעדער האָט אויפגעהויבען א שטיין און האָט איהם אוועקגעוואָרפען ווייט פון זיך. זשאק דאַראן איז געווען דער איינציגער, וועלכער האָט מיטגעבראכט א ברעכאייזען. אַלע איבריגע האָבען געארבייט מיט דיא הענד.

דאָס איז געווען א שווערע, העכסט אונאנגענעהמע ארבייט. נאָך צעהן מינוטען פון דיעזער ארבייט האָט זיך דער שוויים געגאָסען פון יעדען פון דיעזע פינף ארבייטער. עס איז אין אלגעמיין זעהר שווער פאר אן אייראָפּעער צו ארבייטען אונטער'ן פרייען הימעל אָהן א שוץ, אָהן א דעק געגען דיא ברענענדע שטראהלען פון דער זון.

בן אָמאר, וועלכער איז געווען זעהר אָבגעשוואכט פון דער ים־קראנקהייט, איז באלד אזוי מיעד געוואָרען, אז ער איז אנידערגעפאלען פון מיעדקייט און ערשעפּפונג. ער האָט שוין מעהר ניט געקענט ארבייטען. אַלע זיינע קליידער זיינען געווען נאס פון שוויים, נאס צום אויסדרעהען.

סואד פאשא דאגעגען האָט ווייטער געארבייט גאנץ רוהיג, גלייך וויא ער וואָלט אויסגעגראָבען דיא מיליאָנען פאר זיך.

דריי לאנגע און שווערע שטונדען האָבען דיא פיער מענשען אָבגעארבייט, וויא דיא מוילוואורפען, וועלכע גראָבען זיך איין אין דער ערד און ווארפען ארוים ברעקלעך אויף דער ערד.

ענדליך האָט זיך דאַראן'ס ברעכאייזען אָנגעשלאָגען אָן עפּעס, וואָס האָט ארויסגעגעבען א קלאנג פון מעטאל.

— איך האָב עס! אָט זיינען מיינע מיליאָנען! האָט זשאק דאַראן אויסגערופען און איז געפאלען אין אונמאכט.

ער האָט עס לענגער ניט געקענט אויסהאלטען. ער איז געווען א שטארקער מענש, אָבער דאָס געלד האָט איהם דאָך אזוי בערוישט, אז ער איז אנידערגעפאלען, וויא א קלאָץ.

פראנסוא איז געלאָפען צום מעער, האָט אָנגעשעפּט וואסער אין זיין הוט און האָט עס געשפּריצט זיין אָנקעל אין געזיכט. טרעגאָמעין איז געווען קלוג גענוג מיטצונעהמען א פלעשעל קאָניאק. ער איז טאקע געווען נור א שיפסקאַפּיטאן פון א בארקע, ער האָט אָבער גוט געוואוסט, אז קאָניאק איז א גאנץ גוטעס בעלעבונגס מיטעל פאר א מאטראָז, וועלכער פאלט אין אונמאכט.

דאָס האָט אויך געהאָלפען. דער קאָניאק האָט אָבגעמינטערט זשאק דאַראן און קוים איז ער געקומען אביסעל צו זיך, האָט ער אָנגעהויבען צו בעטען:

— גראָבט ווייטער, מיינע פריינד! נעהמט ארוים מיינע מיליאָנען.

מען האָט ווייטער געגראָבען און מען האָט געפונען א לאָך, אין וועלכער עס איז געלעגען א קליין אייזערן קעסטעלע.

— זאָלען אין דיזען קליינעם קעסטעלע ליעגען צוואנציג מיליאָן? האָט טרעגאַמעין געברומט. נו, דאָס גלויב איך נים.

— שוויינ, דוא בארקע־קאפיטאן! האָט זיך זשאק דאראן געקאַכט. שוויינ און העלף מיר אויסגראָבען מיינע מיליאָנען!

טרעגאַמעין האָט געשוויגען און האָט געהאָלפען ארויסגראָבען דאָס קליי־נע אייזערנע קעסטעלע.

עס איז געווען דייטליך, אז קיאמיל פאשא האָט געזוכט צו פערגראָבען דיע־זעם קעסטעלע גאנץ טיעף, ווייל אויף דעם קעסטעלע זיינען געלעגען זעהר גרוי־סע און שווערע שטיינער.

בן אָמאר האָט זיך קוים געקענט ריהרען, אָבער ביי דעם אנבליק פון דעם אייזערנעם קעסטעלע האָט ער צונויפגענומען זיינע לעצטע קרעפטען און האָט מיטגעהאָלפען אוועקקייקלען דיא שווערע שטיינער, וועלכע זיינען געלעגען אויף דעם קעסטעלע. זשאק דאראן איז אזוי ווייט געקומען צו זיך, אז ער האָט אויך מיטגעהאָלפען וויא ווייט זיינע קרעפטען האָבען איהם ערלויבט.

טיכטיגער און פלייסיגער פון אלעמען האָבען געארבייט סואד פאשא און טרעגאַמעין.

זיי האָבען גערעכענט, אז באלד וועלען זיי געפינען דיא פעסלעך מיט גאָלד, דימאנטען און בריליאנטען, דאָס גאנצע פערמעגען פון קיאמיל פאשא, אָבער זייער מיה איז געווען אומזיסט. זיי האָבען אויסגעגראָבען נור א קליין קעסטעלע, אויף וועלכען עס איז געווען פוןביידע זייטען גאנץ דייטליך אויס־געקריצט דער דאָפעל "קיי".

מען האָט ארויסגענומען דאָס אייזערנע קעסטעלע. זשאק דאראן האָט עס בעטראכט פון אלע זייטען, האָט עס געוואויגען אין דיא הענד, עס איז גע־ווען נים בעזאָנדערס שווער: א מענש האָט עס געקענט לייכט טראָגען אונ־טער'ן אָרם.

פראנסוא איז געווען העכסט צופריעדען. ער וואָלט ארויסגעוויזען זיין פרייד און וואָלט פריי און אָפען ערקלעהרט, אז קיאמיל פאשא איז א ליג־נער, אָבער ווען ער האָט א קוק געטהאָן אויף זיין אָנקעל, וועלכער איז געווען בלייך וויא קאלך און האָט געציטערט וויא פון א פיעבער, האָט ער ניט־ווי־לענדיג מיטלייד געהאט מיט דיזען אונגליקליכען מענשען, וועלכער האָט פערלאָרען אזוי פיעל צייט, מיה און געלד אום צו געפינען א קליין קעסטעלע, אין וועלכען עס קען זיך נים געפינען אזוי פיעל גאָלד אום צו דעקען דיא אויס־גאבען, וועלכע זיי האָבען שוין געמאכט. זשאק דאראן האָט אויסגעגעבען א העלפט פון זיין פערמעגען.

איינינע צייט האָט מען נאָך ווייטער געגראָבען, ווייטער געזוכט, פי־לייכט וועט מען דאָך אויסגעפינען דיא פעסלעך מיט גאָלד און בריליאנטען,

וועלכע קיאַמיל פּאשא האָט דאָ בעגראָבען, אָבער אַלעס אומזיסט! עס איז גע־וועזן דייטליך, אַז טיעפער האָט קיאַמיל פּאשא אָדער זיינע מענשען ניט געגראָבען.

מען האָט אַלזאָ געמוזט זיך נעהמען צו דעם אייזערנעם קעסטעלע. עס איז געוועזן פערמאַכט און פערשלאָסען. וואָס ליעגט אין דיעזען קעסטעלע? וואָס געפינט זיך אין איהם? ווער וויים עס?

פלוצלונג האָט זשאַק דאַראַן א וואָרף געטהאָן דאָס קעסטעלע אויף דער ערד, האָט אויפגעהויבען א גרויסען שווערען שטיין און האָט איהם א וואָרף געטהאָן אויף'ן קעסטעלע. ער האָט עס צובראָכען.

פראַנסוא האָט זיך אָנגעבויגען און האָט צונומען דיא צובראָכענע שטי־קער. אין קעסטעלע האָט זיך געפונען נור א שטיק פערגאַמענט (פּאַרמעט).

פראַנסוא און זשאַק דאַראַן האָבען עס בעטראַכט. עס איז געוועזן א שטיק פערגאַמענט, וואָס איז שוין שטאַרק געל געוואָרען פון דער צייט. עס איז געוועזן צונויפגעקייקעלט וויא א מגילה.

פראַנסוא האָט עס צונומען און האָט עס געוויזען זיין אָנקעל. אויף דעם פערגאַמענט זיינען געשטאַנען נור עטליכע צייַלען געשריעבען אויף פראַנצוי־זיש.

זשאַק דאַראַן איז געוועזן אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט אָנגעהויבען צו לעזען דיא שריפט און האָט ניט בעמערקט, אַז בן אָמאַר פון איין זייט און נאַזים פון דער אַנדערער זייט האָבען אויסגעשטרעקט דיא העלזער און ווילען אויך לעזען דיא שריפט.

זשאַק דאַראַן האָט עס אָבער באַלד דערזעהן, און אַזוי וויא ער האָט שוין אָנגעהויבען לעזען, האָט ער וויעדער געלעזען:

"... און קאַפּיטאַן טהאָמאַס דאַראַן אָדער זיינע יורשים זאָלען בריינ־גען דיעזען דאָקומענט צו דעם באַנקיר זאַמבוקאָ און דער באַנקיר זאַמבוקאָ וועט איהם דאַן געבען דיא ריכטיגע לענג פון דעם אינזעל, וואו איך האָב פערגראָבען מיינע מיליאָנען. דאָרט וועט זיך אויך געפינען א גענויע קאָפּיע פון מיין טעסטאַמענט".

דאָס איז געוועזן אַלעס. אויף דיעזען אינזעל האָט זיך נור געפינען אַן אָנ־ווייזונג וואו עס געפינט זיך דער ריכטיגער אינזעל מיט דיא מיליאָנען.

קיאַמיל פּאשא איז געוועזן א קלוגער מענש. ער האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל ניט אויסגעפינען זיינע סעקרעטען און ער האָט אויף דיעזען אינ־זעל נור בעהאַלטען א דאָקומענט, אין וועלכען ער ווייזט אָן, וואו עס געפינט זיך דער ריכטיגער אינזעל, אָבער דאָס וויים נור דער באַנקיר זאַמבוקאַ, דאָס הייסט, ער וויים נור דיא ברייט, דעם פּאַראַלעל פון דעם ריכטיגען אינזעל,

אין דיזען דאָקומענט געפינט זיך אָבער דיא לענג, דער מערידיאַן פון דעם אינזעל.

וועד איז אָבער דיזער באנקיר זאמבוקא? איז ער אויך א יורש? וועט זשאק דאַראן דארפען זיך טהיילען מיט דעם באנקיר זאמבוקא?

אייניגע מינוטען זיינע אלע געשטאנען וויא פערגליווערט. קיינער האָט ניט געוואגט צו רעדען א וואָרט. ענדליך האָט דער רוהיגער טרעגאָמעין גע־זאָגט ערנסט:

— "פון דעם בעכער ביז צום מויל איז נאָך א וויטער וועג", זאָגט אַן אלט שפּריכוואָרט.

17טעם קאפּיטעל.

פראַנסואַ'ס בריעף

לאַנגוויילִיג און טרויעריג איז עס יעצט געוועזן אין זשאק דאַראַן'ס הויז אין סען מאלאָ.

צוויי מאָנאטען זיינען שוין פערגאנגען זייט זשאק דאַראן, פראנסוא און טרעגאָמעין זיינען אוועקגעפאָהרען זוכען דיא 20 מיליאָן, און אין דער היים זיינען געבליבען נור דיא צוויי פרויען, נאנאָן און איהר טאָכטער זשוליעט.

אמת,ביידע פרויען האָבען געהאט אלעס, וואָס זיי האָבען גענויטיגט. זשאק דאַראן האָט זיי געלאָזען אזוי פיעל געלד, אז זיי האָבען געקענט לעבען אין פרייד און פערגניגען. אָבער געלד מאכט נאָך ניט גליקליך. זשוליעט פלעגט אָפט וויינען שטילערהייט און נאנאָן פלעגט שטענדיג ארומגעהן טרויע־ריג און פערטראכט.

אין דער צייט פון דיזע צוויי מאָנאטען האָט זשוליעט ערהאלטען נור דריי בריעף פון איהר געליעבטען: איין בריעף פון סועז, דעם צווייטען בריעף פון אדען און יעצט דעם דריטען בריעף פון טוניס.

אין שטעדטעל סען מאלאָ האָט דיא אָברייזע פון דיא דריי מענער געמאכט אַן אויפרוהר. אלע האָבען געקענט זשאק דאַראן. אלע האָבען געוואוסט, אז ער לעבט פון דיא פּראָצענטען פון דעם געלד, וואָס ער האָט אָנגעזאמעלט, ווען ער איז געוועזן א שיפסקאפּיטאַן. אלע האָבען געקענט דעם גוטען, פריינדליכען גילדאס טרעגאָמעין און אלע האָבען געקענט דעם יונגען פעהיגען און לוסטי־גען פראנסוא.

— וואו זיינען דיזע דריי מענער? האָט מען זיך געפרעגט. וואוהין זיי־נען זיי גאָר פלוצלונג אוועקגעפאָהרען? וואָס איז דאָ געשעהן? וואָס איז דאָ פּאָרגעקומען?

מען האָט עס געפרעגט נאנאָן. מען האָט עס געפרעגט זשוליעט. אָבער ביי־

דע פרויען האָבען קיין ענטפער ניט געקענט געבען אויף דיעזע פראגען, און אום אויסצומיידען דיא נייגעריגע בליקען און דיא נייגעריגע פאָרשונגען און פראגען, זיינעןביידע פרויען געצוואונגען געווען צו זיצען אין דער היים, ניט ארויסצוגעהן אין דער גאס.

עס איז א שעהנער, ליעבליכער טאָג אין מאָנאט יוני. דיא זון שיינט און ווארעמט, אז עס איז א פערגניגען. אלע איינוואָהנער פון דער שטאָדט געפינען זיך אויף דער גאס אָדער זיינען געגאנגען צו דיא דאקס, נור נאנאָן און זשוליעט זיצען אין דער היים.

זשוליעט איז טרויעריג. טרעהרען ווארגען זיא, אָבער זיא האלט זיך איין, זיא וויל ניט אָנטהאָן צרות איהר מוטער.

— אך, האָט זשוליעט געזיפצט. אך! מיר דאכט, אז זיי וועלען שוין קיין מאָל ניט צוריקקומען.

— רייד ניט קיין נארישקייטען, מיין טאָכטער! פראנסוא איז דאָך א פעהיגער שיפסקאפּיטאן, ער האָט דאָך אויסגעהאלטען זיין עקזאמען גלענצענד. ער וועט שוין טרעפען דעם וועג אהיים.

— עס איז שוין אָבער אזוי לאנג, זינט זיי זיינען אוועקגעפאָהרען!

— לעז נור דורך נאָך איין מאָל דעם בריעף, וועלכען דוא האָסט נעכטען ערהאלטען, האָט נאנאָן געבעטען.

זשוליעט האָט שוין געלעזען דיעזען בריעף א מאָל צעהן, אָבער נאנאָן פלעגט שעפען טרייסט און בערוהיגונג, ווען זיא פלעגט הערען לעזען דעם בריעף פון פראנסוא. ווען זיא וואָלט זיך ניט געשעהמט, וואָלט זיא געבעטען איהר טאָכטער, זיא זאָל א גאנצען טאָג פאָרלעזען דיעזען בריעף.

— לעז מיר נאָך א מאָל דעם בריעף, האָט נאנאָן געבעטען צום צווייטען מאָל.

זשוליעט האָט געמוזט איהר צוליעב טהאָן און האָט געלעזען:

"לא גולעט, טונים.

"ליעבע זשוליעט!

"איך שיק דיר און דיין מוטער טויזענד גריסען און קושען און איך בעדויער זעהר, וואָס איך קען דיר דיעזע גריסען אליין ניט איבערגעבען.

"איך האָב דיר שוין געשיקט צוויי בריעף און איך בין זיכער, אז דוא האָסט זיי ערהאלטען. איך האָב דיר געשריעבען וויא דער אָנקעל איז אונרוהיג, אויפגערעגט און האסטיג, ער וויל בעקומען זיינע מיליאָנען וויא אם שנעלסטען. יעצט אָבער שרייב איך דיר, אז עס האָט אונז עפּעס פאסירט, וואָס האָט געדארפט ווייזען אונזער אָנקעל, אז מיליאָנען קריעגט מען ניט אזוי לייכט. דיא צייטען, ווען מענשען פלעגען געפינען אן אוצר אין דער ערד, זיינען שוין פון לאנג פאָראיבער.

"דוא קענסט זיך לייכט פֿאַרשטעלען, וויא אויפגערעגט אונזער אָנקעל איז געוואָרען, ווען מיר זיינען געקומען אויף'ן אינזעל, וואָס קיאמיל פאשא האָט אזוי גענוי און אזוי פּינקטליך בעשריבען, און מיר האָבען אויך געפונען דעם צייכען, וואָס ער האָט איינגעגראָבען אין שטיין: זיין דאָפּעל "קיי". מיר האָבען געארבייט, געגראָבען, אויפגעהויבען שווערע שטיינער און געזוכט. וואָס האָבען מיר אָבער געפונען? אַן אייזערן קעסטעלע און אין דעם קעסטעלע איז געלעגען א דאָקומענט, אז דיא מיליאָנען זיינען פערגראָבען גאָר אויף אַן אנדער אינזעל. דיא לענג אָדער דער מערידיאן פון דעם צווייטען אינזעל איז גענוי פער־צייכענט אין דעם דאָקומענט, דיא ברייט אָבער אָדער דער פּאראלעל וועט דער אָנקעל קריגען ביי א באנקיר מיט'ן נאָמען זאמבוקא, וועלכער וואָהנט אין דער שטאָדט טוניס, דיא הויפּט שטאָדט פון דעם לאנד טוניס.

"ווער דיעזער זאמבוקא איז, וואָס ער איז, וויא עס קומט וואָס קיאמיל פאשא האָט איהם איבערגעגעבען דעם פּאראלעל פון זיין אינזעל — דאָס וויים איך ניט. איך פערשטעהע נור, איך בין זיך משער, אז דיעזער זאמבוקא האָט געוויס אויך עפּעס געטהאָן פאר קיאמיל פאשא און דארום האָט קיאמיל פּא־שא איהם אויך איבערגעלאָזען א טהייל פון זיין פערמעגען. וויא גרויס דיעזער טהייל איז, קענען מיר ניט וויסען. דער אָנקעל פערשטעהט עס גאנץ גוט, ער איז שוין זאָגאר געפּאסט צו נעהמען דיא העלפט, נור 10 מיליאָן. איך וואָלט געוועזן העכסט צופריעדען ווען פון דיעזע צעהן מיליאָן זאָל זיך אויסלאָ־זען נור איין מיליאָן אָדער נאָך וועניגער. דוא ווייסט דאָך, ליעבע זשוליעט, אז איך ליעב דיך און פערגעטער דיך אָהן מיליאָנען.

"דוא קענסט זיך לייכט פאָרשטעלען, טהייערע זשוליעט, וויא אָפט איך רעד פון דיר מיט אונזער איינציגען פריינד, דעם גוטען טרעגאָמעין. ער איז שוין מיעד ארומצולויפען אין דער וועלט און זוכען דיא מיליאָנען פון אן עגיפּ־טישען פאשא. ער האָט שוין עטליכע מאָל געבעטען דעם אָנקעל, מיר זאָלען בעסער צוריקפאָהרען אהיים און פערגעסען דעם פאשא מיט זיינע פערגראָ־בענע מיליאָנען, דער אָנקעל אָבער וויל דערפון ניט וויסען, און מיר מוזען זיך ארומשלעפּען איבער דער וועלט אין דער געזעלשאפט פון צוויי עגיפּטער, בן אָמאר און זיין שרייבער נאזים בן אבדאללאה.

"איך האָב פיינט דיעזע צוויי עגיפּטער. בן אָמאר זאָגט, אז ער איז אן אדוואָקאט. מיר דאכט, אז ער איז א קעשענע גנב. זיין שרייבער ווייזט מיר אוים צו זיין א גאסען רויבער. איך האָב זיי ביידע פיינד וויא דיא שפּינען, און דאָך מוז איך פאָהרען מיט זיי צוזאמען. זיי טרעטען ניט אָב פון אונז, זיי געהן אונז נאָך, וויא דער שאָטען געהט נאָך א מענשען.

"איך וויים גאנץ גוט, אז ווען דיעזע צוויי עגיפּטער וואָלטען געוואוסט דעם אדרעס פון דעם באנקיר זאמבוקא, וואָלטען זיי געוויס געקומען אין

טונים פאר אונז, דער אָנקעל איז אָבער געווען אזוי קלוג און אזוי פאָרזיכטיג אז ער האָט זיי ניט געזאָגט, וואו דיעזער זאמבוקא וואָהנט.

"דוא קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, וויא דיא אראבער, וועלכע האָבען אונז געבראכט אויף'ן אינזעל, זיינען געווען איבערראשט, ווען מיר זיינען צו־ריקגעקומען מיט ליידיגע הענד און מיר זיינען באלד געפאָהרען צוריק נאָך סא־האר, א קליינע אראבישע שטאָדט אין אָמאן. עס איז ווערטה צו בעשרייבען וואָס פאר א זויערע מינע עס האָט געמאכט איין אראבער מיט'ן נאָמען סע־לים, וועלכער איז געווען אונזער דאָלמעטשער אין סאהאר. דיעזער סעלים איז געווען אויסער זיך, ווען ער האָט געזעהן, אז מיר זיינען צוריקגעקומען פון דעם אינזעל מיט ליידיגען און עפּעס ניט גאנץ פרעהליך. דער דורכגעטריעבענער סע־לים האָט גוט פערשטאנען, אז מיר האָבען ניט געפונען וואָס מיר האָבען גע־זוכט.

"מיר זיינען צוריקגעקומען נאָך סאהאר און האָבען געמוזט ווארטען צוויי טעג אויף א קאראוואנע, מיט וועלכער מיר זיינען דורכגעפאָהרען נאָך מאָסקאט. דאָרט האָבען מיר געמוזט ווארטען דריי טעג אויף דעם פּאָסט דאמפּפער, וועלכער האָט אונז צוריקגעפיהרט נאָך סועז. פון דאָרט ערשט זיינען מיר געפאָהרען נאָך טונים.

"עס איז ניט קיין פערגניגען צו פאָהרען צו פאָהרען אויף דעם רויטען מעער אין דיעזער צייט פון יאָהר. דיא היץ איז שרעקליך, אונערטרעגליך און מען מוז פאָהרען מיט אראבער, עגיפּטער, נעגער, אינדיער און אלערליי אנדערע, ניט גאנץ ריינליכע מענשען, און מען מוז עס אלעס אויסהאלטען, אלעס איבערטראָגען, ווען מען באָדט זיך אין שוויס.

"מיר זיינען איצט אין טונים. וואָס וועט זיין, ווען דער אָנקעל וועט אויך דיעזעס מאָל זיך געפינען ענטטוישט, אָבגענארט אין זיינע האָפנונגען? איך וויים עס ניט, ליעבע זשוליעט, ריכטיגער געזאָגט, איך וויים עס יא. ער וועט אראָב פון זינען. דאָס איז טרויעריג! דאָס איז שרעקליך! גאָלד איז שטענדיג געווען דאָס גרעסטע אונגליק פאר דיא מענשען. אונזער אָנקעל איז געווען א שטילער, רוהיגער, צופריעדענער מענש. ער האָט קיין מאָל ניט געשטרעבט נאָך רייכטהום, ער האָט קיין מאָל זיך ניט נאָכגעיאָגט נאָך מיליאָנען, און פּלוצ־לונג האָט אן אונגליקליך שטיקעל פּאַפּיער און א האלב־וואָהנזיניגער עגיפּטישער אדוואָקאט איהם אזוי ווייט פערפיהרט, אז ער האלט שוין גאָר ניט ווייט פון וואהנזין.

"פון סועז האָבען מיר געמוזט פאָהרען אויף אן אנדער שיף נאָך טונים. אויך דיעזע רייזע איז געווען א העכסט אונאנגענעהמע, אָבער מיר האָבען זיא אויסגעהאלטען וויא העלדען. טרעגאָמעין האָט עטליכע מאָל געוואָלט רעדען גאנץ ערנסט מיט'ן אָנקעל און איהם בעווייזען, אז דיא 20 מיליאָן פון קיאמיל

פאשא זיינען נור א טרוים, איך האָב איהם אָבער צוריקגעהאַלטען. איך קען צו גוט אונזער אָנקעל, איך ווייס אז ער וועט ניט נאָכגעבען. ער לעבט נור מיט דיעזען טרוים, ער גלויבט אין דיעזע מיליאָנען און דיעזער גלויבען גיט איהם קראפט און מוטה אלעם אריבערצוטראָגען, אלעם אויסצוהאלטען און אלעם צו וואגען.

"ליעבע זשוליעט, אין טוניס בין איך פיעל נעהנטער צו דיר, וויא אין מאָסקאַט און סאהאר, אָבער מיר דאכט, אז איך בין יעצט פון דיר פיעל ווייטער. ווען מיר זאָלען ווירקליך אויסגעפינען דעם באנקיר זאמבוקא און ער וועט אונז געבען דעם פאראלעל, וועלען מיר וויעדער מוזען פאָהרען זוכען דעם אינזעל. וואו איז ער? וויא ווייט איז ער פון טוניס? ווער ווייס עס, ווער קען עס וויסען!

"איך שרייב דיעזען בריעף אויף דער שיף. מיר זיינען נור א שטונדע רייזע פון לא גולעט, דיא פּאָרט שטאָדט פון טוניס. איך וועל איבערגעבען דיעזען בריעף דעם ערשטען בעסטען פּאָסט בעאמטען אָדער פּאָסט קאנטאָר אין לא גולעט. איך מוז עס טהאָן, ווייל איך ווייס, אז קוים וועלען מיר אָנקומען אין לא גולעט, וועט דער אָנקעל אונז צווינגען, מיר זאָלען באלד פאָהרען נאָך טוניס און איך וועל קיין צייט ניט האָבען דיר צו שרייבען.

"איך פערזיכער דיך נאָך אמאָל, אז איך ליעב דיך מיט מיין גאנצער זעעלע, מיט מיין גאנצען לעבען, טהייערע זשוליעט, און וועל דיך קיין מאָל ניט פערגעסען. זיי געזונד און גליקליך, מיין היים געליעבטע זשוליעט,

דיין ליעבענדער פראנסוא".

18טעם קאפיטעל.

אין טוניס

טוניס איז א פּראָווינץ פון טערקיי, וועלכע געפינט זיך אונטער דעם שוץ פון פראנקרייך. עס איז איינע פון דיא זאָנדערבארע לענדער, וועלכע געהערען צו טערקיי נור אויף פאפיער, נור אין געאָגראפישע ביכער. אין דער ווארהייט הערשט אין טוניס א הערשער מיט דעם טיטול ב ע י. עס איז איינס פון דיא שעהנסטע און רייכסטע לענדער אין דער וועלט. אין 1862 האָט געהערשט אין טוניס דער בעי סידי מחמד עס צדק.

דיא הויפּטשטאָדט הייסט אויך טוניס און איז איינע פון דיא עלטסטע שטעדט אין דער וועלט. זיא איז געגרינדעט געוואָרען אונגעפעהר 700 יאָהר פאר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג אָדער אונגעפעהר אין דיא צייטען פון יהושפט מלך יהודה, און דאָס פאלק, וואָס האָט זיא געגרינדעט, האָט געשטאמט פון דער אלטער שטאָדט צור און האָט גערעדט העברעאיש אָדער א שוועסטער־שפּראך פון העברעאיש.

די שטאָדט טוניס צעהלט היינט מעהר אלס 150,000 איינוואָהנער, צווי־שען זיי מעהר אלס 50,000 אידען. זיא איז איינע פון די גרעסטע האנדעלס שטעדט אין אפריקא.

די שטאָדט געפינט זיך ניט ווייט פון דעם גאָלף פון טוניס, דאָס מעער איז אָבער דאָרט אזוי ניט טיעף, אז קיין גרויסער דאמפפער קען ניט צוקומען צום לאנד. ווען א דאמפפער קומט צו, מוז ער בלייבען שטעהן ווייט אין מעער. עס קומען צו צו איהם קליינע שיפלעך און קליינע דאמפפער — שלעפ־דאמפ־פער, וועלכע נעהמען אויף די פאסאזשירען און די וואארע און ברייננען זיי נאָך דער שטאָדט לא גולעט, וויא די פראנצויזען רופען זיא, אָדער גאָלעטאָן, וויא די איטאליענער רופען זיא. פון לא גולעט מוז מען ערשט פאָהרען א האלבע שטונדע מיט דער אייזענבאהן ביז מען קומט נאָך טוניס.

אויף דעם וועג פון לא גולעט נאָך טוניס פאָהרט מען פאָרביי דעם אָרט, וואו עס איז אמאָל געשטאנען די בעריהמטע אלטע שטאָדט קארטהאגאָ, ריכ־טיגער נאָך קרתא הדתא, די נייע שטאָדט, אָבער די אלטע רוימער פלע־גען עס אויסשפרעכען קארטהאגענאָ, אויך קארטהאגאָ. דאָס איז די בעריהמטע שטאָדט, וואו עס איז געבאָרען געוואָרען דער גרעסטער גענעראל פון די אלטע צייטען האניבאל אָדער חניבאל, וועלכער האָט געמאכט ציטערען דאָס אלטע רוים.

לא גולעט איז אן עכט אייראָפּעאישע שטאָדט. עס וואָהנען אין איהר מעהר קריסטען, וויא מאהמעדאנער און אידען. אין לא גולעט געפינען זיך האָטעלס, באנק־הייזער, קירכען און טהעאטערע, וויא אין אן עכט אייראָפּעאי־שער שטאָדט.

— אָבער, ליעבער אָנקעל, פּיעלייכט וואָהנט גאָר אייער באנקיר זאמבוקא אין לא גולעט? האָט פראנסוא בעמערקט.

— איך זאָג דיר, אז מיר מוזען פאָהרען נאָך טוניס, איז געווען די אנט־וואָרט.

מעהר האָט פראנסוא ניט געקענט ארויסקריעגען פון איהם.

לא גולעט האָט נור איין לאנגע און שעהנע גאס, און פיעלע קליינע זייט־געסלעך. די לאנגע גאס פיהרט צו דער באהן־סטאציאָן. זשאק דאָראן, טרעגאָ־מעין און פראנסוא זיינען געגאנגען פאָראוים, הינטער זיי האָבען זיך נאָכגע־שלעפּט בן אָמאר און זיין שרייבער.

אלע זיינען געגאנגען שטיל, וויא די שאָטענס, נור פראנסוא האָט גע־טראכט פון דער געגענד, וועלכע זיי זיינען דורכגעגאנגען: דאָ האָבען אמאָל געקעמפפט די גרעסטע העלדען פון דער אלטער צייט: סציפּיאָ, רעגולוס, יו־ליוס צעזאר, האניבאל און פיעלע אנדערע.

ענדליך זיינען זיי צוריקגעקומען צו דער סטאַציאָן, וואו זיי האָבען געמוזט וואַרטען ביי א האַלבער שטונדע אויף א צוג, וועלכער איז ענדליך אָנגעקומען און האָט זיי מיטגענומען נאָך טוניס.

אויף דער אייזענבאהן־סטאַציאָן אין טוניס האָבען זיי ארומגערינגעלט אַראַבער, אידען, איטאַליענער און פראַנצויזען. יעדער האָט זיי איינגעלאַדען צו זיך אין האָטעל. זשאק דאָראַן האָט אָנגענומען דיא איינלאַדונג פון א פראַנ־צויז, וועלכער האָט איהם שטאַרק אויסגעלויבט דעם האָטעל דע פראַנס.

אַלע זיינען געגאַנגען אין האָטעל דע פראַנס, וועלכער געפינט זיך אין דעם אייראָפּעאישען שטאָדט־פיערטעל. זשאַק דאָראַן האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף דיא גאַסען און האָט זיך ניט געקימערט, וואוהין מען פיהרט איהם, ער האָט געטראַכט נור פון זיינע מיליאָנען. פראַנסוא אָבער האָט זיך געוואונדערט, וואָס מען פיהרט איהם אין גאַסען, וועלכע פּאַסען בעסער פאַר אַן אייראָפּעאישער שטאָדט וויא פאַר טוניס, אַן עכט מאַחמאַדאַנישע שטאָדט אין אפריקא.

ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט עס געפרעגט זייער פיהרער.

— דאָס איז דיא נייע שטאָדט טוניס, דיא אייראָפּעאישע שטאָדט, האָט דער פיהרער געענטפערט, דאָ וואָהנען כמעט נור אייראָפּעער. וויטער געפינט זיך דיא מאַחמאַדאַנישע שטאָדט, אין וועלכער עס געפינט זיך דער פּאַלאַץ פון דעם בעי סידי מחמד עס צדק.

— וואו וואָהנט אָבער דיעזער זאַמבוקא? האָט פראַנסוא געפרעגט זיך אַליין, ווער איז דיעזער זאַמבוקא? איז ער א טערק, א בערבער, אַן איטאַליע־נער אָדער עפּעס אנדערש? איז ער א מאַחמאַדאַנער אָדער א קריסט? זאַמבוקא איז א רעכט זאָנדערבאַרער נאָמען.

דערווייל זיינען זיי אָנגעקומען אין האָטעל. זשאַק דאָראַן האָט אָבגע־נומען דריי צימערען פאַר זיך און פאַר זיינע קאַמעראַדען. דאַן איז ער האַסטיג אריינגעגאַנגען אין זיין צימער, האָט אוועקגעלייגט זיינע זאַכען און איז באַלד ארויסגעגאַנגען. ער האָט זיך זאָגאַר ניט איבערגעטהאָן און איז צוגעגאַנגען צום צימער, וואו פראַנסוא און טרעגאָמעין האָבען זיך געפונען.

— איך וויל, אז איהר זאָלט זיין דאָ אין האָטעל, ווען איך וועל צוריק־קומען, האָט ער געזאָגט צו זיי.

— וואוהין געהט איהר דען, אָנקעל? האָט פראַנסוא געפרעגט.

— וואוהין איך דאַרף, האָט דאָראַן געענטפערט קורץ און שאַרף.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער זיך אויסגעדרעהט און איז אַראָבגעגאַנגען אין קאַנטאָר פון דעם האָטעל, וואו ער האָט געבעטען, מען זאָל איהם געבען א פיהרער, א מאַן, וועלכער איז גוט בעקאַנט מיט דער שטאָדט און וועלכער רעדט פראַנצויזיש.

אזא פיהרער האָט זיך באלד געפונען און זשאק דאָראן איז מיט איהם אוועקגעגאנגען.

זשאק דאָראן איז געווען אן עהרליכער מאן. ער האָט ניט געוואָלט קומען צו דעם באנקיר זאמבוקא און אויסנארען ביי איהם דעם פאראלעל פון דעם אינזעל, וויא בן אָמאר האָט עס געוואָלט אויסנארען ביי איהם. זשאק דאָראן האָט זיך פעסט ענטשלאָסען, ער זאָל קומען צו זאמבוקא און זאָל איהם זאָגען: ״מיין הערר, דער עגיפּטער קיאמיל פאשא האָט אונז ביידען איבערגעלאָזען א ירושה... א ירושה פון פיעלע מיליאָנען. אָט איז זיין אייגענע האנדשריפט. לאָמיר ביידע פאָהרען אָבנעהמען אונזער ירושה, וויא קיאמיל פאשא האָט עס פערלאנגט אין זיין טעסטאמענט״.

איין זאך האָט בעאונרוהיגט זשאק דאָראן און דאָס איז: וויא וועט ער זיך צונויפרעדען מיט זאמבוקא? פערשטעהט זאמבוקא פראנצויזיש? וואָס וועט ער טהאָן, ווען זאמבוקא רעדט נור אראביש אָדער טערקיש? דאן וועט ער מוזען האָבען א דאָלמעטשער. וויא קען מען זיך אָבער פערלאָזען אין אזא פאל אויף א דאָלמעטשער?

באלד איז איהם איינגעפאלען אין קאָפּ א נייער געדאנק. ער האָט זיך געווענדעט צו זיין פיהרער און האָט איהם געפרעגט:

— קענט איהר א באנקיר מיט׳ן נאָמען זאמבוקא?

— געוויס קען איך איהם.

— פון וואנען קענט איהר איהם?

— זאמבוקא איז דער גרעסטער באנקיר אין טוניס, אלע קענען איהם, מאחמאדאנער, אידען און קריסטען.

— און וואו וואָהנט ער?

— אין דער אונטערער שטאָדט, אין מאלטעזער קווארטאל.

— וואָס איז דאָס פאר א קווארטאל?

— דאָרט וואָהנען פיעלע איינוואָהנער פון דעם אינזעל מאלטא.

— ווייסט איהר, וואו זאמבוקאָ וואָהנט?

— געוויס וויים איך עס.

— דאן פיהרט מיך צו זאמבוקא.

זיי האָבען געדארפט דורכגעהן א האלבע שטאָדט טוניס. ווען זשאק דאָראן וואָלט געזאָגט זיין פיהרער אין האָטעל אָדער לעבען האָטעל, אז ער דארף האָבען צו דעם באנקיר זאמבוקא, וואָלט דער פיהרער געקענט איהם פיהרען אויף א פיעל נעהענטערען וועג. יעצט אָבער האָבען זיי געמוזט געהן א וויימען וועג. דאָס האָט אָבער זעהר וועניג געקימערט זשאק דאָראן.

זיי זיינען פאָרביייגעגאנגען דיא אינטערעסאנטסטע פלעצער פון טוניס, פלעצער, וואו עס האָבען זיך געפונען אלטע שלעסער און רואינען פון דער צייט

פון דיא רוימער; גערטנער, וואו עס האבען געוואקסען דיא זעלטענסטע פריכטע; פאלאצען פון רייכע מאהמאדאנער; מעטשעטען און געריכטס־הייזער. זשאק דאראן האט זיך אויף זיי זאגאר ניט אומגעקוקט. אן אנדערער אויף זיין ארט וואלט געהאט געגוג וואס צו זעהען, וואס צו בעוואונדערען, מיט וואס זיך צו אינטערעסירען. זשאק דאראן אבער האט געטראכט נור פון דעם באנקיר זאמבור־קא און פון דיא מיליאנען פון קיאמיל פאשא. עס איז וואהר, אז יעצט האט ער שוין געטרוימט ניט פון 20 מיליאן, נאר פון 10 מיליאן, אבער 10 מיליאן איז אויך א שעהן פערמעגען און ווען מען געהט זוכען 10 מיליאן, קען מען שוין ניט טראכטען פון עפעס אנדערש.

נאך א האלבער שטונדע רייזע זיינען זיי אנגעקומען אין מאלטעזער קווארטאל, א רעכט שמוציגער קווארטאל אין א שטאדט, וועלכע קען זיך אין אלגעמיין ניט ריהמען מיט בעזונדערער רייגליכקייט.

מען האט געמוזט געהן דורך קרומע און שמוציגע געסלעך, אין וועלכע דיא הייזער האבען ניט קיין פענסטער אויף דער גאס, וויא עס איז דיא מאדע אין אלע אריענטאלישע שטעדט. יעדעס הויז האט א גרויסען הויף און דיא פענסטער געהן ארויס אויף דעם הויף. אין הויף געפינט זיך א גרויסער און רייכער גאר־טען מיט אלערליי פרוכט־בוימער. מען קען דארט אפט געפינען דיא שעהנסטע פייגענבוימער און דיא רייכסטע גראנאט־עפעל־בוימער (מילגרוימען־בוימער). פון דרויסען אבער ווייזט אויס אזא הויז וויא א געפעננגיס.

אם ענדע פון א קליינעם, שמאלען און זעהר שמוציגען געסעל איז געשטאנען א גרויס הויז, פערדעקט און פערשטעלט פון פאלמען — טייטעל־בוימער.

— דא וואהנט דער באנקיר זאמבוקא, האט דער פיהרער געזא..

— איז דא אויך זיין באנק?

— דא איז אויך זיין באנק.

— האט ער נאך אנדערע הייזער?

— דאס וויים איך ניט, האט דער פיהרער געענטפערט, איך וויים נור, אז ער וואהנט דא און דא געפינט זיך זיין באנק, דאס הייסט, זיין געשעפט.

— איז ער רייך?

— זעהר רייך.

— אזוי?

— וויא רייך ער איז, אזוי קארג איז ער, האט דער פיהרער צוגעזעצט.

זשאק דאראן האט געטראכט אייניגע מינוטען, דאן האט ער בעצאהלט דעם פיהרער און האט איהם געהייסען צוריקגעהן אין האטעל.

ווען ער זאל זיך געוועזן אביסעל אומקוקען, וואלט ער געוויס געוועזן דער־זעהן סואד פאשא אדער נאזים בן אבדאללאה שטעהן אין א ווינקעלע גאר

ניט ווייט פון איהם. סואד פּאשא האָט אויפגעהאַלטען דעם פיהרער און האָט איהם אויך געפרעגט:

— וואו וואָהנט דאָ א מאן מיט'ן נאָמען זאמבוקא?

— זאמבוקא וואָהנט אין דעם לעצטען הויז פון דיעזען געסעלע, איז געווען דיא אנטוואָרט.

יעצט האָט שוין סואד פּאשא געוואוסט אַלעס. ער האָט זאָגאר געזעהען וויא זשאק דאָראן איז אריינגעגאנגען אין זאמבוקא'ס הויז. וואָס ווערט אָבער דערפון? ווען ער זאָל געווען וויסען אין סאהאר, אז זאמבוקאָ וואָהנט אין טוניס, וואָלט ער געקענט קומען פריהער פון זשאק דאָראן און פיליכט וואָלט עם איהם געראטען אָבצומאכען מיט דעם באנקיר, אז זיי ביידע זאָלען צו־נעהמען דיא מיליאָנען פון קיאמיל פּאשא און זיך אויסלאכען פון דעם פראנ־צויז, יעצט אָבער וועט ער האָבען א רעכט שווערע ארבייט: אנשטאָט איין יורש, זשאק דאָראן, וועט ער יעצט מוזען זוכען מיטעל, וויא אזוי ארויסצו־רייסען דיא מיליאָנען פון צוויי יורשים.

אין דער צייט, ווען סואד פּאשא איז געשטאנען פערטיעפט אין זיינע זעהר ניט פרעהליכע געדאנקען, איז זשאק דאָראן אריינגעקומען אין דעם הויז פון דעם באנקיר זאמבוקא.

זשאק דאָראן האָט געמיינט, אז אין טוניס וועט ער געפינען א באנק, וויא אין פּאריז, מארסעל אָדער ליאָן, דאָס הייסט א באנק מיט שרייבער, בוכהאלטער, אבטהיילונגען, קאמערען און קאמערלעך. וויא איבערראשט איז ער דעריבער געוואָרען, ווען מען האָט איהם אריינגעפיהרט אין א גרויסען, ליכטיגען צימער, אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען נור עטליכע נידריגע די־וואנען און אין מיטען איז געשטאנען א לײדיגער ניט גרויסער טיש.

אזא באנק האָט ער נאָך אין זיין לעבען ניט געזעהן.

ער האָט ניט געוואוסט, אז אין יענע לענדער רופט מען באנקיר א גאנץ איינפאכען וואוכערער, א פּראָצענטניק, א מענש, וועלכער לייהט געלד אויף משכנות און נעהמט זעהר הויכע פּראָצענטען, א געלד וועקסלער, א חלפן, וועלכער וועקסעלט אוים אלערליי אויסלענדישע געלד אויף היימישעס און פער־קעהרט, היימישעס געלד אויף אויסלענדישעס, און ווען עס איז נור מעגליך, רייסט ער אראָב דיא הויט פון דעם אָפּפער, וועלכער איז אריינגעפאלען אין זיינע הענד. אזוי וויא עס געפינען זיך ניט אין יענע לענדער קיין זיכערע וועגען און ווען איינער מוז מאכען א לאנגע רייזע, ריזיקירט ער מיט זיין לעבען, מוז אזא רייזענדער גאנץ אָפט איבערלאָזען זיין געלד אָדער זיין וואארע אין זיכערע הענד. אויף דער שפּראך פון דער ביבעל און פון דעם תלמוד הייסט עס א פקדון.

ווער עס איז ניט בעקאנט מיט דעם לעבען פון יענע לענדער, ווער עס ווייס

ניט, וויא אזוי עס ווערט געפיהרט דער האנדעל און אלע אנדערע געלד־גע־שעפטען אין יענע לענדער, דער קען אויף קיין פאל ניט פערשטעהן, פאר וואס דער תלמוד און אלע געזעצביכער פון אראביען בעשעפטיגען זיך אזוי פיעל מיט געזעצע און פארשריפטען פון א פקדון. אין יענע לענדער איז עס א לעבענס פראגע, וועלכע מוז גענוי און ריכטיג בעאנטווארטעט ווערען. עס קומען פאר טויזענדע פראצעסען דעריבער, וואס איינער האט איבערגעגעבען, אנפערטרויט דעם אנדערען געלד, זאכען און זאגאר הייזער און פעלדער, איידער ער האט זיך ארויסגעלאזען אויף א לאנגע רייזע, וועלכע האט געדויערט איי ניגע יאהר. דאן איז געשטארבען דער מפקיד אדער דער מאן, וועלכער האט געהאט אין זיינע הענד דעם פקדון.

ווען אונזערע קינדער לערנען עס אין תלמוד און זעהען, וויא קלוגע און געלערענטע מענער האבען זיך געגעבען אזוי פיעל מיה צו בשטימען און פעסטצוזעצען געוויסע רעגעלען אין אזא פאל, קומט עס זיי פאר העכסט קאמיש. זיי קענען עס ניט פערשטעהען און וועלען עס ניט פערשטעהען, ווייל אין אונ־זערע צייטען ווערען האנדעל און באנק געשעפט געפיהרט גאנץ אנדערש. אין אריענט אבער, אין דיא גרויסע לענדער אין אזיען און אפריקא, זיינען דיעזע געזעצע און דיעזע פארשריפטען א נויטהווענדיגקייט.

דער באנקיר זאמבוקא איז געווען אזוי בעקאנט אין יענער געגענד, אז מען פלעגט איהם פערטרויען, איהם איבערגעבען אלס פקדון, געלד און זאכען אויף מיליאנען. אז דער גוטער זאמבוקא פלעגט עס ניט טהאן פאר מצוה, איז זעלבסטפערשטענדליך. ער פלעגט זיך לאזען גוט בעצאהלען, ער איז אלזא געווען א שומר שכר, וויא דער תלמוד רופט עס.

ווען זשאק דאראן האט אנגעקלאפט אין דער טהיר פון דעם באנקיר זאמ־בוקא, האט א שווארצער דיענער געעפענט דיא טהיר און געפרעגט וואס ער וויל.

— איך וויל זעהן דעם באנקיר זאמבוקא, האט דאראן געענטפערט.

דער דיענער האט איהם אריינגעפיהרט אין באנק, אין דעם קאנטאר פון באנקיר זאמבוקא און האט געזאגט עפעס אויף א שפראך, וועלכע דאראן האט ניט פערשטאנען.

זשאק דאראן האט זיך געזעצט אויף א ווייכען טירקישען דיוואן און האט געווארט.

אין דער צייט, וואס דאראן ווארט, וועלען מיר אביסעל בעשרייבען דעם באנקיר זאמבוקא. מיר האבען א רעכט דערצו, ווייל דער שרייבער פון אן ערצעהלונג מוז שטענדיג זיין פריהער פון דעם לעזער און ער מוז קענען בעסער פון דעם לעזער דיא פערזאנען, וועלכע ער שטעלט איהם פאר. מיר געברויכען

דיעזעם רעכט און וועלען בעקאנט מאכען דעם לעזער מיט'ן באנקיר זאמבוקא, איידער זשאק דאַראן וועט מאכען זיין בעקאנטשאפט.

זאמבוקא איז געווען א מאלטעזער, דאָס הייסט, ער איז געבאָרען געוואָרען אויף דעם אינזעל מאלטא, אן אינזעל, וועלכער האָט געשפיעלט א וויכטיגע ראָלע אין דער געשיכטע פון מיטעל־אלטער אין אלגעמיין און בעזאָנדערס אין דער געשיכטע פון קריסטענטהום.

דיא איינוואָהנער פון מאלטא זיינען האלב אייראָפּעער, האלב אזיאטען און דריי פיערטעל אפריקאנער. זיי זיינען אלע קריסטען און אָפיציעל זיינען זיי אלע גאנץ פרומע קריסטען, אין דער ווארהייט אָבער זיינען זיי דורכגעטרי־בענע שווינדלער און געלד מאכער. געלד איז זייער הייליגטהום, זייער גאָט, זייער אידעאל, זייער לעבען, זייער שטרעבען, זייער געוויסען, זייערע געפיהלען און זייער שטודיום. א מאלטעזער רעדט געוועהנליך פיעלע שפּראכען, דאָס הייסט, ער קען ניט דיא שפּראכען, וועלכע ער רעדט, ער דארף זיי אויך ניט קענען, וויל ער קען נור איין שפּראך — דיא געלד שפּראך. עס איז אלזאָ גאנץ גענוג פאר איהם, ווען ער פערשטעהט און רעדט פיעלע שפּראכען אזוי ווייט, אז ער קען מאכען געלד פון דער שפּראך, וועלכע ער דארף ריידען.

אַ מאלטעזער קען זיך אמאָל ערנידריגען און שטודירען אין אן אוניווער־זיטעט, אָבער ער שטודירט נור, וויא אזוי צו מאכען געלד און דארום שטודירט ער געוועהנליך נור "יורים", אלס אדוואָקאט.

זאמבוקאָ'ס עלטערן האָבען זיך בעזעצט אין טונים מיט זעכציג יאָהר צו־ריק. ווען נאפּאָלעאָן האט פערלאָזען דעם אָריענט און מחמד אלי פאשא האָט געוואָלט גרינדען אין עגיפּטען א ניי קעניגרייך, האָבען זאמבוקאָ'ס עלטערן געפונען פאר נויטהיג צו עפענען א באנק, ניט אן אייראָפּעאישע באנק, נאָר אן אָריענטאלישע. אזא באנק, וויא זאמבוקאָ האָט יעצט געהאט אין טונים, האָבען זאמבוקא'ס עלטערן געעפענט אין אלעקסאנדריע און האָבען געשיקט דעם יונגען זאמבוקאָ, וועלכער איז דאמאָלס אלט געווען נור עטליכע און צוואנציג יאָהר, אלס געשעפטס פיהרער פון דיעזער באנק.

אין 1828 האָט דיא באנק פון זאמבוקאָ און זוהן געמאכט דיא בעסטע געשעפטען אין אלעקסאנדריע און זאמבוקאָ, דער איצטיגער באנקיר פון טונים, איז געווען דער הויפּט געשעפטספיהרער. אין יענער צייט האָט ער זיך בעקענט מיט קיאמיל פאשא, וועלכער האָט בעקומען אזוי פיעל צוטרויען צו דעם יונגען און פעהיגען געשעפטסמאן, אז ער האָט איהם פערטרויט זיין גאנצעם פערמעגען אלס פקדון. זאמבוקא איז געוואָרען דער "שומר שכר", וויא דער תלמוד רופט עס, פון קיאמיל פאשא'ס מיליאָנען.

וויא פיעל זאמבוקאָ האָט פערדיענט פון זיין געשעפט, ווייס קיינער ניט און קיינער וועט עס אויך קיין מאָל ניט וויסען, מען ווייס אָבער פאר

געוויס, אז זאמבוקאָ האָט אזוי ווייט געהאנדעלט עהרליך געגען קיאמיל פאשא, אז ווען עס איז געקומען דיא צייט, האָט ער ארויסגעגעבען דעם גאנצען פקדון, דאָס גאנצע פערמעגען, וועלכעס קיאמיל פאשא האָט איהם פערטרויט.

זאמבוקאָ האָט אויך געקויפט פאר קיאמיל פאשא זיין שיף און האָט געהאָלפען קיאמיל פאשא ברייגגען זיינע מיליאָנען אויף זיין שיף. זאמבוקאָ האָט אויך אונטערגעקויפט דיא וועכטער פון דעם געפענגניס אין קאאיראָ, זיי זאָלען צולאָזען צו קיאמיל פאשא פיעלע זאכען, וועלכע ער האָט פערלאנגט.

זאמבוקאָ האָט געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע אין דעם לעבען און אין דיא ליידען פון דעם אונגליקליכען קיאמיל פאשא.

דער באנקיר זאמבוקאָ איז יעצט אלט געוועזן זעכציג יאָהר. ער איז געוועזן פון מיטעלען וואוקס, אָבער שטארק געבויט. זיינען האָר זיינען שוין געוועזן שטארק גרוי, אָבער ער וואָלט זיך נאָך געקענט שטעלען געגען דריי מענשען.

מערקווירדיג איז עס וואָס זאמבוקאָ האָט קיין מאָל ניט געהייראטה. ווארום האָט ער ניט געהייראטה? וויא אזוי האָט א מענש, וועלכער האָט געוואָהנט אין א געגענד, וואו מענשען הייראטהען זעהר יונג, קיין מאָל ניט געטראכט אפילו צו הייראטהען, צו גרינדען א פאמיליע? אויף דיעזע פראגען איז שווער צו געבען א ריכטיגע אנטוואָרט.

מען ווייס נור, אז זאמבוקאָ האָט געהאט נור איין איינציגע שוועסטער, וועלכע האָט געוואָהנט אין מאלטא. אויסער דיעזער שוועסטער האָט ער קיין אנדערע פערוואנדטע ניט געהאט, אָדער ער האָט ניט געוואָלט וויסען פון זיי.

ער האָט בעוואָהנט זיין גרויס הויז אין טוניס, א פאלאץ און א פעסטונג, א באנק און א געפענגניס, גאנץ אליין. ער האָט געהאלטען נור צוויי דיענער. אן אלטע פרוי, וועלכע האָט בעזאָרגט זיין קיך, פלעגט פאר איהם קאָכען און באקען. ער פלעגט זיא האלטען ניט ווייל זיא איז געוועזן א גוטע קעכין, נאָר ווייל זיא פלעגט זיין צופריעדען מיט א זעהר קליינעם געהאלט. אויסער דיעזער פרוי האָט זאמבוקאָ געהאט נאָך א דיענער, אן אביסיניער, וועלכער פלעגט טהאָן פאר איהם אלע מעגליכע ארבייטען; ער פלעגט אויפנעהמען דיא בעזוכער, וועלכע פלעגען קומען צום באנקיר, און פלעגט אויסקעהרען דיא צימערען.

זאמבוקאָ איז געוועזן זעהר רייך. עס איז זעהר מעגליך, אז ער אליין האָט ניט געוואוסט, וויא פיעל מיליאָנען ער פערמאָגט און וויא רייך ער איז. ער האָט עס אויך ניט געדארפט וויסען און ניט געוואָלט וויסען. ער איז געוועזן אן עכטער, פערשטיינערטער, פערגליווערטער קארגער, וועלכער האָט נור איין פערגניגען — צו מאכען געלד, און נור איין זאָרג — ניט צו פערלירען. עס פלעגט איהם קרענקען, ווען ער האָט געמוזט אויסגעבען א פיאסטער, און ווען ער פלעגט פערדיענען א האלבען מיליאָן פראנק, פלעגט עס איהם פערדריסען, פאר וואָס ער האָט ניט פערדיענט א גאנצען מיליאָן.

געלד איז געווען פאר איהם אלעס. ער האָט געלעבט און איז געווען אזוי געזונד און שטארק נור דארום, ווייל ער האָט אימער געהאָפט, אז ער וועט בעקומען א טהייל פון קיאמיל פּאשא'ס פערמעגען. ער האָט געוואוסט, אז קיאַמיל פּאשא איז געווען זעהר רייך. ער האָט אויך געוואוסט, אז קיאמיל פּאשא האָט איהם איבערגעלאָזען אלס ירושה א טהייל פון זיין פערמעגען. וויא פיעל? דאָס האָט ער ניט געוואוסט, אָבער ער פלעגט זיך פאָרשטעלען, אז דאָס זיינען פיעלע מיליאָנען.

בעקומען מיט א מאָל, אָהן מיה, אָהן קאָפּ־דרעהעניש אזוי פיעל מיליאָנען איז געווען פאר זאמבוקאָ דאָס העכסטע גליק, וואָס א מענשען קען פּאסירען. ער האָט געוואוסט, אז דיעזע מיליאָנען וועלען אמאָל קומען, און ער האָט געווארט. ער האָט אויך געוואוסט, אז א פראנצויזישער שיפּסקאפּיטאן מיט'ן נאָמען דאָראן וועט קומען צו איהם און וועט פערלאַנגען פון איהם א געוויסען דאָקומענט, וואו עס געפינט זיך דער פּאראלעל פון א געוויסען אינזעל.

זאמבוקאָ האָט ניט געלערענט געאָגראפיע און האָט ניט געוואוסט, וואָס עס הייסט א מערידיאן און א פּאראלעל, אָבער דאָס האָט איהם גאַנץ ווייניג געקימערט. דאָס דארף ער אויך גאָר ניט וויסען. ער דארף נור דיא מיליאָנען און דער פראנצויז דאָראַן וועט שוין איהם ברענגען דיעזע מיליאָנען. ווען ער זאָל געוועזן וויסען דעם אדרעס פון טהאָמאס דאָראן, זשאק'ס פאָטער, וואָלט ער איהם געוויס געווען געשריבען א בריעף און איהם אויפגעפאָדערט, ער זאָל קומען זיך טהיילען מיט איהם מיט דיא מיליאָנען פון קיאמיל פּאשא. ער האָט עס אָבער ניט געוואוסט, און דארום האָט ער געווארט.

דאָס איז געווען דער מאן, מיט וועמען זשאק דאָראן האָט יעצט געמוזט זיך צונויפקומען און אונטערהאנדלען מיט איהם וועגען דיא מיליאָנען פון קיאמיל פּאשא.

19טעס קאפּיטעל.

דער באַנקיר זאמבוקא

זשאק דאָראן האָט געמוזט ווארטען איינינע מינוטען, אין וועלכע ער האָט צייט געהאט זיך צו איבערלעגען, וואָס ער זאָל רעדען מיט דעם מאן, מיט וועמען ער מוז זיך טהיילען מיט זיינע מיליאָנען.

ענדליך איז אריינגעקומען דערזעלבער דיענער, וועלכער האָט איהם געעפענט דיא טהיר, און האָט איהם א וואונק געטהאָן, ער זאָל געהן מיט איהם. זיי זיינען דורכגעגאנגען א לאַנגען ניט גאַנץ ליכטיגען און זעהר שמוציגען קאָרידאָר, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו א טהיר, וועלכע דער דיענער האָט געעפענט און האָט געוויזען זשאק דאָראן ער זאָל אריינגעהן.

זשאַק דראַן האָט זיך יעצט געפונען אין הייליגטהום, אין דעם וויכ־טיגסטען געשעפטס־צימער פון דעם באַנקיר זאַמבוקאַ.

דאָס איז געווען א גאַנץ איינפאַכער צימער מיט ווייסע געקאַלכטע ווענד אָהן פּערציערונגען און אָהן פערשעהנערונגען און זאָגאַר אָהן פאָרהאַנגען פאַר דיא פענסטער. אין איין ווינקעל איז געשטאַנען א גרויסער, שווערער איי־זערנער קאַסע־קאַסטען. אין דער מיט צימער איז געשטאַנען אן איינפאַכער, שווערער, ניט געפּאַרבטער טיש און לעבען טיש זיינען געשטאַנען צוויי שטוה־לען. אין איין גרויסען שטוהל איז געזעסען דער באַנקיר זאַמבוקאַ אַליין, דער צווייטער שטוהל איז געווען לעדיג.

זאַמבוקאַ האָט באַלד פערשטאַנען, אז דאָס איז א פרעמדער, אן אייראָפּעער, אָבער ער האָט ניט געוואוסט, וואָס פאַר א שפּראַך ער רעדט; ער האָט דא־רום איינגעלאַדען זשאַק דראַן מיט א צייכען, ער זאָל זיך זעצען און זאָל זאָגען, וואָס ער דאַרף.

זשאַק דראַן האָט זיך אַנידערגעזעצט און האָט געזאָגט קורץ און שאַרף:

— איך בין זשאַק דראַן, דער זוהן פון דעם שיפסקאַפּיטאַן טהאָמאַס דראַן פון סען מאַלאָ...

זשאַק דראַן האָט ערוואַרטעט, אז דער באַנקיר וועט אויפשפּרינגען, וועט איהם אויסשטרעקען ביידע הענד און וועט אויסרופען: "ענדליך זייט איהר דאָך געקומען!" זאַמבוקאַ איז אָבער געבליבען זיצען גאַנץ רוהיג און קאַלט וויא א שטיק אייז.

— וויא הייסט איהר? האָט ער איבערגעפרעגט לאַנגזאַם אין א גאַנץ גוטען פראַנצויזיש.

— איך הייס זשאַק דראַן פון דער שטאָדט סען מאַלאָ, אין פראַנקרייך, האָט דראַן געענטפערט.

— און איהר האָט א וועקסעל אָדער אן אָנווייזונג אויף מיר? האָט דער באַנקיר געפרעגט קאַלטבלוטיג.

— אן אָנווייזונג? יא! איך האָב אויף אייך זעהר א וויכטיגע אָנווייזונג! האָט זשאַק דראַן אויסגערופען. עס איז אן אָנווייזונג אויף 20 מיליאָן.

— גוט! גיט מיר אייער אָנווייזונג.

זשאַק דראַן איז שיער ניט אויפגעשפּרונגען. ער האָט זיך גאָר ניט גע־קענט פאָרשטעלען, וויא אזוי א מענש קען בלייבען אזוי רוהיג און אזוי קאַלט־בלוטיג, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען מיליאָנען.

דער באַנקיר האָט אויסגעטהאָן זיינע גרויסע קיילעכדיגע ברילען, האָט זיי גוט אויסגעווישט מיט א ניט גאַנץ ריינעם טאַשענטוך, האָט זיי צוריק אָנ־געטהאָן און האָט געזאָגט גאַנץ רוהיג, גלייך וויא עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען עטליכע פראַנק:

— ווייזט מיר אייער אָנווייזונג.

זשאַק דאַראַן האָט עס ענדליך ניט געקענט אויסהאַלטען. ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטוהל און האָט אויסגערופען:

— זייט איהר ווירקליך דער באַנקיר זאַמבוקאַ?

— אין טוניס איז דאָ נור איין זאַמבוקאַ, איז געווען דיא אַנטוואָרט.

— און איהר האָט מיך גאָר ניט ערוואַרטעט?

— ניין. איך האָב אייך קיין מאָל ניט ערוואַרטעט.

— האָט מען אייך גאָר ניט געמעלדעט, אז איך וועל קומען?

— ווער האָט דען געדאַרפט מיר מעלדען?

— האָט איהר ניט בעקומען א בריעף פון א געוויסען פּאַשאַ?

— איך בעקום הונדערטע בריעף פון אַלערליי פּאַשאַס.

— האָט איהר ניט ערהאַלטען א בריעף פון א געוויסען קיאַמיל פּאַשאַ פון קאַאיראָ, עגיפּטען?

— איך געדענק עס ניט.

ווען זשאַק דאַראַן וואָלט געווען אביסעל רוהיגער און ווען ער וואָלט זיך בעסער צוגעקוקט צו זאַמבוקאַ׳ס געזיכט, וואָלט ער פּילייכט פערשטאַנען, אז דער באַנקיר שפּיעלט זיך מיט איהם, וויא א קאַץ שפּיעלט זיך מיט א געפאַנגענער מויז: ער וויל פון איהם ארויסציהען אַלעס, וואָס ער וויים.

זשאַק דאַראַן איז אנידערגעפאַלען אויף זיין שטוהל און האָט געמורמעלט:

— דאַן האָט קיאַמיל פּאַשאַ מיך אָבגענאַרט!...

דער באַנקיר האָט ארויפגערוקט זיינע גרויסע ברילען אויף זיין ברייטען שטערן און האָט געזאָגט, וויא צו זיך אַליין:

— קיאַמיל פּאַשאַ? ווער איז דען דיעזער קיאַמיל פּאַשאַ? לאָמיר זעהען, אויב איך קען זיך דערמאָנען...

— קיאַמיל פּאַשאַ איז געווען א גאַנץ רייכער מאַן, האָט זשאַק דאַראַן איהם אונטערגעזאָגט.

— אַך, יאַ! האָט דער באַנקיר אויסגערופען, איך דערמאָן מיך שוין! איך וויים שוין! ער האָט אמאָל געוואָהנט אין קאַאירא, עגיפּטען.

— האָט ער אייך קיין מאָל ניט געשריבען, אז ער לאָזט אייך איבער א טהייל פון זיין גרויסען פערמעגען?

— מיר דאַכט, אז איך האָב אמאָל ערהאַלטען פון איהם אזא בריעף.

— און איהר האָט דיעזען בריעף?

— איך וויים ניט... איך געדענק ניט...

— אום גאָטעס ווילען! דיעזער בריעף איז דאָך ווערטה עטליכע מיליאָן! האָט זשאַק דאַראַן אויסגערופען אונגעדולדיג.

— אויב דיזער בריעף איז עפּעס ווערטה, וועל איך איהם געוויס געפֿי־נען. קיין זאַך, וועלכע האָט עפּעס א ווערטה, ווערט ניט פערלאָרען ביי מיר.

זשאק דאָראָן האָט עס לעגגער ניט געקענט אויסהאַלטען. ער האָט אזא קלאַפּ געטהאָן מיט זיין שטארקען פויסט אָן טיש, אז דיא ווענט האָבען אָנגע־הויבען צו ציטערען.

— הערר זאמבוקאָ, איך פערשטעה אייך ניט! האָט ער געשריען. ווייסט איהר דען ניט, פערשטעהט איהר דען ניט, אז דאָ האנדעלט זיך וועגען פיעלע מיליאָנען?

— מיליאָנען? בע!

— וואָס מאכט איהר אזוי "בע"? עס האנדעלט זיך דאָ וועגען 20 מיליאָן!

— 20 מיליאָן? דאָס איז גאָר ניט אזוי פיעל, האָט דער באנקיר געענט־פערט קאלט וויא אייז.

זשאק דאָראָן האָט געקוקט אויף דעם באנקיר און האָט געשטוינט. אזא זאָנדערבארען מענשען האָט ער נאָך אין זיין לעבען ניט געזעהען.

דער באנקיר האָט וויעדער אראָבגענומען זיינע ברילען, האָט זיי גוט אויסגעווישט, האָט זיי וויעדער אָנגעטהאָן און האָט געפרעגט גאנץ רוהיג:

— גלויבט איהר ווירקליך, אז קיאמיל פּאשא האָט איבערגעלאָזען פיעלע מיליאָנען?

— געוויס גלויב איך עס!

— ווארום גלויבט איהר עס?

זשאק דאָראָן האָט איהם דערצעהלט זיין גאנצע געשיכטע. ער האָט אָנ־געהויבען פון דעם יאָהר 1799, ווען זיין פּאָטער טהאָמאס דאָראָן האָט גערעטעט דאָס לעבען פון קיאמיל פּאשא; וויא אין 1842 האָט זיין פּאָטער ערהאלטען א בריעף פון קיאמיל פּאשא, אז ער האָט פערגראָבען ערגעץ אויף אַן אינזעל א פערמעגען פון 20 מיליאָן; וויא זיין פּאָטער האָט איהם איבערגעגעבען דיע־זען בריעף פאר זיין טויט; וויא ער האָט געוואַרט אז עס זאָל קומען איינער, וועלכער זאָל איהם ברייגגען דיא לענג פון דעם אינזעל; וויא עס איז ענדליך געקומען אַן אדוואָקאט פון עגיפּטען, וועלכער האָט איהם געבראכט דעם מע־רידיאַן; ענדליך, וויא ער איז געפאָהרען נאָך אָמאַן און האָט געפונען דעם אינ־זעל ניט ווייט פון דער שטאָדט סאהאר, אָבער אויף דיזען אינזעל האָט ער גע־פונען נור א דאָקומענט, אז דיא מיליאָנען געפינען זיך אויף אַן אנדער אינ־זעל, פון וועלכען עס איז אָנגעגעבען דער מערידיאַן און דעם פּאראלעל קען מען בעקומען ביי דעם באנקיר זאמבוקאָ אין טוניס.

דער באנקיר האָט אויסגעהערט זשאק דאָראָן גאנץ אויפמערקזאם, אָבער ווען דאָראָן האָט געענדיגט זיין לאנגע ערצעהלונג, האָט ער בעמערקט גאנץ רוהיג:

— וויא עס ווייזט אוים, האט קיאמיל פאשא ווירקליך ערגעץ פערגראָבען זיינע מיליאָנען, אָבער איך קען דאָך ניט פערשטעהן, פאר וואָס האט ער בעגראָבען זיינע מיליאָנען ערגעץ אויף אַן אינזעל.

— דאָס וויים איך אויך ניט, אָבער וואהרשיינליך האט ער עס געמוזט טהאָן.

— דיא גאנצע געשיכטע איז עפּעס זאָנדערבאר.

— אָבער, הערר זאמבוקאָ, זאָגט מיר דיא ווארהייט, זייט איהר געווען בעקאנט מיט קיאמיל פאשא?

— יא, איך בין געווען בעקאנט מיט איהם.

— האט איהר אמאָל עפּעס געטהאָן פאר איהם? האט איהר איהם אמאָל עפּעס אויסגעהאָלפען?

— יא, איך האָב אמאָל עפּעס געטהאָן פאר איהם. איך האָב איהם א טובה געטהאָן, ווען ער האט געמוזט בעהאלטען זיין פערמעגען פון מחמד אלי פאשא. איך האָב דאמאָלם געוואָהנט אין קאאירא.

— דאן איז דאָך דיא גאנצע געשיכטע קלאָהר און דייטליך: מיין פאָטער האט איהם גערעטעט דאָס לעבען און איהר האט גערעטעט זיין פערמעגען.

— דאָס איז מעגליך, אָבער דאן קען דאָך זיין, אז אויך אנדערע מענשען האָבען עפּעס געטהאָן פאר איהם און ער האט איבערגעלאָזען זיין פערמעגען צו אנדערע אויסער אונז.

— דאָס איז אונמעגליך! דאָס קען ניט זיין! האט זשאק דאראן אויסגערופען. צוויי יורשים זיינען שוין מעהר אלס גענוג!

— איהר האָט אפילו רעכט, אָבער אויף דער וועלט קען דאָך אלעס פּאַסירען.

— עס האט שוין גענוג פּאסירט פאר אונז.

— נאָך איין פראגע, הערר דאראן.

— ביטע, הערר זאמבוקאָ.

— קענט איהר מיר ניט ערקלעהרען, פאר וואָס פאָהרט מיט אייך דער אדוואָקאט פון אלעקסאנדריע?

— אין דעם טעסטאמענט פון קיאמיל פאשא געפינט זיך א פונקט, אז דער אדוואָקאט בן אָמאר דארף זיין דערביי, ווען מען וועט אויסגראָבען דיא מיליאָנען, און ער דארף בעקומען איינס פּראָצענט קאָמיסיאָן פאר זיין ארבייט.

— איינס פּראָצענט? דאָס איז צופיעל!... דער טויגעניכטס!

— יא, הערר זאמבוקאָ! בן אָמאר איז א טויגעניכטס. איך האָב עס איהם געזאָגט אין דיא אויגען.

איינציגע אויגענבליקע האָבען ביידע יורשים פון קיאמיל פאשא געשוויי-

גען. ווען זשאק דאראן האט אבער געזעהען, אז דער באנקיר שווייגט שוין עפעס צו לאנג, האט ער געזאגט:

— יעצט, הערר זאמבוקא, ווייסט איהר דיא גאנצע געשיכטע. יעצט אלזא דארפען מיר זיין פריי און אפענהערציג איינער געגען דעם אנדערען.

דער באנקיר האט גאר ניט געענטפערט.

— נו, הערר זאמבוקא, האט זשאק דאראן ווייטער געזאגט, איך האב מיך געפלאגט און האב אויסגעפונען דעם ערשטען אינזעל. יעצט ווייס איך דיא לענג פון דעם צווייטען אינזעל און איהר ווייסט דיא בריים אדער דעם פאראלעל פון איהם.

— יא! געוויס! האט דער באנקיר געענטפערט.

— אלזא ווארום האט איהר צוערשט געזאגט, אז איהר ווייסט גאר ניט. אז איהר קענט גאר ניט קיאמיל פאשא?

— דאס איז גאנץ איינפאך: איך האב ניט געוואלט ארויסגעבען מיין געהיימניס צו דעם ערשטען בעסטען מענשען, וועלכער איז געקומען, איך ווייס ניט פון וואנען, און האט געוואלט מיך אויספארשען. איך האב געוואלט מיך איבערצייגען, אז איהר זייט ווירקליך דער מאן, מיט וועמען איך קען רעדען.

— און יעצט האט איהר זיך שוין איבערצייגט?

— איך וועל ערשט דאן זיין איבערצייגט, ווען איהר וועט מיר ווייזען דעם דאקומענט, וועלכען איהר האט געפונען אויף'ן אינזעל ניט ווייט פון סאהאר.

— דאס געהט ניט, הערר זאמבוקא! א בייגעל א גראשען; א גראשען א בייגעל. ווייזט מיר דעם בייגעל און איך וועל אייך ווייזען דעם גראשען: ווייזט מיר דעם בריעף פון קיאמיל פאשא צו אייך און איך וועל אייך ווייזען דעם דאקומענט, וועלכען איך האב געפונען אויף'ן אינזעל.

— איהר האט רעכט, הערר דאראן, האט דער באנקיר געזאגט.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און האט פערדעקט מיט א בויגען פאפיער דיא דאקומענטען, וועלכע זיינען געלעגען אויף זיין טיש, אז דאראן זאל זיי ניט קענען לעזען אין דער צייט, ווען ער וועט זיך אוועקקעהרען. דאס האט זעהר געקרענקט זשאק דאראן. דאס איז געווען א גראבהייט, וועלכע דאראן האט אויף קיין פאל ניט געקענט פערצייהען, אבער וואס האט ער געקענט טהאן? וויא האט ער דען געקענט זיך העלפען? ער איז אין דיא הענד פון דיעזען גראבען מענשען און ער מוז איבערטראגען אלערליי בעליידיגונגען.

אין אמת'ען אבער איז דער באנקיר זאמבוקא גאר ניט געווען אזוי גראב. ער איז נור געווען א קלוגער, דורכגעטריבענער געשעפטסמאן. ער האט גע־

זוכט א מיטעל, וויא אזוי צוצונעהמען אלע מיליאָנען פון קיאמיל פּאשא און ער איז געפאלען אויף א גוטען פּלאן.

ער איז צוגעגאנגען צו דעם גרויסען אייזערנעם קאסע־קאסטען און האָט אָנ־געהויבען צו קלינגען און צו קנאקען מיט דיא פיעלע שלעסער. פּלוצלונג האָט ער זיך אומגעקעהרט צו זשאק דאראן און האָט איהם געפרעגט:

— זייט איהר פערהייראטה?

— ניין, הערר זאמבוקאָ! איך האָב קיין מאָל ניט געהייראטה און איך דאנק גאָט יעדען מאָרגען און יעדען אבענד, וואָס איך האָב ניט געהיי־ראטה. א פרוי איז א שווערע לאסט, וועלכע נור א גרויסער נאר נעהמט זיך פרייוויליג אויף דיא פּלייצעס.

אויף דעם געזיכט פון דעם באנקיר זאמבוקאָ האָט זיך געוויזען א פינסטע־רער וואָלקען. דיא אנטוואָרט פון זשאק דאראן איז איהם שטארק ניט געפעהלען.

זאמבוקאָ איז געווען א קלוגער מאן. ער האָט געהאט נור איין איינציגע שוועסטער מיט'ן נאָמען טאליסמא זאמבוקא, וועלכע האָט געוואָהנט גאנץ רוהיג און גאנץ אונבעקאנט אויף דעם אינזעל מאלטא.

זיא איז שוין געווען ניט גאנץ יונג. זיא איז אין גאנצען אלט געווען זיבען און פערציג יאָהר. דיא נאַטור האָט איהר אויך ניט געגעבען צופיעל שעהנהייט זאָגאר דאן, ווען זיא איז אלט געווען 18 יאָהר. יעצט, ווען זיא האָט שוין דער־גרייכט דיא עהרווירדיגע עלטערע יאָהרען פון זיבען און פערציג, איז זיא געווים ניט שעהנער געוואָרען. עס איז בעקאנט, אז דיא פרויען אין אָריענט ווערען אלט זעהר פריה. א פרוי פון 30—35 יאָהר איז שוין אלט און געבראָכען, וויא אין אונזערע קאלטע געגענדען א פרוי פון 50 יאָהר.

דעם באנקיר איז אלזאָ געקומען אין קאָפּ דער גליקליכער געדאנק: וויא וואָלט געווען, ווען דיעזער פראנצויז זאָל הייראטהען זיין ליעבע שוועסטער טאליסמא? דאן וואָלטען דיא מיליאָנען פון קיאמיל פּאשא געבליבען אין דער פאמיליע זאמבוקאָ. עס איז זעהר מעגליך, אז מיט דער צייט וועלען זיי גרינ־דען א נייע פירמע: "זאמבוקאָ און דאראן", און דאָס גאנצע פערמעגען פון קיאמיל פּאשא, דיא גאנצע 20 מיליאָן וועלען בילדען דאָס קאפּיטעל פון דער נייער פירמא.

דער קלוגער זאמבוקאָ האָט געדרעהט דיא שליסעל פון זיין קאסע־קאסטען און האָט געטראכט וועגען זיין פּלאן. זיין שוועסטער טאליסמא מוז דאָך אמאָל הייראטהען. ביז אהער האָט זיך אליין ניט געמאכט א פּאסענדע פּארטיי פאר איהר. עס האָבען זיך גע'שדכנ'ט צו איהר נור אָרימע לייט, וועלכע האָבען געזוכט איהר פערמעגען. יעצט אָבער האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט א געלעגענהייט צו שיסען צוויי האָזען מיט איין מאָל: ער וועט פערהייראטהען זיין שוועסטער און

דיא מיליאָנען פון קיאמיל פּאשא וועלען בלייבען ביי איהם, וועניגסטענס, וועלען זיי ניט ארויס פון דער פאמיליע.

דיא פראגע איז אָבער: וועט זשאק דאַראַן איינוויליגען צו הייראטהען דיא ניט שעהנע און דיא ניט שטארק יונגע טאליסמא?

וועגען דעם האָט זיך דער באנקיר פערטראכט.

זשאק דאַראַן איז געוואָרען אונגעדולדיג און האָט געפרעגט:

— נו, וואָס האָט איהר זיך אזוי פערטראכט?

— איך האָב מיר געשטעלט דיא פראגע, אויב מיר זיינען ווירקליךביידע גאנץ גלייכע יורשים פון קיאמיל פּאשא, האָט דער באנקיר געענטפערט.

— געוויס זיינען מיר ביידע גאנץ גלייך.

— איך דענק אָבער אנדערש.

— ווארום דענקט איהר אנדערש?

— ווייל ניט איהר, נאָר אייער פּאָטער האָט עפּעס געטהאָן פאר קיאַמיל פּאשא, איך אָבער האָב אליין, פּערזענליך עפּעס געטהאָן פאר איהם, און דארום קומט מיר מעהר פון אייך.

זשאק דאַראַן איז אויפגעקאָכט געוואָרען. דאָס האָט ער שוין ניט געקענט אויסהאלטען.

— וואָס מיינט איהר, הערר זאמבוקא? האָט ער אויסגערופען. דענקט איהר ווירקליך, אז איהר וועט אָבנארען אן אלטען מאטראָז, וויא איך בין? מיין פּאָטער'ס רעכטע זיינען מיינע רעכטע. זאָגט מיר קורץ און דייטליך: ווילט איהר אויספּאָלגען דאָס טעסטאמענט פון קיאמיל פּאשא אָדער ניט?

— איך וועל טהאָן, וואָס איך וויל און וויא איך פערשטעה, האָט דער באנקיר געענטפערט טרוקען.

זשאק דאַראַן האָט געכאפּט דעם טיש מיט ביידע הענד, גלייך וויא ער וואָלט געוואָלט איהם אויפהויבען און איהם ווארפען דעם באנקיר אין קאָפּ.

דער באנקיר האָט זיך ניט איבערגעשראָקען און האָט געזאָגט גאנץ רוהיג:

— פערשטעהט דאָך, אז אָהן מיר קענט איהר ניט בעקומען דיא מיליאָנען.

ביידע מענער זיינען יעצט געשטאנען איינער גענען דעם אנדערען. זשאק דאַראַן איז געוועזען רויט, וויא א געקאָכטער ראק, דער באנקיר אָבער איז געוואָרען עטוואָס בלייכער וויא געוועהנליך.

זשאק דאַראַן האָט ענדליך א געשריי געטהאָן:

— ווילט איהר מיר געבען דיא ברייט פון דעם אינזעל?

— ווען איהר וועט מיר זאָגען דיא לענג, דעם מערידיאן.

— איהר מוזט מיר פריהער זאָגען דעם פּאראלעל.

— איהר מוזט פריהער זאגען דעם מערידיאן.
— דאס וועל איך ניט טהאן!
— טהוט, וויא איהר ווילט!
זשאק דאראן איז אויפגעשפרונגען, ער האט ארויסגעכאפט זיין פארטפעל, האט פון איהם ארויסגענומען דעם דאקומענט, וועלכען ער האט געפונען אויף דעם אינזעל ניט-ווייט פון סאהאר און האט אויסגערופען:
— אט איז מיין דאקומענט געשריבען פון קיאמיל פאשא!
— האלט עס אייך! איך דארף עס ניט!
— איהר דארפט עס ניט? דאס איז דאך צוואנציג מיליאן.
— איך וויים גאנץ גוט, אז דיעזעס שטיקעל פאפיער איז ווערטה צוואנציג מיליאן.
— און דיעזע צוואנציג מיליאן וועלען בלייבען דארט אויף'ן אינזעל, ווען מיר וועלען זיי ניט אויסגראבען.
— וואס ארט עס מיך? האט דער באנקיר געזאגט רוהיג און קאלט.
זשאק דאראן האט אנגעהויבען צו טאנצען וויא א משוגענער. ער האט אנגעהויבען צו פיהלען, אז ער איז ארייגעפאלען אין שלעכטע הענד.
דער באנקיר האט געווארט ביז זשאק דאראן האט זיך אביסעל בערו־היגט, דאן האט ער געזאגט:
— לאמיר זיך איבערלעגען, פילייכט וועלען מיר געפינען א מיטעל, וויא אזוי אונז אויסצוגלייכען, וויא אזוי זיך איינצוארדנען.
זשאק דאראן האט געקוקט אויף דעם באנקיר און האט גאר ניט געענט־פערט.
סואד פאשא, וועלכער האט געווארט דיא גאנצע צייט אין דרויסען, האט געזעהן מיט שרעק און שטוינען זשאק דאראן אוועקלויפען פון זאמבוקא'ס הויז, וויא א וואהנזיניגער און ער האט געמורמעלט צו זיך אליין:
— וואס האבען דארט דיא צוויי פערדאמטע קריסטען אבגעמאכט צווי־שען זיך? פאר וואס איז דיעזער דזשאור אנטלאפען?
זשאק דאראן איז געגאנגען גלייך אין האטעל. אין דעם זאאל האט ער געפונען פראנסוא און טרעגאמעין.
— נו, וואס הערט זיך? האט טרעגאמעין געפרעגט.
— ווייסט דוא, וואס דיעזער לומפ, דיעזער טייפעל פערלאנגט פון מיר?
— א גאנצען מיליאן?
— נאך ערגער!
— ער האט געוואלט דיך טויטען?
— נאך ערגער! ער וויל, איך זאל הייראטהען זיין שוועסטער.

20טעם קאפיטעל.

זשאק דאראן ווילגט איין צו הייראטהען

פראנסוא און טרעגאמעין זיינען געבליבען שטעהן וויא פערשטיינערט. זיי זיינען שוין געוואהנט געווען צו אלע מעגליכע שוועריגקייטען. זיי האבען ערווארטעט אלע מעגליכע שטערונגען, דאס אבער האבען זיי אויף קיין פאל ניט ערווארטעט. עס וואלט זיי קיין מאל ניט איינגעפאלען, אז מען זאל וועלען צווינגען זשאק דאראן, ער זאל הייראטהען און דערצו נאך יעצט, ווען ער איז אכט און פיערציג יאהר אלט.

זשאק דאראן האט קיין מאל ניט געטראכט פון הייראטהען. ער האט פיינט געהאט דאס הייראטהען. ער פלעגט שטענדיג בעטראכטען א פאמיליע אלס א שווערע לאסט, אלס א גאנץ איבעריגע זאך, וועלכע דיא מענער נעהמען זיך אונטער צו שלעפען און צו טראגען זייער לעבען לאנג, און יעצט, ווען ער הויבט שוין אן עלטער צו ווערען, ווען דאס בלוט האט זיך שוין אבגעקיהלט אין איהם, יעצט וויל מען איהם צווינגען, ער זאל הייראטהען, און וועמען? א פרוי, וועלכע ער קען ניט און וויים ניט.

פראנסוא האט געבעטען זיין אנקעל, ער זאל זיי דערצעהלען אלעס, וואס מיט איהם האט פאסירט אין דעם הויז פון דעם באנקיר.

זשאק דאראן האט זיי דערצעהלט אלעס און האט דערביי געזידעלט, גע־שימפפט און געשאלטען דעם באנקיר זאמבוקא אויף וואס דיא וועלט שטעהט.

— דער לומפ! דער טויגעניכטס! דער רויבער! וואס וויל ער פון מיר? פאר וואס וויל ער צונעהמען מיינע מיליאנען? האט זשאק דאראן געשריען און געשאלטען.

פראנסוא און טרעגאמעין האבען אויסגעהערט דיא גאנצע ערקלערונג מיט שטוינען און פערוואונדערונג. דיא גאנצע געשיכטע איז זיי פארגעקומען אזוי לעבערליך, אזוי זאנדערבאר, אזוי נייא, אזוי איבערראשענד, אז זיי האבען ניט געוואוסט וואס צו דענקען.

— צום טייפעל מיט דיעזע מיליאנען! האט ענדליך געזאגט טרעגא־מעין. זייט עס האט זיך אנגעהויבען דיא געשיכטע מיט דיעזע פערדאמטע מיליאנען האבען מיר ניט קיין רוהיגע שטונדע.

פראנסוא איז געוויס געווען איינפערשטאנען, אז זיין אנקעל זאל לאזען פאלען דיא גאנצע געשיכטע און זיי זאלען בעסער וויא אם שנעלסטען פאהרען אהיים, וואו ער וועט קענען הייראטהען זיין געליעבטע זשוליעט.

פראנסוא און טרעגאמעין זיינען געווען איבערצייגט, אז יעצט וועט שוין

דיא גאנצע געשיכטע נעהמען אן ענדע. זשאק דאַראן וועט געווים ניט איינוויליגען צו הייראטהען אן אלטע, העסליכע פרוי צוליעב עטליכע מיליאָן.

זשאק דאַראן אליין איז געוועזן אויסער זיך. ער איז ארומגעגאנגען אין צימער הין און צוריק, וויא א ווילדער טיגער אין זיין שטייג. ער איז ווירקליך געוועזן געפאנגען, געפאנגען און פערשפארט אין אן'אייזערנער שטייג. ער מוז האָבען קיאמיל פאשא'ם מיליאָנען, אָבער פאר איהם געפינט זיך אן אייזערנע וואנד אין דער געשטאלט פון אן אלטער, העסליכער פרוי. וואָס טהוט מען? וואָס פאר אן עצה גיט מען זיך אין אזא פאל?

איינינע צייט איז ער ארומגעגאנגען שטילערהייט, דאן האָט ער ארויסגעפלאצט:

— דער לומפ! דער רויבער! דורך איהם זאָל איך פערלירען צוואנציג מיליאָן? ער איז דאָך ווערטה, מען זאָל איהם שיסען, הענגען, ברענען, בראָטען, רייסען'פון איהם דיא אָדערען, שניידען פון איהם שטיקער... ער וויל מיר ניט ארויסגעבען מיין פאראלעל, סיידען איך זאָל הייראטהען זיין אלטע העסליכע שוועסטער. וואָלט איהר געוואָלט מיך זעהען אלס מאן פון טאליסמא?

— געווים ניט! האָט טרעגאָמיין אויסגערופען. וויא קען מען עס צווינגען א מענשען צו הייראטהען אן אלטע, העסליכע פרוי, וועלכע ווייזט אוים וויא אן אף (מאלפע)? וויא קען מען עס דענקען, אז דוא זאָלסט ברייננען צו דער גוטער, שטילער נאנאָן אזא שווענערין?

זשאק דאַראן האָט געשוויגען. ער האָט געקעמפפט מיט זיך אליין. ער האָט זיך געפונען אין א זאָנדערבאר־טראגישער לאגע: ער מוז הייראטהען א פרוי, וועלכע ער קען ניט, ווייס ניט און וועט זיא געווים ניט קענען ליעבען און אכטען, אָדער ער מוז זיך אָבזאָגען פון זיין גליק, פון דעם בעסטען טרוים פון זיין לעבען — פון דיא מיליאָנען פון קיאמיל פאשא.

איינינע מינוטען האָט ער געשוויגען, זיינע געדאנקען אָבער האָבען געאַרבייט און ער האָט געקעמפפט מיט זיך אליין און שרעקליך געליטען. פלוצלונג האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פריינד און האָט איהם געפרעגט:

— זאָג מיר, פריינד גילדאס, האָט א מענש דאָס רעכט אוועקצוואַרפען מיליאָנען, לאָזען דיעזע מיליאָנען פערפוילט ווערען אויף אן אינזעל, ווען ער קען זיך ניט איינבויגען און זיי אויפהויבען?

— איך ווייס ניט וואָס צו ענטפערען אויף דיעזער פראגע, ווייל איך בין ניט קיין אדוואָקאט, האָט דער גוטער טרעגאָמיין געענטפערט.

— אזוי? דוא קענסט ניט ענטפערען אויף מיין פראגע, ווייל דוא ביסט ניט קיין אדוואָקאט? האָט זשאק דאַראן געשריען. דאן ענטפער אויף אן אנדער פראגע!

— אויב איך וועל וויסען וואָס צו ענטפערען, וועל איך געווים ענטפערען.

— שטעל זיך פאָר, דוא האָסט א בארקע... נו, לאָמיר זאָגען, דוא ביסט נאָך דער שיפסקאַפּיטאַן פון דער בארקע דיא "שעהנע אמאליע", און דוא האָסט אָנגעלאָדען אויף דיין בארקע צוואנציג מיליאָן אמעריקאנער דאָלאר, דערביי האָסט דוא ערקלעהרט, אז דוא ווילסט ארויספאָהרען אין מעער און לאָזען אונטערגעהן דיין בארקע מיט דיינע מיליאָנען, וועט דיא רעגיערונג עס ערלויבען? קען דיא רעגיערונג ערלויבען, אז א מענש, א געטרייער בירגער, א פאטריאָט, זאָל אריינוואַרפען אין מעער צוואנציג מיליאָן?

— מיר דאכט, אז דיא רעגיערונג וואָלט עס ניט ערלויבט, האָט טרעגאָמעין געענטפערט.

— נו, זעהסט דוא, דיעזער טייפעל, דיעזער טויגעניכטס, דיעזער לומפ זאמבוקאָ קען זאָגען איין וואָרט און איך און ער וועלען האָבען אונזערע מיליאָנען. ער וויל מיר אָבער ניט זאָגען דיעזעס וואָרט. ער וויל מיר ניט אויסזאָגען דעם פּאראלעל פון דיעזען אינזעל, און אזוי פיעל מיליאָנען וועלען פערלאָרען געהן, פערפאלען ווערען! איז עס ניט א הימעל שרייענדעס אונרעכט?

— אָה! דיעזער זאמבוקאָ איז געוויס א לומפ און א טויגעניכטס! האָט טרעגעאָמעין אויסגערופען.

— קום נור אהער, פראנסוא, און זאָג מיר דיין מיינונג, האָט זשאק דאָראן געבעטען. וואָס דענקסט דוא דערפון, ווען מיר זאָלען זיך ווענדען צו דער רעגיערונג פון טוניס, ווען מיר זאָלען פערקלאָגען דעם טויגעניכטס זאמבוקאָ ביי דעם העכסטען געריכט פון דיעזען לאנד?

— איך גלויב ניט, אז דיא רעגיערונג וועט וועלען זיך אריינמישען אין אזא אנגעלעגענהייט, האָט פראנסוא געענטפערט.

—פאר וואָס ניט? האָט זשאק דאָראן געשריען אויסער זיך. דיא רעגיערונג קען איהם צווינגען, ער זאָל מיר ארויסגעבען דיא ברייט פון דעם אינזעל; זיא קען הייסען איהם מאַטערען, איהם ברענען און בראָטען ביז ער וועט ארויסגע־בען מיין געהיימניס. ער וויל מיך בערויבען און מיט א רויבער מעג מען טהאָן וואָס מען וויל.

— איהר האָט פאָלקאָמען רעכט, ליעבער אָנקעל, איך גלויב אָבער ניט, אז דיא רעגיערונג וועט עס טהאָן.

— איך וועל אוועקשענקען דער רעגיערונג מיין טהייל, מיינע מיליאָנען, נור צוליעב דעם, אז דיעזער טויגעניכטס זאָל ארויסגעבען זיין געהיימניס.

— דאָס לאָזט זיך הערען, האָט זיך טרעגאָמעין אריינגעמישט.

— גאנץ געוויס! האָט פראנסוא אויסגערופען, ווען סידי מהמד עם צדק, דער הערשער פון טוניס וועט וויסען, אז ער קען מאכען דערביי עטליכע מיליאָן, וועט ער געוויס שוין וויסען, וויא אזוי ארויסצוקריגען פון דעם באנקיר זאמ־בוקאָ זיין געהיימניס. דאן אָבער קענען מיר שוין מאָרגען פאָהרען אהיים.

מיר וועלען עס נור מעלדען דעם גוטען סידי מחמד עם צדק און ער וועט שוין טהאָן אלעס מעגליכע אָהן אונז.

יעצט ערשט האָט זשאק דאָראן אויפגעקאָכט וויא א קעסעל. יעצט ערשט האָט ער אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אז פראנסוא וויל שוין פאָהרען אהיים צו זיין געליעבטער זשוליעט.

— לאָזט מיך אליין! האָט ער געשריען. איהר זייטביידע מיינע פיינד! איהר ווילט, אז איך זאָל אוועקשענקען מיינע מיליאָנען!

מיט דיעזע ווערטער איז ער ארויסגעלאָפען פון צימער און איז אראָבגע־לאָפען דיא טרעפּ פון דעם האָטעל. פראנסוא און טרעגאָמיין האָבען איהם גע־וואָלט נאָכלויפען, ווען זיי האָבען אָבער געזעהען, אז ער האָט זיך אנידער־געזעצט אונטער א טייטעל בוים אין א קליינעם פּארק ניט ווייט פון דעם האָ־טעל, האָבען זיי זיך בערוהיגט און האָבען זיך ענטשלאָסען צו געהן אביסעל שפּאציערען, אום צו אָטהעמען אביסעל פרישע לופט ביי דעם טייך באהירא, וועלכער פליסט אין דער מיט פון דער שטאָדט טוניס.

דאָס איז דער שעהנסטער און בעסטער שפּאציער־פּלאץ אין טוניס. ווען דיא זון לאָזט זיך אראָב נאָך מערב, ווען עס הויבט אָן צו ווערען עטוואָס קיהלער, געהען ארויס אלע רייכע איינוואָהנער פון טוניס, מייסטענס אייראָ־פּעער, שפּאציערען ביים ברעג פון דער באהירא. איך זאָג "מייסטענס איי־ראָפּעער", ווייל דיא מאחמאדאנער ווייסען ניט און ווילען ניט וויסען, וואָס עס הייסט שפּאציערען. דער רייכער מאחמאדאנער האָט א גאָרטען לעבען זיין הויז. אין דיעזען גאָרטען פערברייננגט ער דיא קיהלע אבענד שטונדען. דער אָרעמער מאחמאדאנער האָט קיין אידעע ניט פון שפּאציערען, פון פרישער לופט און פון היגיענע (דיא לעהרע איבער דיא געזונדהייט).

לאנגזאם און פערטיעפט אין זייערע געדאנקען זיינען געגאנגען דיא צוויי פראנצויזען שפּאציערען ביים ברעג פון דער באהירא. פראנסוא האָט געטראכט פון זיין געליעבטער זשוליעט און האָט געוואָלט קומען אהיים וויא אם שנעלס־טען, אום צו פייערען זיין האָכצייט און טרעגאָמיין האָט גלאט געבייגקט אהיים, נאָך זיין ליעבען סען מאלאָ וואו ער האָט געלעבט ביז אהער אזוי שטיל, אזוי רוהיג, אזוי צופריעדען און אזוי פריי פון אלע זאָרגען.

אזוי וויא זיי זיינען אזוי געגאנגען, איז זיי אנטקעגען געקומען בן אָמאר און זיין שרייבער נאזים. מען האָט געמוזט זיך אָבשטעלען און רעדען איינער צום אנדערען. פראנסוא האָט פריי און אָפענהערציג זיי דערצעהלט, אז דיא גאנצע געשיכטע מיט קיאמיל פּאשא'ס מיליאָנען איז ניט ווערטה קיין אויסגעבלאָ־זען איי, ווייל דער באנקיר זאמבוקאָ וויל ניט ארויסגעבען זיין פּאראלעל. ער פערלאנגט אן אונמעגליכקייט: ער וויל צווינגען זיין אָנקעל צו הייראטהען א פרוי, וועלכע זיין אָנקעל קען ניט און ווייס ניט.

דער גוטער פֿראַנסוּאַ האָט פֿאַרגעסען, אַז ער רעדט צו אַ מאַהאַמעדאַנער, וועלכער מעג הייראַטהען פֿיעלע פֿרויען.

— איך זעה גאָר ניט איין, פֿאַר וואָס הערר זשאַק דאַראַן זאָל ניט הייראַטהען זאַמבוקאַ'ס שוועסטער, האָט בן אַמאַר בעמערקט. ער מעג זיא הייראַטהען און ניט וואָהנען מיט איהר. נאָך אונזערע געזעצע קען מען איהם העכסטענס צווינגען, ער זאָל איהר געבען פֿינף פּיאַסטער אַ וואָך (אַ פּיאַסטער איז ווערטה פֿיער אַמעריקאַנער סענט) אַלס אַלימאָני, אַלס לעבענס אונטערהאַלט. ווען עס האַנדעלט זיך וועגען מיליאָנען, קען מען שוין אָפּפֿערען פֿיער פּיאַסטער אַ וואָך.

בן אַמאַר, אַלס אַן אַדוואָקאַט, האָט גוט געקענט די געזעצע פֿון די מאַהאַמעדאַנער.

ביי די מאַהאַמעדאַנער, וויא ביי פֿיעלע פֿעלקער אין אָריענט, איז די רעליגיאָן אַזוי פֿערקנופּט און פֿערבונדען מיט דעם לעבען, אַז מען ווייס גאָר ניט פֿון ציוויל געזעצע, ביכער געזעצע, וויא ביי אייראָפּעאישע פֿעלקער, נור די רעליגיאָן און די פֿאָרשריפֿטען פֿון דער רעליגיאָן הערשען, זיי זיינען געזעצע און ווען אַ ריכטער וויל אויסגעפֿינען אַ געזעץ, עפֿענט ער דעם קאָראַן — די תורה פֿון די מאַהאַמעדאַנער — און זוכט דאָרט אויס אַ שטעלע, אַ פּסוק, וועלכער פּאַסט צו דער פֿראַגע, וואָס ליעגט פֿאַר איהם.

— ער מוז הייראַטהען זאַמבוקאַ'ס שוועסטער, האָט בן אַמאַר געזאָגט גאַנץ ערנסט.

און בן אַמאַר האָט עס טאַקע באַלד בעוויעזען פֿון דעם קאָראַן, אַז אין אַזאַ פֿאַל מוז אַ מענש הייראַטהען יעדע פֿרוי, וועלכע מען שלאָגט איהם פֿאָר.

פֿראַנסוּאַ און טרעגאַמעין האָבען אָבער קיין מאָל ניט געלערענט דעם קאָראַן און זיי האָבען אויך ניט געקענט פֿערשטעהן דעם קאָראַן. זיי האָבען געוואוסט, אַז ווען מען הייראַטה אַ פֿרוי, איז מען צו איהר צוגעבונדען אויף לעבען לאַנג. זיי זיינען געווען קאַטאָליקען, וועלכע ווייסען ניט פֿון אַ שיידונג.

זיי האָבען דאַרום מעהר ניט געוואָלט רעדען מיט בן אַמאַר'ען און זיינען ווייטער געגאַנגען.

די זון איז אונטערגעגאַנגען. עס איז געוואָרען קיהלער. אין די פּאַרקס און אין די קאַפֿע־הייזער ביי דעם טייך באַהיראַ איז עס געוואָרען לעבעדיגער. אַלע אייראָפּעער: באַנקירען, שרייבער, בוכהאַלטער, אַגענטען פֿון אַלערליי געשעפֿטס־הייזער, אייניגע מיט זייערע פֿרויען און קינדער, זיינען אַרויסגעגאַנגען שפּאַציערען און אָבאָטהעמען ביים וואַסער.

אין פֿיעלע קאַפֿע־הייזער האָט געשפּיעלט מוזיק. מען קען זיך אויסקלייבען, וואָס פֿאַר אַ מוזיק מען וויל. אין אייניגע קאַפֿע־הייזער שפּיעלט מען

איטאַליענישע און פראַנצויזישע אָפּערעטען מוזיק, אין אַנדערע ווערט געשפּיעלט די שווערע, לאַנגוויילינע, מעלאַנכאָלישע, אונאַנגענעהמע אַראַבישע מוזיק, וועל־כע אייראָפּעאישע אויערען, וואָס זיינען געוואָהנט צו דער מוזיק פון אַ אָפּענבאַך אָדער שאָפּען קענען אויף קיין פאַל ניט פערטראָגען.

פראַנסוא און זיין פריינד האָבען זיך ענדליך אַנידערגעזעצט לעבען אַ טישעל פאַר אַ קאַפּעע־הויז, וואו אַן אָרקעסטער האָט געשפּיעלט די לוסטיגע אַריען פון פראַנצויזישע אָפּערעטען.

דאָ האָבען זיי זיך געפּיהלט אין דער היים און האָבען זיך געהייסען גע־בען אַ פלאַש באָרדאָ וויין. אין טוניס טרינקט מען אָבער ניט קיינע פראַנצויזישע וויינען. מען טרינקט דעם היימישען וויין, דעם זאָגענאַנטען מאַנובאַ וויין, אַ זיסען, אָבער שווערען וויין פון וויינטרויבען, וואָס וואַקסען אויף די בערג פון טוניס.

געגען צעהן אוהר אבענדס זיינען זיי צוריקגעגאַנגען אין זייער האָטעל. איידער זיי זיינען געגאַנגען שלאָפען, זיינען זיי פאַרביינעגאַנגען דאָס צימער, וואו זשאַק דאַראַן איז געשטאַנען, און האָבען זיך צוגעהערט ביי דער טהיר.

זשאַק דאַראַן איז ניט געשלאָפען. ער איז אַרומגעגאַנגען אין זיין צימער, וויא אַ ווילדע חיה לויפט אַרום אין איהר שטייג, און האָט געברומט:

— מיינע מיליאָנען! מיינע מיליאָנען! ער וויל מיך בערויבען! ער וויל צונעהמען מיינע מיליאָנען!

דעם אַנדערען טאָג אין דער פריה איז דער באַנקיר זאַמבוקאָ געזעסען ביי זיין שרייב־טיש. ער איז געוועזען געוואָהנט זיך צו לעגען שלאָפען, ווען די זון פלעגט אונטערגעהן און אויפצושטעהן, ווען די זון געהט אויף. אויב ער האָט עס געטהאָן אויס קאַרגשאַפט, אום צו שפּאָרען ליכט, אָדער ווייל ער פלעגט ניט וועלען מאַכען קיין געשעפטען ביינאַכט, איז שווער צו זאָגען. מען ווייס נור, אַז קוים איז די זון אונטערגעגאַנגען, פלעגט זאַמבוקאָ'ס הויז פער־מאַכט ווערען און פערשלאָסען ווערען, אַז קיין לעבעדיגער מענש האָט ניט גע־קענט אַריינגעהן אָדער אַרויסגעהן.

גאַנץ פריה פלעגט זאַמבוקאָ שוין זיצען אין זיין קאָנטאָר און פלעגט שוין רעכענען און פערשרייבען אין זיינע געשעפטס־ביכער. ער האָט וואָהרשיינליך איבערגערעכענט, וואָס ער האָט נעכטען פערדיענט, ווען זיין אַלטער דיענער איז אַריינגעקומען און האָט איהם געמעלדעט, אַז דער פרעמדער פון נעכטען איז ווידער געקומען.

— פיהר איהם אַריין צו מיר, האָט דער באַנקיר געזאָגט.

אַ פּאָר מינוטען שפּעטער איז זשאַק דאַראַן אַריינגעקומען אין צימער און האָט געזאָגט אין דער הויך:

— גוט מאָרגען, הערר זאַמבוקאָ!

— גוט מאָרגען, הערר דאָראַן! האָט דער באַנקיר געענטפערט.
— איז דאָס אייער לעצטעס וואָרט? האָט דאָראַן געפרעגט.
— וועגען וואָס?
— וועט איהר מיר ווירקליך ניט אויסזאָגען דעם פּאַראַלעל פון מיין אינזעל, ווען איך וועל ניט הייראַטהען אייער שוועסטער טאַליסמאַ?
— יאַ! דאָס איז מיין לעצטעס וואָרט, האָט דער באַנקיר געענטפערט קורץ און שאַרף.
— קענען מיר ניט אויסגעפינען אַן אַנדער בעדינגונג, אונטער וועלכער איהר זאָלט מיר אַרויסגעבען דעם סעקרעט?
— קיין אַנדער בעדינגונג.
— דאַן וועל איך הייראַטהען אייער שוועסטער.
— איך האָב עס פריהער געוואוסט. איך בין געוועזן פעסט איבערצייגט, אַז יעדער פערנינפטיגער מענש וועט הייראַטהען אַ פרוי, וועלכע ברייגגט איהם 10 מיליאָן דאָלאַר נדן. מיר דאַכט זאָגאַר, אַז ראָטהשילד'ס זוהן וואָלט אויך געהייראַטה מיין שוועסטער מיט איהרע מיליאָנען.
— ווען איך מוז זיא הייראַטהען, דאַן וועל איך זיא הייראַטהען, האָט זשאַק דאָראַן געזאָגט טרויעריג.
— אַלזאָ קומט מיט מיר, מיין ליעבער שוואָגער, האָט דער באַנקיר געזאָגט.

זשאַק דאָראַן האָט אַ ציטער געטהאָן און האָט געפרעגט:
— איז זיא דען דאָ אין טוניס?

ער איז געוועזן בלייך ווי אַ קאַלך. ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ פערורטהיילטער, וועמען מען קומט איהם מעלדען, אַז "היינט איז דער טאָג", דאָס הייסט, היינט וועט מען איהם אויפהענגען.
— בערוהיגט אייך, מיין ליעבער שוואָגער, האָט דער באַנקיר געענטפערט, טאַליסמאַ איז ניט אין טוניס. זיא איז אין מאַלטאַ.
— אַלזאָ וואוהין זאָלען מיר דען געהן?
— אין טעלעגראַף קאַנטאָר.
— צו וואָס?
— איך וויל טעלעגראַפירען מיין געליעבטער שוועסטער, אַז זיא איז פערלאָבט.
— איך דענק, אַז איהר וועט איהר דאָך ניט טעלעגראַפירען, אַז זיא זאָל באַלד קומען נאָך טוניס?
— וואָרום דען ניט?
— ווייל מיר האָבען קיין צייט ניט, האָט זשאַק דאָראַן געענטפערט, ווייל מיר מוזען פריהער אויסגעפינען דעם אינזעל מיט די מיליאָנען.

— איך זעה גאָר ניט איין וואָס עס קען אייך אויסמאכען, אויב מיר וועלען פּאָהרען נעהמען דיא מיליאָנען מיט א וואָך שפּעטער.

— עס מאכט מיר אוים זעהר פיעל! האָט זשאק דאָראן אויסגערופען. איך מוז פריהער וויסען, אויב איך האָב דיא מיליאָנען, דאן וועל איך היי־ראטהען.

דער באנקיר האָט זיך פערטראכט. ער האָט פערשטאנען, אז ער וועט גאָר־ניט מאכען מיט דעם פראנצויז, איידער ער וועט האָבען זיינע מיליאָנען.

— נו, גוט! איך וועל אייך צוליעב טהאָן און וועל ניט טעלעגראפירען נאָך מיין שוועסטער ביז מיר וועלען ניט אויסגעפינען דעם אינזעל מיט דיא מיליאָנען. איך מוז איהר אָבער מעלדען, אז זיא איז פערלאָבט.

— מעלדעט איהר וואָס איהר ווילט.

— דאָס איז אָבער נאָך ניט גענוג.

— וואָס נאָך ווילט איהר פון מיר? האָט זשאק דאָראן געשריען.

— מיר מוזען מאכען א קאָנטראקט, א געזעצליכען קאָנטראקט ביי א נאָטאר און ביי א ריכטער.

— שרייבט אָן אזא קאָנטראקט, איך וועל איהם אונטערשרייבען.

— אין קאָנטראקט מוז אָבער שטעהן א שטראָף, האָט דער באנקיר בעמערקט.

— א שטראָף? וואָס פאר א שטראָף? האָט זשאק דאָראן געפרעגט.

— אז ווער עס וועט ניט האלטען דעם קאָנטראקט, דער פערפפליכטעט זיך פרייוויליג צו צאָהלען א געוויסע סומע געלד אלס שטראָף, האָט דער באנקיר ערקלעהרט.

— אה! איך פערשטעה! האָט זשאק דאָראן געזאָגט וויא צו זיך אליין, וויא גרוים זאָל זיין דיעזע שטראָף?

— דיא גאנצע צוויי מיליאָן פונט סטערלינג, אייער אנטהייל אין דער ירושה פון קיאמיל פּאשא.

זשאק דאָראן האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגען, גלייך וויא ער וואָלט ניט פערשטאנען וואָס מען רעדט צו איהם.

דער באנקיר זאמבוקאָ האָט עס איהם ערקלערט גאנץ דייטליך.

— אין פאל איהר וועט ניט וועלען הייראטהען מיין שוועסטער טאליסמא, זאָלען אלע מיליאָנען פון קיאמיל פּאשאָ׳ם ירושה געהערען נור צו מיר. אלס גאראנטיע, אז איהר וועט בעצאָהלען דיעזע שטראָף, פאָדער איך, אז ווען מיר וועלען געפינען דיא פערגראָבענע מיליאָנען, זאָל איך זיי נעהמען צו זיך און זיי האלטען, ביז איהר וועט הייראטהען מיין שוועסטער.

זשאק דאָראן האָט געמאכט א ביטער־זויערע מינע, גלייך וויא ער וואָלט איינגעשלונגען א שפּין.

איינינע מינוטען האט ער געשוויגען. ער האט זיך איבערלעגט, אויב ער זאל אונטערשרייבען אזא קאנטראקט, וועלכער איז א שאנדע און אן ערנידעריגונג פאר יעדען אנשטענדיגען מענשען.

ענדליך האט ער געפאסט מוטה און האט אויסגערופען:

— אנגענומען! איך נעהם אן אייערע בעדינגונגען!

— דאס האב איך פריהער געוואוסט, האט זאמבוקא געזאגט רוהיג און גלייכגילטיג.

— גענוג פלוידערען! מאכט עס שנעל! האט זשאק דאראן געבעטען.

דער באנקיר האט ארויסגענומען פון זיין קאסע־קאסטען א ריינעם בויגען פאפיער און האט אנגעשריבען אויף איהם א רעגעל־רעכטען קאנטראקט מיט אלע פונקטען, מיט אלע איינצעלהייטען, וויא אן אלטער ערפאהרענער נאטאר. ער האט אנגעשריבען דעם קאנטראקט אין דער פראנצויזישער שפראך, אום זשאק דאראן זאל קענען איהם לעזען און פערשטעהן.

זשאק דאראן האט איבערגעלעזען דעם קאנטראקט, האט געטראכט איינינע אויגענבליקע און האט איהם האסטיג, אונגעדולדיג אונטערגעשריבען.

— יעצט מוזען מיר געהן צו א ריכטער און איהם בעשטעטיגען, האט דער באנקיר געזאגט.

זשאק דאראן האט געשוויגען.

דער באנקיר האט זיך האסטיג אנגעטהאן און איז געגאנגען מיט זשאק דאראן צו א ריכטער, וועלכער האט געוואהנט ניט ווייט פון זאמבוקא'ס הויז.

אין איינינע מינוטען איז דער קאנטראקט געווען אבגעמאכט, אבגעשלאסען און בעפעסטיגט נאך אלע רעגעלען און נאך אלע פאדערונגען פון דיא געזעצען פון דעם לאנד טוניס.

יעצט זיינען זיי צוריקגעגאנגען אין זאמבוקא'ס הויז און זאמבוקא האט געהאלטען ווארט.

ער האט ארויסגענומען פון זיין קאסע־קאסטען אן אלטען, פון דער צייט געל געווארענעם בריעף, געשריבען און אונטערגעשריבען פון קיאמיל פאשא אליין.

— דאס איז מיין בריעף, וואו איז אייער דאקומענט? האט זאמבוקא געפרעגט.

זשאק דאראן האט ארויסגענומען זיין דאקומענט.

דיעזע סצענע, ווען ביידע געלד־מענשען זיינען געשטאנען איינער לעבען אנדערען, יעדער מיט זיין דאקומענט אין דער האנד, און יעדער האט מורא געהאט איבערצוגעבען דעם אנדערען זיין דאקומענט, איז אונמעגליך צו בעשרייבען. נור א גוטער מאהלער, א מענש, וועלכער קען דעם כאראקטער פון

מענשען, וואָלט געקענט זיא אויסמאָהלען און עס וואָלט געוואָרען דערפון איינס פון דיא בעסטע, אינטערעסאנטסטע און בעריהמטעסטע בילדער אין דער וועלט.

איניגע מינוטען זיינען ביידע געשטאנען איינער געגען אנדערען און יעדער האָט מורא געהאט, דער אנדערער זאָל איהם ניט בעשווינדלען און ניט אויסנארען ביי איהם זיין דאָקומענט.

ענדליך האָט יעדער אויסגעשטרעקט זיין האנד. זאמבוקאָ האָט בעקומען דאָראן'ס דאָקומענט און דאָראן האָט בעקומען זאמבוקאָ'ס דאָקומענט.

ביידע זיינען געוועזן בלייך וויא קאלך, ביידע האָבען געציטערט, ביידע זיינען געוועזן אונרוהיג, ביידע האָבען זיך געפונען אין א סאָרט פיבער, א געלד־פיבער, א גאָלד־פיבער.

ווען א פערנינפטיגער מענש וואָלט געשטאנען דערביי און וואָלט זיך צוגעקוקט צו דיעזע צוויי זאָנדערבארע, פערגליווערטע, פערשטיינערטע געלד־מענשען, ביי וועמען גאָלד און געלד איז אלעס אין דער וועלט, וואָלט ער זיך אוועקגעקעהרט פון זיי מיט עקעל און אבשיי.

"איז דען געלד אלעס אין דער וועלט? מאכט דען נור דאָס געלד גליקליך?" וואָלט ער געפרעגט זיך אליין. "האָט דען ניט דער באנקיר זאמבוקאָ גענוג געלד? וואָס האָט ער פון זיין געלד? ער פערגינט זיך ניט דאָס קלענסטע פערגניגען אין לעבען אבי אָבצושפּאָרען עטליכע פראנק. און וואָס האָט ער דען פון דיעזע עטליכע פראנק, וועלכע ליעגען אין זיין קאסע־קאסטען? האָט דען זשאק דאָראן ניט געקענט לעבען רוהיג און גליקליך אין זיין סען מאלאָ? צו וואָס דארף ער דען קיאמיל פאשא'ס מיליאָנען? וואָס וועט ער מאכען מיט זיי?"

אויף אלע דיעזע פראגען קענען מיר געבען נור איין איינציגען ענטפער: דיא ציוויליזאציאָן האָט פערדאָרבען און ערנידריגט דעם מענשען דערמיט, וואָס זיא האָט איהם געלערענט צו ליעבען און צו שעצען דאָס געלד און צו בעטראכטען דאָס געלד אלס זיין העכסטעס גליק. דער מענש וואָלט געקענט זיין גליקליך, ווען ער זאָל ניט וויסען דעם ווערטה פון געלד.

קוים האָט יעדער געהאט דעם אנדערענס דאָקומענט, האָט ער זיך געאיילט איהם איבערצולעזען.

אין איין דאָקומענט איז געשטאנען:

"דער שיפסקאפּיטאן דאָראן דארף בריינגען צום באנקיר זאמבוקאָ דיא לענג אָדער דעם מערידיאן פון דעם אינזעל — 7 גראד 23 מינוט אָסט פון פאריז".

אויף דעם צווייטען דאָקומענט איז געשטאנען:

"דער באנקיר זאמבוקאָ דארף איבערגעבען דעם שיפסקאפּיטאן דאָראן

פון סען מאלאָ דיא ברייט אָדער דעם פאראלעל פון דעם אינזעל — 3 גראד 17 מינוט זידליך (דרום־זייט) פון דעם עקוואטאָר״.

— איהר זייט א שיפסקאפיטאן, אלזאָ האָט איהר געוויס אן אטלאס אָדער א לאנד־קארטע פון דער וועלט? האָט דער באנקיר געפרעגט.

— איך האָב אן אטלאס און א נעפע.

— א נעפע? צו וואס דארף איך אייער נעפע?

— מיין נעפע איז א שטודירטער שיפסקאפיטאן, וועלכער וועט אם בע־סטען און אם שנעלסטען אויסגעפינען, וואו דיעזער אינזעל געפינט זיך און וויא מען קען קומען צו איהם.

— און וואו געפינט זיך דיעזער נעפע?

— דאָ אין טונים, אין האָטעל דע פראנס.

— דאן קומט צו איהם, מיין ליעבער שוואָגער, האָט זאמבוקאָ געזאָגט.

— קומט מיט מיר, האָט זשאק דאָראן געענטפערט.

ביידע פריש־געבאקענע שוואָגערס זיינען אוועקגעגאנגען אין האָטעל. אזוי וויא זיי זיינען פארביינגעגאנגען א פּאָסט און א טעלעגראף אָפיס, האָט זאמבוקאָ געזאָגט:

— ערלויבט מיר, מיין ליעבער שוואָגער, אריינצוגעהן אין טעלעגראפען־אמט און טעלעגראפירען מיין ליעבענסווירדיגער שוועסטער טאליסמא, אז זיא איז פערלאָבט און אין א קורצער צייט ארום וועט זיין דיא האָכצייט.

זשאק דאָראן האָט פערצויגען מיט דיא אקסלען.

זאמבוקאָ איז אליין אריינגעגאנגען אין טעלעגראפען־אמט און האָט טעלע־גראפירט צו זיין שוועסטער אין מאלטא.

ווען דאָס איז געווען פערזאָרגט, און זיי זיינען אוועקגעגאנגען עטליכע הונ־דערט שריט, זיינען זיי ענטקעגען געקומען פראנסוא און טרעגאָמעין.

ווען פראנסוא איז אויפגעשטאנען היינט אין דער פריה, איז ער באלד גע־גאנגען צום צימער פון זיין אָנקעל און האָט אָנגעקלאפּט אין דער טהיר. מען האָט איהם ניט געענטפערט און ניט געעפענט. ער האָט באלד אויפגעוועקט זיין פריינד טרעגאָמעין און ביידע זיינען אראָבגעגאנגען פרעגען דעם קעלנער, אויב ער האָט ניט געזעהען היינט אין דער פריה דעם גאסט פון נומער 17. דער קעלנער האָט געענטפערט, אז דער גאסט פון נומער 17 איז היינט גאנץ פריה ערגעץ אוועקגעגאנגען.

— מיר מוזען געהן איהם זוכען, האָט פראנסוא געזאָגט.

זיי זיינען געגאנגען איהם זוכען. קען מען אָבער זוכען א מענשען אין א גרויסער שטאָדט? קען מען זוכען א נאָדעל אין א וואָגען היי?

זיי זיינען ארומגעגאנגען אייניגע צייט אין דיא גאסען און האָבען זיך צר־

געקוקט צו יעדען, וואָס איז פאָרבייגעגאנגען. גאָר פּלוצלונג האָבען זיי דערזעהן, וויא ער געהט עפּעס מיט א פרעמדען מאן, און זיי זיינען צוגעגאנגען צו איהם.

זשאק דאָראן האָט זיך פערשעהמט, פונקט וויא ער וואָלט בעגאנגען עפּעס א פערברעכען. פראנסוא איז אָבער גלייך צוגעגאנגען צו איהם און האָט אויסגערופען:

— גוט מאָרגען, אָנקעל!

יעצט האָט זשאק דאָראן שוין ניט געקאָנט זיך בעהאלטען. ער האָט געמוזט זאָגען, ווער דער פרעמדער איז און ער האָט געזאָגט האסטיג:

— הערר באנקיר זאמבוקאָ.

דאן האָט ער זיך געווענדעט צו זיין ליעבען שוואָגער און האָט געזאָגט:

— מיין נעפע פראנסוא דאָראן און מיין פריינד גילדאס טרעגאָמעין.

אלע האָבען זיך לייכט פערנייגט און זיינען וויטער געגאנגען צום האָטעל. קיינער האָט ניט בעמערקט אָדער ניט געוואָלט בעמערקען, אז ניט ווייט זיינען געשטאנען בן אָמאר און זיין שרייבער נאזים און האָבען זיך גוט צוגעקוקט צום באנקיר. נאזים אָדער סואד פאשא האָט שוין גוט געוואוסט, ווער זאמבוקאָ איז און אז זאמבוקאָ האָט דאָס געהיימניס פון דעם צווייטען אינזעל. יעצט זיינען זיי נאָכגעגאנגען זשאק דאָראן מיט זיין קאָמפּאניע.

זשאק דאָראן מיט זיין שוואָגער זיינען ארויפגעגאנגען דיא טרעפּ פון דעם האָטעל און זיינען באלד פערשוואונדען געוואָרען אין זיין צימער. פראנסוא און טרעגאָמעין זיינען זיי נאָכגעגאנגען.

— ווייז אונז דיין לאנד־קארטע, פראנסוא, האָט זשאק דאָראן געבעטען.

פראנסוא האָט ארויסגענומען זיינע לאנד־קארטען און האָט זיי אויסגעלעגט אויף׳ן טיש.

— יעצט זוך אוים אן אינזעל, וועלכער געפינט זיך 7 גראד 23 מינוט אָסט און דריי גראד 17 מינוט זיד.

פראנסוא האָט אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ. ער האָט אלעם פערשטאנען. יעצט וועט ער אלזאָ שוין ניט קענען הייראטהען זיין ליעבע זשוליעט, זיין אָנקעל האָט זיך שוין אויסגעגלייכט מיט דעם באנקיר, דאָס הייסט, ער וועט הייראטהען דעם באנקיר׳ס שוועסטער און אלעם האָט זיך געענדיגט.

— נו, וואָס ווארטסט דוא? פאר וואָס זוכסט דוא ניט אוים דעם אינזעל? האָט זשאק דאָראן געפרעגט מיט פערדרוס.

פראנסוא האָט געמוזט פאָלגען. ער האָט גענומען דעם קאָמפּאס, האָט איהם אנידערגעלעגט אויף דער לאנד־קארטע און האָט אָנגעהויבען צו זוכען.

ער האָט אוועקגעזוכט א לענגערע צייט און האָט ענדליך געוויזען מיט׳ן פינגער אויף א געוויסען פונקט.

— נו, וואו איז עס? האָט זשאק דאָראן געפרעגט.

— אין וועסט אפריקא, אין דער גרויסער בוכטע פון גווינעא.
— דיא בוכטע פון גווינעא איז זעהר גרויס, האט זשאק דאראן בעמערקט.
— דער אינזעל דארף זיך געפינען אין דער בוכטע פון מאיומבא, א טהייל פון דער בוכטע פון גווינעא, האט פראנסוא געענטפערט.
— אלזא מארגען גאנץ פריה פאהרען מיר נאך באן און דארטען וועלען מיר זיך אויפזעצען אויף דער אייזענבאהן נאך אראן אין אלזשיר, האט זשאק דאראן געזאגט ערנסט און שטרענג, וויא א גענעראל, וועלכער גיט א בעפעהל צו זיינע סאלדאטען.
דאן האט ער זיך געווענדעט צום באנקיר זאמבוקא און האט איהם גע־פרעגט:
— ווער איהר מיטפאהרען מיט אונז?
— גאנץ געוויס!
— ביז צו אונזער אינזעל?
— ביז אין עק וועלט.
— דאן מאכט איך פארטיג צו דער רייזע. מארגען גאנץ פריה פאהרען מיר.
— זייט רוהיג, מיין ליעבער שוואגער, איך וועל שוין זיין פערטיג פאר דער רייזע מארגען אין דער פריה.
יעצט האבען שוין פראנסוא און טרעגאמעין געוואוסט פאר זיכער, אז זשאק דאראן האט זיך ענטשלאסען צו הייראטהען דיא אלטע און העסליכע טאליסמא. מען קען זיך לייכט דענקען, וואס דיעזעביידע מענשען האבען גע־פיהלט ביי דעם געדאנק, אז זשאק דאראן וועט צוריקקומען אהיים מיט א פרוי, וועלכע ער האט געמוזט הייראטהען אום צו בעקומען דיא מיליאנען פון קאמיל פאשא.
דער באנקיר האט געגעבען דיא האנד זשאק דאראן, זיין שוואגער, האט זיך לייכט פערנייגט פאר פראנסוא און טרעגאמעין, און איז לאנגזאם ארויס־געגאנגען פון צימער.
ווען טרעגאמעין און זשאק דאראן זיינען געבליבען אליין, האט טרעגא־מעין איהם געפרעגט:
— האסט דוא איינגעוויליגט?...
— געוויס! וואס דען האב איך געקענט טהאן? איז געוועזן דיא אנטווארט.
וואס דען האב איך געקענט טהאן? — א זאנדערבארער, אבער דאך א גאנץ ריכטיגער ענטפער פאר א מענשען, וועלכער לעבט נור צוליעב געלד און וועלכער איז גרייט צו טהאן אלעס אין דער וועלט צוליעב געלד.
צוויי שטונדען שפעטער האט דער באנקיר זאמבוקא ערהאלטען א טעלע־גראמע פון זיין שוועסטער, אז זיא איז איינפערשטאנען צו הייראטהען דעם מאן, וועלכען איהר ברודער האט אויסגעזוכט פאר איהר.

21טעם קאפיטעל.

פון טוניס נאך אלזשיר

דעם אנדערען טאג גאנץ פריה זיינען אלע פארטיג געוועזן צו דער רייזע. פראנסוא האט געפונען, אז זיי האבען זיך ניט וואס צו בעהאלטען פון בן אמאר'ען און האט איהם אויסגעזאגט, אז זיי פאהרען יעצט אין דיא בוכטע פון גווינעא, וועסט אפריקא.

— עס איז א ווייטער וועג, האט פראנסוא געזאגט, מיר מוזען דורכפאהרען גאנץ טוניס, גאנץ אלזשיר און דאן ערשט אייניגע הונדערט מייל אויף דעם מעער. דאס איז א לאנגע און שווערע רייזע. איך וויים ניט, אויב עס וועט זיך אייך לוינען מיטצופאהרען.

בן אמאר האט גאר ניט געענטפערט. ער וואלט זיך ניט געריהרט פון זיין ליעבען אלעקסאנדריע, אבער ער האט זיך ניט געקענט העלפען. ער האט געמוזט מיטפאהרען: סואד פאשא האט איהם געצוואונגען.

פון טוניס נאך באן, א שטאדט אין אלזשיר, פאהרט מען געוועהנליך רייטענדיג אויף פערד, עזלען אדער קעמלען. עס איז א לאנגע און שווערע רייזע, ווייל דער קלימאט איז זעהר הייס, דאס לאנד געפינט זיך ביי דיא ברעגעס פון דער גרויסער וויסטע סאהארא, און ניט זעלטען וועהט פון דיעזער וויסטע דער שרעקליכער ווינד סאמום, וועלכער טויטעט מענשען און טהיערע מיט זיין גיפטיגען אטהעם.

זייט טוניס געפינט זיך אונטער דעם שוץ פון פראנקרייך און אלזשיר געהערט אין גאנצען צו פראנקרייך האבען דיא פראנצויזען איינגעפיהרט א דיליזשאנס, א סארט אמניבוס, פאר פאסאזשירען, וועלכע קענען ניט פאהרען רייטענדיג. מיט'ן דיליזשאנס איז שוין דארום בעסער צו פאהרען, ווייל מען איז וועניגסטענס אביסעל געשיצט געגען דיא ברענענדע שטראהלען פון דער זון; עס איז אויך דארום בעסער צו פאהרען מיט'ן דיליזשאנס, ווייל אויף יעדער סטאציאן, אויף וועלכער מען בייט דיא פערד, קען מען קריעגען לעבענסמיטעל, און ווען דער שרעקליכער ווינד סאמום הויבט אן צו וועהען, קען מען זיך בעהאלטען פון איהם אין א שטוב אויף דער סטאציאן. מיט'ן דיליזשאנס קענען אויך פאהרען פרויען און קינדער.

גאנץ אנגענעהם צו פאהרען מיט'ן דיליזשאנס איז עס אבער אויך ניט. דער וועג איז זעהר שלעכט. אין ערטער איז גאר קיין וועג ניטא. דער אראבישער קוטשער טרעפט שוין דעם וועג, ווייל ער איז שוין דא געפאהרען הונדערטע מאל. אין ערטער פערזינקען דיא רעדער פון דעם דיליזשאנס אין טיעפען זאמד און דיא פאסאזשירען מוזען ארויסגעהן און העלפען דעם קוטשער ארויסשלעפען

דעם שווערען וואָגען. פון בריקען ווייס מען נאָך ניט אין יענע געגענדען. ווען מען דאַרף אַריבערפאָהרען אַ טייך, מוז דער קוטשער אויסזוכען אַן אָרט, וואו דער טייך איז ניט טיעף און זיינע ברעגעס זיינען ניט שטארק הויך און דיא דריי פערד, וועלכע זיינען איינגעשפּאנט אין דעם דיליזשאנס, שלעפּען אַריבער דעם וואָגען איבער׳ן וואסער.

אין ערטער טרעפט מען גאנץ הויכע בערגלעך, דאן מוזען דיא פּאסאזשירען אַרויסגעהן פון דעם דיליזשאנס און געהן צו־פוס פאַראויס אָדער הינטער איהם, וויא זיי געפינען בעקוועמער פאר זיך, ביז דיא פערד שלעפּען אַרויף דעם שווע־רען וואָגען אויף דעם משופּע׳דיגען בערגעל.

נור דער מענש, וועלכער ליעבט דיא ווילדע נאַטור און וועלכער וויל זיך בעקענען מיט יענע געגענדען אין אַפריקא — נור אַזא מענש קען געפינען פערגניגען אין אַזא רייזע.

דער הימעל איז ריין, טיעף בלוי, אַז עס איז אַן אמת׳ער פערגניגען צו קוקען אויף איהם. אין ערטער געפינען זיך אָאזיסען, גרינע אינזלען אין דעם מעער פון זאמד און שטיינער. אויף דיעזע אָאזיסען וואקסען אַלערליי בוימער און אַלערליי זעלטענע פריכטע, וועלכע וואקסען נור אין דיא גאנץ הייסע לענדער.

געוועהנליך געפינט זיך אויף אַזא אָאזיס אַן אַראַביש דאָרף, דאָס הייסט, צוויי דריי גאסען, אין וועלכע עס שטעהן פון ביידע זייטען ניט הייזער, וויא אין אַ דאָרף אין אייראָפּא, זאָנדערן געצעלטען פון אַ גראָבען געשטרייפטען לייוואַנד אָדער זעגעל־טוך. אונטער אַזא געצעלט וואָהנט דער אַראַבער מיט זיינע ציעגען, מיט זיינע פערד און מיט זיינע קעמלען. פון צייט צו צייט ווייזט זיך אַרויס דער ברוינער קאָפּ מיט דעם ערנסטען געזיכט פון אַן אַראַבערין. דיא קינדער געהן גאנץ נאַקעט און שפּיעלען זיך אויף דעם גרינעם גראָז אָדער אין דעם הייסען זאמד, וויא דיא יונגע ציעגעלעך.

ווען איינער פאָהרט אום אויסצופאָרשען דאָס לאַנד אָדער אום צו בע־טראַכטען דיא נאַטור, מוז ער בלייבען שטעהן אין אַזא אָאזיס און זיך בעקענען מיט דער גאַסטפריינדשאַפט פון דיא אַראַבער. עס איז ווערטה זיך צו בעקענען מיט דיעזע נאַטור קינדער, מיט דיעזע פרייע מענשען פון דער וויסטע, וועלכע ווילען ניט אַנערקענען קיין הערשער און קיין רעגיערער. עס איז אמת, אַז טערקיי אָדער פראַנקרייך בעטראַכטען זיי אַלס זייערע אונטערטהאַנען, דער אַראַבער אָבער וויל דערפון ניט וויסען און ווען בעאמטע פון דער רעגיערונג קומען צו איהם, הויבט ער אויף זיינע געצעלטען, זעצט אַרויף זיינע פרויען און זיינע קינדער אויף זיינע קעמלען און פאָהרט אַוועק מיט זיי אין אַן אַנדער אָאזיס.

דער אַראַבער איז אַ בעקאַנטער גאַסט־פריינד, מכניס אורח. אַזוי וויא זיי

ריהמען זיך דערמיט, וואס זיי שטאמען אב פון אברהם אבינו, האלטען זיי דיא נאסט־פריינדשאפט פאר דיא ערשטע און היילינסטע פפליכט, אזוי וויא אברהם אבינו פלעגט עס טהאן. ווען א פרעמדער קומט צו זיי, נעהמען זיי איהם אויף וויא א ברודער און גיבען איהם עסען און טרינקען, וויא פיעל ער וויל. ער קען בלייבען ביי זיי אזוי לאנג, וויא פיעל ער וויל, קיינער וועט איהם ניט בעליי־דיגען און קיינער וועט איהם ניט זאגען, אז ער מעג זיך שוין געהן פון דאנען.

זעלבסטפערשטענדליך, אז אונזערע רייזענדע האבען זיך ווייניג צוגעקוקט צו דיא געגענדען, וועלכע זיי זיינען דורכגעפאהרען. עס איז אמת, אז פראנ־סוא און טרעגאמעין האבען זעהר אפט געוואלט ארויסשפרינגען פון דעם דילי־זשאנס און בעטראכטען א בערגעל, א וועלדעל, אן אאזיס, אבער זיי האבען עס ניט געקענט טהאן, ווייל דאראן און דער באנקיר האבען ניט געוואלט ווארטען. זיי האבען קיין צייט ניט געהאט. ווען זשאק דאראן און זאמבוקא וואלטען געקענט, וואלטען זיי געטריבען דיא פערד צום טויט, אום אנצוקומען שנעלער נאך באן. יעדער פון זיי האט זיך געאיילט, יעדער האט געציטערט און געפלא־טערט צו בעקומען אם שנעלסטען דיא מיליאנען פון קיאמיל פאשא.

איין מאל האט זאגאר פראנסוא עס בעמערקט און האט געזאגט צו זיין פריינד:

— בעטראכט נור דיעזען באנקיר זאמבוקא! ער ברענט, ציטערט און פלאטערט צו בעקומען דיא מיליאנען, וויא מיין ליעבער אנקעל.

— איך האב עס בעמערקט, האט טרעגאמעין געענטפערט, קיאמיל פאשא האט געטראפען: איין יורש איז ניט בעסער פון דעם אנדערען. אין זייער הארצען ליעגט א מיליאן, אין זייער קאפ א מיליאן... געלד, געלד און געלד. דער מענש איז פערשוואונדען, אנשטאט איהם זעהן מיר א גאלדענעם קאלב מיט א מענשען־געזיכט.

טרעגאמעין האט רעכט געהאט. זשאק דאראן איז געזעסען דיא גאנצע צייט פון דער לאנגער רייזע אין א ווינקעלע און האט זעלטען גערעדט א ווארט. דאסזעלבע האט געטהאן דער באנקיר זאמבוקא.ביידע ליעבע שוואגערס האבען זעלטען גערעדט א ווארט איינער צום אנדערען, זאגאר דאס עסען האט זיי ווייניג אינטערעסירט. זיי פלעגען עסען אלעס, וואס מען פלעגט זיי געבען אויף דיא סטאציאנען, און פלעגען זעלטען זאגען, אויב דאס עסען איז גוט אדער שלעכט. וואס קימערט זיי דאס עסען, ווען זיי וועלען באלד האבען מי־ליאנען?

אויף דעם צווייטען טאג פון זייער רייזע זיינען זיי אנגעקומען אין א ליעבליכען טהאל, וועלכער איז געשוואומען אין גרינע גראזען און ליעבליכע בוימער. אין דער מיט פון דעם טהאל האט זיך געפונען א שטאדט מיט שטיי־

נערנע הייזער, מיט מעטשעטען מיט הויכע מינארעטען — טהורמס, פון וועלכע די מאחמאדאנישע גייסטליכע רופען די פרומע מושלמים צו געבעט.

— דאָס איז די שטאָדט טאבורקא, האָט דער אראבישער אָנטרייבער פון דעם דיליזשאנס ערקלערט.

לעבען דער סטאציאָן האָט זיך געפונען א האָטעל, וועלכער האָט געהערט צו א פראנצויז. דער האָטעל איז געווען נור פאר אייראָפּעער, אראבער דארפען ניט קיין האָטעל.

דאָ האָט זיך שוין פראנסוא ניט געקענט איינהאלטען און ער האָט גע־בעטען זיין אָנקעל, ער זאָל איהם ערלויבען געהן בעטראכטען די שטאָדט.

זשאק דאָראן האָט געמאכט א גרימאסע און האָט געענטפערט:

— וואָס ווילסט דו דאָ זעהן? עס איז דאָך נור אן אראבישע שטאָדט.

טרעגאָמעין, וועלכער האָט אויך געוואָלט געהן זעהן די שטאָדט, האָט זיך אריינגעמישט און האָט געזאָגט:

— מיר האָבען גאנצע פינף שטונדען צייט. דער האָטעל־בעזיצער האָט מיר געזאָגט, אז דער דיליזשאנס וועט ארויספאָהרען ערשט פארנאכט.

— דו ווילסט אויך ארומלויפען אין די גאסען, דו אלטער נאר? האָט זשאק דאָראן אויסגערופען בייז און פערדריסליך.

— פאר וואָס ניט? ווען איך לעב, וויל איך לעבען און זעהן די וועלט, האָט טרעגאָמעין געענטפערט.

— זעהן די וועלט? וואָס ווערסט דו זעהן?

— איך פאָהר דאָך ניט נאָך קיאמיל פאשא׳ס מיליאָנען, האָט טרעגאָמעין איהם געגעבען א שטאָך־וואָרט.

— נו, געהט, אָבער קומט באלד צוריק, האָט זשאק דאָראן געזאָגט פינסטער.

פראנסוא און טרעגאָמעין זיינען ארומגעגאנגען אין שטאָדט און האָבען בעטראכט דאָס זאָנדערבארע אָריענטאלישע לעבען פון דיעזער עכט אָריענטא־לישער שטאָדט.

טאבורקאָ איז אן עכט מאחמאדאנישע שטאָדט. עס וואָהנען דאָרט נאָר עט־ליכע פראנצויזישע און איטאליענישע קויפלייטע, וועלכע האנדלען מיט די אראבער און קויפען ביי זיי די פּראָדוקטען פון לאנד.

אין דער מיט שטאָדט געפינט זיך דער באזאר, דער מארק, וואו מען קען קריעגען אלערליי אזיאטישע וואארען און זאגאר טורקאאזען פון פערזיען און דימאנטען פון אינדיען. מען קען דאָרט אויך קריגען דאָס עכטע, גוטע, אָבער זעהר טהייערע ראָזען־אויל פון שיראס און אלערליי געווירצען און מעדיצינען פון אראביען.

אזוי וויא פראנסוא און טרעגאָמעין זיינען געווען קנאפּע קענער פון

דיעזע זאכען, האָבען זיי געפונען ווענינ אינטערעסאנטעס אויף דעם באזאר פון טאבורקאָ.

פארנאכט איז דער דיליזשאנס ארויסגעפאָהרען פון טאבורקאָ. עס איז געווען א שעהנע, שטילע, אביסעל צו ווארעמע, אָבער רעכט העלע נאכט, דיא לבנה האָט געשיינט אזוי העל, אז מען וואָלט געקענט לעזען א בוך ביי איהר שיין.

דיא געגענד האָט זיך אין גאנצען געענדערט. דער דיליזשאנס איז יעצט געפאָהרען צווישען בערגלעך, בעוואקסען מיט וועלדער פון ניט הויכע בוימער. געגען עלף אוהר, ווען דיא פראנצויזען זיינען אנטשלאָפען געוואָרען, האָט זיי אויפגעוועקט א שרעקליכע שטימע. א לייב האָט געברומט ערגעץ אויף א בערגעל.

ווען א לייב אין אן אייזערנער שטייג פון א מענדזשעריע הויבט אָן צו ברומען, פאלט אויך א שרעק אויף דיא מענשען, וועלכע הערען איהם. מען קען זיך אלזאָ לייכט פאָרשטעלען, וויא דיא פראנצויזען האָבען זיך דערשראָקען, ווען זיי האָבען געהערט ברומען א פרייען לייב, א ווילדען לייב אין דיא וועלדער פון אפריקא. אריה שאג, מי לא יירא? ווען דער לייב ברומט, ווער האָט עס ניט קיין מורא? פרעגט אונזער גרויסער דיכטער ישעיה.

— על אדרעא (דער לייב)! האָט אויסגערופען דער אראבישער קוטשער און האָט א ציטער געטהאָן.

אויך ער, וועלכער האָט שוין ניט איין מאָל געהערט אזא ברומען, האָט זיך דערשראָקען.

אויך דיא פערד האָבען זיך דערשראָקען און האָבען אָנגעהויבען צו לויפען ווילד און אָהן א וועג. דער קוטשער האָט געמוזט אָנווענדען אלע זיינע קרעפטען אום זיי איינצוהאלטען.

באלד האָט מען דערהערט דאָס אונאנגענעהמע, בייזע ברומען פון א לעאָפארד און דאָס ווילדע לאכען פון דער לאף־היענע.

פראנסוא האָט זיך געכאפט צו זיינע פיסטאָלעטען. זשאק דאָראן האָט געציטערט, ער האָט מורא געהאט פאר זיינע מיליאָנען, נור דער באנקיר זאמבוקאָ איז געבליבען רוהיג. ער איז שוין ניט איין מאָל געפאָהרען אין דיעזער געגענד און ער האָט שוין געוואוסט, אז דיעזע ווילדע טהיערע פאלען אָן זעהר זעלטען אויף א דיליזשאנס; זיי האָבען מורא פאר דיעזען פראָדוקט פון דער ציוויליזאציאָן.

דער געפעהרליכסטער פיינד אין דיעזער געגענד איז דער מענש. דיא קרומירס, א ווילד פאָלק, וואָס וואָהנט אין דיעזער געגענד, פאלען אָן ניט זעלטען אויף דיא רייזענדע און בערויבען זיי. אמאָל פלעגט מען מוזען פאָהרען אין גרויסע קאראוואנען, מען זאָל קענען זיך פערטהיידיגען געגען דיא קרומירס,

אָבער זינט דיעזע לענדער געפינען זיך אונטער דעם שוץ פון פראנקרייך, האָ־בען דיא פראנצויזען אזוי וויט אָנגעלערענט דיא קרומירס, אז זיי האָבען מורא פאר א דיליזשאנס. זיי ווייסען, אז ווען זיי וועלען בערויבען א דיליזשאנס, וועט דיא פראנצויזישע רעגיערונג שיקען סאָלדאטען, וועלכע וועלען צושטערען זייערע דערפער.

אונזערע רייזענדע זיינען אָבגעקומען מיט'ן שרעק. דיא נאכט איז פער־גאנגען רוהיג.

געגען פיער אוהר אין דער פריה האָט זיך געוויזען אין אָסטען (מזרח) דיא ערשטע בלייכע שיין פון דעם יונגען טאָג. אין דער וויסטע איז שטיל געוואָרען. דיא ווילדע טהיערע זיינען פערקראָכען אין זייערע היילען.

דער דיליזשאנס איז ארייגעפאָהרען אין א גאָרטען פון בלומען און זעל־טענע בוימער.

פראנסוא האָט געוואָלט אראָבשפּרינגען און בעטראכטען דיא געגענד, אָבער זשאק דאָראן האָט איהם ניט געלאָזען.

באלד זיינען זיי צוגעקומען צו א סטאציאָן, וואו מען האָט געביטען דיא פערד. זשאק דאָראן האָט געהייסען זיין נעפּע זיך אָנפרעגען, וויא לאנג מען וועט דאָ שטעהן און ווען מען וועט ווייטער פאָהרען.

ווען פראנסוא האָט זיך אלעס ערקונדיגט, האָט איהם זיין אָנקעל געפרעגט:

— נו, וואו וועלען מיר איבערשטעהן דעם טאָג?

— אין דער שטאָדט גארדימאאן.

— און ווען וועלען מיר אָנקומען אין באָן?

— מאָרגען פארנאכט.

— קענען מיר ניט אָנקומען פריהער?

— עס איז גענוי אויסגערעכענט, ווען מען דארף אָנקומען אין באָן, איז געווען דיא אנטוואָרט.

מעהר האָט ער ניט געוואָלט פרעגען. ער מוז ווארטען, ער וועט בעקו־מען זיינע מיליאָנען מיט איניגע שטונדען שפּעטער.

אזוי וויא עס האָט אָנגעהויבען היים צו ווערען, איז זשאק דאָראן אריינגע־גאנגען אין דער סטאציאָן, האָט זיך געזעצט אין א ווינקעלע און איז געבליבען זיצען וויא א פערשטיינערטער.

דער באנקיר זאמבוקאָ האָט געטהאָן דאָסזעלבע.

וויא פערשיעדען דיעזע צוויי מענשען זיינען געווען, וויא וויט זיי זיינען געווען איינער פון דעם אנדערען דורך זייער ערציהונג, דורך זייער נאציאָנא־ליטעט, דורך זייער פערזענליכען כאראקטער, זיינען זיי דאָך געווען גאנץ גלייך איינער צום אנדערען אין איין פונקט: אין דעם פערלאנג נאָך געלד. דאָראן און זאמבוקאָ זיינען געווען וויא צוויי פערברעכער פון פערשיעדענע לענדער און

פערשיעדענע נאַציאָנען, וועלכע מען האָט אין געפענגניס צוזאמענגעשמיעדט מיט איין קייט און זיי מוזען זיך האַלטען צוזאמען. דיעזע קייט אָבער, מיט וועלכער דאָראַן און זאמבוקא זיינען געוועזען צוזאמענגעשמיעדט, איז געוועזען ניט פון איינפאַכען אייזען, נאָר פון גאָלד — פון קיאמיל פּאַשאַ'ס מיליאָנען.

און דיעזע גאָלדענע קייט האָט זיי געהאַלטען אזוי פעסט, אז זיי האָבען ניט געוואָלט זעהן און הערען וואָס עס טהוט זיך ארום זיי. יעדער האָט זיך געזעצט אין א ווינקעלע און האָט געטראכט פון דיא מיליאָנען, וועלכע ער וועט בעקומען. דיא גאַנצע וועלט און ער אליין האָבען קיין ווערטה ניט געהאַט פאַר איהם. ער האָט געלעבט נור מיט דיא מיליאָנען, וועלכע ער וועט באַלד בעקומען.

דער דיליזשאַנס איז ענדליך וויעדער אוועקגעפאָהרען פון דער סטאַציאָן. ער איז יעצט געפאָהרען דורך א גוט בעארבייטע, זעהר רייכע געגענד. פון ביידע זייטען פון דעם וועג האָבען זיך געפונען גאַנצע וועלדער פון פּאַלמען און פייגענבוימער, אויך וועלכע עס האָבען געוואַקסען יענע רונדע, ווייכע, רויט־ליכע פייגען, וועלכע מען זעהט זעלטען אין אייראָפּא, ווייל זיי ווערען פער־ברויכט אין לאַנד.

פון דיא פּאַלמען זיינען אראָבגעהאַנגען גרויסע, שווערע קרענץ טייטלען, וועלכע ווערען בעטראכט אין אייראָפּא אלס זעלטענע דעליקאַטעסע און זיינען בעקאַנט אונטער דעם נאָמען "סולטאַן טייטלען". זיי ווערען פערקויפט נור אין ניט גרויסע, שעהנע שאַכטלען.

געגען אבענד איז דער דיליזשאַנס אָנגעקומען אין דעם שטעדטעל גאַרדי־מאַאַן. דאַמאַלס איז עס געוועזען אַן אָרים שטעדטעל פון א פּאָאַר דוצענד היי־זער, היינט איז עס א לוסטיג, לעבעדיג שטעדטעל, ווייל עס איז א הויפּט סטאַציאָן פון דער באַן־טוניס אייזענבאַהן.

דאָ האָט מען זיך אָבגערוהט גאַנצע פיער שטונדען. פראַנסואַ און טרעגאָ־מעין האָבען צייט געהאַט צו בעטראַכטען דיעזעס שטעדטעלע, עס איז אָבער ווירקליך ניט געוועזען וואָס צו זעהן. ווען זיי וואָלטען צייט געהאַט צו געהן אבי־סעל אויסער דער שטאָדט, וואָלטען זיי געקענט זעהן דיא רייכסטע געגענד אין דער וועלט, ווייל ארום און ארום, מיילען ווייט ציהען זיך וועלדער פון פייגען און טייטעלבוימער.

ענדליך איז דער דיליזשאַנס ארויסגעפאָהרען פון גאַרדימאַאַן און איז געפאָהרען א גאַנצע נאַכט איבער דיא שעהנסטע און רייכסטע געגענדען. אונזערע פראַנצויזען זיינען אָבער שוין געוועזען אזוי מיעד, אז זיי האָבען דיא גאַנצע נאַכט געשלאָפען. וויא אונאַנגענעהם און וויא ענג עס איז געוועזען אין דיליזשאַנס, האָט דאָך יעדער געשלאָפען. פון אויסציהען זיך, אויסשטרעקען זיך איז קיין רעדע ניט געוועזען; מען איז געשלאָפען זיצענדיג, וויא מען האָט געקענט, אָבער

מען איז דאָך געשלאָפען אזוי געשמאק, אז מען האָט גיט געפיהלט, וויא דיא נאכט איז פערשוואונדען געוואָרען.

גאנץ פריה, ווען עס האָט נור וואָס אָנגעהויבען צו טאָגען, איז מען אָנגע־קומען אין דער שטאָדט סוהאראס, און דער קוטשער האָט ערקלעהרט, אז דיא רייזענדע קענען זיך אויסרוהען, ווייל מען וועט דאָ שטעהן גאנצע פינף שטונדען.

זשאק דאָראן און זאמבוקאָ האָבען פראָטעסטירט, וואָס מען מאכט, אז זיי זאָלען פערלירען אזוי פיעל צייט.

— וואָס איילסט דוא זיך אזוי? האָט טרעגאָמעין געפרעגט זשאק דאָ־ראן, וואָס וועסט דוא דען פערלירען?

— איך קען פערשפעטיגען דעם צוג אין באַן.

— עס איז גענוי אויסגערעכענט, אז דער דיליזשאנס זאָל ברייגגען זיינע פאסאזשירען פונקט צום צוג.

— ער וואָלט אונז אָבער געקענט ברייגגען צום ערשטען צוג.

— אין באַן געהט נור איין צוג א טאָג.

— נו, לאָמיר זאָגען, אז עס געהט נור איין צוג, איז דאָך פיעל גלייכער, מיר זאָלען אָנקומען אין באַן פריהער מיט א פאָר שטונדען, האָט זשאק דאָראן געשריען.

— צו וואָס? האָט דער רוהיגער טרעגאָמעין געפרעגט, וואָס וועסט דוא דען האָבען דערפון, ווען דוא וועסט בעקומען דיינע מיליאָנען מיט איניגע שטונ־דען פריהער?

זשאק דאָראן האָט זיך געבייזערט. דאָס איז געווען זיין איינציגער ענטפער.

סוהאראס איז דיא ערשטע שטאָדט אין אלזשיר. דיא רעגיערונג פון טוניס בעהויפטעט, אז דיעזע שטאָדט געהערט נאָך צו איהר, אָבער דיא פראנצוי־זען ווילען דערפון ניט וויסען און זיי בעווייזען מיט א רעגימענט סאָלדאטען און מיט צוואנציג קאנאָנען, אז דיא שטאָדט געהערט צו אלזשיר. נעגען אזא בעוויז האָט ניט דיא רעגיערונג פון טוניס וואָס אָנצואווענדען. סאָלדאטען און קאנאָנען האָבען שטענדיג רעכט.

אלס פראנצויזישע שטאָדט האָט סוהאראס א גוטען פראנצויזישען האָ־טעל, א גוטע באנק און א גוטע פראנצויזישע פּאָליציי. עס וואָהנען אויך אין סוהאראס פיעלע פראנצויזען און דאָך איז דיא שטאָדט אַן עכט אראבישע.

טרעגאָמעין האָט איינגעלאָדען זשאק דאָראן צו געהן אביסעל שפּאצירען און צו בעטראכטען דיא שטאָדט.

— וואָס וועל איך דאָרט זעהן? האָט דאָראן געפרעגט. איך בין ניט גע־קומען אהער ארומצושלענדערען אין דיא גאסען און קוקען אויף דיא אראבער.

טרעגאָמעין און פראנסוא זיינען אליין געגאנגען זעהן דיא שטאָדט. קוים

זיינען זיי אוועקגעגאנגען עטליכע שריט, האָט טרעגאַמעין אויסגעגאָסען זיין ביטער הארץ און האָט געברומט:

— איך פרעג דיך אליין, ליעבער פּראנסוא, הייסט דאָס מאכען א רייזע? מען לאָזט דאָך אונז ניט זיך אומקוקען און זעהן וואו מיר געפינען זיך! וואָס האָב איך דען געזעהן פון דער אלטער און בעריהמטער שטאָדט טוניס? מיר וועלען באלד קומען נאָך באָן, א שטאָדט, וועלכע איז בעריהמט אין דער וועלט מיט איהרע פּעריל, ווייל ניט ווייט פון איהר געפינען זיך דיא רייכסטע פּעריל פישערייען אין דער וועלט. וועלען מיר אָבער צייט האָבען צו זעהן, וויא מען פישט ארויס פּעריל פון מעער? געוויס ניט! נו, הייסט דאָס געמאכט א רייזע איבער דער וועלט? און וואָס וועט זיין דיא ענדע פון אונזער גאַנ־צער רייזע?

— איך האָף, אז דיא גאַנצע געשיכטע וועט זיך ענדיגען מיט גאָר ניט, האָט פּראנסוא געענטפערט.

— ער האָט דאָך אָבער א דאָקומענט.

— א דאָקומענט? ער האָט געהאט א דאָקומענט, ווען ער איז געפאָה־רען צום אינזעל נומער איינס אין דער בוכטע פון אָמאַן. ווער וויים אלזאָ, אויב מיר וועלען אויף דעם אינזעל נומער צוויי ניט געפינען א צווייטען דאָ־קומענט, וואָס וועט אונז שיקען צו אן אינזעל נומער דריי...

— און פאר וואָס ניט צו אן אינזעל נומער פיער — נומער פינף — נומער צעהן? האָט טרעגאַמעין אויסגערופען. מיר דאכט, אז דער זאָנדערבארער קיאמיל פּאשא האָט געוואָלט נור שפּאַס מאכען מיט נארישע מענשען, וועלכע זיי־נען אזוי פערגלויבט אין גאָלד, אז זיי לעבען נור מיט דעם געדאנק, אז זיי וועלען בעקומען געלד.

— וועט איהר מיטפאָהרען מיט אונז, ווען מיר וועלען מוזען פאָהרען אויף אן אינזעל נומער דריי? האָט פּראנסוא געפרעגט.

— איך? יא! איך וועל פאָהרען מיט איהם זאָגאר אויף אן אינזעל נו־מער־צעהן.

— איך וויים, אז ווען ער פערלאנגט פון אייך עפּעס, קענט איהר איהם ניט אָבזאָגען.

— איך האָב מיטלייד מיט איהם, האָט דער גוטער טרעגאַמעין געזאָגט, וויא צו זיך אליין. אמאָל איז ער געוועזן א גאַנץ גוטער און שטילער מענש, קיאמיל פּאשא'ס מיליאָנען האָבען איהם פערדרעהט דעם קאָפּ, ער איז קראנק, ער האָט פיבער און ער רעדט און טהוט אלעס פון פיבער־היץ.

— איהר זייט א גוטער מענש, פריינד טרעגאַמעין, האָט פּראנסוא גע־זאָגט ערנסט און פינסטער, איך אָבער קען עס מעהר ניט אויסהאלטען. איך וועל פאָהרען מיט איהם נור ביז דיעזען אינזעל נומער צוויי אין דער בוכטע פון

מאיומבא. ווען מיר דאַרט ניט געפינען דיא מיליאָנען, וועל איך צוריק־פאָהרען נאָך פראנקרייך. איך דארף ניט קיין פּרינצעסין און זשוליעט וויל ניט קיין פּרינץ.

— אביסעל האָסט דוא רעכט, האָט טרעגאַמעין געמוזט צוגעבען, עס איז שוין צופיעל. ווען מען זאָל שוין געפינען דיא מיליאָנען, וועט מען מוזען זיך טהיילען מיט דיעזען פערדאמטען געלד־פרעסער זאמבוקאָ און נאָך אוועקגעבען א פּראָצענט צו דעם קראָקאָדילען־אדוואָקאט בן אָמאר... אָבער דאָך? וואָס וועסט דוא טהאָן ווען דיין אָנקעל וועט דיר הייסען, נו, לאָמיר זאָגען, וועט דיך בעטען, דוא זאָלסט וויטער פאָהרען מיט איהם?

— איך וועל איהם אָבזאָגען! איך וועל צוריקפאָהרען נאָך סען מאלאָ, וועל ווארטען נאָך אייניגע מאָנאטען, ביז זשוליעט וועט ווערען פול־יעהריג, דאַן ווען מיר הייראטהען.

— בערוהיג דיך, מיין ליעבער יונגע! האָט טרעגאַמעין געבעטען. עס האלט נאָך ניט אזוי ווייט. אלעס וועט נאָך גוט ווערען און איך וועל נאָך טאנ־צען אויף דיין האָכצייט מיט זשוליעט. מיר מוזען אָבער האָבען אביסעל געדולד מיט דעם קראנקען אָנקעל.

— ווען איך מאך שוין אָבער אזא לאנגע און שווערע רייזע, וויל איך דאָך אויך זעהן דיא לענדער, וועלכע איך בערייז, האָט פראנסוא אויסגערופען. איך וויל זעהן דיא שטעדט קאָנסטאנטין, פילופּסוויל און פיעלע אנדערע עכט פראנצויזישע שטעדט אין אלזשיר.

— און דיא שטאָדט אלזשיר אליין אויך, האָט טרעגאַמעין צוגעזעצט.

— אין אלזשיר בין איך אמאָל געוועזן.

— מען זאָגט, אז אלזשיר איז א זעהר שעהנע שטאָדט, האָט טרעגאַמעין בע־מערקט, מען האָט מיר דערצעהלט, אז דיא פראנצויזען האָבען געמאכט פון אלזשיר איינע פון דיא שעהנסטע שטעדט אין דער וועלט.

— דאָס איז אויך אמת, אלזשיר איז יעצט זעהר א שעהנע שטאָדט, אָבער סען מאלאָ איז פאר מיר פיעל שעהנער.

— ווייל זשוליעט וואָהנט דאָרט?

— גאנץ ריכטיג, מיין גוטער פריינד!

— אזוי וויא מיר מוזען אָבער איצט פאָהרען נאָך אלזשיר, ניט נאָך סען מא־לאָ, דארפען מיר זעהן און בעטראכטען דיא וואונדער פון אלזשיר, האָט טרע־גאַמעין געזאָגט רוהיג.

מיט דיעזע ווערטער האָבען זיי זיך אויסגעדרעהט און זיינען צוגעקומען צום האָטעל. זיי זיינען געקומען פּונקט אין צייט. אין דרויסען איז שוין געשטא־נען דער דיליזשאנס, דיא פערד איינגעשפּאנט און פארטיג צו דער רייזע.

זשאק דאָראן האָט בייז ארומגעשפּאציערט פאר דעם דיליזשאנס. ער האָט מורא געהאט, אז זיינע פריינד זאָלען ניט פערשפעטיגען.

איינִיגע מינוטען שפּעטער איז דער דיליזשאנס ארויסגעפאָהרען פון סוחא־ראס און איז ווידער נעפאָהרען איבער דיא ווילדעסטע געגענדען פון אלזשיר.

דאָס מאָל האָט דער אראבישער קוטשער געקענט רעדען אביסעל פראנצויזיש. דאָס איז ניט קיין וואונדער. דיא פראנצויזען האָבען געעפענט פאָלקס־שוהלען פאר דיא אראבער און פילע אָרימע אראבער, וועלכע האָבען בעזוכט דיעזע שולען, רעדען גאנץ גוט פראנצויזיש. מיט אזא קוטשער האָט זיך פראנסוא געקענט גאנץ גוט צוזאמענרעדען. ווען עס איז נאכט געוואָרען און זיי האָבען ווידער דערהערט דאָס ברומען פון א לייב, האָט פראנסוא געפרעגט דעם קוטשער:

— מאכט זיך ניט א מאָל, אז א לייב זאָל אָנפאלען אויף א דיליזשאנס?

— א לייב — זעלטען, האָט דער קוטשער געענטפערט, א לייב האָט פיינט א רויש, דאָס קלינגען פון דיא גלעקלעך פון דיא פערד איז פאר איהם זעהר אונאנגענעהם. פאר א לייב האָבען מיר קיין מורא ניט. דאָס שרעקליכסטע טהיער אין דיעזער געגענד איז דער לעאָפּארד, דיעזע גרויסע און געפעהרליכע קאַץ פון דיעזע געגענדען. איין איינציגער לעאָפּארד איז נאָך ניט געפעהרליך, ווען עס קומען זיך אָבער צונויף עטליכע — פינף, זעקס אָדער זאָגאר צעהן מיט אמאָל, ווערען זיי אזוי פרעך, אז זיי פאלען אָן אויף א דיליזשאנס.

— און וואָס טהוט מען דאמאָלס? האָט פראנסוא געפרעגט.

— מען שיסט אויף זיי, איז געווען דיא אנטוואָרט. ווען מען ציעלט גוט און מען טויטעט איינִיגע פון זיי, אנטלויפען דיא איבריגע, ציעלט מען אָבער שלעכט און מען טרעפט ניט, איז מען אין גרויס געפאהר. מיט צוויי מאָנאטען צוריק האָט פאסירט אזא געשיכטע: אויף א דיליזשאנס זיינען אָנגעפאלען עטליכע לעאָפּארדען — וויא פיעל, ווייס מען ניט גענוי, מען ווייס נור, אז זיי זיינען געשפרונגען אין דיליזשאנס. צום אונגליק, האָט נור דער קוטשער און איין פאסאזשיר געהאט פיסטאָלעטען. זיי האָבען אויסגעשאָסען, דיא לעאָפּארדען זיינען זיך צולאָפען, זיינען אָבער באלד צוריקגעקומען און זיינען ווידער אָנ־געפאלען אויף דעם דיליזשאנס. דיא פאסאזשירען האָבען זיך געפונען אין דער גרעסטער געפאהר, דיא לעאָפּארדען וואָלטען געווייס צוריסען דיא פערד און דאן אויך דיא פאסאזשירען. מיר, קוטשערס פון דיליזשאנסען, האָבען אָבער א שטרענגען בעפעהל, אז קוים זעהן מיר, אז מיר קענען זיך אנדערש ניט רעטען, מוזען מיר אָנצינדען דעם דיליזשאנס און לאָזען איהם ברענען.

— צו וואָס איז דאָס? האָט טרעגאָמעין געפרעגט.

— דיא לעאָפּארדען האָבען מורא פאר פייער, האָט דער קוטשער געענט־

פּערט, זאָלאנג דער דיליזשאַנס ברענט, שטעהען זיי פון ווייטען, ברומען און הײלען, האָבען אָבער מורא צוצוקומען.

— אָבער דאָס פייער ווערט דאָך ענדליך פערלאָשען? האָט טרענאַמעין ווייטער געפרעגט.

— אין דער צייט, ווען דער דיליזשאַנס ברענט, אנטלויפען דיא פּאַסאַ־זשירען.

— וואוהין?

— צו דער נאָהענטסטער סטאַציאָן.

— וויא אזוי אנטלויפען זיי? האָט גאָר פלוצלונג בן אָמאר געפרעגט.

— צו־פוס, האָט דער קוטשער געענטפערט.

— צו־פוס ביינאכט אין דיעזער ווילדער געגענד? האָט בן אָמאר אי־בערגעפרעגט.

ער איז געוועזן בלייך וויא קאַלך און האָט געציטערט וויא אין פיבער. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז לעאָפּאַרדען זיינען שוין אָנגעפאַלען אויף דעם דיליזשאַנס און ער מוז לויפען צו־פוס ביינאכט אין דיעזער ווילדער געגענד.

— טהוט דען דיא רעגיערונג גאָר ניט, אום צו פערטרייבען דיעזע ווילדע בעסטיען? האָט טרענאַמעין געפרעגט.

— דיא רעגיערונג טהוט אלעס, וואָס זיא קען, האָט דער קוטשער גע־ענטפערט, זיא צאָהלט פינף פראנק פאר יעדען געטויטעטען לעאָפּאַרד און צעהן פראנק פאר יעדען געטויטעטען לייב. יעדעס יאָהר טויטעט מען פיערציג־פופציג לייבען און זעקס ביז זיבען הונדערט לעאָפּאַרדען, און דארום קען מען שוין היינט פאָהרען אין דיעזער געגענד ביינאכט. מיט עטליכע יאָהר צוריק איז עס געוועזן כמעט אן אונמעגליכקייט.

מיט זיי האָט גאָר ניט פּאַסירט אויף דער רייזע. גאַנץ פריה זיינען זיי אָנגעקומען אין דער שטאָדט היפּפּאָ, א בעריהמטע שטאָדט פאר קריסטען, ווייל דאָ האָט געלעבט דער הייליגער אויגוסטין, א גרויסער געלעהרטער און א קריסטליכער הייליגער. דיא שטאָדט איז אָבער אויך הייליג פאר מאחמאדאנער, ווייל ניט ווייט פון דער שטאָדט געפינט זיך א קוואַל, אין וועלכען א גרויסער מאחמאדאנער הייליגער פלעגט זיך טובל זיין. מען זאָגט, אז ער פלעגט זיך דאָרט גאַנץ איינפאַך באָדען אין דיא גרויסע היצען, דיא מאחמאדאנער אָבער גלויבען, אז ער פלעגט זיך דאָרט נור טובל זיין אום צו קענען רעדען מיט גאָט.

אין היפּפּאָ האָט מען פערבראַכט דיא גאַנץ הייסע שטונדען פון דעם טאָג און ערשט אין אבענד איז מען אָנגעקומען אין באָן.

זשאַק דאָראַן מיט זיינע בעגלייטער זיינען אָבגעשטיגען אין אן עכט פראנ־צויזישען האָטעל און האָבען פערבראַכט דיא נאַכט. דיעזע נאַכט זיינען אלע גע־שלאָפען געשמאַק, זאָגאר זשאַק דאָראַן און זיין שוואָגער זאַמבוקאָ זיינען געוועזן

אזוי מיער פון דער רייזע, אז זיי זיינען אנטשלאָפען געוואָרען וויא דער'הרג'עטע און האָבען ווירקליך גוט געשלאָפען.

22טעם קאַפּיטעל.

ווידער אַן ענטטוישונג

וויא געשמאַק זיי זיינען געשלאָפען, האָט זיך דאָך זשאַק דאַראַן אויפגע־כאַפּט אום אכט אוהר אין דער פריה. ער האָט זיך אָנגעטהאָן און איז אראָבגע־לאָפען אין סאַלאָן. דאָרט האָט ער געפרעגט דעם הויפּט קעלנער:

— ווען געהט דער צוג פון באַן נאָך אַלזשיר?

— דער צוג? וועלכער צוג? האָט דער קעלנער געפרעגט ערשטוינט.

— דער אייזענבאהן צוג! האָט דאַראַן אויסגערופען, פערשטעהסט דוא נאָך ניט, אראבישער עזעל?

— איך פערשטעה אייך גאָר ניט, האָט דער קעלנער געענטפערט, דיא איי־זענבאהן ליניע באַן־אַלזשיר איז נאָך ניט פערטיג, זיא בויט זיך ערשט.

זשאַק דאַראַן האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגען און איז געבליבען שטעהן פערשטיינערט. מען האָט איהם געזאָגט, אז דיא ליניע איז שוין פאַרטיג און מען פאָהרט שוין אויף איהר.

ווען ער איז ענדליך געקומען צו זיך, האָט ער געפרעגט מיט א בעטענדער שטימע:

— אַלזאָ, וויא אזוי קען איך פאָהרען שנעל נאָך אַלזשיר?

— איהר קענט פאָהרען מיט'ן דיליזשאַנס אָדער מיט א שיף.

— מיט א שיף? גוט! ווען געהט אָב דיא שיף?

— פּונקט צעהן אוהר.

מעהר האָט זשאַק דאַראַן ניט געוואָלט רעדען. ער איז ארויפגעלאָפען צו זיינע קאַמעראַדען, האָט זיי אַלע אויפגעוועקט פון זייער געשמאַקען שלאָף און האָט זיי געהייסען זיך אָנטהאָן און געהן צו דער שיף.

פראַנסוא און טרעגאָמעין זיינען געווען זעהר אונצופריעדען. באַן איז דיא צווייטע גרעסטע שטאָדט אין אַלזשיר. זיי האָבען געוואָלט זעהן דיעזע אַלטע, היסטאָריש בעריהמטע שטאָדט, און יעצט טרייבט מען זיי שוין צו דער שיף.

טרעגאָמעין האָט געברומט, וויא א הונגעריגער לעאָפּארד, פראַנסוא איז געווען בייז אויף דער גאַנצער וועלט, אויף זיך אַליין און בעזאָנדערס אויף קיאַמיל פּאַשאַ מיט זיינע מיליאָנען. עס האָט זיי אָבער ווייניג געהאָלפען, זיי האָבען געמוזט זיך האַסטיג אָנטהאָן און געהן צום דאָק, וואו עס איז געשטאַנען די פּאָסט

שיף, וועלכע געהט פון באן נאך אלזשיר. זיי האבען זאגאר קיין צייט ניט געהאט צו עסען אן אנשטענדיגען פריהשטיק.

— מיר וועלען עסען אויף דער שיף, האט זשאק דאראן געזאגט מיט א שטרענגער, בעפעהלענדער שטימע.

מען האט זיך אנגעטהאן און מען איז אוועקגעגאנגען צו דער שיף.

מען איז געקומען אביסעל צו פריה.

— דאס מאכט ניט אויס! האט זשאק דאראן געזאגט, בעסער צו פריה איידער צו שפעט.

אזוי וויא דאס איז געווען א פאסט שיף, דאס הייסט, א שיף, וועלכע פיהרט דיא רעגיערונגס פאסט, איז מען געווען פינקטליך. פונקט צעהן איז דיא שיף אבגעגאנגען פון באן. עס איז געווען א דאמפף שיף, וועלכע קען אבער אויך געהן אונטער זעגעל. ווען דער ווינד וועהט אין דער ריכטיגער זייט, ציהט מען אויף דיא זעגעל. היינט געברויכט מען ניט מעהר אזעלכע שיפען, ווייל מען האט היינט אזא גוטע מאשינעריע, אז מען קען זיך בעגעהן אהן זעגעל. דאַ־מאלס, אין 1862, זיינען אלע דאמפף שיפען געווען אזוי איינגעריכטעט, אז קוים ווערט דיא מאשינעריע עפעס ניט אין ארדנונג, זאל מען קענען פאהרען מיט זעגעל.

אזא דאמפף־זעגעל־שיף געהט געוועהנליך זעהר לאנגזאם. היינט דויערט דיא רייזע פון באן נאך אלזשיר פיער שטונדען, דאמאלס פלעגט זיא דויערען צעהן־צוועלף שטונדען.

דיא רייזע אליין איז ניט ווערטה צו בעשרייבען. מען פאהרט צו ווייט פון דיא ברעגעס פון אלזשיר, אז מען זאל קענען זעהן דאס לאנד און עס בעטראכטען. מען פאהרט אבער אויך צו נאהענט צו אלזשיר, אום מען זאל קענען עס רופען א מעער־רייזע.

אום 8 אוהר אבענדס איז דיא שיף אנגעקומען אין אלזשיר. טרעגאַ־מעין און פראנסוא האבען געוואלט אביסעל בעטראכטען דיא שטאדט, וועניגסטענס דיא דאקס, וואו דיא שיפען קומען צו, אבער אלזשיר איז דאמאלס געווען זעהר שלעכט בעלייכטעט. פון עלעקטרישע לאמפען האט מען נאך דאַ־מאלס ניט געוואוסט, און דיא גאז קאמפאניע, וועלכע האט בעלייכטעט דיא שטאדט, האט געדענקט, אז דיא אראבער האבען קעצענע אויגען, זיי קענען גוט זעהען אין דער פינסטער, אלזא קענען זיי זיך בעגעהן מיט זעהר וועניג גאז לאמפען.

דאס איינציגע וואס זיי האבען געקענט בעמערקען, איז געווען, אז זיי האבען געמוזט ארויפקריכען פיעל טרעפ פון דעם דאק, ביז זיי זיינען גע־קומען אויף א גוט געפלאסטערטען שפאציער־גאנג ביים ברעג מעער, ווייטער האט מען געזעהן העל בעלייכטעטע פלעצער, אבער טרעגאמעין און פראנסוא

האָבן ניט געקענט גען אהין, ווייל זשאַק דאַראַן האָט פערלאַנגט, אז מען זאָל גען גלייך אין האָטעל.

ער האָט נאָך אויף דער שיף זיך אָנגעפרעגט אין וואָס פאַר א האָטעל ער זאָל אָבשטייגען, און מען האָט איהם רעקאָמענדירט דעם "האָטעל דע אייראָפּא". אהין האָט ער יעצט געפיהרט זיינע בעגלייטער.

ארום ניין אוהר האָט שוין יעדער געהאַט זיין צימער און זיינע זאַכען. אזוי וויא קיינער איז ניט געווען מיעד פון דער קורצער רייזע אויף'ן מעער, האָט קיינער ניט געוואָלט זיך לעגען שלאָפען אזוי פריה און יעדער האָט געזוכט עפּעס צו טהאָן.

זשאַק דאַראַן איז אראָבגעגאַנגען אין קאָנטאָר פון האָטעל פרעגען, אויב מען קען געפינען א שיף, וועלכע געהט פון אלזשיר נאָך דער בוכטע פון גווינעא. צופעליגערווייזע האָט ער דאָרט געטראָפען אן אגענט פון דער בעריהמטער פראַנצויזישער שיפס-קאָמפּאַניע "מעססאזשעריע מאַריטים". זשאַק דאַראַן האָט זיך מיט איהם צורעדט.

— וואוהין ווילט איהר פאָהרען?

— נאָך דער בוכטע פון גווינעא.

— אָבער דיעזע בוכטע איז דאָך זעהר גרויס, עס איז דאָך א גאַנצעס מעער, האָט דער אגענט בעמערקט, זאָגט מיר, אין וועלכער שטאָדט אין יע־נער געגענד ווילט איהר פאָהרען.

— נאָך לאָאַנגאָ, האָט דאַראַן געענטפערט.

— עס געהען ניט קיין שיפען פון אלזשיר דירעקט נאָך לאָאַנגאָ, האָט דער אגענט געענטפערט.

— דאָס קען ניט זיין! האָט זשאַק דאַראַן געשריען, וויא א וואהנזיניגער, לאָאַנגאָ איז דיא הויפּט-שטאָדט און דער איינציגער פּאָרט פון דעם לאַנד לאָאַנגאָ, אזוי האָט מיר געזאָגט מיין נעפע, א שטודירטער שיפסקאַפּיטאַן. דיא שטאָדט לאָאַנגאָ איז א וויכטיגע האַנדעלס שטאָדט. דיא פראַנצויזען בעציהען פון לאָאַנגאָ גומי (ראָבער), פּאַלמעהל און עלעפאַנטביין. אלזאָ מוזען דאָך געהן שיפען דירעקט נאָך לאָאַנגאָ.

— דאָס איז אלעס גאַנץ ריכטיג, האָט דער אגענט געענטפערט, עס געהען אמאָל פראַנצויזישע שיפען פון מאַרסעיל נאָך לאָאַנגאָ, אָבער זיי געהען ניט רע־געלמעסיג און עס זיינען ניט קיין פּאַסאַזשיר שיפען, נאָר פראַכט שיפען.

זשאַק דאַראַן איז געבליבען זיצען וויא פערשטיינערט. דאָס האָט ער געוויס ניט געטרוימט: אום צו פאָהרען נאָך לאָאַנגאָ, וועט ער גאָר מוזען צוריק־פאָהרען נאָך פראַנקרייך און וואַרטען אין מאַרסעיל אזוי לאַנג ביז עס וועט אוועקפאָהרען א שיף נאָך לאָאַנגאָ.

איינינגע מינוטען איז ער געזעסען וויא א צומישטער. אויף אזא שווירינ־

קיין האָט ער זיך ניט געריכט. ענדליך איז ער דאָך געקומען צו זיך און האָט געפרעגט דעם אַגענט:

— קענט איהר מיר ניט געבען אַן עצה, וואָס איך זאָל טהאָן? איך מוז זיין אין לאַאַנגאַ אזוי שנעל, וויא נור מעגליך. מוז איך פאָהרען נאָך מארסעיל, אום צו קריעגען א שיף נאָך לאַאנגאַ? איז שוין גאָר ניטאָ קיין אנדער מיטעל אהין צו קומען?

דער אגענט האָט געטראַכט איינינע מינוטען, דאן האָט ער אויסגערופען:

— עס איז דאָ א מיטעל, אָבער ווען איהר ווילט אָננעהמען מיין ראטה, מוזט איהר זיך צואיילען.

— פון איילען זיך איז גאָר קיין רעדע ניט! האָט דאָראן געשריען, איך אייל מיך שוין געגוג, איך האָב גאָר קיין צייט ניט.

— דאן איז מיין ראטה, איהר זאָלט פאָהרען נאָך דאָקאר, דיא גרעסטע האנדעלס און פּאָרט שטאָדט אין סענעגאמביען. פון דאָקאר נאָך לאַאנגאַ איז שוין גאָר ניט וויט. מען קען דאָרט שטענדיג קריעגען א פּאָרטוגעזישע שיף נאָך לאַאנגאַ.

— און וואו נעהמט מען א שיף נאָך דאָקאר? האָט דאָראן געפרעגט.

— מאָרגען גאַנץ פריה, פּונקט זעקס אוהר, געהט אָב דער דאמפּפער "קאַטאַלאָן" פון אַלזשיר נאָך דאָקאר. ווען איהר ווילט פאָהרען מיט דעם "קאטאַלאַן", מוזט איהר נאָך היינט ביינאַכט זיך פערזאָרגען מיט שיפּסקארטען און מיט קאיוטען. דאָס בעסטע וואָלט געווען, איהר זאָלט נאָך היינט ביינאַכט זיך אויפזעצען אויף דעם דאמפּפער, ווייל ער געהט אָב פּונקט 6 אוהר אין דער פריה.

— און וואו קען איך קריעגען שיפּסקארטען אויף דעם "קאטאלאן"?

— דאָס קען איך אייך בעזאָרגען.

— ווארט אוים אייניגע מינוטען! האָט דאָראן געבעטען. איך וועל באלד אראָבקומען מיט געלד אויף שיפּסקארטען.

ער איז ארויפגעלאָפען וויא א שטורמווינד צו זיין שוואָגער זאמבוקאָ און האָט מיט איהם איבערגערעדט, וואָס זיי זאָלען טהאָן.

— פרעגט אייך אָן ביי אייער געפע, ער וויים דאָך געוויס גאַנץ גוט, וואו עס געפינט זיך דיא שטאָדט דאָקאר, האָט זאמבוקאָ געזאָגט.

אונטערדעסען איז פראנסוא געזעסען אין זיין צימער און האָט געשריעבען א לאנגען בריעף צו זיין געליעבטער זשוליעט. מען קען זיך לייכט דענקען וויא איבערראשט דער אָרימער פראנסוא איז געוואָרען, ווען זיין אָנקעל איז גאָר פּלוצלונג, אָהן זיך אָנצומעלדען, אָהן אָנצוקלאפּען אין דער טהיר, אריינגעלאָפען צו איהם אין צימער און האָט א געשריי געטהאָן:

— וואו געפינט זיך דיא שטאָדט דאָקאר?

— אין סענעגאמביען, האָט פראנסוא געענטפערט.
— און וויא ווייט איז עס פון דאַקאר נאָך לאָאנגאָ?
— עפּעס מעהר אלס פינף הונדערט מעער־מיילען.
— קען מען שטענדיג קריגען א שיף פון דאַקאר נאָך לאָאנגאָ?
— איך ווייס ניט גענוי, ווייל אין יענע געגענדען פאָהרען אם מייסטען פאָרטוגעזישע שיפען.
— דאן פאָהרען מיר מאָרגען נאָך דאַקאר.
— וויא איהר פערשטעהט, אָנקעל.
זשאק דאַראן האָט שוין ניט געהערט דיא לעצטע ווערטער פון זיין נעפע. ער איז אריינגעלאָפען אין זאמבוקאָ'ס צימער, האָט זיך מיט איהם בעראטהען איינינע מינוטען, דאן זיינען ביידע אראָבגעגאנגען צום אגענט פון דער "מעס־סאזשעריע מאריטים".
דער אגענט איז געווען א גוטמוטהיגער, עהרליכער מאן. ער האָט טאקע געוואָלט פערדיענען ביי דיא שיפסקארטען, אָבער ער האָט ערקלעהרט ביידע שוואָגערס, אז צו דיעזער רייזע מוזען זיי זיך אביסעל פאָרבערייטען, ווייל מען פאָהרט אריבער דעם עקוואטאָר, דיא הייסעסטע געגענד אין דער וועלט, מען מוז אלזאָ האָבען אויף דיעזער רייזע גאנץ גענוג לייכטע, ווייסע, לינענע אָדער בוימוואָלענע קליידער און נאָך איינינע אנדערע זאכען. דאָס אלעס מוז מען קויפען, מען מוז זיך פאָרבערייטען, זאָנסט קען מען ליידען שרעקליך פון דער היץ.
— און וואו נעהמט מען אלע דיעזע זאכען?
— מען קען זיי קויפען אין אלזשיר, האָט דער אגענט געענטפערט, עס איז שוין אפילו ניט פריה, פיעלע מאגאזינען זיינען שוין געשלאָסען, אָבער אזוי וויא איהר ווילט אונבעדינגט פאָהרען מיט דעם "קאטאלאן" וועל איך געהן מיט אייך זוכען, פיליכט וועלען מיר נאָך געפינען מאגאזינען, וואו מען קען קויפען דיעזע זאכען.
— קומט, פריינד! איך וועל אייך דאנקבאר זיין, ווען איהר וועט מיר העל־פען איינצוקויפען אלעס נויטהיגע פאר דער רייזע מיט דעם "קאטאלאן", האָט דאַראן אויסגערופען.
זשאק דאַראן, זאמבוקאָ און דער אגענט זיינען אוועקגעגאנגען איינקויפען דיא נויטהיגע זאכען און זיך בעזאָרגען מיט שיפסקארטען.
קיינער פון זיי האָט ניט בעמערקט, אז לעבען א טישעלע ניט ווייט פון זיי איז געזעסען נאזים בן אבדאללאה, בן אָמאר'ס שרייבער. ער האָט אויסגע־הערט אלעס, וואָס זשאק דאַראן האָט גערעדט מיט דעם אגענט, און קוים זיינען זיי אוועקגעגאנגען, איז ער ארויסגעגאנגען און האָט זיך אָנגעפרעגט

ביים ערשטען בעסטען אראבער, וואו עס געפינט זיך דיא קאַנטאָר פון דער קאָמפּאַניע "מאססאזשעריע מאריטים".

— ווען דיא פּערדאמטע פראנצויזען קענען קריעגען שיפסקארטען אויף דעם "קאטאלאן", וועל איך אויך קריעגען שיפסקארטען פאר זיך און בן אַמאַר׳ען, האָט ער געזאָגט צו זיך אליין.

און ער האָט אויך געקראָגען אלעס וואָס ער האָט געדארפט.

פראנסוא און טרעגאַמעין האָבען ניט אַנגעהויבען צו וויסען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. פראנסוא האָט געשריעבען זיין בריעף צו זשוליעט און טרעגאָמעין איז ארויסגעגאנגען אביסעל שפּאַציערען און בעטראכטען דיא גאס פון אלזשיר, וואו דער האָטעל האָט זיך געפונען.

ענדליך האָט פראנסוא געענדיגט זיין בריעף און איהם פארטיג געמאכט איהם מאָרגען אויפצוגעבען אויף דער פּאָסט. דאן האָט ער געפיהלט, אז ער ווערט שלעפעריג און ער האָט זיך געלעגט שלאָפען.

קוים זיינען זיי אנטשלאָפען געוואָרען, האָבען זיי דערהערט קלאפען אין דער טהיר.

— וואָס איז דאָס? האָט פראנסוא אויסגערופען. ווער וועקט עס מיך? האָט ער זיך געבייזערט.

— איך בין עס, פראנסוא, האָט זשאק דאָראן געענטפערט, שטעה אויף און טהו זיך אָן.

— אזוי פריה? וואָס איז דען געשעהן?

— טהו זיך אָן שנעל! מיר פאָהרען באלד אוועק.

— וואוהין?

— נאָך דאָקאר.

— אויף וואָס פאר א שיף?

— אויף דעם דאמפפער "קאטאלאן".

פראנסוא האָט געמוזט אויפשטעהן און זיך אָנטהאָן.

עטוואָס שווערער איז עס געווען מיט טרעגאָמעין. ווען זשאק דאָראן האָט איהם אויפגעוועקט פון זיין געשמאקען שלאָף און האָט איהם געזאָגט, אז זיי פאָהרען באלד אוועק, איז דער גוטער טרעגאָמעין בייז געוואָרען און האָט אויסגערופען:

— שעהם זיך, זשאק! איך האָב דאָך זאָגאר ניט געזעהן איין גאס אפילו פון אלזשיר! הייסט דאָס מאכען א רייזע, ווען מען קומט אין אזא שטאָדט וויא אלזשיר און מען קען זיא זאָגאר ניט זעהן? איך פאָהר ניט! איך וועל בלייבען ווייניגסטענס צוויי טעג אין אלזשיר.

זשאק דאָראן האָט געמוזט איהם ערקלערען, אז ווען זיי פאָהרען ניט

באלד מיט דעם "קאטאלאן", וועלען זיי מוזען ווארטען אין אלזשיר א גאנצען מאנאט, ביז א צווייטע שיף וועט געהן נאך דאקאר.

— אבער וואו איז דען דאקאר?

— דאס וועט דיר פראנסוא ערקלערען.

עס האט גאר ניט געהאלפען. מען האט געמוזט זיך אנטהאן, איינפאקען אלע זיעבען זאכען און געהן צום דאק, וואו דער "קאטאלאן" איז געשטאנען.

פראנסוא האט קוים צייט געהאט אריינצוווארפען זיין בריעף אין דעם בריעף־קאסטען, וועלכער האט זיך געפונען אין האטעל.

אויפ'ן וועג צום דאמפפער האט ערשט טרעגאמעין אויסגעגאסען זיין ביטער הארץ.

— זיין אין אלזשיר און ניט זעהן דיעזע אלטע, בעריהמטע שטאדט, מיט וועלכער פראנקרייך שטאלצירט! האט ער זיך בעקלאגט.

— דאס איז געווים זעהר טרויעריג, האט פראנסוא געענטפערט, וואס קען מען אבער טהאן? דער דאמפפער געהט אב אין א שטונדע ארום, מיר מוזען פאהרען.

— און וואוהין פאהרען מיר?

— נאך דאקאר.

— וואו איז עס דאקאר?

— אין סענעגאמביען.

טרעגאמעין האט געוואלט נאך עפעס פרעגען, אבער באלד האבען זיי דערזעהן דיא שווארצע מאסע פון דעם דאמפפער שטעהן ביים דאק. פון זיין גרויסען שווארצען קוימען איז ארויסגעגאנגען א געדיכטער רויך. עס האט נור וואס אנגעהויבען צו טאגען און מען האט געקענט זעהן דייטליך דעם גרויסען דאמפפער זיך שאקלען אויף דיא בלויע וואסערען פון דעם מיטעללענדישען מעער.

איידער זיי האבען צייט געהאט זיך אומצוקוקען און צו בעטראכטען דעם דאמפפער, האבען דיא דיענער פון דער שיף זיי ארויפגעפיהרט אויפ'ן דעק און יעדען אריינגעפיהרט אין זיין קאיוטע. פראנסוא און טרעגאמעין האבען געהאט איין קאיוטע, זשאק דאראן און זיין שוואגער א צווייטע, בן אמאר און סואד פאשא א דריטע.

זיי האבען קוים צייט געהאט זיך איינצוארדנען און זיך אומצוקוקען אויף דער שיף, ווען דיא גרויסע דאמפפ פייף האט געגעבען א סיגנאל, מען זאל אויפהויבען דעם אנקער און אבבינדען דיא שיף פון דאק.

אייניגע מינוטען שפעטער האט דיא גרויסע שרויבע פון דער שיף אנגעהויבען זיך צו דרעהען, דיא גאנצע שיף האט א ציטער געטהאן און א גרוי־

סער ווייסער פּאָס שוים האָט זיך געוויזען אויף דעם וואַסער. דער "קאַטאַלאַן" איז אָבגעפאָהרען פון אַלזשיר.

עס איז טאָג געוואָרען, טרעגאַמעין און פראַנסוא האָבען געקענט זעהן לאַנגע גאַסען מיט ווייסע הייזער, איינינגע ווילאַס אויף דיא בערגלעך, דיא לעצטע ווילאַס פון אַלזשיר.

קוים איז מען אַרויסגעפאָהרען אין מעער, האָט בן אַמאַר אָנגעהויבען צו ליידען פון דער זעע־קראַנקהייט אַזוי שטאַרק, אַז טרעגאַמעין האָט בעקומען מיטלייד מיט איהם און האָט אָנגעהויבען איהם צו ראַטהען, וואָס ער זאָל טהאָן, אָבער דער אונגליקליכער בן אַמאַר האָט עס ניט געוואָלט הערען און האָט פערדאַמט און פערפלוכט אַלע מעגליכע און זאָגאַר אַלע אונמעגליכע פּאַשאַס אין דער וועלט, וועלכע צווינגען מענשען צו פאָהרען זוכען ווייטע אינזלען.

עס איז אַ פאַקט, אָבוואָהל מען קען איהם ניט ערקלערען, אַז ווען אַ שיף געהט אָב גאַנץ פריה, קענען דיא פּאַסאַזשירען ניט שלאָפען, עפּעס ווילט זיך זיי זעהען, עפּעס ציהט זיי צו שטעהן אויף'ן דעק, עפּעס לאָזט זיי ניט אַריינגעהן אין זייערע קאַיוטען. דאָסזעלבע האָט יעצט פּאַסירט מיט דיא פּאַסאַזשירען פון דעם "קאַטאַלאַן". פיעלע פון זיי האָבען פאַריגע נאַכט גאָר ניט אָדער זעהר וועניג געשלאָפען, און דאָך זיינען יעצט אַלע געשטאַנען אויף'ן דעק און האָבען געקוקט אויף'ן מעער און אויף דער געגענד פון אַלזשיר, וועלכע מען קען נאָך זעהן.

זאַגאַר זשאַק דאַראַן און זאַמבוקאַ זיינען געשטאַנען אויף'ן דעק און האָבען געערדעט שטילערהייט. זייט זיי זיינען אָנגעקומען אין אַלזשיר, האָבען זיך ביידע שוואָגערס געהאַלטען פעסט איינער לעבען אַנדערען און פלעגען רעדען נור איינער צום אַנדערען, גלייך וויא זיי וואָלטען געוועזען בעקאַנט און בע־פריינדעט פון קינדסווייז אָן.

— איך בין העכסט צופריעדען, וואָס מיר פאָהרען יעצט מיט דעם "קאַטאַלאַן", האָט זשאַק דאַראַן געזאָגט, דאָס איז געוועזען דאָס איינציגע מיטעל אונז צו ברענגען צום ציעל.

— דאָס איז שוין גאַנץ ריכטיג, האָט זאַמבוקאַ געענטפערט, וואָס וועלען מיר אָבער טהאָן, ווען מיר וועלען קומען נאָך דאַקאַר? דאָס איז ניט קיין אייראָפּעאישע האַנדעלס שטאָדט, פיללייכט געפינען מיר דאָרט ניט אַזוי שנעל אַ שיף נאָך לאַאַנגאַ?

— איך האָב וועגען דעם געטראַכט, האָט דאַראַן געענטפערט, דאַקאַר איז אַ לעבעדיגער האַנדעלס פּאָרט, עס געפינען זיך שטענדיג אין איהם פּאָר־טוגעזישע וואַנדער־שיפען אָדער "טרעמפּ־שיפען", וויא דער ענגלענדער רופט זיי, דאָס הייסט, שיפען, וועלכע פאָהרען ניט אַ געוויסען וועג הין און צוריק,

נאָר וואוהין מען דינגט זיי. מיר קענען זעהר לייכט אָבדינגען א שיף און פאָהרען זוכען אונזער אינזעל. מיין נעפע פראנסוא וועט פיהרען דיא שיף. דער שיפסקאפּיטאן וועט זיין העכסט צופריעדען, וואָס אן אנדערער וועט טהאָן זיין ארבייט.

— איהר האָט רעכט, מיין ליעבער שוואָגער, האָט זאמבוקאָ גזאָגט העפ־ ליך.

דערווייל איז דער ״קאטאלאן״ ווייטער געפאָהרען. זיין מעכטיגע שרויבע האָט זיך איינגעגראָבען אין דיא וואסערען און האָט געטריבען דיא שיף פאָרווערטס.

עס איז געווען א שעהנער טאָג, א הייסער טאָג, וויא עס קען נאָר זיין אין יענע געגענדען אין מאָנאט יוני. טרעגאָמעין און פראנסוא האָבען געוואָלט בעטראכטען דיא פּאסאזשירען אויף דעם ״קאטאלאן״ און, ווען עס וועט מעג־ ליך זיין, מאכען בעקאנטשאפטען. דיא פּאסאזשירען זיינען אָבער געווען פאָר־ טוגעזען, אייניגע אראבישע קויפלייטע, פיעלע נעגער פון סענעגאמביען, אייניגע קויפלייטע פון סענעגאל און אייניגע פראנצויזישע אָפיציערען, וועלכע זיינען גע־ פאָהרען צו זייערע באטאליאָנען, וועלכע זיינען געשטאנען אין פערשיעדענע שטעדט פון וועסט אפריקא.

טרעגאָמעין און פראנסוא האָבען זיך באלד איבערציינט, אז זיי געפינען זיך אין א גאנץ נייער וועלט, צווישען גאנץ נייע מענשען, מיט וועמען עס איז געווען זעהר שווער זיך צו בעקענען. מיט אייניגע האָבען זיי ניט געקענט זיך צונויפריידען, מיט אנדערע איז עס ניט ווערטה געווען זיך צו בעקענען.

טראָץ דעם זיינען זיי געבליבען אויף׳ן דעק, ביז דער גלאָק האָט געמעל־ דעט, אז עס איז מיטאָג־צייט. מען איז אראָבגעגאנגען אין עס־צימער און אלע, אויסער בן אָמאר׳ען, האָבען זיך געזעצט עסען ביי איין טיש.

דעם אנדערען טאָג איז דער ״קאטאלאן״ פארבייגעפאָהרען דאָס קייז־ זערטהום מאראָקאָ. מען האָט געקענט זעהן פון ווייטען דיא הויכע בערג גאט־ לאס, אויך דיא שטאָדט טעטואָן, דיא וויכטיגסטע פּאָרט שטאָדט פון מאראָקאָ, האָט מען געזעהן פון דער ווייטען, אָבער דער ״קאטאלאן״ איז ניט אריינגע־ פאָהרען אין דיעזען פּאָרט. עטליכע מייל ווייטער האָט מען דערזעהן דיא שטאָדט סעאוטא, א שפּאנישע פעסטונג אין אפריקא. יעצט איז דער ״קאטאלאן״ אריינ־ געפאָהרען אין דיא מעער־ענגע פון גיבראלטאר, א שמאָלער פּאס וואסער, וועל־ כער פעראייניגט דאָס מיטעללענדישע מעער מיט דעם אטלאנטישען וועלט־ מעער. גיבראלטאר איז א שטיינערנער בארג אין שפּאניען, וועלכער געהערט צו ענגלאנד.

דיא ענגלענדער האָבען אָבגענומען דיעזע זאנדערבארע נאטור־פעסטונג,

ווייל מיט דיעזער פּעסטונג בעהערשען זיי דעם אריינגאנג אין מיטעללענדישען מעער.

פראנסוא איז געווען גוט בעקאנט מיט דיעזער געגענד. ער איז שוין ניט איין מאָל דורכגעפאָהרען דיא מעער־ענגע פון גיבראלטאר.

ער איז געשטאנען אין א ווינקעלע אויף'ן דעק און האָט געקוקט אויף דאָס ווייטע, אונענדליכע אטלאנטישע וועלט־מעער. טרעגאָמיען איז צוגעקומען צו איהם און האָט איהם געפרעגט:

— פאר וואָס ביזט דוא אזוי פערטראכט און אזוי טרויעריג?

— איך טראכט, אז עס וואָלט פיעל גלייכער געווען, מיר זאָלען פון דאנען פאָהרען אהיים, האָט פראנסוא געענטפערט, עס איז פיעל נעהנטער פון דאנען נאָך סען מאלאָ וויא נאָך דאָקאר.

— איך דענק אויך אזוי... וואָס טהון מיר? וואוהין פאָהרען מיר דען?

— צום טייפעל! האָט פראנסוא געענטפערט בייז.

— דאָקאר איז נאָך ניט דער טייפעל, איך האָב געהערט, אז פון דאָקאר קען מען שטענדיג קריגען א שיף נאָך מארסעיל.

— קענען קען מען שוין, וועט ער אָבער וועלען פאָהרען צוריק אהיים? האָט זיך פראנסוא געקאָכט. ער זוכט דאָך זיינע מיליאָנען.

דערביי איז פראנסוא אויפגעשפרונגען, וויא אן אָבגעבריהטער און האָט ווייטער אויסגערופען:

— ווייסט איהר דען וואָס דאָקאר איז? דאָקאר איז אן עכט אפריקאנישע שטאָדט, אויף וועלכער פראנקרייך האָט איינזיגע פּרעטענזיאָנען, אָבער פּאָר־טוגאל בעהויפּטעט, אז דאָס גאנצע לאנד געהערט צו איהר. דאָקאר איז א שטאָדט פון האלב־ציוויליזירטע, ריכטיגער נאָך, פון האלב־ווילדע מענשען. ווער וויים, אויב מיר וועלען דאָרט קענען בעקומען א שיף נאָך לאָאנגאָ. פון דאָקאר נאָך לאָאנגאָ איז א שטרעקע פון מעהר אלס טויזענד מייל.

— אָבער דאָך... זשאק טרויסט דאָך, אז אם ענדע וועט ער דאָך געפי־נען דיא מיליאָנען פון קיאמיל פּאשא.

— אך, דיעזע מיליאָנען! טרויעריג איז עס, ווען א מענש נעהמט זיך אריין אין קאָפּ צו געפינען אָדער צו מאכען מיליאָנען! דאָס גליק איז א זאָנ־דערבארע פרוי: וואָס מעהר מען זוכט זיא, וואָס מעהר מען לויפט איהר נאָך, אלץ מעהר אנטלויפט זיא, אלץ מעהר דערוויימערט זיא זיך. גראדע דאן, ווען מען זוכט זיי ניט, קומען זיי, דיעזע מיליאָנען. לערענט דיא וועלט געשיכטע, שטודירט דיא לעבענס־בעשרייבונג פון אלע רייכע מענשען און איהר וועט זיך איבערצייגען, אז זייער רייכטהום איז געקומען צו זיי אונערוואַרטעט, ווען זיי האָבען זיך גאָר ניט גערעכנט אויף איהם. מיליאָנען קומען אליין צולויפען און בעטען זיך, מען זאָל זיי אויפהויבען, צונויפשארען און אָנזאמלען אין דיא

קעלערס. ווער עס האט געזוכט מיליאנען, ווער עס איז נאבגעלאפען נאך מיליא־נען, דער האט זיי קיין מאל ניט בעקומען.

— אבער קיאמיל פאשא'ס מיליאנען זיינען דאך געקומען צו איהם, צו זשאק דאראן? האט טרעגאמעין זיך ערלויבט צו פרעגען.

— מיין עלטער־עלטער־אנקעל, טהאמאס דאראן וואלט פיעל בעסער גע־טהאן, ווען ער וואלט געלאזען קיאמיל פאשא שטארבען אויף דעם ברעג מעער לעבען יאפא, האט פראנסוא געענטפערט.

טרעגאמעין האט געזעהן, אז פראנסוא איז היינט עפעס זעהר אויפגע־רעגט, און ער האט ניט געוואלט איהם נאך מעהר אויפרעגען. אום אבצוא־ווענדען דעם געשפרעך, האט ער א פרעג געטהאן:

— וואס איז דאס? איך זעה דארט עפעס א זאנדערבארע געביידע.

— דאס איז דער לייכט־טהורם פון ספארטעל, דיא ערשטע סטאציאן אין דעם לאנד סענעגאל, וועלכעס געהערט צו פראנקרייך.

— און וויא הייסט דיא הויפט־שטאדט פון סענעגאל?

— סען לואי.

— ווארום הייסט זיא סען לואי?

— צו עהרע פון דעם פראנצויזישען קעניג לודוויג אדער לואי דער נייני־טער, אדער לואי דער הייליגער, א פרומער פראנצויזישער קעניג, וועלכער איז געווען געפאנגען אין אפריקא.

— איז סענעגאל א גרויס לאנד?

— עס איז גרעסער פון פראנקרייך, אבער עס האט קוים צוויי הונדערט טויזענד איינוואהנער, מייסטענס נעגער אדער האלב נעגער. עס איז א רייך לאנד, א שעהן לאנד, דער קלימאט אבער איז טויטליך פאר אייראפעער. דער שטארקסטער אייראפעער קען ניט אויסהאלטען מעהר וויא צוויי יאהר אין סען לואי. דערפאר געפינען זיך אויף אונזער שיף אזוי פיעל פראנצויזישע אפיציערען. זיי האבען געמוזט פאהרען נאך אייראפא צו ערהאלען זיך און זיך אויסרוהען פון דעם אבשייליכען קלימאט, און יעצט פאהרען זיי צוריק.

דיא רייזע פון אלזשיר נאך דאקאר האט געדויערט גאנצע ניין טעג. ערשט אויף דעם צעהנטען טאג איז דער "קאטאלאן" אנגעקומען אין דאקאר.

23טעם קאפיטעל.

אין דאקאר

דאקאר איז א גאנץ אלטע שטאדט אין דעם לאנד סענעגאמביען. דיא רוי־מער האבען אבגענומען דאקאר נאך פאר דער קריסטליכער צייט רעכנונג,

שפעטער האָט זיך ארום דאָקאר געגרינדעט א פרייע רעפּובליק פון אראבער און זיא האָט געהייסען גאָרעא. זייט 1857 געהערט דאָקאר און דאָס לאנד ארום צו פראנקרייך. דיא הויפּט שטאָדט פון דיעזען לאנד הייסט נאָך ביז היינ־טיגען טאָג גאָרעא אָדער גאָרעע, וויא דיא פראנצויזען שפּרעכען עס אויס. דאָקאר איז אָבער דיא איינציגע פּאָרט שטאָדט און דיא גרעסטע האנדעלס שטאָדט פון דיעזער פּראָווינץ.

דאָקאר איז ניט קיין גרויסע שטאָדט. זיא צעהלט אין גאנצען עלף הונ־דערט איינוואָהנער. עס איז אויך ניטאָ פיעל וואָס צו זעהן אין דאָקאר. דיא איינציגע מערקווירדיגקייט פון דיעזער שטאָדט איז איהר פּארק, וואו עס וואקסען אלע זעלטענע בוימער און אלע זעלטענע בלומען פון גאנץ אפריקא. עס איז אייגענטליך גאָר קיין פּארק ניט, נאָר א זעלטענער באָטאנישער גאָר־טען, וואו פראנצויזישע געלערענטע האָבען אָנגעזאמעלט דאָס בעסטע, דאָס שעהנסטע און דאָס זעלטענסטע אין אפריקא.

אויסער דעם גאָרטען געפינט זיך אין שטאָדט א ציטאדעלע, א קליינע פעסטונג, וואו עס האלטען זיך אויף דיא פראנצויזישע סאָלדאטען.

לאנג בלייבען אין דאָקאר איז זעהר געפעהרליך פאר אן אייראָפּעער, ווייל אין דאָקאר קומט פאָר זעהר אָפט דאָס געלע פיעבער, דיעזע געפעהרליכע קראנקהייט, וועלכע פערניכטעט א מענשען אין אייניגע שטונדען, און געגען וועלכער דיא וויסענשאפט האָט נאָך ביז אהער קיין מיטעל ניט אויסגעפונען. נור דיא עכטע אפריקאנישע נעגער קענען אויסהאלטען דעם מערדערישען קלי־מאט פון דאָקאר.

און דאָך איז דאָקאר א זעהר וויכטיגער האנדעלס פּונקט אין אפריקא.

אלע נעגער פון טויזענדער מיילען ארום ברייננגען נאָך דאָקאר פּאלם אויל, עלעפאנטביין, גומי (ראָבער), אינדיגאָ, בוימוואָל און פיעלע אנדערע פּראָדוק־טען. עס געפינען זיך אין דאָקאר שטענדיג אייניגע טויזענד נעגער פון דיא געגענדען ארום, און ווען איינער וויל זיך בעקענען מיט פערשיעדענע נעגער פון וועסט אפריקא, קען ער האָבען דיא בעסטע געלעגענהייט דערצו אין דאָקאר.

קוים זיינען אונזערע רייזענדע אָנגעקומען אין דאָקאר, זיינען דאָראן און זאמבוקאָ געגאנגען צו דעם אגענט פון דער פראנצויזישער שיפס קאָמפּאניע און האָבען איהם געפרעגט:

— קען מען ניט קריעגען א שיף פון דאנען נאָך לאָאנגאָ?

—יעצט ניט, איז געווען דיא אנטוואָרט, עס געהן שיפען נאָך לאָאנגאָ העכסטענס איין מאָל אין מאָנאט, זיי זיינען אָבער אזוי אונרעגעלמעסיג און אזוי ניט זיכער, אז עס איז אונמעגליך צו זאָגען פאר געווים, ווען אזא שיף וועט אָנקומען.

— ערוואַרטעט איהר וועניגסטענס אזא שיף?

— איך ערוואַרטע אַ פּאָרטוגעזישען דאַמפּפער ניט פריהער פון אַכט טאָג פון היינט, איז געווען דיא אַנטוואָרט.

— געהן ניט שיפען פון דאַקאַר אין אַן אַנדער פּאָרט שטאָדט, נעהענטער צו לאָאַנגאַ?

— עס געהט אַ שיף איין מאָל אין וואָך פון דאָנען נאָך פריטאַן, דיא הויפּט שטאָדט פון דעם לאַנד סיעררא לעאָנע, וועלכעס געהערט צו ענגלאַנד, אָבער פון דאָרט נאָך לאָאַנגאַ איז נאָך אַ ווייטער וועג און פון סיעררא לעאָנע נאָך לאָאַנגאַ איז פיעל שווערער צו בעקומען אַ שיף, וויא פון דאַקאַר נאָך לאָאַנגאַ.

— אַלזאָ, וואָס פאַר אַ ראַטה גיט איהר מיר? האָט זשאַק דאָראַן אויסגערופען, איך מוז זיין אין לאָאַנגאַ וויא אַם שנעלסטען.

— איך קען אייך גאָר ניט העלפען, האָט דער אַגענט געענטפערט, איהר מוזט בלייבען אין דאַקאַר ביז עס וועט אָנקומען דיא שיף, וואָס געהט נאָך לאָאַנגאַ.

זשאַק דאָראַן האָט פערביסען מיט דיא ליפּען און איז אַוועקגעגאַנגען פון דעם אַגענט בייז און אונצופריעדען. ער האָט זיך געביסען דיא ליפּען, וויא אַ לייב בייסט דיא אייזערנע שטאַנגען פון זיין שטייג. ער וויל זיי צובייסען, ער וויל זיי צוברעכען, זיי זיינען אָבער שטאַרקער פון איהם.

בלייבען אַ גאַנצע וואָך אין דאַקאַר איז געווען דאָס שרעקליכסטע, וואָס האָט געקענט פּאַסירען. ביידע שוואָגערס, זשאַק דאָראַן און זאַמבוקאָ האָבען זאָגאַר ניט געוואָלט זעהן און בעטראַכטען דיא שטאָדט. צו וואָס טויג עס זיי? צו וואָס דאַרפען זיי עס? זיי דאַרפען דיא מיליאָנען פון קיאַמיל פּאַשאַ, אָבער ניט זעהן און בעטראַכטען דיא שטאָדט דאַקאַר.

טרעגאַמעין און פראַנסואַ דאַגעגען זיינען געווען צופריעדען, וואָס זיי קענען זיך אַביסעל אָברוהען, וואָס מען טרייבט זיי ניט ווייטער צו פאָהרען. זיי האָבען זיך אויסגערוהט אין האָטעל און זיינען דאַן אַרומגעגאַנגען בעטראַכטען דיא שטאָדט.

דיא זון האָט געברענט וויא פייער, טרעגאַמעין האָט געמוזט אָנטהאָן זיין טאַשענטוך אונטער זיין הוט אום זיך צו שיצען פון דער ברענענדער זון. זיי זיינען צוגעגאַנגען צום ברעג, ווייל זיי האָבען גערעכענט, אַז ביים מעער דאַרף עס זיין אַביסעל קיהלער.

— אַך, וויא הייס! האָט טרעגאַמעין אויסגערופען, איך וואָלט ניט געקענט לעבען אין דיעזע הייסע געגענדען.

— דאָס איז ניט הייס, האָט פראַנסואַ געענטפערט. מיר וועלען ערשט האָבען היץ, ווען מיר וועלען קומען אויף דעם עקוואַטאָר. ערשט אין לאָאַנגאַ וועט איהר וויסען, וואָס עס הייסט הייס.

— דאן וועל איך אין גאנצען צושמאַלצען ווערען, האָט דער עקס־קאפּיטאן פון א בארקע געזאָגט.

— איהר האָט ניט ווילענדיג געזאָגט א ווארהייט, האָט פראנסוא בעמערקט, אין דיא הייסע לענדער געפינט מען זעלטען א פעטען מענשען, אלע זיינען מאָגער, ווייל דיא היץ צושמעלצט זייער שמאַלץ.

— דאן זיינען מיר וועניגסטענס זיכער, אז דיא ווילדע נעגער וועלען אונז ניט אויפפרעסען . . . זיינען נאָך דאָ מענשען פרעסער אין דיא געגענדען ארום גווינעא ?

— ביי דיא ברעגעס פון מעער געוויס ניט, האָט פראנסוא געענטפערט, ווייטער אין לאנד און אויף פיעלע אינזלען זיינען נאָך דאָ פיעלע נעגער פעלקער, וועלכע עסען מענשען־פלייש.

— פאר וואָס עסען זיי מענשען־פלייש ? האָט דער גוטער טרעגאָמעין געפרעגט.

— ווייל זיי זיינען גרויסע פילאנטראָפּען, האָט געענטפערט פראנסוא.

דער איינפאכער מאטראָז פון א פראנצויזישער בארקע האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגען. ער האָט ניט פערשטאנען דעם וויץ. פראנסוא האָט געמוזט עס איהם ערקלעהרען :

— פילאנטראָפּ הייסט איינער, וועלכער האָט ליעב מענשען. דיא מענשען־פרעסער פון אפריקא עסען ניט מענשען, ווייל עס פעהלט זיי אוים שפייז, נאָר ווייל זיי ליעבען מענשען־פלייש, ווייל מענשען־פלייש איז ביי זיי דיא בעסטע דעליקאטעסע.

— עסען זיי אויך דאָס פלייש פון ווייסע מענשען ?

— דאָס פלייש פון ווייסע מענשען איז ביי זיי פיעל ליעבער, וויא דאָס פלייש פון א שווארצען.

— און אין אזעלכע געגענדען האָט דער וואהנזיניגער קיאמיל פאשא בעהאלטען זיינע מיליאָנען !

דערמיט האָט מען פערבראכט דיא צייט אין דאָקאר, אָבער טרעגאָמעין און פראנסוא פלעגען וועניגסטענס ארומגעהן אין שטאָדט, זעהן און בעטראכטען אלעס, וואָס איז ווערטה געווען צו זעהן און צו בעטראכטען.

לאנגווייליגער און טרויעריגער האָבען פערבראכט דיא צייט זשאק דאראן און זיין ליעבער שוואָגער. זיי פלעגען זיך זעלטען ווייזען אויף דער גאַס, נור אבענדס, ווען עס פלעגט ווערען עפּעס קיהלער, פלעגען זיי ארויסגעהן צום דאק זעהן, אויב עס איז ניט אָנגעקומען א שיף.

דאמאָלס איז ווערטה געווען צו בעטראכטען דיעזע צוויי מענשען. איינער פון זיי האָט געלעבט שטיל, רוהיג און גליקליך אין א קליין שטעדטעל אין פראנקרייך. ער איז געווען ניט רייך, אָבער ער האָט פערמאָגט אזוי פיעל געלד,

אז עס וואָלט געגוג געווען אויף זיין גאנצען לעבען. אָבער דיא אויסזיכט, דיא האָפנונג צו בעקומען מיליאָנען האָט איהם פערפיהרט אזוי ווייט, אין אזא הייסע געגענד, וואו אן אייראָפּעער קען קוים אויסהאלטען דיא היץ. ער האָט זיך ניט בעקלאָגט, האָט ניט ארויסגעוויזען זיין אונצופרידענהייט, נאָר האָט רוהיג און געדולדיג געווארט אויף א שיף, וועלכע זאָל איהם פיהרען אין נאָך א הייסערע, נאָך א ווילדערע געגענד.

דער צווייטער איז געווען א רייכער מאן, וועלכער האָט ניט געהאט קיין פרוי און קיין קינד און האָט אלזאָ גאָר ניט געדארפט דאָס געלד, און דאָך איז ער געפאָהרען זוכען נאָך מעהר געלד. צו וואָס? וואָס דארף אזא רייכער מאן וויא זאמבוקאָ נאָך דיא מיליאָנען פון קיאמיל פאשא?

געלערענטע מענשען ווילען ערקלערען, אז דיעזער זאָנדערבארער דורשט נאָך געלד, דיעזעס שטרעבען, דיעזעס ווינשען און פערלאנגען נאָך געלד, נאָך רייכטהום, דיעזעס ברענען נאָך פערמעגען איז דיא הויפט שפרינג-פעדער, דיא געהיימע קראפט, וועלכע האָט בעשאפען אונזער ציוויליזאציאָן. מענשען, וועלכע דארפען גאָר ניט און פערלאנגען גאָר ניט, טראכטען ניט, קלערען ניט, אונטערנעהמען ניט, ריזיקירען ניט און דארום בלייבען זיי ווילד און אונוויסענד.

דאָס איז פיליכט אמת: דיא נויטה איז דער בעסטער לעהרער, אָבער נור דיא נויטה, ניט דער וואהנזין פון געלד.

זעהר אָפט פלעגעןביידע שוואָגערס האלטען פאָלגענדען געשפרעך:

— וואָס וועלען מיר טהאָן, ווען מיר וועלען שוין קומען נאָך לאָאנגאָ?

— מיר וועלען דאן זוכען א שיף נאָך דער בוכטע פון מאיומבא.

— און ווען מיר וועלען קיין שיף ניט געפינען?

— דאן וועלען מיר געהן צו־פוס נאָך מאיומבא.

אז בן אָמאר און סואד פאשא פלעגען אויך אָפט זיך דורכרעדען און זיך בעקלעהרען, וואָס זיי טהון און צו וואָס זיי פאָהרען מיט דיא פראנצויזען, איז זעלבסטפערשטענדליך. סואד פאשא האָט אלץ געטראכט, וואו מען נעהמט ערגעץ עטליכע גוטע רויבער, וועלכע זאָלען צונעהמען דיא מיליאָנען, ווען מען וועט זיי געפינען, און זאָלען זיי איהם אוועקגעבען.

אויף דיעזער ארט האָבען זיך אונזערע רייזענדע צוטהיילט אויף דריי אבטהיילונגען אָדער דריי גרופען: דיא צוויי שוואָגערס, דיא צוויי עגיפּטיאנער און דיא צוויי איינפאכע פראנצויזען, וועלכע האָבען וועניגסטענס געוואָלט זעהן און זיך בעקענען מיט דיא לענדער, וועלכע זיי מוזען בעזוכען געגען זייער ווילען.

ענדליך איז אָנגעקומען דיא פּאָרטוגעזישע שיף, דער דאמפּפער "סענ־

טרא", וועלכע איז געגאנגען נאך לאאנגא און סאן פאול דע לאאנדא, דיא הויפט שטאדט פון דער פארטוגעזישער קאלאניע אין וועסט אפריקא.

דיא "סענטרא" איז געוועזן א קליינער דאמפפער, וועלכער פלעגט געהן לאנגזאם. פון רייגליכקייט און בעקוועמליכקייט אויף איהם האט גאר קיין רעדע ניט געקענט זיין. אלע פארטוגעזישע שיפען זיינען שמוציג און פערנאכלעסיגט, בעזאנדערס אבער שיפען, וועלכע געהן ביי די ברעגעס פון וועסט אפריקא. זיי פיהרען מייסטענס נעגער און פאר נעגער דארף מען ניט קיין בעזאנדערע רייגליכקייט.

קוים איז דיא "סענטרא" אנגעקומען האט זשאק דאראן גענומען קאיוטען פאר זיינע בעגלייטער. סואד פאשא האט זיך בעזארגט מיט א קאיוטע פאר זיך און בן אמאר'ען.

דיא "סענטרא" איז געשטאנען אין דאקאר נור פיער און צוואנציג שטונדען. אין דיעזער קורצער צייט האט זיא אויסגעלאדען און אנגעלאדען איהרע וואארען. קיין טהייערע ארטיקלען פלעגט זיא ניט פיהרען און דארום פלעגט זיא זיך שנעל אויסלאדען און אנלאדען.

דעם דריטען טאג גאנץ פריה איז דיא "סענטרא" ארויסגעפאהרען פון דאקאר. אזוי וויא זיא איז געפאהרען גאנץ נאהענט צום ברעג, האט זאגאר דער אונגליקליכער בן אמאר ניט שטארק געליטען פון דער זעע־קראנקהייט.

פון דעם דעק פון דער "סענטרא" האט מען געקענט זעהן גאנץ דייטליך דיא בערג און דיא וועלדער פון יענע געגענדען, וועלכע מען איז פארבייגעפאהרען.

דאס וועטער איז געוועזן שעהן און עס וואלט געוועזן רעכט אנגענעהם, ווען עס זאל ניט געוועזן זיין אזוי הייס. אין דיא קאיוטען איז געוועזן אונמעגליך צו בלייבען און דארום פלעגען אונזערע רייזענדע פערברענגען זייער צייט אויף'ן דעק. לײדער, האבען אלע מאטראזען, פאסאזשירען און דער שיפסקאפיטאן גערעדט נור פארטוגעזיש, א שפראך, וועלכע ניט פראנסוא און ניט זאמבוקא האבען פערשטאנען.

זשאק דאראן האט געהייסען פראנסוא, ער זאל פראבירען רעדען מיט דעם שיפסקאפיטאן פון דער "סענטרא" אויף ענגליש אדער דורך צייכענס און זאל איהם בעטען, פיליײכט וועט ער זיי ברייגגען אין דער בוכטע פון מאיומבא, מען וועט איהם דערפאר גוט בעצאהלען.

פראנסוא האט גענומען זיין מעער־קארטע און איז געגאנגען צום שיפסקאפיטאן. ער האט איהם געוויזען דיא בוכטע פון מאיומבא און האט איהם ערקלערט אויף אלע שפראכען, וועלכע ער האט געקענט, בעזאנדערס אבער אויף דער שפראך פון צייכענס, אז ווען ער וועט זיי בריינגען אין דער בוכטע פון מאיומבא, וועט ער איהם גוט בעצאהלען.

דער שיפסקאַפּיטאַן האָט אָבער דערפון ניט געוואָלט וויסען. ער איז גע־פאָהרען נאָך לאָאנגאָ און האָט ניט געוואָלט אַבווייכען פון זיין וועג. זשאַק דאַראַן האָט זיך געבייזערט און האָט געשאָלטען און געזידעלט דעם שיפס־קאַפּיטאַן אויף פראנצויזיש. דאָס האָט איהם אָבער זעהר וועניג געהאָלפען.

דעם 5טען יולי זיינען זיי אָנגעקומען אין לאָאנגאָ, וואו דיא שיף איז געשטאַנען נור איינינע שטונדען, דאַן איז זיא ווייטער געפאָהרען נאָך סאַן פּאָול דע לעאָנדאָ.

24טעס קאַפּיטעל.

סואַד פּאַשאַ געפינט וואָס ער דאַרף

דאָס לאַנד לאָאנגאָ געהערט זייט 1885 צו פראַנקרייך. דאַמאָלס, אין 1862 האָט עס געהערט צו אַן אפריקאַנישען קעניג. אַזוי וויא עס איז אַ זעהר וויכטיג האַנדעלס לאַנד, פלעגען זיך דאָרט געפינען קאָנסולען און קויפלייטע פון פראַנקרייך, ענגלאַנד, האָלאַנד, דייטשלאַנד, שפּאַניען און פּאָרטוגאַל.

דאָס לאַנד איז אַזוי רייך, אַז עס וואַקסען דריי מאָל אין יאָהר רייז, מאַיס, טאַבאַק, צוקער־ראָהר און פיעלע אַנדערע פריכטע.

דיא שטאָדט לאָאנגאָ אַליין, דיא הויפּט שטאָדט פון דעם קעניגרייך, גע־פינט זיך אין אַ וואַלד פון פּאַלמען, פייגענבוימער, גראַנאַט בוימער (מילגרוי־מען), באַנאַנעס, לימענע און אַראַנדזש בוימער, וויינגאָרטנער, פיין־עפּעל (אַנאַ־נאַס) גערטנער און אַלערליי ניס־בוימער. עס איז אייגענטליך גאָר קיין שטאָדט ניט, נאָר אַ ווילדער וואַלד פון אַלערליי זעלטענע פרוכט בוימער, צווישען וועלכע עס געפינען זיך צוואָואַרפען, צוזעעט און צושפּרייט דיא וואָהנונגען פון דיא נעגער און פון איינינע אייראָפּעער.

דיא נעגער זיינען שוואַרץ, אָבער דאָך ניט אַזוי שוואַרץ, וויא דיא נעגער ווייטער אין לאַנד. מיט זייער קערפּער־בוי, וויא מיט זייערע געזיכטסציגע, זיינען זיי מעהר עהנליך צו אַראַבער אָדער צו דיא שוואַרצע אידען פון אינדיען, וויא צו עכטע נעגער. זיי האָבען ניט דיא גראָבע ליפּען און דיא הויכע, אַרויסגעשטעקטע באַקען־ביינער, וויא דיא נעגער, זייער געזיכט איז שעהן און קיילעכדיג. עס איז זאָגאַר דאָ אַ מיינונג, אַז דיעזעס פאָלק שטאַמט אָב פון דיא עשרת השבטים. בעווייזען איז עס ניט, מען דענקט נור אַזוי, ווייל מען האָט בעמערקט ביי דיעזען פאָלק פיעלע זיטען, וועלכע זיינען עהנליך צו דיא אַלטע אידישע זיטען.

דער קעניג מעג טהאָן אין זיין לאַנד, וואָס ער וויל נור, אָבער זייט אייראָפּעאישע קאָנסולען האָבען זיך בעזעצט אין לאָאנגאָ האָט מען איהם גענעבען צו פערשטעהן, אַז ער קען נור הערשען איבער זיינע אונטערטהאַנען,

איבער דיא איירָאפּעער אָבער האָט ער ניט צו בעפעהלען. א פּאָר ענגלישע און פראנצויזישע קריעגס־שיפען האָבען איהם געוויזען, אז פאר דיא קאנאָנען פון דיא איירָאפּעער מוז זאָגאר א נעגער קעניג האָבען רעספּעקט.

אמאָל, אין דיא פריהערע צייטען, איז לאָאנגאָ געוועזן א זעהר וויכטיגער שקלאפען מארק אין דער בוכטע פון גווינעא. פון לאָאנגאָ פלעגט מען ארויס־פיהרען הונדערטער טויזענדער נעגער שקלאפען נאָך נאָרד און זיד אמעריקא און דער קעניג פון לאָאנגאָ פלעגט זיין דער גרעסטער שקלאפען־הענדלער אין וועסט אפריקא. זייט דיא איירָאפּעאישע מעכטע האָבען פערבאָטען דעם שקלא־פען־האנדעל, האָט דער קעניג פערלאָרען זעהר פיעל פון זיינע איינקינפטע, אָבער ער, זיינע פּרינצען און זיינע מיניסטאָרען האלטען נאָך זעהר פיעל שקלאפען.

דיא הייזער אין לאָאנגאָ זיינען געבויט פון צווייגען פון בוימער און געדעקט מיט בלעטער פון פייגען־בוימער און פון דעם באָאבאב אָדער ברויט־בוים. זאָגאר דיא איירָאפּעער בויען זיך הייזער פון גאנץ דינע קלעצער און דעקען זיי צו מיט בלעטער פון בוימער און פון גרויסע גראָזען, וועלכע געפינען זיך נור אין יענע געגענדען.

דער באָאבאב איז איינער פון דיא מערקווירדיגסטע בוימער אין דער וועלט. מיר האָבען שוין געהאט א געלעגענהייט איהם צו בעשרייבען, ווען אונזערע רייזענדע זיינען געפאָהרען נאָך סאהאר. דאָרט אָבער זיינען דיעזע בוימער א זעלטענהייט, אין לאָאנגאָ וואקסען זיי איבעראל און דיא איינוואָה־נער בויען זיך זייערע הייזער אונטער דיעזע בוימער.

ווען דיא פראנצויזען זיינען אראָבגעגאנגען פון דער "סענטרא", האָבען זיי זיך געפונען אין א זעהר אונאנגענעהמער לאגע. אין לאָאנגאָ זיינען דא־מאָלס קיין האָטעלען ניט געווען. מען האָט ניט געהאט וואו צו פערפאָהרען און וואו אָבצושטייגען. אויף'ן דאק האָבען זיך אפילו געפונען עטליכע איירָא־פּעער, אָבער נור פּאָרטוגעזען.

אין יענער צייט פלעגט יעדער איירָאפּעאישער קאָנסול צוקומען צום דאק נור דאן, ווען א שיף פון זיין לאנד און פון זיין פאָלק פלעגט אָנקומען. ווען א פראנצויזישע שיף פלעגט אָנקומען, פלעגט דער פראנצויזישער קאָנסול און א פּאָר פראנצויזישע קויפלייטע צוקומען צום דאק אָבנעהמען דיא פּאָסט און דיא פראנצויזישע וואארע, וועלכע דיא שיף האָט מיטגעבראכט. פלעגט אָנקומען אן ענגלישע שיף, פלעגט דער ענגלישער קאָנסול און א פּאָר ענגלי־שע קויפלייטע קומען צום דאק נאָך בריעף און ענגלישע וואארע.

אזוי וויא דיא "סענטרא" איז געווען א פּאָרטוגעזישע שיף און אזוי וויא אין לאָאנגאָ געפינען זיך מעהר פּאָרטוגעזען, וויא אלע אנדערע איירָאפּעער, האָבען זיך געפונען אויף'ן דאק, ווען דיא "סענטרא" איז אָנגעקומען, נור פּאָר־טוגעזען.

מען קען זיך אלזא לייכט פארשטעלען אין וואס פאר אן אונאנגענעהמער לאגע עס האבען זיך געפונען אונזערע פראנצויזען, ווען זיי זיינען אראבגעקומען פון שיף און האבען בעגעגענט נור נעגער און פארטוגעזען, מיט וועמען זיי האבען זיך ניט געקענט צונויפריידען.

איינינע מינוטען זיינען זיי געשטאנען, האבען זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, האבען פראבירט רעדען צו דיא מענשען ארום זיי, וויזען, מאכען צייכענס, אז זיי דארפען א האטעל — אומזיסט! קיינער האט זיי ניט פערשטאנען.

גאר פלוצלינג איז א קרעפטיגער פארטוגעזער מיט א ווילדען געזיכט צו־געקומען צו סואד פאשא און האט אנגעהויבען צו רעדען מיט איהם אראביש. אנפאנגס איז סואד פאשא אדער נאזים געווען זעהר פערוואונדערט און ער־שטוינט, וואס מען האט איהם דא דערקענט, באלד אבער האט דער פארטוגע־זער איהם דערמאנט, אז ער קען איהם פון עגיפטען.

בארא̄סא — אזוי האט געהייסען דער פארטוגעזער — פלעגט אמאל קור־מען אפט נאך עגיפטען. ער האט געדיענט אלס צווייטער אפיציער אויף א פארטוגעזישער שיף, וועלכע פלעגט בריינגען נאך עגיפטען שפאנישע און פארטוגעזישע וויינען. סואד פאשא'ס פאטער פלעגט אפט קויפען ביי איהם וויינען און אויף דיעזער ארט האבען זיי זיך בעקענט. באראסא פלעגט אבער דערביי אויך אביסעל שמוגלען, אריינ'גנב'ענען אין אלעקסאנדריע איירא־פע־אישע וואארען אהן צאל. סואד פאשא האט דערפון געוואוסט און פלעגט מא־כען געשעפטען מיט דעם שמוגלער. שפעטער האט מען איהם געכאפט און דיא עגיפטישע רעגיערונג וואלט איהם געווים שטרענג בעשטראפט, אבער סואד פאשא האט איהם געגעבען מיטעל און געלעגענהייט צו אנטלויפען.

— דאס ערשטע, וואס דוא קענסט טהאן פאר אונז, איז: דוא זאלסט אונז פערשאפען א האטעל אדער א גאסט־הויז, וואו מיר אלע זאלען קענען בליי־בען עטליכע טעג, אבער אין דיעזען גאסט־הויז זאל מען ניט רעדען פראנצויזיש.

— דאס איז גאנץ לייכט, מען קען אבנעהמען אדער זאגאר אבקויפען א גאנץ הויז, ווייל הייזער זיינען דא ביליג. איך קען אייך אבער רעקאמענדירען מיינעם א פריינד, א פארטוגעזער, וועלכער האט א גאנץ גוט הויז און וועלכער וועט אייך אויך פערזארגען מיט אלעס, וואס איהר וועט דארפען, ווען מען וועט איהם גוט בעצאהלען.

— אלזא, פיהר אונז צו דיין פריינד. ווען דיא דריי פראנצויזען, וועלכע פאהרען מיט מיר, וועלען זיין פערזארגט, וועל איך ערשט מיט דיר רעדען, איך האב מיט דיר נאך א געשעפט צו מאכען.

— איך בין שטענדיג בערייט צו מאכען געשעפטען.

אזוי וויא סואד פאשא האט זיך ביז אהער געמאכט, אז ער פערשטעהט

ניט קיין פראנצויזיש, האָט ער געהייסען בן אַמאר'ען, ער זאָל איבערגעבען זשאק דאַראן און זיינע בעגליימער, אז ער האָט פאר זיי א גאסט־הויז.

דיא היץ איז געוואָרען שרעקליך, אונערטרעגליך. זשאק דאַראן און זיינע בעגלייטער זיינען געוועזען העכסט צופרידען, וואָס זיי האָבען דערוויי'ל א דאך אונטער וועלכען זיך צו שיצען פון דער ברענענדער זון.

— ווען עס וועט ווערען אביסעל קיהלער, וועל איך געהן אויסזוכען דעם פראנצויזישען קאָנסול, האָט זשאק דאַראן געזאָגט צו זאמבוקאַ.

באראָסא האָט זיי אוועקגעפיהרט צו זיין פריינד און האָט איהם אָנגע־זאָגט, ער זאָל זיי בעהאנדלען זעהר פריינדליך. בעזונדערע צימערען, וויא אין א האָטעל, האָט ער זיי ניט געקענט געבען, דאָס איז ניט אין דער מאָדע אין לאַאנגאַ, אָבער ער האָט אָבגעגעבען א גאנצע שטוב פאר זשאק דאַראן מיט זיינע בעגלייטער און פאר בן אַמאר'ען מיט זיין שרייבער האָט ער געפונען א קאמער.

קוים האָבען זיך דיא פראנצויזען געפונען אין זייער שטוב און מען האָט זיי אויפגענומען מיט דיא בעסטע אָראנזשען, אנאנאסען און אנדערע זעלטענע פרוכטען, האָט סואד פּאשא געגעבען א וואונק זיין אלטען בעקאנטען באראָסא, אז ער האָט מיט איהם עפּעס צו רעדען, ער זאָל ווארטען אויף איהם אונטער א בוים ניט ווייט פון דעם גאסט־הויז.

אייניגע מינוטען שפּעטער זיינען געשטאנען אונטער דעם געדיכטען שאַ־טען פון א גרויסען באָאבאב־בוים באראָסאַ און סואד פּאשא און האָבען גע־רעדט גאנץ ערנסט.

— וואָס מאכסט דוא דאָ? האָט סואד פּאשא געפרעגט זיין אלטען בע־קאנטען.

— איך האָב א קליינע שיף, אויף וועלכער איך פיהר אלערליי וואארע פון איין פּאָרט אין דעם אנדערען, האָט באראָסא געענטפערט.

— און דוא מאכסט גוטע געשעפטען?

— וויא א מאָל.

— ווילסט דוא מאכען א גוט געשעפט?

— געוויס! איהר קענט מיך גאנץ גוט, גנעדיגער העהר, און איהר ווייסט, אז איך בין צו יעדער צייט גרייט צו מאכען א גוט געשעפט.

— דוא ביסט נאָך אלץ דאָס, וואָס דוא ביזט געוועזן?

— איך האָב מיך ווענוג געענדערט, האָט דער פּאָרטוגעזער געענטפערט.

— און ביסט דוא גרייט אָנצופאלען אויף פיער מענשען און זיי אוועק־שיקען אהין, פון וואנען מען קומט שוין ניט צוריק?

— ערקלעהרט אייך דייטליכער, גנעדיגער העהר, האָט דער פּאָרטוגעזער געבעטען.

— דוא האָסט געזעהן, מיט וועמען איך בין געקומען אהער, האָט סואד פּא־שא געזאָגט. דאָס זיינען דריי פראנצויזען און א באנקיר פון טוניס. דער פינפ־טער איז אן עגיפּטיאנער, וועלכער פאָהרט מיט מיר און עס הייסט, אז איך בין זיין שרייבער. דיעזע דריי פראנצויזען זוכען אן אוצר, וועלכער ליעגט בע־גראָבען ערגעץ אויף אן אינזעל.

— וואו געפינט זיך דיעזער אינזעל?

— אין דער בוכטע פון מאיומבא.

— דיעזע געגענד איז מיר גוט בעקאנט. עס געפינען זיך אין יענער בוכ־טע פיעלע קליינע אינזלען.

— דיא פראנצויזען ווילען דינגען א שיף, א בארקע אָדער א באָאט נאָך מאיומבא. ווען זיי וועלען עס ניט קריעגען אין לאָאנגאָ, דענקען זיי צו געהן צו־פוס ביז מאיומבא און דאָרט דינגען אָדער קויפען א באָאט צו פאָהרען אויף זייער אינזעל. איך פערלאנג אלזאָ פון דיר, אז ווען זיי וועלען צוריקגעהן מיט זייער אוצר, זאָלסט דוא אָנפאַלען אויף זיי און זאָלסט זעהן לויז צו ווערען פון זיי. צוערשט מוזט דוא לויז ווערען פון דיא פראנצויזען, וועט עס אָבער נויטהיג זיין, קענסט דוא אויך מיין עגיפּטיאנער בן אָמאר'ען אוועקשיקען צום טייפעל.

באראָסא האָט איינגעשטימט.

— קענסט דוא עס אָבער אליין אָבטהאָן? האָט סואד פּאשא געפרעגט.

— איך קען שוין געפינען א דוצען שטארקע קערלען, וועלכע וועלען טהאָן, וואָס איך וועל זיי הייסען, ווען איך וועל זיי נור גוט בעצאָהלען.

— דאן קענען מיר דיא גאנצע אנגעלעגענהייט אָבמאכען אין צוויי ווער־טער.

— איך האָב א בעסערען פּלאן, האָט באראָסא געזאָגט.

— וואָס איז דיין פּלאן?

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, אז איך האָב אן אייגענע שיף, א קליי־נע שיף, אויף וועלכער איך טראנספּארטיר וואארע פון איין פּאָרט אין דעם אנדערען. אמאָל פלעג איך ארומפאָהרען מיט מיין שיף און פלעג אויפקויפען שקלאַפען ביי אלערליי קליינע קעניגע אין דער געגענד ארום. דאָס איז געווען א פרעהליכע צייט, ווען איך האָב פערדיענט פיעל געלד. עס פלעגען קומען פיעלע אמעריקאנער שיפען, וועלכע פלעגען ביי מיר אָבקויפען מיין לעבע־דיגע וואארע. דיעזע צייט איז אָבער פאָראיבער זייט ענגלאנד האָט פערבאָטען דעם שקלאַפען־האנדעל.

— דאָס דארף איך ניט וויסען, האָט איהם סואד פּאשא אונטערבראָכען. זאָג מיר דיין פּלאן.

— וויא וואָלט געווען, ווען אייערע פראנצויזען זאָלען אָבדינגען מיין שיף און איך זאָל זיי פיהרען אויף זייער אינזעל? זיי וועלען דאָרט אויסגראָבען

זייער אוצר, וועלען איהם אויפלאדען אויף מיין שיף, און ווען מיר וועלען פאהרען צוריק נאך לאאנגא, וועל איך זעהן לויז צו ווערען פון זיי.

— דאס איז א גוטער איינפאל! וויא פיעל מענשען האסט דוא אויף דיין שיף?

— צוועלף.

— און קענסט דוא זיך אויף זיי פערלאזען?

— וויא אויף זיך אליין. פאר געלד וועלען זיי דערווערגען זייער אייגענע מוטער.

— וואוהין ווילסט דוא יעצט פאהרען?

— נאך באראקא, א קליינע שטאדט ניט ווייט פון מאיומבא.

— וועלכע וואארע פיהרסט דוא יעצט נאך באראקא?

— דריי הונדערט זעק גים און זעקס עלעפאנטען.

— עלעפאנטען? איז דאס אויך א סארט וואארע?

— א האלענדער קויפמאן האט זיי געקויפט ביי דעם קעניג פון לאאנגא און ער שיקט זיי נאך באראקא, וואו עס דארף אנקומען א גרויסער האלענדישער דאמפפער.

— דוא רעדסט ניט קיין פראנצויזיש?

— ניט א ווארט.

— אלזא, וועט מיין פריינד בן אמאר זיין דער דאלמעטשער צווישען דיר און דיא פראנצויזען, ווייל איך האב געמוזט זיך מאכען, אז איך פערשטעה ניט קיין פראנצויזיש.

— דאס געהט מיך ניט אן.

— עס געהט דיך יא אן, דוא דארפסט זיך מאכען, אז דוא קענסט מיך טאקע פון עגיפטען, אבער דוא האלטסט מיך פאר אזא ארימען מענשען, אז עס שטעהט דיר גאר ניט אן צו מאכען מיט מיר א געשעפט.

דיא אלטע בעקאנטע האבען אלעס אבגערעדט און זיינען זיך צוגאנגען.

ווען דיא היץ האט אביסעל נאכגעלאזען און זשאק דאראן מיט זאמבוקא האבען געוואלט געהן זוכען דעם פראנצויזישען קאנסול, איז בן אמאר צוגעקומען צו זיי און האט זיי דערצעהלט, אז דער פארטוגעזער, מיט וועמען זיין שרייבער האט זיך בעקענט, האט אן אייגענע שיף, וועלכע וועט מיט א פאר טעג שפעטער אבפאהרען נאך באראקא, א שטאדט ניט ווייט פון מאיומבא און עס איז אויך זעהר מעגליך, אז ווען מען וועט איהם גוט בעצאהלען, וועט ער פאהרען מיט זיי אויף זייער אינזעל.

זשאק דאראן און זיין שוואגער זאמבוקא האבען זיך אנגעכאפט אן דיעזען פארשלאג מיטביידע הענד. אויף אזא גוטער געלעגענהייט צו דערגרייכען זייער ציעל האבען זיי זיך גאר ניט גערעכנט. זיי האבען איהם געבעטען,

ער זאָל זיי באלד צושיקען דעם אייגענטהימער פון דער שיף און אין א גאנץ קורצער צייט האָט מען זיך אויך באלד אויסגעגלייכט וועגען דעם פּרייז און אלעם אָבגערעדט און אָבגעמאכט.

מען האָט אָבגערעדט, אז דער פּאָרטוגעזישער שיפסקאפּיטאן זאָל זיי ברייננגען אויף זיין שיף נאָך דער שטאָדט באראקא אין דער בוכטע פון מאיומבא, און דאָרט זאָל ער זיי געבען זיין בעסטעם און גרעסטעם באָאט, אויף וועלכען זיי זאָלען פאָהרען אויף זייער אינזעל. ווען זיי וועלען אָבמאכען זייער געשעפט אויף דעם אינזעל, וועלען זיי צוריקפאָהרען נאָך באראקא, וואו דיא שיף "פּאָר־טאָ אלעגראָ" — אזוי האָט געהייסען דיא שיף — וועט וואַרטען אויף זיי. זיי וועלען זיך אויפזעצען אויף דער שיף און וועלען צוריקפאָהרען נאָך לאָאנגאָ. דאָרט וועלען זיי בלייבען, ביז עס וועט אָנקומען דער ערשטער בעסטער פראנצוי־זישער דאמפּפער, וועלכער געהט נאָך מארסעיל.

דער פּלאן איז געוועזען אזוי איינפאך, אזוי ריכטיג און אזוי לייכט אויס־צופיהרען, אז זשאק דאָראן האָט געטאנצט פאר פריידע, ווען ער האָט איהם אויסגעהערט, און אויך דער רוהיגער, איבערלעגטער, דורכגעטריבענער זאמ־בוקאָ איז געוועזען פאָלשטענדיג איינפערשטאנדען מיט דיעזען פּלאן און ער האָט זאָגאר געדאנקט בן אָמאר'ס שרייבער פאר דיעזער געפעליגקייט. דאָס איז געוועזען זעהר פיעל פאר זאמבוקאָ, א מאן, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואָס האָבען מענשען אויסגעטראכט אזעלכע ווערטער, וויא "דאנק" און "דאנקבאר זיין".

דיא שיף האָט נאָך געדארפט בלייבען אין לאָאנגאָ צוויי טעג. דאָס איז געוועזען אביסעל צו לאנג פאר דעם אונגעדולדיגען זשאק דאָראן, אָבער אזוי וויא ער האָט קיין בעסער מיטעל ניט געהאט צו קומען צו זיין אינזעל, האָט ער געמוזט זיין געדולדיג און וואַרטען.

פראנסוא און טרעגאָמעין זיינען געוועזען העכסט צופריעדען, וואָס זיי האָ־בען געקענט פערברייננגען אין לאָאנגאָ נאָך צוויי טעג. אין דיעזער צייט האָבען זיי וועניגסטענס געקענט בעטראכטען דיא געגענד, וועלכע ווערט אזוי זעלטען בעזוכט פון אייראָפּעער.

דעם אנדערען טאָג גאנץ פריה, איידער עס איז נאָך שטארק היים גע־וואָרען, זיינען פראנסוא און טרעגאָמעין ארויסגעגאנגען שפּאציערען און בע־טראכטען דיא שטאָדט. עס איז געוועזען וואָס צו זעהן. ווער עס איז קיין מאָל ניט געוועזען אין דעם גאנץ ווילדען אפריקא, דער קען זיך קוים מאכען א פּאָר־שטעלונג, וויא רייך דיא נאטור איז דאָרט. ארום יעדען הויז געפינט זיך א גאָר־טען, ריכטיגער געזאָגט, א ווילדער וואלד, אין וועלכען עס געפינען זיך אלערליי אפען (מאלפּעס) און אלערליי פּאָפּוגאיען און אנדערע זאָנדערבארע פויגעל.

אזוי וויא דיא גרויסע הייזער מיט דיא גרויסע גערטנער ארום געהערען

נור צו פּרינצען און פירסטען, קען מען געפינען אין אזא גאָרטען ווילדע און געלערענטע זעבראס, קוואגאס און אלערליי טהיערע פון אפריקא. יעדער גאָר־טען איז א ווארע מענאזשעריע, א זאמלונג פון אלערליי טהיערע.

איין מאָל האָט פראנסוא געזאָגט צו זיין פריינד טרעגאָמעין:

— ווייסט איהר, פריינד, אז מיר געפעהלט ניט דיעזער שיפסקאפּיטאַן און דער גאנצער פּלאן, וועלכען דיעזער שרייבער פון דעם עגיפּטיאנער האָט אויסגעטראכט? מיר געפעהלט ניט דאָס געזיכט פון דיעזען באראָסא.

— דוא האָסט רעכט, פראנסוא, וואָס קענען מיר זיך אָבער העלפען? דיא קאשע איז אָבגעקאָכט, מיר מוזען זיא אויפעסען.

— איך דענק, אז עס וואָלט בעסער געווען פאר אונז צו פערזאמלען א קאראוואנע און צו געהן צו־פוס נאָך דער בוכטע פון מאיומבא, האָט פראנ־סוא ווייטער געזאָגט.

— בעטראכט נור דיעזע נעגער, דיעזע האלב־נעגער, און דוא וועסט זיך באלד איבערצייגען, אז מען קען זיי פיעל וועניגער טרויען, וויא דיא פּאָרטו־געזען.

— איהר האָט רעכט, טרעגאָמעין, א האלב־ציוויליזירטער מענש איז פיעל ערגער און פיעל געפעהרליכער פון א גאנץ ווילדען. ווען א מענש ווערט נור אביסעל פּאָלירט, אביסעל אָבגעשליפען פון דער ציוויליזאציאָן, ווען ער איז ניט דורכגעדרונגען, דורכגעווייקט פון דיא העכסטע פּרינציפּען פון דער מאָראל פון דער ציוויליזאציאָן, איז ער נור א ווילד טהיער, וואָס האָט אזוי פיעל ערפאהרונג, אום לייכטער אריינצוקריגען זיין רויב. ער ווייס וויא אזוי אריינ־צונארען זיין אָפּפער און פערשלינגט איהם אין דער מינוט, ווען יענער ער־ווארטעט עס גאָר ניט. דיא אינדיאנער פון אמעריקא זיינען געווען דיא בעסטע און דיא ערדלסטע מענשען, איידער זיי האָבען זיך בעקאנט מיט דער שפּאנישער ציוויליזאציאָן. דיא נעגער אין אפריקא און דיא מאלאיען פעלקער פון אזיען זיינען געווען גוטע מענשען איידער זיי האָבען זיך בעקאנט מיט דער אייראָפּע־אישער ציוויליזאציאָן. דיעזע העכסט געלויבטע און געריהמטע אייראָפּעאישע ציוויליזאציאָן האָט פערקריפּעלט און פערדאָרבען מיליאָנען מענשען, וויא דיא ציוויליזאציאָן פון דעם אלטען רוים האָט פערדאָרבען און פערקריפּעלט דיא אלטע היידען. מיר געפינען זיך יעצט צווישען נעגער, וועלכע האָבען זיך אָבגע־לערנט פון דיא אייראָפּעער אלע זייערע שוואכע און שלעכטע זייטען פון דער זאָגענאנטער ציוויליזאציאָן. זיי זיינען גרייט צו בעגעהן דאָס גרעסטע פער־ברעכען אום צו בעפריעדיגען זייער קלענסטען קאפּריז.

דער אלטער טרעגאָמעין האָט געשאָקעלט טרויעריג מיט׳ן קאָפּ. ער איז צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען געווען אין אזעלכע לענדער, וואו דיא ציווי־ליזאציאָן האָט נור אָבגעלעקט, אָבגעגלעט דיא מענשען. ער האָט צום ערשטען

מאָל אין זיין לעבען געזעהן האלב־ווילדע, ריכטיגער נאָך, האלב־ציוויליזירטע מענשען.

לאנג ארומשפאציערען האָבען זיי ניט געקענט. דיא היץ איז באלד געוואָרען אזוי גרויס, אז קיין איירָאפּעער וואָלט זיא ניט געקענט אריבערטראָגען. ווען זיי וואָלטען געהאט ביי זיך א טערמאָמעטער, וואָלטען זיי געזעהן, אז ער וויזט הונדערט גראד היץ אין שאָטען פון א בוים.

איירָאפּעער ווערען בוכשטעבליך צושמאָלצען פון אזא היץ. ווען זשאק דאָדאן און זיינע בעגלייטער וואָלטען זיך אָבגעוואוינגען, וואָלטען זיי זיך איבערציינגט, אז זינט זיי געפינען זיך אין לאָאנגאָ, האָט יעדער פון זיי פערלאָרען עטליכע פונט. דער דיקער טרעגאָמעין האָט פערלאָרען מעהר אלס צעהן פונט פון זיין געוויכט.

ענדליך איז דיא שיף פארטיג געוואָרען צו איהר רייזע. פראנסוא אלס געלערענטער שיפסקאפּיטאן איז געשטאנען דערביי, ווען מען האָט ארויפגעפיהרט דיא זעקס עלעפאנטען אויף דער שיף און מען האָט זיי ארייננגעפיהרט אין א שטאהל אין דער פאָדערזייט פון דער שיף. ער האָט געפונען, אז דאָס איז ניט פראקטיש און וויסענשאפטליך ניט ריכטיג.

דיא "פּאָרטאָ אלעגראָ" איז געוועזן א ניט גרויסע זעגעל־שיף. זעקס עלעפאנטען קענען וועגען פון אכציג ביז הונדערט טאָן. ווען מען לעגט אריין אזא שווערע לאסט אין פראָנט, אין דער פאָדערזייט פון א שיף, מוז מען אין דער הינטערזייט אָנלאָדען נאָך א שווערערע לאסט, ווייל, אויב ניט, קען דיא ערשטע בעסטע גרויסע וועללע איבערקעהרען דיא שיף.

אלס געלערענטער שיפסקאפּיטאן האָט פראנסוא גוט געוואוסט, אז דיא גרעסטע אונגליקען אויף שיפען קומען דערפון, וואָס דיא לאדונג, דיא אָנגעלאָדענע שווערע זאכען, רוקען זיך איבער פון דער מיט פון דער שיף אָן א זייט. דיא שיף בויגט זיך אָן אין דער זייט, וואו זיא איז שווערער, און זיא קעהרט זיך איבער.

אלס געלערענטער שיפסקאפּיטאן האָט פראנסוא געוואוסט, אז אויף דאמפף־שיפען האלט מען דיא קויהלען פוןביידע זייטען פון דעם דאמפפער און מען ניצט זיי אויס בייטאָג פון איין זייט און ביינאכט פון דער אנדערער זייט, אום צו האלטען דיא שיף אין גלייכגעוויכט. דער אינזשיניער פון דער שיף מוז אויפפּאסען, אז דיא שיף זאָל שטענדיג האָבען אזוי פיעל שווערע זאכען פון איין זייט, וויא פון דער אנדערער זייט, און דארום מוז ער וויסען פּאָראויס, וויא פיעל טאָן לאסט דיא שיף וועט פיהרען, אום זיי גלייך צו פערטהיילען פון ביידע זייטען פון דער שיף.

וואָס פראנסוא האָט יעצט געזעהן, האָט איהם גאנץ דייטליך געוויזען, אז דער שיפסקאפּיטאן פון דער "פּאָרטאָ אלעגראָ" האָט גאר קיין אידעע ניט

פון דיא ערשטע רעגלען, וויא אזוי אַנצולאָדען א שיף. ער האָט עס געוואָלט זאָגען, אָבער וועמען זאָל ער עס זאָגען? דער שיפסקאפּיטאן וועט איהם ניט פערשטעהן, און זיין אָנקעל זשאק דאָראן איז צו פיעל בעשעפטיגט מיט זיינע מיליאָנען, אום צו דענקען דאריבער, וויא אזוי מען דארף אָנלאָדען א שיף.

ענדליך האָט פראנסוא זיך איבערלעגט, אז אזוי וויא דאָס וועטער איז געוועהנליך שעהן אין דיעזער צייט פון יאָהר, דאָס מעער איז געוועהנליך רוהיג און דיא שיף געהט דאָך נור ביי דיא ברעגעס, איז עס זעהר וואהרשיינליך, אז עס וועט קיין אונגליק ניט פאסירען.

גענען אכט אוהר אין דער פריה איז דיא "פּאָרטאָ אלעגראָ" ארויסגע־פּאָהרען פון לאָאנגאָ. דאָס וועטער איז געוועזען שעהן און אויף דעם וואסער איז עס געוועזען אביסעל קיהלער, וויא אויף דעם פעסטען לאנד.

אין יענער געגענד אין אפריקא זיינען ניטאָ קיין פיער יאהרעס־צייטען: פריהלינג, זומער, הערבסט און ווינטער, וויא אין אונזערע געגענדען, נאָר צוויי יאָהרעס־צייטען: דיא רעגענסצייט און דיא טרוקענע צייט. דיא רעגענסצייט אָדער "מאזיקא", וויא דיא נעגער רופען זיא, דויערט פון דריי ביז פינף מאָ־נאטען, געוועהנליך פון נאָוועמבער ביז מערץ. דאמאָלס רעגענט עס יעדען טאָג, אָפט רעגענט עס צוויי־דריי טעג נאָכאנאנד. עס רעגענט אָפט עמערוויוז, עס גיסט און דיא דונערען און בליצען הערען גאָר ניט אויף. איין שטורם ענדיגט זיך און עס הויבט זיך אָן א צווייטער שטורם. אין דער טרוקענער צייט קומט א רעגען פאָר זעהר זעלטען. עס קען אוועקגעהן פיערציג־פופציג טעג נאָכאנאד אָהן א טראָפּען רעגען.

יעצט, אין יולי, איז עס געוועזען אין דער מיט פון דער טרוקענער צייט, און מען האָט געקענט פאָראויסזאָגען פאר געוויס, אז עס וועט אזוי גיך ניט רעגענען.

דיא שיף איז געפאָהרען אזוי נאָהענט צום ברעג, אז פון דעם דעק האָט מען געקענט זעהן אלעס, וואָס עס האָט געלעבט און געשוועבט אויף דעם לאנד, אין דיא וועלדער, אויף דיא בערג, אין און ארום דיא טייכען. טויזענדער פויגעל זיינען געפלויגען אין דיא וועלדער און האָבען זיך געדרעהט ארום דער שיף.

אין דיא וועלדער האָט מען געקענט זעהן גאנצע ארמעען פון אלערליי אפען (מאלפּעס), גרויסע און קליינע, לוסטיגע און ווילדע: דעם שרעקליכען באבון, וועלכער בילט וויא א הונד און קען צורייסען א מענשען, דעם ווילדען גאָרילאָ, וועלכער איז גרויס וויא א מענש, און דיא נעגער פון אפריקא האלטען איהם אויך פאר א פערשאָלטענעם מענשען, און פיעלע אנדערע קליינע, לוסטיגע אפען, וועלכע האָבען זאָגאר פראָבירט ווארפען ניס און פריכטע אויף דיא פאסאזשירען פון דער "פּאָרטאָ אלעגראָ".

גענען מיטאָג איז דיא שיף פאָרבייגעפאָהרען א טייך, וועלכער האָט

ארויסגעגאָסען זיינע רוהיגע, אָבער שמוציגע וואסערען אין אטלאנטישען מעער. עס האָבען זיך געבאָדען און געשפּיעלט אין איהם א גאנצע הערדע (סטאדע) פון ניל פערד אָדער היפּאָפּאָטהאמוסען.

טרעגאָמעין האָט צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען געזעהן דיעזעס זאָנדערבארעס טהיער, וואָס לעבט אי אין וואסער און אי אויף דעם לאנד. עס שווימט שנעל וויא א פיש, אָבער עס עסט נור גראָז וויא א פערד. דיא נע־גער פון אפריקא פאנגען זיי, טויטען זיי און פרעסען זייער פלייש. זיי דענקען, אז דאָס פלייש פון א יונגען היפּאָפּאָטהאמוס איז אזוי געשמאק וויא דאָס פלייש פון א יונגען שוויין.

— קוק! בעטראכט נור דיעזע זאָנדערבארע טהיערע, וויא זיי שפּיעלען זיך אין וואסער, האָט טרעגאָמעין געזאָגט צו זשאק דאָראן און האָט איהם געוויזען אויף דיא היפּאָפּאָטהאמוסען.

זשאק דאָראן האָט פערצויגען דיא אקסלען און האָט גאָר ניט געענטפערט. וואָס האָט ער זיך געקימערט וועגען דיא ווילדע טהיערע, ווען ער איז געוועזען זיכער, אז באלד, באלד וועט ער בעקומען דיא מיליאָנען פון קיאמיל פאשא!

אזוי וויא דיא "פּאָרטאָ אלעגראָ" איז געוועזען א זעגעל־שיף און עס איז א גאנצען טאָג געוועזען זעהר ווענינ ווינד, איז זיא געפאָהרען לאנגזאם.

ווען דיא זון איז אונטערגעגאנגען און עס איז נאכט געוואָרען, האָט זיך דיא סצענע געענדערט. אנשטאָט אפען, פויגעל און היפּאָפּאָטהאמוסען, האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען לייבען, טיגער און לעאָפּארדען. ווען זיי זיינען געפאָהרען פון טונים נאָך אלזשיר, האָבען זיי נור געהערט דאָס ברומען פון א לייב, יעצט אָבער האָבען זיי געזעהן, וויא דער לייב איז צוגעקומען צום וואַ־סער שטילען זיין דורשט און פון צייט צו צייט פלעגט א שרעקליכער לעאָפּארד אויסגלאָצען זיינע פייערדיגע אויגען אויף דיא פאסאזשירען פון דער "פּאָר־טאָ אלעגראָ", גלייך וויא ער וואָלט געוואָלט ארויפשפּרינגען אויף'ן דעק און זיי צורייסען.

געגען האלבע נאכט האָט זיך אָנגעהויבען א קאָנצערט פון געשרייען, ברומען און קרעכצען פון ווילדע טהיערע, אז זאָגאר בן אָמאר און סואד פאשא האָבען ניט געקענט שלאָפען און זיינען ארויסגעקומען אויף דעם דעק.

דיא זעקס עלעפאנטען, וועלכע האָבען זיך געפונען אונטען אין שטאהל פון דער שיף, זיינען געוואָרען אונרוהיג. וואהרשיינליך האָבען זיי זיך דערשראָ־קען פון דיא געשרייען פון דיא ווילדע טהיערע אין דיא וועלדער, און זיי האָ־בען אָנגעהויבען צו טראָמפּעטען און צו טרעטען מיט דיא פיס אזוי שטארק, אז דיא קליינע שיף האָט אָנגעהויבען צו ציטערען.

פראנסוא האָט זאָגאר מורא געהאט, אז ווען אלע זעקס עלעפאנטען זאָלען זיך שטעלען אין איין זייט, קענען זיי אָנבייגען דיא שיף און זיא איבער־

קעהרען. עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען, אז זיין שרעק איז געווען אומזיסט. דיא זעקס עלעפאנטען זיינען געווען צוגעשמידט מיט אייזערנע קייטען, דריי אין איין זייט און דריי אין דער אנדערער זייט פון דער שיף. זיי האָבען זיך אפילו געריסען און האָבען שטארק געטרעטען מיט זייערע שווערע פיס, אָבער זיי זיינען דאָך געבליבען יעדער אויף זיין אָרט.

קיינער פון דיא פאסאזשירען האָט ניט געקענט שלאָפען דיעזע נאכט. זאָגאר זשאק דאָראן און זיין שוואָגער זאמבוקאָ האָבען דיא גאנצע נאכט פערבראכט אויף'ן דעק און האָבען פון צייט צו צייט גערעדט שטילערהייט.

פיער טעג האָט געדויערט דיא רייזע. דער ווינד איז געווען אזוי שוואַך, אז דיא שיף האָט געמאכט קוים צוויי מייל אין א שטונדע.

ענדליך איז דיא שיף אריינגעפאָהרען אין דער בוכטע פון מאיומבא און זשאק דאָראן האָט געקענט זעהן דורך זיין טעלעסקאָפּ א גאנצע רייהע פון הונדערטער אינזלען צוזעעט און צוואוואָרפען אין דיעזער גרויסער בוכטע. אויף איינעם פון דיעזע אינזלען געפינען זיך זיינע מיליאָנען. אויף וועלכען אָבער? וועלכען פון דיעזע פיעלע אינזלען האָט קיאמיל פאשא אויסגעקליבען, אום דאָרט צו פערגראָבען זיינע מיליאָנען? אויף דיעזער פראגע האָט געקענט געבען א ריכטיגען ענטפער נור פראנסוא מיט זיינע קענטניסע און מיט דער הילף פון זיינע אסטראָנאָמישע אינסטרומענטען.

עס איז געווען זעקס אוהר אבענד. דיא זון האָט געהאלטען ביים אונטער־געהן, ווייל אין יענע געגענדען איז עס שטענדיג צוועלף שטונדען טאָג און צוועלף שטונדען נאכט. מען איז געווען אזוי נאָהענט פון דעם ברעג, אז מען האָט געקענט זעהן פייער אין דיא הייזער פון דער שטאָדט באראקא.

אלע פאסאזשירען זיינען געשטאנען אויף דעם דעק און האָבען געקוקט אויף דעם ברעג.

נאָר פלוצלונג האָט דיא שיף אָנגעהויבען צו ציטערען און צו שאָקלען זיך. מען ווייס ניט, וואָס עס איז געשעהן. דיא עלעפאנטען האָבען זיך עפּעס דער־שראָקען אזוי שטארק, אז זיי האָבען זיך אָבגעריסען פון זייערע קייטען, האָ־בען אָנגעהויבען שרעקליך צו ברומען, צו שפּרינגען און צו ווארפען זיך אין אלע זייטען.

דיא שיף האָט זיך אזוי געשאָקעלט, אז זאָגאר פראנסוא און טרעגאָ־מעין האָבען זיך געמוזט אָנהאלטען אָן דיא שטריק פון דיא זעגעל־בוימער.

— וואָס איז געשעהן? האָט געפרעגט טרעגאָמעין.

— וואָס טהוט זיך דאָ? האָט געפרעגט זשאק דאָראן.

אונטערדעסען איז אָנגעקומען דער שיפסקאפּיטאן באראָסא. ער איז געווען בלייך, וויא קאלך, און האָט געציטערט וויא אין פיעבער.

— וואָס קומט דאָ פאָר? האָט יעדער איהם גענומען פרעגען.

— דיא עלעפאנטען! איז געווען דיא אנטוואָרט.

וואָס איז געשעהען מיט דיא עלעפאנטען? פאר וואָס זיינען זיי גאָר פלוצלונג אזוי ווילד געוואָרען? דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט און קיינער וואָלט עס אויך ניט געקענט ערקלערען.

דיא עלעפאנטען זיינען געוואָרען מיט יעדער מינוט ווילדער, אויפגערעג־טער און אויפגערייצטער. זיי האָבען זיך אלע אָנגעשפארט אָן איין זייט און דיא שיף האָט זיך אזוי שטארק אָנגעבויגען, אז דאָס וואסער פון מעער האָט זיך אריינגעגאָסען אין דעם גרויסען פענסטער פון דער שטאהל, וואו דיא עלע־פאנטען האָבען זיך געפונען. דיעזעס פענסטער האָט מען געמוזט האלטען אָפען, אום דיא עלעפאנטען זאָלען האָבען גענוג לופט.

אין איינינע מינוטען איז דיא שיף געוואָרען פול מיט וואסער און האָט זיך אראָבגעלאָזען צום גרונד.

דיא שיף איז אונטערגעגאנגען.

25טעם קאפיטעל.

אויף אָן אינזעל

— ענדליך האָב איך אויך דורכגעמאכט א שיפברוך! האָט טרעגאָמעין אויסגערופען און האָט זיך אָבגעשאָקעלט און אָבגעטרייסעלט.

דיא "פאָרטאָ אלעגראָ" איז אונטערגעגאנגען גאָר ניט ווייט פון א קליי־נעם אינזעל. ווען דער שיפסקאפיטאן, דיא מאטראָזען און דיא פאסאזשירען האָבען געזעהן, אז דיא שיף געהט אונטער, זיינען זיי אלע אראָבגעשפרונגען אין וואסער און זיינען צוגעשוואומען צום אינזעל.

צום גליק איז עס געווען אָנפאנג מאָנאט. דיא לבנה האָט טאקע געשיינט נור א קורצע צייט, אָבער דיעזע קורצע צייט איז געווען גענוג צו ווייזען דיא פערונגליקטע, וואו זיי קענען זיך רעטען, און אלע האָבען זיך גערעטעט.

אלע זיינען ארויסגעקומען אויף דעם שטיינעריגען אינזעל און האָבען זיך אויסגעשטעלט אויף דעם ברעג. אזוי וויא עס איז געווען זעהר היים, איז יעדער געגאנגען לייכט אָנגעטהאָן און עס איז איהם לייכט געווען צו שווימען. אלע זיינען געווען נאס "אויסצודרעהען", וויא מען זאָגט, אָבער אין אזא הייסער געגענד קען עס ווענינ שאדען, ווען מען איז געצוואונגען זיך אָבצו־באָדען אין מעער.

איינינע מינוטען זיינען אלע געשטאנען וויא פערשטיינערט. אויף אזא אונגליק האָט זיך קיינער ניט געריכט. ענדליך האָט יעדער אָנגעהויבען צו קומען צו זיך און זיך אומצוקוקען, וואו ער איז ערגעץ אין דער וועלט.

ניט ווייט אין געלעגען דיא שיף אין וואסער. איהרע זעגעל־בוימער און זאגאר א טהייל פון איהרע זעגלען האבען ארויסגעשטעקט פון וואסער. עס איז געווען ניט טיעף דארט, וואו זיא איז אונטערגעגאנגען. דיא עלעפאנטען זיינען דערטרונקען געווארען און אלע וואארען, וועלכע האבען זיך געפונען אויף דער שיף, זיינען אונטערגעגאנגען מיט איהר.

יעצט, ווען יעדער איז געקומען צו זיך, ווען יעדער האט געפיהלט, אז ער איז געראטעט און ער געפינט זיך אויף פעסטען לאנד, האט יעדער געמאכט זיין בעמערקונג, יעדער האט אויסגעדריקט, וואס ער האט געפיהלט.

טרעגאמעין האט זיך געפרעהט, וואס ער האט ענדליך איין מאל אין זיין לעבען דורכגעמאכט א שיפברוך און ער וויים שוין, וואס עס הייסט ליידען אן אונגליק אויף דעם מעער.

— וואו זיינען אונזערע אינסטרומענטען און אונזערע לאנד־קארטען? האט זשאק דאראן געפרעגט זיין נעפע.

— זיי זיינען אונטערגעגאנגען מיט דער שיף, האט פראנסוא געענטפערט, איך האב קיין צייט ניט געהאט זיי ארויסצונעהמען פון דער קאיוטע.

— דאס הייסט אן אונגליק! האט זאמבוקא אויסגערופען. פונקט אין דער צייט, ווען מיר געפינען זיך גאנץ נאהענט פון אונזער אינזעל, איז דיא שיף אונטערגעגאנגען. וואס וועלען מיר יעצט טהאן?

— מיר וועלען פאהרען פון איין אינזעל צום אנדערען און זוכען אזוי לאנג ביז מיר וועלען אויסגעפינען דעם ריכטיגען אינזעל, האט זשאק דאראן געענטפערט.

— פערדאמט! האט געטראכט כואד פאשא. גראדע דאמאלס ווען מיין פלאן האט געקענט אויסגעפיהרט ווערען, האבען דיא פערדאמטע עלעפאנטען געזונקען דיא שיף!

— צום טייפעל! האט געברומט דער שיפסקאפיטאן. דיא עלעפאנטען זיינען ניט געווען פערזיכערט און מען וועט נאך פון מיר פערלאנגען, איך זאל פאר זיי בעצאהלען.

— איך דענק, אז יעצט וועט מיין אנקעל זיך אבזאגען פון זיין פאנטאזיע צו זוכען דיא מיליאנען פון קיאמיל פאשא און מיר וועלען צוריקפאהרען נאך אונזער סען מאלא, וואו איך וועל הייראטהען מיין געליעבטע זשוליעט, האט געטראכט פראנסוא.

אזוי וויא דיא לבנה איז אונטערגעגאנגען און עס איז געווארען רעכט פינסטער, האט קיינער ניט געוואגט צו געהן ווייטער אויף דעם אינזעל. אויף אזא אינזעל אין אפריקא קענען זיך געפינען שלענג אדער ווילדע טהיערע. אלע האבען אלזא געמוזט בלייבען איבער נאכט אויף דעם ברעג, וואו זיי האבען זיך געראטעט.

ווען מען האט זיך אביסעל בערוהיגט, האט מען אנגעהויבען צו טראכטען וואס מען זאל ווייטער טהאן. פון דעם אינזעל, אויף וועלכען זיי האבען זיך גערעטעט, ביז צו דער שטאדט באראקא איז געווען א שטרעקע פון אכט ביז צעהן מייל. דאס איז א קלייניגקייט. וויא אזוי אבער גיט מען צו וויסען אין שטאדט, אז אויף דעם אינזעל געפינען זיך אונגליקליכע מענשען? שווימען ביז צו דער שטאדט איז אונמעגליך. עס איז צו ווייט און פילייכט געפינען זיך אין מעער דיא שרעקליכע היי־פיש, דיא מענשען פרעסער. שרייען? מען וועט זיי ניט הערען. געבען סיגנאלען? אנצינדען א פייער אויף דעם אינזעל? ווער ווייס, אויב מען וועט דערזעהן אין שטאדט דאס פייער? און ווען מען זאל שוין יא דערזעהן אין שטאדט דאס פייער, ווער וועט וויסען, וואס דאס פייער בעדייטעט? מען וועט געוויס מיינען, אז פישער אדער יעגער האבען גע־מאכט א פייער, אום צו קאכען זייער עסען.

מען האט זיך ארומגעקוקט אויף דעם אינזעל ווייטער. עס זיינען דארט געוואקסען אלערליי בוימער. אין דער פינסטער אבער האט מען ניט געקענט זעהן, וואס פאר בוימער דאס זיינען.

פילייכט איז גאר דער אינזעל בעוואהנט? פילייכט געפינען זיך גאר מענשען אויף דעם אינזעל?

אויף אלע דיעזע פראגען האט קיינער ניט געקענט געבען קיין ריכטיגען ענטפער. זאגאר שיפסקאפיטאן באראסא, וועלכער פלעגט אפט קומען נאך באראקא און איז געווען גוט בעקאנט מיט דיעזער געגענד, האט ניט גע־וואוסט, וואס פאר אן אינזעל דאס איז. עס איז איהם קיינמאל ניט אויסגעקו־מען צוצופאהרען צו איינעם פון דיא פיעלע אינזלען אין דער בוכטע פון מאיומבא.

יעדער האט געטראכט און געקלעהרט פאר זיך, וואס ער זאל ווייטער טהאן, און יעדער איז געקומען צום בעשלוס, אז יעצט, ביינאכט קען מען גארניט טהאן, מען מוז ווארטען, ביז עס וועט טאג ווערען. בייטאג, ביי דער העלער שיין פון דער זון, וועט מען זעהן, וואס מען קען טהאן און וויא אזוי מען קען זיך רעטען.

פראנטשוא האט זאגאר געמאכט א פלאן, אז מען זאל אויסזוכען שטיקער העלץ, געפאלענע בוימער און מאכען פון זיי א פלאס. ווען זיי זאלען האבען העק און א זעג, וואלט עס געווען גאנץ לייכט צו מאכען אזא פלאס, זיי האבען אבער קיין איינציגען אינסטרומענט ניט גערעטעט פון דער אונטערגעגאנגענער שיף. עס איז נאך געווען א גליק, וואס זשאק דאראן, דער באנקיר זאמבוקא און טרעגאמעין האבען געהאלטען זייער געלד אין א ביי־גארטעל אויף זייער קערפער. מיט געלד קען מען דאך עפעס טהאן זאגאר אין באראקא, א נעגער־שטאדט אין ווילדען אפריקא.

פון שלאפען איז אלזא קיין רעדע ניט געווען. יעדער האט זיך געזעצט אויף א שטיין, וואו ער האט געקענט, און האט זיך פערטראכט.

געגען צעהן אוהר ביינאכט האט אלעמען איבעררראשט א זאנדערבאַרער ליארם. מען האט געהערט, אז ערגעץ געהט מען, שרייט מען, רעדט מען א ווילדע, אונבעקאנטע, אונפערשטענדליכע שפראך. מען האט געלאכט, געפייפט, געשריען, געקוויטשעט, געברומט, געקלאפט, געבראכען צווייגען, זיי געשליידערט אויף דער ערד און געמאכט אזא ליארם, אז דער טייפעל אליין וואלט ניט געקענט אנטשלאפען ווערען.

דיא פראנצויזען און דיא צוויי עגיפּטיאנער האבען זיך רעכט דערשראָקען. זיי האבען ניט געוואוסט, וואס דאס איז, און זיי האבען זאגאר ניט געהאט מיט זיך קיין וואפען, מיט וואס זיך צו פערטהיידיגען אין פאל, ווען דאס זאלען זיין ווילדע נעגער, וועלכע ווילען אנפאלען אויף זיי.

זיי האבען קוים דערלעבט דעם טאג, ווען עס האט אנגעהויבען ליכטיג צו ווערען. ערשט דאמאלט האבען זיי דערזעהן אויף דיא בוימער א גאנצע באנדע אפען, שימפּאנזעעס.

דער שימפּאנזע איז איינער פון דיא גרעסטע און פון דיא שטארקסטע אפען. ער איז הויך כמעט וויא א מענש, שטארק, קרעפטיג, געשיקט און קלוג. ווען מען כאפט איהם יונגערהייט, קען מען איהם אויסלערנען צו טהאן פיעלע ארבייטען. ער עסט ביי א טיש מיט א לעפעל, א גאפעל און א מעסער. ער קעהרט אוים דיא שטוב און ווען מען האלט איהם אויף א שיף, קען מען איהם ארויפשיקען אויף דעם העכסטען זעגעל־בוים ער זאל צורעכט מאכען דעם זעגעל. זיין געזיכט איז זעהר עהנליך צום געזיכט פון א מענשען און אלע זיינע גליעדער זיינען עהנליך צו דיא גליעדער פון א מענשען; דיא נעגער רופען איהם דער וואלד־מענש און זיי זיינען פעסט איבערצייגט, אז דאס איז א מענש, וועלכער איז עפּעס ברוגז געווארען אויף דיא מענשען און וויל מעהר מיט זיי ניט רעדען.

אזוי וויא דער שימפּאנזע האט זעהר לאנגע הענד און פיס, ריכטיגער נאך, ער האט פיער לאנגע הענד, ווייל זיינע פיס זיינען אויך הענד, געהט ער געוועהנליך אויף אלע פיער, דאס הייסט, ער קלעטערט אויף דיא בוימער און בענוצט דערביי אלע זיינע פיער הענד. ווען מען לערענט איהם אבער, געהט ער אויף צוויי פיס וויא א מענש.

ערשט יעצט האבען זיך דיא פראנצויזען ארומגעקוקט, אז איבער זייערע קעפּ, אויף דיא העכסטע בוימער געפינט זיך א באנדע פון פיערציג־פופציג שטיק שימפּאנזעעס. זיי האבען עס געמאכט דעם ליארם ביי נאכט. זיי האבען עס אבגעגעבען פאריגע נאכט דעם העכסט אונאנגענעהמען קאנצערט.

אונטערדעסען האט זיך דער הונגער געלאזט פיהלען. נעכטען האט מען

קיין אבענד־ברויט ניט געגעסען, ווייל מען האָט גערעכענט צו עסען אין באַראקא. א גאנצע נאכט איז מען ניט געשלאָפען, מען האָט אלזאָ אָנגעהויבען צו פיהלען הונגער.

וואָס עסט מען אָבער?

— ווען עס געפינען זיך אויף דיעזען אינזעל אזוי פיעל שימפּאנזעעס, מוזען זיי דאָך האָבען וואָס צו עסען, האָט פראנסוא געזאָגט צו זיך אליין. ווען דיא שימפאנזעעס האָבען וואָס צו עסען, דארף א מענש אויך האָבען וואָס צו עסען.

ער האָט אויך רעכט געהאט. אויף דעם אינזעל האָבען זיך געפונען אלערליי פריכטע, פון וועלכע די שימפאנזעעס האָבען זיך דערנעהרט, ווען זיי האָבען אָבער פּראָבירט עסען דיעזע פריכטע, האָבען זיי זיך איבערצייגט, אז אום צו עסען דיעזע פריכטע רויהערהייט, מוז מען האָבען דעם מאָגען פון א שימפּאנזעע. א מענש מוז קאָכען אָדער באקען דיעזע פריכטע, אנדערש קען ער זיי ניט עסען.

יעדער האָט אָנגעהויבען צו זוכען ביי זיך א שוועבעלע, אָבער זייערע שוועבעלעך האָבען ניט געטויגט; זיי זיינען פערנעצט געוואָרען. צום גליק, האָבען זיי געפונען עטליכע גאנצע שוועבעלעך ביי סואד פאשא. ער פלעגט רויכען, וויא אלע עכטע טערקען, און דארום פלעגט ער שטענדיג האלטען שוועבעלעך אין א בלעכענער שאכטעל.

מען האָט באלד צונויפגעקליבען טרוקענע בלעטער און גאנץ דארע גראָזען און מען האָט געמאכט א פייער. יעצט, ווען מען האָט שוין געהאט פייער, האָט מען אָנגעהויבען צו רייסען דיא גרויסע רונדע פריכטע פון דעם ברויטבוים. דיעזע פרוכט איז גאנץ גוט צום עסען און זאָגאר גאנץ געשמאק, ווען מען קאָכט זיא אָדער מען באקט זיא, דיא נעגער צוקלאפּען זיא, צושטויסען זיא, מאכען פון איהר א סאָרט טייג און באקען עס וויא מען באקט ברויט.

קוים אָבער האָט מען אָנגעהויבען צו רייסען דיעזע פרוכט פון דיא בוימער, האָט זיך אָנגעהויבען א געשריי, א גערוואלד, און שטיקער האָלץ האָבען אָנגעהויבען צו פאלען אויף דיא קעפּ פון דיא אונגליקליכע מענשען.

— וואָס איז דאָס? ווער ווארפט עס אויף אונז מיט שטיקער האָלץ? האָט טרעגאָמעין געפרעגט.

— דאָס טהוען דיא שימפּאנזעעס, האָט פראנסוא געענטפערט, זיי זיינען זעהר ניט צופריעדען, וואָס מיר שטערען זיי און נעהמען אוועק ביי זיי זייער ברויט, און זיי פּראָטעסטירען אויף זייער אַרט.

— וויא עס ווייזט אויס, ווייסען דיעזע חברה־לייט ניט, אז מען דארף אויפנעהמען א פרעמדען פריינדליך, האָט טרעגאָמעין געשפּאסט.

— איז דאָ עפּעס א געפאהר? האָט בן אָמאר געפרעגט.

— געוויס איז דאָ א געפאהר, האָט פראנסוא געענטפערט, א שימפּאנזעע קען כאפּען א שטיין און ווארפען אויף אייך, ער איז זעהר שטארק און זעהר ווילד.

— ווען מיר זאָלען האָבען וואפען, וועניגסטענס איין גוטע ביקס, וואָל־טען מיר זיי אָנגעלערענט, זיי זאָלען ווייטער זיין העפליכער צו פרעמדע מענשען, האָט טרעגאָמעין געשפּאסט, ליידער האָבען מיר ניט קיין וואפען, און, וויא עס ווייזט אויס, האָבען דיעזע חברה־לייט זיך פעסט ענטשלאָסען אונז צו פערטרייבען פון זייער אינזעל.

קוים האָט ער דאָס אויסגערעדט, האָט מען דערהערט הויך אין דיא צוויי־גען פון דיא בוימער א ווילדען געשריי, גלייך וויא עס וואָלטען גערעדט פופציג נעגער מיט איין מאָל, און א גרויסע צווייג איז אראָבגעפאלען גאנץ נאָהענט פון בוראָסא.

דער פּאָרטוגעזער, וועלכער איז געווען גוט בעקאנט מיט דיעזע געגענ־דען און מיט דעם כאראקטער פון דיעזע אפען, האָט עפּעס געזאָגט צו זיינע מאטראָזען אויף פּאָרטוגעזיש. דיא מאטראָזען האָבען אויפגעהויבען שטיינער פון דער ערד, האָבען געציעלט און זיי געוואָרפען אויף דיא שימפּאנזעעס.

דאָס האָט געווירקט. דיא שימפּאנזעעס האָבען געזעהן, אז מען פערטהיי־דיגט זיך און מען ווארפט גאָר מיט שטיינער, זיינען זיי שטיל געבליבען.

בוראָסא האָט דאן צוגערופען סואד פּאשא און האָט אָנגעהויבען מיט איהם צו רעדען. זיי האָבען געהאט איבער וואָס צו רעדען. סואד פּאשאָ׳ס גאנ־צער פּלאן איז פערניכטעט געוואָרען דורך דעם אונגליק, וואָס האָט פּאסירט דער ״פּאָרטאָ אלעגראָ״. זיי האָבען יעצט גערעדט, בעסער געזאָגט, אָבגע־רעדט, וואָס זיי זאָלען ווייטער טהאָן אום צו בעקומען קיאמיל פּאשאָ׳ס מי־ליאָנען.

אזוי וויא זיי האָבען ביידע גערעדט, האָט מען דערהערט א געשריי:

— פראנסוא! פראנסוא! קום נור אהער!

דאָס האָט גערופען זשאק דאָראן.

קוים האָט פראנסוא צייט געהאט צוצולויפען צו זיין אָנקעל, האָט מען געהערט שרייען:

— גילדאס! גילדאס!

זשאק דאָראן האָט עס גערופען זיין פריינד.

טרעגאָמעין איז צוגעקומען צו איהם.

— נו, וואָס פערלאנגט איהר, אָנקעל?

— הער מיך אויס אויפמערקזאם, פראנסוא, האָט זשאק דאָראן געזאָגט.

— איך הער אייך, ליעבער אָנקעל.

— אין דעם דאָקומענט, וועלכען מיר האָבען געפונען אין דער בוכטע פון

אַמאן, שטעהט עס דייטליך, אז דער צווייטער אינזעל געפינט זיך אין דער בוכטע פון מאיומבא. איז עס אזוי?

— געוויס, ליעבער אַנקעל.

— קענסט דוא אויסגעפינען גאנץ גענוי, וואו עס געפינט זיך אונזער אינזעל?

— אָהן מעער־קארטען און אָהן אינסטרומענטען איז עס אונמעגליך, האָט פראנסוא געענטפערט, נאָך מיין מיינונג מוזען מיר יעצט פאָהרען צוריק נאָך לאָאנגאָ, דאָרט זיך אויפזעצען אויף דעם ערשטען בעסטען דאמפפער, וועלכער געהט נאָך פראנקרייך, און פאָהרען אהיים.

— אויף קיין פאל! האָט זשאק דאָראן אויסגערופען פול צאָרן.

— אויף קיין פאל! האָט ווידערהאָלט זיין ליעבער שוואָגער זאמבוקאָ.

— אָבער וואָס דען קענט איהר טהאָן? האָט פראנסוא געפרעגט.

— מיר וועלען געוויס באלד געפינען א מיטעל, וויא אזוי צו פאָהרען נאָך באראקא אָדער נאָך דער קליינער שטאָדט מאיומבא, דאָרט וועלען מיר דינגען אָדער קויפען א באָאט און מיר וועלען ארומפאָהרען פון איין אינזעל צום אנ־דערען, ביז מיר וועלען געפינען אונזער אינזעל.

— דאָס געפעהלט מיר גאָר ניט.

— עס קען זיין, אז עס געפעהלט דיר ניט, עס איז אָבער דאָס איינציגע מיטעל צו געפינען אונזער אינזעל. זאָג אליין: וויא פיעל אינזלען געפינען זיך דען אין דיעזער בוכטע? פינף? זעקס? צעהן? קענען מיר דען ניט אויס־פאָרשען און אויסזוכען אלע צעהן אינזלען, ביז מיר וועלען געפינען אונזער אינזעל? איז עס דען שווער צו געפינען דעם אָרט, וואו קיאמיל פאשא האָט פערגראָבען זיינע מיליאָנען? ווייסען מיר דען ניט, אז אויף דעם שטיין, אונטער וועלכען עס ליעגען דיעזע מיליאָנען, איז אויסגעקריצט א דאָפפעל "קיי".

— דאָס וועט זיין א לאנגע און שווערע ארבייט, האָט פראנסוא בע־מערקט.

— איך ווייס ניט, פאר וואָס מיר זאָלען שוין ניט אָנהויבען צו זוכען. פילייכט איז עס גאָר דיעזער אינזעל, אויף וועלכען עס געפינען זיך דיא מי־ליאָנען?

אין דער צייט, ווען זיי האָבען גערעדט, האָבען זיך בעוויזען עטליכע פי־שער שיפלעך, וועלכע זיינען ארויסגעפאָהרען פון באראקא אָדער מאיומבא כאפען פיש אין דער בוכטע.

באראָסא האָט אויסגעטהאָן זיין העמד, האָט עס צוגעבונדען צו א לאנ־גען שטעקען, וועלכען ער האָט אָבגעבראָכען פון א בוים, און האָט דערמיט גענעבען א צייכען צו דיא פישער, אז אויף דעם אינזעל געפינען זיך מענשען, וועלכע בעטען הילף. ער איז געוועזען גוט בעקאנט מיט דיא זיטען פון דיא

נעגער, וועלכע האבען געוואהנט אין יענער געגענד, און דארום האט מען אויך באלד פערשטאנען זיינע סיגנאלען.

צוויי פישער־שיפלעך זיינען צוגעקומען צום אינזעל.

— אָנקעל, האט פראנסוא געזאגט, אָנקעל, איך זעה, אז עס קומען אָן פישער־שיפלעך, לאָמיר זיך אויפזעצען אויף זיי און לאָמיר פאָהרען נאָך באראקא אָדער אן אנדער שטאָדט.

— אויף קיין פאל! האט אויסגערופען זשאק דאראן, מיר זיינען אויף דיעזען אינזעל און מיר מוזען איהם אויספאָרשען.

— אויף קיין פאל! האט געברומט זאמבוקא.

פראנסוא האט ניט געהאט וואס צו ענטפערען. ער האט געזעהן, אז זיין אָנקעל האט רעכט: ווען דער צופאל האט זיי פערוואָרפען אויף אן אונבעוואהנ־טען אינזעל אין דער בוכטע פון מאיומבא, ווארום זאָלען זיי דען ניט אויספאָר־שען דיעזען אינזעל?

— זאָלען דיא מאטראָזען פון דער "פאָרטאָ אלעגרא" זיך אויפזעצען אויף דיעזע פישער שיפלעך! האט זשאק דאראן ווייטער געזאגט. זיי זיינען הונ־געריג, זיי ווילען עסען א גוטען מיטאָג אין באראקא, מיר קענען דאָ בלייבען און זוכען.

טרעגאָמעין האט איינגעזעהן, אז עס איז גאָר ניט צו מאכען מיט זיין אלטען פריינד, און ער האט געזאגט:

— וויא אזוי אָבער קענען מיר בלייבען דאָ אליין? דיא מאטראָזען וועלען דאָך פערשטעהן, אז עס איז ניט אומזיסט.

— זיי שטעהען יעצט אלע אויף'ן ברעג און ווארטען אויף דיא פישער־שיפלעך, האט זשאק דאראן געענטפערט. לאָמיר זיי לאָזען ווארטען! לאָמיר זיך שטילערהייט אוועק'גנב'ענען פון זיי און זוכען דעם צייכען פון קיאמיל פאשא.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אויפגעשטאנען פון דעם שטיין, אויף וועלכען ער איז געזעסען, און איז ווייטער געגאנגען. זאמבוקא איז איהם נאכגעגאנגען, נור סואד פאשא איז געבליבען איינינע מינוטען און האט עפעס געזאגט צום שיפסקאפיטאן באראסא, דאן איז ער אויך נאכגעלאָפען נאָך דיא איבעריגע.

26טעס קאפיטעל.

געפונען

וויא פערקאָכט זשאק דאראן איז געווען אין זיינע מיליאָנען, האט ער דאָך רעכט געהאט, ווען ער האט ערקלעהרט, אז דיא הונגעריגע מאטראָזען פון דער

"פּאָרטאָ אלעגראָ" וועלען זיך ווענינ קימערען וועגען דעם, וואָס זייערע פּאסאַ־זשירען זיינען ערגעץ פערשוואונדען געוואָרען.

זיי זיינען אלע געשטאנען אויף'ן ברעג און האָבען געוואַרט מיט אונגעדולד אויף דער מינוט, ווען דיא פישער־שיפלעך וועלען צוקומען און זיי אויפנעהמען. זיי האָבען דאָך ניט געוואוסט, אז עס קען זיין, אז אויף דיעזען אינזעל געפינען זיך מיליאָנען.

זיי האָבען דארום זיך גאָר ניט אומגעקוקט, וואָס זייערע פּאסאזשירען זיינען אוועקגעגאנגען וויטער. גאנץ אנדערש האָבען געהאנדעלט דיא שימפּאנזעעס. זיי האָט עס שטארק פערדראָסען, וואָס דיא צוויי־פיסיגע טהיערע, דיא מענשען, ערלויבען זיך אָבצונעהמען זייער אינזעל. זיי זיינען געוואָרען אונרוהיג און האָבען אָנגעהויבען צו ברומען און צו שרייען.

— זיי רעדען צווישען זיך! האָט טרעגאָמעין אויסגערופען, איך קען שווערען, אז זיי רעדען און זיי פּראָטעסטירען פּאר וואָס מיר קומען זיי שטערען אויף אן אינזעל, וואו זייערע עלטער־עלטערען האָבען געלעבט. שאדע, וואָס איך פערשטעה ניט זייער שפּראך, איך וואָלט זיי ערקלעהרט, אז מיר דארפען ניט זייער לאנד.

דער גוטער טרעגאָמעין האָט ניט געוואוסט, אז א געלערענטער מאן מיט'ן נאָמען גארנער, וועלכער האָט א לאנגע צייט געוואָהנט אין דיא וועלדער פון אפריקא, האָט בעהויפּטעט, אז ער האָט אויסגעלערענט דיא שפּראך פון דיא אפען, און ער האָט זאָגאר אָנגעשריעבען א בוך וועגען דיעזער שפּראך. גארנער בעהויפּטעט, אז דיא אפען האָבען א גאנץ גוט אויסגעארבייטע שפּראך, וועלכע ער קען רעדען און דיא אפען פערשטעהען איהם גאנץ גוט.

טרעגאָמעין האָט אָבער דערפון ניט געוואוסט און ער האָט ניט געקענט רעדען מיט דיא אויפגערעגטע, אונרוהיגע שימפּאנזעעס, דערפאר אָבער האָבען זיי מיט איהם גערעדט און דערצו, אויף א שפּראך, וועלכע ער האָט גוט פערשטאנען: זיי האָבען אויף איהם געוואָרפען פּריכטע און צווייגען פון ביימער. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז זיי ציעלען ניט גוט, אָבער זיי פלעגען דאָך אמאָל טרעפען.

מען האָט געמוזט געהן זעהר לאנגזאם. דער וואלד איז געוואָרען געדיכטער, דיא גראָזען זיינען געוואָרען גאנץ הויך, אז א מענש וואָלט לייכט געקענט זיך בעהאלטען אונטער זיי, און דערצו זיינען זיי געוואָרען אזוי געדיכט, אז יעדער האָט געמוזט ארויסנעהמען זיין מעסער און זיך דורכשניידען א וועג.

עס איז געוואָרען צעהן אָדער עלף אוהר. דיא היץ איז געוואָרען שרעקליך. דיא זון האָט געברענט, וויא פייער, און עס איז געווען אונמעגליך צו שטעהן איינינע מינוטען אויף א פרייען פּלאץ, ניט אונטער דעם שוץ פון א בוים. טרעגאָמעין האָט געבעטען, מען זאָל זיך אָברוהען אביסעל.

— קום ווייטער! עס איז יעצט קיין צייט ניטאָ זיך אָבצורוהען! האָט דאָ־ראָן געשריען וויא א וואהנזיניגער.

דיא שימפּאנזעעס האָבען געמיינט, אז ער בייזערט זיך אויף זיי, און זיי האָבען איהם געוואָלט ווייזען, אז זיי האָבען מעהר אורזאכען צו זיין אין כעס און האָבען אָנגעהויבען צו ווארפען אויף דיא פראנצויזען מיט שטיקער האָלץ און זאָגאר מיט שטיינער.

— וואו נעהמען זיי דען שטיינער? האָט פראנסוא געפרעגט.

ער איז עס באלד געוואָהר געוואָרען. דער וואלד האָט זיך געענדיגט און זיי זיינען ארויסגעקומען אין א ווילדער געגענד, וועלכע איז געווען בעדעקט מיט גרויסע און קליינע שטיינער.

— דאָ דארף עס זיין, וואו קיאמיל פּאשא האָט פערגראָבען זיינע מי־ליאָנען, האָט זשאק דאָראן אויסגערופען.

עס איז געווען א רעכט זאָנדערבארע געגענד, אונגעפעהר א מייל דיא לענג און דיא ברייט. קיין גרעזעלע, קיין בוימעלע, קיין שפּור פון א מענשען. דאָס גאנצע שטיק לאנד איז געווען בעדעקט מיט שטיינער, גרויסע און קליינע. אייניגע זיינען געווען טיעף פערגראָבען אין זאמד, אנדערע זיינען געלעגען גאנץ פריי.

— דאָ דארף עס זיין! האָט זשאק דאָראן אויסגערופען. קיאמיל פּאשא האָט ניט געקענט געפינען א בעסערען פּלאץ פאר זיינע מיליאָנען, וויא דאָ, אין דיע־זער וויסטער, שטיינעריגער געגענד.

יעצט האָט מען אָנגעהויבען צו זוכען דעם דאָפּעל "קיי", דעם צייכען, וועלכער דארף זיך געפינען אויף דעם שטיין, אונטער וועלכען עס ליעגען בע־גראָבען דיא מיליאָנען.

מען האָט געזוכט אומזיסט. דיא שימפּאנזעעס זיינען זיי ניט נאָכגעגאנ־גען אין דיעזער שטיינעריגער געגענד אויף דעם אינזעל. זיי זיינען בעסער געבלי־בען שטעהן אין וואלד, געשיצט אונטער דעם שאָטען פון דיא געדיכטע בוימער. נור פון צייט צו צייט פלעגט זיך איינער ארויס׳גנב׳ענען, פלעגט אויפהויבען א שטיין פון א פּאר פונט און פלעגט איהם א שליידער טהאָן אויף דיא מענשען, דאן פלעגען אלע אפען מיט איין מאָל אָנהויבען צו קוויטשען, צו ברומען און צו פלוידערען, גלייך וויא זיי וואָלטען ערקלעהרט, אז זייער קאמעראד האָט גוט געטראָפען.

אזוי איז פערגאנגען א שטיק צייט. טרענאָמעין איז געוואָרען אזוי מיעד, אז ער איז בוכשטעבליך אנידערגעפאלען אויף א שטיין און האָט געקרעכצט:

— איך קען שוין ניט אויסהאַלטען דיא היץ.

פּלוצלונג האָט מען דערהערט א געשריי:

— אָט איז עס! אָט איז דער צייכען!

דאָס האָט אויסגערופן בן אָמאר.

אַלע זיינען צוגעלאָפן צו איהם און האָבען געפרעגט:

— ווער? וואו? וואו איז דער צייכען?

— אָט איז ער! האָט בן אָמאר געקייכט און געוויזען אויף א שטיין.

אַלע האָבען זיך צוגעקוקט און האָבען דערזעהן, אז גראדע אויף דעם שטיין, אויף וועלכען דער דיקער טרעגאָמעין האָט זיך אנידערגעזעצט, איז פון דער אנדערער זייט געווען גאנץ דייטליך אויסגעקריצט דער דאָפּעל "קיי".

זשאק דאַראַן האָט זיך ארויפגעוואָרפען אויף דעם שטיין, וויא א וואהנזיניגער. ער וואָלט איינגעשלונגען דעם שטיין, ווען ער וואָלט עס נור געקענט. ער האָט געוואָלט איהם ארומנעהמען, אָבער דער שטיין איז געווען צו גרויס פאר איהם.

אייניגע מינוטען זיינען אַלע געשטאנען וויא פערשטיינערט און האָבען געקוקט אויף דיעזען זאָנדערבארען צייכען.

ווען זיי זיינען געקומען אביסעל צו זיך, האָבען זיי ערשט זיך געשטעלט דיא פראגע:

— וויא אזוי גראָבט מען אוים דיא מיליאָנען? זיי האָבען דאָך ניט קיין אינסטרומענטען מיט זיך, קיין גראָב־אייזען, קיין האק און קיין אנדערע אינסטרומענטען.

זשאק דאַראַן האָט געוואָלט גראָבען דיא ערד מיט דיא הענד, ער האָט זיך אָבער באלד איבערציינט, אז דאָס איז אונמעגליך.

פראנסוא האָט זיי אויסגעהאָלפען.

— מיר האָבען אונזערע טאשען מעסערס, האָט ער געזאָגט, צוויי פון אונז מוזען צוריקגעהן אין וואלד, אויסברעכען עטליכע שטארקע צווייגען, זיי פערשניצען, מאכען זיי שארף און גראָבען מיט זיי.

אזוי האָט מען געטהאָן. אין א קורצער צייט האָט מען זיך געמאכט אינסטרומענטען פון האָלץ און מען האָט אָנגעהויבען מיט זיי צו גראָבען.

עס איז געווען א לאנגע און שווערע ארבייט. מעהר וויא א שטונדע האָבען אַלע פינף געארבייט מיט אַלע זייערע קרעפטען און האָבען אוועקגעגראָבען דיא ערד און דיא שטיינער.

— אָט איז עס! איך האָב עס! האָט זשאק דאַראַן אויסגערופען.

ער האָט אוועקגעקייקעלט א גרעסערען שטיין און עס האָט זיך בעוויזען אונטער איהם א קליינע הייל.

— אָבער גאָט אין הימעל! וואָס איז דאָס? האָט פראנסוא אויסגערופען.

אנשטאָט פעסלעך מיט גאָלד איז געלעגען אין דער קליינער הייל נור אן אייזערנע שאכטעל, אביסעל גרעסער פון דער שאכטעל, וועלכע זיי האָבען געפונען אויף דעם אינזעל אין דער בוכטע פון אָמאן, אָבער ניט מעהר.

זשאק דאראן און זאמבוקא זיינען בלייך געוואָרען וויא קאלך.

— ווידער א שווינדעל! האט טרענאמעין געברומט.

סואד פאשא האט געקריצט מיט דיא ציינער פאר צאָרן און פערדרוס.

זאמבוקא איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו זיך און האט אויפגעהויבען דיא ניט שווערע שאכטעל. זיא איז ניט געווען פערשלאָסען און ער האט זיא געעפענט.

אין דער שאכטעל זיינען געלעגען נור עטליכע שטיקלעך איינגעוויקעלטע פאפיער און א געל שטיקעל פארמעט.

זשאק דאראן האט אויסגעכאפט דאס קעסטעלע, האט ארויסגענומען דאס שטיק פערגאמענט און האט אָנגעהויבען צו לעזען:

"דער מערידיאן פון דעם אינזעל נומער דריי איז פונקט גראד עלף מינוט אָסט (מזרח), דיא הערען דאראן און זאמבוקא ווערען געבעטען, זיי זאָלען זיך נאָטירען דיעזען מערידיאן אין דער געגענווארט פון דעם אדוואָקאט בן אמאר, דאן זאָלען זיי אויפזוכען דאָקטאָר טירקאָמעל אין דער שטאָדט דענבאר, שאָטלאנד, וועלכער וועט זיי איבערגעבען דעם פאראלעל פון דעם דריטען אינזעל".

ווען א דונער וואָלט געווען אריינגעגאנגען אין דער ערד לעבען זיי, וואָלטען זיי ניט געווען אזוי איבערראשט, וויא יעצט, ווען דאראן האט פארגעלעזען דיעזען זאָנדערבארען דאָקומענט.

— אזוי? אָנשטאָט איינצוטהיילען זיין פערמעגען צווישען צוויי יורשים האט קיאמיל פאשא עס איינגעטהיילט צווישען דריי, און אנשטאָט צוואנציג מיליאָן וועט יעדער בעקומען עפעס ווענינער פון זיעבען מיליאָן? דאס איז אבשייליך! האט געשריען זאמבוקא.

— און ווען מיר וועלען קומען צום אינזעל נומער דריי, וועט מען אונז שיקען אויף א אינזעל נומער פיער! האט פראנסוא בעמערקט.

אזוי וויא קיינער האט ניט געענטפערט, האט פראנסוא וויטער געזאָגט:

— ליעבער אָנקעל! דוא זעהסט דאך, אז דיין עגיפטישער פאשא מאכט דיך צום נאר, אלזאָ לאָז איהם צו־רוה מיט זיינע מיליאָנען און לאָמיר בעסער פאָהרען אהיים.

— ער האט רעכט, זשאק, האט טרענאמעין אונטערשטיצט, דוא זעהסט דאך שוין גאנץ גוט, אז מען פיהרט דיך ארום איבער דער וועלט, וויא א קליין אינגעלע, וועמען מען וויל אָבנארען. דיין קיאמיל פאשא איז געווען א שפאסמאכער און וויטער גאָר ניט.

— שווייגט דאך! לאָזט מיך ענדיגען לעזען! האט זשאק דאראן געשריען אויסער זיך.

אלע זיינען געבליבען שטיל און האָבען אויסגעשטרעקט זייערע העלזער.

זשאק דאראן האט ווייטער געלעזען:

„אזוי וויא דיא מענשען, וועלכע וועלען אויפזוכען דיעזען אינזעל, וועלען האבען געוויסע אויסגאבען, און אזוי וויא אום ווייטער צו פאהרען און צו זוכען דעם אינזעל נומער דריי, וועלען זיי וויעדער דארפען געלד, לעג איך אריין אין דיעזער שאכטעל צוויי דימאנטען, איינעם פאר הערר דאראן און דעם צוויי־טען פאר הערר זאמבוקא. דיעזע צוויי דימאנטען זיינען אזוי פיעל ווערטה, אז זיי קענען דעקען אלע אויסגאבען און רייזע־קאסטען. פון דיעזע צוויי דימאנטען קענען זיי אורטהיילען, וואס פאר א ווערטה עס האבען דיא דימאנטען, וועלכע געפינען זיך אין דיא פעסלעך".

זאמבוקא איז אויפגעשפרונגען, גלייך וויא א שלאנג וואלט איהם א ביס געטהאן, און האט אויסגערופען:

— דימאנטען? וואו זיינען דיא דימאנטען?

זשאק דאראן האט לאנגזאם און פארזיכטיג צונומען דאס איינוויקעל־פאפיער און האט אויך גאנץ פארזיכטיג ארויסגענומען צוויי גרויסע, שעהנע גלענצענדע דימאנטען.

זאמבוקא האט אויסגעכאפט איינעם און האט אנגעהויבען איהם צו בע־טראכטען. ער איז געווען א קענער אויף דימאנטען. ער האט איבערגעהאלטען גענוג דימאנטען אין זיינע הענד. ניט איין מאל האט מען ביי איהם פערזעצט אדער געגעבען צו בעהאלטען (אלס פקדון) דימאנטען.

— זיי זיינען עכט, האט ער געמורמעלט, יעדער איז ווערטה ביז צעהן טויזענד פראנק.

— מיך האט דיא געשיכטע שוין געקאסט מעהר אלס צוועלף טויזענד פראנק, האט זשאק דאראן געמורמעלט.

אזוי וויא זאמבוקא האט ארייגעשטעלט זיין דימאנט אין זיין ביי־גאר־טעל, האט זיין ליעבער שוואגער געטהאן דאסזעלבע.

— דיא געשיכטע ווערט קאמיש אדער ערנסט, האט טרעגאמעין געזאגט, וויא צו זיך אליין, איך ווייס שוין גאר ניט וואס צו דענקען פון אייער פאשא. איך וואלט קיין מאל ניט געגלויבט, אז א פאשא זאל קענען מאכען אזוי פיעל שפאס פון ערנסטע פראנצויזען.

פראנסוא האט פערצויגען דיא אקסלען און האט געמאכט א גרימאסע. סואד פאשא האט געמאכט פון זיינע הענד צוויי פויסטען, גלייך וויא ער וואלט געוואלט זיך שטעלען שלאגען מיט אלעמען. בן אמאר האט אויסגעגלאצט דיא אויגען, האט געקוקט אויף אלעמען מיט שטוינען, פערוואונדערונג, אי־בערראשונג, צארן, שפאט און פעראכטונג. ער האט זיך געפיהלט זעהר שטארק בעליידיגט: קיאמיל פאשא שרייבט אויסדריקליך, אז ער, בן אמאר, זאל זיין

דערביי, ווען מען וועט עפענען דאָס אייזערנע קעסטעלע, און דאָך האָט קיאַמיל פּאַשאַ פאַר איהם ניט אָנגעגרייט דעם קלענסטען דימאַנט.

דאָס איז שרעקליך! דאָס האָט ער ניט פערדיענט! האָט דען קיאַמיל פּאַשאַ ניט פערשטאַנען, אז אזא רייזע דאַרף קאָסטען געלד? וואָרום אַלזאָ האָט ער איהם, דעם אָרימען בן אָמאַר'ען, אזוי ביטער בעליידיגט?

אייניגע מינוטען זיינען אלע געשטאַנען וויא פערשטיינערט. יעדער איז געוועזן פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען און אין זיינע בעטראַכטונגען.

פראַנסוּאַ איז געוועזן דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו זיך און ער האָט געזאָגט:

— ליעבער אָנקעל, דוּא זעהסט דאָך שוין יעצט, אז פון דיא 20 מיליאָן איז געוואָרען נור זעקס מיליאָן, עס איז אַלזאָ מעהר אלס זיכער, אז ווען מיר וועלען געפינען דעם אינזעל נומער דריי, וועט פון דיא זעקס מיליאָן ווערען נור דריי מיליאָן, צו וואָס אַלזאָ זאָלען מיר זיך ווייטער פּלאָגען? לאָמיר בעסער פאָהרען אהיים און פערגעסען קיאַמיל פּאַשאַ מיט זיינע מיליאָנען.

— אויף קיין פאַל ניט! האָט זשאַק דאָראַן אויסגערופען. מען הייסט אונז פאָהרען נאָך שאָטלאַנד, לאָמיר פאָהרען נאָך שאָטלאַנד. איך וועל ניט אָבשטעהן און וועל מיך ניט אָבזאָגען פון מיינע מיליאָנען, זאָגאַר ווען עס וועט נויטהיג זיין, איך זאָל פאָהרען צום נאָרד פּאָל אָדער אין עק וועלט, וויא מען זאָגט. עס זיינען מיינע מיליאָנען און איך מוז זיי בעקומען!

— מיין ליעבע שוועסטער טאַליסמאַ, וועלכע האָט געוואַרט ביז אהער און האָט ניט געהייראַטה, קען וואַרטען נאָך א יאָהר און נאָך צוויי יאָהר, ביז איהר וועט קריעגען דיא מיליאָנען, האָט זאַמבוּקאָ געזאָגט גאַנץ ערנסט. אונזער קאָנטראַקט בלייבט אין זיין פולער קראַפט און איהר בלייבט מיין געליעבטער שוואָגער.

ווען זשאַק דאָראַן וואָלט געקענט פערברענען דעם באַנקיר זאַמבוּקאָ מיט א בליק, וואָלט ער עס געוויס געטהאָן, און ער האָט אויך פּרובירט. אזוי וויא זיין בליק האָט אָבער זעהר ווייניג געווירקט אויף דעם באַנקיר, האָט זשאַק דאָראַן אָנגעהויבען צו קריצען מיט דיא צייהן פאַר צאָרן און פערדרוס.

— מיר מוזען יעצט צוריקגעהן צום ברעג, האָט זשאַק דאָראַן געזאָגט שטרענג, מיר וועלען זיך אויפזעצען אויף דעם ערשטען בעסטען פישער־באָאט, וועלכעס וועט אונז ברייגגען נאָך באַראַקאַ אָדער מאַיוּמבאַ, דאָרט וועלען מיר זוכען א שיף, וועלכע זאָל אונז בריינגען צוריק נאָך לאָאַנגאָ, דאַן וועלען מיר זיך אויפזעצען אויף דער ערשטער ענגלישער שיף, וועלכע געהט נאָך לאָנדאָן אָדער גלאַזגאָ.

קיינער האָט איהם ניט געענטפערט. מען האָט דאָך געמוזט טהאָן וויא

ער האָט פערלאנגט, ווייל מען האָט דאָך ניט געקענט בלייבען אויף דיעזען קליי־נעם אינזעל.

אויף'ן וועג צום ברעג האָבען דיא פראנצויזען זיך איבערצייגט, וויא אונ־אנגענעהם עס איז דורכצוגעהן אָהן ערלויבניס אן אינזעל, וועלכער איז בע־וואָהנט פון שימפּאנזעס.

דיעזע קלוגע אפען (מאלפּעס) האָבען אָבגערעדט און אויסגעטראכט א פּלאן, וויא אזוי אָנצולערנען דיא פרעמדע, וועלכע ערלויבען זיך צו קומען אויף זייער אינזעל. זיי האָבען גאנץ ערנסט און גאנץ קלוג אטאקירט דיא רייזענ־דע. זיי האָבען געוואָרפען אויף זיי שטיינער און שטיקער האָלץ. איין שטיין האָט געטראָפען זאמבוקאָ'ן אין קאָפּ און האָט איהם געמאכט א בייל וויא אן איי דיא גרויס.

דערביי האָבען דיא שימפּאנזעס אזוי געליארעמט, אזוי געשריען, אזוי געמיועט, געקרעכצט, געברומט און געקריצט מיט דיא צייהן, אז עס איז געווען גאנץ דייטליך, וויא זיי וואָלטען געזאָגט: "אויב איהר וועט ניט אוועק־געהן פון אונזער אינזעל מיט גוטען, וועלען מיר אייך ארויסטרייבען מיט גע־וואלד".

מיט שווערער מיה האָבען דיא זעקס גאָלד־זוכער זיך דורכגעשלאָגען דורך דעם וואלד און זיינען צוגעקומען צום ברעג. זיי זיינען געקומען פּונקט צו דער רעכטער מינוט. דיא פּאָרטוגעזישע מאטראָזען זיינען שוין אלע געזעסען אין צוויי קליינע פישער־שיפלעך, וועלכע האָבען נור וואָס געוואָלט אָבפּאָהרען.

באראָקאָ האָט געבעטען דיא פישער, נעגער פון מאיומבא, זיי זאָלען צושיקען נאָך א שיפעל פאר זיינע איבריגע פּאסאזשירען.

א שטונדע שפּעטער איז אָנגעקומען א שיפעל און האָט אויפגענומען דיא זעקס גאָלד־זוכער.

27טעם קאפּיטעל.

דאָקטאָר טירקאמעל

אין יענער צייט האָבען געוואָהנט אין דעם שטעדטעל מאיומבא נור צוויי אייראָפּעער, אגענטען פון גרויסע האנדעלס הייזער אין לאָנדאָן.

דיעזע צוויי אגענטען פלעגען אויפקויפען דיא פּראָדוקטען פון דעם לאנד: רייז, גומי (ראָבער), קאָקאָס אויל, קאָפּירא (געטריקענטע קאָקאָס ניס), עלע־פאנט־ביין און גאָלדשטויב.

דיא נעגער פון מאיומבא האָבען דאמאָלס נאָך ניט געוואוסט פון גאָלדענע, קופּערנע און זילבערנע מטבעות, וויא מען געברויכט אין ציוויליזירטע לענדער. אלס געלד פלעגען זיי נעהמען שטיקער צייג פון ענגלישע פאבריקען און פיעלע

ענגלישע וואארען. ווען א נעגער האט געבראכט צום אגענט א שטיק עלע־פאנט־ביין, פלעגט ער דערפאר בעקומען אזוי פיעל און אזוי פיעל איילען וואארע.

אז דיא נעגער פלעגען וויסען זיך צו דינגען און צו פאדערען וואס מעהר פאר זייערע פראדוקטען, איז זעלבסטפערשטענדליך. מען קען אבער זאגען, אז דאס איז געווען א שטיל, רוהיג, פלייסיג פאלק, ווייל אין דער גאנצער שטאדט האבען זיך געפונען נור צוויי ווייסע מענשען און דאך האט זיי קיי־נער ניט בעאונרוהיגט און קיין נעגער האט זיך ניט ערלויבט זיי צו טהאן שלעכטס.

נאך מעהר, דער קלימאט פון מאיומבא איז זעהר שלעכט פאר אן איירא־פעער, בעזאנדערס פאר א מענשען, וועלכער איז ניט געוואהנט צו איהם. דיא שטאדט געפינט זיך אין א טהאל, אין וועלכער דיא היץ איז שרעקליך. דער שטארקסטער איירא־פעער קען ניט אויסהאלטען אין דיעזער געגענד מעהר וויא צוויי יאהר. זיין לעבער ווערט געשוואלען און זיין געזיכט ווערט געל. ער מוז דאן צוריקפאהרען נאך איירא־פא, זיך ערהאלען.

דיא האנדעלס הייזער וויטען עס גאנץ גוט און זיי שיקען יעדעס יאהר העכסטענס יעדע צוויי יאהר פרישע מענשען, וועלכע זיינען ווענינ בעקאנט מיט דיא איינוואהנער, און דאך האט זיך נאך קיינמאל ניט געמאכט, אז דיא נע־גער זאלען בערויבען אן אגענט.

יעצט געהערט דיעזע געגענד צו פראנקרייך, דאמאלס האט זיא געהערט צו א נעגער־קעניג, וועלכער האט געוואהנט אין מאיומבא. ווען עס פלעגט אנקומען א נעגער אגענט פון ענגלאנד, פלעגט ער מוזען זיך פארשטעלען פאר'ן קעניג און איהם ברייננען א פרעזענט פון דער קאמפאניע.

אמאל פלעגט אזא אגענט ברייננען דעם קעניג ווירקליך א זעלטענע זאך: א גוטען זייגער, א שפיעל־קאסטען און דאסגלייכען. צומאל אבער פלעגט א גוטער, גלענצענדער צילינדער הוט זיין א גאנץ גוטער פרעזענט. מען קען זיך לייכט פארשטעלען, וויא קאמיש עס פלעגט זיין פאר אן איירא־פעער, וועלכער פלעגט קומען נאך מאיומבא, און האט בעזוכט דעם קעניג, איהם צו געפינען זיצענדיג אויף א טהייערען סאמעטענעם שטוהל, האלב נאקעט, גאנץ בארפוס און מיט א צילינדער הוט אויף'ן קאפ.

דאס פישער־שיפעל האט געבראכט אונזערע רייזענדע נאך מאיומבא, און אזוי וויא דיא צוויי ענגלענדער אין מאיומבא זיינען דערווייל געוואהר געווארען, אז איירא־פעער האבען געליטען שיפברוך אין דער בוכטע, זיינען זיי צוגעקומען צום ברעג, האבען אויפגענומען רעכט פריינדליך זשאק דאראן מיט זיינע בעגלייטער און האבען זיי גענומען צו זיך.

דיא ענגלענדער זיינען פון דער נאטור ניט זעהר גאסט־פריינדליך, אבער

אין אַ פרעמדען לאַנד צווישען האַלב־ווילדע מענשען האָבען זיי זיך געוויזען אַלס זעהר גאַסט־פריינדליך. זיי האָבען געבראַכט דיא פּראָנצוויזען צו זיך אהיים, האָבען יעדען אָבגעגעבען אַ צימער און זיי געגעבען עסען און טרינקען.

דאָס איז געווען דאָס וויכטיגסטע, וויילע זשאַק דאַראַן מיט זיינע מענשען האָבען זייט פיער און צוואַנציג שטונדען גאָר ניט געגעסען. מען האָט זיי גע־געבען דיא בעסטע און זעלטענסטע פריכטע.

דער אַנאַנאַס (פּיין עפּעל), וועלכער ווערט אַזוי געשעצט אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ, וואַקסט דאָרט גאַנץ ווילד. גאַנצע פעלדער, גאַנצע שטרעקען לאַנד זיינען בעדעקט מיט אַנאַנאַסען. דיעזע פרוכט איז אויך אַ געבאָרענע אַפריקאַנערין. דיא שקלאַפען־הענדלער, וועלכע פלעגען ברייננגען שקלאַפען פון אַפריקאַ נאָך אַמעריקאַ, האָבען זיא געבראַכט נאָך אַמעריקאַ, וואו זיא האָט זיך אָנגענומען און האָט זיך גוט צוּוואָקסען.

דער אַנאַנאַס איז אויך אַ זאָנדערבאַרע פרוכט. מען דאַרף נור לאָזען אַ שטיקעל שאָלעכץ פון איהם אויף דער ערד און עס צוּוואַקסט זיך דערפון אַ גאַנצער גאָרטען.

דעם ערשטען טאָג זיינען אַלע געראַטעוועטע אָבגעשלאָפען אין דעם שאָטען פון זייערע געצעלטען, דעם צווייטען טאָג האָט זשאַק דאַראַן און זאַמבוקאָ געבעטען דעם ענגלענדער, ער זאָל זוכען פאַר זיי אַ שיף נאָך לאָנגאַ, און פראַנסוא מיט טרעגאַמעין׳ען זיינען געגאַנגען בעטראַכטען דיא שטאָדט.

פראַנסוא איז אַמאָל פאַרביינגעפאָהרען דיא בוכטע פון גווינעאַ, אָבער ער איז דאָ אין ערגיץ ניט אָבגעשטיגען. יעצט, ווען דער צופאַל האָט איהם גע־בראַכט אהער, האָט ער געוואָלט בעקאַנט ווערען מיט יעדער שטאָדט און מיט יעדען שטעדטעל, וויילע דאָס קען איהם צוניץ קומען אַלס שיפסקאַפּיטאַן פון לאַנגע רייזען.

עס איז אָבער געווען ניט פיעל וואָס צו זעהן אין מאַיומבאַ. מען רופט עס שטאָדט, אין דער ווארהייט געפינען זיך דאָרט איינינגע הונדערט שטיבע־לעך פון בוימער, געדעקט מיט דיא גרויסע בלעטער פון באַנאַנעס, פיזאַנג און פּאַלמען, בעזאָנדערס אָבער פון דער פעבער פּאַלמע.

דיא איינוואָהנער געהען גאַנץ נאַקעט. זיי טראָגען נור אַ סאָרט גאַרטעל אַרום דיא לענדען. פרויען טראָגען דעם גאַרטעל אַביסעל לענגער, ביז דיא קניע, דער גאַנצער אויבער קערפּער און דיא פיס בלייבען נאַקעט.

דער הויפּט עסען זיינען פריכטע, אָבער דיא נעגער מאַכען אויך ברויט פון הירזש און גערשטען. דערמיט בעשעפטיגען זיך נור פרויען. דער הירזש אָדער גערשטען ווערט אַרויפגעשאָטען אויף אַ שטיין און מען קלאַפּט אויף איהם מיט אַ צווייטען שטיין אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט פון איהם אַ סאָרט גאַנץ גראָבע מעהל. דיעזע מעהל ווערט אויסגעמישט מיט וואַסער, ביז עס ווערט

א טייג, און פון דעם טייג מאכט מען דינע פּלעצלעך, א סאָרט מצות, און מען באקט זיי אויף צוגליהטע שטיינער.

אזא ברויט קריצט שטארק אונטער די צייהן און ווען עס ליעגט אוועק א טאָג אָדער צוויי, ווערט עס הארט, וויא א שטיין.

אזוי וויא דער קלימאט איז זעהר הייס און די הייזער זיינען אייגענטליך געמאכט נור אום זיך צו שיצען פון א רעגען, ווערען אלע ארבייטען געטהאָן אין דרויסען. מען לעבט אונטער'ן פרייען הימעל, מען עסט אונטער'ן פרייען הימעל, מען טרינקט אונטער'ן פרייען הימעל און מען טהוט אלעס וואָס מען דארף אונטער'ן פרייען הימעל. דאָס וואָרט "שעהמען זיך" שטעהט נאָך ניט אין דעם ווערטערבוך פון די נעגער.

— זיי לעבען, וויא די ערשטע מענשען אין גן עדן, האָט טרעגאָמעין בעמערקט.

— זיי לעבען וויא די בהמות, האָט פראנסוא געברומט.

— פאר וואָס וויא די בהמות? האָט טרעגאָמעין געפרעגט, ווייל זיי דארפען ניט קיין געלד? ווייל זיי ווייסען נאָך ניט פון שעהנע קליידער? ווייל זיי דארפען ניט קיין רייך מעבעל? ווייל זיי קענען ניט און ווייסען ניט פון פיעלע בעדירפניסע, וויא ציוויליזירטע מענשען?

— גאנץ געוויס!

— איז דיין אָנקעל א שטארק ציוויליזירטער מענש, ווייל ער יאָגט זיך אזוי נאָך רייכטהום, וועלכעס ער דארף ניט? האָט טרעגאָמעין געפרעגט מיט פערדרוס. איז דער באנקיר זאמבוקאָ א ציוויליזירטער מענש, ווייל ער האָט מיליאָנען, וועלכע ער קען ניט געברויכען און זוכט נאָך צו בעקומען די מיליאָנען פון קיאמיל פּאשא?

— מיין אָנקעל און זאמבוקאָ זיינען אויסנאהמען, האָט פראנסוא געענטפערט, זיי זיינען קראנק. זיי האָבען דאָס געלד־פיעבער אָדער גאָלד־פיעבער, זיי...

— אזוי? האָט טרעגאָמעין אויסגערופען. זיי זיינען קראנק? זייער קראנקהייט הייסט ציוויליזאציאָן! איך בין מקנא דיעזע האלב־ווילדע נעגער, וועלכע ווייסען נאָך ניט פון אייער קראנקהייט ציוויליזאציאָן.

אין דיעזער מינוט האָבען זיי דערזעהן, וויא פיעלע נעגער געהן האסטיג צו א בערגעל, און זיי זיינען זיי נאָכגעגאנגען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום בערגעל, האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט א זאָנדערבאר בילד. אויף א גראָבען קלאָץ אונטער א געדיכטען בוים איז געזעסען א דיקער נעגער. זיינע פעך־שווארצע האר האָבען שוין אָנגעהויבען גרוי צו ווערען, אָבער ער איז נאָך געווען שטארק און קרעפטיג. ער איז געווען נאקעט, וויא אלע נעגער ארום איהם, אָבער אויף'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען א שפּאָגעלנייעם גאנץ גומען צילינדער־הוט. פון דעם האלז איז אראבגעהאנגען אויף דער

ברוסט א גאָלדענער זייגער אויף א דינער גאָלדענער קייט. עס האט אויסגעוויזען, אז ער טראָגט א מעדאל אָדער אַן אָרדען. ארום דיא לענדען איז געווען ארומגע־וויקעלט א סאָרט גארטעל פון א ביליגען ענגלישען בוימוואָל שטאָף, אָבער זיינע פיס זיינען געווען גאנץ נאקעט.

— וואָס איז דאָס פאר א קלאָון (פּאיאץ)? האָט טרעגאָמעין געפרעגט.

— מיר דאכט, אז דאָס איז דער קעניג פון מאיומבא, האָט פראנסוא גע־ענטפערט.

לעבען דעם קעניג איז געשטאנען א נעגער מיט א בלויזען קאָפּ, מיט נאַ־קעטע פיס, מיט א נאקעטען קערפּער, אָבער אָנגעטהאָן אין א אלטען רויטען מונדיר פון אן ענגלישען גענעראל מיט אלטע פערגאָלדעטע, שווערע עפּאָלעטען.

— גאָט אין הימעל! וואו זיינען מיר ערגעץ אין דער וועלט? האָט טרעגאָמעין אויסגערופען, זיינען מיר אין א דול־הויז?

— שווייגט, אלטער פריינד! פערגעסט ניט, אז איהר שטעהט פאר א קע־ניג! האָט פראנסוא געזאָגט און האָט א ציה געטהאָן דעם אלטען טרעגאָמעין ביים ארבעל.

— אָבער ווער איז דען דער צווייטער קלאָון מיט דיא גאָלדענע עפּאָלעטען?

— דאָס איז געווים א פּרינץ, פיליכט גאָר דער קראָנפּרינץ, פיליכט איז עס א גענעראל אָדער א מיניסטער.

טרעגאָמעין האָט געוואָלט ארויסלאָזען א געלעכטער, אָבער פראנסוא האָט איהם צוריקגעהאלטען און האָט געזאָגט שטילערהייט:

— לאָמיר זעהן, אויב דיזע ניט ציוויליזירטע מענשען זיינען גליקליך.

זיי זיינען צוגעגאנגען אביסעל נעהענטער און האָבען בעטראכט דיא פערזאמעלטע. עטליכע הונדערט נעגער זיינען געשטאנען ארום זייער קעניג.

אייניגע מינוטען שפּעטער האָט מען צוגעפיהרט צום קעניג אונזער בעקאנ־טען שיפסקאפּיטאן באראָסא.

דער קעניג האָט איהם עפּעס געפרעגט און עס איז געווען דייטליך, אז ער איז עפּעס בייז, עפּעס אונצופריעדען. באראָסא האָט עפּעס גערנטפערט, עפּעס געמאכט מיט דיא הענד, עפּעס געוויזען אויף דאָס מעער.

אזוי וויא דיא פראנצויזען האָבען ניט פערשטאנען א וואָרט פון דער נע־גער־שפּראך, האָבען זיי ניט געקענט פערשטעהן, וואָס דאָ קומט פאָר. ערשט ווען זיי זיינען געקומען אויף זייער קווארטיר, האָט בן אָמאר געפרעגט דעם שיפסקאפּיטאן באראָסא, וואָס דער קעניג האָט פערלאנגט פון איהם.

— ער האָט פערלאנגט פון מיר א פּרעזענט און טריבוט (מס), האָט באראָסא ערקלערט, איך האָב איהם געזאָגט, אז מיין שיף איז אונטערגעגאנגען און איך האָב גאָר ניט. דער קעניג אָבער האָט דערפון ניט געוואָלט וויסען.

— און מיט וואָס האָט זיך דיא גאנצע געשיכטע געענדיגט?

— איך האָב געמוזט איהם שענקען מיין שיף, האָט באראָסא געענדיגט, ער וועט הייסען זיינע מענשען זיא ארויסשלעפּען פון וואסער און צונעהמען אלעס וואָס ער וועט דאַרט געפינען.

— און ווער איז דער קלאָון מיט דיא גאָלדענע עפּאָלעטען? האָט טרענאָ־מעין געפרעגט.

בן אָמאר האָט זיין פראגע איבערזעצט אין אראביש און באראָסא האָט גע־ענטפערט:

— דאָס איז דער קראָנפּרינץ.

— אלזאָ, וויא קומט צו איהם א מונדיר פון אן ענגלישען גענעראל?

באראָסאָ האָט זיך צולאכט און האָט געענטפערט:

— איהר ווייסט געוויס ניט, אז די הייזער אין ענגלאנד, פראנקרייך און פּאָרטוגאל, וועלכע האנדלען מיט דיא נעגער אין אפריקא, קויפען אָב אלטע אוניפאָרמען פון אָפיציערען, גענעראלען, אדמיראלען און זאָגאר דיפּלאָמאטען און פיהרען זיי אוועק נאָך אפריקא. וואו זיי פערקויפען דיעזע אלטע קליי־דער צו קעניגע, פירסטען, פּרינצען און מיניסטאָרען. עס האָבען זיך געפונען קלוגע אייראָפּעער, וועלכע האָבען זאָגאר איינגערעדט דיא אפריקאנישע הער־שער, אז מען איז קעניג אָדער פּרינץ נור דאן ווען מען טראָגט אזא מונדיר. דיעזע קלוגע אייראָפּעער האלטען זיך אָן זייער שפּריכוואָרט: "קליידער מאכען לייט", און דיא אונוויסענדע נעגער גלויבען עס. קעניג בינגאָ, דער הערשער פון מאיומבא, איז פעסט איבערצייגט, אז ער איז קעניג נור דאן, ווען ער טראָגט דעם צילינדער הוט אויף'ן קאָפּ, און זיין זוהן ווערט קראָנפּרינץ נור דאן, ווען ער טהוט אָן דעם אלטען מונדיר פון אן ענגלישען גענעראל.

ווען איהר זאָלט פאָהרען אביסעל ווייטער אין לאנד, וואָלט איהר געזעהן דיא מערקווירדיגסטע קאָסטיומען. איהר וועט טרעפען א קעניג אָנגעטהאָן אין א מונדיר פון אן אדמיראל מיט איין עפּאָלעט. מען האָט איהם איינגערעדט, אז עס איז א גרויסע עהרע צו טראָגען א ראָק מיט איין עפּאָלעט. איהר קענט טרעפען א קעניג אָדער א פּרינץ אין דיא קליידער פון א פּאשא און זאָגאר אין דעם מונדיר פון א לאָנדאָנער פּאָליציסט.

ווער עס איז ניט געווען אין אפריקא, דער קען זיך גאָר קיין בעגריף ניט מאכען, וואָס פאר גרויסע געשעפטען מען פלעגט דאָ מאכען מיט אלטע קליי־דער פון אייראָפּעאישע אָפיציערען, גענעראלען און מיניסטאָרען.

— דאָס זיינען אייערע גליקליכע מענשען, אלטער פריינד! האָט פראנסוא געזאָגט צו טרענאָמעין, ווען בן אָמאר האָט זיי איבערזעצט באראָסא'ס ער־קלערונג.

— זיי וואָלטען געווען גליקליך, ווען דיא אייראָפּעער זאָלען זיי ניט בעגליקען מיט זייער ציוויליזאציאָן, האָט דער אלטער טרענאָמעין געברומט.

אין דער צייט, ווען באראַסאַ האָט אונטערהאַנדעלט מיט'ן קעניג און פראנסוא מיט זיין אַלטען פריינד זיינען ארומגעגאנגען בעטראכטען לאנד און לייט, האָבען זשאק דאַראַן און זיין שוואָגער זאמבוקאָ געזוכט מיטעל, וויא אזוי צוריק צו קומען נאָך לאָאנגאָ, וואו זיי וועלען געווים קריגען א שיף נאָך איירָאָפּאַ.

עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען אז אין מאיומבא קען מען קיין שיף און קיין באָאט פאר צוויי וואָכען ניט קריגען. אזוי לאַנג האָט זשאק דאַראַן ניט געוואָלט ווארטען. מען האָט אלזאָ בעשלאָסען, אז דיא פראנצויזען זאָלען דינגען עטליכע נעגער און זאָלען מיטנעהמען דיא מאַטראַזען פון דער "פּאָרטאָ אַלעגראָ". אלע זאָלען געהן צופוס נאָך באראקא, וואו זיי וועלען געווים קריגען א באָאט אָדער א שיף נאָך לאָאנגאָ.

מען האָט אָנגעגרייט לעבענס מיטעל און מען האָט געדונגען צוואנציג נעגער, בעוואפענט מיט זעהר שלעכטע ביקסען. דעם פיערטען טאָג איז מען ארויסגעגאנגען פון מאיומבא.

ערשט יעצט זיינען דיא פראנצויזען געוואָהר געוואָרען, וואָס עס הייסט געהן צו־פוס אין דיא ווילדע וועלדער פון אפריקא. מיט א זעגעל־שיף און מיט א גוטען ווינד געדויערט דיא רייזע פון מאיומבא נאָך באראקא איינינע שטונ־דען, צו־פוס איבער דיא וועלדער און דיא זומפען האָט דיעזע רייזע געדויערט פינף טעג.

דאָס ערגסטע איז, וואָס קיין פערד קען ניט לעבען אין יענער געגענד. עס געפינט זיך דאָרט א פליעג, וועלכע דיא אפריקאנער רופען טעזעטזע. ווען עט־ליכע טעזעטזע־פליגען צובייסען א פערד, ווערט עס קראנק און עס קראַפּירט אין א קורצער צייט. בעמערקענסווערטה איז עס, וואָס דער ביס פון דער טע־זעטזע שאדעט ווייניג אנדערע בהמות: קיה, אָקסען, שעפּסען און ציעגען. זאָ־גאר דער עזעל קען איבערטראָגען דיעזען ביס, נור דאָס פערד קען איהם ניט אויסהאַלטען.

דיא נעגער פון מאיומבא האַלטען זעהר ווייניג בהמות. עס איז זעהר שווער צו האַלטען בהמות אין א זומפּיגער געגענד, וואו עס געפינען זיך פיעלע וויל־דע טהיערע, בעזאָנדערס דער געפעהרליכער לעאָפּאַרד.

ביי טאָג, אין דער גרויסער היץ, האָט מען געמוזט זיך בעהאַלטען אונ־טער דעם שאָטען פון געדיכטע בוימער. מען איז געגאנגען נור פארנאכט, ביי־נאכט און גאנץ פריה.

דיא וועגען אין מאיומבא זיינען זעהר שלעכט, דאָס הייסט, עס זיינען גאָר קיין וועגען ניטאָ. דיא איינוואָהנער בענוצען דעם שמאָלען וועג, וועלכען עלעפאנטען טרעטען אוים מיט זייערע שווערע פים. אמאָל פלעגען זיך געפינען

פיעלע ווילדע עלעפאנטען אין יענער געגענד. מען האט זיי אבער פערניכטעט, ווייל די איירהאפּעער צאהלען גאנץ גוט פאר דיא צוויי גרויסע צייהן פון דעם "ער"-עלעפאנט — עלעפאנטביין רופען עס דיא איירהאפּעער.

טרעגאמעין האט ניט איין מאל זיך פערשאלטען דאס לעבען, וואס ער דארף געהן צו־פוס אין דיא וועלדער פון מאיומבא. ער איז מאגער געווארען, צו־שמאלצען געווארען פון דיא גרויסע היצען.

ערשט אויף דעם פינפטען טאג נאך זייער אבּרייזע פון מאיומבא זיינען זיי אנגעקומען אין באראקא. אלע זיינען געווען שרעקליך מיעד, צובראכען און נידערגעשלאגען. זייערע קליידער זיינען געהאנגען פון זיי אבגעריסען, צו־שונדען פון דיא דערנער. זייערע שיך און שטיוועל זיינען אזוי צוריסען געווא־רען, אז עס איז געווען א שאנדע זיי צו טראגען.

מען האט געמוזט זיך אויסרוהען אין באראקא און זיך פערשאפען נייע קליידער.

דאס מאל אבער האט דאס גליק א שמייכעל געטהאן צו זיי. עס האט זיך גראד געפונען אין באראקא א זעגעל־שיף, וועלכע איז געגאנגען נאך לאאנגא, און זיי האבען זיך ארויפגעזעצט אויף דיעזער שיף.

אין לאאנגא האבען זיי אויך ניט געדארפט לאנגווארטען. צופעליגערווייזע איז אנגעקומען אן ענגלישער דאמפפער, וועלכער האט זיי מיטגענומען נאך הולל, ענגלאנד.

אויף דער רייזע נאך ענגלאנד האט גאר ניט פאסירט. אן ענגלישער דאמפ־פער איז געוועהנליך גאנץ פינקטליך. עס איז וואהר, אז דער "דענדי" — אזוי האט געהייסען דער דאמפפער — איז געווען נור א פראכט־שיף, ער האט געפיהרט נור וואארע און קיינע פאסאזשירען, אבער פאר עטליכע ענגלישע פונט האט דער שיפסקאפּיטאן אויסגעזוכט קאיוטען פאר אלע זעקס גאלד־זוכער און דעם 5טען אויגוסט איז מען אנגעקומען אין הולל.

פראנסוא און טרעגאמעין האבען געוואלט בלייבען אין הולל א פאר טעג אום צו קויפען אנדערע קליידער. זאגאר אין דעם הייסען מאנאט אויגוסט קען מען ניט געהן אין ענגלאנד אין דיעזעלבע קליידער, אין וועלכע מען קען געהן אין מאיומבא אדער אין לאאנגא. זשאק דאראן און זיין ליעבער שוואגער זאמבוקא האבען דערפון ניט געוואלט וויסען: ווען מען פאהרט זוכען מיליאנען, דארף מען זיך ווייניג קימערען וועגען שעהנע אדער אנשטענדיגע קליידער.

מיט דעם ערשטען בעסטען צוג זיינען זיי אוועקגעפאהרען נאך דענבאר אין שאטלאנד, וואוהין זיי זיינען אנגעקומען זעקס אוהר פארנאכט און זיינען אבגעשטיגען אין א גוטען האטעל.

דענבאר איז א קליינע שטאדט, זיא צעהלט יעצט נור פינף טויזענד איינ־וואהנער. אין 1862 האט זיא געצעהלט נור דריי טויזענד פינף הונדערט איינ־

וואָהנער. זיא געפינט זיך ביים מעער, אָבער גרויסע שיפען קומען אהין זעלטען: זיי האָבען ניט וואָס צו טהאָן אין דעם אָרימען דענבאר.

קוים האָט מען אָבגעגעסען, איז זשאק דאָראן און פראנסוא צוגעגאנגען צום אייגענטהימער פון דעם האָטעל און האָבען איהם געפרעגט, אויב ער קען זיי זאָגען וואו דער דאָקטאָר טירקאָמעל וואָהנט.

אזוי וויא זשאק דאָראן האָט ניט גערעדט קיין ענגליש, האָט פראנסוא געמוזט דיענען אלס דאָלמעטשער.

ווען דער אייגענטהימער פון דעם האָטעל האָט דערהערט, אז דיא פרעמ־דע פרעגען זיך צו א דאָקטאָר טירקאָמעל, האָט ער זיי אָנגעקוקט מיט שטוינען און פערוואונדערונג. עס איז געוועזען דייטליך, אז ער האלט זיי פאר פערריקט.

— מיר האָבען א נויטהיג געשעפט צו דאָקטאָר טירקאָמעל, האָט פראנסוא ערקלעהרט.

— א געשעפט צו דאָקטאָר טירקאָמעל? האָט דער אייגענטהימער פון דעם האָטעל איבערגעפרעגט, גלייך וויא ער וואָלט ניט ריכטיג געהערט, וואָס מען רעדט צו איהם.

פראנסוא האָט עס גוט בעמערקט און האָט געפרעגט איינפאך:

— וואָהנט דאָ אין דער שטאָדט א דאָקטאָר מיט'ן נאָמען טירקאָמעל?

— יא, איז געוועזען דיא אנטוואָרט.

— און קענט איהר אונז זאָגען, וואו ער וואָהנט? האָט פראנסוא ווייטער געפרעגט.

— איך קען עס אייך זאָגען, אָבער...

— וואָס אָבער?

— אָבער ער וועט אייך ניט אויפנעהמען, ער וועט אייך ניט אריינלאָזען אין שטוב.

— מיר האָבען אָבער א זעהר וויכטיג געשעפט אָבצומאכען מיט איהם.

— א געשעפט? דאָקטאָר טירקאָמעל מאכט ניט קיין געשעפטען.

— ער קען דערביי פערדיענען געלד, האָט פראנסוא אויסגערופען.

דער אייגענטהימער פון דעם האָטעל האָט זיך צולאכט און האָט אויס־גערופען:

— דאָקטאָר טירקאָמעל מאכט ניט קיין געשעפטען און ער וועט געוויס ניט וועלען אייער געלד.

— ווער וויל עס ניט פערדיענען פיעל געלד?

— איך זעה ארויס, אז איהר קענט גאָר ניט דאָקטאָר טירקאָמעל. ווען איהר זאָלט קומען צו איהם אלס א קראנקער און בעטען, ער זאָל אייך העלפען אלס דאָקטאָר, וואָלט ער אייך פיליכט אויפגענומען, וועט איהר אָבער קומען צו איהם וועגען געשעפטען, וועגען געלד, וועט ער אייך ארויסטרייבען.

— מיר מוזען איהם אָבער דאָך זעהען!

— יעצט ביינאכט נעהמט ער קיינעם ניט אויף, געהט צו איהם מאָרגען אום אכט אוהר אין דער פריה, פיליכט וועט ער אייך אויפנעהמען און וועט רעדען מיט אייך.

ער האָט זיי געגעבען דיא אדרעסע פון דאָקטאָר טירקאָמעל און האָט זיי דערביי ערקלעהרט, אז דאָס איז איינער פון דיא זאָנדערבארסטע מענשען, וועל־כע געפינען זיך אויף דער וועלט.

דאָקטאָר טירקאָמעל איז א געלערענטער. מיט פיעלע יאָהרען צוריק, ווען ער איז נאָך געווען א יונגער מאַן, האָט ער זיך ערוואָרבען א גוטע פראקטיק אלס דאָקטאָר. ער האָט אויסקורירט פיעלע שווערע קראנקהייטען און מען האָט אָנגעהויבען צו קומען צו איהם פון דער גאנצער געגענד.

זייט פופצעהן יאָהר איז איהם געקומען אין קאָפּ א ווילדע אידעע, אז מען קען אויסהיילען אלע מעגליכע קראנקהייטען דורך ספּיריטיזמוס; גייסטער פון יענער וועלט קומען און זאָגען, וויא אזוי מען זאָל אויסהיילען פערשיעדענע קראנקהייטען. ער האָט אָנגעהויבען צו הייסען זיינע פּאציענטען פאסטען, זיך פייניגען, אוועקשענקען זייער פערמעגען צו אָרימע לייט, געהן ביינאכט אויף דיא קברים פון זייערע עלטערען און נאָך אזעלכע ווילדע זאכען.

דיא פאציענטען זיינען זיך צולאָפען, דאָס האָט איהם אָבער ווענינ געקי־מערט. ער איז זאָגאר געווען צופריעדען דערפון, ווייל ער האָט איצטער געהאט מעהר צייט זיך צו בעשעפטיגען מיט זיינע ביכער, מיט זיינע פאָרשונגען און מיט זיינע גייסטער.

דאָס אלעס איז פראנסוא געוואָהר געוואָרען און האָט עס איבערגעגעבען זיין אָנקעל און זאמבוקאָ. עס איז ביי זיי געבליבען, אז מאָרגען אום אכט אוהר אין דער פריה זאָלען זיי דריי, זשאַק דאָראן, זאמבוקאָ און פראנסוא געהן צו דאָקטאָר טירקאָמעל און ארויסקריגען פון איהם דעם פאראלעל פון דעם אינזעל נומער דריי.

דעם אנדערען טאָג גאנץ פריה זיינען זשאַק דאָראן, זאמבוקאָ און פראנ־סוא געגאנגען צו דאָקטאָר טירקאָמעל. דיא שוואָגערס האָבען געמוזט מיטנעה־מען פראנסוא, ווייל ער האָט גערעדט ענגליש און האָט געמוזט דיענען אלס דאָלמעטשער.

דאָקטאָר טירקאָמעל האָט געוואָהנט אין א גאנץ קליינעם הויז אם ענדע פון דער שטאָדט. דאָס הויז איז געווען ארומגערינגעלט פון א קליינעם, אָבער שטארק פערנאכלעסיגטען גאָרטען. אמאָל האָבען אין דיעזען קליינעם גאָרטען געוואקסען בלומען און עס האָט זיך געפונען אין איהם א קיאָסק, א געצעלט, וואו מען פלעגט קענען זיצען אין א הייסען זומער טאָג אונטער דעם שאָ־טען פון אן אלטען בוים, דער איינציגער בוים אין גאנצען גאָרטען. היינט איז

אַלעס געווען פּערנאַכלעסיגט, פּערווילדעט, פּערוואַקסען מיט ווילדע גראָזען און מיט דערנער.

דאָס הויז אַליין איז געווען אַלט, אַביסעל איינגעבויגען און שרעקליך פּערנאַכלעסיגט. ווען מען האָט בעטראַכט דאָס אָרימע שטיבעלע, האָט מען געקענט זאָגען: "דער דלות פּייפט פון אַלע זייטען".

זאַמבוקאָ האָט אייניגע מינוטען בעטראַכט דאָס אָרימע שטיבעלע און האָט געזאָגט צו זיין שוואָגער:

— מיר דאַכט, אַז מען קען אָבקויפען דעם גאַנצען דאָקטאָר מיט זיין שטי־בעלע פאַר אייניגע טויזענד פראַנק.

זשאַק דאָראַן האָט איינגעשטימט און ער האָט בעמערקט:

— איך קען מיר אָבער גאָר ניט ערקלעהרען, וויא קומט דיעזער דאָקטאָר צו קיאַמיל פּאַשאַ? וואָס האָט אַזאַ מענש געקענט טהאָן פאַר קיאַמיל פּאַשאַ? פאַר וואָס האָט קיאַמיל פּאַשאַ איהם איבערגעלאָזען אַ טהייל פון זיין פערמעגען?

— איך בין זיכער, אַז ער אַליין וועט אונז אַלעס דערצעהלען, האָט דער קלוגער זאַמבוקאָ געענטפערט. אַ מענש, וועלכער לעבט אין אַזאַ אָרימען, איינ־געפאַלענעם שטיבעלע, וועט אויסזאָגען אַלעס פאַר אַ פּאָר טויזענד פראַנק.

פראַנסואַ, אַלס דאָלמעטשער, האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טהיר. קיינער האָט ניט געענטפערט. מען האָט געמוזט אָנקלאַפּען צום צווייטען און זאָגאַר צום דריטען מאָל. ענדליך האָט זיך געעפענט דיא טהיר און אַן אַלטע פרוי מיט אַ רויטען טוך אויף'ן קאָפּ האָט זיך בעוויזען און האָט געפרעגט:

— וואָס דאַרפט איהר?

— מיר ווילען זעהן דעם דאָקטאָר, האָט פראַנסואַ געענטפערט.

— דער דאָקטאָר נעהמט ניט אויף קיין קראַנקע, איז געווען דיא אַנט־וואָרט.

— מיר זיינען ניט קיין פּאַציענטען.

— טאָ פאַר וואָס זיינט איהר געקומען שטערען דעם דאָקטאָר?

— מיר האָבען צו רעדען מיט איהם וועגען אַ זעהר וויכטיגען געשעפט.

— געשעפט? האָט דיא אַלטע פרוי געפרעגט פּערוואונדערט.

— יאַ, מיר ווילען מיט איהם מאַכען אַ געשעפט.

— דער דאָקטאָר מאַכט ניט קיין געשעפטען, האָט דיא פרוי געזאָגט פינסטער.

זיא האָט זיך צוגעקוקט צו דיא געזיכטער פון זאַמבוקאָ און דאָראַן און זיי זיינען איהר שטאַרק ניט געפעהלען, זיא האָט שוין געוואָלט פערמאַכען דיא טהיר און זיי ניט אַריינלאָזען. פראַנסואַ האָט עס פערשטאַנען און ער האָט געזאָגט:

— לאזט אונז אריין, ליעבע פרוי, דער דאָקטאָר וועט זיין העכסט צופרי־דען צו הערען פון דעם געשעפט, וואָס מיר ווילען מאכען מיט איהם.

דיא אלטע פרוי האָט געטראכט איניגע מינוטען, דאן האָט זיא געזאָגט:

— איך וועל איהם פרעגען, אויב ער וויל אייך אויפנעהמען.

מיט דיעזע ווערטער האָט זיא פערמאכט די טהיר. איניגע מינוטען שפע־טער איז זיא צוריקגעקומען און האָט זיי איינגעלאדען אין שטוב.

— איך האָב אייך דאָך געזאָגט, אז דיעזען דאָקטאָר קען מען גאנץ ביליג אָבקויפען, האָט זאמבוקאָ געזאָגט צו זיין שוואָגער, מיט אזא אָרימאן וועלען מיר באלד פערטיג ווערען.

דיא אלטע פרוי האָט זיי געהייסען ארויפגעהן דיא טרעפ. דאָס ארבייטס־צימער פון דאָקטאָר טירקאָמעל האָט זיך געפונען אין דער דאכשטוב.

דיא אלטע, אָבגעניצטע, אויסגעדיענטע הילצערנע טרעפ האָבען געצי־טערט און געקרעכצט אונטער דיא שווערע טריט פון דיא דריי שטארקע מע־נער און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אז זיי זיינען גרייט איינצופאלען יעדע מינוט. דאָקטאָר טירקאָמעל האָט זיי בעגעגענט אויף דיא טרעפ.

— וואָס פערלאנגט איהר פון מיר? האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— מיר ווילען מיט אייך רעדען, האָט פראנסוא געענטפערט.

— איבער וואָס?

— איבער זעהר א וויכטיגען געשעפט.

— איך מאך ניט קיין געשעפטען, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט קורץ און שארף.

— וואָס הייסט עס? פאר וואָס לאָזט ער אונז ניט אריין אין זיין צימער? דאָס איז דאָך ניט העפליך! האָט זשאק דאָראן אויסגערופען אויף פראנצויזיש.

— איהר זייט פראנצויזען? האָט דער דאָקטאָר געפרעגט אביסעל פער־וואונדערט.

— יא, מיר זיינען פראנצויזען, האָט פראנסוא געענטפערט.

— און איהר געהערט געוויס צו דער פראנצויזישער אקאדעמיע פון וויס־סענשאפטען? האָט דער דאָקטאָר געפרעגט אויף פראנצויזיש.

— מיר געהערען ניט צו דער אקאדעמיע פון וויסענשאפטען, האָט זשאק דאָראן געזאָגט, דאָך אלס פרעמדע דארפט איהר אונז אויפנעהמען.

דאָקטאָר טירקאָמעל האָט זיי ענדליך ארייננעלאָזט.

פראנסוא האָט בעטראכט דיא וואָהנונג פון דאָקטאָר טירקאָמעל. דיא גאנצע וואָהנונג איז בעשטאנען פון צוויי צימערען: א גרויסען און א קליינעם. אין דעם קליינעם צימער איז געשטאנען אן אלט הילצערן בעט. דאָס איז אלזאָ געוועזען דאָס שלאָף־צימער. אין דעם גרויסען צימער איז געשטאנען אן אלט־מאָדישער גרויסער שרייב־טיש, אויף וועלכען עס זיינען געוועזען אָנגעוואָרפען

אין א שרעקליכער אומאָרדנונג ביכער, פּלעשלעך, גלעזעלעך, ביינער פון מענ־שען און טהיערע און אלערליי זאכען, וועלכע זיינען געווען פראנסוא פרעמד און ער האָט ניט פערשטאנען צו וואָס זיי טויגען און צו וואָס מען דאַרף זיי.

לעבען שרייב־טיש זיינען געשטאנען א גרויסער אלטמאָדישער פּאָטער־שטוהל פון דעם דאָקטאָר און דריי אלטמאָדישע בענקלעך פאר בעזוכער.

דאָס גאנצע צימער האָט אויסגעוויזען וויא א ביבליאָטהעק, ווייל אוי־סער אויף דיא פּאָליצעס האָבען זיך געוואלגערט ביכער אויף דעם באָדען און ארום דעם שרייב־טיש זיינען געלעגען גאנצע באטערעען פון גרויסע, שווערע, אלטע ביכער.

דאָקטאָר טירקאָמעל איז געווען א מאן פון א יאָהר זעכציג, מיט לאנגע ווייסע האָר, מיט א לאנגער ווייסער באָרד. ער האָט געהייסען זיינע געסט זיך זעצען, האָט זיך אליין געזעצט אין זיין גרויסען שטוהל און האָט געזאָגט ערנסט און פינסטער:

— יעצט, מיינע העררען, ערקלערט מיר, וואָס איהר דאַרפט צו מיר.

פראנסוא האָט יעצט דערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע פון קיאמיל פּאשא, פון זיינע מיליאָנען, פון זיין טעסטאמענט און פון זייער לאנגער רייזע אין אפ־ריקא. דער דאָקטאָר האָט אָנגעשפּארט זיין גרויען קאָפּ אָן ביידע הענד און האָט אויסגעהערט.

זשאק דאָראן און זאמבוקאָ האָבען ערווארטעט, אז דער דאָקטאָר וועט שטעלען פראגען און וועט וועלען אויספאָרשען, וויא פיעל מיליאָנען קיאמיל פּאשא האָט פערגראָבען אויף זיין אינזעל, דער דאָקטאָר אָבער האָט געשוויגען, גלייך וויא דיא גאנצע געשיכטע וואָלט איהם גאָר ניט אָנגעגאנגען.

זשאק דאָראן האָט עס ניט געקענט אויסהאלטען.

— זאָגט מיר, דאָקטאָר, זייט איהר אמאָל געווען אין עגיפּטען?

— ניין, איך געווען דיא אנטוואָרט.

— זיינט איהר פיליכט געווען אין סיריען? אין פּאלעסטינא? אין קאָנ־סטאנטינאָפּאָל?

— ניין.

— זיינט איהר פיליכט געווען אין אלעפּפּא?

— ניין.

— איז אייער פאָטער געווען אין יענע לענדער?

— עס קען זיין.

— "עס קען זיין" איז ניט קיין ענטפער! האָט זשאק דאָראן זיך געקאָכט.

— דאָס איז דער איינציגער ענטפער, וועלכען איך קען אייך געבען, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— אלזאָ, ערלויבט מיר נאָך א פראגע, האָט פראנסוא געבעטען גאנץ העפליך.

— אויב איך וועל קענען, וועל איך אייך ענטפערען.

— האָט איהר אמאָל ערהאלטען א בריעף פון קיאמיל פּאשא ?

— יא.

— איז געשטאנען אין יענעם בריעף, אז עס געפינט זיך ערגעץ א געוויסער אינזעל, וועלכער געפינט זיך אויף אזא און אזא פּאראלעל ?

— יא.

— איז געשטאנען אין יענעם בריעף, אז א געוויסער זשאק דאָראן און א געוויסער זאמבוקאָ וועלען קומען צו אייך מיט א בריעף פון קיאמיל פּאשא וועגען דיעזען אינזעל ?

— יא.

דאָקטאָר טירקאָמעל האָט געזאָגט זיינע "יא׳ס" לאנגזאם, פינסטער, ערנסט, נים ווילענדיג. עס איז געווען דייטליך, אז דיא גאנצע געשיכטע איז איהם רעכט אונאנגענעהם.

— נו, הערר דאָקטאָר, יעצט שטעהן פאר אייך זשאק דאָראן און זאמבוקאָ, האָט פראנסוא געזאָגט, זיי האָבען ביי זיך דעם בריעף פון קיאמיל פּאשא, אין וועלכען ער הייסט זיי קומען צו אייך און נעהמען ביי אייך אייער בריעף. ווען איהר האָט דעם בריעף פון קיאמיל פּאשא, ווייסט איהר דאָך געוויס, אז עס האנדעלט זיך וועגען מיליאָנען. וואהרשיינליך ווייסט איהר אויך, אז איהר זייט דער דריטער יורש.

דער דאָקטאָר האָט געשוויגען איינינע מינוטען, גלייך וויא ער וואָלט זיך איבערלעגט וואָס צו ענטפערען, ענדליך האָט ער געפרעגט :

— וואָס וועט איהר טהאָן, ווען איך זאָל אייך געבען קיאמיל פּאשאָ׳ס בריעף ?

— מיר וועלען באלד פאָהרען אויף יענעם אינזעל און אויסגראָבען דיא מיליאָנען, האָט זשאק דאָראן אויסגערופען.

— און וואָס וועט איהר טהאָן מיט דיא מיליאָנען, ווען איהר וועט זיי אויסגראָבען ?

— מיר וועלען זיי צוטהיילען אויף דריי גלייכע טהיילען. איין טהייל וועט איהר נעהמען און צוויי טהיילען וועלען מיר נעהמען.

— און וואָס וועט איהר טהאָן מיט אייערע מיליאָנען ?

— יעדער וועט טהאָן, וואָס ער וועט וועלען.

דאָקטאָר טירקאָמעל איז אויפגעשטאנען, האָט אויפגעהויבען ביידע הענד און האָט געזאָגט מיט א שטימע פון א פּראָפעט פון דיא אלטע צייטען :

— אָרימע, פערפיהרטע, אונגליקליכע מענשען ! איהר יאָגט זיך נאָך רייכ-

טהימער אום זיי צו פערשווענדען, אום זיי צו פערשליידערען אין דער וועלט און צו מאכען דיא מענשען נאָך עלענדער, נאָך אונגליקליכער. רייכטהום איז דאָס אונגליק פון אונזער ציוויליזאציאָן.

— ערלויבט מיר, הערר דאָקטאָר! האָט זאמבוקאָ געוואָלט איהם אונ־טערברעכען.

— איך ערלויב גאָר ניט! האָט דער דאָקטאָר אויסגערופען, איך זעה, אז איהר ווילט מיך ניט אויסהערען, דארום וויל איך אייך שטעלען נור איין פראַ־גע: ווילט איהר זיך ענטשליסען אוועקצוגעבען אלע מיליאָנען, וועלכע מיר וועלען אויסגראָבען, אויף א גוטער זאך, וועלכע קען ברענגען נוצען אלע מענשען?

— איך פערשטעה ניט אייער פראגע, דאָקטאָר, האָט זאמבוקאָ געזאָגט פינ־סטער, מיר זיינען דריי גלייכע יורשים, יעדער וועט נעהמען זיין טהייל און טהאָן מיט זיין געלד וואָס ער וועט געפינען אם בעסטען פאר זיך.

— ווייסט איהר, הערר דאָקטאָר, וויא פיעל מיליאָנען קיאמיל פּאשא האָט אונז איבערגעלאָזען? האָט זשאק דאראן געשריען. 20 מיליאָן!

— דאָס קימערט מיך גאנץ ווענינ, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט רוהיג, וואָס מעהר מיליאָנען, אלץ בעסער פאר אלע מענשען.

— איהר קענט עס אָבער פון אונז ניט פערלאנגען, מיר זאָלען אייך אוועקגעבען אונזערע מיליאָנען!

— איך פערלאנג עס גאָר ניט, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, איך דארף ניט קיין געלד.

— ווייסט איהר, אז מיר קענען אייך צווינגען, איהר זאָלט אונז ארויס־געבען קיאמיל פּאשא'ס בריעף? האָט זיך זשאק דאראן געקאָכט.

— דאָס ווייס איך ניט, איך בין ניט קיין אדוואָקאט.

— אָבער איהר זייט דאָך מאָראליש פערפּפליכטעט, אונז אָבצוגעבען אונ־זער טהייל, האָט פראנסוא בעמערקט.

— מאָראליש פערפּפליכטעט? האָט דער דאָקטאָר איבערגעפרעגט. מאָראַ־ליש פערפּפליכטעט בין איך נור צו דער מענשהייט, ווייל דיא מענשהייט האָט מיר פערשאפט דאָס וויסען און דאָס קענען און דיעזע אלע ביכער, וועל־כע מאכען מיך גליקליך, און וויל איך בין מאָראליש פערפּפליכטעט צו דער מענשהייט, וויל איך עפּעס טהאָן פאר דער מענשהייט. איך וויל אָבקויפען א גרויסען אינזעל אין וועלט־מעער און דאָרט אומזיסט היילען אלע מענשען, וועלכע ליידען פון שווינדזוכט. איך וויל זיי קורירען נאָך א גאנץ נייער מעטאָ־דע, וועלכע איך האָב געלערענט פון אן אינדישען היילינען. איך קען עס ניט טהאָן אין דיעזע לענדער, וואו דיא לופט איז פעראונרייניגט און פערפּעסטעט פון דעם רויך און דעם דאמפּף פון דיא פאבריקען. דיא מענשהייט איז מאָ־

ראליש פערפּפּליכטעט עס צו טהאָן, ווייל דיעזע פאבריקען, וועלכע בעשאַפען רייכטהימער, נעהמען אוועק ביי דיא מענשען זייער געזונדהייט.

דאָקטאָר טירקאָמעל האָט אָנגעהויבען צו ערקלערען, וויא אזוי דיא שווינדזוכט, דיעזע שרעקליכע פּעסט פון דער נייעסטער ציוויליזאציאָן, פּאָדערט אלע מאָל מעהר אָפּפער, מיט יעדען יאָהר שטארבען מעהר מענשען פון דיעזער קראנקהייט, ווייל עס ווערען אלע מאָל מעהר פאבריקען.

פראנסוא האָט איהם אויסגעהערט מיט פערגניגען. דער דאָקטאָר האָט זיך ארויסגעוויזען אלס גרויסער געלערענטער. עס קען זיין, אז ער איז געווען א פאנטאסט, א טרוימער, א מענש, וועלכער האָט זיך איינגעבילדעט, אז ער קען אויסהיילען דיא שווינדזוכט, אָבער מען האָט געמוזט צוגעבען, אז ער איז אן ערנסטער געלערענטער.

זשאק דאָראן האָט אָבער גאָר ניט געוואָלט וויסען פון דעם דאָקטאָר'ס פּלענער. ער האָט איהם דארום אונטערבראָכען און האָט געזאָגט בייז, האסטיג, אונרוהיג:

— ווייסט איהר, אז מען קען אייך פערקלאָגען אין א געריכט און אייך לאָזען ארעסטירען?

— פאר וואָס?

— פאר וואָס איהר גיט אונז ניט ארויס דעם בריעף. עס איז אונזער געלד און איהר מוזט אונז אוועקגעבען אונזער טהייל ירושה.

— איהר האָט א טעות, מיינע העררען פראנצויזען, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט גאנץ רוהיג, איך בין טאקע ניט קיין אדוואָקאט, איך ווייס אָבער גאנץ גוט, אז איך בעגעה דערמיט ניט קיין פערברעכען. איידער אייך אוועקצוגעבען דאָס געלד, איהר זאָלט עס פערשווענדען און מאכען נאָך מעהר קראנקע און אונגליקליכע מענשען, זאָלען בעסער קיאמיל פּאשא'ס מיליאָנען פערפוילט ווערען דאָרט, וואו זיי זיינען בעגראָבען.

זשאק דאָראן איז אויפגעשפּרונגען, וויא א וואהנזיניגער, האָט געמאכט פון זיינעביידע הענד צוויי שטארקע פויסטען, איז צוגעגאנגען נעהענטער צום דאָקטאָר, האָט אויסגעשטרעקט זיינע ביידע פויסטען און האָט געזאָגט:

— ענטפערט מיר קורץ און שארף: ווילט איהר אונז ארויסגעבען קיאמיל פּאשא'ס בריעף אָדער ניט?

— ניין, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— ניין? האָט דאָראן איבערגעפרעגט און א ווייסער שוים האָט זיך בעוויזען אויף זיינע בלייכע ליפּען.

— ניין, האָט געזאָגט דער דאָקטאָר רוהיג און קאלטבלוטיג.

זשאק דאָראן איז צוגעלאָפען צו איהם און האָט געשריען ניט מיט זיין קול:

— איהר ווילט אונז ניט געבען דעם בריעף מיט גוטען? נו, וועלען מיר איהם נעהמען ביי אייך מיט בייזען!

מיט דיעזע ווערטער האָט ער זיך ארויפגעוואָרפען אויף'ן דאָקטאָר און האָט געוואָלט איהם דערווארגען. פראַנסוא האָט איהם צוריקגעהאַלטען מיט אַלע זיינע קרעפטען.

דער דאָקטאָר האָט גוט פערשטאַנען, אז דיעזע מענשען זיינען פעהיג איהם צו טויטען און צו זוכען אין זיינע צימערען אזוי לאַנג, ביז זיי וועלען געפי־נען דעם בריעף. ער האָט דאַרום געזאָגט גאַנץ רוהיג:

— אייער מיה איז אומזיסט. איך האָב ניט קיין מיל פּאַשאַ'ס בריעף.

— איהר האָט איהם ניט? וויא איז דאָס מעגליך? וואו איז ער דען? האָבען דאַראַן און זאַמבוקאַ אויסגערופען מיט איין קול.

— איך האָב איהם פערברענט.

זשאַק דאַראַן האָט אָנגעהויבען צו קייכען, גלייך וויא עס וואָלט איהם גע־טראָפען דער שלאַג.

— ער האָט איהם פערברענט! האָט ער געקייכט. דער... טויגעניכטס! וויא... אזוי... פערברענט מען עס... א בריעף... וועלכער... איז ווערטה... צוואַנציג מיליאָן! צוואַנציג מיליאָן!... עס איז... ארויסצוזאָגען... מיט'ן מויל... צוואַנציג מיליאָן!...

— יעצט, מיינע הערען, קענט איהר אייך געהן געזונדערהייט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט ערנסט און פינסטער.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער זיי געוויזען דיא טהיר.

זשאַק דאַראַן איז געבליבען שטעהן גלייך וויא א בליץ וואָלט איהם גע־טראָפען. זאַמבוקאַ האָט זאָגאַר אָנגעהויבען צו וויינען, נאָר פראַנסוא איז גע־בליבען רוהיג. ער איז געווען העכסט צופריעדען דערפון.

ביידע שוואָגערס זיינען געווען אזוי דערשלאָגען און אזוי צובראָכען, אז פראַנסוא האָט געמוזט זיי נעהמען אונטער דיא אָרם און זיי אראָבפיהרען פון דיא טרעפּ.

28טעם קאַפּיטעל.

סוֹף פּאַשאַ געפינט וואָס מען זוכט

זשאַק דאַראַן איז, אמת, געווען א פאָלקאָמען געזונדער מענש, אָבער דער שטאַרקסטער מענש, אן אייזערנער מענש וואָלט אויך ניט געקענט אויסהאַלטען אזוי פיעל איבערראַשונגען, אויפרעגונגען און ענטטוישונגען.

דער שטאַרקער קערפּער פון זשאַק דאַראַן האָט געקענט איבערטראָגען דיא לאַנגע און שווערע רייזען אין אָמאַן און אין לאָאַנגאָ, דעם שיפּברוך אין דער

בוכטע פון מאיומבא, אָבער ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטען דיא לעצטע ענט־
טוישונג, ווען א קלוגער מענש האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיינע מיליאָנען און האָט
ניט געוואָלט ארויסגעבען דיא מיליאָנען, וועלכע געהערען איהם, זשאק דאַראַן,
און זיין ליעבען שוואָגער.

פראנסוא האָט קוים געבראכט זיין אָנקעל אין האָטעל. זשאק דאַראַן האָט
זיך געלעגט אין בעט און איז קראנק געוואָרען, ערנסט קראנק געוואָרען. מען
האָט גערופען א דאָקטאָר, וועלכער האָט ערקלעהרט, אז דאַראַן האָט א נערוועז־
פיעבער, אלזאָ א זעהר געפעהרליכע קראנקהייט.

דער דאָקטאָר האָט געטהאָן אלעס, וואָס ער האָט געקענט און געדארפט
טהאָן אין אזא פאַל. אָבער ער האָט זיך זעהר געוואונדערט, ווען ער פלעגט בע־
זוכען דעם קראנקען און פלעגט הערען, וויא דער קראנקער רעדט פון היץ און
שרייט, מען זאָל איהם אָבגעבען זיינע מיליאָנען.

— מיינע מיליאָנען! מיינע צוואנציג מיליאָן! פלעגט שרייען דער קראנ־
קער. דער טייפעל! פאַר וואָס וויל ער מיר ניט אָבגעבען מיינע מיליאָנען?

זעלבסטפערשטענדליך, אז פראנסוא האָט באלד דערצעהלט זיין פריינד
טרעגאַמעין, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דעם הויז פון דאָקטאָר טירקאָמעל
און אז דער דאָקטאָר וויל ארויסגעבען זיין דאָקומענט נור דאַן, ווען דיא
יורשים פון קיאמיל פּאשא וועלען אָבגעבען דאָס גאנצע געלד אויף א האָספּיטאַל
פאַר שווינדזיכטיגע.

— נו, יעצט דענק איך, האָט זיך דיא גאנצע געשיכטע געענדיגט, האָט
טרעגאַמעין געזאָגט.

— איך דענק אויך אזוי, האָט פראנסוא בעמערקט, דאָקטאָר טירקאָמעל איז
א משוגענער פאנאטיקער, מיט איהם וועט מען גאָר ניט מאכען. ער דאַרף ניט
קיין געלד און לאכט פון דיא מענשען, וועלכע יאָגען זיך נאָך געלד, גלייך וויא
דאָס גאנצע לעבען פון א מענשען וואָלט בעשטאנען נור אין געלד.

— איך זעה גאָר ניט איין, פאַר וואָס דוא האַלטסט איהם פאַר א משוגענעם.
דוא זעהסט דאָך, אז ער וואָלט געקענט פערדיענען פיעל געלד אלס דאָקטאָר
און ער וויל עס ניט. ער וויל בעסער גרינדען א האָספּיטאַל פאַר שווינדזיכטיגע.

— ער איז אלענפאלס ניט אזוי וויא אנדערע מענשען. אָבער גלויבסט
איהר דען ווירקליך אין דיא מיליאָנען פון קיאמיל פּאשא?

— איך וויל זאָגען דיא וואַרהייט, האָט טרעגאַמעין געענטפערט, אָנפאנגס
האָב איך געדענקט, אז דער טערקישער פּאשא האָט גאָר קיין מיליאָנען ניט גע־
האַט. זייט מען האָט אָבער געפונען דיא צוויי דימאנטען אויף דעם אינזעל אין
דער בוכטע פון מאיומבא, האָב איך אָנגעהויבען צו גלויבען אין דיעזע מיליאָנען.

— און גלויבט איהר, אז זיי געפינען זיך ווירקליך אויף דעם דריטען אינ־
זעל?

— פאר געווים ווייס איך עס נים. עס איז דייטליך, אז דיעזער קיאמיל פאַשאַ האָט געהאט געוויסע אבזיכטען מיט זיינע מיליאָנען. מען זעהט דאָך, אז ער האָט עס אזוי געמאכט, אז זיינע יורשים זאָלען מוזען ארומפאָהרען א לאנגע צייט און ליידען אלערליי אונאנגענעהמליכקייטען, איידער זיי וועלען בעקומען דיעזע מיליאָנען. איך דענק זאָגאר, אז דיעזער דאָקטאָר טירקאָמעל ווייס פיעל מעהר פון דיעזע מיליאָנען, וויא מיר אלע. עס קען זעהר זיין, אז ער איז געווען גוט בעקאנט מיט קיאמיל פאשא און זיי האָבען עפּעס אָבגערעדט וועגען דיעזע מיליאָנען.

— איהר האָט רעכט, פריינד, האָט פראנסוא לאנגזאם געזאָגט, עס איז זעהר מעגליך, אז קיאמיל פאשא האָט געוואָלט געבען א לעהרע א געוויסע צאָהל מענשען און זיי וויזען, וואָס עס ווערט פון א רייכטהום, וועלכעס מען האָט אָנגעזאמעלט מיט מיה, מיט נויט, שוויס, מיט אלערליי גערעכטע און אונגערעכטע מיטעל. דיא וועלט־געשיכטע לערענט אונז, אז א דינאסטיע, א קעניגליכע פאמיליע, מיט אנדערע ווערטער, א געוויסע סומע עהרע דויערט אויך נים זעהר לאנג, רייכטהום אָדער א געוויסע סומע געלד געפינט זיך אויך אין געוויסע הענד נים זעהר לאנג.

— אלזאָ וויא לאנג וועט דויערען דיא דינאסטיע פון דיא ראָטהשילדס? האָט טרעגאָמעין געפרעגט.

— דיא ראָטהשילדס זיינען נאָך א גאנץ יונגע דינאסטיע, האָט פראנסוא געענטפערט, זייער רייכטהום האָט זיך אָנגעהויבען אין 1800, יעצט צעהלען מיר 1862, דיא דינאסטיע פון דיא ראָטהשילדס איז אלזאָ אלט נור אונגעפעהר 62 יאָהר. דינאסטיען פון קעניגע, מיט אנדערע ווערטער, מאגנאטען פון עהרע דויערען פיעל לענגער. דיא וועלט־געשיכטע לערענט אונז, אז איינינע קעניגליכע דינאסטיען האָבען געדויערט פינף ביז זעקס הונדערט יאָהר.

— אלזאָ, דענקסט דוא נים זעהר פיעל פון קיאמיל פאשא'ס מיליאָנען?

— איך האָב נעכטען ביינאכט אוועקגעשיקט א בריעף צו מיין געליעבטער זשוליעט, אז מיר וועלען באלד צוריקקומען אהיים און יעצט וועלען מיר שוין קענען הייראטהען, ווייל איך בין פעסט איבערציינגט, אז יעצט וועט שוין מיין אָנקעל אויסגעהיילט ווערען פון זיין מאניע (שגעון) נאָכצולויפען נאָך קיאמיל פאשא'ס מיליאָנען.

פראנסוא האָט יעצט געפונען פאר נויטהיג צו דערצעהלען בן אָמאר'ען אלעס וואָס עס האָט פאסירט אין דעם הויז פון דאָקטאָר טירקאָמעל. ער האָט איהם ערקלעהרט, אז יעצט איז אלעס פערלאָרען. קיאמיל פאשא'ס בריעף וועגען דעם אינזעל נומער דריי איז פערברענט און יעצט מוז יעדער פאָהרען אהיים אָהן דיא מיליאָנען.

וואָס עס איז שפּעטער פאָרגעקומען צווישען בן אָמאר'ען און סואד פאשא,

ווייס קיינער ניט. פראנסוא האָט גערעכענט, אז קוים וועט ער דערצעהלען דעם עגיפּטיאנער, אז מען האָט מעהר ניט צו דענקען פון קיאמיל פּאשאַ'ס מיליאָנען, וועט ער באלד אוועקפאָהרען נאָך עגיפּטען, בן אַמאר אָבער און זיין שרייבער נאזים זיינען געבליבען אין האָטעל.

אונטערדעסען איז זשאק דאָראן געלעגען קראנק. פראנסוא און טרעגאָמעין זיינען ארומגעגאנגען ארום איהם, וויא א געטרייע מוטער ארום איהר קראנקען קינד. זיי פלעגען איהם לעגען אייז צום קאָפּ, זיי פלעגען איהם איינגעבען מעדיצין און זיי פלעגען צורעכט מאכען זיין געלעגער.

זשאק דאָראן פלעגט אימער ריידען פון היץ, זיך בייזערען, שילטען און שרייען, פאר וואָס מען גיט איהם ניט אָב זיינע מיליאָנען; ער וויל פערהייראַטהען זיין ניכטע זשוליעט מיט א פרינץ און זיין נעפע פראנסוא מיט א פרינצעסין.

צום גליק, האָט זשאק דאָראן'ס שטארקער קערפּער אויסגעהאלטען דיא קראנקהייט. דער דאָקטאָר האָט געטהאָן אלעס וואָס ער האָט געקענט און ער האָט אויך באלד איינגעזעהן, אז ביי אזא שטארקען קערפּער וועט ער לייכט בעהערשען דיא קראנקהייט.

— דעם קערפּער וועל איך אויסהיילען, איך ווייס אָבער ניט, אויב איך וועל זיין אים שטאנד אויסצוקורירען דעם גייסט, האָט דער דאָקטאָר אמאָל געזאָגט צו פראנסוא, א נערווען פיעבער לאָזט אמאָל איבער א טרויעריגען שטעמפּעל אויף דעם קראנקען, איך קען ניט גאראנטירען, אז דער קראנקער וועט בלייבען גייסטיג געזונד.

ענדליך איז געקומען דער קריזיס. דיא קראנקהייט האָט געבראָכען. זשאק דאָראן איז געווען אים שטאנד צו דערקענען פראנסוא, טרעגאָמעין און זאָגאר זיין שוואָגער זאמבוקאָ.

זיין שוואָגער? יעצט איז עס געווען א גרויסע פראגע, אויב דיעזע צוויי מענער וועלען נאָך אמאָל ווערען שוואָגערס און אויב דיא ניט שעהנע און ניט יונגע יונגפרוי טאליסמא זאמבוקאָ וועט נאָך אמאָל קענען פערהייראַטהע ווערען. דער קלוגער זאמבוקאָ האָט זיך געהאלטען פעסט אָן זיין פּרינציפּ, אז זיין שוועסטער קען הייראַטהען נור א מאן מיט פיעלע מיליאָנען. זיא קען דאָך ניט הייראַטהען אַן אָרימען אלטען פראנצויז.

זשאק דאָראן איז געוואָרען בעסער, פיעל בעסער. ער פלעגט שוין קענען זיצען אויף'ן בעט און עסען, וואָס דער דאָקטאָר האָט איהם פערשריבען, אָבער גראָד יעצט האָבען פראנסוא און טרעגאָמעין געמוזט בלייבען לעבען איהם. מיט זיי פלעגט ער רעדען, זיי פלעגט ער דערצעהלען פון זיינע נייע פּלענער און זיי פלעגט ער פאָלגען, ווען זיי פלעגען איהם הייסען עסען, נעהמען מעדיצין אָדער זיך לעגען אָברוהען.

טרעגאָמעין האָט גוט געוואוסט, אז דענבאר איז ניט ווייט פון עדינבורג, דיא הויפט שטאָדט פון שאָטלאנד און דיא געוועזענע הויפט שטאָדט פון דיא שאָטלענדישע קעניגע. אין עדינבורג האָט געלעבט דיא קעניגין מאריא סטיוארט, וועלכע איז בערוהמט אין דער וועלט-געשיכטע מיט איהר טרויעריגען טויט אויף'ן עשאפאָט אין ענגלאנד. אין עדינבורג האָט געלעבט מאריא סטיוארט'ס זוהן יעקב דער זעקסטער, וועלכער איז שפעטער געוואָרען קעניג איבער גאנץ ענגלאנד אונטער דעם נאָמען יעקב אָדער דזשיימס דער ערשטער.

טרעגאָמעין און פראנסוא האָבען זעהר געוואָלט פאָהרען נאָך עדינבורג — אין גאנצען איין שטונדע רייזע פון דענבאר — אום צו זעהן דעם אלטען קעניגליכען שלאָס פון דיא קעניגע פון שאָטלאנד, אָבער דאָס איז געווען אונמעגליך, ווייל זיי האָבען ניט געקענט אוועקגעהן פון דעם קראנקען.

דערווייל איז מען געוואָהר געוואָרען אין דענבאר, אז עס זיינען געקומען פרעמדע, פראנצויזען און טערקען, וועלכע האָבען געוואָלט געבען דאָקטאָר טירקאָמעל זעהר פיעל געלד און ער האָט זיך ענטזאגט דערפון.

ווער עס האָט פערברייטעט דיעזע נאכריכט, פון וואנען מען איז געוואָהר געוואָרען פון דיעזער געשיכטע, איז אונמעגליך צו זאָגען.

און מערקווירדיג, קוים האָט מען אָנגעהויבען צו רעדען דערפון אין דיא גאסען, איז דאָקטאָר טירקאָמעל געוואָרען בעליעבט און שטארק פאָפולער אין דער גאנצער געגענד. עס האָבען אָנגעהויבען צו קומען צו איהם קראנקע פון דער גאנצער געגענד. ארום זיין הויז פלעגען אָפט שטעהן רעדליך מענשען. יעדער האָט געוואָלט זעהן דעם זאָנדערבארען מאן, וועלכער האָט זיך אָבגעזאָגט פון מיליאָנען. ווען א דאָקטאָר זאָגט זיך אָב פון מיליאָנען, מוז ער זיין א גרויסער געלעהרטער אָדער אביסעל משוגע.

דאָקטאָר טירקאָמעל פלעגט אויפנעהמען נור זעהר וועניג קראנקע. ער פלעגט בעהאנדלען נור ווירקליך קראנקע. קוים האָט ער בעמערקט, אז איינער האָט זיך נור געמאכט קראנק און איז געקומען צו איהם נור אויס נייגיעריגקייט, פלעגט ער גאנץ איינפאך איהם הייסען ארויסגעהן פון זיין הויז.

אין א שעהנעם פריהמאָרגען איז דאָס הויז פון דאָקטאָר טירקאָמעל געבליבען געשלאָסען. עס זיינען געקומען פיעלע פאציענטען, האָבען געקלאפט אין דער טהיר, אָבער קיינער האָט זיי ניט געענטפערט.

זיי האָבען געוואָרט ביז 11 א זייגער. קיינער האָט זיך ניט געוויזען. דיא פענסטער און דיא טהיר פון דעם הויז זיינען געבליבען פערמאכט. עס זיינען זיך אויף צונויפגעקומען פיעלע מענשען און מען האָט אָנגעהויבען צו רעדען, אז מען מוז רופען פאָליציי, אויסברעכען דיא טהיר און זעהן, וואָס דאָרט טהוט זיך.

ווען עס איז געוואָרען 12 א זייגער און דיא טהיר פון דאָקטאָר טירקאָמעל'ס

הויז איז אַלץ געבליבען פערמאַכט, האָט מען אָנגעהויבען איבערצוטראַכטען, אַז עפּעס איז געשעהן, און מען האָט געשיקט רופען אַ פּאָליציסט.

דער פּאָליציסט האָט אויסגעבראָכען דיא טהיר און איז אריינגעקומען אין דאָקטאָר טירקאָמעל׳ס צימער. אַ שרעקליך בילד האָט זיך איהם פאָרגע־שטעלט: אַלע קאַסטענס און אַלע שופלאָדען זיינען געווען געעפענט, אויפ־געריסען מיט געוואַלד. אַלעס אין צימער איז געווען צוואַוואָרפען און צוריסען. דער שרייב־טיש איז געווען איבערגעקעהרט, דיא ביכער, שריפטען און אינסטרו־מענטען זיינען געלעגען צוריסען און צובראָכען אויף דעם פוסבאָדען. דיא ווע־נינע און ניט רייכע קליידער פון דעם דאָקטאָר טירקאָמעל זיינען געלעגען אויף דיא ביכער מיט דיא קעשענעס אויסגעקעהרט, אַ בעוויז, אַז מען האָט שטאַרק געזוכט אין דיזע קעשענעס.

אין זיין קליינעם אָרימען שלאָף־צימער איז געלעגען דאָקטאָר טירקאָמעל אויף זיין בעט, דיא הענד און דיא פיס געבונדען. ער איז געווען גאַנץ נאַקעט. עס איז געווען דייטליך, אַז מען האָט פון איהם אראָבגעריסען זיינע אָרימע קליידער מיט געוואַלד. אין זיין מויל האָט געשטעקט אַ גרויסע שטיק האָלץ, אַ שפּרייז־האָלץ, ער זאָל ניט קענען שרייען.

ער האָט נאָך געלעבט, דאָס הייסט, ער האָט נאָך גאַנץ שוואַך געאָ־טהעמט.

מען האָט באַלד ארויסגענומען דאָס שפּרייז־האָלץ פון זיין מויל און מען האָט איהם אָנגעהויבען צו רייבען און איהם צו מינטערען. מען האָט אויך באַלד גערופען אַ דאָקטאָר.

ווען דיא פּאָליציי און דער דאָקטאָר האָבען געמינטערט און געריבען דעם האַלב־טויטען דאָקטאָר טירקאָמעל, האָבען זיי דערזעהן מיט שטוינען און פער־וואונדערונג, אַז אויף זיין רעכטער פּלייצע זיינען איינגעשטאָכען ציפערען. מען האָט געקענט לעזען גאַנץ דייטליך: 17, 91.

וואָס זיינען דאָס פאַר ציפערען? וואָס בעדייטען זיי?

ווען מען האָט אָבגעמינטערט דעם דאָקטאָר און ער איז אזוי ווייט געקו־מען צו זיך, אַז ער האָט געקענט רעדען, האָט מען איהם געפרעגט, וויא קומט עס, וואָס ער איז טאַטואירט? וואָס בעדייטען דיזע ציפערען?

ער האָט געענטפערט, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד פון אַ יאָהר צעהן, האָט זיין פאָטער איינגעשטאָכען אויף זיין פּלייצע דיזע ציפערען.

— אָבער וואָס בעדייטען זיי? צו וואָס האָט אייער פאָטער עס געטהאָן?

אויף דיעזער פראַגע האָט דער דאָקטאָר ניט געוואָלט ענטפערען.

דאָס איז געווען דער פּאַראַלעל פון דעם אינזעל, אויף וועלכען קיאמיל פּאַ־שאַ האָט פערגראָבען זיינע מיליאָנען.

דיא פּאָליציי האָט דאַן געפרעגט: וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין הויז? ווער האָט איהם געבונדען?

דאָקטאָר טירקאָמעל האָט דערצעהלט, אַז פאָריגע נאכט, ווען ער איז געזעסען ביי זיין שרייב-טיש און האָט געארבייט, איז צוגעקומען פון הינטען א שטארקער מאַן מיט שווארצע האָר און מיט א ברוינעם געזיכט און איז אָנגעפאלען אויף איהם. צוערשט האָט ער איהם אריינגעשטעלט א שפּרייז-האָלץ אין מויל, דאַן האָט ער איהם געבונדען דיא הענד אויף'ן רוקען און האָט איהם אריינגעוואָרפען אין זיין בעט.

ער האָט ניט געקענט שרייען, ווייל דער רויבער האָט איהם פערשטעלט דאָס מויל מיט'ן שפּרייז-האָלץ. ער האָט זיך ניט געקענט ראנגלען מיט'ן רויבער, ווייל דער רויבער איז א יונגער מאַן און ער, דער דאָקטאָר, איז אַן אלטער, שוואַכער מענש. אויסער דעם איז ער געווען אזוי איבערראשט פון דעם פּלוצלונגען איבערפאַל, אַז אין דיא ערשטע עטליכע מינוטען האָט ער גאָר ניט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהם.

שפּעטער האָט ער געזעהן, וויא דער רויבער האָט געזוכט אין אלע שופלאָדען און אין אלע זיינע פּאַפּירען. ער האָט געזעהן אלעס וואָס דער רויבער האָט געטהאָן און האָט זיך ניט געקענט ריהרען.

ענדליך, ווען דער רויבער האָט ניט געפונען, וואָס ער האָט געזוכט, האָט ער אָנגעהויבען צו זוכען אין דיא קליידער, וועלכע דער דאָקטאָר האָט געטראָגען אויף זיך, דערביי האָט ער דערזעהן דיא ציפערען, וועלכע זיינען איינגעשטאָכען אויף זיין רעכטער פּלייצע. קוים האָט ער זיי דערזעהן, האָט ער זיי פערשריבען און איז זיך רוהיג אוועקגעגאנגען.

דער אלטער פרוי, דער איינציגער דיענערין פון דעם דאָקטאָר, האָט דער רויבער געגעבען א שטארקען זעץ איבער'ן קאָפּ און זיא איז געפאלען אין אָנמאכט. ווען דיא פּאָליציי איז געקומען, האָט מען זיא געפונען ליעגען אויף איהר געלעגער אזוי דערשראָקען, אַז זיא האָט מורא געהאַט זיך אויפצוהויבען.

דיא פּאָליציי האָט וויטער אויסגעפרעגט דעם דאָקטאָר, ווער עס איז געווען ביי איהם, און אויב ער ווייס פון א מענשען, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט דיעזע ציפערען. דער דאָקטאָר האָט געענטפערט, אַז מיט עטליכע טעג צוריק זיינען ביי איהם געווען צוויי פראנצויזען און אַן איטאליענער אָדער מאלטעזער, וועלכע האָבען איהם געבעטען, ער זאָל זיי ארויסגעבען דיעזע ציפערען.

יעצט האָט דיא פּאָליציי שוין געוואוסט, ווער דער רויבער איז. מען האָט באלד געפונען זשאַק דאַראַן, פראנסואַ, טרעגאַמעין און זאמבוקאָ. מען האָט זיי געפרעגט, אויב זיי זיינען געווען ביי דאָקטאָר טירקאָמעל, זיי האָבען עס ניט געלייקענט. אלזאָ איז דאָך איינער פון זיי געווים דער רויבער.

זשאַק דאַראַן האָט בעוויזען, אַז ער איז קראנק געווען און קען נאָך יעצט

ניט ארויסגעהן אויף דער גאס. פּראנסוא, טרעגאַמעין און זאמבוקאַ האָבען בעוויזען, אז זיי זיינען ניט ארויסגעגאנגען פון האָטעל. אז בן אָמאר האָט ניט געקענט זיין דער רויבער, האָט יעדער איינגעזעהען. ער איז געווען זעהר שוואך פון דער לאנגער רייזע און ער פּלעגט זעלטען זיך ווייזען אין קאָרידאָר פון האָטעל.

אָבער נאזים, דער שרייבער פון בן אָמאר — וואו איז נאזים? נאזים איז פערשוואונדען געוואָרען.

עס איז אלזאָ דייטליך, אז נאזים איז עס געווען דער רויבער, וועלכער האָט עס אוועקגערויבט ביי דאָקטאָר טירקאָמעל זיין געהיימנים. דעם מערי־דיאַן פון דעם אינזעל האָט ער געוואוסט, ווייל ער האָט עס געהערט פון זשאק דאָראן אויף דעם אינזעל אין דער בוכטע פון מאיומבא, יעצט איז ער געוואָהר געוואָרען דעם פּאראלעל.

דאָס איז געווען קלאָר און דייטליך פאר פראנסוא און טרעגאַמעין. דיא פּאָליציי פון דענבאר האָט עס אָבער ניט געוואָלט גלויבען און מען האָט גע־בראכט דאָקטאָר טירקאָמעל אין האָטעל, ער זאָל דערקענען דעם רויבער. ער האָט איהם ניט דערקענט. דיא פּאָליציי האָט אלזאָ ניט געקענט ארעסטירען קיינעם פון אונזערע בעקאנטע.

ביז אהער האָט פראנסוא און טרעגאַמעין ניט געוואָלט אויסזאָגען זשאק דאָראן וואָס סואד פּאשא אָדער נאזים האָט אָבגעטהאָן; ווען דיא פּאָליציי האָט אָבער געבראכט דאָקטאָר טירקאָמעל אין האָטעל און זשאק דאָראן האָט דערזעהן דאָקטאָר טירקאָמעל מיט פּאָליציי, האָט מען איהם אלעס געמוזט דער־צעהלען.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, וואָס דער אָרימער זשאק דאָראן האָט געפיהלט, ווען ער איז געוואָהר געוואָרען, אז בן אָמאר'ס שרייבער, דיעזער שטי־לער, פערטראכטער נאזים בן אבדאללאה, וועלכער קען קיין צוויי ניט צעהלען, האָט זיי אלע אָבגענארט. ער האָט ארויסגעקראָגען פון דאָקטאָר טירקאָמעל זיין געהיימנים און איז אנטלאָפען מיט איהם. יעצט איז ער שוין אין וועג און פאָהרט שוין אויף'ן אינזעל.

זאמבוקאַ האָט געטאנצט פאר צאָרן און פערדרוס. יעצט וועט ער ניט בעקומען א סענט פון דיא צוואנציג מיליאָן און זיין שוועסטער טאליסמא וועט שוין קיין מאָל ניט הייראטהען. ווען דאָס זאָל געווען פאסירען אין טוניס, וואָלט ער שוין געפינען מיטעל צו כאפּען דעם רויבער, עס האָט אָבער פאסירט אין ענגלאנד, אין א לאנד וואו ער קען זיך זאָגאר ניט צוזאמענרעדען מיט דיא מענשען, וועלכע זיינען אים שטאנד נאָכצולויפען אזא טויגעניכטס.

וועניגער איבערראשט איז געווען פראנסוא. ער האָט שטענדיג געהאלטען

דיזען נאָזים פאַר דעם גרעסטען טויגעניכטס און האָט איהם קיין מאָל ניט געטרויט.

אז אלע זיינען אַנגעפּאַלען אויף דעם אונשולדיגען בן אַמאַר׳ען, איז גאנץ נאַטירליך. זיי האָבען איהם חושד געווען, אז ער האָט געוואוסט פון אלעס. צום אונגליק נאָך, האָט זיך בן אַמאַר ארויסגעכאַפּט און האָט אויסגערופען:

— אַך, סואַד! סואַד!

— אזוי? אייער שרייבער הייסט גאָר ניט נאָזים? האָט פראַנסוא גע־פרעגט.

יעצט האָט דער בלאָטער געפּלאַצט און אלע זיינען געוואָהר געוואָרען, אז בן אַמאַר׳ס שרייבער איז גאָר סואַד פּאשא, דער זוהן פון מוראַד ביי, קיאַמיל פּאשאַ׳ס נעפע.

וויא שוואַך זשאַק דאָראַן איז געווען, איז ער דאָך אויפגעשטאַנען און האָט צוגערופען זיין נעפע.

— האָסט דוא געקויפט נייע לאַנד־קאַרטען, פראַנסוא? האָט ער איהם געפרעגט.

— יא, אַנקעל.

— האָסט דוא געקויפט נייע אינסטרומענטען?

— יא, אַנקעל.

— דער מערידיאַן פון דעם דריטען אינזעל איז 15 גראַד 11 מינוט אָסט (מזרח). איז עס אזוי?

— יא, אַנקעל.

— און דער פּאַראַלעל איז 17 גראַד 91 מינוט נאָרד, אזוי שטעהט עס אויף דער פּלייצע פון דאָקטאָר טירקאָמעל?

— יא, אַנקעל.

— אלזאָ נעהם דיינע לאַנד און מעער־קאַרטען און זאָג מיר, וואו דאַרף זיך געפינען דער אינזעל נומער דריי.

פראַנסוא האָט ארויפגעלעגט אויף׳ן טיש אַ גרויסע קאַרטע און האָט געזאָגט:

— דער דריטער אינזעל איז שפּיצבערגען.

— שפּיצבערגען? דער קעלטסטער אינזעל אויף דער וועלט? האָט זשאַק דאָראַן אויסגערופען.

פראַנסוא האָט געשוויגען.

— וויא איז דאָס מעגליך? וויא קומט קיאַמיל פּאשא אזוי ווייט אין נאָרד? שפּיצבערגען איז דאָך צעהן מאָנאַט אין יאָהר בעדעקט מיט אייז. שפּיצבערגען, וואו עס וואָהנט ניט קיין מענש? שפּיצבערגען, וואו עס געפינען זיך דיא שרעקליכסטע אייז־בערען?

— יא, ליעבער אָנקעל, האָט פראַנסוא געזאָגט שטילערהייט.

— דאַן מוזען מיר פאָהרען נאָך שפּיצבערגען, האָט זשאַק דאַראַן געזאָגט גאַנץ ערנסט. געה און פרעג זיך אָן, אויב מען קען קריעגען א שיף נאָך שפּיצבערגען.

פראַנסוא איז געבליבען שטעהן וויא פערשטיינערט. דארויף האָט ער זיך ניט גערייכט.

— געה, מיין פריינד, און זוך א שיף, האָט זשאַק דאַראַן געבעטען. איך וויל ניט, אז דיעזער פערדאַמטער סואד פאשא זאָל קומען פאר אונז און זאָל צונעהמען דיא מיליאָנען.

— און דוא, טרעגאָמעין, געה און זאָג בן אָמאר'ען, אז ער מוז פאָהרען מיט אונז נאָך שפּיצבערגען, דיא קעלטסטע געגענד אין דער וועלט. לאָז ער אויך וויסען, וואָס עס הייסט א רייזע צום נאָרד פּאָל.

— ניט צום נאָרד פּאָל, נאָר צום קעלט פּאָל, ווייל אין דער נאָרד זייט פון שפּיצבערגען געפינט זיך דער קעלטסטער פּונקט אין דער נאָרד העלפט פון דער וועלט.

— עס איז נאָך גוט, וואָס דיעזער קיאמיל פאשא האָט ניט געקענט פערגראָבען זיינע מיליאָנען אויף דער לבנה, האָט פראַנסוא געברומט, זאָנסט וואָלטען מיר נאָך געמוזט פאָהרען אויף דער לבנה.

29טעם קאַפּיטעל.

אויף שפּיצבערגען

דער בעסטער וועג צו פאָהרען נאָך שפּיצבערגען איז איבער נאָרוועגען. דיא טאַפּפערע און פעהיגע פישער פון נאָרוועגען פאָהרען אָפט נאָך שפּיצבערגען אום צו פאַנגען וואַלפיש, זעע־הינד (סיעל, אויף ענגליש) און דעם וואַלראָס, וועלכער האָט גרויסע צייהן און דיעזע צייהן זיינען אזוי טהייער, וויא עלעפאַנטביין.

דיא פישער פון נאָרוועגען מאַכען זעהר פיעל פיש־טראָן און פיש־אויל (קאָד ליווער אויל אויף ענגליש). דער פיש־אויל פון נאָרוועגען ווערט בעטראַכט אלס דער בעסטער אין דער וועלט און ווערט געברויכט זעהר פיעל אין דער מעדיצין.

עס איז וואהר, אז אין נאָרד אמעריקא, בעזאָנדערס אויף דעם אינזעל ניופאונדלענד מאַכט מען אויך זעהר פיעל פיש־אויל, אָבער דיעזער פיש־אויל ווערט בעטראַכט אלס שוואַכער, ניט אזוי גוט וויא דער נאָרוועגישער פיש־אויל.

דער פיש־אויל ווערט געצויגען פון דעם לעבער פון א געוויסען פיש, וועלכער הייסט "קאד" אויף ענגליש, "טריאַסקא" אויף רוסיש, "קאַבעליאו" אויף דייטש. דאָס פלייש פון דעם קאד־פיש איז גאַנץ גוט צום עסען. מען עסט עס פרישערהייט און אויך געזאַלצענערהייט. מעהר ווערטה האָט אָבער דער לעבער פון דיעזען פיש, ווייל נור דער לעבער ווערט געברויכט אום צו מאַכען פון איהם דיא מעדיצינישע פיש־אויל.

ווען מען פאַנגט דעם פיש, עפענט מען איהם אויף און מען נעהמט ארויס דעם לעבער. מען לעגט איהם אריין אין א פאַס מיט לעכער און מען לעגט ארויף אויף דעם פאַס שטיינער. פון דעם געוויכט פון דיא שטיינער ווערט אויסגע־פרעסט דער ערשטער, בעסטער פיש־אויל. ער איז וויים וויא וואסער און זעהר לייכט צום טרינקען.

ווען מען האָט אָבגעצאַפּט דעם ערשטען בעסטען פיש־אויל, ווארפט מען אריין דעם לעבער אין א קעסעל און מען ווארימט איהם אביסעל. דאַן פרעסט מען איהם ווייעדער. עס קומט ארויס א צווייטער סאָרט פיש־אויל, וועלכער איז שוין אביסעל געלבליך. ער איז ניט אזוי אנגענעהם צום טרינקען, וויא דער ערש־טער סאָרט, אָבער ער ווערט נאָך בעטראַכט אלס גוטער פיש־אויל.

ווען דער צווייטער סאָרט ווערט אויסגעפּרעסט, הויבט מען אָן צו קאָכען דעם לעבער און מען בעקומט דעם דריטען סאָרט, א דונקעל ברוינעם, געדיכטען פיש־אויל, וועלכען עס איז זעהר אונאנגענעהם צו טרינקען.

היינט ווערט דער דריטער סאָרט זעלטען געברויכט אלס מעדיצין. אמאָל אָבער פלעגט פיש־אויל זיין אזוי טהייער, אז ניט רייכע מענשען פלעגען מו־זען געברויכען נור דיעזען סאָרט. היינט געברויכט מען דיעזען סאָרט נור אלס שמירעכץ פאר מאשינען און אום ווייך צו מאַכען לעדער.

נאָרוועגען פיהרט א זעהר וויכטיגען האנדעל מיט פיש־אויל און מיט אנדערע פיש־פּראָדוקטען. דאָס לאַנד איז אָרים, עס געפינט זיך ווייט אין נאָרדען, צפון־זייט, פון אייראָפּא. דער זומער געדויערט נאָר דריי־פיער מאָ־נאַטען און עס קען וואקסען נור גערשטען און האָבער. דיא איינוואָהנער מוזען אלזאָ מאַכען א לעבען פון דעם ים.

דיא וויכטיגסטע האנדעלס־שטאָדט אין נאָרוועגען, נאָך דער הויפּט־שטאָדט קריסטיאַנא, איז בערגען. דיא שטאָדט בערגען צעהלט נור זעכציג טויזענד איינוואָהנער, אָבער זיא פיהרט דעם גרעסטען פיש־האנדעל אין דער וועלט. מען האנדעלט, דאָס הייסט, מען פערקויפט פאר אויסלאַנד אלערליי סאָרטען פיש און פיש־פּראָדוקטען: הערינג, קיליען, סארדינען, פיש־אויל, פיש־ביין, פערשיעדענע פיש־קלעען און אין דער נייעסטער צייט דיא ביינער און דיא קעפּלעך פון דיא פיש, וועלכע ווערען געברויכט אלס א זעהר גוט מיטעל צו מיסטיגען פעלדער.

אין נאָרוועגען געפינט זיך אויך דיא שטאָדט האמערפעסט, וועלכע איז בע־מערקענסווערטה דערמיט, וואָס זיא איז דיא לעצטע שטאָדט אין נאָרדען (צפון) פון אייראָפּא. אין האמערפעסט איז פינף מאָנאטען טאָג און פינף מאָנאטען נאכט, און דיא איבריגע צוויי מאָנאטען פון דעם יאָהר איז דאָ טאָג און נאכט. דיא איינוואָהנער פון האמערפעסט ווייסען, אז אין ווינטער מוזען זיי זיך פאַרברייטען אויף א לאנגער נאכט, וועלכע דויערט גאנצע פינף מאָנאטען, דערפאר אָבער האָבען זיי אים זומער א לאנגען טאָג, וועלכער דויערט גאנצע פינף מאָנאטען. מען זעהט, וויא דיא זון דרעהט זיך ארום אין הימעל אין אלע זייטען און געהט ניט אונטער.

דיא שטאָדט האמערפעסט צעהלט נור 2,300 איינוואָהנער. עס איז אלזאָ א קליין שטעדטעלע, אָבער אלע גרויס־מעכטע פון אייראָפּא האָבען זייערע קאָנסולען אין האמערפעסט. זיי טהון עס ניט אויס פערגניגען. אלע לענדער, וועלכע האָבען א גרויסע האנדעלס־פלאָטע, מוזען האָבען א קאָנסול אין הא־מערפעסט, ווייל דאָס מעער איז דאָרט זעהר אונרוהיג און עס קומען פאָר ניט זעלטען אונגליקען אויף'ן מעער, דארום מוז יעדעס לאנד, וועלכעס האָט פיעלע האנדעלס־שיפען, האלטען א קאָנסול אין האמערפעסט, וועלכער זאָל העלפען און בעשיצען זיינע לאנדסלייט אין פאל פון נויט.

האמערפעסט איז נאָך מערקווירדיג דערמיט, וואָס אלע זיינע איינוואָה־נער לעבען נאָר פון מעער. אויף דעם לאנד ארום וואקסען נור אייניגע גראָזען. מעהל און אנדערע לעבענס־מיטעל ווערען בעצויגען פון דיא גרויסע שטעדט, ריכטיגער נאָך, פון אנדערע לענדער, ווייל דאָס לאנד נאָרוועגען איז ניט אים שטאנד ארויסצוגעבען אזוי פיעל ברויט־שטאָפען, אז עס זאָל זיין גענוג פאר אלע איינוואָהנער. זיי מוזען אלזאָ לעבען פון דעם מעער.

קוים ענדיגט זיך דיא לאנגע ווינטער־נאכט פון פינף מאָנאטען, פאָהרען ארוים דיא איינוואָהנער אויף זייערע קליינע, אָבער שטארקע שיפען אין מעער כאפּען פיש און טויטען זעע־הינד און וואלראָסע. ווען זיי האָבען געכאפּט פיעל פיש און האָבען גענוג פעל פון זעע־הינד און צייהן פון וואלראָסע, פאָהרען זיי מיט זייער וואארע נאָך בערגען. דאָרט פערקויפען זיי זייער פיש־וואארע און קויפען איין מעהל און אנדערע לעבענס־מיטעל אויף דעם לאנגען ווינטער.

פראנסוא האָט יעצט געמאכט זיין רעכנונג: פון דענבאר נאָך בערגען איז אין גאנצען א שטרעקע פון פיער הונדערט מעער־מייל. פון ענגלאנד קען מען צו יעדער צייט קריעגען א שיף נאָך בערגען. פון בערגען נאָך האמערפעסט איז א שטרעקע פון זעקס הונדערט מייל, אָבער אין זומער צייט קען מען אָפט קריעגען א דאמפּפער, וועלכער פאָהרט צווישען דיעזעביידע שטעדט. פיעלע רייכע מענער פון אייראָפּא און אמעריקא מאכען דיעזע רייזע אלס זומער־רייזע,

אלס פערגניגענס־רייזע. פיעל שווערער איז אָבער צו קריגען א שיף פון האמער־פעסט נאָך שפּיצבערגען, א שטרעקע פון זעקס הונדערט מייל, וואו מען פאָהרט שוין איבער דעם אייז־מעער און דיא רייזע קען אמאָל זיין רעכט געפעהרליך. דאמפף־שיפען געהען קיין מאָל ניט פון האמערפעסט נאָך שפּיצבערגען. מען וועט אלזאָ מוזען דינגען א פישער־שיף, א זעגעל־שיף, אָבער אויף דיא מאטראָ־זען פון האמערפעסט מעג מען זיך פערלאָזען. זיי זיינען גוט בעקאנט מיט דעם אייז־מעער און זיי וויסען שוין וויא אזוי צו פיהרען זייער שיף דורך דיא אייז־בערג און אייז־פעלדער פון יענע קאלטע געגענדען.

די פראגע איז נור: וואו נעהמט מען דאָס נויטיגע געלד? זשאק דאַראן האָט שוין אויסגעגעבען זיין גאנצעס געלד. טרעגאַמעין האָט מיטגענומען ניט זעהר פיעל געלד און ער האָט שוין אויסגעגעבען אלעס. דיא רייזע פון האמערפעסט נאָך שפּיצבערגען וועט קאָסטען פיעל געלד, ווייל מען וועט מוזען דינגען א שיף מיט א פעהיגען שיפסקאפּיטאן, מיט פעהיגע מאטראָזען: מען קען דאָך ניט פאָהרען אויף דעם אייז־מעער אויף א שיפעלע וויא דיא "פּאָרטאָ אלעגראָ" איז געווען, מיט אזא אונוויסענדען שיפסקאפּיטאן, וויא באראָסא, וועלכער האָט זאָגאר ניט געוואוסט, וויא אזוי מען דארף אַנלאַדען א שיף. מען מוז אלזאָ האָבען א שטארקע שיף און פעהיגע מענשען און דאָס קאָסט פיעל געלד.

אלזאָ, וואו נעהמט מען געלד?

צום גליק האָבען זיי געהאט מיט זיך א מאן, וועלכער האָט געקענט בע־קומען אין לאָנדאָן וויא פיעל געלד ער האָט נור געוואָלט, ווען ער האָט נור אונטערגעשריעבען זיין נאָמען. דאָס איז געווען דער באנקיר זאמבוקאָ. איהם אליין האָט מען אפילו ניט געקענט אין לאָנדאָן, אָבער דיא באנק אָוו ענגלאנד וואָלט געצאָהלט טויזענדער פונט אויף זיין טשעק.

זאמבוקאָ האָט אָבער גאָר ניט בעדארפט פאָהרען נאָך לאָנדאָן. דענבאר איז ניט ווייט פון עדינבורג, דיא הויפּט שטאָדט פון שאָטלאנד און דיא באַנק אָוו סקאָטלאנד האָט אָנגענומען זיין טשעק וויא מזומן געלד און האָט איהם געגעבען מיט פערגניגען צוויי טויזענד פונט.

פון עדינבורג זיינען זיי געפאָהרען נאָך ליטה, א פּאָרט שטאָדט אין שאָט־לאנד, וואו עס געפינען זיך שטענדיג נאָרוועגישע שיפען. דאָס מאָל זיינען זיי געווען אזוי גליקליך, אז ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין ליטה, האָבען זיי גע־טראָפען א דאמפף־שיף, וועלכע איז געגאנגען נאָך בערגען.

דיא הויפּט זאך איז געווען, זיי זאָלען אָנקומען פריהער פאר סואד פּא־שא. אלזאָ, האָט מען זיך געמוזט איילען. ליידער, איז דער "וויקינג", אזוי האָט געהייסען דער דאמפפער, ערשט דעם אנדערען טאָג אָבגעגאנגען נאָך בערגען. וויא אונגעדולדיג זשאק דאַראן און זיין שוואָגער זיינען געווען, האָבען זיי דאָך געמוזט ווארטען נאָך א טאָג.

זשאַק דאָראַן איז געפאַלען אויף א גוטען געדאנק: ער וועט זוכען פּיליכט וועט ער קענען דינגען א שיף, וועלכע זאָל איהם פיהרען דירעקט נאָך שפּיצ־בערגען, דאַן וואָלט ער געוואונען פיעל צייט און וואָלט פערשפּאָרט דיא מיה צו זוכען אין יעדער שטאָדט א שיף.

עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען, אז קיין שיפסקאַפּיטאַן האָט ניט גע־וואָלט ריזיקירען זיין שיף און פאָהרען נאָך שפּיצבערגען. מען האָט אַלזאָ גע־מוזט זיך ארומשלעפּען פון שטאָדט צו שטאָדט: פון ליטה נאָך בערגען, פון בער־גען נאָך האמערפעסט און פון האמערפעסט נאָך שפּיצבערגען.

דעם אנדערען טאָג איז דער "וויקינג" ארויסגעפאָהרען פון ליטה. דיא רייזע איז געווען א גליקליכע. אויף׳ן צווייטען טאָג זיינען זיי אָנגעקומען אין בערגען און האָבען באלד געפונען א גרויסען דאמפּפער מיט רייכע אייראָפּעער, וועלכע זיינען געפאָהרען זעהן דאָס לאַנד, וואו דיא זון געהט ניט אונטער. דיע־זער דאמפּפער איז געגאנגען ביז האמערפעסט.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, וואָס פאַר גרויסע אויגען זאמבוקאָ און בן אָמאר האָבען געמאכט, ווען זיי האָבען דערזעהן צום ערשטען מאָל, וויא דיא זון דרעהט זיך ארום הימעל און געהט ניט אונטער. מען זעהט, וויא זיא געהט ארום אלע פיער זייטען פון דער וועלט: מזרח, מערב, צפון און דרום און פערשווינדעט גאר ניט. עס איז וואהר, אז מען זעהט זיא מאכען שטענדיג א לאנגען שאָטען פון אלע זאכען, אזוי וויא ביי אונז אין דער פריה און פאַר נאכט.

טרעגאָמעין איז געווען העכסט ענטציקט, ווען ער האָט עס דערזעהן.

— עס איז ווערטה צו פאָהרען נאָך נאָרוועגען נור אום צו זעהן דיא זון, האָט ער געזאָגט צו פראנסוא. יעצט פערשטעה איך, פאַר וואָס מען רופט נאָר־וועגען דאָס לאַנד פון דער מיטנאכטס־זון: מען זעהט דאָ דיא זון אין מיטען דער נאכט, וויא אין מיטען טאָג.

דיא שיף איז געבליבען שטעהן אויף זעקס שטונדען אין דראָנטהיים, איינער פון דיא עלטסטע שטעדט אין נאָרוועגען. אין איהר האָט געלעבט דער הייליגער אָלאף, דער ערשטער קעניג פון נאָרוועגען, וועלכער האָט אָנגענומען דאָס קריסטענטהום. דערפאַר האָט מען איהם געמאכט פאַר א הייליגען און דערפאַר ווערען דיא קעניגע פון שוועדען און נאָרוועגען געקרוינט אין דראָנ־טהיים.

זשאַק דאָראַן און זאמבוקאָ האָבען ניט געוואָלט אראָבגעהן זעהען דיעזע ניט גרויסע, אָבער מערקווירדיגע אלטע שטאָדט. פראנסוא און טרעגאָמעין זיינען אראָבגעגאנגען בעטראכטען דיא שטאָדט.

דיא גאנצע שטאָדט בעשטעהט נור פון איינציגע גאסען, וועלכע זיינען גע־פלאסטערט מיט שפּיציגע, שארפע שטיינער.

— דאָס איז א שטאָדט פאַר שוסטער! האָט טרעגאָמעין אויסגערופען,

דאָ צורייסט מען געווים א פּאָר שטיוועל א טאָג. פאר וואָס האָבען דיא קלור־גע דראנטהיימער ניט אויסגעפּלאסטערט זייערע גאסען מיט צובראָכענע פלע־שער?

— בערוהיגט זיך, מיין פריינד, דיא דראנטהיימער טראָגען שיך מיט הילצערנע זוילען, האָט פראנסוא געענטפערט.

פיעל איז ניט געווען וואָס צו זעהן אין דראנטהיים. עס איז דאָרט דאָ א מארק פון גרינע זאכען און פריכטע, אָבער דיעזע ארטיקעל ווערען געבראכט פון ענגלאנד. אינטערעסאנט איז נור דער פיש־מארק, ווייל דיא איינוואָהנער פיהרען האנדעל מיט פיש און פיש־פּראָדוקטען. אויף דיעזען פיש מארק קען מען שוין געפינען פיש־ביין פון א גאנצען וואל־פיש. עס ליעגען אָנגעלעגט גאנצע הויפענס מיט פעסער הערינג. מען קען דאָרט געפינען אלע מעגליכע סאָרטען פיש: פרישע, געטריקענטע, געזאלצענע און גערויכערטע.

אין איירָאפּא און אין אמעריקא רויכערט מען יעצט פיש און פלייש דורך כעמישע מאטעריאלען און אין א גאנץ קורצער צייט ווערט עס גערויכערט, דאָס הייסט, עס בעקומט דיא פארב פון גערויכערטע זאכען, אָבער ניט דעם רעכטען געשמאק. אין נאָרוועגען רויכערט מען ווירקליך דיא פיש: מען האלט זיי אין רויך פון א פייער עטליכע טעג, ביז זיי ווערען דורך און דורך גערויכערט — "רייף, צייטיג", וויא מען רופט עס.

פראנסוא און טרעגאָמעין האָבען יעצט געהאט דיא בעסטע געלעגענהייט צו זעהן, וויא מען רויכערט פיש. זיי האָבען געקויפט א פּאָר גערויכערטע פלאָנדרעס, און ווען זיי האָבען זיי שפּעטער געגעסען, האָבען זיי ערשט פערשטאַ־נען, וואָס עס הייסט גערויכערטע פיש.

פראנסוא האָט נאָך צייט געהאט אָנצושרייבען א בריעף צו זיין געליעבטער זשוליעט און איהר צו מעלדען, אז ער האָפט אין צוויי מאָנאטען ארום צוריק־צוקומען.

אין אבענד איז דער דאמפּפער ווייטער געפאָהרען. ווען איך זאָג "אין אבענד", מיין איך ניט, ווען עס איז נאכט געוואָרען, ווייל אין יענער צייט און אין יענער געגענד ווייס מען ניט פון נאכט. אָבער אום דאָך צו האלטען א רעכנונג פון דער צייט, רופען דיא מענשען 12 שטונדען טאָג און דיא אנדערע 12 שטונדען נאכט. עס איז רעכט קאָמיש צו רופען נאכט א צייט, ווען דיא זון שיינט גאנץ העל, אָבער מען מוז דאָך וויסען וויא פיעל טעג עס איז אין מאָנאט און דארום בערעכענט מען דיא טעג אין דעם מאָנאט נאָך דעם זייגער.

דעם אנדערען טאָג, דאָס הייסט, נאָך׳ן זייגער, איז דיא שיף פאָרבייגע־פאָהרען דעם בעריהמטען מאלסטראָם, איינער פון דיא גרעסטע וועלט וואונדער.

דער מאלסטראָם איז א געוויסער אָרט אין מעער, וואו דאָס וואסער רוישט, קאָכט, זידט און דרעהט זיך, וויא אין א קעסעל. ווען איז דער שיף,

וועלכע קומט צו צו נאָהענט צום מאַלסטראָם! ער כאַפּט זיא אריין אין זיין קאָכענדען קעסעל, דרעהט זיא ארום און צוברעכט זיא, גלייך וויא זיא וואָלט געווען א קינדער־שפּיעלצייג.

קיין לעבעדיגער מענש האָט נאָך ניט געזעהן גאַנץ נאָהענט דעם מאַל־סטראָם. דאָס רוישען און קאָכען פון דעם מאַלסטראָם הערט מען מייל ען וויט ארום און ווען א שיפסקאַפּיטאַן דערהערט דיעזעס שרעקליכע רוישען, אַנט־לויפט ער מיט זיין שיף, וויא פון דעם טייפעל.

פראַנסוא איז שוין אמאָל געווען ניט וויט פון דעם מאַלסטראָם, טרעגאַ־מעין אָבער האָט נור געהערט פון איהם.

— עס איז נאָך גוט, וואָס קיאַמיל פּאַשאַ האָט ניט פערגראָבען זיינע מיליאָנען אין דעם מאַלסטראָם, האָט טרעגאָמעין בעמערקט.

וואָס ווייטער מען איז געפאָהרען נאָך נאָרדען, אַלץ מעהר האָט מען אָנ־געהויבען צו פיהלען, אז דאָס אייז־מעער איז ניט וויט. עס האָט אָנגעהויבען קיהל צו ווערען.

עס איז געווען אין מאָנאַט אויגוסט. אין סעפּטעמבער הויבט זיך שוין אָן דער ווינטער אין יענע געגענדען. מען האָט שוין אָנגעהויבען צו פיהלען דעם ווינטער און דיא פּאַסאַזשירען האָבען שוין געמוזט זיך אָנטהאָן אין גאַנץ וואַרעמע קליידער. אין דער פריה פלעגט שוין זיין רעכט קאַלט.

ערשט יעצט האָט פראַנסוא זיך דערמאָנט, אז עס קען זיין, זיי וועלען קומען צו שפּעט. דאָס אייז־מעער וועט שוין זיין געשלאָסען, דאָס הייסט פער־פראָרען.

— וואָס וועלען מיר טהאָן, ווען מיר וועלען קומען אין האַמערפעסט און מיר וועלען געפינען, אז דאָס אייז־מעער איז געשלאָסען? האָט ער געפרעגט וויא זיך אליין.

טרעגאָמעין, וועלכער האָט געהערט דיעזע פראַגע, האָט געענטפערט:

— דאַן וועלען מיר מוזען איבערווינטערען אין האַמערפעסט.

— בלייבען זיבען־אַכט מאָנאַטען אין האַמערפעסט? איבערלעבען און איבערטראָגען א לאַנגע נאַכט פון פינף מאָנאַטען? דאָס איז שרעקליך! דאָס איז אונמעגליך!

— צום טייפעל מיט קיאַמיל פּאַשאַ און מיט זיינע מיליאָנען! האָט טרעגאָמעין אויסגערופען. א שעהנער איינפאַל! אונז לאָזען זיך בראָטען אין דער היץ פון דער בוכטע פון מאַיומבא און דאַן אונז לאָזען פרירען אין האַ־מערפעסט אָדער אין דעם אייביגען אייז פון שפּיצבערגען! וואָס האָט איהם געצוואונגען צו פערגראָבען זיינע מיליאָנען אין אזעלכע ווילדע געגענדען?

ענדליך זיינען זיי אָנגעקומען אין האַמערפעסט און זיינען אָבגעשטיגען אין האָטעל "נאָרד פּאָל".

פראנסוא און טרעגאמעין האבען געוואלט בעטראכטען דיעזע מערקוויר־דיגע שטאדט, דיעזע זאנדערבארע שטאדט, וועלכע געניסט אזא לאנגען טאג אין אזא לאנגע נאכט, דיעזע שטאדט, וואו מען פיטערט דיא בהמות מיט פיש, ווייל ברויט איז זעלטען און עס קאסט זעהר טהייער. אבער זשאק דאראן האט זיי ניט געלאזען אוועקגעהן. ניט ער און ניט זאמבוקא האבען פערשטא־נען א ווארט נארוועגיש, אלזא וויא אזוי וועט ער זיך צונויפרעדען מיט א נארוועגיער? פראנסוא אבער רעדט ענגליש, א שפראך, וועלכע איז זעהר עהנליך צו נארוועגיש. ווער עס רעדט ענגליש, דער קען זיך לייכט צונויפריידען מיט א נארוועגיער. אויסער דעם רעדען אלע נארוועגישע שיפסקאפיטאנען און מאט־ראזען גאנץ געלויפיג ענגליש.

מען איז אלזא באלד אראבגעגאנגען צו דיא דאקס און מען האט געזוכט א שיף. זיי האבען אויך באלד געפונען, וואס זיי האבען געזוכט. זיי האבען גע־פונען א בארקע מיט'ן נאמען "קראן", וואס האט בעלאנגט צום שיפסקאפיטאן אלאף, וועלכער האט זיך אונטערגענומען זיי צו בריינגען נאך שפיצבערגען און צוריק אין צייט פון איין און צוואנציג טעג, זעלבסטפערשטענדליך, ווען זיי וועלען בלייבען אין שפיצבערגען נור א קורצע צייט, ניט לענגער פון דריי טעג.

זשאק דאראן האט זיך ניט לאנג געדונגען מיט'ן שיפסקאפיטאן אלאף, ער האט איהם געגעבען וויא פיעל ער האט פערלאנגט, ווען ער וועט נור ארויס־פאהרען אזוי שנעל וויא מעגליך.

— איך מוז ארויספאהרען נאך מארגען, האט קאפיטאן אלאף גענטפערט, דיא צייט איז קורץ, אין סעפטעמבער געהען שוין גרויסע אייז־בערג און אייז־פעלדער אויף דעם אייז־מעער צווישען האמערפעסט און שפיצבערגען. עס קען זיין, אז ענדע סעפטעמבער זאל דאס אייז־מעער שוין זיין פערפרארען. מיר מוזען זיך אלזא איילען, איך מוז זיך אבער פארבערייטען. איך מוז מיטנעהמען פראוויאנט און אנדערע נויטהיגע זאכען אויף דער רייזע אויף דעם אייז־מעער. איהר אליין מוזט קויפען אין האמערפעסט שווערע פעלצען, ווייל וואס ווייטער מיר וועלען פאהרען, אלץ קעלטער וועט עס ווערען.

מען האט אלעס אבגערעדט און אבגעמאכט. יעצט ערשט האבען פראנ־סוא און טרעגאמעין צייט געהאט צו בעטראכטען דיא שטאדט. אויף א פרייען פלאץ פאר דעם פארט איז געשטאנען א זייל פון ווייסען מארמאר מיט דיא וואפען (הערב) פון דעם קעניגרייך נארוועגען, מיט אן אויפשריפט, אז דיעזען זייל האט אויפגעשטעלט קעניג אסקאר דער ערשטער אלס אנדענקען דערפון וואס געלערענטע מענער האבען אויסגעמאסטען דעם מערידיאן פון האמערפעסט ביז סולינא, א שטאדט אויף דער דאנוי, וואו דיעזער טייך פאלט אריין אין שווארצען מעער.

זאָנסט איז ניטאָ פיעל וואָס צו זעהן אין האמערפעסט. דיא שטאָדט איז קליין, דיא הייזער זיינען נידעריג, אום זיי זאָלען זיין ווארעם אין דעם שרעקליכען ווינטער.

דעם אנדערען טאָג אין דער פריה זיינען דיא פּאסאזשירען אראָבגעגאנגען צום דאק און האָבען געפונען דיא "קראָן" פערטיג צו דער רייזע.

— ווי לאנג וועט דויערען דיא רייזע? האָט זשאק דאָראן געפרעגט.

— ווען מיר וועלען האָבען א גוטען ווינד, קענען מיר אין זעקס טעג אָנקומען אין שפּיצבערגען, האָט קאפּיטאן אָלאף געענטפערט.

אין דיעזער מינוט האָט ער זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן בן אָמאר'ען מיט זיין רויטען פעס אויף'ן קאָפּ, מיט זיינע לייכטע עגיפּטישע קליידער.

— ביי גאָט! וואָס טהוט איהר? האָט ער אויסגערופען, וויא קענט איהר עס וואגען צו פאָהרען נאָך שפּיצבערגען אין אזעלכע לייכטע קליידער? איהר וועט דאָך פערפראָרען ווערען!

בן אָמאר האָט איהם ניט פערשטאנען, אָבער פּראנסוא האָט איהם ערקלערט, אז ער מוז קויפען א שווערען פּעלץ, זאָנסט וועט ער ניט אויסהאלטען דיא שווערע קעלט.

עס האָט ניט געהאָלפען, מען האָט געמוזט צוריקגעהן אין שטאָדט און קויפען א פּעלץ פאר בן אָמאר'ען.

אום צעהן אוהר איז דיא "קראָן" ארויסגעפאָהרען פון האמערפעסט.

דאָס מאָל האָט שוין דאָס שיקזאל אליין זיך דערבארימט איבער זשאק דאָראן. דיא רייזע איז געווען א גליקליכע. קאפּיטאן אָלאף איז געווען א פעהיגער שיפסקאפּיטאן, וועלכער איז געווען בעקאנט מיט דעם אייז־מעער, וויא מיט זיין שטאָדט האמערפעסט. זיינע עלף מאטראָזען זיינען געווען פישער, וועלכע האָבען פערבראכט זייערע יאָהרען אין דיעזע קאלטע געגענדען, און דיא הויפּטזאך איז געווען, וואָס דער ווינד האָט געטריבען זייער שיף גלייך נאָך שפּיצבערגען.

שפּיצבערגען איז ניט אן אינזעל, נור א גאנצע גרופּע אינזלען, ריכטיגער נאָך, דריי גרויסע אינזלען און זעהר פיעל קליינע. דער נאָמען שפּיצבערגען צייגט, אז אלע אינזלען זיינען בעדעקט מיט הויכע בערג. שפּיצבערגען איז גרעסער פון דייטשלאנד, אָבער אין דייטשלאנד וואָהנען מעהר אלס 52 מיליאָן מענשען און אויף שפּיצבערגען וואָהנט קיינער ניט.

צו וואָס פאר א לאנד געהערט שפּיצבערגען? צו אמעריקא אָדער צו אייראָפּא? וועמען אארט עס? וועמען קימערט עס? קיינער דארף ניט דיעזעס לאנד, וועלכעס איז בעדעקט מיט אייביגען שנעע און מיט אייביגען אייז. אויף דיא זיד־אָסט אינזלען ווייזען זיך נאָך אמאָל אין מאָנאט יוני און יולי אייניגע גראָזען, דיא נאָרד אינזלען אָבער זיינען שטענדיג בעדעקט מיט אייז און שנעע.

דיא ענגלענדער בעהויפּטען, אז קאפּיטאן ווילאָבוי האָט ענטדעקט דיעזע

אינזלען אין 1553. דיא רוסען און דיא האָלענדער בעהויפּטען, אז קאַפּיטאַן בע־רענטס, וועלכער איז געווען א האָלענדער און האָט גדיענט אלס שיפסקאַפּיטאַן אין רוסלאַנד, האָט ענטדעקט דיעזע אינזלען אין 1596, ווייל ער האָט דאָרט פערבראכט א ווינטער.

א רייזע נאָך שפּיצבערגען איז אמאָל געווען א שווערע אויפגאַבע, היינט איז עס א שפּאציער און מען קען זאָגען פאר געוויס, אז עטליכע יאָהר שפּעטער וועלען שיפסקאָמפּאַניעס פעראנשטאַלטען עקסקורסיאָנען נאָך שפּיצבערגען, וויא זיי פעראנשטאַלטען עקסקורסיאָנען נאָך עגיפּטען, סיריען, פּאַלעסטינא. רייכע מענשען וועלען עס בעטראכטען אלס א פערגניגען צו מאכען א זומער־רייזע נאָך שפּיצבערגען, וואו מען קען זיך פערזאָרגען מיט קעלט אויף א גאַנץ יאָהר.

דעם 4טען יוני 1897 איז פּראָפעסאָר אַנדרעע אוועקגעפאָהרען פון א קליי־נעם אינזעל פון שפּיצבערגען אין א לופט באַלון און איז מעהר ניט צוריקגעקומען.

פון אונזערע רייזענדע האָבען נור פראַנסואַ און טרעגאָמעין זיך אינטערע־סירט מיט שפּיצבערגען. זשאַק דאָראַן און דיא איבריגע האָבען געהאט אין זינען נור דיא מיליאָנען.

בן אָמאַר האָט זיך געשעצט גליקליך, וואָס ער האָט געהאט א פּעלץ, ווייל אין דרויסען אויף דער פרייער לופט איז שוין אזוי קאַלט, אז אין אייראָפּא וואָלט מען שוין געמוזט הייצען אין אויווען.

אזוי וויא פראַנסואַ האָט יעצט געוואוסט גאַנץ גענוי דעם מערידיאַן און דעם פּאַראַלעל און דערצו האָט ער נאָך געהאט דיא בעסטע לאַנדקאַרטען, איז עס איהם געווען זעהר לייכט אויסצוגעפינען דעם אינזעל, אויף וועלכען קיאַ־מיל פּאשאַ האָט פערגראָבען זיינע מיליאָנען. שיפסקאַפּיטאַן אָלאָף איז שוין אזוי פיעל מאָל געווען אין שפּיצבערגען, אז ער האָט געקענט יעדען קליינעם אינזעל.

פראַנסואַ האָט געוויזען דעם שיפסקאַפּיטאַן אָלאָף, וואו דער אינזעל געפינט זיך, און דיא "קראָן" איז צוגעשוואומען צו איהם, וויא א פיש.

עס איז געווען א קליינער, ניט גאַנץ הויכער אינזעל, וועלכער איז אין גאַנ־צען געווען בעדעקט מיט אלערליי שטיינער. ווען דיא "קראָן" איז צוגעקומען און האָט אראָבגעלאָזען איהר אַנקער, האָט שיפסקאַפּיטאַן אָלאָף געהייסען זיינע מאַטראָזען אראָבלאָזען דאָס קליינע באָאט, אויף וועלכען עס האָבען זיך אויפגע־זעצט זשאַק דאָראַן, זאַמבוקאָ, פראַנסואַ, טרעגאָמעין און בן אָמאַר. צוויי קרעפטיגע מאַטראָזען האָבען גערודערט דאָס באָאט.

אין איינינע מינוטען זיינען אלע פּאַסאַזשירען ארויס אויף'ן אינזעל, נור דיא נאָרוועגישע מאַטראָזען זיינען געבליבען אין באָאט. זשאַק דאָראַן און זאַמ־בוקאָ זיינען געווען דיא ערשטע, וועלכע זיינען ארויסגעשפּרונגען אויף דאָס לאַנד.

א גאַנצער וואָלקען פון אלערליי פויגעל האָט זיך אויפגעהויבען, ווען דיא

פאסאזשירען זיינען ארויפגעגאנגען אויף׳ן אינזעל. עס איז געווען דייטליך, אז דיא איבערגעשראָקענע פויגעל לעבען דאָ זייט יאָהרען און האָבען דאָ אויסגעבריהט זייערע קינדער. פּלוצלונג זיינען געקומען צוויי־פיסיגע טהיע־רע — מענשען — און האָבען זיי פערטריבען פון זייערע שטילע, זיכערע וואָהנונגען.

אין ערטער איז דער אינזעל געווען בעדעקט מיט שנעע און אייז; אין ער־טער זיינען דיא נאקעטע שטיינער געלעגען פאר דיא רייזענדע צושפּאָלטען, צוריסען פון דער קעלט. עס איז געווען דייטליך, אז זעלטען, זעהר זעלטען איז א מענש געקומען אויף דיעזען אינזעל. און צו וואָס זאָל אהער קומען א מענש? וואָס האָט ער דאָ צו טהאָן? וואָס קען ער זוכען אויף דיעזע טרויע־ריגע, פערווילדערטע, קאלטע אינזלען, וואו דאָס אייז ווערט קיין מאָל ניט צו־שמאָלצען?

מען האָט אָנגעהויבען צו זוכען דעם שטיין מיט דעם דאָפּעל "קיי". מען האָט ניט לאנג געדארפט זוכען. דער אינזעל איז געווען אזוי קליין, אז אין א שטונדע צייט האָט מען איהם געקענט ארומגעהן אין דער לענג און אין דער ברייט.

דאָס מאָל איז זשאק דאָראן געווען אזוי גליקליך, אז ער האָט דער ער־שטער אויסגעפונען דעם שטיין מיט דעם דאָפּעל "קיי".

— אָט איז עס! האָט ער אויסגערופען און האָט געציטערט פאר פרייד און אויפרעגונג.

— ענדליך האָבען מיר אונזערע מיליאָנען! האָט זאמבוקאָ אויסגערופען.

יעצט האָבען זיי מיטגענומען אלע נויטהיגע אינסטרומענטען, בעזאָנדערס אָבער ברעכאייזענס.

זשאק דאָראן האָט אויפגעהויבען זיין ברעכאייזען מיט זיין גאנצער קראפט און האָט איהם אריינגעשלאָגען צווישען דיא שטיינער. זאמבוקאָ האָט איהם נאָכ־געטהאָן. דיא שטיינער האָבען נאָכגעגעבען. צוויי גרויסע שטיינער האָבען זיך אויפגעהויבען און מען האָט דערזעהען אונטער זיי א סאָרט הייל.

— ענדליך! האָט אויסגערופען זשאק דאָראן.

— ענדליך האָבען מיר דאָך דיא מיליאָנען, האָט געזאָגט זאמבוקאָ.

אלע פינף האָבען אוועקגעקייקעלט דיא צוויי גרויסע שטיינער.

פּלוצלונג האָבען דאָראן און זאמבוקאָ א ציטער געטהאָן און זיינען גע־בליבען שטעהן וויא פערשטיינערט: אָנשטאָט פעסלאך מיט גאָלד און דימאנטען איז געלעגען אין דער הייל אן אייזערנע שאכטעל.

— ווידער אן אייזערנע שאכטעל! האָט טרעגאָמעין געברומט.

דיא שאכטעל איז געווען גאנץ ענליך צו דיא צוויי, וועלכע מען האָט גע־

פונען אויף דיא אינזלען אין דער בוכטע פון אַמאַן און אין דער בוכטע פון מאַ־יומבאַ.

בן אַמאַר האָט געציטערט פאַר קעלט. ער איז ניט געוואָהנט געווען צו אזא קעלט און דער פעלץ האָט איהם ניט גענוג געוואַרעמט.

אייניגע מינוטען זיינען אלע געשטאַנען וויא פערציוויבערט. ענדליך איז זשאק דאָראַן געקומען צו זיך, האָט אויפגעהויבען זיין ברעכאייזען מיט זיין גאַנצער קראַפט און האָט צובראָכען דאָס קליינע, פערראָסטעטע אייזערנע קעס־טעלע.

אין דעם קעסטעלע איז ווידער געלעגען נור א שטיקעל פּאַרמעט. פראַנסוא און טרעגאַמעין האָבען געזוכט אין דעם קעסטעלע, פיליכט וועלען זיי דאָרט ווידער געפינען א פּאָר דימאַנטען, אָבער אין קעסטעלע האָט זיך געפונען נור א קליין שטיקעל פּאַרמעט.

— זאָגאַר ניט א קליינער דימאַנט אום צו דעקען דיא רייזע־קאָסטען, האָט טרעגאַמעין געברומט.

פראַנסוא האָט ארויסגענומען דאָס שטיקעל פּאַרמעט, האָט עס צונומען און האָט געלעזען אין דער הויך:

„איך פיהל מיך פערפפליכטעט צו דריי מענשען, וועלכע האָבען עפּעס אויפגעטהאָן פאַר מיר. דיעזע דריי מענשען זיינען דער פראַנצויז דאָראַן, דער באַנקיר זאַמבוקאָ און דער שאָטלענדער טירקאָמעל.

„איך האָב זיי געצוואונגען צו פאָהרען אויף דריי אינזלען אין פערשיעדענע געגענדען פון דער וועלט, ווייל איך האָב גערעכענט, אז אויף דער לאַנגער רייזע וועלען זיי זיך בעקענען, וועלען זיך בעפריינדען, וועלען זיך בעראַטהען און וועלען בעשליסען, וואָס זיי זאָלען טהאָן מיט מיינע מיליאָנען.

„ווען דיעזע דריי מענער מיט דעם אדוואָקאַט בן אַמאַר פון קאַירא וועלען קומען אהער, זאָלען זיי וויסען, אז דער לעצטער אינזעל, וואו איך האָב ווירקליך פערגראָבען מיינע מיליאָנען, געפינט זיך — געאָמעטרישעס געזעץ —

דיא לעצטע ווערטער זיינען געווען אָבגעמעקט. וויא עס ווייזט אויס, איז צוגעקומען וואסער צו דעם אייזערנעם קעסטעלע און האָט פערדאָרבען דעם דאָקומענט. דיא לעצטע צייִלען, דיא וויכטיגסטע, זיינען געווען פערמעקט און פערשמיערט, אז פראַנסוא האָט זיי ניט געקענט לעזען.

— לעז דייטליכער! האָט זשאק דאָראַן געשריען וויא וואַהנזיניגער.

— איך קען ניט לעזען, עס איז אָבגעמעקט, האָט פראַנסוא געענטפערט.

זאַמבוקאָ האָט ארויסגעכאַפּט פון פראַנסואַ׳ס הענד דאָס שטיק פּאַרמעט, אָבער ער האָט אויך ניט געקענט לעזען. ער האָט אָבער אויסגעפונען נאָך א וואָרט „פּאָל“.

— נאָרד פּאָל? האָט פראַנסוא איבערגעפרעגט.

זשאק דאראן האט ארויסגעכאפט דעם דאקומענט פון דיא הענד פון זיין שוואגער זאמבוקא און האט אליין פראבירט לעזען, אבער אויך ער האט ניט געקענט מעהר לעזען, וויא זיין שוואגער זאמבוקא.

פלוצלונג האט ער א ציטער געטהאן און איז אנידערגעפאלען אין אונמאכט.

30טעם קאפיטעל.

זשוליעט געפינט וואס קלוגע מענער האבען ניט געקענט געפינען

מען האט מעהר ניט געהאט וואס צו טהאן אויף שפיצבערגען. מען האט געמוזט טראגען זשאק דאראן אויף דיא הענד צוריק אין באאט און פון דארט אויף דיא "קראן".

מען איז צוריק געפאהרען נאך האמערפעסט. שטיל, טרויעריג, אונאנגע־נעהם איז געווען דיעזע רייזע. זשאק דאראן איז געלעגען אין זיין קאיוטע האלב קראנק, האלב פערצווייפעלט. זאמבוקא האט מיט קיינעם ניט געוואלט רעדען א ווארט. בן אמאר האט געציטערט פון קעלט אין זיין פעלץ. נור פראנסוא און טרעגאמעין פלעגען פון צייט צו צייט ארויסגעהן אויף'ן דעק און זיך צו־קוקען, וויא דער בראווער שיפסקאפיטאן אלאף קעמפפט מיט דיא גרויסע שטי־קער אייז, וועלכע זיין שיף האט בעגעגענט.

— נו, וואס זאגסט דוא יעצט, פראנסוא? האט טרעגאמעין געפרעגט.

— איך האב קיין מאל ניט געגלויבט אין דיעזע מיליאנען, האט פראנ־סוא געענטפערט.

— איך האב אויך ניט פיעל געגלויבט, אבער זייט מען האט געפונען דיא צוויי דימאנטען אויף דעם אינזעל לעבען מאיומבא, האב איך אנגעהויבען צו דענקען, אז קיאמיל פאשא האט ווירקליך ערגעץ פערגראבען מיליאנען.

עס איז געווארען מיט יעדען טאג קעלטער, און נור דיא אלטע נארוועגי־שע מאטראזען, וועלכע זיינען געוואהנט געווען צו אזעלכע קעלטען, האבען גע־קענט שטעהן אויף'ן דעק און טהאן זייער ארבייט.

דעם 5טען סעפטעמבער איז דיא "קראן" אנגעקומען נאך האמערפעסט און אונזערע פאסאזשירען האבען דערזעהן מיט שטוינען, אז דיא גאנצע גע־גענד ארום איז שוין בעדעקט מיט א טיעפען שנעע. זיי האבען געמוזט דינגען שליטענס איינגעשפאנט מיט רענטהיערע (אזעלכע הירשען), וועלכע זאלען זיי פיהרען נאך דראנטהיים, וואו מען קען שוין קריעגען פאסט פערד מיט פאסט שליטענס נאך בערגען.

דאָ האָט זיך אָבער פאָרגעשטעלט א נייע שוויעריגקייט. בן אָמאר האָט מעהר קיין געלד ניט געהאַט מיט וואָס צו פאָהרען אהיים. ער האָט אויסגעגעבען זיין גאַנצעס פערמעגען.

ער האָט געוואָלט זיך ווענדען צו זיין קאָנסול, ער זאָל איהם אויסהעלפען, אָבער אין האמערפעסט געפינט זיך ניט קיין טערקישער קאָנסול. פראַנסוא האָט זיך דערבאַרעמט אויף איהם און האָט ערקלעהרט, אַז ער וועט בעצאָהלען בן אָמאר׳ס רייזע־קאָסטען ביז פאַריז.

יעצט איז מען געפאָהרען נאָך שנעלער. אין בערגען האָט מען זיך אויפגעזעצט אויף א דאמפף־שיף נאָך קאָפּענהאַגען אין דענעמאַרק און פון דאָרט האָט מען זיך אויפגעזעצט אויף א דאמפפער נאָך ענגלאַנד.

אין לאָנדאָן האָט זיך זשאַק דאַראַן אָבגערעכענט מיט זיין שוואָגער. ער האָט פערקויפט דעם דימאַנט, וועלכען ער האָט געפונען אויף דעם אינזעל לעבען מאַיומבא, און האָט בעקומען פאר איהם צוואַנציג טויזענד פראַנק. דאָס איז יעצט געוועזען זיין גאַנצעס פערמעגען. פון דיעזע צוואַנציג טויזענד פראַנק האָט ער בעצאָהלט פופצעהן טויזענד צו זאַמבוקאָ און פינף טויזענד פראַנק זיינען איהם געבליבען.

ער איז אַרויסגעפאָהרען פון סען מאַלאָ אלס רייכער מאַן אין דער פעסטער האָפנונג, אַז ער וועט באַלד ווערען א מיליאָנער, און איז צוריקגעקומען אהיים פערצווייפעלט און אָרעם.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען וויא פרעהליך און וויא גליקליך נאַנאָן און איהר טאָכטער זשוליעט האָבען זיך געפיהלט, ווען זשאַק דאַראַן און פראַנסוא זיינען צוריקגעקומען. נאַנאָן איז געוועזען זיכער, אַז איהר ברודער האָט אהיים געבראַכט דיא מיליאָנען, און זשוליעט איז געוועזען גליקליך וויעדער צו זעהן איהר געליעבטען. זיי זיינען אפילו באַלד געוואָהר געוואָרען פון דער גאַנצער וואַרהייט, אָבער דאָס האָט זיי ווייניג געקימערט.

יעצט האָט שוין זשאַק דאַראַן איינגעוויליגט, אַז פראַנסוא זאָל הייראַטהען זשוליעט.

זייט זיי זיינען צוריקגעקומען פון זייער רייזע, האָט זיך זשאַק דאַראַן צוריקגעצויגען אין זיין צימער און פלעגט זיך זעלטען ווייזען אויף דער גאַס. ער פלעגט מיט קיינעם ניט רעדען און קיינעם ניט וועלען זעהן. דער איינציגער מענש, מיט וועמען ער פלעגט נאָך אמאָל רעדען, איז געוועזען דער אַלטער טרעגאַמעין. וואָס דיעזעביידע מענער פלעגען רעדען צוזאַמען, האָט קיינער ניט געוואוסט.

דיא האָכצייט פון פראַנסוא און זשוליעט איז פאָרגעקומען שטיל, רוהיג, אָהן פיעל צערעמאָניעס און אָהן ליאַרם.

איינינע טעג נאָך זייער האָכצייט האָט פראַנסוא געלעזען אין אַן ענגלי־

שער צייטונג, אז מען האָט ארעסטירט סואד פאשא אין גלאזגאָו און מען האָט איהם געבראכט נאָך דענבאר, וואו דאָקטאָר טירקאָמעל האָט איהם דערקענט, אז דאָס איז דער מאַן, וועלכער איז אויף איהם אָנגעפאלען ביינאכט און האָט איהם געבונדען. מען האָט איהם פעראורטהיילט צו דריי יאָהר געפענגניס מיט שווערער ארבייט.

פראנסוא האָט באלד געפונען בעשעפטיגונג אלס שיפסקאפיטאן פון א גרויסען דאמפפער, וועלכער האָט געמאכט רייזען צווישען מארסעיל און קאל־קוטא. צופעליגערווייזע אָבער האָט אויף דיעזען דאמפפער געפלאצט דער קעסעל און עס האָט געדארפט געדויערען א געוויסע צייט ביז מען וועט אריינשטעלען א נייעם קעסעל און רעפארירען דיא שיף.

דערווייל האָט פראנסוא צייט געהאט צו טראכטען איבער פערשיעדענע זאכען.

איין מאָל האָט איהם זיין אָנקעל זשאק דאָראן געשיקט רופען און האָט געזאָגט צו איהם:

— הער נור, פראנסוא, דוא האָסט יעצט צייט. דוא קענסט טראכטען און קלעהרען. נא דיר דעם דאָקומענט, וועלכען מיר האָבען געפונען אין שפּיצבער־גען. שטודיר איהם, בעטראכט איהם, פיליייכט וועסט דוא דאָך געפינען, וואו עס ליעגט ערגעץ דער פיערטער אינזעל, וואו קיאמיל פאשא האָט פערגראָבען זיינע מיליאָנען.

— ליעבער אָנקעל, איהר זעהט דאָך אליין, אז דיעזער דאָקומענט איז לייי־דער אזוי פערדאָרבען געוואָרען פון דער צייט, פון דער פייכטקייט און פון דער קעלט אויף שפּיצבערגען, אז עס איז אונמעגליך איהם צו פערשטעהן, האָט פראנסוא געענטפערט.

— פּרוביר עס דאָך, פראנסוא! האָט זשאק דאָראן געבעטען מיט א וויינער, וויינענדער שטימע. פּרוביר עס, מיין פריינד.

פראנסוא האָט פּרובירט לעזען נאָך אמאָל:

— דער פיערטער אינזעל געפינט זיך — געאָמעטרישעם געזעץ — פאָל —

דיא ווערטער צווישען "געפינט זיך" און "געאָמעטרישעם געזעץ" זיינען געוועזען אָבגעמעקט. דיא ווערטער צווישען "געאָמעטרישעם געזעץ" און "פאָל" זיינען ווידער געוועזען אָבגעמעקט.

פראנסוא האָט אָנגעהויבען צו קלעהרען און האָט געזאָגט:

— וואָס הייסט דען א געאָמעטרישעם געזעץ? איך האָב שטודירט געאָ־מעטריע, איך קען אָבער אויף קיין פאל ניט פערשטעהן, וואָס פאר א געאָמעטריי־שעס געזעץ קען מיר ערקלערען, וואו עס געפינט זיך דער אינזעל נומער פיער... דאן זיינען ווידער אָבגעמעקט עטליכע ווערטער און עס שטעהט דאָס וואָרט "פאָל". וואָס הייסט עס? וויא קומט דער פאָל צו א געאָמעטרישען געזעץ?

האָט קיאמיל פאשא פערגראָבען זיינע מיליאָנען ביים נאָרד פאָל? איז דאָס מעגליך? מיר ווייסען דאָך, אז דערווייל איז נאָך קיין מענש ניט צוגעקומען צום נאָרד פאָל; וויא אזוי האָט קיאמיל פאשא מיט א זעגעל־שיף געקענט צוקומען צום נאָרד פאָל? וויא קענען מיר וואגען מאכען אזא טהייערע און געפעהרליכע רייזע, ווען מיר ווייסען ניט גענוי, וואו צו זוכען דיעזען אינזעל? ווייסט איהר דען ניט, ליעבער אָנקעל, אז ארום דעם נאָרד פאָל געפינען זיך מיליאָנען אינזלען?

— פון דעסטוועגען זוך, טראכט און קלעהר, פיליכט וועסט דוא דאָך אויס־געפינען, וואו דער פיערטער אינזעל געפינט זיך.

ניט־ווילענדיג האָט פראנסוא מיטגענומען דעם זאָנדערבארען דאָקומענט, ניט־ווילענדיג האָט ער אויסגעלעגט אויף זיין ארבייטס־טיש אלערליי לאַנד און מעער־קארטען, אלערליי אינסטרומענטען און א גרויסען גלאָבוס, אויף וועלכען עס איז געווען גענוי אויסגעשטעלט יעדער אינזעל אין רעליעף (בולט). אזעלכע גלאָבוסען קאָסטען זעהר טהייער, אָבער ווען איינער וויל גוט אויסשטודירען אונ־זער ערד, מוז ער האָבען אזא גלאָבוס.

פראנסוא אלס געלערענטער שיפסקאפיטאן פון לאנגע רייזען, האָט געהאט אזא גלאָבוס. ער איז געשטאנען אויף זיין ארבייטס־טיש און יעדעס מאָל, ווען ער האָט געדארפט מאכען א פלאן פון א לענגערער רייזע, פלעגט ער בע־טראכטען דעם וועג אויף דיעזען גלאָבוס.

איין מאָל איז ער געזעסען פערטראכט אין זיין צימער און האָט געקוקט אויף זיין גלאָבוס. פאר איהם אויף זיין טיש איז געלעגען דאָס אלטע געלע, אונטען פערמעקטע שטיקעל פארמעט, וועלכעס זיי האָבען געפונען אויף דעם אינזעל אין שפיצבערגען.

פראנסוא האָט געזוכט דעם אינזעל נומער פיער.

זשוליעט איז אריינגעקומען אין זיין צימער און האָט זיך געזעצט לעבען איהם. זיא האָט געזעהן, אז איהר מאן איז עפּעס שטארק פערטראכט, און זיא האָט געוואָלט איהם צערשטרייען.

— דערצעהל מיר עפּעס, מיין ליעבער מאן, פון אייער רייזע נאָך קיאמיל פאשא'ס מיליאָנען, האָט זיא געבעטען.

פראנסוא האָט גענומען דעם גלאָבוס און האָט אָנגעהויבען איהר צו וויי־זען, וויא אזוי זיי זיינען געפאָהרען און וואו זיי זיינען געפאָהרען. ער האָט איהר געוויזען, וויא אזוי זיי זיינען ארויסגעפאָהרען פון סען מאלאָ נאָך עגיפּטען; וויא זיי זיינען געפאָהרען איבער דאָס רויטע מעער ביז אדען און פון אדען ביז מאָסקאט; וויא זיי זיינען געפאָהרען מיט א קאראוואנע פון מאָסקאט נאָך סאהאר און דאָרט, אין דער בוכטע פון אָמאן, האָבען זיי געפונען דעם אינזעל נומער איינס.

— אזוי? דאָס איז געווען אייער אינזעל נומער איינס? האָט זשוליעט איבערגעפרעגט, וויא א נייגיעריג קינד.

— דאָס איז דער אינזעל נומער איינס, האָט פראנסוא ערקלערט, פון דאנען זיינען מיר ווייטער געפאָהרען מיט א שיף נאָך אלזשיר און נאָך טוניס, פון דאָרט זיינען מיר געפאָהרען נאָך דער בוכטע פון מאיומבא.

פראנסוא האָט איבערגעדרעהט דעם גלאָבוס און האָט איהר געוויזען דיא בוכטע פון מאיומבא, וואו זיי האָבען געפונען דעם צווייטען אינזעל מיט דיא צוויי דימאנטען.

— אלזאָ, דאָס איז אייער אינזעל נומער צוויי? האָט זשוליעט איבערגעפרעגט.

— יא, מיין ליעבע פרוי, האָט פראנסוא געענטפערט.

ער האָט וויעדער אויסגעדרעהט דעם גלאָבוס און האָט איהר געוויזען, וואו עס געפינט זיך דיא שטאָדט דענבאר אין שאָטלאנד און וויא זיי זיינען פון דאָרט געפאָהרען נאָך האמערפעסט און נאָך שפיצבערגען.

זשוליעט האָט בעטראכט דעם גלאָבוס, גלייך וויא זיא וואָלט פערשטאנען קאָסמאָגראפיע אָדער דיא וויסענשאפט, וויא אזוי דיא ערד געפינט זיך אין דער וועלט צווישען דיא אנדערע שטערען.

פראנסוא האָט ווייטער ערקלעהרט:

— איך קען אויף קיין פאל ניט פערשטעהן, פאר וואָס דיעזער זאָנדערבארער פאשא האָט אויסגעקליבען גראדע דיעזע דריי אינזלען.

— וויא איך זעה, זייט איהר געפאָהרען א קייַלעכדיגען וועג, וויא א ראָד אָדער וויא א צירקעל, האָט זשוליעט בעמערקט, דאָס מוז דאָך האָבען עפּעס א זין.

פראנסוא איז אויפגעשפרונגען, וויא א וואהנזיניגער, האָט ארומגענומען זיין פרוי און האָט אָנגעהויבען זיא צו קושען.

— גוטע, ליעבע זשוליעט, האָט ער אויסגערופען, דוא האָסט מיט דיין איינפאכען פערשטאנד מיר ענטדעקט א גרויסע געהיימניס. דוא קענסט זיך נאָך ניט פאָרשטעלען, וואָס דוא האָסט מיך יעצט געלערענט און וואָס דוא האָסט מיר ענטדעקט.

— וואָס איז דאָס? האָט זשוליעט געפרעגט.

פראנסוא האָט איהר ערקלערט:

— עס איז דאָ א געוויסע אקסיאָמע אָדער לעהרע אין דער געאָמעטריע, אז ווען מען מאכט א צירקעל אין א דריי־עק, אז דיא שפיצען זאָלען ארויסשטעקען, מוז דער מיטעלפונקט אָדער "פּאָל" וויא ער הייסט אויף פראנצויזיש, זיין גלייך ווייט פון אלע דריי־עקען.

— אלזאָ, האָט פראנסוא ווייטער פאָרטגעזעצט, דאָס מיינט קיאמיל פּא־

שא'ס דאָקומענט: "געאָמעטרישעס געזעץ" און "פאָל", יעצט ווייס איך שוין קלאָהר און דייטליך, וואו עס געפינט זיך דער אינזעל נומער פיער, און דאָס האָט מיר אויסגעזאָגט מיין ליעבע פרוי, מיין טהייערע זשוליעט.

אזעלכע זאכען קומען ווירקליך פאָר. זשוליעט, וועלכע האָט קיין מאָל ניט געלערענט קיין געאָמעטריע, האָט מיט איהר שארפען אויג און מיט איהר קלאָרען פערשטאנד בעססער דערזעהן, אז דיא דריי אינזלען בילדען א דריי־עק און דיא רייזע צו זיי בילדעט א צירקעל.

פראנסוא האָט באלד געשיקט רופען זיין פריינד טרעגאָמעין און האָט איהם דערצעהלט וויא אזוי זיין קלוגע געליעבטע פרוי האָט איהם ערקלערט דעם דאָ־קומענט פון קיאמיל פאשא.

— ביסט דוא זיכער, אז דאָס מאָל האָסט דוא ווירקליך געטראָפען? האָט טרעגאָמעין געפרעגט.

טרעגאָמעין האָט אויך זעהר וועניג פערשטאנען געאָמעטריע און דארום איז איהם געוועזען ניט גאנץ קלאָר, וויא אזוי מען מאכט א קרייז פון א דריי־עק און מען געפינט אויס זיין מיטעלפונקט אָדער "פאָל".

— איך בין אזוי זיכער, אזוי וויא איך בין זיכער, אז עס איז יעצט טאָג, האָט פראנסוא געענטפערט.

— ביסט דוא אָבער אויך זיכער, אז דאָרט געפינט זיך א אינזעל?

— אויף מיינע מעער־קארטען געפין איך דאָרט ניט קיין אינזעל, אָבער דאָס בעווייזט גאָר ניט. עס זיינען דאָ פיעלע קליינע אינזלען, שטיינער, וועלכע שטעקען ארויס פון מעער, וועלכע געפינען זיך ניט אויף דיא מעער־קארטען.

— וואו דארף זיך געפינען דיעזער אינזעל נומער פיער?

— אין מיטעללענדישען מעער, ניט ווייט פון דעם אינזעל סיציליען.

— דאן איז עס גאָר ניט ווייט פון סען מאלאָ?

— אין אכט טעג קענען מיר פאָהרען הין און צוריק.

— דאן לאָמיר פאָהרען! האָט טרעגאָמעין אויסגערופען.

— דיא פראגע איז, זאָל איך עס דערצעהלען דעם אָנקעל?

— געוויס! עס איז דאָך זיין געלד.

פראנסוא און טרעגאָמעין זיינען ארויפגעגאנגען צו זשאק דאָראן אין צימער און האָבען איהם דערצעהלט, וואָס זיי האָבען געוואוסט. זיי האָבען גערעכענט, אז זשאק דאָראן וועט אויפשפּרינגען און וועט אויסרופען: "לאָמיר פאָהרען! לאָמיר פאָהרען!" זשאק דאָראן איז אָבער דאָס מאָל געבליבען גאנץ רוהיג. דיא נאכריכט, אז פראנסוא האָט אויסגעפונען דעם אינזעל נו־מער פיער, האָט איהם ניט איבערראשט. ער האָט זיי גאָר ניט געענטפערט און האָט מעהר ניט געוואָלט רעדען פון זיינע 20 מיליאָן.

31טעם קאַפּיטעל.

וואו געפינען זיך די צוואַנציג מיליאָן?

עטליכע טעג זיינען פערגאַנגען, זייט פראַנסוא האָט אויסגעפונען און געזוכט אויסגערעכענט, וואו עס געפינט זיך דער אינזעל, אויף וועלכען קיאַמיל פּאשא האָט פערגראָבען זיינע מיליאָנען.

זשאַק דאָראַן איז געוואָרען לעבעדיגער, פרעהליכער, מונטערער. ער האָט זאָגאַר אָנגעהויבען ארויסצוגעהן שפּאַציערען און פלעגט יעדען טאָג געהן צו די דאָקס, אָבער ער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט אַ וואָרט איבער דעם אינזעל און איבער זיינע צוואַנציג מיליאָן.

וואָס זאָל עס הייסען? וואָס זאָל עס בעדייטען? וויא קומט עס, וואָס דערזעלבער זשאַק דאָראַן, וועלכער האָט ביז אהער געציטערט און געפלאַ־טערט, ווען ער פלעגט רעדען פון זיינע מיליאָנען, איז פּלוצלונג געוואָרען אַזוי רוהיג, אַזוי קאַלטבלוטיג און אַזוי גלייכגילטיג?

יעצט האָט שוין פראַנסוא בעקומען דאָס גאָלד־פיעבער; יעצט האָט ער שוין געברענט צו פאָהרען זוכען דיעזע מיליאָנען, אָבער ער האָט עס ניט געקענט טהאָן אָהן זיין אָנקעל, וועלכער איז דאָך געווען דער ריכטיגער, געזעצ־ליכער יורש פון דיעזע מיליאָנען.

פראַנסוא האָט איבערגערעדט מיט זיין שוויגער־מוטער נאַנאָן און האָט זיא געבעטען, זיא זאָל רעדען מיט איהר ברודער.

— מיין ליעבער זוהן, לאָז די מיליאָנען ליעגען, וואו זיי זיינען ער־געץ, האָט די שטילע און גוטע נאַנאָן געענטפערט, דו זעהסט דאָך, אַז מיר זיינען אַלע געווען אונגליקליך, ווען איהר האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך דיעזע מיליאָנען.

אויך זיין פרוי זשוליעט האָט געזאָגט צו איהם:

— וואָס דאַרפען מיר דיעזע מיליאָנען? קענען מיר דען ניט גליקליך זיין אָהן די מיליאָנען פון דעם פּאשא?

דאָס גאָלד־פיעבער איז אַ זאָנדערבאַרע קראַנקהייט. ווען מען בעקומט זיא, מוז מען זיא דורכמאַכען, דורכלעבען און דורכליידען.

פראַנסוא האָט זיא יעצט בעקומען און ער האָט געליטען פון איהר, שרעקליך געליטען.

ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט ענדליך דערמאָנט זיין אָנקעל און איהם געפרעגט:

— דענקסט איהר צו פאָהרען אויף דעם אינזעל?

— וואָס פאַר אַן אינזעל? האָט זשאַק דאָראַן געפרעגט.

— דער אינזעל נומער פיער.

— א אינזעל נומער פיער? וואָס איז דאָס פאר אן אינזעל?

עס איז געווען דייטליך, אז זשאק דאַראן איז שוין פאָלקאָמען אויסגע־היילט געוואָרען פון זיין קראנקהייט.

פראנסוא האָט אָבער יעצט אזוי שטארק געליטען פון דעם גאָלד־פיבער, אז ער האָט געבעטען טרעגאַמעין, זיין שוויגער־מוטער און זיין פרוי, זיי זאָלען זעהן איבעררייד'ען זיין אָנקעל, ער זאָל נאָך דאָס איינע מאָל פאָהרען זוכען די צוואנציג מיליאָן.

זשאק דאַראן האָט ענדליך נאָכגעגעבען.

— יא, אָנקעל, איך וויל מיך איבערצייגען, אויב דיעזע געשיכטע מיט די 20 מיליאָן איז דאָך וואהר, האָט פראנסוא געזאָגט.

— איך וועל דיר צוליעב טהאָן און וועל פאָהרען מיט דיר.

זשאק דאַראן איז געווען אן עהרליכער מאן. ער האָט ניט געוואָלט בע־שווינדלען די אנדערע יורשים פון קיאמיל פאשא. ער האָט געשריעבען בריעף צו זאמבוקאָ, דאָקטאָר טירקאָמעל און בן אָמאר, זיי זאָלען קומען נאָך סען מאלאָ און זאָלען צוזאמען מיט איהם פאָהרען זוכען די מיליאָנען.

זאָנדערבאר! קיינער האָט יעצט ניט געוואָלט קומען. יעדער האָט געענט־פערט: "ווען איהר וועט געפינען די מיליאָנען, שיקט אונז אָב אונזער טהייל".

אין דעצעמבער 1862 זיינען אָנגעקומען די אנטוואָרטען פון אלע דריי און פראנסוא האָט זיך ענטשלאָסען באלד ארויסצופאָהרען.

מען האָט באלד געפונען א קליינעם דאמפפער, וועלכען מען האָט אָבגעדונגען אויף צעהן טעג, מעהר האָט די רייזע ניט געדארפט דויערען.

אזוי וויא אין יענע געגענדען איז עס רעכט ווארים אין דעצעמבער און דאָס מיטעללענדישע מעער ווערט קיין מאָל ניט פערפראָרען און מען וויים דאָרט ניט פון קיין אייז, האָט מען בעשלאָסען, אז זשוליעט זאָל מיטפאָהרען און פראנסוא זאָל זיין דער שיפסקאפיטאן.

די רייזע איז געווען א גליקליכע, דאָס וועטער איז געווען שעהן און עס איז געווען א פערגניגען צו זיצען אויף'ן דעק.

פיער טעג שפּעטער איז מען געקומען אויף דעם אָרט, וואו עס האָט זיך געדארפט געפינען דער אינזעל מיט די מיליאָנען, אָבער מען האָט דאָרט קיין אינזעל ניט געפונען.

— וואָס זאָל דאָס הייסען? וואָס זאָל דאָס בעדייטען? האָט פראנסוא אויסגערופען איין מאָל נאָך דעם אנדערען.

צוויי טעג נאָכאנאנד איז מען ארומגעפאָהרען אויף דעם זעלבען אָרט, מען האָט געזוכט אין אלע זייטען, אָבער מען האָט גאָר ניט געפונען.

אויף'ן דריטען טאָג האָט מען בעגעגענט עטליכע איטאַליענישע פישער. פראנסוא האָט צוגערופען אן אלטען פישער און האָט איהם געפרעגט:

— פון וואנען ביסט דוא, אלטער מאן?

— איך בין פון דזשורדשענט, איז געוועזען דיא אנטוואָרט.

— פאָהרסט דוא אָפט כאפּען פיש אין דיעזער געגענד?

— זייט פיערציג יאָהר, האָט דער אלטער געענטפערט, ווען איך בין נאָך געווען א אינגעל פון פופצעהן יאָהר, פלעגט מיין פאָטער מיך מיטנעהמען אויף זיין פישער־באָאט. מיר פלעגען אמאָל דאָ כאפּען סארדעלען, היינט פאנגען מיר אנדערע פיש, ווייל דיא סארדעלען זיינען פערשוואונדען געוואָרען.

— ווייסט דוא ניט, אויב עס געפינט זיך ניט ערגעץ דאָ א גאנץ קליינער אינזעל?

דער אלטער מאן האָט געטראכט איינינע מינוטען, איידער ער האָט געענטפערט, ענדליך האָט ער געזאָגט:

— יא, אמאָל איז דאָ געוועזען אן אינזעל. איך קען זיך יעצט ניט דערמאָהנען, אויב עס איז געוועזען אין 1829 אָדער שפּעטער, איז גאָר פּלוצלונג אין איין נאכט ארויסגעשפּרונגען אן אינזעל, ריכטיגער נאָך, א שפּיץ פון א בארג, פון דעם מעער. איך בין עטליכע מאָל צוגעקומען צו דיעזען אינזעל. ער איז בעשטאנען פון נאקעטע שטיינער. קיין בוים, קיין בלאט און קיין גרעזעלע. וויא לאנג דיעזער אינזעל איז געשטאנען, געדענק איך ניט מעהר, איך ווייס נור, אז איין מאָל איז דיעזער אינזעל פערשוואונדען געוואָרען. אזוי וויא מען האָט ניט געוואוסט פון וואנען ער איז געקומען, אזוי האָט מען ניט געוואוסט, ווען און וויא אזוי ער איז פערשוואונדען געוואָרען.

— קענסט דוא מיר ווייזען, וואו דיעזער זאָנדערבארער אינזעל האָט זיך געפונען?

— געוויס, מיין העדר.

דער אלטער פישער האָט איהם צוגעפיהרט צו דעם אָרט, וואו דיעזער אינזעל איז אמאָל געשטאנען.

פראנסוא האָט גענומען זיין מעער־קארטע און האָט אויסגערעכענט. עס איז וואהר! עס איז ריכטיג! ער געפינט זיך יעצט פונקט אויף דעם אָרט, וואו קיאמיל פּאשא'ס אינזעל האָט זיך געפונען מיט איין און דרייסיג יאָהר צוריק. דיא צוואנציג מיליאָן זיינען פערגראָבען טיעף אין מעער אונטער זיין שיף.

ערשט יעצט האָט פראנסוא זיך דערמאָהנט, אז אין יענער געגענד אין מיטעללענדישען מעער ארבייטען נאָך היינט אויף געהיימע קרעפטען, וועלכע טרייבען ארויס פון דער ערד אינזלען, וויא א קינד, וועלכער מאכט שעהנע

בלאָזען פון זייפענוואסער. עס הויבט זיך אויף א שעהנע, גלענצענדע בלאָזע, וועלכע שטעהט איינינע אויגענבליקע, דאן פלאצט זיא און פערשווינדט.

ניט אומזיסט דערצעהלט מען פון א גרויסען לאנד, וועלכעס האָט געהייסען אטלאנטא און וועלכעס איז איינגעזונקען געוואָרען, פערשוואונדען געוואָרען.

מען דערצעהלט פון שטעדט און דערפער, וועלכע זיינען איינגעזונקען געוואָרען און אונטערגעגאנגען. דיא פישער פון סיציליען דערצעהלען, אז ניט ווייט פון זייער אינזעל איז אמאָל איינגעזונקען געוואָרען א גאנצע שטאָדט און יעצט, ווען זיי פאָהרען איבער דיעזער שטאָדט פארנאכט, הערען זיי נאָך, וויא דיא גלאָקען פון דיא קלויסטערס קלינגען און רופען צום געבעט.

אויב דאָס איז וואהר, קען מען יעצט ניט זאָגען, אָבער וואהר איז עס, אז אין יענער געגענד קומען אָפט ארויס אינזלען אין מעער, וועלכע שטעהען א געוויסע צייט, דאן פערשווינדען זיי; זיי ווערען איינגעזונקען.

פראנסוא איז געוועזען פערצווייפעלט. זיין פרוי איז געקומען צו איהם, האָט איהם ארומגענומען און האָט געזאָגט:

— בערוהיג דיך, ליעבער פראנסוא! צו וואָס דארפסט דוא דיא מיליאָנען פון דעם משוגע'נעם פאשא? מיר זיינען יונג און אונזער יוגענד איז ווערטה מיליאָנען.

— אהיים! אהיים! האָט קאָמאנדירט זשאק דאָראן.

— מען מוז בעצאָהלען דעם פישער פאר זיין מיה, האָט טרעגאָמעין בעמערקט.

זשאק דאָראן האָט געגעבען דעם אלטען פישער א גאָלד־שטיק.

ווען דער פישער האָט געזאָלט אראָבגעהן אויף זיין באָאט, האָט ער געזאָגט:

— מיינע קאמעראדען האָבען מיר דערצעהלט, און איך אליין האָב מיך איבערצייגט, אז זייט איינינע יאָהר האָט עס ווידער אָנגעהויבען צו קאָכען און צו רוישען אויף דעם אָרט, וואו דער אינזעל האָט זיך געפונען. דאָס איז א בעווייז, אז דיעזער אינזעל קען אמאָל ווידער ארויסקומען, וויא דאמאָלס אין 1829.

זשאק דאָראן האָט געשאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ און האָט בעמערקט:

— עס קען זיין, אז אמאָל, הונדערטער יאָהרען שפּעטער, וועט איינער געפינען אן אוצר — קיאמיל פאשא'ס מיליאָנען — איך גלויב אָבער ניט, ער זאָל זיין גליקליך מיט דיעזע מיליאָנען. ניט גאָלד און ניט דימאנטען מאכען א מענשען גליקליך, גליק איז אונזער געוויסען, אונזער צופריעדענהייט. גליק געפינט זיך אין אונזער הארצען.

ע נ ד ע.

— דער —

פערלאָרענער בן יחיד

אָדער

אַ ווינטער ביים נאָרד פּאָל

— פון —

זשול ווערן

איבערזעצט פון

א. טאנענבוים

NEW YORK

JEWISH PRESS PUBLISHING COMPANY

1912

פאָרוואָרט

וואונדערבארע פאנטאזיעס האָט געשאפען זשול ווערן אין זיינע צאָהלרייכע ווערק, אין וועלכע ער האָט צוזאמענגעפלאָכטען ראָמאנען מיט וויסענשאפטליכע אָבהאנדלונגען. זיין פאָרשטעלונגס־קראפט האָט ניט געוואוסט פון גרענעצען. דאָס אונמעגליכסטע איז ביי איהם געוואָרען מעגליך. אָבער דאָס וואונדערבארסטע וואָס זיין פאנטאזיע האָט געשאפען זיינען, אָהן צווייפעל, זיינע פאָראויסזאגונגען וועגען דעם מענשליכען פראָגרעס אויף׳ן געביט פון פאָרשונגען און ערפינדונגען.

נאָך לאנג פאר דער ערפינדונג פון דער אונטערוואסערדיגער שיף האָבען דיא העלדען פון זשול ווערן׳ס ווערק געמאכט רייזען אויף אונטערוואסערדיגע שיפען. נאָך לאנג פאר דעם וויא מען האָט זיך אויסגעלערענט צו ריכטען א לופט־שיף און צו וואגען זיך ארויסצולאָזען אין א לופט־באלון איבער דיא ימים, האָבען שוין זשול ווערן׳ס העלדען אלעס געקענט און געוואגט. און — דאָס מערקווירדיגסטע דערביי — ווען דיא ערפינדונגען, וועלכע זשול ווערן האָט פאָראויסגעזאָגט, זיינען פערווירקליכט געוואָרען, האָט זיך ארויסגעצייגט, אז דאָס איז געשעהן כמעט אויף אזא אופן וויא דאָס איז געשעהן אין זיינע ראָמאנען.

איינע פון זשול ווערן׳ס נביאות־פאנטאזיעס געפינט זיך אויך אין ״דעם פערלאָרענעם בן יחיד״, וועלכען מיר געבען דאָ ארויס אין אידיש. דיא רייזע צום נאָרד פאָל, וועלכע ווערט דאָ געשילדערט, איז כמעט א פאָראויסזאגונג וועגען דיא רייזען צום נאָרד און זיד־פאָל, וועלכע זיינען אונטערגענומען געוואָרען לאנג נאָכדעם וויא זשול ווערן׳ס ערצעהלונג איז ערשיענען.

דיא ערצעהלונג איז דעריבער אינטערעסאנט אין צוויי הינזיכטען: אי זיא צייגט זשול ווערן׳ס וואונדערבארען בליק אין דער צוקונפט, אי זיא בעקענט דעם לעזער מיט דעם סאָרט רייזען, וועלכע עס האָבען ניט לאנג צוריק, פאר אונזערע אויגען, דורכגעמאכט דיא גרויסע פאָרשער און ענטדעקער ביי זייער ענטדעקונג פריהער פון נאָרד־פאָל און שפּעטער פון זיד־פאָל.

1טעם קאפיטעל.

דיא שוואַרצע פאָהן

דער 12טער מאי ...18 איז געווען א בעזאָנדערס שעהנער טאָג אין דער פּאַרט שטאָדט דינקירק און אין דער געגענד ארום. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אז דיא זון איז אויפגעשטאַנען פריהער וויא געוועהנליך און האָט זיך גענומען גאַנץ ערנסט צו איהר טעגליכער ארבייט, צו בעלייכטען און צו ווארעמען מיט איהרע גאָלדענע שטראַהלען פעלד און וואלד, מענשען, וואָהנונגען און זאָגאר דאָס אייביג אונרוהיגע מעער.

דיא מענשען האָבען עס געפיהלט און זיינען אויך אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און זיינען געגאַנגען יעדער צו זיין בעשעפטיגונג. יעדער איז געווען מונ־טער, יעדער איז געווען פרעהליך, יעדער איז געגאַנגען צו זיין ארבייט מיט לוסט, מיט פערגניגען.

אויך דער אלטער גייסטליכער איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און איז גע־גאַנגען אין קירכע זאָגען דאָס מאָרגען געבעט. ער האָט אָבער קיין צייט געהאַט פיעל צו זאָגען און צו בעטען, ווייל קוים האָט ער געעפענט זיין געבעט בוך איז ארייגעלאָפען אין קירכע, וויא א שטורמווינד, דער אלטער זשאן בערטהאַ און האָט אויסגערופען:

— גוט מאָרגען, הערר פּאַסטאָר! מאַכט אלעס פערטיג!

דער אלטער גייסטליכער האָט איהם אָנגעקוקט מיט שטוינען און פער־וואונדערונג.

— וואָס מיינט איהר דערמיט, זשאן בערטהאַ? האָט ער געפרעגט.

— האָב איך אייך דען ניט געזאָגט מיט אייניגע צייט צוריק, אז מיין זוהן לואיס געהט הייראַטהען זיין פערוואַנדטע, ראָזא סאַנדראַ?

—איהר האָט עס מיר געזאָגט, האָט דער גייסטליכער געענטפערט, אָבער אייער זוהן לואיס איז דאָך גאָר ניט אין דער היים, ער איז דאָך אויפ'ן מעער, אלס דער שיפסקאַפּיטאַן פון אייער בריג "דיא שעהנע ראָזא".

— גאַנץ ריכטיג! האָט זשאן בערטהאַ אויסגערופען פרעהליך, אָבער היינט אום 5 אוהר אין דער פריה האָט מען מיר געמעלדעט פון דעם לייכט טהורם, אז מיין שיף "דיא שעהנע ראָזא" קומט אָן. דאָס וועטער איז שעהן,

מיין שיף איז שטארק געבויט און מיין זוהן איז א טיכטיגער שיפסקאפיטאן. ער דארף קומען צום דאק ניט שפעטער פון עלף אוהר. איך און מיין פאמיליע האָבען שוין לאנג בעשלאָסען, אז אין דעם טאָג, וואס מיין לואיס וועט צוריק־קומען פון זיין לאנגער רייזע, זאל ער הייראטהען זיין געליעבטע ראָזא.

— אלזאָ וואָס זאל איך פאָרבערייטען? האָט דער גייסטליכער געפרעגט.

— אלעס וואָס עס איז נויטהיג פאר א האָכצייט צערעמאָניע, אלע נויטהיגע דאָקומענטען, אָנצייגען און צערעמאָניע אנגעלעגענהייטען. פונקט האלב נאָך 12 אוהר וועל איך מיט דער כלה, מיט דעם חתן און מיט אלע מיינע גוטע פריינד קומען אין דיא קירכע און איהר וועט מאכען דיא האָכצייטס צערעמאָניע.

— איהר וועט דאָך געוויס מאכען א מאָהלצייט, האָט דער פאסטאָר בע־מערקט, וויא קענט איהר אלעס פאָרבערייטען אין איינינע שטונדען?

זשאן בערטהאָ האָט ארויסגעלאָזען א הויכען, ברייטען געלעכטער.

— זאָרגט אייך ניט, הערר פאסטאָר! האָט ער אויסגערופען, זשאן בערטהאָ וועט שוין געבען גענוג צו עסען און צו טרינקען אלע זיינע געסט און אויך אייך, הערר פאסטאָר. זשאן בערטהאָ ווייס שוין, וויא אזוי צו פייערען דיא האָכצייט פון זיין איינציגען זוהן. איך וועל געבען א מאָהלצייט, פון וועלכען דיא איינוואָהנער פון דינקירק וועלען האָבען א לאנגע צייט נאָכדעם צו זינגען און צו דערצעהלען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער ארויסגעלאָפען פון דער קירכע וויא א שטורמ־ווינד. ער האָט געוואוסט, אז דער גייסטליכער וועט שוין פאָרבערייטען אלעס פאר דער האָכצייט.

זשאן בערטהאָ איז אין זיינע יונגע יאָהרען געוועזען א מאטראָז. ער איז גע־פאָהרען אויף שיפען, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דעם פאנג פון וואלל־פיש אין דיא קאלטע וואסערן פון דעם אייז־מעער. ער איז געפאָהרען אויף שי־פען, וועלכע האָבען געפיהרט א האנדעל מיט געווירץ אויף דיא אינזלען לעבען אינדיען. ער איז ארומגעפאָהרען אויף אלע מעערען און אויף אלע וואסערן פון אונזער ערד־קוגעל, און אלס ניכטערער, שטילער, רוהיגער, עקאָנאָמיש־לעבענ־דער מאן, האָט ער געקארגט און געשפאָרט און זיך צונויפגעלעגט א קליינעם קאפיטאל, פאר וועלכען ער האָט זיך געקויפט א קליינע זעגעל שיף, א בריג, און האָט אָנגעהויבען צו מאכען געשעפטען אויף אייגענער רעכנונג. ער האָט געהאט גליק. ער האָט געמאכט גוטע געשעפטען און איז רייך געוואָרען. ער האָט געהייראטה א מעדכען פון זיין שטאָדט, וועלכע ער האָט געקענט פון קינדהייט אָן און ער איז געוועזען העכסט גליקליך, ווען זיין פרוי האָט איהם געשענקט א זוהן. דאָס איז געוועזען מיט 26 יאָהר צוריק.

זשאן בערטהאָ איז געוועזען העכסט גליקליך אין זיין פאמיליען לעבען און דאָך האָט ער ניט אויפגעגעבען זיינע רייזען אויף'ן מעער, ווייל יעדע רייזע

האָט איהם אריינגעבראכט פיעלע טויזענדער פראנק. אזוי וויא ער אליין איז געוועזן אונגעבילדעט און האָט נור פאקטיש זיך אויסגעלערענט, וויא אזוי צו פיהרען א שיף, האָט ער זיין זוהן לואיס געלאָזען לערנען און שטודירען אלעס, וואָס עס איז נויטהיג צו וויסען פאר א שיפסקאפּיטאן.

לואיס בערטהאָ איז געוועזן א גוטער, מונטערער, פעהיגער יונג, וועלכער האָט געלערענט פלייסיג און האָט אויסגעהאלטען רעכט גלענצענד זיין עקזאמען אלס שיפסקאפּיטאן צווייטער קלאסע. מעהר האָט אויך זשאן בערטהאָ ניט פערלאנגט. ער האָט מיטגענומען זיין זוהן אויף זיינע רייזען און האָט איהם געוויעזען, וואו מען קען מאכען גוטע געשעפטען.

ווען לואיס בערטהאָ איז אלט געוואָרען 20 יאָהר, האָט זיין פאָטער פערשטאנען, אז ער קען זיך אויף איהם פאָלשטענדיג פערלאָזען און אזוי וויא זשאן בערטהאָ האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, אז ער ווערט אלט און עס איז איהם שוין שווער צו מאכען לאנגע רייזען אויפ'ן מעער, האָט ער איבערגעגעבען אלע זיינע געשעפטען זיין איינציגען געליעבטען זוהן לואיס.

מיט פופצעהן יאָהר צוריק איז געשטאָרבען אן אָרימע אלמנה, א ווייטע פערוואנדטע פון זשאן בערטהאָ. פאר איהר טויט האָט זיא געשיקט רופען זשאן בערטהאָ און האָט איהם געבעטען מיט בלוטיגע טרעהרען אין דיא אויגען, ער זאָל רחמנות האָבען אויף איהר איינציג קינד, א מיידעלע פון 5 יאָהר מיט'ן נאָמען ראָזא. זשאן בערטהאָ האָט איהר צוגעזאָגט, אז ער וועט זאָרגען פאר דיעזען קינד און ער האָט עהרליך געהאלטען זיין וואָרט. ער האָט גענומען דאָס מיידעלע צו זיך און האָט זיא געהאלטען וויא אן אייגען קינד. לואיס איז געוועזן מיט 8 יאָהר עלטער פון ראָזא'ן, אָבער זיי זיינען אויפגעוואקסען צוזאַמען, האָבען פערבראכט זייערע קינדער יאָהרען צוזאמען און עס איז דארום קיין וואונדער, וואָס זיי האָבען זיך פערליעבט און האָבען אָבגערעדט צו הייראטהען. זשאן בערטהאָ און זיין זוהן האָבען גוט געוואוסט, אז ראָזא איז זעהר אָרים, אָבער פאָטער און זוהן האָבען געוואוסט, אז זיי זיינען רייך און זיי דארפען ניט דעם נדן פון א רייכער כלה.

שוין מיט א יאָהר צוריק האָט מען אָבגערעדט אין דער פאמיליע, אז דאָס יונגע פּאָאר זאָל הייראטהען. עס האָט זיך אָבער אריינגעמישט דער געלד־טייפעל און האָט געשטערט. זשאן בערטהאָ האָט בעקומען א קאָנטראקט פון דער רעגיערונג אויף טיק האָלץ פאר דער פראנצויזישער פלאָטע. אויסער דעם זיינען גראדע דאמאָלס געשטיגען אייניגע סאָרטען רויכווארג. ער האָט דארום איבערגערעדט מיט זיין זוהן לואיס, ער זאָל יעצט מאכען א לאנגע רייזע און זאָל אויפקויפען ביי דיא עסקימאָסען געוויסע טהייערע פעלצווערק. ווען ער וועט צוריקקומען, וועט ער הייראטהען זיין געליעבטע ראָזא און ער וועט שוין פיליכט מעהר גאָר ניט דארפען פאָהרען אויפ'ן מעער.

מען קען זיך יעצט לייכט ערקלערען, ווארום זשאן בערטהאָ איז געוועזן אזוי פרעהליך, ווען מען האָט איהם געמעלדעט, אז זיין שיף קומט צוריק, אז זיא וועט באלד אריינפאָהרען אין דעם פּאָרט פון דינקירק. עס קומט דאָך צוריק זיין איינציגער זוהן און ער ברייגגט געווים מיט זיך זאכען, וועלכע זיינען ווערטה פיעלע טויזענדער פראנק.

פון דער קירכע איז זשאן בערטהאָ געלאָפען צו זיך אהיים, אין זיין אייגען הויז, א גרויסע און שעהנע געביידע ניט ווייט פון דעם בעי אָדער דאק פון דינקירק. אין זיין הויז האָבען זיך שוין אלע גע׳רעש׳ט און געליארמט. מען האָט שוין געבראכט היהנער, געגז און ענטען פאר דעם האָכצייט־מאָהלצייט. מען האָט שוין אָנגעהויבען צו באקען און צו קאָכען, מען האָט שוין אָנגעהויבען זיך פּאָרצובערייטען אויף דיא האָכצייט.

— פלייסיג געארבייט! האָט אויסגערופען זשאן בערטהאָ, ווען ער איז אריינגעקומען אין שטוב. היינט איז פאר אונז א יום טוב, א טאָג פון פרייד און גליק.

— האָט איהר שוין געמעלדעט און איינגעלאדען אלע אונזערע גוטע פריינד? האָט ראָזא געפרעגט און איז רויט געוואָרען.

— איך האָב שוין געשיקט איינלאדען אלעמען, איז געוועזן דער אנטוואָרט.

— דעם גייסטליכען? אונזער נאָטאריוס? האָט ראָזא ווייטער געפרעגט.

— אלעמען! אלעמען! האָט בערטהאָ געשריען פון פרייד. ביסט דוא פערטיג מיט דיינע קליידער?

— איך האָב גענוג קליידער, ליעבער אָנקעל, האָט ראָזא געענטפערט, און ווען איך וועל עפּעס נאָך דארפען, וועלען מיר עס מאכען שפּעטער...

אין דיעזער מינוט האָט מען אָנגעקלאפּט אין טהיר.

— העריין! האָט געשריען דער אלטער זשאן בערטהאָ. היינט זיינען דיא טהירען פון מיין הויז אָפען פאר אלעמען.

עס איז אריינגעקומען אן אלטער מאן, א גוטער בעקאנטער פון דער פאַ־מיליע.

— גוט מאָרגען, זשאן!

— גוט מאָרגען, פראנסוא קלערבאָ!

— איך האָב פאר דיר גוטע נייעס, זשאן, האָט קלערבאָ געזאָגט. דיא רעגיערונג וויל ווידער אָבשליעסען א קאָנטראקט מיט דיא רהעדער (מענשען, וועלכע האָבען אייגענע שיפען) זיי זאָלען איהר פערשאפען טיקהאָלץ און אנדערע נויטהיגע מאטעריאלען, ווייל זיא וויל בויען 5 נייע גרויסע קריעגס שיפען.

— וואָס קימערט עס מיך? האָט זשאן בערטהאָ אויסגערופען, וואָס געהט מיך אָן דיא רעגיערונג? היינט איז ביי מיר א פייערטאָג, א פריידען־טאָג, און איך וויל גאָר ניט וויסען פון געשעפטען!

— ליעבער, גוטער, אלטער פריינד, האָט ראָזא געזאָגט מיט א פריינדליכען שמייכעל, היינט קומט צוריק מיין געליעבטער לואיס און מיר געהן פייערען אונזער האָכצייט, מיר קענען דארום ניט רענקען פון געשעפטען.

— אויב אזוי, בין איך צופריעדען.

— איהר וועט דאָך אָבער קומען צו דער האָכצייט? האָט זשאן בערטהאָ געפרעגט.

— גאנץ געוויס! אָבער דיא קאָנטראקטען מיט דער רעגיערונג?

— צום טייפעל דיא קאָנטראקטען! היינט איז מיין פריידען־טאָג!

דער אלטער קלערבאָ, אויך א געוועזענער מאטראָז, האָט געשוויגען.

— איהר וועט דאָך געהן מיט מיר צום דאק בעגריסען און אָבנעהמען מיין זוהן?

— גאנץ געוויס! ווען, רעכענט איהר, זאָל ער אָנקומען?

— פונקט עלף אוהר וועלען מיר ארויסגעהן פון מיין שטוב. איך האָב שוין בעשטעלט מוזיקאנטען. איך וויל בעגריסען מיין זוהן מיט מוזיק און מיט פרייד. דיא גאנצע שטאָדט זאָל זיך פרעהען מיט מיר.

פונקט עלף אוהר איז זשאן בערטהאָ, ראָזא און אלע זייערע גוטע פריינד און בעקאנטע, אויסגעפוצט און אָנגעטהאָן יום־טוב'דיג ארויסגעגאנגען צום דאק. א מוזיק קאפעלע איז געגאנגען פאָראויס און האָט געשפיעלט דיא מאר־סעליעזע און אנדערע עכט פראנצויזישע פאָלקס ליעדער. דיא גאנצע שטאָדט איז ארויסגעגאנגען צום דאק. אלע האָבען געקענט דעם יונגען, טיכטיגען שיפס־קאפיטאן לואיס בערטהאָ און אלע האָבען איהם געליעבט און געאכטעט פאר זיין פריינדליכקייט און פאר זיין גוטסקייט.

דאָס וועטער איז געווען גראָסארטיג שעהן. דאָס מעער איז געווען גלאַט, וויא א שפיעגעל, דיא לופט איז געווען ריין און מען האָט געקענט זעהן, וויא דיא שעהנע שיף מיט אלע זעגעל אויפגעצויגען איז צוגעקומען אימער נעהענטער און נעהענטער.

דאָס מעער לעבען דינקירק איז ניט זעהר טיעף און דארום ציהט זיך דער "מאָל", וויא מען רופט עס דאָרט, זעהר ווייט אין מעער. אם ענדע פון דעם לאנגען מאָל געפינט זיך א שטיבעלע, וואו עס זיצט זיך דער רעגיערונגס־אויפזעהער פון דעם פאָרט מיט שרייבער און טעלעגראפיסטען, וועלכע מעל־דען, ווענען מען דארף, ווען א שיף קומט אָן.

דיא "שעהנע ראָזא" — אזוי האָט לואיס בערטהאָ א נאָמען געגעבען זיין שיף אלס צייכען פון ליעבע צו זיין כלה — איז צוגעקומען נעהענטער און נעהענטער. אויף דעם ערשטען העכסטען זעגעלבוים האָט געוועהט אין דער לופט דיא דריי פארביגע פאָהן פון פראנקרייך.

— וואו איז אָבער אייער פּעהנדעל? אייער צייכען? פאַר וואָס זעהט מען עס ניט אויף דעם צווייטען זעגעל־בוים? האָט געפרעגט אן אלטער מאטראָז.

— איך וויים עס ניט, האָט זשאן בערטהאָ געענטפערט, איך וויים נור, אז מיין זוהן וויים, וואָס ער טהוט.

— גיט מיר אייער שפּאקטיוו! — האָט ראָזא געבעטען, איך וויל זיין דיא ערשטע צו זעהן מיין געליעבטען לואיס.

— רוהיג, מיידעלע! האָט זשאן בערטהאָ אויסגערופען, ער איז דאָך מיין זוהן!

— יא, ער איז אייער זוהן, ליעבער אָנקעל, אָבער איך בין זיין כלה. איך ליעב איהם! האָט ראָזא געזאָגט מיט טרעהרען אין דיא אויגען.

דיא שיף איז צוגעקומען נעהענטער און נעהענטער. מען האָט שוין געזעהן, וויא דיא מאטראָזען ציהען איין דיא זעגעל און דער דעק פון דעם שיף איז געוואָרען דייטליכער, ניט פערשטעלט.

— אָט איז דער ערשטער אָפיציער וואסעל! האָט אויסגערופען איינער פון דיא צושויער.

— און אָט איז דער ערשטער שטייערמאַן, פּענעלאָן! האָט אויסגערופען א צווייטער.

— וואו איז דאָס דער שיפסקאפּיטאַן? האָט געפרעגט א דריטער שטי־לערהייד.

אין דיעזער מינוט האָט מען אויפגעצויגען אויף דעם צווייטען זעגעלבוים א שווארצע פאָהן, א צייכען פון טרויער.

עס איז קוים מעגליך צו בעשרייבען, וואָס פאַר א שווערען, טיעפען איינ־דרוק דיא שווארצע פאָהן האָט געמאכט אויף אלע אנוועזענדע. בעשרייבען דיא געפיהלע פון זשאן בערטהאָ און פון דער כלה ראָזא איז קיין מענש ניט אים שטאנד. אָבער זאָגאר ווילד פרעמדע, זאָגאר גאנץ גלייכגילטיגע צושויער זיינען געוואָרען בלייך און געבליבען שטעהן וויא פערשטיינערט, ווען זיי האָבען דער־זעהען דיא שווארצע פאָהן, א צייכען פון טרויער און אונגליק.

לאנגזאם, טרויעריג, שטיל, נידערגעשלאָגען האָבען דיא מאטראָזען צוגע־פיהרט דיא "שעהנע ראָזא" צום דאק און האָבען ארויסגעוואָרפען א שטריק צו דיא דאק ארבייטער, זיי זאָלען בעפעסטיגען דיא שיף צום דאק.

וויא וואהנזיניגע האָבען זיך זשאן בערטהאָ און ראָזא א וואָרף געטהאָן צו דער שיף.

— מיין זוהן! וואו איז מיין זוהן? האָט געשריען זשאן בערטהאָ, וויא א וואהנזיניגער.

ראָזא איז ניט געווען אים שטאנד ארויסצורעדען א וואָרט. איהר האלז איז געווען וויא איינגעשנירט, וויא צונויפגעצויגען מיט א שטריק. זיא האָט

נור געקענט מאכען מיט דיא הענד, אָבער זיא איז ניט געווען אים שטאנד ארויס־צוזאָגען א ווארט.

— וואו איז מיין זוהן? האָט געשריען צום צווייטען מאָל זשאן בערטהאָ.

אנדרעע וואסעל, דער ערשטער אָפיציער, האָט איהם געוויעזען אויף דיא שווארצע פאָהן.

ראָזא האָט א געשריי געטהאָן און איז געפאלען אין אָהנמאכט.

2טעס קאפיטעל.

וויא אַזוי לואיס בערטהאָ איז פערשוואונדען

עס האָבען זיך באלד געפונען גוטהערציגע פרויען, וועלכע האָבען אויפגעהויבען דיא אָהנמעכטיגע ראָזא און האָבען געטהאָן אלעס, וואָס זיי האָבען געקענט אום זיא אָבצומינטערען. ווען זיי האָבען געזעהען, אז זיי קענען עס ניט טהאָן מיט דיא געוועהנליכע מיטעל, האָבען זיי געשיקט רופען א דאָקטאָר, וועלכער האָט געברויכט זיין גאנצעס קענען און וויסען אום אָבצומינטערען דיא אונגליקליכע ראָזא.

זשאן בערטהאָ איז אָבער געווען א מאן. ער האָט זיך געפיהלט זעהר אונגליקליך, אָבער ער האָט זיך געשטארקט. קוים האָט ער געזעהען, אז א דאָקטאָר בעהאנדעלט זיין ליעבעס קינד ראָזא, האָט ער זיך געווענדעט צו אנדרעע וואסעל און האָט איהם געפרעגט:

— וואָס איז געשעהן? וואו איז מיין זוהן?

אנדרעע וואסעל האָט אראָבגעפיהרט דעם אלטען מאן אין דער קאיוטע פון דעם שיפסקאפיטאן, האָט געעפענט דעם לאָגבוך אָדער דאָס טאגעבוך פון דער שיף און זשאן בערטהאָ האָט אָנגעהויבען צו לעזען:

"דעם 26טען אפריל האָבען מיר זיך געפונען ניט וויים פון דעם מאלסטראָם, דיא בעוואוסטע שרעקליך־געפעהרליכע געגענד אין מעער ניט וויים פון נאָרוועגיען, וואו דאָס מעער קאָכט אימער וויא אין א קעסעל. דאָס וואסער איז געווען זעהר שלעכט. א שרעקליכער נאָרדווינד האָט אויפגעהויבען דיא וועללען פון דעם מעער און האָט זיי געשליידערט וויא הויכע בערג אויף אונזער שיף. לואיס, דער שיפסקאפיטאן, איז געשטאנען ביים רעדעל און האָט געפיהרט דיא שיף מיט זיין פעסטער, מעכטיגער האנד.

"פלוצלונג האָבען מיר דערהערט נויט־סיגנאלען אויף א שיף, וועלכע האָט זיך געפונען ערגעץ ניט וויים פון אונז. זיא האָט אָבגעפייערט נויטה־ראקעטען און האָט געבעטען הילף. לואיס האָט מיך צוגערופען און האָט געזאָגט:

— מיר מוזען העלפען דער אונגליקליכער שיף. מיר קענען ניט שטעהן פון דערווייטענס און זעהן, וויא מענשען קומען אום פאר אונזערע אויגען.

— וואָס קענען מיר טהאָן? האָב איך געפרעגט, קענען מיר דען צוקו־מען צו דער אונגליקס־שיף? קענען מיר דען אראָבלאָזען אונזערע רעטונגס שיפלעך אין אזא ווילד־רוישענדען מעער?

— מיר מוזען! האָט לואיס אויסגערופען. מיר מוזען ריזיקירען אונזער לעבען אום צו רעטען דאָס לעבען פון מענשען, וועלכע געפינען זיך אין דער גרעסטער געפאהר.

„איך, דער שטייערמאן פענעלאָן און דער עלטסטער מאטראָז מיזאָן האָבען איהם ערקלעהרט, אז דאָס איז אונמעגליך, אז עס איז צוואר אונזער פפליכט צו העלפען אנדערע מענשען, ווען זיי געפינען זיך אין א נויט, אָבער מיר דארפען ניט, מיר טאָרען ניט זיך אריינוואַרפען אין מעער און געהן אויף א זיכערען טויט.

„אלעס אומזיסט! לואיס האָט אונז ניט געוואָלט הערען און ער האָט געהייסען אראָבלאָזען דאָס גרויסע רעטונגס־באָאט און ער אליין מיט דעם צווייטען אָפיציער קאָרטרוא און מיט דעם מאטראָז נוקעע האָבען זיך אריינגע־זעצט אין דעם באָאט און זיינען געפאָהרען רעטען דיא מאנשאפט פון דער אונגליקס־שיף.

„איך בין געבליעבען שטעהן ביים רעדעל און אלע אונזערע מאטראָזען האָ־בען געקוקט אויף דעם באָאט און געבעטען גאָט, ער זאָל זיי בעשיצען און רעטען. עס איז באלד פינסטער געוואָרען. דער הימעל איז געווען בעדעקט מיט שווערע, שווארצע וואָלקען. דיא נאכט איז אָנגעקומען פריהער וויא געוועהנליך און מיר האָבען מעהר ניט געקענט זעהן, וואו אונזער באָאט מיט אונזער שיפס־קאפיטאן זיינען אהינגעקומען.

„דער שטורם איז געוואָרען ערגער, ווילדער, שרעקליכער. דיא „שעהנע ראָזא" איז א שטארקע שיף און זיא האָט אויסגעהאלטען דעם שטורם, אָבער ווען עס איז טאָג געוואָרען, האָבען מיר קיין שפור ניט געפונען פון דער אונגליקס־שיף. פינף טעג נאָכדעם האָבען מיר געזוכט אין יענער געגענד. מיר זיינען ארומגעפאָהרען דעם מאלסטראָם פון אלע זייטען. מיר האָבען אויסגע־שאָסען און געגעבען סיגנאלען — אלעס אומזיסט! קיין שפור, קיין לעבענס צייכען פון דער אונגליקס־שיף און פון אונזער שיפסקאפיטאן.

„אויפ'ן זעכסטען טאָג האָב איך, אנדרעע וואסעל, צוזאמענגערופען אלע מאטראָזען און האָב זיך מיט זיי בעראטהען, וואָס מיר זאָלען טהאָן. מיר האָבען בעשלאָסען, אז איך זאָל איבערנעהמען דיא קאָמאנדע אויף דער שיף און זאָל זיא פיהרען אזוי שנעל, וויא נור מעגליך, אהיים, נאָך דינקירק."

זשאן בערטהאָ האָט אליין איבערגעלעזען דיעזען בעריכט אין דעם לאַנ־

בוך און ערשט יעצט האָט ער געקענט וויינען. ער האָט געוויינט, וויא א קליין קינד. ער האָט געוויינט פאר זיך און האָט געזאָגט צו זיך אליין:

— מיין געליעבטער זוהן איז אומגעקומען, ווען ער האָט געוואָלט רעטען מענשען לעבענס.

מיט דיעזע ווערטער האָט זיך דער אונגליקליכער פאָטער אויפגעהויבען און איז אוועקגעגאנגען אהיים.

באלד האָט זיך פערברייטעט דיעזע טרויעריגע נאכריכט אין דער גאנצער שטאָדט. אלע האָבען בעדויערט דעם אונגליקליכען פאָטער.

נאָך דיא געזעצע פון פראנקרייך, וויא אויך פון פיעלע ציוויליזירטע לענדער, האָט אנדרעע וואסעל געמוזט אריינברייננגען זיין רעפּאָרט צו דעם קאַפּיטאן פון דעם פּאָרט און ברענגען אלע זיינע מאטראָזען, זיי זאָלען שווערען, אז אלעס האָט פּאסירט, וויא ער האָט עס בעשריעבען אין זיין לאָג בוך. דאָס איז גאנץ איינפאך און גאנץ פערשטענדליך. עס קען דאָך פּאָרקומען א רעוואָלוציאָן אויף א שיף און דיא מאטראָזען זאָלען ערמאָרדען אָדער אריינוואַרפען אין וואַסער זייער שיפסקאפּיטאן.

אנדרעע וואסעל האָט געמוזט ברענגען אלע מעגליכע בעווייזע, אז דאָס האָט פּאסירט, וויא ער האָט עס אָנגעשריעבען אין זיין לאָג בוך. ער איז דאַרום געווען א גאנצען טאָג בעשעפטיגט און אבענדס איז ער געווען אזוי מיעד און אזוי צובראָכען, אז ער האָט זיך קוים פערשלעפּט אהיים, צו זיין פרוי און קינדער.

ער האָט זיך געלעגט שלאָפען גאנץ פריה און איז אויפגעשטאנען זעהר שפּעט. דאַן האָט ער געמוזט לויפען צום דאק און מאכען אלע פּאָרבערייטונגען, אז מען זאָל אויסלאדען דיא שיף.

ערשט פארנאכט האָט ער געקענט געהן צו זיין רהעדער און זיך מיט איהם בעראטהען, וואָס ער זאָל ווייטער טהאָן.

קוים איז ער אריינגעקומען צו זשאן בערטהאָ אין שטוב, האָט זשאן בערטהאָ אויסגערופען:

— זייט איהר זיכער, אז מיין זוהן איז אומגעקומען?

— איך האָב פערשריעבען דאָס, וואָס איך האָב געזעהען מיט מיינע אויגען.

— האָט איהר אויך גענוי דורכגעזוכט דאָס מעער אין יענער געגענד?

— הערר זשאן בערטהאָ! איך האָב געטהאָן אלעס, וואָס א מענש קען טהאָן, האָט אנדרעע וואסעל געענטפערט. פינף טעג נאָכאנאנד זיינען מיר אַרומגעפאָהרען און האָבען געזוכט א שפּור, א צייכען פון יענער אונגליקס־שיף און פון אונזער שיפס־קאפּיטאן און מיר האָבען, ליידער, גאָר ניט געפונען.

— הערר אנדרעע וואסעל, ווילט איהר ווייטער דיענען אלס אָפיציער אויף מיין שיף?

— געוויס, הערר בערטהאָ.

— דאן געהט און זאָגט אלע מאטראָזען, אז איך נעהם זיי ווידער אויף.

— און ווער וועט זיין דער שיפס-קאפּיטאן?

— איך אליין, הערר אנדרעע וואסעל.

— וואוהין ווילען מיר דען פאָהרען?

— זוכען מיין זוהן.

— איך צווייפעל אין דעם ערפאָלג.

— זאָלאנג איהר האָט ניט געפונען דעם טויטען קערפּער פון מיין זוהן, האָב איך ניט פערלאָרען דיא האָפנונג, אז ער לעבט נאָך און אז איך וועל איהם געפינען.

— איך קען קוים גלויבען, אז ער לעבט נאָך.

— זייט איהר זיכער, אז ער איז טויט? האָט זשאן בערטהאָ אויסגע-רופען.

— דאָס ניט.

— דאן געהט שנעל צו דער שיף, רופט צונויף אלע מאטראָזען, פרעגט זיי, אויב זיי ווילען ווייטער דיענען ביי מיר, און הייסט אויסלאדען דיא וואארען און זיי איבערגעבען הערען דוראנדא. מאָרגען אָדער איבערמאָרגען וועל איך אייך געבען מיינע ווייטערע בעפעהלע.

אנדרעע וואסעל האָט גוט געקענט דעם אלטען בערטהאָ. ער האָט גע-וואוסט, אז ער איז אן ענערגישער, ענטשלאָסענער מאן, וועלכער וועט געוויס אויספיהרען זיין פּלאן. ער איז דארום אוועקגעגאנגען אויספיהרען דיא בעפעהלע פון זשאן בערטהאָ.

ראָזא איז צוואר שוין געווען פאָלקאָמען געקומען צו זיך פון איהר היס-טערישען אָנפאל, אָבער זיא האָט נאָך אימער געוויינט און געקלאָגט. זיא איז געווען פעסט איבערצייגט, אז איהר היים-געליעבטער לואיס איז שוין לאנג טויט. קוים האָט דער אלטער בערטהאָ זיך ענטשלאָסען צו פאָהרען זוכען זיין זוהן, האָט ער געשיקט רופען זיין פערוואנדטע און האָט איהר דערצעהלט, וואָס עס האָט פּאסירט מיט איהר לואיס, וויא אזוי ער איז פערשוואונדען געוואָ-רען און אז ער גלויבט נאָך ניט, אז לואיס איז טויט. ער האָט פעסט בעשלאָ-סען צו פאָהרען איהם זוכען.

אויף דעם בלייבען, פערוויינטען געזיכט פון דער טרויעריגער ראָזא האָט זיך געוויזען א שטראהל פון האָפנונג און א קוים בעמערקבארער שמייכעל האָט זיך געקרייזעלט אויף איהרע בלייכע ליפּען. אָה, זיסע, ליעבע, גאָלדענע האָפנונג! דוא ביסט דיא העכסטע מאכט אין אונזער לעבען. זאָלאנג דער מענש

האָפּט, קען ער נאָך לעבען און זאָגאר ווען ער האַלט ביים שטארבען, פערליערט ער ניט דיא האָפנונג אויף א נייעם לעבען נאָך'ן טויט.

ווען דער אלטער בערטהאָ האָט געזעהען, אז ראָזא האָט זיך אביסעל בע־רוהיגט און איז מונטערער געוואָרען, האָט ער איהר ערקלעהרט זיין פּלאַן.

— דיא "שעהנע ראָזא" איז א שטארקע שיף, האָט ער געזאָגט, זיא האָט קיין שאדען געליטען אויף איהר לאנגער רייזע. איך וועל הייסען אויסלאדען דיא וואארען, וועלכע זיא האָט געבראכט, געגוי אונטערזוכען, אויב מען דארף נאָך עפּעס אויסבעסערען, זיא פערזאָרגען מיט פּראָוויאנט אויף א לאנגע רייזע און ווידער אויפנעהמען אלע מאטראָזען.

— און ווען זיי וועלען ניט וועלען פאָהרען? האָט ראָזא געפרעגט.

— וועל איך דינגען אנדערע! האָט זשאן בערטהאָ אויסגערופען. איך וועל זיי צאָהלען טהייערער, איך וועל זיי גיבען צוויי מאָל אזוי פיעל געהאלט.

— אויף אזא רייזע דארף מען אָבער האָבען ערפאהרענע מאטראָזען, אויף וועלכע מען קען זיך פערלאָזען, האָט ראָזא בעמערקט.

— איך גלויב, אז אלע מאטראָזען וועלען פאָהרען מיט מיר, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט. איך האָב שוין גערעדט מיט דעם ערשטען אָפיציער אנדרעע וואסעל און ער פאָהרט מיט מיר. איך גלויב ווייטער, אז אונזער צימערמאן מי־זאָן וועט אויך פאָהרען, פענעלאָן איז א גוטער, טיכטיגער שטייערמאן.

א שוואכע רויטקייט האָט זיך געוויזען אויף ראָזא'ס בלייכען געזיכט.

פענעלאָן איז געווען איהר גוטער אלטער בעקאנטער. ער האָט זיא געקענט פון קינדווייז אָן. ער האָט זיא געטראָגען אויף דיא הענד, ווען זיא איז געווען א קליין קינד. ער האָט זיא ליעב געהאט, וויא א פאָטער און יעדעס מאָל ווען ער פלעגט קומען פון א רייזע, פלעגט ער ברענגען עפּעס אן אנדענקען זיין ליעבער ראָזא. פענעלאָן איז אויך געווען א גוטער אלטער בעקאנטער פון זשאן בערטהאָ. ער איז נאָך ארומגעפאָהרען מיט איהם, ווען בערטהאָ האָט קאָמאנדירט א שיף. בערטהאָ האָט איהם שטענדיג בעהאנדעלט וויא א פריינד. אויף איהם האָט זיא זיך אלזאָ געקענט פערלאָזען. ער וועט געוויס מיטפאָהרען זוכען איהר געליעב־מען לואיס.

זשאן בערטהאָ איז געווען אן ענערגישער, טהעטיגער מאן. קוים האָט ער זיך ענטשלאָסען צו פאָהרען זוכען זיין זוהן, האָט ער ניט גערוהט און ניט גע־ראַסט. ער פלעגט שטענדיג שטעהן א גאנצען טאָג אויף'ן דאק און זעהן, אז מען זאָל אויסלאדען דיא וואארע פון זיין שיף אזוי שנעל וויא מעגליך. ער איז אויך געשטאנען א גאנצען טאָג אויף'ן דאק און האָט געזעהן, וויא מען ברענגט ארויף אויף זיין שיף פּראָוויאנט אויף דער רייזע: געזאלצענעס פלייש, געזאל־צענע און גערויכערטע פיש, צוויבאק, מעהל, טהעע, וויין, קאָניאק, טאבאק, לימענעס און אלעס וואָס מען קען דארפען און וואָס מען קען געברויכען אויף א

רייזע אין דיא קאַלטע געגענדען. ער האָט בעטראַכט יעדען אַרטיקעל און האָט געזעהן, אַז אַלעס זאָל זיין גוט, פריש און דויערהאַפט.

אין צייט פון 10 טעג איז אַלעס געווען פערטיג צו דער רייזע.

זשאַן בערטהאָ איז געווען אַן אַלטער ערפאַהרענער שיפס־קאַפּיטאַן. ער האָט גוט געוואוסט, אַז אויף אַ רייזע, וועלכער ער וויל מאַכען, מוז מען האָבען טיכטיגע מאַטראָזען, וועלכע זאָלען אַליין וועלען אויפזוכען זיין פערלאָרענעם זוהן. ער האָט דאַרום געבעטען אַלע מאַטראָזען, זיי זאָלען מיטפאָהרען מיט איהם און אויסער דעם האָט ער אויסגעזוכט נאָך דריי טיכטיגע מענער אויף דעם אָרט פון זיין זוהן און דיא צוויי מאַטראָזען, וועלכע זיינען פערפאַלען געוואָרען מיט איהם.

ער האָט בעשלאָסען, שוין דעם 25טען מאַי אַרויסצופאָהרען פון דינקירק. איין זאַך האָט איהם געוואונדערט: אַנדרעע וואַסעל, זיין ערשטער אָפיציער, האָט זיך דיא גאַנצע צייט ניט געוויזען פאַר איהם. דאָס איז אַן אַרט אונהעפ־ליכקייט פון איהם.

דעם 24טען מאַי, ווען אַלעס איז שוין געווען פערטיג צו דער רייזע, איז אַנדרעע וואַסעל געקומען צו זשאַן בערטהאָ אַהיים. זשאַן בערטהאָ איז אָבער גראַדע ניט געווען אין דער היים און דאָס דיענסט־מעדכען, וועלכע האָט גע־עפענט דיא טהיר, האָט געזאָגט צו איהם:

— הערר בערטהאָ וועט געוויס באַלד קומען, איהר קענט אויף איהם וואַרטען.

אַנדרעע וואַסעל איז געווען אַ היימישער אין זשאַן בערטהאָ'ס הויז און ער האָט זיך געמאַכט גאַנץ בעקוועם. צופעליגער ווייזע האָט ער זיך צוגע־שפּאַרט צו אַ וואַנט און האָט דערהערט צוויי אונבעקאַנטע שטימען. עס האָבען גערעדט ראָזא און פענעלאָן. עס איז געווען דייטליך, אַז זיי רעדען שוין אַ לענ־גערע צייט און ראָזא האָט זיך עפּעס איינגעשפּאַרט, פער'עקשנ'ט, וויא אַ פער־צערטעלטעס קינד.

— וויא אַלט איז מיין אָנקעל? האָט ראָזא געפרעגט.

זיא פלעגט רופען זשאַן בערטהאָ אָנקעל, אָבוואָהל ער איז געווען נור אַ וויטער פערוואַנדטער פון איהר.

— ער איז אַלט אַ יאָהר זעכציג, פיליייכט עפּעס מעהר, האָט פענעלאָן געענטפערט.

— דענקט איהר ניט, אַז עס איז געפעהרליך פאַר אַזאַ אַלטען מאַן צו מאַכען אַזאַ לאַנגע רייזע און נאָך אין גאַנץ קאַלטע געגענדען? האָט ראָזא געפרעגט.

— הערר בערטהאָ איז נאָך גאַנץ קרעפטיג. ער געהט נאָך גלייך און איך גלויב, אַז ער וואָלט נאָך געקענט בעשטעהן געגען צוויי פון דיא היינטיגע פערצערטעלטע און פערצוויגענע יונגע לייט, האָט פענעלאָן געענטפערט.

— ליעבער, גוטער פּענעלאָן! האָט ראָזא געזאָגט מיט א ווייבער, טרויע־ריגער שטימע. מען איז קרעפטיג, מען איז שטארק, ווען מען פיהלט דיא ליעבע. איבעריגענס, איך פערטרוי אויף גאָט און איך האָף, אז ער וועט מיר העלפען. איהר, מיין גוטער פּענעלאָן, פערשטעהט מיך און וועט מיר העלפען.

— ניין, ראָזא, ניין! דאָס איז אונמעגליך! פערגעסט ניט, וואוהין מיר פאָהרען. ווער וייס, וואָס עס קען פּאַרקומען אויף׳ן מעער. איך האָב שוין געזעהען פיעלע שטארקע, קרעפטיגע מענער, וועלכע זיינען ארויסגעפאָהרען מונ־טער, פרעהליך און פול מיט האָפנונגען און זיינען שוין מעהר ניט צוריקגעקו־מען. א שיף אויף׳ן מעער איז שטענדיג אין א געפאהר, בעזאָנדערס אויף אזא רייזע, וויא דיא וועלכע מיר ווילען יעצט אונטערנעהמען.

— איך האָב עס פון אייך ניט ערוואַרטעט, פּענעלאָן! האָט ראָזא אויסגע־רופען, איהר ווילט מיר ניט צוליעב טהאָן? איהר זאָגט מיר אָב מיין ביטע? דאן זייט איהר מעהר ניט מיין פריינד! דאן ליעבט איהר מיך ניט.

אנדרעע וואסעל האָט פערשטאנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער האָט פערשטאנען, וואָס ראָזא האָט געבעטען ביי פּענעלאָן און ווארום פּענעלאָן האָט איהר ענטזאָגט איהר ביטע.

— יעצט פאָהר איך מיט, האָט ער געזאָגט צו זיך אליין.

אין דיעזער מינוט איז זשאן בערטהאָ אריינגעקומען אין שטוב.

— הערר בערטהאָ, איך פאָהר מיט אייך, האָט אנדרעע וואסעל געזאָגט, איך בין ניט געקומען ביז אהער צו אייך, וויל איך האָב געדאַרפט פערזאָרגען אייניגע, פאר מיר זעהר וויכטיגע געשעפטען. איך האָב זאָגאר מורא געהאַט, אז איך וועל ניט קענען פאָהרען מיט אייך. יעצט אָבער בין איך פערטיג און איך פאָהר מיט אייך.

— איך האָב גאָר ניט געצווייפעלט, אז איהר וועט פאָהרען מיט מיר, איהר, גוטער, אלטער פריינד! גיט מיר אייער האנד.

ביידע מענער האָבען זיך געדריקט דיא הענד פריינדליך, ברידערליך.

— ראָזא! פּענעלאָן! האָט דער אלטער בערטהאָ גערופען.

ראָזא און פּענעלאָן זיינען ביידע אריינגעקומען אין צימער.

— מאָרגען אום 12 אוהר פאָהרען מיר ארויס, האָט דער אלטער געזאָגט, עס טהוט מיר הערצליך לייד, וואָס איך מוז דיך לאָזען אליין, מיין טהייערע ראָזא.

ראָזא האָט אָנגעהויבען צו וויינען און האָט ארומגענומען איהר אָנקעל.

— אך, דוא גוטער, ליעבער אָנקעל! האָט זיא געשטאַמעלט.

— וויין ניט, ראָזא! גאָט וועט אונז העלפען, איך וועל דיר צוריקבריינ־גען דיין געליעבטען לואיס.

— יא, ראָזא, מיר װעלען געפינען אונזער לואיס, האָט פּלוצלונג געזאָגט אנדרעע װאסעל.

— איהר פאָהרט אויך מיט אונז? האָט פענעלאָן געפרעגט אביסעל פער־װאונדערט.

— געװיס פאָהרט אנדרעע מיט אונז, האָט דער אלטער זשאן בערטהאָ געזאָגט.

— א—ז—ו—י? האָט פענעלאָן אויסגעצױגען יעדען בוכשטאב, אזוי?...

— אנדרעע איז א טיכטיגער שטייערמאַן, האָט דער אלטער בערטהאָ געזאָגט, ער װעט אונז פיעל נוצען אויף אונזער רייזע.

— איהר אליין, הערר בערטהאָ, זייט אן אלטער, ערפאהרענער און פעהיגער שיפס־קאפּיטאן, איהר דארפט קיינעם ניט. איהר װייסט, װיא צו פיהרען א שיף בעסער פון אונז אלע.

עס איז געװען דייטליך, אז אנדרעע װאסעל מאכט קאָמפּלימענטען און דאָס האָט דער אלטער בערטהאָ גאָר ניט ליעב געהאט.

— געהט אהיים, אנדרעע װאסעל, געהט אהיים פענעלאָן, רוהט אייך אויס און מאָרגען גאנץ פריה געהט אויף'ן שיף און זעהט, אז אלעס זאָל זיין אין אָרד־נונג. פונקט 12 אוהר פאָהרען מיר ארויס.

אנדרעע װאסעל און פענעלאָן זיינען ארויסגעגאנגען. דיא אָרימע ראָזא האָט זיך װיעדער צואװיינט. דער אלטער מאן האָט געזוכט זיא צו טרייסטען װיא ער האָט געקענט. ענדליך האָט ער זיא ארומגענומען, א קוש געטהאָן איןביידע באקען און געזאָגט:

— זיי געזונד, מיין ליעבעס קינד, איך װעל מאָרגען קיין צייט ניט האָבען דיך צו זעהן. איך װיל ניט, אז דוא זאָלסט צוקומען צום דאק נעהמען אבשיעד פון מיר, דוא האָסט שוין צופיעל געװיינט אין דיא לעצטע עטליכע טעג. זיי געזונד און פרעהליך און פערליער ניט דיא האָפנונג!

מיט דיעזע װערטער האָט ער זיא ארייגעפיהרט אין איהר צימער. ער איז געבליעבען אליין. ער האָט געהאט איינינע זאכען צו פערזאָרגען. ער איז ניט געשלאָפען א גאנצע נאכט, אָבער אויך ראָזא איז ניט געשלאָפען.

דעם אנדערען טאָג, דעם 25טען מאי, זיינען אלע גוטע פריינד און בעקאנטע ארויסגעגאנגען אויף'ן דאק נעהמען אבשיעד פון דעם אלטען בערטהאָ, פון זיי־נע אָפיציערען און פון זיינע מאטראָזען. מען האָט זיך געדריקט דיא הענד, מען האָט געװינשט פיעל גליק דיא רייזענדע.

אויף דער שעהנער שיף האָט מען אויפגעצױגען אלע זעגעל און מען איז אויעקגעפאָהרען. — װאוהין?

3טעס קאפיטעל.

אַ שטראַהל פון האָפנונג

וואוהין איז דיא "שעהנע ראָזא" געפאָהרען? דאָס מעער איז גרויס. אויסזוכען אַ מענשען אויף דיא מיליאָנען אינזלען אין מעער איז פיעל שווערער, וויא אויסזוכען אַ נאָדעל אין אַ וואָגען היי. וואוהין אלזאָ איז דער אַלטער זשאן בערטהאָ געפאָהרען?

זשאן בערטהאָ איז געווען אַן אלטער, ערפאהרענער און טיכטיגער שיפסקאפיטאן. ער האַט בערייזט אַלע מעערען און האָט געקענט אַלע אינזלען. זיין פּלאַן איז געווען גאַנץ איינפאַך. דער ערשטער אָפיציער פון דער "שעהנער ראָזא", אנדרעע וואסעל, האָט איהם דערצעהלט, אַז זיין זוהן לואיס איז אראָבגעגאַנגען פון זיין שיף רעטען דיא מאַטראָזען פון אַן אונגליקס שיף ניט וויט פון דעם מאַלסטראָם.

וואָס איז דען דער מאַלסטראָם? — ניט וויט פון נאָרוועגיען, צווישען דיא לאָפּאָטען אינזלען, געפינט זיך אַן אָרט אין מעער, וואו דאָס וואסער דרעהט זיך, קאָכט און רוישט, וויא אין אַ קעסעל. אויף דער נאָרוועגישער שפּראַך הייסט דיעזע קעסעל־גרוב מאָל אָדער מאַלסטראָם, אַ שטראָם, וועלכער מאָהלט און רוישט, וויא אַ מיהל. דער מאַלסטראָם איז איינע פון דיא גרעסטע וואונדער אין דער נאַטור. ווען דאָס וועטער איז שעהן און דאָס מעער איז רוהיג, קען אַ שיף צוקומען גאָר ניט וויט פון איהם און דיא מענשען אויף'ן שיף קענען בעטראַכטען דיעזעס גרויסע וואונדער. מען זעהט, וויא אַ גרויסער שטראָם, אַ גרויסער טייך וואסער פאַלט אריין אין אַן אָבגרונד און דאָס וואסער דרעהט זיך און רוישט, וויא דאָס זידענדע וואסער אין אַ קעסעל. איז אָבער דאָס מעער אונרוהיג, הויבט זיך אויף אַ שטורם פון נאָרדען, ווערט דאָס גאַנצע מעער ארום אויפגעקאָכט און וועה איז דער שיף, וועלכע קומט צו נאָהענט צום מאַלסטראָם. ער שלעפּט אריין דיא שטאַרקסטע שיף אין אַ טיעפסטען אָבגרונד און צוברעכט זיא אויף שטיקלעך, אויף שפּענדלעך. דער שטאַרקסטער זעגעלבוים ווערט צובראָכען, צושלאָגען און צוריסען אויף שטיקלעך. מאַטראָזען און שיפסקאפּיטענע ווייסען גאַנץ גוט, וואו דער מאַלסטראָם געפינט זיך און זיי מיידען איהם אויס, ווען דאָס וועטער איז שלעכט.

זשאן בערטהאָ האָט דארום אזוי אויסגערעכענט. ער איז ארויסגעפאָהרען אין מאַי. אין יוני און יולי איז געוועהנליך דאָס וועטער זעהר שעהן אין יענע געגענדען. ער וועט אַלזאָ צופאָהרען צו דיא לאָפּאָטען אינזלען און וועט דאָרט זוכען זיין זוהן. עס קען דאָך מעגליך זיין, אַז זיין זוהן האָט זיך גערעטעט אויף

איינעם פון יענע קליינע אינזלען און ער האָט ניט דיא מעגליכקייט צו קומען אהיים, ווייל עס איז ביז אהער קיין גרויסע שיף ניט פארבייגעפאָהרען. ווען ער האָט עס ערקלעהרט זיין ערשטען אָפיציער אנדרעע וואסעל, האָט וואסעל געזאָגט:

— איך דענק, אז מיר זאָלען פאָהרען גלייך נאָך איסלאנד, ווייל ווען לואיס האָט זיך געראַטעט, האָט דער ווינד געוויס איהם פערוואָרפען וויים, ווייט נאָך נאָרדען, אויף דעם גרויסען אינזעל איסלאנד.

— ניין! האָט פענעלאָן אויסגערופען, ווען עס האָט פאסירט דאָס אונגליק, האָט דער ווינט געוועהט פון וועסט און ער האָט פערוואָרפען דאָס באָאט, אויף וועלכען לואיס האָט זיך געפונען, צום ברעג פון נאָרוועגיען, דאָס הייסט, צו דיא לאָפאָטען אינזלען.

זשאן בערטהאָ איז דארום געבליבען ביי זיין ערשטער מיינונג, ער זאָל פאָהרען צו דיא לאָפאָטען אינזלען און בעזאָנדערס צו דעם אינזעל באָדאָע, וועלכער איז בעוואוינט פון נאָרוועגישע פישער, פיללייכט וועט ער פון זיי עפּעס געוואָהר ווערען. דער מאלסטראָם קען צוברעכען א שיף, אָבער ער שלינגט זיא ניט איין, ער ווארפט ארויס ברעטלאך, שטיקער זעגעלבוים, פעסער און אויך דיא דערטרונקענע מענשען. פיללייכט וויסען עפּעס דערפון דיא פישער פון באָדאָע.

אהין איז יעצט געפאָהרען דיא "שעהנע ראָזא".

דאָס וועטער איז געוועזען שעהן און אנגענעהם. א לייכטער ווינט האָט גע־וועהט און זשאן בערטהאָ האָט געהייסען אויפציעהען אלע זעגעל אויף זיין שיף. דעם גאנצען טאָג האָט גאָר נישט פאסירט און זשאן בערטהאָ האָט ניט גע־האַט וואָס צו טהאָן אויף׳ן דעק.

דיא נאכט איז געוועזען שטיל און ווארעם. יעדער פון דיא מאטראָזען האָט געטהאָן וואָס ער האָט געדארפט. אנדרעע וואסעל און פענעלאָן זיינען גע־שטאנען ביים רעדעל און האָבען איבערגעביטען איינער דעם אנדערן דיא האנד.

דעם אנדערען טאָג אין דער פריה איז זשאן בערטהאָ ארויפגעקומען אויפ׳ן דעק, האָט זיך צוגעקוקט צום קאָמפּאס, איז צוגעגאנגען צום שטייער־ראָד און האָט געזעהען, אויב זיין שיף געהט ריכטיג, וואוהין ער וויל פאָהרען, און ווען ער האָט געפונען אלעס אין אָרדנונג, איז ער צוריק געגאנגען אין זיין קאיוטע, האָט ארויסגענומען א גרויסע מעער קארטע און האָט אָנגעהויבען זיא צו שטודירען.

ער איז געוועזען אזוי פערטיעפט אין זיין מעער קארטע, אז ער האָט ניט גע־הערט און האָט ניט געזעהען, ווער עס איז אריינגעקומען.

פלוצלונג האָט ער דערפיהלט, וויא א קליינע, צארטע האנד האָט זיך ארויפ־געלעגט אויף זיין פלייצע און א בעקאנטע שטימע האָט געזאָגט:

— גוט מאָרגען, ליעבער אָנקעל!

זשאן בערטהאַ האָט א ציטער געטהאָן און האָט אויסגערופען מיט שטוי־נען און פערוואונדערונג:

— ראָזא? דוא ביסט עס? וויא קומסט דוא אהער?

— ווען דער פאָטער פאָהרט זוכען זיין זוהן, מעג דאָך דיא פרוי פאָהרען זוכען איהר געליעבטען מאַן.

— וואָס רעדסט דוא? ווייסט דוא, וואָס פאר א שווערע און פיליכט אויך געפעהרליכע רייזע מיר מאכען? וויא וועסט דוא קענען אויסהאלטען אלע שוויריגקייטען און אלע ענטבעהרונגען פון אזא רייזע? דוא וועסט דאָך אונז שטערען!

— ניין, ליעבער אָנקעל! איך בין שטארק. איך קען אלעס איבערטראָגען.

— אונגליקליכעס מעדכען! קוק זיך צו צו דער מעער קארטע, זעה, וואו־הין מיר פאָהרען. מיר ווען קומען אין געגענדען, וואו עס ציטערט דיא הויט אויף אלטע, ערפאהרענע מאטראָזען, וועלכע זיינען געוואוינט צו דיא געפאה־רען פון א רייזע אין דיא קאלטע געגענדען, דוא אָבער... דוא, ביסט דאָך נור א שוואכעס מעדכען.

— גוטער, ליעבער אָנקעל, ווייסט דוא ניט, אז מיין פאָטער איז אויך געווען א מאטראָז? איך קום ארויס פון א פאמיליע, וועלכע איז געוואוינט צו דיא געפאהרען פון מעער און איך האָב אויך קיין מורא פאר א געפאהר. איך בין ביי דיר און ביי מיין פריינד פענעלאָן.

— פענעלאָן? האָט זשאן בערטהאַ אויסגערופען, ער האָט עס דיך ארויפ־גענומען אויף דער שיף? ער האָט עס דיך נעכטען א גאנצען טאָג בעהאלטען?

— ער האָט ניט געוואָלט מיך מיטנעהמען, איך האָב איהם אָבער געזאָגט, אז ווען ער וועט עס ניט טהאָן, וועל איך מיך ארויפ'גנב'ענען אויף דער שיף און וועל מיך בעהאלטען צווישען דיא פעסער מיט פראָוויאנט.

זשאן בערטהאַ האָט האסטיג אויפגעריסען דיא טהיר און האָט א געשריי געטהאָן:

— פענעלאָן!

א מינוט שפעטער איז פענעלאָן אריינגעקומען אין דער קאיוטע און איז געבליעבען שטעהן ביי דער טהיר, דעם קאָפּ אראָבגעלאָזען, וויא א פעראור־טהיילטער פערברעכער.

— דוא האָסט שלעכט געטהאָן, פענעלאָן, האָט זשאן בערטהאַ געזאָגט שטרענג. עס איז אָבער שוין פערפאלען. ראָזא זאָל בלייבען אויף דער שיף און מיטפאָהרען מיט אונז, אָבער איך שטעל זיא אונטער דיין שוץ. דוא ביסט פער־אנטוואָרטליך פאר איהר זיכערהייט און פאר איהר לעבען. געדענק עס, פע־נעלאָן!

— זייט רוהיג, קאפּיטאן! איך וועל אכטונג געבען אויף אונזער ראָזא. זיא האָט מוטה, זיא איז שטארק. איך פערטרוי אויף גאָט און זאָג, אז אלעס וועט אויסקומען צום בעסטען. גאָט האָט אזוי געפיהרט, אז ראָזא זאָל פאָהרען מיט אונז.

זשאן בערטהאָ האָט באלד געהייסען זיינע מאטראָזען מאכען א קליינע קאיוטע לעבען זיינער פאר זיין געליעבטען קינד. אין א פּאָר שטונדען ארום איז דיא קאיוטע פערטיג געוואָרען און ראָזא האָט בעקומען אן אייגענעם, קליינעם שלאָפצימער.

דאָס וועטער האָט אָנגעהאלטען און דיא שטארקע שיף האָט דורכגעשניטען דיא וועללען פון מעער און איז געגאנגען איהר וועג.

אכט טעג שפּעטער איז דיא "שעהנע ראָזא" צוגעקומען צו דעם אינזעל באָדאָע און האָט זיך פעראנקערט. זשאן בערטהאָ, ראָזא און צוויי מאטראָזען זיינען ארויסגעגאנגען אויף דעם אינזעל און האָבען אָנגעהויבען צו פרעגען ביי דיא פישער, אויב דאָס מעער האָט ארויסגעוואָרפען אויף זייער אינזעל אין מאָנאט אפּריל ברעטער פון א שיף, קלעצער, טויטע מענשען אָדער אנדערע שפּורען פון אן אונטערגעגאנגענער שיף.

אָבער אלעס אומזיסט! קיינער האָט ניט געזעהען קיין חורבות פון א שיף, קיינער האָט ניט געפונען ביים ברעג שפּורען פון אן אונטערגעגאנגענער שיף. די עלטסטע מענער פון דעם אינזעל האָבען איהם געזאָגט, אז זיי האָבען גאָר ניט געהערט, אז ניט ווייט פון זייער אינזעל האָט זיך א שיף געפונען אין נויט דעם 26טען אָדער 27טען אפּריל. זיי זיינען שטענדיג ביים ברעג, ווען עס ברעכט אויס א שטורם און ווען זיי דערזעהן א סיגנאל, אז א שיף איז אין א געפאהר, פאָהרען זיי רעטען, וואָס זיי קענען רעטען.

זשאן בערטהאָ איז צוריק געקומען אויף זיין שיף מיט א צובראָכענעם הארצען.

ער האָט דאן געהייסען פאָהרען צו דיא אנדערע לאָפאָטען אינזלען, איז געבליבען שטעהן לעבען יעדען אינזעל און אויסגעפרעגט דיא איינוואוינער, אויב זיי האָבען ניט געפונען א שפּור, א צייכען פון אן אונטערגעגאנגענער שיף. אלעס אומזיסט! קיינער האָט ניט געזעהען און קיינער האָט ניט געהערט פון אן אונטערגעגאנגענער שיף.

זשאן בערטהאָ האָט דאן געהייסען פאָהרען צו דיא פּארער אינזלען, א גרעסערע גרופּע אינזלען, וואו עס געפינט זיך א נאָרוועגישער גובערנאטאָר און א קאפּיטאן פון דעם פּאָרט.

דען 30טען יוני איז דיא "שעהנע ראָזא" אָנגעקומען אין דעם פּאָרט פון פּארער און בערטהאָ האָט זיך באלד געווענדעט צום קאפּיטאן פון דעם פּאָרט און איהם דערצעהלט זיין טרויעריגע געשיכטע.

— מיט צוויי טעג צוריק האָט דאָס מעער ארויסגעוואָרפען א פערקאָרקטע פלאַש, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען א צעטעלע, האָט דער קאפּיטאן פון דעם פאָרט דערצעהלט.

— וואו איז דאָס צעטעלע?

דער קאַפּיטאן האָט אויפגעשלאָסען זיין שרייב טיש און האָט דערלאַנגט זשאן בערטהאָ דאָס צעטעלע.

זשאן בערטהאָ האָט געלעזען:

"דעם 26טען אפּריל. — דאָס גרויסע באָאט פון דער "שעהנער ראָזא" האָט אונז געבראַכט אויף דיא "פראַן". — שטורם שרעקליך — טרייבט אונז צום נאָרד פאָל. — גאָט זאָל זיך אויף אונז דערבאַרעמען!"

זשאן בערטהאָ האָט אויפגעהויבען דיא הענד צום הימעל און האָט אויסגערופען:

— גאָט זיי דאַנק! א שטראַהל פון האָפנונג!

זייט ער איז געוואָהר געוואָרען, אז זיין זוהן איז פערפאַלען געוואָרען, האָט ער געלעזען אַלע צייטונגען, אין וועלכע עס געפינען זיך נאַכריכטען איבער שיפען. ער האָט געוואוסט, אז דיא "פראַן" איז א נאָרוועגישע שיף, און מען האָט פון איהר שוין מעהר אַלס דריי מאָנאַטען קיין נאַכריכט ניט ערהאַלטען. איז זיא אונטערגעגאַנגען? — קיינער וויים עס ניט. דאָס איז דיא ערשטע נאַכריכט, וועלכע מען האָט פון איהר ערהאַלטען. דאָס גרויסע באָאט פון זיין "שעהנע ראָזא" איז זיך צוזאַמענגעקומען מיט דיא "פראַן" — וואו? וויים מען ניט.

— האָט איהר עס געמעלדעט דיא אייגענטהימער פון דער "פראַן"? האָט ער געפרעגט דעם קאַפּיטאַן פון דעם פאָרט.

— דאָס איז אונזער פפליכט, איז געווען דיא אַנטוואָרט.

זשאן בערטהאָ האָט זיך ענטשלאָסען.

ווען דאָס גרויסע באָאט פון דער "שעהנער ראָזא" האָט געבראַכט מענשען אויף דיא "פראַן", איז זיין זוהן געווים אויך אויף דער "פראַן". ער מוז אַלזאָ פאָהרען וויטער איהם זוכען. אויף אַן אונגעוויסע צייט, אָהן א בעשטימטען מאַרשרוט צו מאַכען א רייזע צום נאָרד פאָל, דאַרף מען זיך גוט פאָרבערייטען. מען מוז האָבען וואַרימע קליידער, וואָלענע דעקען און פיעלע אַנדערע זאַכען, וועלכע זיינען נויטהיג אויף אזא רייזע. פיליכט וועט מען מוזען ערגעץ איבערווינטערן אין אייז אָדער אויף אַן אינזעל אַרום נאָרד פאָל.

ער האָט געשיקט רופען זיין שטייערמאַן פענעלאָן, וועלכער האָט שוין געמאַכט אייניגע רייזען אין דיא קאַלטע געגענדען. ער האָט גדיענט עטליכע

יאָהר אלס מאטראָז אויף וואל־פיש פאנגער, און ער האָט גוט געוואוסט, וואָס מען דארף האָבען אויף אזא רייזע.

— פענעלאָן, מיר פאָהרען צום נאָרד פאָל, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט.

— וואוהין איהר ווילט, קאפּיטאן!

— דאן געהט און קויפט איין אלע נויטהיגע זאכען פאר אזא רייזע, האָט בערטהאָ ווייטער געזאָגט. קימערט אייך ניט וועגען געלד. זאָל קאָסטען, וויפיעל עס איז, אבי מיינע מאטראָזען זאָלען ניט דארפען זיך בעקלאָגען, אז עס פעהלט זיי עפּעס.

אויף דער שיף "דיא שעהנע ראָזא" האָט זיך באלד אָנגעהויבען א נייע לע־בען, א בעזאָנדערע טהעטיגקייט. אויף דיא אינזלען פארער איז אין יענער צייט פון דעם יאָהר, אין יוני און יולי, דער טאָג זעהר לאנג. 20 שטונדען נאָכ־אנאנד זעהט מען דיא זון אויף'ן הימעל. דער טאָג איז אלזאָ גענוג גרויס אום צו ארבייטען און זיך פאָרצובערייטען אויף א לאנגע רייזע.

אלע מאטראָזען האָבען געארבייט פלייסיג, יעדער האָט געוואוסט, וואוהין ער פאָהרט און אז מען וועט פערפעהלען א קלייניגקייט, וועט מען עס שפּעטער ניט קענען צוריקכאפּען.

וויא בעשעפטיגט פענעלאָן איז יעצט געווען, האָט ער דאָך שטרענג אכ־טונג געגעבען אויף דעם ערשטען אָפיציער אנדרעע וואסעל. איהם איז שטארק ניט געפעלען, וואָס וואסעל זוכט אימער צו רעדען מיט ראָזא'ן און צו זיין בעזאָנדערס פריינדליך צו איהר. אנדרעע וואסעל איז געווען א יונגער מאן פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג.

— איז ער פערליעבט אין אונזער ראָזא'ן? זוכט ער פיליי כט נור איהר געלד? פלעגט פענעלאָן אָפט מורמלען אונטער דער נאָז, ווען קיינער האָט איהם ניט געהערט.

זשאן בערטהאָ איז געווען צו שטארק בעשעפטיגט אום זיך צו צוקוקען צו אזעלכע זאכען. ער פלעגט שטודירען דיא מעער קארטען און דיא שטראָמונגען פון דעם ווינט. אלס אלטער ערפאָהרענער שיפסקאפּיטאן האָט ער אונטער־זוכט זיין שיף און געטראכט, ווי אזוי ער זאָל זיא בעשיצען געגען דיא גרויסע שטיקער אייז, וועלכע זיי קענען בעגעגנען אויף'ן וועג. אין דיעזער ארבייט האָט איהם געהאָלפען זיין צימערמאן פידעליאָ מיזאָן. זיי האָבען געקויפט טיק אָדער אייזען־האָלץ און האָבען דערמיט בעדעקט דעם בוג אָדער דיא נאָז פון דער שיף.

אלע דיעזע פאָרבערייטונגען האָבען געדויערט גאנצע 14 טעג. אם 15טען יולי איז דיא "שעהנע ראָזא" ארויסגעפאָהרען פון דעם פּאָרט פון פארער, זיא איז יעצט געפאָהרען נאָך גרענלאנד.

4טעם קאפיטעל.

צווישען אייז־בערג

דיא "שעהנע ראָזא" איז געוועזען א שנעלע שיף. דעם 20טען יולי איז זיא שוין ארויסגעפאָהרען פון דיא פיעלע קאנאלען און מעער־ענגען אין דאָס גרויסע, אָפענע אייז־מעער.

עס איז קאלט געוואָרען און מען האָט געמוזט זיך אָנטהאָן ווארימע וואָ־לענע קליידער. געגען 5 אוהר נאָכמיטאָג האָבען דיא מאטראָזען דערזעהען א בעזאָנדערס ווייסען שיין אויף'ן מעער.

— מיר זיינען שוין ניט ווייט פון אייזבערג אָדער אייז פעלדער, האָט פע־נעלאָן געזאָגט. איך קען גאנץ גוט דיעזען ווייסען גלאנץ פון מעער. דיא אייז־בערג מיט זייער אייביגען שנעע שפיעגלען זיך אָפּ אין וואסער. מיר זיינען יעצט נור א פּאָאר הונדערט מייל ווייט פון דיא ערשטע אייז בערג.

— יעצט מוז מען זיין פאָרזיכטיג, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט.

ער האָט איינגעטהיילט זיינע מאטראָזען אין צוויי אָבטהיילונגען. איינע זאָל האלטען דיא וואך דיא ערשטע צוועלף שטונדען און דיא אנדערע זאָל האלטען דיא וואך דיא אנדערע צוועלף שטונדען. אין דער ערשטער אבטהיילונג האָבען זיך געפונען דריי טיכטיגע מאטראָזען מיט דעם צימערמאן מיזאָן אלס זייער אָפיציער, אין דער צווייטער אבטהיילונג האָבען זיך געפונען פענעלאָן און אנדרעע וואסעל אלס זייער אָפיציער.

אויב זשאן בערטהאָ האָט אבזיכטליך צוזאמענגעפּאָרט פענעלאָן מיט אנדרעע וואסעל אָדער עס איז געוועזען א בלויזער צופאל, איז שווער צו זאָגען.

דעם 21טען יולי איז דאָס וועטער געוועזען זעהר שלעכט. דער הימעל איז גע־ווען בעדעקט מיט שווערע, בלייפארביגע וואָלקען. עס האָט גערעגענט און גע־שנעעט. פארנאכט האָט דער טערמאָמעטער געוויזען זעקס גראד קעלט. דיא שיף איז אָבער געפאָהרען מיט איהר געוועהנליכער שנעליגקייט, ווייל דאָס מעער איז געוועזען רוהיג און אין יענע געגענדען האָט מען ניט וואָס מורא צו האָבען, אז מען זאָל זיך צוזאמענשטויסען מיט א צווייטער שיף.

דעם 25טען יולי האָט זיך דער הימעל אויסגעלייטערט. עס איז געוועזען קאלט, אָבער אנגענעהם. ראָזא איז ארויסגעגאנגען אויף'ן דעק און האָט בע־טראכט דיא שעהנע, אָבער גראָסארטיג־ווילדע סצענע אויף דעם אייז מעער. ארום דער שיף האָבען זיך געוויזען דיא ערשטע שטיקלעך שנעע און אייז.

וואָס ווייטער זיי זיינען געפאָהרען, אלץ געדיכטער זיינען געוואָרען דיעזע שטיקער אייז. אנפאנגס זיינען זיי געוועזען ניט גרעסער פון א מענשליכער פויסט; וואָס ווייטער זיינען זיי גרעסער און געדיכטער געוואָרען. עס איז געוועזען דייט־

ליך, אז דיא שיף פאָהרט אריין אין א גרויסען, צושלאָגענעם אייזפעלד און דער ווינד טרייבט דאָס אייז נאָך זידען (דרום זייט).

דעם ערשטען אויגוסט איז דיא שיף אריינגעפאָהרען אין א געדיכטען שנעע פעלד און זיא האָט זיך בראוו דורכגעשלאָגען דורך דעם ווייכען שנעע.

דאָס וועטער איז געוועז שעהן. עס איז געווען רעכט קאלט, אָבער דיא זון האָט געשיינט און א שארפער נאָרד ווינד האָט געטריעבען דיא שטיקער שנעע נאָך זידען.

ראָזא האָט ארומגעשפאציערט אויף'ן דעק מיט איהר אָנקעל.

— זיינען מיר ווייט פון א לאנד? האָט ראָזא געפרעגט.

— איך רעכען, אז אין דריי, העכסטענס פיער טעג וועלען מיר צוקומען צו גרענלאנד, האָט זשאן בערטהאָ געענטפערט.

— קענען מיר רעכענען, אז מיר וועלען דאָרט קענען קריעגען א נאכ־ריכט פון אונזער לואיס? האָט ראָזא ווייטער געפרעגט.

— עס איז מעגליך, אָבער איך בין ניט זיכער, איז געווען דיא אנטוואָרט.

— וואָס פערשטעהט איהר דען פון דעם בריעף, וועלכען איהר האָט ער־האלטען דורך דיא פלאַשען־פּאָסט?

— איך פערשטעה אזוי פיעל, אז אויף דער "פראַן" איז צובראָכען געוואָ־רען דער רודער אָדער דיא זעגעלבוימער. זאָלאנג א שיף האָט א רודער און זעגעל־בוימער, קען מען זיא פיהרען און קירעווען, וויא מען וויל. אין דעם צעטעלע, וואָס דער קאפיטאַן פון דעם פּאָרט פון פּארער האָט מיר איבערגעגעבען, שטעהט גאנץ דייטליך: "שטורם שרעקליך. — טרייבט אונז צום נאָרד פּאָל". דאָס הייסט, מען קען דיא שיף ניט פיהרען. דער ווינט טרייבט זיא, וואוהין ער וועהט.

— איך גלויב אויך, אז דער שטורם פון 26טען אפריל האָט פערטריבען דיא "פראַן" זעהר ווייט, האָט זיך אנדרעע וואסעל אריינגעמישט. א שטורם קען פערטרייבען אזא שיף אָהן א רודער אָדער אָהן זעגעל־בוימער פיעל ווייטער פון גרענלאנד. דיא "פראַן" איז געוועזן א שוואכע שיף, זיא איז געווים צובראָ־כען געוואָרען אויף שטיקער.

— לאָמיר האָפען דאָס בעסטע, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט ערנסט. זאָלאנג מיר האָבען נאָך א האָפנונג צו געפינען וואָס מיר זוכען, לאָמיר האָפען און זוכען. איך גלויב, אז מיר וועלען באלד צוקומען צו א לאנד.

— אָט איז דאָך לאנד! האָט אויסגערופען ראָזא און האָט אָנגעוויזען אויף גרויסע ווייסע בערג.

— ניין, מיין קינד, דאָס איז קיין לאנד, האָט בערטהאָ געזאָגט, דאָס זיי־נען אייז בערג, דיא ערשטע גרויסע אייז בערג, וועלכע מיר בעגעגענען. יעצט

מוזען מיר זיין זעהר פאָרזיכטיג. מיר מוזען זיי אויסמיידען, ווייל זיי קענען צו־ברעכען אונזער שיף, וויא א קינד צוברעכט אן איי.

ער האָט זיך געווענדעט צו זיינע צוויי אָפיציערען און האָט אויסגערופען:

— וואסעל! פענעלאָן! שטעלט אייך אויף דער וואך. יעצט מוז מען פאָרזיכטיג זיין.

פענעלאָן האָט זיך געשטעלט ביי דער אויסערער ענדע פון דער שיף און דער אלטער זשאן בערטהאָ האָט זיך אליין געשטעלט ביים רודער.

ווער עס זעהט צום ערשטען מאָל אייזבערג, דעם ווייזט זיך אויס, אז דאָס זיינען אינזלען. אין דיא ווארימע געגענדען שווימען זיי איינציגווייז און שנעל, מען קען אלזאָ לייכט דערקענען, אז דאָס זיינען אייז בערג. אין דיא קאלטע געגענדען אָבער שווימען זיי זעהר לאנגזאם און אין גרופען.

פענעלאָן האָט גוט געזעהען, אז עס קומען געגען זיי א גאנצע באנדע פון 30—40 אייז בערג. זיי זיינען נאָך געווען גאנץ פריש, בעדעקט מיט קלאָ־רען, ווייסען, גליצערנדען שנעע.

וויא א גוט געאיבטע קאָלאָנע סאָלדאטען זיינען אָנגעקומען דיא אייז בערג. זיי זיינען געקומען לאנגזאם, אָבער זיכער. דער ווינד האָט זיי אפילו צוריקגע־טריבען, אָבער, וויא עס ווייזט אויס, האָט א שטרעמונג אין מעער, א קאלטע וועללע, זיי געטריעבען ווייטער, נאָך זידען, גראדע אויף דעם וועג פון דער "שעהנע ראָזא".

געגען אבענד איז דיא לייכטע שיף אריינגעפאָהרען צווישען דיא אייז בערג. יעצט האָט יעדער מאטראָז געמוזט שטעהן אויף'ן דעק מיט א לאנגען שטאנג אין דער האנד אלס וואפע געגען דיא אייז בערג. ווען אן אייז בארג איז צוגעקומען צו נאָהענט, האָבען דיא מאטראָזען אויסגעשטרעקט זייערע שטאנ־גען און אָבגעטריעבען דיא שיף פון דעם געפעהרליכען פיינד.

יעצט האָט יעדער געמוזט אָנווענדען אלע זיינע קרעפטע און זיין געשיקט־קייט, אום דורכצופיהרען דיא שיף אין דיא קאנאלען, וועלכע האָבען זיך גע־בילדעט צווישען איין אייז בארג און דעם אנדערען.

מען האָט געמוזט איינציהען דיא אויבערשטע זעגעל, ווייל דיא אייז בערג זיינען געווען פיעל העכער פון דער שיף און אין ערטער זיינען זיי אויבען געווען ברייטער און וואָלטען געקענט אָברייסען א זעגעל.

— פערדאמטע רייזע! האָט אנדרעע וואסעל אויסגערופען. גראדע פאר־נאכט האָבען מיר גערארפט אריינפאָהרען צווישען דיעזע אייזבערג.

— מיר זיינען דאָך ניט דיא ערשטע צו מאכען אזא געפעהרליכע רייזע, האָט בעמערקט דער מאטראָז אספיק, פאר אונז זיינען שוין טויזענדע שיפען געפאָהרען צום נאָרד פאָל און זיינען צוריקגעקומען גאנץ.

— אָבער אויך פיעלע זיינען אונטערגעגאנגען, האָט וואסעל בעמערקט.

— יא, א טיכטיגער שיפסקאפיטאן ווייס שוין, וויא זיך צו העלפען.

— יא, א טיכטיגער... האט וואסעל געזאגט, ווער ווייס, וויא פיעל מעהר אייזבערג מיר וועלען נאך בעגעגענען.

— וועלען מיר זיך אויסדרעהען פון זיי.

— און וואס וועט דאן זיין? וואס וועלען מיר געפינען, ווען מיר וועלען שוין צוקומען צו א לאנד? דיא "פראן" איז אונטערגעגאנגען און אונזער מיה איז אומזיסט.

— פלוידערט ניט אזוי פיעל! האט זשאן בערטהאָ געשריען אויסער זיך. זעהט איהר דען ניט, אז מיר געפינען זיך אין דער גרעסטער געפאהר?

אין דיעזער מינוט איז א גרויסער אייזבארג ארויפגעשוואומען אין דעם קאנאל און האט פערשטעלט דעם וועג פון דער שיף. עס איז געווען אונמעגליך איהם אויסצואווייכען.

— ארבייט נאך דער רודער? האט זשאן בערטהאָ געפרעגט.

— ניין, קאפיטאן, איך קען מעהר ניט קירעווען אונזער שיף, האט פענעלאָן געענטפערט.

— אהער קינדער! האט זשאן בערטהאָ קאָמאנדירט, קומט אהער מיט אייערע שטאנגען, שטרעקט זיי אויס געגען דעם אייזבארג און טרייבט דיא שיף צוריק.

דאָס איז געווען דיא איינציגע רעטונג. דער אייזבארג איז צוגעקומען אזוי נאָהענט, אז דיא מאטראָזען האָבען געקענט אָנשפארען אָן איהם זייערע שטאַנגען און טרייבען דיא שיף צוריק. זיי האָבען יעצט אָנגעווענדעט אלע זייערע קרעפטע אום צוריק צו האלטען דעם אייזבארג. יעדער האָט געוואוסט, אז עס האנדעלט זיך וועגען לעבען און טויט.

דער אייזבארג איז געווען אונגעפעהר 60 פוס דיא הויך, דיא "שעהנע ראָזא" האָט אויסגעוויזען נעגען איהם, וויא דיא שאָלעכץ פון א נוס. ווען ער וואָלט זיך ארויפגעוואָרפען אויף איהר, וואָלט ער זיא צוברעכען אויף שפּענדלעך.

איינינע אויגענבליקע האָט עס אויסגעוויעזען, אז דיא קראפט און דיא קונסט פון דיא מאטראָזען איז אומזיסט. זאָגאר דיא אלטע, ערפאהרענע מאטראָזען זיינען בלייך געוואָרען.

פלוצלונג האָט עס געגעבען א שטארקען טראך, גלייך וויא מען וואָלט אויסגעשאָסען פון א קאנאָנע. א גאנצער בארג מיט קאלטען אייז וואסער האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דער שיף און האָט אלעמען בעטויבט.

— אך! האָבען אויסגערופען פיעלע שטימען.

דער אייזבארג איז פערשוואונדען. דיא "שעהנע ראָזא" האָט זיך געפונען אין א פרייען מעער. זיא איז ארויס פון דיא אייזבערג.

— אלעס צום בעסטען! האָט פּענעלאָן אויסגערופען. גאָט איז מיט אונז! מיר וועלען געפינען, וואָס מיר זוכען.

אלע האָבען אָבגעאָטהעמט פרייער. יעדער האָט געפיהלט, אז ער איז גערעטעט פון דער גרעסטער געפאהר.

— וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? האָט ראָזא געפרעגט. וואו איז דער אייזבארג? פאר וואָס האָט אזא גרויסע כוואליע אָבגעגאָסען דיא שיף?

— דאָ איז פאָרגעקומען א נאטור וואונדער, האָט פּענעלאָן איהר ערקלעהרט.

— איך האָב דאָך גאָר נישט געזעהען, האָט ראָזא בעמערקט.

— איך וועל עס דיר ערקלעהרען, האָט פּענעלאָן געזאָגט. דוא האָסט דאָך געווים אמאָל געזעהן דיא פיגורען, וועלכע מען מעג וואַרפען וויא מען וויל, בלייבען זיי אימער שטעהן גלייך. ווארום איז עס? ווייל זייער גלייכגעוויכט, דער מיטעלפונקט פון זייער שווערקייט געפינט זיך אין א געוויסען אָרט, וואו מען גיסט אָן בליי. ווען אן אייזבארג שווימט ארוים, איז ער אויבען און אונטען גאַנץ גלייך ברייט און לאַנג. ער שווימט דארום גלייך. דאָס וואסער איז אָבער דאָ ווארימער וויא דיא לופט. דער אונטערשטער טהייל פון דעם אייזבארג ווערט צושמאָלצען פון דעם מעער וואסער. ער ווערט אויבען ברייטער וויא אונטען, ער פערליערט זיין גלייכגעוויכט און ער קעהרט זיך איבער. געוועהנליך ווערט ער דערביי צובראָכען אויף טויזענד שטיקער. ווען דיא אייזבערג האלטען זיך צוזאמען, קענען זיי נאָך אוועקשווימען אזוי טויזענדער מיילען, ווען איינער רייסט זיך אָבער אָב פון זיי און שווימט גאַנץ אליין, ווערט זיין אונטערשטע זייט צושמאָלצען אָדער שטארק צולעכערט און ער מוז זיך איבערקעהרען. דאָס איז א געזעץ פון דער נאטור. עס איז אונזער גליק, וואָס דער אייזבארג האָט זיך איבערגעקעהרט אויף דער אנדערער זייט; ווען ער וואָלט זיך איבערגעקעהרט אין דער זייט פון אונזער שיף, וואָלטען אויף אונז ארויפגעפאלען דיא שטיקער אייז.

ראָזא האָט איהם פערשטאנען.

— יעצט, קינדער, לאָמיר געהן עסען, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט.

מען איז אראָבגעגאנגען עסען אין דיא קאיוטעס. יעדער איז געווען פרעהליך און צופריעדען. יעדער, ווער עס איז שוין געווען אמאָל אין דיעזע געגענדען, האָט דערצעהלט געשיכטען פון אייזבערג, וועלכע האָבען זיך איבערגעקעהרט און זיינען צובראָכען געוואָרען אויף שטיקער.

5טעם קאפּיטעל.

דער אינזעל ליווערפּול

דיא "שעהנע ראָזא" איז יעצט געפאָהרען כמעט אין א גאנץ פרייען מעער. מען האָט צוואר בעגעגענט שטיקער אייז, אָבער קיינע אייזבערג און דיא שטארקע שיף איז לייכט געשוואומען צווישען זיי.

דעם 5טען אויגוסט האָט מען דערזעהן פון דער ווייטען ווייסע שפּיצען.

— דאָס איז לאנד, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט, איך זעה, אז דיא ווייסע שפּיצען בעוועגען זיך ניט. זיי שטעהן אויף איין אָרט, אלזאָ זיינען עס מיט שנעע בעדעקטע שפּיצען פון בערג.

עס איז געוואָרען רעכט קאלט. פּענעלאָן, וועלכער איז שוין עטליכע מאָל געוועזן אין דיעזע געגענדען, האָט געוויעזען ראָזא'ן וויא אזוי זיך צו מאכען קליידער, וויא דיא עסקימאָסען פרויען טראָגען. ער האָט אָנגעקויפט גענוג פעלצען, און ראָזא האָט יעצט געמוזט ווערען א מאָדיסטין. זיא האָט געמוזט צושניידען און אויפנעהען איהרע נייע קליידער. פון פאריזער מאָדעס איז קיין רעדע ניט געווען, זיא האָט געמוזט לערנען דיא עסקימאָסען מאָדעס און דאָס איז געווען פאר איהר א נייעס.

דיא עסקימאָסען פרויען טראָגען לאנגע הויכע זאָקען פון פוקס אָדער בערענפעל. איבער דיא זאָקען טראָגען זיי א סאָרט בלומערס אָדער קורצע הויזען פעל און איבער דעם העמד א מאנטעל פון בערען־פעל אָדער פון זעע הינד (סיל). דיא ארבעל ענדיגען זיך מיט האנדשוה אָהן פינגער און דער קראגען קומט אריבער איבער'ן קאָפּ און פערדעקט איהם אזוי, אז נור דאָס געזיכט זעהט זיך ארויס.

ראָזא האָט אלזאָ פלייסיג געשניידערט. אויך אלע מאטראָזען האָבען יעצט אָנגעהויבען צו שניידערען. יעדער האָט געמוזט זיך מאכען װארימע קליידער. ניט זעלטען האָט דער טערמאָמעטער געוויעזען 30—40 גראד קעלט. אין אזא קעלט איז עס ניט זעהר אנגענעהם צו שטעהן אויף'ן דעק פון א שיף און אויסהאלטען דעם אייז קאלטען נאָרד־ווינד.

אנדרעע וואסעל האָט אָפט געזוכט א געלעגענהייט צו רעדען מיט ראָזא'ן. ער האָט אָפט געוואָלט איהר ווייזען, וויא מען מאכט קליידער נאָך דער עסקימאָסען מאָדע, אָבער יעדעס מאָל ווען ער פלעגט אָנהויבען צו רעדען צו איהר, פלעגט פּענעלאָן ארויסשפּרינגען, וויא פון אונטער דער ערד, און זיך ארייננמישען אין זייער געשפּרעך.

ראָזא איז געווען אזא אונשולדיג מעדכען, אז זיא האָט גאָר ניט פערשטאנען, פאר וואָס אנדרעע וואסעל זאָגט אימער, אז זייער געפּעהרליכע

רייזע איז גאָר אומזיסט, אז דיא "פראַן" איז געווים אונטערגעגאַנגען און איהר מאַנשאַפט איז געווים דערטרונקען געוואָרען אָדער אויסגעשטאָרבען פון הונ־גער און קעלט.

פענעלאָן דאַגעגען פלעגט אימער איהר געבען האָפנונג, אז זיי וועלען ענדליך געפינען דיא "פראַן" און איהר געליעבטען לואיס.

באלד האָבען זיך געוויעזען צייכענס פון לאַנד. זעהר פיעלע וואַסער־פויגעל האָבען אָנגעהויבען צו פליהען ארום דער שיף. אייניגע זיינען געווען אזוי פרעך, אז זיי זיינען ארויפגעפלויגען אויף דיא זעגעל־בוימער און זאָגאר אויף דעם דעק פון דער שיף.

— זיי זיינען נאָך ניט געוואָהנט צו מענשען, האָט פענעלאָן געזאָגט, זיי ווייסען נאָך ניט, וואָס פאַר א געפעהרליך בעשעפעניס דער מענש איז.

— וויא עס ווייזט אויס, קומען אהער זעלטען שיפען, האָט ראָזא בעמערקט, דערפאַר האָבען דיא פויגעל נאָך ניט מורא פאַר דיא מענשען.

— יא, אהער קומען זעהר זעלטען שיפען.

— וואו זיינען מיר אָבער? האָט ראָזא ווייטער געפרעגט.

— אויף וויא ווייט איך ווייס, געפינען מיר זיך ניט ווייט פון דעם אינזעל ליווערפול.

— ליווערפול איז דאָך גאָר א שטאָדט אין ענגלאַנד?

— גאַנץ ריכטיג. אין 1821 האָט אן ענגלישער שיפסקאַפּיטאַן מיט'ן נאָ־מען סקאָרסבי ענטדעקט א גרויסען אינזעל ניט ווייט פון גרענלאַנד און האָט איהם א נאָמען געגעבען ליווערפול צור עהרע פון זיין געבורטס שטאָדט.

— וואוינען מענשען אויף דעם אינזעל ליווערפול? האָט ראָזא ווייטער גע־פרעגט.

— ווען דער ענגלענדער סקאָרסבי האָט ענטדעקט דיעזען אינזעל, האָ־בען אויף איהם געוואָהנט עסקימאָסען, האָט פענעלאָן ערקלעהרט.

א שטראַהל פון האָפנונג האָט זיך געוויעזען אויף ראָזא'ס בלייכען געזיכט.

דעם אנדערען טאָג אין דער פריה זיינען זיי צוגעקומען צו דעם אינזעל ליווערפול. עס האָט אָבער געדויערט א גאַנצען טאָג, ביז זיי האָבען אויסגעפונען א פּלאַץ, וואו צו פעראַנקערען זייער שיף.

דיא עסקימאָסען, וועלכע וואָהנען אויף דעם אינזעל, האָבען זיך פערזאַ־מעלט אויף'ן ברעג, האָבען געמאַכט מיט דיא הענד און עפּעס גערעדט. ליידער, האָט קיינער פון דיא מאַטראָזען ניט פערשטאַנען זייער שפּראַך. פענעלאָן האָט אפילו געקענט עטליכע ווערטער פון דער עסקימאָסען שפּראַך, אָבער זיין עסקימאָסען־ווערטערבוך איז געווען אזוי אָרים, אז ער האָט ניט פערשטאַנען א וואָרט, וואָס זיי האָבען גערעדט. מיר מוזען אָבער זיין גערעכט צו דעם אָרי־מען פענעלאָן. דיא עסקימאָסען שפּראַך איז אזוי פערשיעדען און ווערט צו־

טהיילט אויף אזוי פיעל דיאלעקטען, אז אן עסקימאָס פון אלאסקא פערשטעהט ניט א וואָרט, ווען עס רעדט צו איהם אן עסקימאָס פון גרענלאנד. מיר האָבען אזא ביישפיעל אין אייראָפּא. דער נאָרד איטאליענער פערשטעהט ניט דעם זיד איטאליענער און דער אירלענדער, וועלכער רעדט זיין ענגליש, פערשטעהט ניט דעם ענגלענדער.

ענדליך האָט מען דאָך אויסגעפונען א פּלאץ, וואו מען האָט געקענט פעראנקערען דיא "שעהנע ראָזא".

זשאן בערטהאָ, פּענעלאָן, וואסעל און דער צימערמאן מיזאָן זיינען ארויס־געגאנגען אויף'ן ברעג. ראָזא האָט געבעטען, מען זאָל זיא אויך מיטנעהמען, אָבער זשאן בערטהאָ האָט עס ניט ערלויבט, ווייל מען ווייס נאָך ניט, מיט וואָס פאר עסקימאָסען מען האָט צו טהאָן.

פּענעלאָן האָט פאָראויסגעזעהען, אז מען וועט מוזען זיך צוזאמען קומען מיט עסקימאָסען און ער האָט אָנגעקויפט אין פאָרער פיעלע קליינינקייטען: מעסערליך, שערעליך, קעמעליך, העק און זעגען, אלץ זאכען, וועלכע דער עסקימאָס ברויכט אם נויטהיגסטען. דיא עסקימאָסען פרויען וועלען אוועקגעבען אלעס, וואָס זיי פערמאָגען, פאר א שעהנעם קעמעלע, בערשטעלע אָדער שערעלע. דער עסקימאָס וועט אוועקגעבען זיינע בעסטע פעלצען פאר א האק, א מעסער אָדער א זעג.

דיא עסקימאָסען אויף דעם אינזעל ליווערפּול האָבען זיך ארויסגעוויזען אלס גוטע, שטילע, רוהיגע, פריינדליכע מענשען. זיי האָבען מיט פערגניגען גע־האנדעלט און געמאכט געשעפטען מיט זשאן בערטהאָ און זיין מאנשאפט. זשאן בערטהאָ האָט ענדליך ערלויבט ראָזא'ן אראָבצוגעהן אויף דעם אינזעל און ער האָט דערמיט געטראָפען. דיא עסקימאָסען פון דעם אינזעל ליווערפּול האָבען צום ערשטען מאָל דערזעהען א ווייסע פרוי. זיי האָבען זיא פערגעטערט. זיי האָבען זיך איינגערעדט, אז דאָס איז גאָר ניט קיין מענש, זאָנדערן אן ענגעל פון הימעל.

מען האָט געהאנדעלט, מען האָט געקויפט און פערקויפט אויף שטום לשון. צוזאמענרעדען זיך האָט מען ניט געקענט, אָבער מען האָט זיך פערשטאַ־נען.

ראָזא האָט געהאט דיא בעסטע געלעגענהייט צו שטודירען דיא נייעסטע עסקימאָסען מאָדעס. זיי זיינען געווען ניט אזוי שעהן, ניט אזוי עלעגאנט, וויא דיא פאריזער מאָדעס, אָבער העכסט אינטערעסאנט. איינינע אריסטאָקראטישע עסקימאָסען פרויען האָבען זיא איינגעלאדען אין זייערע פּאלאצען אויף א באָל און ראָזא איז געגאנגען מיט איהר געטרייען פריינד פּענעלאָן.

דער פּאלאץ פון דער אריסטאָקראטישער עסקימאָסען דאמע איז בעשטאַ־נען פון א שטיבעלע אין דער ערד, בעדעקט מיט שנעע און אייז. מען האָט

אויפגענומען דעם טהייערען גאסט מיט א שטיק שמאלץ פון א וואל־פיש. ראַזא האָט זיך ענטזאגט פון דער גרויסער עהרע צו עסען דיא שמאלץ פון א וואל־פיש, אָבער זיא האָט אָנגענומען אלס צייכען פון פריינדשאַפט א פעל פון א ווייסען בער.

אין א שעהנעם פריהמאָרגען האָט זשאן בערטהאַ אָנגעהויבען צו פרעגען, אויב עס איז ניט לאנג צוריק צוגעקומען צו דעם אינזעל א שיף, אויב זיי האָבען ניט געזעהען א שיף מיט אייראָפּעער?

דאָס איז געווען א רעכט שווערע ארבייט זיך צוזאמען צו רעדען, זיך צו פערשטעהן. מען האָט גערעדט מיט דיא הענד, מיט צייכענס, מיט אלע מעג־ליכע מיטעל פון דער טויב־שטומען שפּראַך. ענדליך אָבער האָט מען זיך דאָך פערשטאנען. א יונגער עסקימאָס האָט גענומען א שטיק האָלץ און האָט דערמיט אויסגעקריצט אויף׳ן שנעע א פיגור, וועלכע איז עהנליך צו א שיף. דאן האָט ער אויסגעקריצט דיא פיגור פון דער זון און האָט געמאכט פינטעלעך.

פון זיין לאנגער ערקלעהרונג און ערצעהלונג האָט מען געקענט אויסגע־פינען, אז מיט 70—80 טעג צוריק איז פארבייגעפאָהרען א שיף, וועלכע האָט געבעטען הילף, דאָך מעער איז אָבער געווען אזוי אונרוהיג, אז דיא עסקימאָ־סען פון ליווערפּול האָבען ניט געוואגט ארויסצופאָהרען אויף זייערע שוואכע באָאטען און רעטען דיא שיף.

אזוי פיעל האָט מען פערשטאנען פאר געווים, אז דער שטורמווינד האָט געטריעבען דיא שיף נאָך נאָרד.

— אלזאָ ווייטער פאָהרען! ווייטער נאָך נאָרד, געהענטער צום נאָרד פּאָל, האָט זשאן בערטהאַ געזאָגט טרויעריג.

ער איז אָבער ניט געווען א מאן פון פיעל רעדען. קוים האָט ער זיך ענט־שלאָסען ווייטער צו פאָהרען, האָט ער געמאכט אלע נויטיגע פּארבערייטונגען. ער האָט געקויפט ביי דיא עסקימאָסען א שנעע שליטען און א געשפּאן פון 12 הינט, און אייניגע פעל פון זעע הינט.

דעם 25טען אויגוסט איז דיא "שעהנע ראָזא" אוועקגעפאָהרען פון דעם אינזעל ליווערפּול.

דער קורצער זומער פון יענע געגענדען האָט זיך געענדיגט. ביז צום ערשטען אויגוסט האָט מען געזעהן דיא זון ארומגעהן אויף׳ן הימעל פון אלע פיער זייטען. עס איז גאָר קיין נאכט ניט געווען. יעצט האָט מען שוין געהאט 2—3 און 4 שטונדען נאכט. מען האָט שוין געקענט זעהן, וויא דיא זון געהט אונטער און וויא זיא געהט ווידער אויף.

ליידער האָט מען זיא געקענט זעהן ניט זעהר אָפט. עס האָט זיך אָנגעהוי־בען דער חערבסט פון דעם נאָרד פּאָל, צו מאָל פלעגט עס אויך רעגענען, מיט־

טענס אָבער פלעגט עס שנעען. דער הימעל פלעגט אָפט עטליכע טעג נאָכאַנאַנד זיין בעדעקט מיט געדיכטע, גרויע וואָלקען, פון וועלכע עס פלעגט שיטען דער הארטער, פערפראָרענער שנעע, וויא פון א אָבגעבונדענעם זאק.

יעצט האָט מען געמוזט אָנהויבען צו טראַכטען פון ווארעמע קאַיוטען. אין דיא דריי קאַיוטען, וואו דיא מאַטראָזען, דיא אָפיציערען און דער שיפס־קאַפּיטאַן מיט ראָזא׳ן פלעגען שלאָפען, זיינען געווען אייזערנע אויוועַנס, מען האָט זיי נאָך ניט געהייצט, ווייל מען האָט געמוזט זיין זעהר עקאָנאָמיש מיט דיא קויהלען. אויסער דעם האָט מען אויסגעבעסערט, פערמאַכט און פערשלאָגען אַלע לעכער און אַלע פענסטערלעך אין דיא קאַיוטען.

דאָס מעער איז נאָך אין פיעלע ערטער געווען פריי פון אייז, אָבער יעדער האָט געקענט זעהן, אז מען פאָהרט אריין אין דיא אָרימס פון דעם שרעקליכען ווינטער אויף דעם אייזמעער.

דער צווייטער סעפּטעמבער איז געווען א שעהנער טאָג, אָבער א שרעקליך קאַלטער ווינט האָט געוועהט פון נאָרדען און עס איז געווען זעהר שווער איינ־צושטעהן אויף דעם דעק פון דער שיף. דער הויך פון דעם מויל איז פערפראָרען געוואָרען און ארום דעם מויל האָבען זיך פון יעדען שטראָם געבילדעט לאַנגע אייז צעפּלעך.

דעם 3טען סעפּטעמבער איז מען צוגעקומען צו א לאַנד, דאָס איז געווען גרענלאַנד. מען ווייס נאָך ביז היינט ניט, אויב גרענלאַנד איז א אינזעל אָדער אן ערד־טהייל, א פעסטעס לאַנד. ביז אויף היינטיגען טאָג האָט נאָך קיין מענש ניט אויסגעפאָרשט דעם נאָרד טהייל פון גרענלאַנד.

דאָס מעער ביי דעם ברעג פון גרענלאַנד איז געווען פערפראָרען, זשאַן בערטהאָ מיט זיינע מאַטראָזען האָבען געמוזט זיך דורכשניידען א וועג אין אייז. זיי האָבען דערצו געברויכט דיא גרויסע אייז זעגען, וועלכע זיי האָבען געקויפט אין פּאַרער. עס איז א זעהר שווערע ארבייט דורכצוזעגען דעם אייז און דורכצושניידען א וועג פאַר א שיף. אַלע מענשען האָבען געמוזט אר־ביימען שטונדען לאַנג און ניט זעלטען דורכגענעצט ווערען פון דעם אייז־קאַלטען וואַסער.

אויסערדעם קומט פאַר אין יענע געגענדען א רעכט זעלטענע ערשיינונג, פון וועלכער מען ווייס ניט אין אנדערע לענדער. ווען א מענש ארבייט אוועק א געוויסע צייט אויף דער פרייער לופט, פערכאַפּט עס איהם דעם אָטהעם, ער קען ניט אָבאָטהעמען. ער בלייבט איינינע צייט וויא פּאַראַליזירט, ער קען זיך ניט ריהרען. דיא קאַלטע לופט איז צו שטאַרק פאַר זיינע לונגען. ער מוז זיך אָברוהען אין א ליכטערער, ווארעמערער לופט.

6טעם קאפיטעל.

דאס ציטערענדע אייז

אכט טעג נאָכאנאנד האָט דיא מאנשאפט פון דער "שעהנער ראָזא" געקעמפפט מיט דעם אייז. וואו דאָס אייז איז געווען דיק, אז מען האָט ניט געקענט עס דורכזעגען, האָט מען געמוזט עס אויפרייסען מיט שיס־פּולווער.

ערשט דעם 11טען סעפּטעמבער איז עס געלונגען צו צופיהרען דיא שיף ניט ווייט פון דעם ברעג. דעם אנדערען טאָג איז שוין דאָס מעער געווען פערפראָרען. וויא ווייט דאָס אויג האָט געקענט גרייכען, האָט עס געזעהן נור שנעע און אייז. דיא שיף איז געווען איינגעפראָרען.

— יעצט מוזען מיר דענקען פון ווינטער, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט, ווייטער פאָהרען איז אונמעגליך. מיר מוזען דאָ איבערווינטערען.

— מיך וואונדערט, וואָס מיר האָבען ביז אהער ניט געזעהן א לעבעדיגען מענשען, האָט פענעלאָן בעמערקט. וואו זיינען דיא עסקימאָסען? וויא קומט עס, וואָס זייט 9 טעג איז קיינער פון זיי ניט צוגעקומען צום ברעג מאכען מיט אונז בעקאנטשאפט?

— דאָס וואונדערט מיך אויך, האָט זשאן בערטהאָ געענטפערט. מיר וועלען מוזען געהן זיי אויפזוכען. פיליכט וועלען מיר עפּעס געוואָהר ווערען פון זיי וועגען דיא "פראַן".

מען האָט אָנגעהויבען זיך פאָרצובערייטען אויף א רייזע אויף דריי טעג. יעדער האָט זיך געמאכט א סאָרט ראנעץ אָדער ניפּסאק, אין וועלכען ער זאָל האלטען דיא נויטהיגע לעבענס מיטעל: ברויט און געקאָכט פלייש און א פלעשעלע קאָניאק. יעדער האָט געמוזט מיטנעהמען א פעל פון א ביפעלאָקס, וועלכע זאָל איהם דיענען אלס קאָלדרע און אלס אונטערבעט, ווען ער וועט זיך לעגען שלאָפען.

דעם 13טען סעפּטעמבער אין דער פריה איז מען ארויסגעגאנגען. דיא רייזע פּארטיע איז בעשטאנען פון זשאן בערטהאָ, אנדרעע וואסעל, פענעלאָן און נאָך צוויי מאטראָזען. אום צו קענען טרעפען צוריק צו דער שיף האָט בערטהאָ מיטגענומען א קליינעם טאשען קאָמפּאס.

מען איז געגאנגען נאָך נאָרדען, צום לאנד. דיא גאנצע געגענד איז אָבער געווען אזוי שטארק בעדעקט מיט שנעע און אייז, אז עס איז אונמעגליך געווען צו וויסען, אויב מען געהט אויף דעם מעער אָדער אויף דעם לאנד. דער וועג איז געווען זעהר שווער און ערמיעדענד. דער שנעע איז ניט געווען גלאט און גלייך. אין ערטער האָט מען זיך אָנגעשטויסען אָן שטיקער אייז. פענעלאָן האָט געמוזט געהן פאָראויס אויסגעפינען דעם וועג.

מען איז געגאַנגען א גאַנצען טאָג און מען האָט גאָר נישט געפונען. קיין שפור פון א מענשען, קיין צייכען פון א לעבעדיגער זאַך.

— האָב איך א טעות געהאט? האָט זשאַן בערטהאָ געמורמעלט. גע־פינען מיר זיך יעצט גאָר ניט אויף גרענלאַנד? האָט מיך מיין מעער קארטע אבגענארט?

געגען 5 אוהר נאָך מיטאָג האָט זיך אראָבגעלאָזען א דיקער נעבעל אויף דער געגענד. עס איז געוואָרען אזוי פינסטער, אז מען האָט קוים געקענט זעהן צעהן שריט ווייט פון זיך. דערצו האָט אָנגעהויבען צו פאַלען א געדיכטער שנעע. מען האָט געמוזט בלייבען נעכטיגען, וואו מען איז געבליבען שטעהן. מען האָט אויסגעזוכט א גרויסען הויפען שנעע, וועלכער האָט פערשטעלט פון דעם קאַלטען, שניידענדען נאָרד ווינד, מען האָט אביסעל צושארט דעם שנעע פון דריי זייטען און מען האָט זיך געמאַכט א נאַכט לאַגער.

אַלע זיינען געווען הונגעריג און מען האָט געגעסען אייז קאַלטע שפּייזען.

— שאדע, וואָס מיר האָבען ניט מיטגענומען א קליינעם קעראָסין איי־וועלע, האָט פּענעלאָן בעמערקט, איך האָב געהערט, אז אַלע רייזענדע צום נאָרד פּאָל אין דער נייעסטער צייט האָבען מיטגענומען אויף זייערע רייזען קליינע קעראָסין אייוועלעך, אויף וועלכע זיי פלעגען זיך מאַכען טהעע אין דעם גרעסטען שנעע.

קייגער האָט איהם ניט געענטפערט. דאָס אייז מעער און דער נאָרד פּאָל מאַכט דעם מענשען שטום, דיא נאַטור אַרום איז טויט און שטום און דער מענש פיהלט זיך אויך ניט אויפגעלעגט צו רעדען.

יעדער האָט זיך איינגעוויקעלט אין זיין פעל פון א ביפעלאָקס און מען האָט זיך געלעגט שלאָפען. זאָנדערבאר! מען איז איבערגעשלאָפען דיא נאַכט רוהיג און מען האָט זיך געפיהלט רעכט ווארם. ערשט ווען מען איז אויפגעשטאַנען אין דער פריה, האָט מען פערשטאַנען, פון וואַנען עס איז געקומען דיא ווארימ־קייט. זיי זיינען פערשנעעט געוואָרען. עס האָט זיך געבילדעט איבער זיי א בארג שנעע.

מען איז אויפגעשטאַנען, מען האָט זיך אָבגעטרייסעלט פון דעם שנעע און מען האָט עפּעס געגעסען, דאַן איז מען ווייטער געגאַנגען. וואוהין? צו וואָס?

— זוכען מענשען.

געגען מיטאָג האָבען זיי דערזעהן א הויכען בארג און זיינען צוגעגאַנגען צו איהם. איין זייט פון דעם בארג איז געווען גלאַט, ריין, פריי פון אייז און שנעע. מען האָט געקענט זעהן דיא שטיינער. דאָס איז געווען דיא דרום זייט, וועל־כע איז געשיצט געגען דעם קאַלטען נאָרד ווינד. זיי האָבען בעטראַכט איי־ניגע מינוט דעם בארג און זיינען געגאַנגען ווייטער, זעהען וואו ער ענדיגט זיך.

דער בארג איז אריין אין מעער און דאָס מעער איז דאָרט ניט געווען פערפראָרען. דער בארג האָט איהם געשיצט.

זשאַן בערטהאָ האָט זיך אָנגעכאפּט ביים קאָפּ.

— יעצט פערשטעה איך אלעס! האָט ער אויסגערופען. אונזער שיף איז איינגעפראָרען גאנץ ווייט פון לאנד.

קוים האָט ער עס ארויסגערעדט, זיינען צוגעשוואומען צום ברעג עטליכע זעע הינט.

— אויף זיי ווייסען, וואו זיי קענען אָבאטהעמען, האָט פענעלאָן געזאָגט. עס קען זיין, אז דער בארג בעשיצט אזוי דיעזען פלאץ געגען דער קעלט, אז דאָס מעער ווערט דאָ קיין מאָל ניט פערפראָרען.

וואָס מעהר זיי האָבען בעטראכט דיעזעס שעהנע ווינקעלע, אלץ מעהר האָבען זיי עס בעוואונדערט. עס איז געווען א גוטע, שטילע, ווארעמע אכסניא אָדער קאראוואן סעראי אין דיעזער געגענד פון שנעע און אייז. דאָ וואָלט מען געקענט גאנץ בעקוועם איבערווינטערען, דאָ וואָלט מען געקענט זיך אויסרוהען און זיך ארומקוקען.

— וויא אזוי אָבער ברענגט מען אונזער שיף אהער? האָט פענעלאָן געפרעגט זיך אליין.

ער, זשאהן בערטהאָ און אנדרעע וואסעל זיינען ארומגעגאנגען ארום ברעג און האָבען געזוכט א וועג, א קאנאל, א שפּאלט אין אייז, וואו מען זאָל קענען דורכפיהרען זייער שיף ביז צו דיעזען בארג, אָבער — אומזיסט! נור איינציגע הונדערט פוס ביים ברעג איז דאָס מעער געווען פריי פון אייז, ווייטער האָט מען געזעהען איין שטיק הארט פערפראָרענעם אייז.

אום זיך בעסער צו איבערצייגען, אויב עס איז ניטאָ א מיטעל צו ברענגען זייער שיף צו דיעזען פלאץ, האָבען זיי זיך ענטשלאָסען ארויפצוקלעטערען אויף'ן בארג. דאָס איז געווען א שווערע אויפגאבע. ווען זיי וואָלטען עס געוואוסט, ווען זיי זיינען אוועקגעגאנגען פון שיף, וואָלטען זיי מיטגענומען שטעקענס מיט אייזערנע שפּיצען, אויף וועלכע מען קען זיך אָנשפּארען, ווען מען דארף קלעטערען אויף א בארג. זיי האָבען אָבער זיך ניט פערזאָרגט מיט אזעלכע שטעקענס און דער וועג איז געווען זעהר שווער.

ענדליך נאָך פיעל מיה איז עס זיי געלונגען ארויפצוקלעטערען אויף דעם העכסטען פונקט פון דעם בארג. פאר זיי האָט זיך געעפענט א נייע וועלט. דיא לופט איז געווען ריין און שטיל. עס איז געווען קאלט, אָבער קיין ווינד האָט געוועהט, און מען האָט געקענט זעהן זעהר ווייט מיט נאקעטע אויגען, אָהן א שפּאקטיוו. פון איין זייט האָבען זיי געזעהן דאָס לאנד מיט פיעלע בערג און טהאָלען. מענשען האָט מען ניט געזעהן, אָבער מען האָט געקענט רעכענען, אז דאָרט וואָהנען געוויס מענשען. פון דער אנדערער זייט האָט מען געזעהן דאָס

גרויסע, ווייטע און ברייטע מעער. אין ערטער, ווייט, ווייט, האָט געגלענצט דאָס וואסער. נעהענטער צום ברעג איז אלעם געווען בעדעקט מיט שנעע און אייז. אין ערטער האָט זיך דאָס אייז אָנגעזאמעלט אין גרויסע הויפענס און עס האָט זיך אויסגעוויעזען, אז מען זעהט א שטאָדט מיט הייזער, מיט פאלאצען, מיט טהורמס, מיט גרויסע שלעסער. דיא זון האָט געשיינט און אלעס האָט גע־גלענצט און געפינקעלט, גלייך וויא מען וואָלט דאָ אויסגעשאָטען מיליאָנען, ביליאָנען בריליאנטען, סאפירען, רובינען און אלע מעגליכע טהייערע שטיינער.

— אָט איז אונזער שיף! האָט אויסגערופען פענעלאָן.

— יא, דאָס איז אונזער שיף, אָבער זיא איז איינגעפראָרען אין שנעע און אייז, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט טרויעריג.

מען איז הונגעריג געוואָרען און מען האָט זיך געזעצט עסען. מען האָט גע־מוזט זיין זעהר עקאָנאָמיש, ווייל מען האָט מיטגענומען לעבענסמיטעל נור אויף צווי טעג און יעצט האָבען זיי איינגעזעהן, אז זייער רייזע וועט געדויערען דריי־פיער טעג.

— זאָלען מיר פילייכט צוריקגעהן צו אונזער שיף אויף דעם אייז איבער'ן מעער? האָט פענעלאָן געפרעגט, מיר וואָלטען פערשפּאָרט א שטיק וועג.

— דאָס איז אונמעגליך, האָט זשאן בערטהאָ געענטפערט, זעהסט דוא דען ניט, אז אין פיעלע ערטער זיינען דיא שטיקער אייז אזוי אָנגעוואָרפען איינער אויף דעם אנדערען, אז זיי בילדען א וואנד, וועלכע מען קען ניט אריבער־געהן? מיר טאָרען ניט ריזיקירען צופיעל. מיר מוזען צוריקגעהן מיט דער יבשה.

עס איז שפּעט געוואָרען. זיי האָבען מורא געהאט צו געהן ביי נאכט. זיי זיינען אראָבגעגאנגען פון דעם בארג, האָבען אויסגעזוכט א פלאץ אונטער'ן בארג, וועלכער איז געווען גאנץ פריי פון שנעע און זיי האָבען זיך געלעגט שלאָפען אויף'ן ווייכען זאמד.

— מען וועט אונז גאָר ניט גלויבען, אז מיר האָבען איבערגענעכטיגט אין גרענלאנד אויף ווייכען, ווייסען זאמד, האָט פענעלאָן געזאָגט.

— ווער ווייס, וואָס פאר א וואונדער עס געפינען זיך נאָך אין דיעזען וואונ־דערלאנד, האָט זשאן בערטהאָ בעמערקט. מען גלויבט, אז אין דיעזע גע־גענדען איז אלעס טויט, זאָגאר דיא נאטור איז אויסגעשטאָרבען. דאָס איז אָבער ניט וואהר. "רייך אין לעבען איז דיא נאטור", זינגט א גרויסער דיכטער. ווער ווייסט אויב דיא "פראן" מיט מיין זוהן האָבען ניט געפונען אזא שטילען, רוהיגען, ווארימען פלאץ, וואו זיי ווינטערען איבער? ווער ווייס, אויב עס גע־פינען זיך ניט נאָך בעסערע, נאָך ווארימערע ווינקעלעך אין דיעזען וואונדער־לאנד, וואו מען קען פערברענגען עטליכע ווינטערען? אלעס איז מעגליך, זאָ־גאר דאָס אונמעגליכע פאר אונז, איינפאכע מענשען.

דיא נאכט איז פערגאנגען שטיל און רוהיג. גאנץ פריה איז מען אויפגע־שטאנען און מען איז געגאנגען צוריק צו דער שיף.

— איך וואָלט קיין מאָל ניט געגלויבט, אז אין אזעלכע קאלטע און טרויעריגע געגענדען, זאָלען פארקומען אזעלכע שעהנע, מען קען זאָגען, ווארימע טעג, האָט פענעלאָן בעמערקט, איך האָב גערעכענט, אז אין דיא היעגע געגענדען הערשען שטענדיג שנעע־שטורעמס, נעבעל און וואָלקען.

פארנאכט איז מען צוגעקומען צו דעמזעלבען אָרט, וואו מען האָט איבער־גענעכטיגט מיט א נאכט פריהער. עס איז לייכט געווען צו דערקענען דעם פלאץ. מען האָט געקענט זעהען אין דעם שנעע גאנץ דייטליך דעם שפור, וואו יעדער איז געשלאָפען.

אלע זיינען געווען זעהר מיעד און זעהר הונגעריג. זיי האָבען אויפגעגעסען זייער לעצטעס שטיקעל ברויט און זייער לעצטעס שטיקעל פלייש. אלע זיינען געבליעבען הונגעריג. זיי האָבען זיך ווידער אויסגעבעט אין שנעע און האָבען זיך געלעגט שלאָפען.

פענעלאָן איז צוואר אויך געווען זעהר מיעד, אָבער ער האָט עפעס דיעזע נאכט ניט געקענט שלאָפען. ער האָט אָבגעדעקט זיין געזיכט און האָט געקוקט אויף'ן הימעל, וואו עס האָבען געפינקעלט דיא אייביגע שטערען.

פלוצלונג האָט ער דערהערט עפעס קנאקען, טראכען און ציטערען.

— וואָס איז דאָס? דונערט עס? — דאָס איז דאָך אונמעגליך אין דיע־זער געגענד.

ער האָט זיך צוגעהערט אייניגע מינוט. עס קנאקט ווידער. ער האָט אויפ־געוועקט זשאן בערטהאָ און האָט איהם געפרעגט:

— וואָס זאָל עס זיין? פון וואנען קומט דער לארם?

זשאן בערטהאָ איז אויפגעשפרונגען.

— איך האָב מורא, אז דאָס זיינען אייז־בערען, וועלכע זיינען געקומען אונז מאכען א בעזוך, האָט פענעלאָן געזאָגט.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אויפגעשפרונגען, האָט געכאפט זיין ביקס און איז ארויפגעלאָפען אויף דעם גרויסען שטיק אייז, אונטער וועלכען זיי זיינען געשלאָפען.

— אייז־בערען? האָט געזאָגט צו זיך אליין זשאן בערטהאָ, מיר האָבען ביז אהער נאָך קיין אייז־בער ניט געזעהען.

— פריהער אָדער שפעטער וועלען מיר דאָך מוזען מאכען דיא בעקאנט־שאפט מיט דיא הערען אייז־בערען, האָט פענעלאָן געשפאסט, אלזאָ לאָמיר זיך פאָרבערייטען זיי אויפצונעהמען וויא עס קומט זיי. אפילו דיא בעקאנטשאפט פון אן אייז־בער איז א גאנץ גוטע זאך אין דיא געגענדען ארום נאָרדפאָל.

זשאַן בערטהאַ איז צוגעקומען צו איהם און האָט זיך געשטעלט מיט זיין ביקס, בערייט צו שיסען אויף דיא אייז־בערען.

— אלע זאָלען אויפשטעהן און אָנגרייטען זייערע ביקסען, האָט ער קאָמאנדירט.

קוים האָבען זיך אלע געכאפּט פאר זייערע ביקסען, האָט עס ווידער אָנגעהויבען צו קראַכען און צו ציטערען.

— אן ערדציטערנים! האָט אויסגערופען אנדרעע וואסעל.

— ניין! אן אייזציטערנים! האָט געשריען זשאַן בערטהאַ.

— וואסער! האָט געשריען איינער פון דיא מאטראָזען. איך בין אריינגעפאלען אין וואסער!

— שנעל צו מיר! — האָט געשריען זשאַן בערטהאַ. צו מיר, וואסעל! צו מיר, קאדלען! צו מיר, טאַרקיע!

מען האָט קוים געקענט הערען זיין שטימע, אזוי שטארק האָט עס געדונערט, געקראַכט, גערוישט און געציטערט.

— וואו זייט איהר, וואסעל?

— אָט בין איך.

— און וואו זייט איהר, טאַרקיע?

— אָט בין איך.

— און איהר, קאדלען?

— איך בין דאָ, אָבער איך זעה, אז מיר זיינען פערלאָרען.

— פון וואנען ווייסט איהר עס?

— מיר האָבען גערעכענט, אז מיר שלאָפען אויף דער יבשה, אויף א פעסטען לאנד, מיר זיינען אָבער געשלאָפען אויף דעם אייז פון דעם מעער און דאָס אייז איז געבראָכען. מיר זיינען פערלאָרען.

— ניין! מיר זיינען גערעטעט! האָט זשאַן בערטהאַ אויסגערופען. אלע צו מיר!

ער האָט גוט פערשטאנען, אין וואָס פאר א טרויעריגע לאגע ער מיט זיינע מענשען געפינען זיך, ער האָט אָבער געוואָלט זיי געבען מוטה אום אויסצוהאלטען ביז מאָרגען אין דער פריה, ביז זיי וועלען קענען זעהן, וואו זיי זיינען ערגעץ אין דער וועלט.

עס האָט געקנאקט און געציטערט נעגען צוויי מינוט. יעדער האָט געמוזט זיך אָנהאלטען מיט ביידע הענד אָן דעם גרויסען שטיק אייז, אויף וועלכען זיי זיינען יעצט געשטאנען. יעדער האָט געוואוסט, אז קוים לאָזט ער אָפּ דאָס שטיק אייז, פאלט ער אריין אין א נאסען קאלטען קבר.

קיינער האָט מעהר ניט גערעדט א וואָרט. יעדער איז געווען בעשעפטיגט

פאר זיך. עס איז געווען אזוי פינסטער, אז מען האָט ניט געקענט זעהען צעהן שריט ווייט פון זיך.

ערשט ווען עס האָבען זיך געוויעזען דיא ערשטע שטראהלען פון דעם יונגען טאָג, האָבען זיי געקענט זעהען, וואו זיי געפינען זיך ערגעץ אין דער וועלט.

עס איז געווען א טרויעריג בילד. דאָס גאנצע גרויסע שטיק אייז פעלד איז צובראָכען, צושטיקעלט געוואָרען פון א מעער ציטערניס. דיא פיער רייזענדע האָבען זיך געפונען אויף א גרויסער שטיק אייז פון עטליכע הונדערט פוס דיא ברייט און דיא לענג. ארום זיי זיינען געשוואומען גרעסערע און קלענערע שטיקער אייז. פון צייט צו צייט פלעגט א גרויסע און מעכטיגע וועללע אוועקטרייבען דיא שטיקער אייז איינס פון דעם אנדערען און דיא פיער אונגליקליכע מענשען־קינדער זיינען געבליעבען אליין אויף אן אייז אינזעל. באלד אָבער פלעגט קומען א צווייטע וועללע און האָט צונויפגעבראכט דיא שטיקער אייז, זיי האָבען זיך דאן אָנגעשלאָגען איינס אָן דעם אנדערען און דיא אָרימע פיער מענשען האָבען געמוזט זיך אָנכאפען אָן אייז, זיי זאָלען ניט אריינפאלען אין וואסער.

— מיר זיינען פערלאָרען, האָט דער מאטראָז טאָרקיע געמורמעלט פאר זיך.

— ניין! מיר זיינען גערעטעט! האָט אויסגערופען פענעלאָן. אָט איז אונזער שיף!

— אָט איז דיא "שעהנע ראָזא"! האָבען אלע פיער אויסגערופען פול פרייד.

דאָס אייז ארום דער שיף איז געבראָכען און דער ווינד האָט זיא יעצט געטריעבען צום דעם פלאץ, וואו דיא פיער רייזענדע האָבען זיך געפונען.

דיא מאטראָזען, וועלכע זיינען געבליבען אויף דער שיף, האָבען אין דער צייט, וואָס זיי האָבען געקעמפפט מיט דיא אייזבערג, זיך אויסגעלערנט צו געברויכען דיא אייז שטאנגען און זיי האָבען יעצט געוויעזען, וואָס זיי קענען. אלע זיינען געשטאנען אויף׳ן דעק און האָבען אָבגעשטויסען א צו גרויסע שטיק אייז, וועלכעס האָט געדראָהט צו קומען צו נאָהענט. זאָגאר ראָזא איז געשטאַנען מיט אן אייז שטאנג אין דער האנד און האָט געארבייט מיט אלע איהרע קרעפטען.

— אָט זיינען זיי! האָט מען אָנגעהויבען צו שרייען פון דער שיף.

נאָך פיעל שוויעריגקייטען און אלערליי געפאהרען זיינען דיא פיער רייזענדע צוגעקומען צו דער שיף. עס איז קוים מעגליך צו בעשרייבען, מיט וואָס פאר א פרייד מען האָט זיי אויפגענומען.

ווען מען האָט זיך אביסעל אָבגערוהט און אָבגעגעסען עפּעס ווארימעס, האָט מען אָנגעהויבען אונטערצוזוכען דיא שיף. זיא האָט ניט פיעל געליטען פון

דער אייזציטערניס, אָבער דאָס אייז האָט צובראָכען דעם רודער. א שיף אָהן א רודער איז שווער צו פיהרען.

7טעם קאפיטעל.

ווינטערען אין שנעע און אייז

מען האָט גערעכענט, אז דער ווינד וועט צוטרייבען דיא שיף צו יענעם בארג, וואו זיא וועט קענען זיין בעשיצט געגען דיא שרעקליך קאלטע נאָרד ווינ־דען. אויף דעם אייז מעער אָבער קען מען אויף קיין זאך ניט רעכענען מיט געוויסהייט. עס קומען פאָר יעדען טאָג און אָפט אויך יעדע שטונדע אזעלכע וואונדער, אזעלכע איבערראשונגען, וועלכע דער מענשליכער פערשטאנד קען גאָר ניט פאָראויסזעהען און פאָראויס בערעכענען. דיא נאטור לאָזט זיך ניט אזוי לייכט איינצוימען און איינציגלען ביים אייז מעער, וויא אין ווארימע געגענדען.

איינס אָבער האָבען אונזערע רייזענדע געוואונען פון דער אייזציטערניס, עס האָט צוגעטריבען דיא שיף צו א ברעג, צו פעסטעם לאנד. יעצט ווייניג־סטענס האָבען זיי שוין געוואוסט, וואו זייער שיף שטעהט און וואו זיא וועט מוזען איבערווינטערען, דאָס הייסט, בלייבען שטעהן אויף זעקס־זיעבען מאָ־נאטען, אזוי דויערט דער שטרענגער ווינטער אין יענע געגענדען.

קוים האָט מען זיך אָנגעווארעמט, אָנגעגעסען און אָבגערוהט, האָט מען אָנגעהויבען צו מאכען אַלע נויטהיגע פאָרבערייטונגען פאר'ן ווינטער. שוין דעם אנדערען טאָג איז דאָס אייז ווידער פערפראָרען געוואָרען. יעצט האָט מען גע־מוזט פעסט פעראנקערען דיא שיף און זיא בעוואָרענען, זיא זאָל ניט צובראָכען ווערען פון דעם אייז. עס איז א נאטור געזעץ, אז ווען וואסער ווערט פערפראָ־רען, ציהט עס זיך אויס, ווערט עס גרעסער. דאָס איז דיא אורזאכע, ווארום ווען מען שטעלט ארויס א גוט פערקאָרקטע פלאש מיט וואסער אין א פראָסט, פלאצט דיא פלאש. דאָס וואסער ווערט פערפראָרען, עס ווערט גרעסער און עס צוברעכט דיא פלאש. מיט א שיף קומט אויך פאָר דאָס זעלבע. ווען עס ווערט שטארק איינגעפראָרען אין אייז, דריקט דאָס אייז אויף דיא ווענד פון דער שיף און ברעכט זיי. דיא מאטראָזען, וועלכע פאָהרען אויף דעם אייז מעער, ווייסען עס גאנץ גוט און זיי האקען ארום דאָס אייז ביי דיא ווענד פון דער שיף.

אום צו האָבען מעהר ווארימקייט אין דער שיף האָבען זיי צונומען אַלע ווענטלעך פון דיא קאיוטען. דיא גאנצע שיף האָט יעצט געבילדעט איין גרויסען זאאל. דער אויוון פון דער קיך איז געשטאנען אין איין עק פון דעם זאאל און א צווייטען אייזערנעם אויוון האָט מען געשטעלט אין דער אנדערער ענדע פון דעם זאאל. דיעזע ביידע אויוונס האָבען געגעבען גענוג ווארימקייט פאר דעם

זאאל און מען האַט געקענט אין איהם שלאָפען אנגענעהם, ווען מען איז געווען גוט איינגעדעקט מיט פעלצען. אום צו מאכען זיי זאָל נאָך ווארימער זיין, האַט מען ארומגעלעגט דיא ווענד פון דער שיף מיט שנעע. שנעע לאָזט ניט ארויס. ווארימקייט פון א זאך און דארום זאָגט מען, אז שנעע ווארימט. שנעע ווארימט אויס דיא ווינטער תבואות, דאָס הייסט, דער שנעע לאָזט ניט ארויס דיא ווארימקייט פון דער ערד און דיא יונגע פלאנצען האלטען אויס דיא שטארק־סטע פרעסט. דער שנעע אליין ווארימט ניט, ער לאָזט אָבער ניט דורך דיא ווארימקייט.

אום צו מאכען מעהר פלאץ אין דער שיף האָט מען ארויסגענומען אלע לעבענס־מיטעל און מען האָט זיי אויסגעלייגט אויף׳ן ברעג אין א קאמער פון שנעע. דאָרט זיינען זיי געווען זיכערער און בעוואָרענטער וויא אויף דער שיף.

אלע האָבען געארבייט פלייסיג. אויך ראָזא האָט ניט געוואָלט זיצען ליידיג. אויך זיא האָט געארבייט גלייך מיט אלע מאטראָזען.

זשאן בערטהאַ האָט ענדליך דערזעהען, וויא אנדרעע וואסעל זוכט אלע מעגליכע געלעגענהייטען צו זיין אליין מיט זיין ניכטע, צו רעדען צו איהר, ארומצוגעהן מיט איהר און איהר צו העלפען, פענעלאָן אָבער האָט געוואכט וויא א גוטער וואכט הונד. ער פלעגט ארויסשפּרינגען, וויא פון אונטער דער ערד, ווען וואסעל פלעגט אָנהויבען צו רעדען צו ראָזא׳ן.

— וואָס זאָל דאָס הייסען? האָט זשאן בערטהאַ גערעדט צו זיך אליין, איז ער פערליעבט אין איהר? איז ער פיעלייכט שולדיג אין דעם, וואָס מיין זוהן איז פערשוואונדען געוואָרען?

דיעזער געדאנק פלעגט קרענקען דעם אלטען מאַן. זאָ לאנג ער האָט גע־גלויבט, אז זיין זוהן איז פערשוואונדען געוואָרען דורך א צופאל, האָט ער זיך געטרייסט מיט דעם געדאנק, אז אויף׳ן מעער קענען פּאַרקומען אלערליי אונגליקספעלע, אָבער אז א שלעכטער מענש איז געווען דיא אורזאכע פון זיין זוהן׳ס פערשווינדען אָדער זאָגאר פון זיין טויט, איז פאר איהם געווען א גיים־טיגער מארטער.

דאָס ערגסטע פאר דעם אלטען איז געווען, וואָס ער האָט געזעהען, אז צווי־שען אנדרעע וואסעל און פענעלאָן קומט פאָר א מיסטעריעזע און זאָגאר א פיינד־שאפט. עס קען אלזאָ פּאַרקומען, אז זיינע מאטראָזען זאָלען זיך דורכדעם צור־קריעגען און איהם שטערען אין זיין הויפּט צוועק — צו זוכען זיין פערלאָרענעם זוהן.

אונטערדעסען האָבען אלע געמוזט ארביימען שווער.

דעם 25טען סעפּטעמבער איז דער טאָג שוין געווען אזוי קליין, אז דיא זון איז אויפגעגאנגען, האָט זיך געוויעזען נעגען א שטונדע אויף׳ן הימעל און איז באלד אונטערגעגאנגען. אלע האָבען געוואוסט, אז באלד וועט זיך אָנהויבען

דיא לאנגע און שווערע ווינטער נאכט, וועלכע געדויערט אין יענע געגענדען מעהר אלס פינף מאָנאטען.

מען האָט געמוזט אַרבייטען ביי נאכט. ווען דער הימעל איז געוועזן לויטער, האָט דיא לבנה געשיינט אזוי העל, אז מען האָט געקענט ארבייטען פאר איהר שיין. ווען דער הימעל פלעגט אָבער זיין בעדעקט מיט וואָלקען, דאן איז עס געוואָרען אזוי פינסטער, אז מען פלעגט מוזען זיך צונויפקומען אין שיף און וואַרטען ביז עס וועט זיך אויסלייטערען.

דאָס איז געוועזן דיא טרויעריגסטע צייט. געזונדע, קרעפטיגע מענער, וועל־כע ווילען עפּעס טהאָן, מוזען זיצען ליידיג, ווייל עס איז אונמעגליך ארוים־צוגעהן אויף דיא פרייע לופט.

— וואָלטען וועניגסטענס געקומען א פּאָאר אייז־בערען! האָט אמאָל אויס־גערופען א מאטראָז.

— ווארט! מיר וועלען נאָך האָבען אייז־בערען אויך, האָט פּענעלאָן גע־ענטפערט.

— אָבער וואו זיינען זיי יעצט? פאר וואָס קומען זיי ניט אונז בעזור־כען?

— יעצט האָט נאָך דער אייז־בער גענוג וואָס צו פרעסען. אין פיעלע ער־טער איז דאָס אייז נאָך ניט שטארק פערפראָרען און עס קריכט ארוים פון מעער א ים־הונד, א וואלפיש, א ים־עלעפאנט, וועלכע דיא אייז־בערען פאנ־גען. אביסעל שפּעטער, ווען דער אייז־בער וועט ניט האָבען וואָס צו פרעסען, וועט ער אָנהויבען צו זוכען און ער וועט אונז שוין אויסגעפינען.

וואָלט דאָס וועטער געווען בעסער, וואָלטען זיי געקענט ענדיגען אלע פאָר־בערייטונגען פאר דעם ווינטער און אָנהויבען צו דענקען פון זייער הויפּט צוועק, זוכען לואיס בערטהאָ, אָבער סעפּטעמבער איז דער ערגסטער און דער שרעק־ליכסטער מאָנאט אין יענע געגענדען. דער הימעל איז בעדעקט מיט שווערע שווארצע וואָלקען און עס קומען פאָר זעהר אָפט שטורמווינדען, וועלכע דויערען עטליכע טעג נאָכאנאנד.

אם מייסטען האָט געליטען פון דיעזען שרעקליכען וועטער דיא אָרימע ראָזא. זיא פלעגט ניט קענען ארויסגעהן זאגאר אויף׳ן דעק פון דער שיף און זיא פלעגט פערברענגען איהר צייט מיט לעזען און מיט ארבייטען אין דער קיך און אין איהר אָנקעל׳ס קאיוטע. זיי האָבען געהאט גענוג פעל פון טהיערע און ראָזא האָט זיך אויסגעלערנט צו שניידערען.

דיא פאָרבערייטונגען פאר דעם ווינטער האָבען דארום געדויערט לענגער וויא מען האָט גערעכענט. ענדליך אָבער איז מען דערמיט אויך פערטיג געוואָרען.

יעצט האָט מען געדארפט דענקען פון דעם הויפּט צוועק פון זייער רייזע.

8טעם קאפיטעל.

פאַרשונגען אין שנעע און אין אייז

ערשט דעם 9טען אָקטאָבער האָט זיך דער הימעל אין גאנצען אויסגעלייטערט. דיא זון האָט זיך שוין מעהר ניט געוויעזען, עס האָט זיך אָנגעהויבען דיא לאנגע ווינטער נאכט.

זשאן בערטהאָ האָט צונויפגערופען אלע זיינע מענשען און האָט אָבגעהאלטען מיט זיי א בעראטהונג, וואָס זיי זאָלען טהאָן און וויא אזוי זיי זאָלען געהן פאָרשען, וואו דיא "פראן" איז געבליעבען און אויב לואיס בערטהאָ לעבט נאָך.

ער האָט אויסגעשפרייט א גרויסע מעער קארטע אויף זיין טיש און האָט געוויעזען אלעמען, וואו זיי געפינען זיך יעצט און וואו זיי דארפען זוכען דעם פערלאָרענעם.

— בעטראכט דיא קארטע, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט, זיא איז אויסגעארבייט געוואָרען פון דיא גרעסטע רייזענדע און פאָרשער פון דעם נאָרדפאָל: זשאן און דזשיימס ראָס, סער דזשאן פריינקלין, קאפיטאן מעק קלינטאָק, קאפיטאן סמיטה, פאַרבס, בוטשי און אנדערע. זיא איז אלזאָ ריכטיג. אויף א שטרעקע פון 500 מייל פון גרענלאנד ווייטער צום נאָרד פאָל געפינט זיך נור איין איינציגער, ניט זעהר גרויסער אינזעל, וועלכער הייסט שאנאָן, נאָך דעם נאָמען פון א פראנצויזישען שיפסקאפיטאן, וועלכער האָט איהם ענטדעקט און בעשריבען אין 1843. דיא פראגע איז יעצט: וואוהין האָט דער שטורם געקענט פערטרייבען דיא "פראן"? דער געזונדער מענשענפערשטאנד זאָגט, אז דער שטורם האָט זיא פערטריבען ענטוועדער צו דיא ברעגעס פון גרענלאנד אָדער צו דעם אינזעל שאנאָן. אלזאָ דארפען מיר זיא זוכען ענטוועדער מיר זאָלען געהן מיט דעם ברעג פון דעם לאנד גרענלאנד אָדער מיר זאָלען געהן אויף'ן אייז צו דעם אינזעל שאנאָן. עס איז א רייזע פון אונגעפעהר 100 מייל. יעצט אין אָקטאָבער און נאָוועמבער איז דאָס מעער שטארק פערפראָרען און מיר קענען געהן אויף'ן אייז. אין דעצעמבער ווערט דיא קעלט אזוי שטארק, אז עס ווערט געפעהרליך צו בלייבען אין דרויסען. אין יאנואר קומט אמאָל אָן א ווארימער ווינד, וועלכער ברעכט אויף דאָס אייז. אלזאָ וואָס זאָלען מיר טהאָן?

— איך דענק, אז מיר זאָלען געהן מיט דיא ברעגעס פון גרענלאנד, האָט אנדרעע וואסעל געזאָגט. ערשטענס, עס איז פיעל זיכערער צו געהן אויף פעסטעם לאנד, וויא אויף א פערפראָרענעם מעער. צווייטענס, מיר קענען בעגעגענען עסקימאָסען, וועלכע וועלען אונז פיליכט געבען אויסקונפט איבער דיא "פראן". דריטענס, ביי דיא ברעגעס פון גרענלאנד קענען מיר לייכטער קריעגען

לעבענס מיטעל. מיר וועלען פיעלייכט שיסען אן אייז־בער, א זעע־הונד אָדער פיעלייכט זאָגאר א מוסק אָקס. אויף'ן מעער האָבען מיר גאָר ניט צו ערוואַרטען.

— איהר האָט פיעלייכט רעכט, הערר וואסעל, האָט פענעלאָן געזאָגט. פערגעסט אָבער ניט, אז דיא ברעגעס פון גרענלאַנד זיינען 500 מייל לאנג און ביז צו דעם אינזעל שאנאָן האָבען מיר נור 100 מייל. איך גלויב, אז דער אינזעל שאנאָן איז אויך בעוואוינט פון עסקימאָסען און ארום דעם אינזעל שאנאָן קענען מיר אויך געפינען אייניגע טהיערע, וועלכע מיר קענען געברויכען אלס לעבענס מיטעל. מיין פּלאַן איז, אז צו ערשט זאָלען מיר געהן זוכען אונזער פערלאָרענעס אויף דעם אינזעל שאנאָן; ווען מיר וועלען דאָרט קיין שפּור פון איהם געפינען, וועלען מיר צוריק קומען און אָנהויבען צו זוכען ביי דיא ברעגעס פון גרענלאַנד. דאָס קענען מיר דאָך קיין מאָל ניט פערזאמען. זאָגאר ווען עס וועלען אָנקומען אין יאנואר ווארימע ווינטען, וועלען מיר קענען געהן ביי דיא ברעגעס פון גרענלאַנד, ווייל מיר וועלען דאן זיין אויף פעסטעם לאַנד.

זשאן בערטהאָ האָט געלאָזען יעדען מאטראָז זיך אויסרעדען און ארויסזאָגען זיין מיינונג, און יעדער האָט געזאָגט, וואָס ער האָט פערשטאנען.

ווען יעדער האָט ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, האָט זשאן בערטהאָ אלס שיפס־קאַפּיטאַן געזאָגט:

— פענעלאָן האָט רעכט. קוקט אייך צו צו דער מעער קאַרטע. ווען א שטורם טרייבט א שיף אָהן א רודער, טרייבט ער זיא אין א גלייכער ליניע און דיא גלייכע ליניע פון דעם מאלסטראָם נאָך נאָרדען פיהרט צו דעם אינזעל שאנאָן. יעצט איז דיא בעסטע צייט צו געהן צו דיעזען אינזעל. דאָס וועטער איז אין דיעזער צייט געוועהנליך שעהן, דאָס הייסט, עס קומען פאָר זעלטען שטורמווינדען און גרויסע שנעען. ווען מיר זאָלען קענען ארויסגעהן דעם 20טען אָקטאָבער פון דאנען, וועלען מיר אָנקומען אויף דעם אינזעל שאנאָן דעם 5טען, לאָמיר זאָגען דעם 10טען נאָוועמבער. מיר וועלען דאן האָבען גענוג צייט צו זוכען און צוריק צו קומען פאר יאנואר.

זשאן בערטהאָ איז געווען אן ערפאהרענער שיפסקאַפּיטאן. ער האָט אייניגע מאָל בערייזט דיעזע געגענדען און האָט גוט געקענט דאָס קלימאט און דיא פערהעלטניסע פון דיעזע געגענדען.

מען האָט נאָך גערעדט א שטיק צייט. וואסעל האָט זיך געגעבען אלע מעגליכע מיה צו בעווייזען, אז מען דארף זוכען דיא "פראַן" אין גרענלאַנד, עס איז אָבער געבליעבען, וויא זשאן בערטהאָ האָט בעשלאָסען.

— און ראָזא? האָט פּלוצלונג געפרעגט פענעלאָן. וואו וועט בלייבען ראָזא?

זשאן בערטהאָ איז בלייך געוואָרען. איהם איז ביז אהער ניט איינגעפאלען צו דענקען, וואו עס וועט בלייבען זיין געליעבטע ניכטע.

— איך וועל געהן מיט אייך, האָט ראָזא זיך אָבגערופען. איך וויל ניט בלייבען אליין אויף דער שיף. איך וויל אויך געהן זוכען מיין לואיס.

זשאן בערטהאָ האָט אָנפאנגס פרובירט זיא צוריק צו האלטען.

— א רייזע אויף דעם פערפראָרענעם אייז־מעער איז ניט פאר א יונגעס מעדכען, האָט ער געזאָגט.

— ווארום? האָט ראָזא אויסגערופען, איהר שטאָלצע מענער דענקט אי־מער, אז א פרוי דארף נור זיצען ביים אויווען און שטריקען זאָקען. פראנצוי־זישע פרויען האָבען שוין ניט איין מאָל בעוויזען, אז זיי זיינען אזוי שטארק, וויא דיא מענער. פערגעסט ניט זשאן ד'ארק, וועלכע האָט געוואונען שלאכטען, שארלאטע קאָרדעי, מאדאם ראָלאן און פיעלע אנדערע העלדען פרויען. איך בין אזוי שטארק, וויא איהר אלע. איך געה זוכען מיין געליעבטען און איך קען איבערטראָגען אלע געפאהרען פון א רייזע אויף דעם אייז מעער.

דיא מענער האָבען געשוויגען. ווען א מוטהיגע פרוי רעדט, מוזען דיא מע־נער שווייגען.

יעצט האָט מען אָנגעהויבען זיך פּאָרצובערייטען צו דער רייזע. אזוי וויא זשאן בערטהאָ האָט געקויפט אויף דעם אינזעל ליווערפול א שליטען מיט זעקס פּאָאר עסקימאָסען הינט, האָט מען יעצט ארויסגענומען דעם שליטען און מען האָט אָנגעהויבען צו בעטראכטען, וואָס מען קען מאכען מיט איהם.

אלס פּראקטישער שיפסקאפּיטאן האָט זשאן בערטהאָ גענומען א בויגען פּאפּיער און א בלייפעדער און האָט אָנגעהויבען אויסצורעכענען, וויא פיעל פונט פּראָוויאנט א מענש דארף האָבען א טאָג. זיין פּלאן איז געווען גאנץ איינפאך. זיי אליין זאָלען געהען צופוס. דיא לעבענס מיטעל און דיא אנדערע זאכען, וועלכע מען מוז האָבען אויף אזא לאנגע רייזע, זאָלען זיי ארויפלייגען אויף'ן שליטען. דיא פראגע איז אלזאָ געווען, וויפיעל פונט קענען שלעפּען 12 הינט?

דאָס איז ניט שווער געווען אויסצוגעפינען. מען האָט אָנגעלאָדען דעם שלי־טען מיט זאכען, וועלכע מען האָט פריהער גענוי אָבגעוואויגען און מען האָט אויסגעפונען, אז אויף א גלייכען, גוטען וועג, אויף הארטען שנעע, קענען דיא 12 הינט שלעפּען ביז 700 פונט. וועט מען אָבער דארפען שלעפּען מעהר פון 700 פונט, וועלען שוין דיא מענשען מוזען מיטהעלפען שלעפּען דעם שליטען.

— וואָס וועט אָבער זיין, ווען ראָזא וועט מיעד ווערען און מען וועט דאר־פען זיא ארויפזעצען אויף'ן שליטען? האָט פּענעלאָן געפרעגט.

— דוא האָסט רעכט, פּענעלאָן, מיר מוזען דאן רעכענען, אז אויף דעם שליטען זאָל ארויפגעהען נור 600 פונט משא, דאָס איבריגע וועט יעדער מוזען טראָגען אויף דיא פּלייצעס.

דיעזער פּלאַן איז געפּעלען אַלע מאַטראָזען און זיי האָבען זיך גענומען פלייסיג צו דער ארבייט. דער שליטען איז אָבער געווען צו קורץ פאר אַלע זאכען, וועלכע מען האָט געדארפט אָנפּאַקען אויף איהם. מען האָט געמוזט איהם לענגער מאַכען. דאָס האָט געטהאָן מיזאָן, דער צימערמאַן פון דער שיף.

מען האָט מיטגענומען א קליינעם אייזערנעם אויוועלע, אויף וועלכען מען זאָל קענען קאָכען יעדען טאָג טהעע אָדער קאַפּע. אזוי וויא עס איז געווען אונמעגליך מיטצושלעפּען קויהלען, האָט מען מיטגענומען א קליין פּעסעלע ריינעם אַלקאָהאָל מיט א ספּיריטוס לאָמפּ, מען זאָל ארויפשטעלען דעם טהעע קעסעל אויף דעם ספּיריטוס לאָמפּ. מען האָט מיטגענומען פּעמיקאַן אָדער געטריקענטעס און צומאַהלענעס פלייש. מען האָט מיטגענומען שיפס צוויבאַק און דיא נויטהווענדיגסטע לעבענס מיטעל.

וויא לייכט און וויא איינפאַך עס ווייזען זיך אויס דיעזע פּאָרבערייטונגען, האָט עס דאָך געדויערט גאַנצע צעהן טעג, ביז מען איז אין גאַנצען פערטיג געוואָרען צו דער גרויסער רייזע.

זשאַן בערטהאָ האָט גוט געוואוסט, אז אויף אזא רייזע איז יעדע קלייניגקייט זעהר וויכטיג. אויף דער גרויסער וויסטע פון שנעע און אייז אויף דעם אייז מעער מוז מען זיין פיעל פּאָרזיכטיגער, וויא אויף דיא גרויסע וויסטעניסען אין אזיען און אפריקא.

פּענעלאָן, וועלכער האָט זיך בעזאָנדערס געזאָרגט פאר זיין ליעבלינג ראָזא, האָט געמאַכט פון לייווענד און דראָטה א סאָרט געצעלט אָדער דאַך איבערן קאָפּ. ווען ראָזא וועט מיעד ווערען געהענדיג און זיא וועט וועלען זיך זעצען אָברוהען אויף'ן שליטען, זאָל זיא זיצען אונטער דעם לייווענטענעם געצעלט.

דעם 20טען אָקטאָבער זיינען זיי פערטיג געוואָרען מיט זייערע פּאָרבערייטונגען.

דאָס וועטער איז געווען שעהן, דער הימעל קלאָר, לויטער, בלוי און דורכזיכטיג. זיי האָבען נור וואָס אָבגעגעסען זייער אבענד־עסען און האָבען געוואָלט זיך לעגען שלאָפען, ווען איינער פון דיא מאַטראָזען האָט אויסגערופען:

— פייער! ערגעץ ברענט!

אַלע זיינען ארויסגעלאָפען אויף'ן דעק זעהען, וואו עס ברענט. וואו קען עס דען ברענען אין א לאַנד, בעדעקט מיט שנעע און אייז?

פאר זייערע אויגען האָט זיך פאָרגעשטעלט א נאַטור שפּיעל, וועלכעס לאָזט זיך קוים בעשרייבען, און ווער עס האָט עס איין מאָל געזעהען, וועט עס שוין ניט פערגעסען זיין לעבען לאַנג.

אין נאָרדען איז דער גאַנצער הימעל געוואָרען רויט וויא פייער, גליידְ וויא עס וואָלט געברענט א גאַנץ גרויסע שטאָדט. עס איז געוואָרען אזוי ליכטיג, גלייך וויא צעהן זונען וואָלטען געשיינט מיט אמאָל מיט א פּורפּור־רויטער

ליכטיגקייט. פּלוצלונג איז ארויסגעקומען א גרויסער רעגענבויגען, וועלכער האָט זיך אויסגעצויגען פון איין עק הימעל צום אנדערען. קוים האָט זיך דער רעגענ־בויגען אויסגעצויגען, איז ארויסגעקומען א צווייטער רעגענבויגען, א דריטער, א פיערטער, א צעהנטער. דיא רעגענבויגענס האָבען אָנגעהויבען זיך צו ריהרען, זיך צו דרעהען, זיך צו פלעכטען און זיך צו פערפּלאָנטערען. דערביי האָט יעדער ארויסגעוויעזען אלע מעגליכע פארבען.

דיא גרויסע, געהיימניספאָלע נאטור פון דעם נאָרדפּאָל האָט געגעבען אונזערע רייזענדע א פרייעס פייערווערק פאר זייער אָברייזע.

— דאָס איז א גוטער סימן! האָט פּענעלאָן אויסגערופען, דיא נאטור אליין ווינשט אונז גליק אויף דער רייזע.

פּענעלאָן, וויא אלע מאטראָזען, וויא אלע מענשען, וועלכע האָבען גע־מאכט לאנגע רייזען אויף'ן מעער, איז געווען זעהר אבערגלויביש. דאָס מעער מיט זיינע וואונדער לערנען דעם מענשען, אז איבער איהם איז דאָ א העכערע מאכט, א רעגיערענדע מאכט.

— וואָס איז דאָס אָבער? האָט ראָזא געפרעגט.

— דאָס איז דאָס נאָרד־ליכט אָדער, וויא דיא וויסענשאפט מענער רופען עס, אויראָרא בארעאליס, דיא מאָרגען רויטקייט פון דעם נאָרדפּאָל, האָט זשאן בערטהאָ ערקלערט. אין פראנקרייך און אין אלע זיד לענדער פון אייראָפּא זעהט מען עס קיין מאָל ניט. אין נאָרד רוסלאנד, אין שוועדען, אין נאָרוועגיען און אין לאפּלאנד זעהט מען עס, ווען עס איז זעהר שטארק. אין זיין גאנצער שעהנ־הייט זעהט מען עס נור אין דיא לענדער ביים נאָרדפּאָל.

— זעהט מען עס אָפט? האָט ראָזא ווייטער געפרעגט.

— וויא אמאָל. עס מאכט זיך א ווינטער, אין וועלכען מען זעהט דיא אויראָרא בארעאליס איין מאָל אין 29 שטונדען. אמאָל זעהט מען זיא איין מאָל אין א וואָך און אמאָל נור צוויי־דריי מאָל אין א מאָנאט.

— וואָס איז אָבער דיא אורזאכע פון דיעזער וואונדער־ערשיינונג? האָט דיא נייגיעריגע ראָזא ווייטער געפרעגט.

— דאָס קען איך דיר ניט ערקלערען, מיין קינד, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט. מיר דאכט, אז קיינער ווייס עס נאָך ניט, קיינער פערשטעהט עס נאָך ניט. מען זאָגט, אז דאָס קומט פון דער ערד עלעקטריציטעט, אָבער קיינער האָט עס ניט בעוויעזען. און צו וואָס זאָלען מיר זיך אויף ברעכען דיא קעפּ עס צו פערשטעט־הען? דיא גאנצע נאטור איז פול מיט וואונדער, וועלכע מיר פערשטעהען ניט. מיר זיינען שוין אזוי געוואוינט צו זיי, אז עס ווייזט זיך אויס, אז דאָס איז גאָר קיין וואונדער ניט.

דאָס זאָנדערבארע פייערווערק האָט געדויערט ביי דריי שטונדען. דאן זיי־נען דיא רעגענבויגענס פערשוואונדען געוואָרען, דער הימעל איז געוואָרען בלאַ־

סער און בלאסער און ענדליך איז דיא נאכט וויעדער געוואָרען פינסטער, דיא פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיגט.

9טעס קאפיטעל.

ליידען און שמערצען

דעם 21טען אָקטאָבער גאנץ פריה האָט מען אָבגעגעסען און זיך געלאָזט אויף דער וויטער רייזע.

ווען איך זאָג גאנץ פריה, מיין איך אויף דעם גרויסען זייגער פון דער שיף, ווייל אין דער לאנגער ווינטער נאכט פון יענע געגענדען ווייס מען ניט, ווען עס איז פריה און ווען עס איז שפעט. פינף מאָנאטען נאָכאנאנד דויערט דיא נאכט. דיא איינציגע בעלייכטונג איז דיא אויראָרא בארעאלים מיט איהר זאָנדער מאָנד, וועלכער שיינט פיערצעהן טעג נאָכאנאנד און בעלייכטעט דיא געגענד מיט זיין קלאָהרען, זילבער־ווייסען ליכט און פון צייט צו צייט ווייזען זיך דערביי וואונדער־פייערווערק. ווער עס רייזט אין יענע געגענדען, מוז געננוי קוקען אויף דיא אוהר און נאָך יעדע 24 שטונדען פערשרייבען, אז א טאָג איז פאָראיבער.

דער 21טער אָקטאָבער איז געווען א בעזאָנדערס שעהנער טאָג. דיא לבנה האָט געשיינט העל און דער טערמאָמעטער האָט געוויעזען נור 25 גראד קעלט. אלע זיינען געווען מונטער, פרעהליך, אויפגעלעגט און אלע זיינען געגאנגען מוטהיג וויטער. דעם וועג האָט געוויעזען דער קאָמפאס, דער איינציגער ריכ־טיגער וועגווייזער אין דער גרויסער אייז וויסטע.

דער וועג איז געווען גוט, דאָס הייסט, דאָס אייז איז געווען גלאט און דיא הינט האָבען גאנץ לייכט געשלעפט דעם שווערען שליטען. צומאָל ווען מען איז געפאָהרען אראָב א בערגעל, האָט מען זאָגאר געמוזט איינהאלטען דעם שליטען, ער זאָל ניט ארויפפאלען אויף דיא הינט.

ראָזא האָט מארשירט מוטהיג גלייך מיט דיא מענער און קיינער האָט ניט געדארפט איהר העלפען אָדער זיא פיהרען. זיא האָט געטראָגען שווערע פעלץ זאָקען פון א דאָפעל פעל פון א זעע־הונד, וועלכע איז שטארק און ווארים, דאָס געהען איז געווען אנגענעהם. מען האָט זיך געפונען אויף דער פרייער, פרישער לופט און מען האָט געקענט זעהען פאר זיך דיא גרויסע וועלט פון אייז און שנעע.

דיא ערשטע זעקס שטונדען איז זיא זאָגאר געגאנגען פאָראויס אום צו זוכען דעם בעסטען וועג.

געגען מיטאָג איז מען געבליעבען שטעהן אום זיך אָבצורוהען און עפעס צו

עסען. מען האָט אראָבגענומען פון שליטען דאָס קליינע אויוועלע מיט דער ספּי־ריטוס לאָמפּ און מען האָט אָבגעקאָכט טהעע.

— דאָס איז שעהן! האָט ראָזא אויסגערופען, ווארעמען טהעע אויף דעם אייז מעער.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אז מיר וועלען האָבען א גוטע רייזע, האָט פּענעלאָן געשפּאַסט.

— ווארט! דאָס איז ערשט דער אָנפאנג, האָט אנדרעע וואסעל בעמערקט מיט א ביטערען שמייכעל, איהר ווייסט נאָך ניט, וואָס עס הייסט א רייזע אויף דעם אייז מעער.

פּענעלאָן האָט זיך צולאכט.

ווען מען האָט זיך אביסעל אויסגערוהט, איז מען ווייטער געגאנגען. מען האָט אָבגערעדט, אז מען זאָל מארשירען יעדען טאָג צעהן שטונדען, פיער שטונ־דען זאָל מען פערברענגען מיט פּאָרבערייטונגען אויף א נאכטלעגער און מיט עסען, און אכט שטונדען זאָל מען שלאָפען.

דער ערשטער טאָג איז פערגאנגען שטיל, רוהיג און כמעט אנגענעהם. אבענדס, אויף זשאן בערטהאָ'ס טאשען אוהר, האָט מען אויסגעזוכט א פּלאץ פאר א נאכט לאגער. פיעל זוכען האָט מען ניט געדארפט. מען האָט נור אויס־געזוכט א גרויסע שטיק אייז, ריכטיגער נאָך, א בערגעל פון אייז, וועלכער זאָל פערשטעלען פון דעם ביטער קאלטען נאָרד ווינד. דאן האָט מען אוועקגע־שארט פון איהם און ארום איהם דעם שנעע און מען האָט זיך געמאכט א נאכט לאגער.

פּענעלאָן האָט זיך געזאָרגט פאר זיין ליעבלינג. ער האָט אוועקגעשארט דעם שנעע פון דעם אָרט, וואו ראָזא האָט געדארפט שלאָפען, דאן האָט ער אנידערגעשטעלט דעם געצעלט פון דראָט און לייווענד, וועלכעס ער האָט געמאכט פאר איהר, און האָט איהם ארומגעדעקט מיט פעל פון זעע הינד.

ראָזא איז געשלאָפען וויא א קעניגין.

— וויא געפעלט אייך אונזער האָטעל? האָט פּענעלאָן געפרעגט אנדרעע וואסעל.

— ער וואָלט געקענט בעסער זיין, איז געווען דיא אנטוואָרט.

— ער קען גאָר בעסער ניט זיין! האָט פּענעלאָן געשפּאַסט, אלענפאלס איז ער פיעל בעסער פון דיא "האָטעל דע וואנצען", וועלכע מיר געפינען אזוי אָפט אין פּאריז, מארסעל, לאָנדאָן און ליווערפּול.

— ער האָט אָבער קיין נאָמען ניט, האָט ראָזא געשפּאַסט.

— לאָמיר איהם רופען האָטעל דע נאָרד פּאָל, האָט פּענעלאָן אויסגערופען. אזוי איז עס געבליעבען. מען האָט אויפגעשטעלט דאָס אויוועלע, אָבגעקאָכט

טהעע, געגעסען דאָס נאכט־עסען און זיך געלעגט שלאָפען אין "האָטעל דע נאָרד פאָל".

מען איז איבערגעשלאָפען דיא נאכט גאנץ בעקוועם און גאנץ רוהיג אין דעם האָטעל דע נאָרד פאָל.

אין דער פריה, דאָס הייסט, אויף זשאן בערטהאָ'ס טאשען אוהר, איז מען אויפגעשטאנען פריש און מונטער, מען האָט ווידער געקאָכט טהעע, געגעסען פריהשטיק, איינגעפאקט דיא זאכען און מען איז ווייטער געגאנגען.

— מיר האָבען פערגעסען צו בעצאָהלען פאר נאכטלעגער אין "האָטעל דע נאָרד פאָל", האָט פענעלאָן ווידער געשפאסט.

— דאָס איז דער ביליגסטער האָטעל, וועלכער איז מיר פאָרגעקומען אין מיין לעבען, האָט בעמערקט דער צימערמאן מיזאָן.

וויא מונטער און וויא פרעהליך מען איז געווען, ווען מען איז ארויסגע־גאנגען פון דעם "האָטעל דע נאָרד פאָל", האָבען דאָך דיא שארפע אויגען פון דעם אלטען ערפאהרענעם פענעלאָן בעמערקט, אז היינט געהט מען שוין ניט מעהר מיט אזא מוטה און מיט אזא פרעהליכקייט, וויא געסטערן. דער צווייטער טאָג רייזע איז שוין געווען א שווערער, א לאנגווייליגער.

געגען מיטאָג, דאָס הייסט נאָך זעקס שטונדען רייזע, איז מען געבליעבען שטעהן זיך אָברוהען און עפּעס עסען. אלע האָבען זיך שוין געפיהלט אביסעל מיעד. נאָך'ן עסען האָט מען זיך אָבגערוהט א פּאָאר שטונדען און מען איז דאן ווייטער געגאנגען.

ווען מען איז אָבגעגאנגען ביי א פיער שטונדען, האָט ראָזא געפיהלט, אז עס איז איהר שווער צו האלטען א גלייכען שריט מיט דיא מענער. זיא איז מיעד געוואָרען. פענעלאָן האָט עס פערשטאנען און האָט זיא ארויפגעזעצט אויף'ן שליטען.

לאנג זיצען האָט זיא אָבער ניט געטאָרט. אויף דעם אייז מעער מוז מען זיך בעוועגען, ארבייטען, עפּעס טהאָן, זאָנסט קען מען פערפרירען א האנד, א פוס אָדער דיא נאָז.

מען האָט זיך קוים, קוים פערשלעפּט צו דעם נאכטלעגער.

פענעלאָן האָט ווידער פּראָבירט צו שפּאסען.

— וויא זאָל הייסען אונזער היינטיגער האָטעל? האָט ער געפרעגט.

קיינער האָט איהם ניט געענטפערט. יעדער איז געווען מיעד און מאַט.

— לאָמיר איהם רופען "האָטעל דע אייז־מעער", האָט פענעלאָן געשפּאסט.

קיינער האָט ניט געוואָלט לאכען פון זיין וויץ.

שטיל, פערטראכט, אומעטיג, האלב טרויעריג האָט מען אָבגעגעסען דאָס נאכט־עסען און מען האָט זיך געלעגט שלאָפען אין דעם האָטעל דע אייז־מעער.

דעם אנדערען טאָג איז מען אויפגעשטאנען אביסעל שפּעטער, וויא אין

דיא ערשטע צוויי טעג. מען האָט לאנגזאם אָבגעגעסען פריהשטיק און יעדער האָט געגעסען אָהן אפּעטיט.

מען איז ווייטער געגאנגען, אָבער שוין לאנגזאמער, שלעפּענדיגער, מיע־דער, מוטהלאָזער.

אויף׳ן פינפטען טאָג האָבען דיא מאטראָזען מיזאָן און אָפּיק אָנגעהויבען זיך צו בעקלאָגען, אז דיא אויגען טהוען זיי וועה.

— איך האָב פערגעסען, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט צו פענעלאָן שטילער־הייט. וויא פאָרזיכטיג איך בין געווען, האָב איך דאָך פערגעסען א זעהר וויכ־טיגע זאך.

— וואָס האָט איהר דען פערגעסען?

— איך האָב פערגעסען מיטצונעהמען אויף׳ן וועג בלויע ברילען.

— בלויע ברילען? צו וואָס דארפט איהר זיי?

— ווייסט איהר דען ניט, פענעלאָן, אז ווען מען וואנדערט ארום א לענ־גערע צייט אין א געגענד, וועלכע איז בעדעקט מיט שנעע און אייז, הויבען אָן דיא אויגען וועה צו טהאָן. דיא צו שטארקע ווייסע פארב פון דעם שנעע, וועלכע מען מוז זעהן עטליכע טעג נאָכאנאנד, ווירקט זעהר שלעכט אויף דיא אויגען.

— יעצט דערמאָהן איך מיך, האָט פענעלאָן געזאָגט, איך האָב געהערט דערצעהלען, אז דיא פעלקער פון סיביר טראָגען אויך ברילען פון גאנץ דינע שטיקעלעך האָלץ, דורך וועלכע מען קען זעהן דיא שיין.

— דיא עסקימאָסען אין גרענלאנד, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט, טראָגען ברילען פון דער הויט פון פיש, וועלכע זיי בעארבייטען, וויא פּאַרמעט און טראָגען עס אויף דיא אויגען אום זיך צו שיצען געגען דיא שטענדיגע, אונ־אנגענעהמע ווייסע פארב פון דעם שנעע.

וואָס ווייטער מען איז געגאנגען, אלץ ערגער איז עס געוואָרען מיט דיא אויגען. דער אלטער זשאן בערטהאָ האָט עס אויך ניט געקענט אויסהאלטען. אנדרעע וואסעל האָט עס גוט בעמערקט און ער האָט אמאָל געזאָגט צום אלטען:

— איך האָב געלעזען אין א ביכעל, אז רייזענדע ארום דעם נאָרד פּאָל מוזען טראָגען בלויע אָדער זאָגאר שווארצע ברילען.

— ליידער, האָב איך פערגעסען צו קויפען אזעלכע ברילען אויף דעם אינזעל פארער, האָט זשאן בערטהאָ געענטפערט טרויעריג.

זשאן בערטהאָ און אויך זיינע מאטראָזען האָבען באלד בעקומען גע־שוואָלענע, ענטצונדענע אויגען. זיי האָבען זיך ניט בעקלאָגט, אָבער יעדער האָט שרעקליך געליטען פון דיא אויגען און מען האָט געמוזט געהן לאנגזאמער און פאָרזיכטיגער.

דיא רייזע איז געוואָרען מיט יעדען טאָג שווערער, אונאנגענעהמער און שמערצליכער.

באלד איז צוגעקומען א נייע פּלאָגע: דאָס ברעכען זיך פון דיא ליכט שטראהלען.

דאָס דארף מען אביסעל בעסער ערקלעהרען. ווען מען שטעלט אריין א לאנגען שטעקען אין וואסער, ווייזט עס זיך אויס, אז דער שטעקען איז צובויגען אָדער צובראָכען: דער טהייל פון דעם שטעקען אין וואסער ווייזט זיך אויס ווייטער פון דעם טהייל אויסער דעם וואסער. פאר וואָס איז עס? דיא שטראה־לען פון דער זון ווערען צובראָכען, ווען זיי קומען צום וואסער און זיי לייכטען אביסעל ווייטער.

ווען מען קוקט אין א שעהנעם טאָג אָדער ביי א שטארקער בעלייכטונג דורך א דריי־עקיגעם שטיקעל גלאָז אָדער א פּריזמא, וויא עס ווערט גערופען אין דער וויסענשאפט פון אָפּטיק, זעהט מען דאָס העלע ליכט ניט ווייס אָדער געלבליך, זאָנדערן פון פערשיעדענע פארבען, וויא דיא פארבען פון דעם רעגענ־בויגען, און דארום פלעגט מען אמאָל בעהענגען דיא הענג־לייכטער פון א טעמ־פעל אָדער פון א געבעט־הויז מיט דרייעקיגע שטיקלאך גלאָז, מיט פּריזמען. קוקט מען דורך א פּריזמא אויף א שטעקען, ווייזט עס זיך אויס, אז דער שטעקען איז צובויגען אָדער צובראָכען. דיא שטראהלען פון דער זון אָדער פון א ליכט ברעכען זיך ווען זיי קומען צו דער פּריזמא.

אויף דעם אייז ארום דעם נאָרד פּאָל געפינען זיך מיליאָנען — ביליאָנען פּריזמען. יעדעס שטיקעלע אייז, וועלכעס איז נור אביסעל העכער פון דעם באָדען, איז א פּריזמא און דיא שטראהלען פון דער לבנה, פון דיא שטערען אָדער פון דער אווראָרא בארעאלים ברעכען זיך און יעדע זאך ווייזט זיך אויס אנדערש. ווען מען טראָגט בלויע אָדער דונקעלע ברילען, זעהט מען עס ניט אזוי שארף און מען קען לייכט געהן. זשאן בערטהאָ מיט זיינע מענשען האָבען אָבער ניט געהאט קיין בלויע אָדער דונקעלע ברילען און זיי האָבען שטארק געליטען פון דעם ברעכען זיך פון דיא ליכט שטראהלען.

מען איז געגאנגען. איינעם האָט זיך אויסגעוויעזען, אז פאר איהם איז א העכערער פונקט, א בערגעלע און ער האָט אויפגעהויבען דעם פוס; אין דער וואהרהייט איז דער נעכסטער שריט געווען טיעפער און דער מענש איז אנידער־געפאלען.

אָנפאנגס האָט מען געלאכט, ווען עס האָט פּאסירט, אז איינער איז געפא־לען. אזוי איז שוין דער מענש: ווען ער זעהט א צווייטען שטרויכלען און פא־לען אויף א גלייכען וועג, לאכט ער. ער דענקט ביי זיך, אז ער איז דער חכם און יענער איז דער נאר. מען האָט דארום אָנפאנגס געלאכט, ווען איינעם האָט זיך אויסגעוויעזען, אז דער וועג איז ניט גלייך און ער איז אנידערגעפאלען. ווען

עס האָט אָבער אָנגעהויבען פּאָרצוקומען אָפּט, ווען זאָגאר זשאן בערטהאָ און פּענעלאָן זיינען עטליכע מאָל נאָכאנאנד אניעדערגעפאלען, איז מען געוואָרען ערנסט און זאָגאר טרויעריג.

מען האָט געמוזט געהן זעהר לאנגזאם און זעהר פּאָרזיכטיג. אויף יעדען שפּאן האָט מען געמוזט טאפּען דעם באָדען מיט א שטעקען אָדער מיט די פיס און דאָס האָט שטארק ערמיעדעט אונזערע רייזענדע. מען איז שוין ניט מעהר געגאנגען, מען איז געקראָכען.

אם ערשטען נאָוועמבער זיינען אלע געווען אזוי מיעד און אזוי צובראָכען, אז זיי האָבען שוין ווייטער ניט געקענט געהן. אם ערגסטען האָט געליטען זשאן בערטהאָ אליין. זיינע אויגען זיינען געוואָרען רויט וויא פייער, און אין געוויסע צייטען, ווען דער העלער שנעע האָט שטארק געגליצערט און געפינקעלט, האָט ער גאָר נישט געקענט זעהען. ער איז אויך געווען אן אלטער מאן און אין זיינע יאָהרען איז אזא רייזע צו פוס אויף שנעע און אייז אויך זעהר שווער.

מען האָט דארום בעשלאָסען, מען זאָל זיך אויסרוהען עטליכע טעג. עס איז געווען א נויטהווענדיגקייט.

מען האָט אויסגעזוכט א פּלאץ, וואו עס האָבען זיך געפונען גרויסע שטיקער אייז אָנגעוואָרפען פון א שטורם, וועלכע האָבען פערשטעלט פון דעם נאָרד ווינד, און דאָרט האָט מען זיך געמאכט א לאגער.

— מיר מוזען אויסבויען א הויז, האָט פּענעלאָן געזאָגט.

— ניט א הויז, זאָנדערן א שטאָדט, האָט אנדרעע וואסעל בעמערקט מיט א ביטערען שפּאָט.

— פּילייכט וועלען מיר אויך אויסבויען א שטאָדט, האָט פּענעלאָן געלאכט.

— אָבער וויא וועלען מיר דען בויען א הויז? האָט ראָזא געפרעגט.

— מיר וועלען עס מאכען וויא די עסקימאָסען, האָט פּענעלאָן געענטפערט, מיר וועלען אויסהאקען גרויסע שטיקער אייז און מאכען פון זיי ווענט, ארום דעם אייז וועלען מיר אָנשארען שנעע און מיר וועלען האָבען א ווארעם הויז.

די ערשטע נאכט איז מען איבערגעשלאָפען אויף'ן אייז, וויא די פאָריגע נעכט. דעם צווייטען טאָג אין דער פריה האָט מען זיך גענומען צו דער ארבייט און אין איינינע שטונדען איז דאָס אייז־הויז געווען פערטיג, אָבע־ אָהן א דאך.

— מיר מוזען מאכען א דאך אויך, האָט פּענעלאָן געזאָגט.

פּענעלאָן האָט גוט געוואוסט, אז אויף דעם אייז־מעער מוז מען זיין מונטער און פרעהליך. ווערט מען טרויעריג אָדער פערצווייפעלט, איז מען פערלאָרען. דאָס קלימאט ווירקט זעהר שלעכט. ער האָט דארום זיך פערשטעלט

פאר א קלאון און האָט געטהאָן אלעס מעגליכע, אז אלע זאָלען לאכען און מונטער זיין.

דער אלטער זשאן בערטהאָ האָט איהם אם בעסטען פערשטאנען, אָבער ער האָט געלאכט פאר צרות, „געלאכט מיט גרינע ווערים", וויא מען זאָגט אויף אידיש.

מען האָט געמאכט א דאך פון אייז און שנעע און דיעזען אבענד זיינען דיא רייזענדע צום ערשטען מאָל געשלאָפען אונטער א דאך איבער זייער קאָפּ און אין געשיצטע פיער ווענט. צום ערשטען מאָל זייט צוועלף טעג האָבען זיי זיך ווירקליך אויסגערוהט. מען האָט געמוזט שלאָפען אין דיא קליידער און זיך גוט ארומדעקען, אָבער מען האָט ניט געפיהלט אזא ביטערע קעלט וויא ביז אהער.

ווען מען האָט זיך גוט אויסגערוהט, האָט מען אָנגעהויבען צו טראכטען, וואָס מען זאָל ווייטער טהאָן: זאָל מען ווייטער געהן צו דעם אינזעל שאנאָן אָדער זאָל מען זיך אומקעהרען צו דער שיף?

דיא פראגע איז געווען א זעהר ערנסטע. פיערצעהן טעג נאָכאנאנד האָבען זיי געוואנדערט און געקעמפּפט מיט אזוי פיעל שוועריגקייטען און האָבען געליטען אזוי פיעל שמערצען און ליידען, און יעצט זאָלען זיי געהן צוריק מיט גאָר ניט!

— וויא ווייט זיינען מיר דען פון דעם אינזעל שאנאָן? האָט ראָזא געפרעגט.

— זיא האָט רעכט! האָט פענעלאָן אויסגערופען, פיעלייכט איז עס פיעל נעהנטער צו דעם אינזעל, וויא צו אונזער שיף? פיליייכט זיינען מיר שוין גאנץ נאָהענט צום אינזעל? פיליייכט וועלען מיר דאָרט געפינען עסקימאָסען, ביי וועמען מיר וועלען קענען עפּעס געוואָהר ווערען?

— פיליייכט און פיליייכט! האָט אנדרעע וואסעל אויסגערופען ביטער, ווייסט איהר דען וואו מיר געפינען זיך יעצט?

— מיר זיינען געגאנגען מיט אונזער קאָמפּאס, האָט זשאן בערטהאָ געענטפערט.

— ווייסט איהר דען ניט, אז דער קאָמפּאס ווייזט ניט ריכטיג ביים נאָרד פאָל? האָט וואסעל געפרעגט, ווייסט איהר דען ניט, אז עס איז דאָ א פונקט, וואו דיא מאגנעט נאָדעל פון דעם קאָמפּאס ווייזט נור צו דער ערד? ווייסט איהר דען ניט, אז דיא געלעהרטע רופען דיעזען פונקט דער נאָרד פאָל פון דעם מאגנעט און אז פון יענעם פונקט אָן ווייזט שוין דיא מאגנעט נאָדעל פון דעם קאָמפּאס ניט נאָך נאָרדען, זאָנדערן נאָך זידען?

זשאן בערטהאָ האָט געשוויגען. ער האָט עס ווירקליך פערגעסען.

אלע האָבען טרויעריג אראָבגעלאָזען זייערע קעפּ. יעדער האָט געוואוסט,

אז אנדרעע וואסעל האָט רעכט. עס זיינען דאָ פונקטען אויף אונזער ערד, וואו מען קען זיך ניט פערלאָזען אויף דעם קאָמפּאַס.

— אלזאָ, וואָס טהוט מען? האָט געפרעגט א מאַטראָז.

— מיר מוזען צוריקגעהן צו אונזער שיף, זיך אויסרוהען א פּאָר וואָכען און דאן זיך לאָזען געהן ביי דיא ברעגעס פון גרענלאנד, וויא איך האָב עס געראטהען מיט אייניגע וואָכען צוריק, האָט וואסעל געזאָגט פינסטער.

ראָזא האָט אָנגעהויבען צו וויינען וויא א קליין קינד.

— נאָך אזוי פיעל מיה, נאָך אזוי פיעל ליידען צוריקגעהן מיט גאָר נישט, האָט זיא געזאָגט און טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון איהרע אויגען.

מען האָט נאָך גערעדט אייניגע צייט, פענעלאָן האָט נאָך פּראָבירט פרעה־ליכער צו מאכען זיינע קאמעראַדען און זיי צו ערקלעהרען, אז עס איז נאָך ניט אזוי וויא וואסעל זאָגט, אז עס קען נאָך זיין, אז זיי געפינען זיך אין גאנ־צען אייניגע מייל פון דעם אינזעל שאנאָן. ענדליך אָבער האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט:

— עס העלפט ניט, מיר מוזען צוריקגעהן צו אונזער שיף.

דערמיט האָט זיך געענדיגט דיא בעראטהונג. מען האָט אָבגערעדט, אז מען זאָל זיך נאָך אויסרוהען דיעזע נאכט און מאָרגען זאָל מען אָנהויבען דיא רייזע צוריק צו דער שיף.

פענעלאָן איז געוועזען בייז וויא א טייפעל. ראָזא האָט געוויינט, דערפאר איז אנדרעע וואסעל געוועזען רעכט צופריעדען, וואָס מען געהט ענדליך צוריק און מען וועט דערוויל מעהר ניט זוכען דעם פערלאָרענעם לואיס בערטהאָ. ער האָט ניט געוואוסט און ניט געקענט וויסען, אז פון דעם בעכער צו דיא ליפּען איז נאָך א ווייטער, ווייטער וועג.

10טעס קאפּיטעל.

דער שטורם

עס איז נאָך געוועזען צו פריה זיך צו לעגען שלאָפען. קוים האָט מען אָב־גערעדט צו געהן צוריק, האָט מען געמוזט מאכען פּאָרבערייטונגען צו דער רייזע. פענעלאָן און נאָך צוויי האָבען אָנגעהויבען צונויפצופאקען זייערע זיע־בען זאכען.

דאָס וועטער האָט זיך געענדערט. דער הימעל האָט זיך בעדעקט מיט שוועד־רע, גרויע, ניעדעריגע וואָלקענס. עס איז געוואָרען פינסטער, איידער פענעלאָן און זיינע צוויי העלפער האָבען געענדיגט זייער ארבייט.

— מיר האָבען ליידיגע קאסטענס, לאָמיר זיי צוהאקען און מאכען א פייער, האָט פענעלאָן געזאָגט.

ער האָט זיך גענומען צו דער ארבייט. אין דער צייט פון דיא 15 טעג, וואָס זיי האָבען גערייזט און זיך אָבגערוהט, האָבען זיי אויסגעליידיגט עטליכע קאסטענס און קעסטלעך פון זייער פּראָוויאנט. יעצט האָט מען געקענט מאכען פון זיי ברענהאָלץ, צולעגען א פייער און זיך אָנווארעמען.

עס איז אָבער קיין צייט ניט געווען דערצו. קוים האָט פּענלאָן צוהאקט א פּאָר קעסטלאך, איז אָנגעקומען דער שטורם, אן עכטער שנעע־שטורם, וויא ער קומט פאָר נור אין סיביר אָדער אין דיא גאנץ קאלטע לענדער ארום דעם נאָרד פּאָל.

עס האָט אָנגעהויבען צו שיטען א געדיכטער שנעע. מיליאָנען־ביליאָנען שארפע, שפּיציגע, שטעכענדע שנעע־נאָדלען האָבען זיך געשאָטען פון דיא וואָלקענס, וויא פון אן עמער. ווער עס האָט ניט בייגעוואָהנט אזא שנעע־שטורם, דער קען איהם גאָר ניט פערשטעהן. דיא גאנצע לופט פון דיא וואָלקענס ביז צו דר'ערד איז פול מיט שנעע־נאָדלען. עס איז אונמעגליך צו שטעהן אויף דיא פיס. דער שטורם מיט זיינע שנעע מאסען איז אָפט אזוי שטארק, אז ער צוברעכט גראָבע שטיקער אייז, וועלכע שטעהען איהם אין וועג.

אין סיביר ווען עס קומט אָן אזא שטורם אויף א פּאָסט שליטען, בלייבט דער פּאָסטאליאָן שטעהן, קעהרט איבער דעם שליטען און קריכט ארונטער אונטער איהם אום זיך צו שיצען געגען דעם שארפען, געדיכטען שנעע.

פּענלאָן און זיינע קאָמעראדען האָבען געכאפּט דיא שטיקלעך האָלץ, וועלכע זיי האָבען צוהאקט און זיינען אריינגעלאָפען אין זייער אייז שטוב, זיך שיצען פון דעם שטורם.

דער שטורם איז געוואָרען מיט יעדער מינוט שטארקער, ווילדער, גע־פעהרליכער. פּלוצלונג האָט מען דערהערט א שטארקעס קנאקען, טראכען און ברעכען, גלייך וויא טויזענדע געביידעס וואָלטען איינגעפאלען. אלע זיי־נען בלייך געוואָרען.

— גאָט זאָל זיך אויף אונז דערבארמען! האָבען אויסגערופען אלע מיט איין קול. וואָס וועט ווערען פון אונז, ווען דער שטורם וועט איינוואַרפען אונ־זער שטוב, אונזער לעצטע, איינציגע רעטונג?

איינינע זיינען ארויסגעלאָפען פון דעם שטיבעלע, זעהן וואָס עס קומט פאָר אין דרויסען. זיי האָבען אָבער באלד געמוזט צוריקגעהן. עס איז גע־ווען אונמעגליך זיך צו האלטען אויף די פיס אין אזא שרעקליכען שטורם.

— געה ניט ארויס, ראָזא! האָט פּענלאָן געבעטען, דוא ווייסט גאָר ניט, וואָס עס טהוט זיך אין דרויסען.

— מיר זיינען פערלאָרען, האָט געזיפצט שטילערהייט דער מאטראָז מיזאָן.

— וואָס רעדסט דוא? האָט פּענלאָן זיך געבייזערט, מיר געפינען זיך

אין א ווארימער שטוב, מיר האָבען אן אייוועלע, אויף וועלכען מיר קענען קאָ־
כען א ווארעמעס עסען, מיר האָבען גענוג וואָס צו עסען, אלזאָ פאר וואָס זיינען
מיר פערלאָרען ? וואָס פעהלט אונז דען ?

— ווען דער שטורם וועט איינוואַרפען אונזער שטוב, וועלען מיר בעגראָבען
ווערען לעבעדיגערהייט אין שנעע און אייז, האָט מיזאָן געזיפצט.

— גיט מיר דעם טערמאָמעטער ! האָט געזאָגט וואסעל.

זשאן בערטהאָ פלעגט האלטען אלע וויסענשאפטליכע אינסטרומענטען
ביי זיך. ער האָט דערלאנגט אנדרעע וואסעל דעם טערמאָמעטער.

אין דעם אייז שטיבעלע האָט דער טערמאָמעטער געוויזען 20 גראד
קעלט. וואסעל האָט איהם צוגעבונדען צו א שטעקען און האָט איהם ארויסגע־
שטעלט אין דרויסען. אין א צייט פון איניגע מינוט איז דאָס קוועקזילבער
אראָבגעפאלען און געוויזען 60 גראד קעלט.

— ביי אזא שטארקער קעלט האָבען מיר ניט וואָס מורא צו האָבען, האָט
וואסעל געזאָגט. דיעזע שטארקע קעלט האַלט שטארק צוזאמען דיא ווענט און
דעם דאַך פון אונזער שטוב.

קוים האָט ער עס ארויסגערעדט, האָט עס ווידער אָנגעהויבען צו קנאקען,
צו טראכען און צו ציטערען.

— איז עס ניט ווידער אן אייז ציטערנים ? האָט געפרעגט דער מאטראָז
מיזאָן.

— ווען מיר וועלען ניט בעגראָבען ווערען לעבעדיגערהייד אין שנעע און
אייז, וועלען מיר דערטרונקען ווערען אָדער צוקוועטשט ווערען פון דיא שטי־
קער אייז, האָט זיך אָבגערופען א צווייטער מאטראָז. מיר זיינען פערלאָרען.

— פייגלינגע, האָזען ! ים קאָטערס ! האָט געשריען פענעלאָן, וואָס ברומט
איהר ? וואָס האָט איהר מורא ? ביי 60 גראד קעלט וועט דאָס אייז אונטער
אונז זיך ניט איינברעכען.

ער האָט זיך געגעבען דיא גרעסטע מיה צו שפּאסען און צו בערוהיגען זיינע
קאמעראדען, בעזאָנדערס דיא אונגליקליכע ראָזא. עס האָט איהם אָבער ניט
געהאָלפען. עס איז א שטרענגעס נאטור געזעץ, אז אין דער צייט פון א
שטורם פיהלט זיך דער מענש שלעכט, טרויעריג און פערצווייפעלט. עס ווייזט
זיך איהם אויס, אז דיא וועלט געהט אונטער און ער געהט אונטער אין דעם וויל־
דען צאָרן פון דיא עלעמענטע.

קיינער איז דיעזע נאכט ניט געשלאָפען. יעדער איז געזעסען אויף זיין
געלעגער טרויעריג, פערטראכט, פערזאָרגט, פערצווייפעלט. געגען האלבע נאכט
האָט פענעלאָן א קוק געטהאָן אויף'ן טערמאָמעטער, ער האָט געוויזען נור
15 גראד קעלט.

— וואָס זאָל דאָס הייסען? האָט ער געפרעגט זיך אליין, איז עס וואַרי־מער געוואָרען אין דרויסען?

ער האָט געוואָלט פרעגען זשאַן בערטהאַ, אָבער דער אלטער מאַן איז גע־לעגען, וויא א קלאָץ אויף זיין געלעגער. ער האָט אַם מייסטען געליטען און זיינע קרעפטע האָבען איהם פערלאָזען.

גאַנץ פריה האָט פּענעלאָן ווידער א קוק געטהאָן אויף דעם טערמאָמעטער, ער האָט געוויעזען נור 10 גראַד קעלט. מען האָט עס אויך געפיהלט אין שטוב. מען האָט געקענט ארויסנעהמען דיא הענד פון דיא פעל־האַנדשוה.

— מיר דאַכט, אז עס איז יעצט וואַרימער געוואָרען, האָט ראָזא געזאָגט.

— עס איז וואַרימער אין שטוב, וויא איז עס אָבער אין דרויסען?

ווען זיי האָבען אויסגעבויט זייער שטיבעלע פון אייז, האָבען זיי געלאָזען א טהיר, וועלכע זיי פלעגען פערהענגען ביי נאַכט מיט א שטיק זעגעלטוך. פּענעלאָן האָט זיך א לאָז געטהאָן צו דער טהיר און האָט געוואָלט ארויסגעהן — אונמעגליך! דיא טהיר איז פערוואָרפען געוואָרען מיט שנעע און אייז. ער האָט גענומען זיין שטעקען און האָט פּראָבירט דורכשטעכען דעם שנעע — אונמעגליך! דער שטעקען האָט אויסגעבויערט א לאָך אין שנעע, אָבער דיא קאַלטע לופט פון דרויסען איז ניט אריינגעקומען.

— מיר זיינען בעגראָבען לעבעדיגערהייד אונטער א באַרג שנעע, האָט ער געמורמעלט. ווער וויים, וויא פיעל טאָנען שנעע דער שטורם האָט אָנגעטראָ־גען אויף אונזער שטיבעלע!

אנדרעע וואַסעל האָט יעצט פּראָבירט ארויסגעהן פון דעם שטיבעלע — ווידער אונמעגליך! ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט זיין גאַנצער קראַפט אין דער טהיר, זיין קערפּער האָט אויסגעגראָבען א לאָך אין שנעע, אָבער ווייטער האָט ער ניט געקענט געהן.

זיי האָבען עס געמעלדעט זשאַן בערטהאַ, דעם שיפסקאַפּיטאַן. ער איז צוגעקומען צו דער טהיר, האָט בעטראַכט דעם שנעע און האָט פערשטאַנען, אז פּענעלאָן האָט רעכט. דער שטורם האָט אזוי פערוואָרפען זייער שטיבעלע מיט שנעע, אז זיי קענען יעצט מעהר ניט ארויסגעהן.

פּענעלאָן האָט א קוק געטהאָן אויף דעם טערמאָמעטער, ער האָט גע־וויעזען נור 7 גראַד קעלט.

— עס ווערט צו וואַרעם אין אונזער שטוב, האָט ער געמורמעלט, ווען עס וועט ווייטער אזוי געהן, וועלען מיר דערשטיקט ווערען.

אום זיך צו איבערצייגען, אויב עס איז נאָך ערגעץ דאָ אַן אויסגאַנג, א לופט־צוג, אַן אָרט, וואו דער שנעע איז ניט אזוי געדיכט, האָט פּענעלאָן אָנגעצונ־דען א פּאָר שטיקלעך האָלץ פון דיא קאַסטענס, וועלכע ער האָט געסטערן צו־

האקט. די א ייז שטוב איז געוואָרען פול מיט רויך, זאָגאר דער רויך האָט ניט געהאט קיין אָרט פון וואנען ארויסצוגעהן.

— יעצט פערשטעה איך, פאר וואָס עס איז אזויווארם ביי אונז אין שטוב, האָט ער געזאָגט. מיר פיהלען די א ווארימקייט פון אונזער אייגענעם קערפער. די א לופט איז אָבגעשלאָסען פון אלע זייטען. ווען מיר וועלען ניט קענען ארויס־קריכען פון אונזער שנעע גראָב, זיינען מיר פערלאָרען.

— צו וואָס האָט איהר געמאכט א פייער? האָט ראָזא געפרעגט, עס איז דאָך אזוי ווארעם אין אונזער שטוב, אז מען קען אויסטהאָן די א שווערע האנדשוה און זאָגאר די א אויבער־קליידער.

פענעלאָן האָט ניט געוואָלט איהר אויסזאָגען די א ווארהייט. צו וואָס זאָל דאָס אונגליקליכע מעדכען וויסען, אז זיי געפינען זיך אין דער גרעסטער געפאהר?

— עס איז צייט צו עסען! האָט פענעלאָן אויסגערופען, שטעלט ארויף דעם טהעע־קעסעל אויף דער ספּירימוס לאָמפּ און לאָמיר טרינקען טהעע.

אום ארייננצוגעבען מוטה זיינע קאמעראדען, האָט ער זיי געגעבען א ביישפּיעל. ער האָט אָבגעקאָכט טהעע און האָט געהייסען אלעמען טרינקען. פון דעם הייסען טהעע איז אין שטוב געוואָרען נאָך ווארימער. דער טערמאָ־מעטער האָט געוויעזען נור 5 גראד קעלט.

— מיר מוזען דאָך זוכען מיטעל ארויסצוקומען, האָט ענדליך געזאָגט זשאן בערטהאָ.

— די א פראגע איז, וואָס עס הערט זיך אין דרויסען, האָט אנדרעע וואסעל בעמערקט, אויב דער שטורם דויערט נאָך, זעה איך ניט, וויא מיר קענען ארויסקומען. ער ווארפט אָן יעדע מינוט פרישע בערג מיט שנעע אויף אונז. האָט אָבער דער שטורם אויפגעהערט, דאן האָבען מיר צו קעמפּפען געגען 10 — 15 אָדער 20 פוס שנעע איבער אונז און מיר וועלען זיי בייקומען.

די א אָרימע ראָזא האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהן די א טרויעריגע לאגע, אין וועלכער זיי האָבען זיך יעצט געפונען, זיא איז שוין אָבער געוואָהנט געווען צו די א געפאהרען און די א ליידען אויף דעם אייז מעער.

— מיר האָבען נור איין מיטעל ארויסצוקומען, האָט זשאן בערטהאָ גע־זאָגט, און דאָס איז: דורכצוהאקען א טונעל אין שנעע.

— דאָס איז שוין ריכטיג, האָט אנדרעע וואסעל בעמערקט, וואו וועלען מיר אָבער אהינטאָהן דעם שנעע, וועלכען מיר וועלען אויסשניידען?

— אין אונזער שטוב, האָט פענעלאָן געענטפערט.

גוט אָדער שלעכט, מען האָט עס געמוזט טהאָן. קיין אנדער מיטעל האָט מען ניט געהאט.

יעדער האָט גענומען א האק אָדער א מעסער און האָט אָנגעהויבען צו שניי־

דען דעם שנעע. דאָס איז געווען א שווערע ארבייט. דער שנעע איז געווען אין ערטער הארט וויא שטיין. דיא האק האָט געקלונגען, ווען זיא איז געפאַלען אויף איהם.

נאָך דריי שטונדען שווערער ארבייט האָט מען קוים אויסגעהאַקט א טור־נעל פון פינף פוס דיא לענג און צוויי פוס דיא הויך.

מען האָט געמוזט זיך אָברוהען. דיא לופט איז געוואָרען שווער, דריקענד און שטיקענד.

ראָזא האָט גענומען א לאַנגען מעסער און האָט פּרובירט האַקען דעם שנעע.

— לאָז צורוה, ראָזא, האָט פּענעלאָן געבעטען, דאָס איז ניט אַן ארבייט פאַר א פרוי.

— ווארום ניט? האָט ראָזא אויסגערופען, ווען דיא מענער ווערען מיעד, דארפען דיא פרויען ארבייטען.

— דוא זעהסט דאָך, אז אויך מיר, מענער, קענען גאַר ניט אויפטהאָן, האָט פּענעלאָן געזאָגט טרויעריג.

ראָזא איז אריינגעגאַנגען אין דער שנעע שטוב. עס איז שוין קוים געווען פּלאַץ וואו זיך אויסצודרעהען. זיא איז צוגעגאַנגען צום אויוועלע און האָט גע־וואָלט מאַכען טהעע פאַר דיא מענער, וועלכע האָבען געארבייט אזוי שווער.

אזוי וויא זיא האָט זיך צוגעקוקט צום אייוועלע, האָט זיא בעמערקט, אז אין דעם אָרט, וואו דאָס אויוועלע איז געשטאַנען נעהנטער צו דער וואַנד פון אייז, איז דאָרט דאָס אייז צושמאָלצען געוואָרען. דאָס איז געווען גאַנץ נאַטיר־ליך. זייט 5 טעג האָט מען געקאָכט אויף דעם אויוועלע און עס פלעגט שטענדיג זיין היים. דיא היץ האָט צושמאָלצען דאָס אייז.

— לאָמיך פּראָבירען, האָט ראָזא געזאָגט צו זיך אליין.

זיא האָט געכאַפּט דאָס לאַנגע, שווערע מעסער און האָט עס אריינגע־שטאָכען מיט איהר גאַנצער קראַפט אין דעם אייז.

א קאַלטער לופט שטראָם האָט זיך אריינגעריסען אין שטוב.

— מיר זיינען געראַטעט! האָט זיא אויסגערופען, מיר האָבען פרישע לופט!

דיא מענער זיינען צוגעלאָפען צו איהר און פּענעלאָן האָט געכאַפּט זיין גרויסען שטעקען און האָט איהם אריינגעשטעקט אין דער וואַנד דאָרט, וואו ראָזא האָט געמאַכט א לאָך מיט איהר מעסער. דער שטעקען האָט דורכגעלע־כערט דיא וואַנט.

יעצט האָבען אלע מענער אָנגעהויבען צו ארבייטען מיט זייערע העק. אין דער צייט פון א האלבע שטונדע האָבען זיי אויסגעהאַקט א פענסטער, דורך וועלכען א מענש האָט געקענט ארויסקריכען.

— מיר זיינען גערעטעט! מיר זיינען גערעטעט! האָבען אויסגערופען אלע.

— און דוא, מיין גוטע, ליעבע ראָזא, האָסט אונז גערעטעט, האָט זשאן בערטהאַ געזאָגט און האָט זיא צוגעדריקט צו זיין ברוסט.

איינער נאָך דעם אנדערען זיינען ארויסגעקראָכען דורך דאָס אויסגעהאַקטע פענסטער. ווען אלע זיינען געווען אין דרויסען, האָבען זיי זיך אומגעקוקט, וואו זיי זיינען ערגיץ אין דער וועלט און ווארום זיי האָבען פריהער ניט געפונען דיעזען מיטעל ארויסצוקומען.

דער שטורם האָט אויפגעהערט. דער הימעל איז געווען קלאָר און לויטער און דיא לבנה האָט געשיינט העל וויא ביי טאָג.

ערשט יעצט האָבען זיי דערזעהען, אז דער שטורם האָט אָנגעוואָרפען פון יענער זייט פון זייער שטוב אַן אונגעהייער גרויסען בארג שנעע אויף זייער שטוב אין דער זייט, וואו דיא טהיר האָט זיך געפונען. פון דער אנדערער זייט אָבער, דאָרט וואו ראָזא האָט אויסגעשניטען א לאָך מיט איהר מעסער, איז כמעט גאָר קיין שנעע ניט געווען. דאָס קומט פאָר ביי יעדען שנעע שטורם, ווען דער ווינד וועהט פון איין זייט. זייער אייז־שטוב האָט אויפגעהאלטען און אָנגעזאמעלט דעם שנעע.

— מיר וואָלטען אויף קיין פאל ניט געקענט דורכגראָבען אזא בארג שנעע, האָט פענעלאָן געזאָגט.

— מיר האָבען אייך צו פערדאנקען אונזער לעבען, האָט אנדרעע וואסעל געזאָגט הערצליך צו ראָזא׳ן.

פענעלאָן האָט אויף איהם געוואָרפען א בייזען בליק.

דיא קעלט איז געווען שרעקליך. זיי האָבען ניט געקענט לאנג בלייבען אין דרויסען. אין דיא עטליכע שטונדען, וואָס זיי זיינען געווען פערגראָבען אין שנעע, האָבען זיי זיך שוין צוגעוואוינט צו א ווארעמערער טעמפּעראטור. זיי האָבען געמוזט צוריקגעהן, פערשיטען דיא נייע טהיר מיט שנעע און זיך אָנווארעמען.

יעצט האָבען זיי אָבגעקאָכט טהעע, זיך אָנגעטרונקען, עפּעס געגעסען און זיך געלעגט שלאָפען.

11טעם קאפּיטעל.

אַ רויך אין שנעע און אייז

דעם אנדערען טאָג זיינען אלע אויפגעשטאנען מונטער, פרעהליך, געקרעפּטיגט אין לייב און זעלע און זיי האָבען אָנגעהויבען זיך פּאָרצובּרייטען אויף דעם צוריקוועג. ראָזא האָט זיך געשטעלט קאָכען טהעע און אנדרעע וואסעל האָט זיך גענומען מאכען דעם פריהשטיק. פענעלאָן איז ארויסגעגאנגען אין דרויסען זעהען, וואָס דיא הינט מאכען.

וויא גרויס איז געווען זיין שרעק און זיין איבערראשונג, ווען ער האָט ניט געפונען ניט דיא הינט, ניט דעם שליטען.

— דער שליטען און דיא הינט זיינען פערשוואונדען געוואָרען! האָט ער גע־שריען ניט מיט זיין קול.

אַלע זיינען ארויסגעלאָפען אין דרויסען. יעדער האָט געזוכט מיט דיא אויגען דעם שליטען, דיא הינט און דעם פּראָוויאנט. ווען זיי האָבען אויסגעבויט דיא אייז־שטוב פאר זיך, האָבען זיי אויסגעבויט א שטיבעלע פון אייז און שנעע פאר דיא הינט. דעם שליטען מיט א גרויסען טהייל פון זייערע לעבענס מיטעל האָבען זיי געלאָזען שטעהן אין דרויסען פאר דעם שטיבעלע פון דיא הינט. יעצט איז אַלעס פערשוואונדען. קיין שפּור פון דיא הינט, קיין צייכען פון דעם שליטען. און דאָס שטיבעלע פאר דיא הינט איז אויך פערשוואונדען געוואָרען.

— וואָס זאָל דאָס הייסען? האָט אנדרעע וואסעל געפרעגט. וואו זיינען אהינגעקומען דיא הינט? וואו איז אהינגעקומען דער שליטען מיט אונזער פּראָוויאנט?

— לאָמיר זיי זוכען, האָט פענעלאָן געזאָגט, איך גלויב ניט, אז מען האָט זיי ביי אונז צוגע׳גנב׳עט.

מען האָט זיך צוטהיילט אויף צוויי פּארטייען און מען איז ארומגעגאנגען דעם גרויסען בארג שנעע ארום און ארום זייער שטיבעלע. דיא גאנצע געגענד האָט זיך געענדערט. מען האָט דערזעהן גרויסע שטיקער אייז, גאנצע בערג, דאָרט וואו מיט עטליכע טעג צוריק איז געווען א גלאַטע אייז דעקע.

ווען מען איז זיך ווידער צונויפגעקומען, האָט אנדרעע וואסעל געזאָגט פינסטער:

— יעצט זיינען מיר פערלאָרען! דער שטורם איז געווען ניט נור איבער דעם מעער, זאָנדערן אויך אונטער דעם מעער. מיר געפינען זיך יעצט אין א גאנץ אנדערער געגענד. מיר האָבען געהערט קנאקען און ציטערען; דאָס אייז האָט געבראָכען און האָט אונז פערוואָרפען ערגעץ גאנץ ווייט.

— נור ניט פערצווייפלען! האָט פענעלאָן געשריען. אַלעס צום גוטען! פיליייכט איז עס בעסער אזוי. לאָמיר זיך ארומקוקען, לאָמיר זעהן, וואו מיר געפינען זיך ערגעץ אין דער וועלט.

— וואָס זאָלען מיר דען טהאָן?

— איך און וואסעל וועלען ארויפקלעטערען אויף דעם העכסטען אייזבארג ארום אונז, פיליייכט וועלען מיר פון דאָרט דערזעהן דיא הינט מיט דעם שלי־טען.

אַלע האָבען געשוויגען. אויף זייערע געזיכטער האָט מען געקענט לעזען

דיא טיעפסטע פערצווייפלונג. זיי האָבען געהאט פּראָוויאנט קוים אויף צוויי טעג און דיא רייזע צוריק האָט געדארפט געדויערען וועניגסטען אכט טעג.

אנדרעע וואסעל און פּענעלאָן האָבען באלד אויסגעפונען, אז דער העכ־סטער בארג אין דיעזער געגענד איז זייער אייגענעם שטיבעלע. דער שטורם האָט אָנגעוואָרפען אזוי פיעל שנעע, אז עס האָט זיך געבילדעט א הויכער בארג. דער שנעע איז געווען פערפראָרען און הארט וויא א שטיין.

ביידע מענער האָבען ארויפגעקלעטערט מיט פיעל מיה אויף דעם שנעע בארג און האָבען זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען. זיי האָבען געזוכט דיא הינט מיט דעם שליטען.

פּלוצלינג איז אנדרעע וואסעל געוואָרען בלייך וויא קאלך און האָט אָנ־געהויבען צו ציטערען.

— וואָס איז אייך, וואסעל? האָט פּענעלאָן געפרעגט.

— גאָר נישט, עס איז מיר קאלט, איז געווען דיא אנטוואָרט.

אין דיעזער מינוט האָט פּענעלאָן דערזעהן ערגעץ גאנץ ווייט א רויך.

— גאָט זיי דאנק! האָט ער אויסגערופען, מיר זיינען גערעטעט! וואו עס איז דאָ א רויך, דאָרט זיינען דאָ מענשען.

— האָט איהר ניט א טעות, פּענעלאָן?

— ניין! ניין! האָט פּענעלאָן געשריען, זעהט איהר דען ניט דעם רויך דאָרט אין נאָרד־אָסט?

ער האָט ניט געוואָרט אויף אן אנטוואָרט. וויא א ווילדער יונג האָט ער זיך אראָבגעקייקעלט פון דעם בארג שנעע און האָט געשריען:

— מיר זיינען גערעטעט! מיר געפינען זיך לעבען וואָהנונגען פון מענשען.

אלע זיינען ארויסגעלאָפען פון שטיבעלע. ליידער, זיינען זייערע אויגען נאָך געווען אזוי שוואך, אז זיי האָבען ניט געקענט זעהען דעם רויך. נור ראָזא האָט איהם דערזעהען, ווייל זיא האָט אם וועניגסטען געליטען פון דער שנעע בלענדונג.

אין אייניגע מינוטען האָבען זיך אלע אָנגעטהאָן אלעס, וואָס זיי האָבען געקענט זיך אָנטהאָן און זיי האָבען אָנגעהויבען צו געהן צו דעם אָרט, פון וואַ־נען מען האָט געזעהען דעם רויך.

יעצט איז אָבער דער רויך פערשוואונדען געוואָרען. עס קען זיין, אז ווען מען וואָלט זיך געשטעלט אויף א בארג, וואָלט מען איהם געזעהען, אויף דעם גלייכען וועג אָבער, בעזאָנדערס דאמאָלס ווען עס זיינען אין פיעלע ער־טער געלעגען בערג שנעע, וועלכע דער שטורם האָט אָנגעוואָרפען, האָט מען איהם ניט געקענט זעהן.

— איהר ווייסט דאָך, וואו איהר האָט געזעהען דעם רויך, האָט זשאַן בערטהאָ געזאָגט צו פּענעלאָן.

— געוויס ווייס איך עס, איז געווען דיא אנטוואָרט.

— דאן געהט פאָראויס, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט, יעדער פון אונז וועט איך נאָכגעהן אויף 20 שריט ווייט, אויף דיעזער ארט וועט יעדער קענען קוקען אין אלע זייטען און מיר וועלען אויסגעפינען, פון וואנען דער רויך האָט זיך געוויזען.

מען האָט אזוי געטהאָן. פענעלאָן איז געגאנגען פאָראויס און אלע זיינען איהם נאָכגעגאנגען פון ווייטען. יעדער האָט געקוקט אין אלע זייטען און האָט געזוכט דעם רויך. מען איז אזוי אוועקגעגאנגען געגען א שטונדע, פלוצלונג איז פענעלאָן געבליבען שטעהן. אלע זיינען צוגעקומען צו איהם.

— האָט איהר גאָר נישט געהערט? האָט פענעלאָן געפרעגט.

— מיר האָבען גאָר נישט געהערט.

— איז דאָס מעגליך? האָט פענעלאָן געפרעגט, האָב איך אזא טעות גע־האט? מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז איך האָב געהערט א געשריי פון א מענשען.

— דומהייט! האָט אנדרעע וואסעל אויסגערופען, דענקט איהר, אז עס געפינען זיך ערגעץ נים ווייט מענשען?

— לאָמיר געהן ווייטער, האָט זשאן בערטהאָ געבעטען, וואָס ווערט פון דיעזע אומזיסטע רייד?

זיי זיינען ווייטער געגאנגען, אָבער קוים זיינען זיי אוועקגעגאנגען איינינע הונדערט שריט, האָבען זיי דערהערט א שרעקליכען, ווילדען בעטענדען גע־שריי פון א מענשען אין דער העכסטער נויטה. יעצט האָבען שוין אלע געהערט דיעזען געשריי. וואָס זאָל עס זיין? פון וואנען קומט עס? ווער האָט עס גע־שריען?

— לאָמיר געהן! האָט זשאָן בערטהאָ געבעטען, פיליכט וועלען מיר נאָך קומען אין דער רעכטער צייט צו רעטען אן אונגליקליכען.

מען איז ווייטער געגאנגען, אלעס איז געבליעבען שטיל און רוהיג. מען איז אלזאָ אוועקגעגאנגען געגען א האלבע מייל. פלוצלונג איז פענעלאָן געבליעבען שטעהן און האָט אויסגערופען:

— נעהמט איך צו אייערע ביקסען!... א ווייסער בער!

יעדער האָט געכאפּט זיין ביקס און איז צוגעלאָפען צו פענעלאָן׳ען. ביי א פופציג שריט פון איהם איז געשטאנען א גרויסער בער און האָט שרעקליך גע־ברומט.

— אויסשיסען! גוט ציעלען! האָט פענעלאָן קאָמאנדירט.

פינף ביקסען האָבען אויסגעשאָסען מיט אמאָל, פינף קוגלען האָבען געטראָ־פען דעם ווייסען בער. ער איז אנידערגעפאלען.

— נאָך אמאָל אויסשיסען! האָט קאָמאנדירט פענעלאָן.

דיא פינף ביקסען האָבען אויסגעשאָסען נאָך אמאָל.

— יעצט לאָמיר צוגעהן צו איהם פאָרזיכטיג, האָט פענעלאָן ווייטער געזאָגט, דער ווייסער בער האָט 9 לעבענס, וויא א קאַץ, מען קען איהם אזוי לייכט ניט טויטען, און זאָ לאנג ער האָט נאָך איז זיך עפּעס לעבען, איז ער געפעהרליך.

מען איז צוגעקומען צום ווייסען בער לאנגזאם און פאָרזיכטיג. דער בער איז געווען טויט. מען האָט איהם גוט געטראָפען. לעבען איהם אָבער איז געלעגען דער קערפּער פון א מענשען. פענעלאָן האָט זיך אָנגעבויגען און איהם אויפגעהויבען. ערשט יעצט האָט מען געזעהען וואָס פאר א טרויעריגע טראגעדיע עס האָט זיך דאָ אָבגעשפּיעלט. דער ווייסער בער האָט איהם אויפגעריסען דעם בויך און האָט אָנגעהויבען צו פרעסען זיין אינגעווייד.

— אלזאָ דאָס איז געווען דער שרעקליכער געשריי, וועלכען מיר האָבען פריהער געהערט, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט טרויעריג.

— גאָט אין הימעל! האָט דער מאטראָז מיזאָן אויסגערופען, דאָס איז דאָך א בעקאנטער! דאָס איז דער מאטראָז קאָרטוא, וועלכער איז פערפאלען געוואָרען צוזאמען מיט לואיס בערטהאָ. וויא קומט ער אהער?

יעצט האָבען אויך פענעלאָן און וואסעל דערקענט דעם אונגליקליכען. ער איז געווען איינער פון דיא בעסטע מאטראָזען אויף דער שיף און ער איז עס געפאָהרען מיט לואיס בערטהאָ אויף א באָאט העלפען דער אונגליקס שיף לעבען מאלסטראָם.

— מיר קענען דאָ לאנג ניט בלייבען, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט, לאָמיר ווייטער געהן.

זיי האָבען געלאָזען ליעגען דעם האלב צוריסענעם מאטראָז און זיינען ווייטער געגאנגען. נאָך א רייזע פון צוויי שטונדען האָבען זיי דערזעהען, וויא דער באָדען ווערט העכער, עס איז געווען דייטליך, אז זיי זיינען צוגעקומען צו לאנד.

— אויב איך האָב קיין טעות, זיינען מיר צוגעקומען צום אינזעל שאנאָן, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט. דאָס איז לאנד. זעהט, דאָרט שטעקט ארויס א שטיין פון דעם שנעע. ווייטער! ווייטער!

מען איז געגאנגען ווייטער נאָגען א האלבע שטונדע און יעצט האָבען אלע דערזעהען א רויך ארויסגעהן פון א שנעע שטיבעלע.

— האללא! האללא! האָבען אלע אויסגערופען, ווער וואָהנט דאָ? ווער זייט איהר?

דאָס שנעע שטיבעלע האָט געהאַט א טהיר פון צוזאמענגעשלאָגענע ברעטער. זיא האָט זיך באלד געעפענט און צוויי מענשען זיינען ארויסגעקומען.

— מיין לואיס! דוא ביסט עס? האָט זשאן בערטהאָ אויסגערופען און האָט ארומגענומען איינעם פון דיא צוויי מענשען.

— מיין לואיס! דוא לעבסט! האָט געשריען ראָזא און האָט אָנגעהויבען צו וויינען און צו לאַכען.

— און דוא לעבסט אויך, פּיער נוקעע, מיין קאמעראד! האָט אויסגערופען פּענעלאָן.

12טעס קאפּיטעל.

צוריק צו דער שיף

— פּאָטער! ראָזא! וויא קומט איהר אהער? האָט לואיס בערטהאָ אויסגערופען מיט טרעהרען אין דיא אויגען. אייך האָב איך ניט ערווארטעט. איך האָב גערעכענט, אז איך בין שוין פערלאָרען.

— מען טאָר קיין מאָל ניט פערצווייפלען, האָט פּענעלאָן געשריען פול פרייד. וואָס הייסט פערלאָרען? איהר זייט א יונגער מאן און דארפט לעבען.

— אָבער וואָס שטעהען מיר אין דרויסען? האָט לואיס בערטהאָ געזאָגט, קומט אריין אין אונזער שטיבעלע.

מען איז אריינגעגאנגען אין שטיבעלע, וואו עס איז געשטאנען אן אייזערנער אויווען און עס האָט געברענט א פייער. ערשט יעצט האָט מען אָנגעהויבען זיך ארומצוגעהמען און זיך צו קושען.

— אך! ווען וועט שוין קורטוא ווידער קומען? האָט דער מאטראָז נוקעע אויסגערופען, וויא וועט ער זיך פרעהען, ווען ער וועט דערזעהען אונזערע ליעבע, טהייערע געסט.

פּענעלאָן און דער אלטער בערטהאָ האָבען אראָבגעלאָזט טרויעריג זייערע קעפּ. זיי האָבען שוין גוט געוואוסט, אז קורטוא וועט שוין קיין מאָל ניט צוריקקומען.

אויסער לואיס בערטהאָ און דעם מאטראָז נוקעע האָבען זיך געפונען אין דעם שטיבעלע נאָך צוויי פרעמדע מאטראָזען פון דער "פראן". לואיס בערטהאָ האָט זיי פאָרגעשטעלט פאר זיין פאָטער.

— האנסען און הערמינג.

מען קען זיך לייכט דענקען, וואָס פאר א מינע אנדרעע וואסעל האָט געמאכט, ווען ער האָט דערזעהען, אז לואיס בערטהאָ לעבט נאָך, אָבער ער האָט זיך בעהערשט. ער האָט פערביסען דיא ליפּען און געשוויגען.

— צווערשט קומט טהעע! האָט דער מאטראָז נוקעע אויסגערופען.

מען האָט געמאכט טהעע און אלע האָבען זיך דערווארעמט. יעצט האָט לואיס בערטהאָ אָנגעהויבען צו דערצעהלען זיין געשיכטע.

— איך האָב ניט פיעל צו דערצעהלען, האָט ער געזאָגט, איך בין אראָב-

געגאַנגען פון מיין שיף אין דעם גרויסען שטורם דעם 26טען אַפּריל רעטען דיא מאַטראָזען פון אַ נאָרוועגישען סקונער, וועלכער האָט געהאַלטען ביים אונ־טערגעהן. ליידער, האָבען מיר געקענט רעטען נור 5 פון זיי. דער שיפסקאַפּיטאַן מיט זיינע אָפיציערען האָבען געזאָגט, אַז זיי וועלען אויסהאַלטען ביז צו לעצט. קוים זיינען דיא פינף נאָרוועגישע מאַטראָזען אריינגעגאַנגען אין מיין באָאָט, איז געקומען אַ שטאַרקע וועלע, וועלכע האָט אונז געשליידערט ווייטער. עס איז געוועזען פינסטער און מיר האָבען ניט געקענט זעהען אונזער שיף "דיא שעהנע ראָזא". מיר האָבען גערופען, מיר האָבען געגעבען סיגנאַלען, אָבער קיי־נער האָט אונז ניט געענטפערט. מיר האָבען געקעמפּפט מיט דיא ווילדע וועלען ביז אין דער פריה, ווען דער שיפסקאַפּיטאַן פון דער "פראַן" האָט אונז דער־זעהען און האָט אונז ארויפגענומען אויף זיין שיף. מיר האָבען גערעכענט, אַז מיר וועלען צופאָהרען צו אַן אינזעל און מיר וועלען דאָרט אָבשטייגען. צום אונגליק, איז דער שטורם געוואָרען שטאַרקער און באַלד איז צובראָכען געוואָרען דער רודער פון דער "פראַן". יעצט האָבען מיר זיך גאָר ניט געקענט העלפען. מיר האָבען אָנגעשריעבען אַ צעטעלע און אריינגעלעגט אין אַ פלאַש. דער שטורם האָט אונז געטריבען אימער ווייטער און ניט ווייט פון דעם אינזעל שאַנאָן האָבען אייזבערג צובראָכען דיא "פראַן". איך און צוויי פון מיינע מאַטראָזען מיט דיא צוויי נאָרוועגישע מאַטראָזען האָבען זיך גערעטעט אויף ברעטער פון דער "פראַן". דיא איבריגע מאַנשאַפט איז אומגעקומען. מיר זיינען ארויס־געגאַנגען אויף דעם אינזעל און האָבען איינגעריכטעט אַלעס, וואָס מיר האָ־בען געקענט פון דער אונגליקליכער "פראַן". דער מעער האָט ארויסגעוואָרפען ברעטער, קלעצער, פעסלעך מיט געזאַלצענעם פלייש און דיא קערפּער פון אייניגע פון אונזערע קאַמעראַדען פון דער "פראַן". מיר האָבען געזעהען, אַז מיר מוזען דאָ בלייבען איבער'ן ווינטער און מיר האָבען זיך איינגעריכטעט, וויא מיר האָבען געקענט. צום גליק, האָט דער שטורם אונז פערוואָרפען אויף דער זיד זייט פון דעם אינזעל און זאַלאַנג דאָס מעער איז ניט געוואָרען אין גאַנצען פערפראָרען, פלעגט ער אונז צוברענגען יעדען טאָג האָלץ און אַנדערע זאַכען פון דיא געגענדען ארום. מיר האָבען אויך געכאַפּט פיש און זיי בעהאַלטען אויף ווינטער. דאָס איז מיין גאַנצע טרויעריגע געשיכטע.

יעצט האָט דער אַלטער בערטהאָ דערצעהלט זיין זוהן אַלעס, וואָס מיר ווייסען שוין פון דיא פאָריגע קאַפּיטלעך.

— אָבער דוא ביסט אַזוי בלייך מיין זוהן, און זעהסט אויס ניט אין גאַנ־צען געזונד.

— יאַ, ליעבער פאָטער, דער שרעקליכער קלימאַט און דער מאַנגעל פון גוטע, געזונדע שפייזען האָבען געווירקט אויף מיר, האָט לואיס בערטהאָ גע־זאָגט טרויעריג. עס האָט אונז געפעהלט דאָס וויכטיגסטע אין דיזע געגענדען

— לימענע זאפט און געווירצען. דוא ווייסט דאָך, ליעבער פאַטער, אז דער סקאָרבוט איז א שרעקליכע קראנקהייט, וועלכע מען קען פערהיטען נור מיט לימענע־זאפט און מיט געוויסע שארפע, ביטערע קרייטער.

— איך האָב אַלעס גויטיגע, האָט דער אַלטער בערטהאָ געזאָגט.

— און דארום וואָלט עס בעסער געווען, מיר זאָלען צוריק קומען צו אונזער שיף אזוי שנעל, וויא מעגליך.

מען האָט ניט געדארפט פיעל רעדען. יעדער האָט פערשטאנען, אז וואָס שנעלער זיי וועלען קומען צוריק צו זייער שיף, אַלץ בעסער וועט עס זיין פאר אַלעמען. אזוי וויא אַלע זיינען געווען זעהר מיעד, האָט מען געמוזט זיך אָברוהען א פּאָאר טעג. מען האָט ענדליך געמוזט אויסזאָגען לואיס בערטהאָ, אז דער מאטראָז קורטוא וועט שוין קיין מאָל ניט צוריקקומען.

פּענעלאָן און דיא אנדערע האָבען עס געהאַלטען פאר זייער פפליכט צו בעערדיגען דעם אונגליקליכען קורטוא. זיי האָבען אויסגעגראָבען א גרוב אין שנעע און האָבען איהם דאָרט אריינגעלעגט.

— זיינען דיא ווייסע בערען קיין מאָל ניט געקומען צו אייך? האָט פּענעלאָן געפרעגט.

— ווען דער ווייסער בער קען כאפּען פיש און זיך דערנעהרען פון מעערטהיערע, פאַלט ער ניט אָן אויף מענשען. ערשט אין יאנואר, ווען אַלע טהיערע פערשווינדען און דער אייז בער האָט ניט וואָס צו פרעסען, ווערט ער געפעהרליך, האָט לואיס בערטהאָ געענטפערט.

— וואו איז דען קורטוא געגאנגען?

— איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז עס געפינען זיך ערגעץ ניט ווייט עסקימאָסען. ער האָט געהערט דאָס בילען פון הינט.

— דאָס זיינען געווען אונזערע הינט! האָט פּענעלאָן אויסגערופען. פּילייכט וואָלטען מיר געגאנגען זיי זוכען?

— לאָז צו רוה, פּענעלאָן! האָט זשאן בערטהאָ געבעטען. יעצט האָבען מיר נור איין זאָרג: קומען צו אונזער שיף אזוי שנעל, וויא נור מעגליך. מיר דארפען שוין ניט אונזערע הינט.

דעם 17טען נאָוועמבער האָט מען בעשלאָסען צוריק צו געהן צו דער שיף. יעצט האָט מען שוין בעסער געקענט דעם וועג און מען האָט גערעכענט, אז מען וועט קענען מאכען דיא צוריקרייזע אין צעהן טעג.

לואיס בערטהאָ האָט אוועקגערופען פּענעלאָן אָן א זייט און האָט געזאָגט צו איהם:

— גיב אכטונג אויף דיא צוויי נאָרוועגישע מאטראָזען האנסען און הערמינג, זיי זיינען שלעכטע מענשען.

פענעלאָן האָט איהם דאן פערטרויט, אז ער האָט קיין צוטרויען צו אנ־דרעע וואסעל.

אזוי וויא עס האָבען זיך געפונען ביי זיי גענוג ברעטער און קלעצער פון דער "פראן" און פון דעם, וואָס דאָס מעער האָט ארויסגעוואָרפען, האָט מיזאָן געמאכט פון זיי א סאָרט שליטען, אויף וועלכען זיי האָבען ארויפגעלעגט זייער פּראָוויאנט און דעם געטויטעטען אייז־בער. מען האָט פון איהם אראָבגעצויגען דיא פעל און אוועקגעשענקט ראָזא'ן, דאָס פלייש אָבער האָט מען געגעסען. דאָס פלייש פון אן אייז־בער איז זעהר ניט געשמאק. עס שטינקט נאָך טראָן, ווייל ער פרעסט דיא מעער טהיערע. אין א נויט אָבער האָט מען עס געגעסען.

דיא ערשטע סטאציאָן איז געווען דיא אייז שטוב, וואו זיי זיינען פערשאָ־טען געוואָרען מיט שניע, זיי האָבען דאָרט איבערגעלאָזען פיעל פּראָוויאנט און זייער אויוועלע.

וויא גרויס איז געווען זייער איבערראשונג, ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער אייז שטוב און האָבען דאָרט געפונען זייערע הינט, וועלכע זיינען ארויס־געלאָפען און צוגעשפרונגען צו פענעלאָן און מיזאָן, וועלכע פלעגען זיי פיטערען.

— דאָ זעהט מען דעם מערקווירדיגען אינסטיקט פון א הונט, האָט פע־נעלאָן געזאָגט, זיי זיינען צוריקגעקומען צו דעם פלאץ, פון וואנען דער שטורם האָט זיי פערטריבען, זיי האָבען געזוכט דיא מענשען, ווייל זיי ווייסען, אז דיעזע מענשען בעשיצען זיי און זאָרגען פאר זיי. ווען דיעזע הינט וואָלטען געקענט רעדען, וואָלטען זיי געוויס אונז דערצעהלט א לאנגע און אינטערעסאנטע גע־שיכטע.

— פון וואָס האָבען זיי אָבער געלעבט דיא גאנצע צייט? האָט זשאן בערטהאָ געפרעגט.

ערשט יעצט האָט מען זיך צוגעקוקט און אויסגעפונען, אז דיא הינט האָבען אונטערדעסען אויפגעפרעסען דאָס גאנצע געזאלצענע פלייש, וועלכעס אונזערע רייזענדע האָבען איבערגעלאָזען אין שטוב, ווען זיי זיינען אוועקגעגאנגען צום אינזעל שאנאָן. דאָס איז געווען א קלאפּ פאר דיא רייזענדע. זיי האָבען יעצט געהאט נאָך דריי מענשען צו שפייזען און ניט גענוג פּראָוויאנט.

— וואו אָבער זאָל זיין דער שליטען? האָט פענעלאָן געפרעגט. ווען דיא הינט זיינען דאָ, געפינט זיך געוויס דער שליטען גאָר ניט ווייט פון דאנען.

— מיר קענען יעצט ניט פערברענגען דיא צייט מיט טראכטען און קלע־רען, האָט זשאן בערטהאָ געזאָגט ערנסט, מיר מוזען ווייטער געהן. מיר מוזען זעהען צוקומען צו אונזער שיף אזוי שנעל וויא נור מעגליך.

דיא צוריקרייזע איז געווען פיעל לייכטער. מען האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם ווייסען שנעע און צו דעם ברעכען זיך פון דיא שטראהלען ליכט. אלע

האָבען שוין יעצט וועניגער געליטען פון דער שנעע בלענדונג און יעדער איז שוין געגאַנגען זיכערער.

איינס אָבער האָט מען באלד בעמערקט. אנדרעע וואסעל און דיא צוויי נאָרוועגישע מאטראָזען האנסען און הערמינג האָבען זיך געהאלטען צוזאַמען און פלעגען געהן אָבגעזונדערט פון דיא איבעריגע. באלד האָט זיך מיט זיי פעראייניגט דער מאטראָז אָפּיק און עס איז געוועזען דייטליך, אז דיעזע פיער מענשען האָבען עפּעס אין זינען, אז זיי זיינען עפּעס ניט צופריעדען און אז זיי טראַכטען עפּעס צו טהאָן.

לואיס בערטהאָ איז געוועזען דער גליקליכסטער פון אלע. ער האָט יעצט געהאט זיין געליעבטע ראָזא און זיין פּאָטער. דער וועג האָט איהם גוטעס געטהאָן. ער איז געוועזען א מענש פון טהעטיגקייט, פון בעוועגונג, פון ווירקען און שאַפען, און דארום האָט ער זיך געפיהלט זעהר שלעכט אין זיין שנעע שטיבעלע אויף דעם אינזעל שאנאָן. יעצט אָבער ווען ער האָט געהאט פאר זיך ארבייט, זאָרגען און טהעטיגקייט, איז ער געזונד געוואָרען און האָט געוואָלט עפּעס טהאָן. עס איז קוים נויטהיג צו זאָגען, אז יעצט האָט ער שוין געזאָרגט פאר זיין געליעבטע און פענעלאָן האָט אכטונג געגעבען אויף אנדרעע וואסעל און זיין באנדע.

מען האָט געהאט וועניג לעבענסמיטעל, אָבער מען האָט געזעהען אויסצוקומען, וויא מען האָט געקענט. אין דיא לעצטע פּאָר טעג האָט מען געמוזט זיך צופריעדענשטעלען מיט האלבע פּאָרציאָנען, אָבער קיינער האָט זיך ניט בעקלאָגט.

דעם 7טען דעצעמבער האָט מען ענדליך דערזעהען "דיא שעהנע ראָזא". אָבער זאָנדערבאר! מען האָט זיא איבערגעלאָזען איינגעפראָרען אין אייז און יעצט האָט מען זיא געפונען אין דער הויך אויף צוויי גרויסע שטיקער אייז.

עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען דיא פרייד פון דיא מאטראָזען, וועלכע זיינען געבליבען אויף דער שיף, ווען זיי האָבען דערזעהן זייערע קאמעראדען און זייער שיפסקאפּיטאן צוריקקומען. זיי האָבען אָנגעהויבען צו טאנצען פאר פרייד, ווען זיי האָבען דערזעהען זייער יונגען שיפסקאפּיטאן לואיס בערטהאָ. זיי האָבען איהם ארומגענומען, האָבען איהם געקושט, האָבען געוויינט און געלאכט פאר פרייד און האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן פאר גרויס פרייד.

— יעצט איז שוין אלעס גוט! האָבען זיי געשריען. ווען איהר זייט מיט אונז, וועט שוין אלעס גוט ווערען!

ווען זיי האָבען זיך אביסעל בערוהיגט, האָט דער אלטער בערטהאָ געפרעגט:

— וויא קומט עס, וואָס אונזער שיף שטעהט אין דער הויך? מיר האָבען זיא דאָך איבערגעלאָזען איינגעפראָרען אין אייז?

דער עלטערער מאַטראָז טאַרקיע האָט יעצט דערצעהלט, וואָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט. עס האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער שטורם. דאָס אייז איז צובראָכען געוואָרען וויא שטיקלעך גלאָז, דער שטורם האָט אויפגעהויבען דיא שיף און האָט זיא ארויפגעוואָרפען אויף דיא צוויי גרויסע שטיקער אייז. און אַזוי איז זיא געבליעבען. איבעריגענס האָט עס דער שיף וועניג געשאַדעט, פּילייכט איז דאָס געווען זייער גליק. ווען דיא שיף זאָל געוועזן בלייבען צווישען דיא שטיקער אייז, וואָלט זיא געווים צובראָכען געוואָרען.

— אלזאָ, דערזעלבער שטורם, וועלכער האָט אונז פּערשאַטען מיט שנעע, האָט אויך אויפגעהויבען דיא שיף, האָט זשאַן בערטהאַ געזאַגט. דער שטורם האָט וואהרשיינליך אויפגעקאָכט און אויפגעבראָכען דאָס גאַנצע אייז־מעער.

מען איז אריינגעגאַנגען אין שיף אויף טרעפּ, וועלכע טאַרקיע און זיינע קאמעראַדען האָבען אויסגעהאַקט אין איינעם פון דיא שטיקער אייז.

אַזוי וויא אַלע זיינען געוועזן הונגעריג, האָט מען באַלד אָבגעקאָכט עסען און מען האָט זיך געזעצט צום טיש. זשאַן בערטהאַ האָט געהייסען עפּענען עט־ליכע פלעשער שאמפּאַניער און האָט טראַקטירט אַלע מאַטראָזען. עס איז געווען אַ פרעהליכער טאָג, אַ פייערטאָג אויף דער קליינער שיף אין דער מיט פון שנעע און אייז.

נאָך׳ן עסען האָט מען זיך געלעגט שלאָפען, אויסרוהען פון דער לאַנגער און שווערער רייזע. לואיס בערטהאַ איז געשלאָפען אין דער קאַיוטע פון זיין פאָטער און פאַר דיא צוויי נאָרוועגישע מאַטראָזען האָט מען געמאַכט אַ געלעגער אין דעם גרויסען זאַאל.

דעם אַנדערען טאָג, ווען מען האָט זיך אויסגעשלאָפען און אויסגערוהט, האָט דער מאַטראָז טאַרקיע דערצעהלט זשאַן בערטהאַ און זיין זוהן, וואָס עס האָט פּאַסירט אין דער צייט פון דעם שטורם. ווען זיי האָבען זיך פּאַרבעריי־טעט אויף׳ן ווינטער, האָבען זיי ארויסגענומען פיעל פּראָוויאַנט פון דער שיף און עס אַנידערגעלעגט אויף׳ן ברעג אין אַ שנעע שטוב. זיי האָבען עס געמוזט טהאָן אום צו מאַכען מעהר פּלאַץ אויף דער שיף. אין דער צייט פון דעם גרויסען שטורם האָט דער שטאַרקער ווינד אומגעוואָרפען דיא שפּייז־קאַמער און צושליי־דערט דיא פעסער און דיא קאַסטענס אין אַלע זייטען. פיעלע פעסער געזאַלצע־נעם פליישׁ, מעהל, צוויבאַק, גרויפּען און אַנדערע לעבענסמיטעל זיינען אריינגע־וואָרפען געוואָרען אין מעער און פערלאָרען געגאַנגען. אַנדערע זאַכען האָט דער שטורם צוּוואָרפען אַזוי וויט, אַז מען האָט זיי שוין ניט געקענט געפינען. ווען דער שטורם האָט אויפגעהערט און ער מיט זיינע קאמעראַדען זיינען ארויסגע־גאַנגען זעהען, וואָס עס איז געוואָרען פון זייער פּראָוויאַנט, האָבען זיי מיט שרעק דערזעהן, אַז עס איז זאָגאַר דיא העלפט ניט געבליבען. זיי האָבען גע־זוכט יעדען טאָג, אָבער זיי האָבען געפונען זעהר וועניג.

זשאַן בערטהאַ און זיין זוהן זיינען באלד אראָבגעגאנגען אין דער שיף זעהן, וויא פיעל פּראָוויאנט זיי האָבען נאָך. זיי זיינען צוריקגעקומען זעהר ני־דערגעשלאָגען. זיי זיינען באלד אריינגעגאנגען אין זייער קאיוטע און האָבען אָנגעהויבען צו רעכענען.

— מיר קענען ניט רעכענען אוועקצופאָהרען פון דאנען פאר מאי, האָט זשאַן בערטהאַ געזאָגט, מיר האָבען אלזאָ נאָך 5 מאָנאטען צו בלייבען דאָ. מיר האָבען לעבענסמיטעל קוים אויף דריי מאָנאטען. וויא מיר זאָלען קארגען, וויא מיר זאָלען איינשפּאָרען, וועלען מיר דאָך ניט אויסקומען מיט דעם פּראָוויאנט, וועלכען מיר האָבען. אלזאָ, וואָס טהוט מען?

— מיר האָבען דערוויילע גענוג פּראָוויאַנט ביז אין דער מיט פעברואר. ווען מיר וועלען אביסעל איינקארגען, וועלען מיר אויסהאלטען ביז מערץ. אין מערץ ווייזען זיך שוין פייגעל, זעע־הינט, וואלפיש און אנדערע מעער־טהיערע. מיר וועלען דאן מוזען ווערען יעגער און פישער און זיך דערנעהרען, וויא מיר וועלען קענען, ביז מיר וועלען קענען ארויספאָהרען פון דאנען. אָנ־פאנג מאי קען אמאָל אָנקומען א וואלפיש פאנגער, ביי ועעמען מיר וועלען קע־נען קויפען לעבענסמיטעל. פיליכט וועלען מיר אויסגעפינען א דאָרף פון עס־קימאָסען און וועלען ביי זיי קענען עפּעס קויפען, האָט לואיס בערטהאַ גע־זאָגט לאנגזאם.

13טעס קאפּיטעל.

אונצופרידענהייט און שטרייטיגקייטען

זייט זיי זיינען צוריק געקומען צו זייער שיף, האָט דער אלטער זשאַן בערטהאַ איבערגעגעבען דיא קאָמאנדע זיין זוהן. דאָס איז אויך געווען גאנץ נאַטירליך. לואיס בערטהאַ אלס יונגער מאן האָט געקענט האלטען א שטרענגערע דיסציפּלין צווישען זיינע מענשען. אויסער דעם איז ער דאָך געווען אויך פריי־הער זייער שיפסקאַפּיטאן און זיי זיינען געווען געוואוינט איהם צו פאָלגען.

עס איז יעצט קיין געהיימניס געווען אויף דער שיף, אז מען האָט זעהר ווייניג לעבענסמיטעל און מען מוז זיין זעהר שפּארזאם, מען מוז לעבען זעהר עקאָנאָמיש, אום מען זאָל קענען אויסקומען ביז מאי.

עס זיינען פערגאנגען עטליכע טעג, אין וועלכע עס האָט גאָר ניט פּאסירט. דיא קעלט איז געוואָרען שרעקליך, אונערטרעגליך. דער מאָנאט דעצעמבער איז געוועהנליך דער קאלטסטער מאָנאט אין יאָהר. דיא גרעסטע קעלטען קומען פאָר אם ענדע פון דעם מאָנאט און זיי דויערען ביז אין דער מיטען יאנואר. דאן ווערט עס אביסעל ווארעמער. אין פעברואר קומען פאָר שטורמווינדען און עס פאלט זעהר פיעל שנעע.

דעם 17טען דעצעמבער, דיא וואָך פאר קריסטמאס (ווייהנאכט) האָט לואיס בערטהאָ געזאָגט צו אנדרעע וואסעל און צו דיא צוויי נאָרוועגישע מאטראָ־זען:

— טהוט אייך אָן ווארימע קליידער און געהט ארויס אויף דאָס לאנד, פיליכט וועט איהר קענען שיסען אן אייז־בער אָדער אן אנדער טהיר. מען האָט מיר געזאָגט, אז ניט ווייט פון דאנען געפינט זיך א פלאץ, וועלכער איז געשיצט געגען דעם ווינד מיט א גרויסען בארג. פיליכט וועט איהר דאָרט געפינען עפּעס פרישעס פלייש.

— וועט איהר אויך געהן מיט אונז? האָט אנדרעע וואסעל געפרעגט פרעך.

— איך וועל בלייבען אויף דער שיף, ווייל מיין פאָטער פיהלט זיך עפּעס ניט גוט.

— דאן געה איך אויך ניט, האָט וואסעל געענטפערט גראָב.

לואיס בערטהאָ האָט זיך געפיהלט בעליידיגט, אָבער ער האָט געשוויגען.

צוויי טעג שפּעטער האָט איהם פּענעלאָן דערצעהלט, אז עס פעהלט א פעסעלע געזאַלצענעס פלייש און דאָס האָט געוויס צוגענומען וואסעל מיט זיינע קאמעראדען. לואיס בערטהאָ האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאלטען. ער איז צוגעגאנגען צו אנדרעע וואסעל און האָט געזאָגט מיט א בעפעהלערען טאָן:

— גיט ארויס דאָס פעסעלע פלייש! איהר ווייסט דאָך גאנץ גוט, אז יעצט מוזען מיר זיין זעהר עקאָנאָמיש.

— אין געפאהר איז יעדער מענש פאר זיך, האָט וואסעל געענטפערט.

— איך בין דער שיפסקאפּיטאן! האָט לואיס בערטהאָ געשריען.

— יעצט איז ניטאָ קיין שיפסקאפּיטאן, האָט וואסעל געענטפערט. מיר זיינען יעצט פערוואָרפען אויף'ן אייז מעער, און קיינער קען אונז ניט בעפעה־לען. יעדער דארף זאָרגען פאר זיך, ניט פאר אנדערע.

לואיס בערטהאָ איז געוואָרען אזוי אויפגערעגט, אז ער האָט ארויסגעכאפּט זיין מעסער. עס זיינען באלד צוגעלאָפען צו איהם פּענעלאָן און דיא איבעריגע מאטראָזען.

וואסעל האָט געזעהען, אז ער קען יעצט גאָר נישט מאכען און ער האָט אויסגעזאָגט, וואו דאָס פעסעלע פלייש געפינט זיך.

לואיס בערטהאָ האָט מעהר ניט געוואָלט רעדען מיט איהם, אָבער ארויס־טרייבען איהם פון דער שיף האָט ער אויך ניט געקענט. וויא קען מען עס ארויס־טרייבען א מענשען אין אזא שרעקליכער קעלט און אין אזא ווילדער געגענד?

דער קריסטמאס איז פערגאנגען זעהר טרויעריג. דיא קעלט איז געווען אזוי שרעקליך, אז דאָס קוועקזילבער אין טערמאָמעטער איז פערפראָרען גע־וואָרען. פון ארויסגעהן זוכען לעבענסמיטעל האָט אלזאָ קיין רעדע ניט געקענט

זיין. מען האָט געמוזט זיצען צוזאמען, עסען צוזאמען און ווארפען איינער אויף דעם אנדערען בייזע בליקען.

צום ערשטען מאָל האָט ראָזא פערשטאנען, אז זיא איז דיא אורזאכע פון דער פיינדשאפט צווישען וואסעל און איהר געליעבטען לואיס. זיא איז געווען שטארק גענוג אויסצוהאלטען דיא געפאהרען און דיא שרעקען פון דעם אייז־מעער, דעם האס אָבער צווישען מענשען, וועלכע מוזען שלאָפען אונטער איין דאך און עסען ביי איין טיש, האָט זיא ניט געקענט איבערטראָגען. זיא האָט מורא געהאט צו זאָגען א פריינדליכעס וואָרט צו אנדרעע וואסעל און זיא האָט זאָגאר ניט געקענט זיין צערטליך געגען איהר געליעבטען. איהר לאגע איז געוואָרען אונערטרעגליך.

דער ערשטער יאנואר איז געווען דער טרויעריגסטער טאָג פון דעם גאנ־צען ווינטער. עס האָט אויסגעבראָכען א שרעקליכער שטורם, אז עס איז געווען אונמעגליך ארויסצוגעהן אויף'ן דעק. דערצו נאָך האָט פענעלאָן געמעלדעט, אז זיי האָבען קויהלען נור נאָך אויף צוויי טעג. זיי האָבען אויסגעברענט אלעס, וואָס זיי האָבען מיטגענומען פון דער היים.

מען האָט אלזאָ געמוזט זיין עקאָנאָמיש מיט הייצונג און דאָס איז געווען דאָס ערגסטע. אין דיא קאלטע געגענדען מוז דער מענש זיין טהעטיג, ארומגעהן, זיך בעוועגען, האלטען זיין בלוט אין בעשטענדיגער צירקולאציאָן. אזוי וויא זיי האָבען געהאט זעהר ווייניג קויהלען און זיי האָבען ניט געקענט גענוג הייצען זייער אויווען, האָט זיך יעדער געלעגט אויף זיין געלעגער, האָט זיך צוגעדעקט מיט וואָס ער האָט געקענט און איז געלעגען וויא א קלאָץ.

לואיס בערטהאָ האָט זיי אויפגעפאָדערט, זיי זאָלען אויפשטעהן, זיי זאָלען זיך בעוועגען, זיי זאָלען שפּרינגען, טאנצען, מאכען גימנאסטיק אום צו בע־וועגען זייערע גליעדער, אָבער נור פענעלאָן, ראָזא, טאָרקיע און אנדרעע וואסעל האָבען איהם געפאָלגט, דיא איבעריגע האָבען זיך ניט גערירט פון זייער געלעגער.

דעם 3טען יאנואר האָט פענעלאָן ארייגעשאָטען אין דעם אייזערנעם אויווען דאָס לעצטע ביסעלע קויהלען, וואָס עס איז נאָך זיי געבליבען.

— מיר מוזען זוכען הייץ־מאטעריאל, האָט לואיס בערטהאָ געזאָגט. ווען מיר וועלען ניט קענען געפינען א מאטעריאל, וואָס זאָל אונז בעשיצען געגען דער ביטערער קעלט, זיינער מיר פערלאָרען.

— איך זעה קיין אנדער מיטעל, וויא נור מיר זאָלען ארויסגעהן אויף'ן דעק פון אונזער שיף און אויסהאקען דאָס האָלץ, וואָס איז ניט בעזאָנדערס נויטהווענדיג, האָט פענעלאָן געזאָגט.

לואיס בערטהאָ האָט דאן גענומען א האק און האָט געהייסען פענעלאָן און וואסעל, זיי זאָלען אויך נעהמען העק און געהן מיט איהם אויף'ן דעק.

דער שטורם האָט אויפגעהערט, אָבער די קעלט איז נאָך אַלץ געווען שרעקליך.

זיי האָבן אָנגעהויבן צו אַרבייטן. זיי האָבן אָבגעהאַקט דעם געלענ־דער אין דעם הינטן פון דער שיף. זיי האָבן אויסגעהאַקט פילע ברעטער פון דעם דעק, וואו מען גייט ניט אָפט.

די ־אַרבייט און די בעוועגונג האָט זיי גוט געטאָן. זיי האָבן זיך געפילט געקרעפטיגט. ווען מען האָט אָראָבגעבראַכט די שטיקער האָלץ אין שיף, האָט זאַגאר ראָזאַ פראָבירט שפּאַלטן האָלץ אום זיך צו בעוועגן. באַלד האָבן אויך איינגע פון די מאַטראָזן אָנגעהויבן זיך צו ריהרן און עפעס צו טהאָן, נור דער אַלטער זשאַן בערטהאַ איז געבליבן ליגן אין זיין בעט. אין זיינע יאָהרען איז איהם שווער געווען אויסצוהאַלטן די שרעקליכע קעלט און די ליידען פון אַ ווינטער אויף'ן אייז מעער.

אַ פּאָר טאָג שפּעטער האָבן זיך געוויזן ביי איהם די ערשטע צייכענס פון דער געפעהרליכער קראַנקהייט פון די קאַלטע געגענדען — דער סקאָרבוט.

דער סקאָרבוט איז אַ טרויעריגע, שמערצליכע און געפעהרליכע קראַנק־הייט. זיא קומט דערפון, וואָס מען עסט נור געזאַלצענעס פלייש און קיינע גראָ־זען, קיינע קיך פלאַנצען, וויא ציבעלעס, רעטעך, מעהרען, ריעבען און דאָס־גלייכען. זיא הויבט זיך אָן דערמיט, וואָס דאָס צאָהן־פלייש ווערט אָנגעשוואָלען און ענטצינדעט. דער קראַנקער קען קוים עפּעס נעהמען אין מויל. ווען מען פערהאַפט זיא ניט אין דיעזער ערשטער צייט, בעקומט דער קראַנקער פיעבער, דאָס גאַנצע מויל ווערט פערשוואָלען און ענטצינדעט. די צייהנער הויבן אָן ארויסצופאַלען און ווען די קראַנקהייט קומט צו צום האַלז, ווערט דער קראַנקער בוכשטעבליך דערשטיקט. זיין האַלז ווערט אַזוי פערשוואָלען, אַז ער קען ניט אַטהעמען.

דאָס איינציגע מיטעל געגען דיעזער קראַנקהייט איז לימענע־זאַפט און אַ געוויסעס גראָז, וועלכעס הייסט אויף דייטש "לעפעל קרויט", ווייל די בלע־טער ווייזען אויס, וויא לעפעל. די גוטע מוטער נאַטור האָט זיך געזאָרגט פאַר איהרע קינדער. דאָס לעפעל קרויט וואַקסט גראָדע אין די קעלטסטע גע־געגנדען, זעלבסטפערשטענדליך, נור אין די קורצע זומער־מאָנאַטען. די עסקי־מאָסען ווייסען דערפון און זיי זאַמלען אָן דיעזעס גראָז אין דער זומער צייט. די שיפסקאַפּיטאַנען פון די וואַלפיש־פאַנג שיפען ווייסען דערפון און ווען זיי קומען צו אין זומער צייט צו אַ לאַנד ביים אייז־מעער, שיקען זיי אַרויס מאַט־ראָזען צו זאַמלען דיעזעס וואונדערבאַרע גראָז.

דער אַלטער זשאַן בערטהאַ האָט אויך גוט געוואוסט, אַז ווען מען פאָהרט אין די געגענדען אַרום אייז מעער, דאַרף מען זיך פערזאָרגען מיט מיטעל געגען דעם סקאָרבוט. ער האָט דאַרום מיטגענומען עטליכע קאַסטענס לימע־

נעם און זאָלאנג ער האָט קאָמאנדירט זיין שיף, פלעגט ער אַליין אויסטהיילען יעדען טאָג א שטיקעל לימענע צו יעדען מאטראָז. אין דיא לעצטע עטליכע טעג האָט ער זיך געפיהלט שלעכט און האָט עס פערנאכלעסיגט. יעצט ווען זיין זוהן האָט דערזעהן, אז דאָס צאָהן־פלייש ביי זיין פאָטער איז אָנגעשוואָלען געוואָרען, האָט ער א געשריי געטהאָן:

— פענעלאָן! וואו זיינען דיא לימענעס?

— איך ווייס ניט. דיא לימענעס זיינען פערשוואונדען געוואָרען, האָט פענעלאָן געענטפערט.

— א לימענע! גיט מיר א לימענע! האָט לואיס בערטהאָ געשריען.

קיינער האָט איהם ניט געענטפערט. קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו דיא לימענעס זיינען אהינגעקומען.

לואיס בערטהאָ איז געווען אויסער זיך פאר צאָרן און פערדרוס. ער האָט געכאפט זיין רעוואָלווער פון דער וואנד און איז צוגעלאָפען צו אנדרעע וואסעל.

— גיב מיר א לימענע! האָט ער געשריען, אָדער איך דערשים דיך, וויא א הונד!

— איך האָב ניט! איך ווייס ניט! האָט וואסעל געשטאמעלט.

— דוא ווייסט עס! דוא האָסט בעהאלטען דיא לימענעס!

אנדרעע וואסעל האָט זיך אוועקגעקעהרט און האָט ניט געוואָלט ענט־פערען.

— איך קען דיך דערשיסען, וויא א משוגענעם הונד, האָט לואיס בערטהאָ געשריען, איך וויל עס אָבער ניט טהאָן. איך וויל קיין בלוט פערגיסען אויף דער שיף, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פון מיין געליעבטער.

ער האָט זיך דאן געווענדעט צו זיינע פריינד און האָט אויסגערופען:

— פענעלאָן, טאָרקיע, קאָדעע און מיזאָן, בינדט איהם!

וואסעל האָט איינגעזעהען, אז ער קען יעצט גאָר ניט אויספיהרען און ער האָט געזאָגט:

— פאר וואָס זוכט איהר ניט אין דער קיך, הינטער דיא פעסלעך צוויי־באק?

מען האָט אָנגעהויבען צו זוכען דאָרט און מען האָט באלד געפונען דאָס קעסטעלע מיט לימענעס.

ראָזא האָט באלד געמאכט טהעע און האָט געגעבען דעם אַלטען בערטהאָ א גלאָז טהעע מיט דעם זאפט פון א האלבער לימענע. דאָס האָט געווירקט וויא א צויבער. שוין דעם אנדערען טאָג האָט זיך דער אַלטער געפיהלט בעסער. דאָס געשווילעכץ פון זיין צאָהן־פלייש איז פערשוואונדען און ער האָט בעקומען אפעטיט צום עסען.

14טעם קאפיטעל.

מאַנגעל און נויט

עס איז יעצט געווען קלאָר און דייטליך, אז אויף דער שיף געפינען זיך צוויי פארטייען, צוויי געגנער, צוויי פיינד, וועלכע וועלען פריהער אָדער שפּע־טער מוזען קומען צו א צוזאמענשטוים, צו א קאמפף אויף טויט און לעבען. מען האָט עס געוואוסט און מען האָט געשוויגען. צו וואָס זאָל מען עס ארויס־זאָגען?

אונטערדעסען איז אָנגעקומען דיא קעלטעסטע און דיא שרעקליכסטע צייט פון דעם יאָהר. אין א שעהנעם פריהמאָרגען אין יאנואר האָט מען ארויסגע־שטעלט דעם טערמאָמעטער אין דרויסען אום צו זעהן, וויא פיעל גראד קעלט עס איז; דאָס קוועקזילבער פון טערמאָמעטער איז פערפרארען געוואָרען. אלזאָ האָט מען מעהר אלס 70 גראד קעלט. אין אזא שרעקליכער קעלט קען קיין קוועקזילבער טערמאָמעטער, קיין אלקאָהאָל טערמאָמעטער און קיין געוועהנ־ליכער טערמאָמעטער ניט וויזען דיא טעמפּעראטור, נור א שטאָהל טערמאָ־מעטער קען וויזען דיא גראדען קעלט. אייזען, שטאָהל און אלע מעטאלען האָ־בען אין זיך דיא אייגענשאפט, וואָס זיי ווערען צונויפגעצויגען, קלענער, קיר־צער, פון דער קעלט. א גוטער שטאָהל טערמאָמעטער קען וויזען א טעמפּערא־טור פון 240 גראד קעלט, דאן פערליערט אויך ער זיין קראפט און ווען מען וויל אָבמעסטען א ניעדריגערע קעלט טעמפּעראטור, מוז מען געברויכען א גאנץ אנדערען טערמאָמעטער, וועלכען איך געפין ניט פאר נויטהיג צו בעשריי־בען אין דיעזער ערצעהלונג.

70 גראד קעלט איז דאָס שרעקליכסטע פאר א מענשען. שטיינער ווערען צוריסען פון אזא קעלט, בערג ווערען צושפּאָלטען און דאָס אייז זאָגאר פון דעם אייז מעער פּלאצט, רייסט זיך, ברעכט זיך און וויזט דיא זאָנדערבארסטע ער־שיינונגען.

דאָס האָלץ איז אויסגעגאנגען אין דער שיף און מען האָט געמוזט טראכטען צו בעקומען הייץ־מאטעריאל, ווייל זאָנסט וועלען אלע פערפרארען ווערען.

לואיס בערטהאָ איז ארויפגעגאנגען אויף'ן דעק זוכען, וואָס מען קען נאָך אָבהאקען און אָבברעכען פון דער שיף, וואָס זאָל קענען נוצען אלס הייץ־מאטעריאל. יעצט האָט קיין זאך געהאָלפען. ער האָט געמוזט אָבהאקען איינעם פון דיא זעגעל בוימער און איהם לאָזען צושפּאַלטען אויף האָלץ.

ער האָט עטליכע מאָל געוואָלט ארויסגעהן אויף דאָס לאנד, זוכען, מאָ־כען א לענגערע רייזע טיעפער אין לאנד אָדער ביי דיא ברעגעס, פיללייכט וועלען זיי געפינען הייץ־מאטעריאל אָדער לעבענסמיטעל. זיי וואָלטען יעצט צופריעדען

געווען מיט א זעע־הונד, מיט א ווייסען בער אדער זאגאר מיט א וואלפיש. זיי האבען געמוזט קריעגען פרישע לעבענסמיטעל, אליין אבער האט לואיס בערטהא מורא געהאט צו געהן. ער האט געבעטען אנדרעע וואסעל, ער זאל געהן מיט איהם, וואסעל האט זיך אבער ענטזאגט. אלס שיפסקאפיטאן האט לואיס בערטהא געקענט הייסען בינדען און שמיעדען וואסעל'ן אין קייטען דערפאר וואס וואסעל האט איהם ניט געפאלגט, ער האט אבער ניט געוואלט קרענקען זיין געליעבטע ראזא, וועלכע איז ניט געווען געוואוינט צו אזעלכע סצענעס.

זייער לאגע איז געוואָרען פערצווייפעלט.

אונטערדעסען האבען זיך ארויסגעכאפט עטליכע ווארימע טעג, דאס הייסט ווארימע טעג פאר יענע געגענדען. דער טערמאמעטער האט געוויזען נור 25—30 גראד קעלט. אין אזא קעלט קען מען שוין ארויסגעהן אין דרויסען. דעם 24טען יאנואר האט זיך צום ערשטען מאל געוויזען דיא זון. זיא האט אפילו בעלויכטען דעם הימעל נור א קנאפע שטונדע, אבער דאס איז שוין געווען א גרויסע פרייד. אלע זיינען ארויסגעלאפען אויף'ן דעק בעגריסען דיא זון. אלע האבען זיך געפיהלט דערפרישט, דערקוויקט, ניי בעלעבט.

פון יעצט אן פלעגען זיי ארויסגעהן יעדען טאג, ווען דיא זון פלעגט זיך ווייזען, און בלייבען שטעהן אויף'ן דעק, ביז דיא זון פלעגט אונטערגעהן.

דער 28טער יאנואר איז געווען א בעזאנדערס שעהנער טאג. לואיס בערטהא איז ארויסגעגאנגען אויף'ן דעק זעהען, וואס עס טהוט זיך ארום איהם. אום בעסער צו זעהן איז ער ארויפגעקראבען אויף דעם העכסטען זעגעל בוים. אזוי וויא ער איז געשטאנען און האט זיך ארומגעקוקט פון אלע זייטען, האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז עפעס ריהרט זיך ערגעץ גאנץ ווייט, עפעס געהט, בעוועגט זיך.

— וואס זאל עס הייסען? האט ער געפרעגט זיך אליין, זאל עס ווידער זיין א שטורם? זאל עס זיין אן אייז ציטערנים? ווען איך זאל האבען מיין טעלעסקאפ ביי מיר, וואלט איך געוויס געקענט בעסער זעהן.

ער האט געוואלט אראבגעהן פון דעם זעגעל בוים נעהמען זיין טעלעסקאפ, אבער ער האט ניט פיעל צייט געהאט. ער האט באלד דערזעהן, וואס עס האט זיך געריהרט. דריי גרויסע ווייסע בערען זיינען אנגעקומען פון דעם לאנד און זיינען געלאפען גלייך צו דער שיף.

— שליסט צו דיא טהיר! האט ער געשריען. דיא אייז בערען קומען.

אין דער צייט ווען ער איז געשטאנען אויף'ן זעגעל בוים, האט זיך אונטען אין שיף אבגעשפיעלט אן אנדערע, זעהר טרויעריגע סצענע.

פענעלאן האט אויפגעשטעלט א קעסעל מיט אייז אויף'ן פייער אום אבצורקאכען דעם פריהשטיק. זייט עס זיינען פארגעקומען דיא צאנקערייען און שטרייט־

טיגקייטען מיט אנדרעע וואסעל, פלעגט מען האלטען אלע לעבענסמיטעל אונ־טער'ן שלאָס און נור פענעלאָן האָט געהאט דעם שליסעל צו זיי.

פענעלאָן האָט זיך געשטעלט קאָכען און איז געגאנגען אין שפייז קאמער ברייגגען אַ שטיק געזאַלצענעם פלייש. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער גע־טראָפען אנדרעע וואסעל שטעהן ביים קעסעל.

— וואָס טהוט איהר דאָ? האָט פענעלאָן געפרעגט.

— וואָס האָט דאָס צו אייך? האָט וואסעל אויסגערופען.

— עס האָט צו מיר, ווייל איך דארף אכטונג געבען אויף דער קיך, האָט פע־נעלאָן געענטפערט.

— ווער האָט עס געהייסען?

— דער שיפסקאפּיטאַן.

— מיר האָבען יעצט ניט קיין שיפסקאפּיטאַן.

— איך וועל דיר ווייזען, אז מיר האָבען יא אַ שיפסקאפּיטאַן, האָט פענע־לאָן אויסגערופען פול צאָרן און האָט געכאַפּט זיין גרויסעס קיכען מעסער.

וואסעל האָט ארויסגעכאַפּט זיין פּיסטאָלעט און האָט אויסגערופען:

— צו מיר, האַנסען! צו מיר, הערמינג! צו מיר, אָפּיק! לאָמיר זיי ווייזען, ווער עס בעפעהלט אויף דיעזער שיף.

אלע דריי זיינען צוגעלאָפען צו אנדרעע וואסעל. אלע זיינען געווען בע־וואפענט מיט מעסערס און מיט פּיסטאָלעטען.

— צו מיר, מיזאָן! צו מיר, טאָרקיע! צו מיר נוקעע! האָט יעצט גע־שריען פענעלאָן.

עס איז געווען דייטליך, אז וואסעל מיט זיינע קאמעראדען האָבען זיך צו־נויפגערעדט צו טויטען דיא איבעריגע מאטראָזען און זשאַן בערטהאָ מיט זיין זוהן, צונעהמען דיא שיף, אָבווארטען ביז זומער און דאַן צופאָהרען ערגעץ צו אַ בעוואָהנטעם לאַנד.

פענעלאָן האָט גוט געוואוסט, וואָס דאָ קומט פאָר. יעצט ווען מען האָט שוין געפונען לואיס בערטהאָ, האָט וואסעל ניט קיין האָפנונג צו הייראטהען דיא שעהנע ראָזא, וועלכע ער ליעבט ביז צום וואהנזין, און ער האָט זיך ענטשלאָסען אויף דאָס שרעקליכסטע פערברעכען.

פענעלאָן האָט אָנגעכאַפּט אנדרעע וואסעל'ן ביים האלז און האָט געוואָלט איהם דערשטיקען. וואסעל איז אָבער געווען גענוג שטארק און האָט אָנגעהויבען זיך צו ראנגלען מיט איהם. ביידע זיינען געפאלען אויף דעם באָדען און האָבען זיך געקייקעלט אויף איהם.

אונטערדעסען זיינען אויפגעשטאנען דיא איבעריגע מאטראָזען. עס איז געווען גאנץ פריה און יעדער איז נאָך געלעגען אויף זיין געלעגער. קיינער איז

ניט געווען בעוואפענט. אויך ראָזא און דער אַלטער זשאן בערטהאָ האָבען זיך אויפגעכאפט.

צום אונגליק נאָך, האָבען זיך פענעלאָן און וואסעל געראנגעלט לעבען אויוזען. דער קעסעל האָט זיך איבערגעקעהרט און האָט זיך אויסגעגאָסען אויף'ן פייער, עס איז געוואָרען א שטארקער רויך און א שרעקליכער געשטאנק. קיינער האָט ניט געזעהן, וואו ער געפינט זיך און וואָס עס טהוט זיך ארום איהם.

— איך בין פערוואונדעט! האָט דער מאטראָז מיזאָן אויסגערופען.

— רעטעט אונז, לואיס! האָט ראָזא געשריען.

זיא איז אויך געשלאָפען, ווען לואיס בערטהאָ איז ארויסגעגאנגען אויף'ן דעק.

אין דיעזער מינוט האָט מען דערהערט לואיס בערטהאָ'ס שטימע:

— מאכט צו דיא טהיר!

דער אלטער זשאן בערטהאָ איז געלאָפען צומאכען דיא טהיר. אין דיעזער מינוט האָט אויסגעקנאקט א פיסטאָלעטען־שאָס און דער אלטער מאן איז געפאלען טויט. וואסעל האָט גוט געציעלט.

15טעם קאפיטעל.

דיא ווייסע בערען

אין דער צייט ווען אונטען אין שיף האָט זיך אָבגעשפיעלט דיא שרעקליכע טראגעדיע, וועלכע מיר האָבען בעשריעבען אין פאָריגען קאפיטעל, האָט זיך אויף'ן דעק אָבגעשפיעלט אן אנדער טראגעדיע.

לואיס בערטהאָ האָט קיין צייט געהאט זיך אראָבצולאָזען פון דעם זעגעל בוים, דיא דריי אייז־בערען זיינען געווען פלינקער פון איהם. זיי זיינען ארויפגעשפרונגען אויף'ן דעק פון דער שיף, האָבען אָנגעהויבען צו ברומען און צו זוכען. צוויי זיינען אראָבגעגאנגען צו דער קאיוטע, וואו עס איז נאָר וואָס פאָרגעקומען דיא בלוטיגע טראגעדיע, דער דריטער אָבער האָט דערזעהן לואיס בערטהאָ אויף דעם זעגעל בוים און האָט אָנגעהויבען צו קלעטערען צו איהם.

דער אייז בער קלעטערט גאנץ גוט. אלע בערען קענען גוט קלעטערען אויף בוימער. דער אמעריקאנער שווארצער בער, וויא דער רוסישער ברוינער בער קען ארויפקלעטערען אויף דעם העכסטען בוים אום צו נאשען דעם האָניג פון דיא ווילדע ביענען. דער אייז בער מוז אָבער אָפט קלעטערען אויף דיא גלייכע ווענט פון אן אייזבארג אום צו דערגרייכען זיין רויב. ער מוז צומאָל אראָבקלעטערען פון א הויכער וואנד פון אייז און זיך ארויפוואָרפען אויף א זעע־הונד אָדער אויף א וואָל ראָס.

דער דריטער אייז־בער האָט אלזאָ געפונען, אז אנשטאָט אראָבצוגעהן אין דער קאַיוטע, וואו ער וועט געווים געפינען א פערשלאָסענע טהיר, איז שוין גלייבער ארויפצוקלעטערן אויף דעם זעגעל בוים, וואו ער האָט געזעהען פאר זיך א גוטען פריהשטיק.

לואיס בערטהאָ האָט גוט פערשטאַנען, אין וואָס פאר א שרעקליכער גע־פאהר ער געפינט זיך, און ער האָט געטראכט, וויא אזוי זיך צו פערטיידיגען. ער האָט געהאט מיט זיך זיין שארפען מאטראָזען מעסער און א געלאָדענעם פיסטאָלעט. זייט ער האָט זיך איבערצייגט, אז וואסעל איז זיין פיינד און ער האָט געשלאָסען ברודערשאפט מיט דיא צוויי נאָרוועגישע מאטראָזען, פלעגט ער שטענדיג ארומטראָגען מיט זיך א געלאָדענעם פיסטאָלעט. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער האָט געהערט אונטען געשרייען, אָבער אראָבשפּרינגען יעצט פון דעם זעגעל בוים הייסט ארייַנוואַרפען זיך אין דיא לאַפּעס פון דעם הונגעריגען אייז־בער. ער האָט דארום געווארט, אז דער אייז־בער זאָל צוקומען צו איהם, דאן וועט ער זעהען, וויא זיך צו פערטהיידיגען.

דער אייז־בער האָט ניט געלאָזט אויף זיך ווארטען. ער האָט אָנגעהויבען קלעטערען אויף דעם זעגעל בוים און זיך אָנגעהאלטען אָן דיא שטריק, וויא אַן אלטער, טיכטיגער מאטראָז.

לואיס בערטהאָ האָט פון איהם ניט אראָבגעלאָזען קיין אויג. זיין פּלאַן איז געווען, אז קוים וועט דער בער אויסשטרעקען זיין לאַפּע צו איהם, זאָל ער איהם אָבהאקען דיא לאַפּע מיט זיין מעסער. דער בער איז אָבער אויך געווען אַן אל־טער, ערפאהרענער סאָלדאט. ער האָט געוואוסט, וואָס א מעסער איז און ער האָט געזוכט אויסצומיידען דאָס מעסער.

צווישען מענש און טהיער האָט זיך אָנגעהויבען א זאָנדערבארער קאמפּף ניט פון קראפט געגען קראפט, זאָנדערן פון געשווינדקייט און געשיקטליכקייט געגען געשווינדקייט און געשיקטליכקייט. ביידע געגנער האָבען געמוזט זיך אָנ־האלטען מיט דיא הינטערשטע פיס אָן דעם זעגעל בוים און מיט דיא הענד אָדער מיט דיא פאָדערשטע פיס זוכען צו כאַפּען דעם פיינד.

לואיס בערטהאָ איז געווען געשיקטער און געשווינדער פון דעם בער, אָבער דער בער איז געווען פאָרזיכטיג און ער האָט געזוכט איהם אָנצוכאפּען ביי א פוס. לואיס בערטהאָ'ס לאגע איז געווען א פערצווייפעלטע. דער בער איז געווען שטארקער פון איהם און ער האָט געקענט לענגער אויסהאלטען, לואיס אָבער האָט געפיהלט, אז זיינע קרעפטען שווינדען. דער בער האָט עס פערשטאַ־נען און ער פלעגט נור רייצען דעם מענשען, ער האָט געוואָלט איהם מיעד מאכען.

אין דערזעלבער צייט איז דער צווייטער בער אראָבגעגאנגען אין דער קאַיוטע.

אנדרעע וואסעל און זיין באנדע און פענעלאָן מיט זיינע פריינד זיינען געוועזן אזוי שטארק גערייצט און אזוי שטארק בעשעפטיגט מיט זיך, אז זיי האָבען ניט געהערט, וויא דיא בערען ברומען לעבען דער טהיר פון דער קאיוטע.

— בינדט זיי! האָט געשריען אנדרעע וואסעל.

זיינע קאמעראדען האָבען זיך ארויפגעוואָרפען אויף דיא מאטראָזען מיזאָן, טאָרקיע און נוקעע, און האָבען זיי געבונדען. דיעזע דריי, וועלכע זיינען נור וואָס אויפגעשטאנען פון שלאָף און האָבען גאָר קיין צייט ניט געהאט זיך צו בעוואפענען, האָבען קוים געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט זיי. דער איינציגער, וועלכער האָט זיך יא געשטעלט געגען וואסעל'ס באנדע, איז געוועזן דער מאטראָז מיזאָן. איהם האָט דער נאָרוועגער האנסען אריינגעשטאָכען א מעסער אין פוס און דער פערוואונדעטער מיזאָן האָט זיך ניט געקענט ריהרען.

— יעצט וועל איך פערטיג ווערען מיט דיר, פענעלאָן! האָט אנדרעע וואסעל געשריען.

ער האָט זיך געווענדעט צו זיין באנדע און האָט אויסגערופען:

—בינדט אויך איהם! מיר וועלען שפּעטער זעהען, וואָס צו טהאָן מיט איהם.

אין דיעזער מינוט האָט מען דערהערט א שרעקליכעם ברומען און א גרויסע שווערע זאך האָט זיך אָנגעשפּארט אָן דער טהיר פון דער קאיוטע און האָט זיא אויסגעבראָכען.

— א בער! אן אייז-בער! האָט הערמינג געשריען.

האנסען האָט אויסגעשאָסען און האָט געטראָפען דעם בער, אָבער ער האָט איהם ניט געטויטעט. א ווייסען בער איז זעהר שווער צו טויטען מיט איין מאָל. ווען מען טרעפט איהם ניט אין קאָפּ, איז ער נאָך שטארק גענוג אום צו קעמפּפען און בייצוקומען א מענשען.

דער פערוואונדעטער בער האָט זיך אָבער דערשראָקען. ער האָט איינגעזעהען, אז דיא באנדע איז צו גרויס פאר איהם און ער איז ארויפגעלאָפען אויף'ן דעק.

וואסעל, האנסען און הערמינג האָבען יעצט פערשטאנען, אז זיי האָבען פאר זיך א גרעסערע געפאהר, וויא דיא מאטראָזען פון דער שיף.

— נעהמט מיט אייערע פּיסטאָלעטען און אייערע מעסערס! האָט אנדרעע וואסעל געשריען, מיר מוזען יעצט טויטען דיא בערען.

אלע דריי זיינען ארויפגעלאָפען אויף'ן דעק און ערשט יעצט האָבען זיי דערזעהען, אז זיי האָבען צו קעמפּפען ניט געגען איין בער, זאָנדערן געגען דריי.

צום אונגליק פאר זיי, איז דער מאטראָז האנסען ארויפגעלאָפען אַזוי אונפאָרזיכטיג, אז ער איז אריינגעפאלען דעם דריטען, ניט פערוואונדעטען בער אין דיא לאַפּעס. דער בער האָט איהם ארומגענומען און איהם אזוי שטארק

צוגעדריקט צו זיך, אז ער האָט איהם צובראָכען אלע ריפּען פון זיין שטארקען קערפּער.

אנדרעע וואסעל איז צוגעלאָפען העלפען זיין גוטען פריינד און האָט גע־שטאָכען עטליכע מאָל דעם בער מיט זיין מעסער, עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. האנסען איז שוין געווען טויט.

— יעצט זיינען מיר נור צוויי, האָט וואסעל געזאָגט, אָבער ווען מיר וועלען ניט לעבען, וועט לואיס בערטהאָ אויך ניט לעבען.

דער וויסער בער, וועלכער האָט ביז אהער זיך געהאלטען אויף'ן זעגעל־בוים און האָט פערפאָלגט לואיס בערטהאָ, האָט זיך יעצט איבערלעגט, אז עס איז פאר איהם גלייכער אָנצופאלען אויף דיא מענשען, וועלכע שטעהען אויף'ן דעק. ער איז אראָבגעשפּרונגען פון זעגעל־בוים און האָט זיך ארויפגעוואָרפען אויף אנדרעע וואסעל מיט אזא קראפט, אזביידע זיינען געפאלען אויף'ן דעק. יעצט אָבער האָט דער בער געוויזען, אז ער איז דאָך שטארקער פון דעם מענשען. ער האָט זיך אויפגעהויבען, האָט ארומגעכאפּט אנדרעע וואסעל מיט זיינע פאָ־דערשטע לאפּעס און איז אראָבגעשפּרונגען מיט איהם פון דער שיף.

לואיס בערטהאָ איז אויך דערוויל ניט געבליבען שטעהן לעדיג. אויך ער איז אראָבגעלאָפען פון זעגעלבוים און האָט אויסגעשאָסען, ער האָט אָבער גע־טראָפען דעם צווייטען בער, דעם פערוואונדעטען און האָט איהם געטויטעט.

אין דער צייט ווען אנדרעע וואסעל האָט זיך געראנגעלט מיט דעם אייז־בער אויף דעם דעק פון דער שיף, איז דער דריטער בער אָנגעפאלען אויף דעם מאַט־ראָז הערמינג, וועלכער איז געווען אזוי דערשראָקען און אזוי צומישט, אז ער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהם.

— העלפט! רעטעט מיך! האָט ער געשריען.

דער דריטער בער האָט אויף איהם ארויפגעלעגט זיינע שווערע לאפּעס און האָט אָנגעהויבען צו רייסען פון איהם שטיקער.

לואיס בערטהאָ איז צוגעלאָפען צו איהם פון איין זייט און פענעלאָן איז ארויפגעקומען פון דער קאיוטע. ביידע זיינען געווען בעוואפענט נור מיט מעסערס. לואיס האָט אויסגעשאָסען פון זיין פּיסטאָלעט, וועלכער איז געווען אָנגעלאָדען נור מיט איין קוגעל. ער איז אלזאָ אָנגעפאלען אויף דעם בער מיט זיין מעסער. פענעלאָן האָט אויך געהאט נור א מעסער.

דער קאמפּף האָט געדויערט ניט לאנג. לואיס און פענעלאָן האָבען געשטאָ־כען דעם בער אין בויך און אין דיא שולטער. דער בער איז ענדליך אנידער־געפאלען ניט טויט, זאָנדערן שטארק פערוואונדעט, אָבער הערמינג איז געווען טויט.

— ענדליך זיינען מיר געראַטעט! האָט לואיס בערטהאָ אויסגערופען.

— אָבער וואָס האָט עס אונז געקאָסט? האָט פענעלאָן געזאָגט טרויעריג.

זיי זיינען אראָבגעגאנגען אין קאיוטע און ערשט יעצט האָט לואיס בערטהאָ דערזעהען, אז זיין פאָטער איז טויט, ערמאָרדעט פון וואסעל אָדער פון זיין באנדע.

ראָזא איז געלעגען בעוואוסטלאָז ניט ווייט פון איהר אלטען אָנקעל.

— זאָרג פאר ראָזא׳ן, פענעלאָן, האָט לואיס געזאָגט, איך וועל זעהען, אויב עס איז נאָך מעגליך עפּעס צו טהאָן פאר מיין פאָטער.

16טעס קאפּיטעל.

צוריק אין דער היים

דאָס איז געווען א טרויעריגער טאָג אויף דער שיף. דער מאטראָז מיזאָן איז געווען פערוואונדעט. דער מאטראָז אָפּיק איז געווען פערוואונדעט. ראָזא איז געזעסען אין א ווינקעלע און האָט געוויינט שטילערהייד. לואיס בערטהאָ האָט געשלונגען זיינע טרעהרען און האָט געמאכט פאָרבערייטונגען פאר דער בע־ערדיגונג פון זיין פאָטער.

פענעלאָן האָט יעצט געמוזט זיך זאָרגען פאר אלעמען. ער האָט געקאָכט עסען, געמאכט טהעע און געזוכט ברעטער, פון וועלכע צו מאכען א טרונע פאר דעם אלטען בערטהאָ. דערביי האָט ער ניט פערגעסען צו פערבינדען דיא וואונ־דען פון דיא פערוואונדעטע.

אזוי וויא מען האָט מורא געהאט, אז עס זאָלען ווידער ניט אָנקומען ווייסע בערען, האָט פענעלאָן געהייסען, אז אלע דריי שטונדען זאָל איינער פון זיי שטעהן אויף דער וואך מיט א געלאָדענער ביקס און קוים וועט ער דערהערען עפּעס א גערויש, זאָל ער אויפוועקען אלעמען.

אום צו מאכען א טרונע פאר דעם טויטען בערטהאָ האָט מען געמוזט אויפ־רייסען דיא ברעטער פון דער קאיוטע. מען האָט פון זיי צוזאמענגעשלאָגען א קאסטען, וויא מען האָט געקענט, און דעם אנדערען טאָג האָט מען איהם בע־ערדיגט אויף׳ן ברעג ניט ווייט פון דער שיף. עס איז געווען שווער צו צוקומען צו דער ערד, מען האָט געמוזט האקען און זעגען דאָס אייז.

דיא גוטע מוטער נאטור האָט געגעבען דעם מענשען צוויי טהייערע מע־דיצינען: פערגעסענהייט און האָפנונג. דיא טויטע ווערען פערגעסען און דיא לעבעדיגע לעבען און שטארקען זיך מיט דער האָפנונג.

ווען לואיס בערטהאָ האָט דורכגעלעבט און דורכגעליטען זיין גרויסען שמערץ, האָט ער זיך צוגעקוקט צו זיין שיף און צו זיינע מענשען. יעצט האָבען זיי געהאט מיט עטליכע מיילער וועניגער. זייער פּראָוויאנט האָט אלזאָ געקענט דויערען לענגער. יעצט האָבען זיי געבילדעט א פאמיליע פון פריינד, וואו איינער האָט זיך געזאָרגט פאר אלעמען און אלע פאר יעדען איינציגען.

עס איז אויך צוגעקומען צו זייער פּראָוויאַנט דאָס פלייש פון דיא צוויי געטויטעטע בערען. א גרויסער אייז־בער וועגט פון 600 ביז 700 פונט. דיא פעל פון דיא אייז־בערען האָט מען אראָבגעצויגען און זיי אוועקגעשענקט ראַ־זא׳ן אלס אן אנדענקונג פון איהר רייזע אין דיא געגענדען ארום אייז־מעער.

באלד האָט זיך אָנגעהויבען דער מאָנאַט פעברואר מיט זיינע שרעקליכע שטורמווינדען און מיט זיינע גרויסע שנעען. א שנעע־שטורם האָט אמאָל גע־דויערט דריי־פיער טעג נאָכאנאנד, און עס איז געוועזן אונמעגליך ארויסצוגעהן פון דער קאיוטע.

דיא איינציגע טרייסט פון דער קליינער פאמיליע אויף דער שיף איז געוועזן, וואָס דער טאָג איז געוואָרען אלע מאָל גרעסער. ווען דער הימעל האָט זיך אויס־געלייטערט, האָט דיא זון געשיינט אכט־ניין שטונדען נאָכאנאנד.

אָנפאנג מערץ איז געוואָרען פיעל ווארימער. מען האָט שוין געקענט ארויסגעהן אין דרויסען און זאָגאר מאכען א קליינע רייזע ווייט אין לאנד.

דעם 5טען מערץ איז אָנגעקומען א ווארימער ווינד און דאָס אייז האָט אָנ־געהויבען צו ברעכען. יעצט האָט מען געמוזט זיין פאָרזיכטיג, דיא שטיקער אייז זאָלען ניט צוברעכען דיא שיף. אלע האָבען געמוזט ארבייטען. מען האָט געמוזט בעדעקען דיא וואַנד פון דער שיף מיט שטריק, מיט דיא זעגעל און זאָ־גאר מיט דיא קליידער פון דיא מאטראָזען אום זיא צו בעשיצען געגען דיא שטיקער אייז.

א פּאָר טעג שפּעטער איז דיא שיף שוין געשוואומען אין פרייען וואסער.

עס האָבען אָנגעהויבען אָנצוקומען פויגעל און עס האָבען זיך געוויזען אלערליי מעער טהיערע. פּענעלאָן האָט זיך געמאכט א נעץ און האָט געכאפּט פיש, א גוטעס, געזונדעס עסען, וועלכעס זיי האָבען ניט געהאט, זייט זיי זיינען צוגעקומען צום ברעג.

דעם 21טען מערץ האָט דיא זון געלויכטען גאנצע 12 שטונדען. עס איז געוועזן א בעזאָנדערס ווארימער טאָג. דער טערמאָמעטער האָט געוויזען נור 5 גראד קעלט. פון ארויספאָהרען אָבער האָט נאָך קיין רעדע ניט געקענט זיין. דאָס מעער איז נאָך געוועזן בעדעקט מיט אייז. לואיס בערטהאָ אָבער האָט זיך שוין צוגעקוקט צו זיין שיף און האָט אָנגעהויבען צו מאכען פּאָרבערייטונגען צו דער רייזע אהיים. ער האָט געהייסען אויסבעסערען דיא זעגעל, און האָט זיך גע־נומען צוצוקוקען צו דיא זעגעל בוימער און צו דיא שטריק־לייטער.

אין אפּריל האָט מען שוין אָנגעהויבען צו פיהלען דעם פריהלינג. עס זיינען שוין געוועזן טעג, ווען דער טערמאָמעטער איז געשטאנען איבער׳ן נול. דער שנעע האָט אָנגעהויבען צו שמעלצען און רוישענדע טייכען האָבען זיך אראָבגע־גאָסען פון דיא בערג אין מעער.

דער פריהלינג ברייגגט אונז האָפנונג, עס מאכט ניט אויס, וואו מיר גע־

פינען זיך: צו אין א רווישענדער, פרעהליכער שטאָדט אין א ציוויליזירטען לאַנד, צו אויף'ן אייז-מעער.

מיט יעדען טאָג זיינען געקומען צו פליהען אנדערע פויגעל. דיא שנעע גאנז האָט זיך געוויזען און האָט אָנגעהויבען צו בויען איהר נעסט אויף דיא בערג. דיא גאנצע נאטור איז לעבעדיג געוואָרען. ענדע אפריל האָט שוין דער טאָג געדויערט גאנצע 16 שטונדען.

לואיס בערטהאָ האָט פעראנשטאלטעט א יאגד אויף פויגעל. אלע זיינען מיטגעגאנגען, אויך ראָזא איז געגאנגען אויף דער יאגד.

דעם ערשטען מאי האָבען זיי פעראנשטאלטעט א סאָרט פייערטאָג. זיי האָבען געהאט געננג פריש פלייש און פיש.

דעם 25טען מאי האָבען לואיס און ראָזא צום לעצטען מאָל בעזוכט דעם קבר פון דעם אלטען זשאן בערטהאָ. זיי האָבען פון איהם אבשיעד גענומען אויף אייביג.

דעם אנדערען טאָג זיינען זיי ארויסגעפאָהרען צוריק אהיים. דאָס מעער איז נאָך געווען ניט גאנץ פריי פון אייז, אָבער א גוטער שיפסקאפיטאן האָט שוין געקענט פיהרען זיין שיף צווישען דיא אייזבערג.

ראָזא איז געשטאנען אויף'ן דעק און האָט זיך געזעגענט מיט דער געגענד פון איהרע ליידען און פריידען.

— דיא אייז-בערען האָבען אונז דאָך גערעטעט, האָט זיא געזאָגט צו זיך אליין. ווען ניט דיא אייז-בערען, וואָס וואָלט פון אונז געוואָרען?

— אלעס צום גוטען! האָט אויסגערופען פענעלאָן, וועלכער האָט גע־הערט, וואָס זיא האָט געזאָגט צו זיך אליין.

— יא, אלעס צום גוטען, האָט עס אָבער ניט געקענט אנדערש זיין? האָבען מיר דען ניט געקענט ניט לאָזען הינטער אונז אזוי פיעל אָפּפער?

— ווען דיא מענשען וואָלטען אנדערש געווען... האָט פענעלאָן אויס־געצויגען און האָט ניט געענדיגט, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען.

דעם 1טען יוני האָבען זיי בעגעגענט וואלפיש פאנגער, וועלכע זיינען גע־פאָהרען אין דיא געגענדען פון וואנען זיי זיינען געקומען. עס איז געווען א גרויסע פרייד צו זעהן ענדליך מענשען און צו הערען נייעס פון אייראָפּאָ.

דיא צוריקרייזע איז יעצט געגאנגען גאנץ שנעל. מען האָט געוואָלט קומען אהיים, וויא אם שנעלסטען. מען האָט אָבער זיך אָבגעשטעלט ביי דיא אינזלען פארער, וואו מען האָט געקויפט קויהלען און ברויט.

ערשט דעם 1טען אויגוסט איז דיא "שעהנע ראָזא" צוגעקומען צו דער שטאָדט דינקירק.

עס איז געווען א שעהנער, הייסער זומער־טאָג. קוים האָט מען געמעלדעט, אז דיא "שעהנע ראָזא" איז אָנגעקומען, זיינער ווידער אלע איינוואָהנער פון

דער שטאָדט ארויסגעקומען אויף'ן דאק בעגריסען דעם שיפסקאפיטאן און דיא מאטראָזען.

ליידער, האָט מען אויך דאָס מאָל ארויפגעצויגען אויף דער "שעהנע ראָזא" א שווארצע פאָהן, א צייכען פון טרויער, ווייל זשאן בערטהאָ איז ניט צוריקגעקומען מיט זיין שיף. מען האָט זיך אָבער געפרעהט, ווען מען איז געוואָהר געוואָרען, אז לואיס בערטהאָ איז צוריקגעקומען. דער [illegible] גייסטליכער איז אויך ארויסגעקומען אויף'ן דאק און ווען ער האָט דערזעהען לואיס בערטהאָ און ראָזא'ן, האָט ער געזאָגט צו זיי:

— עס איז געוועזן דער וואונש פון אייער פאָטער, אז איהר זאָלט הייראטהען דעם טאָג, ווען איהר וועט אָנקומען פון אייער רייזע.

לואיס בערטהאָ האָט ניט געהאט דאגעגען און ער האָט אין דעמזעלבען טאָג געהייראטה זיין געליעבטע.

זיין שיף דיא "שעהנע ראָזא" האָט ער אוועקגעשענקט דעם געטרייען פעגעלאָן. ער אליין האָט שוין מעהר ניט געוואָלט פאָהרען אויף'ן מעער.

ע נ ד ע.

מלחמה מיט אַ הימעלשען טיראַן

אָדער

א רייזע דורך דיא עולמות העליונים

אונזער אייגענע פלאנעט, אונזער ערד, רעדט זיך צוזאַ־
מען מיט דיא הימעלשע פלאנעטען דורך ווייערלעס טע־
לעפאָן און דיא "מענשהייט" פון אלע פלאנעטען ווערט
פעראייניגט אין איין גרויסע פעדעריישאָן.

פאנטאסטישע וויסענשאפטליכע ערצעהלונג

פון

דזשאָרדזש פרעדעריק

איבערזעצט פון

י. ציוני

NEW YORK

JEWISH PRESS PUBLISHING COMPANY

1912

קאפיטעל 1

אַ בת קול פון הימעל

ביים פענסטער פון קליינעם רום אין גרויסען טהורם שטעהט דער אפּערייטאָר פון דראָטהלאָזען טעלעגראַף (ווייערלעס טעלעגראַפי) און קוקט ארונטער פון זיין הויכען פּלאַץ אויף'ן באָדען פון דער ערד. דיא לאָמפּען פון מעדיסאָן סקוועיר און דיא בעלויכטענע ווינדאוס מאכען פון ווייטען אויסזעהן דיא הייזער וויא קליינע קינדערשע קארטען שטיבלאַך. די אויטאָמאָבילס און וועגען, וואָס לויפען הין און צוריק אויף בראָדוויי און פינפטע עוועניו זעהען אוים צוליעב דיא דאָבעל לאטערנעס אזוי וויא בלישטשענדע שטיינדעלאַך אין א לויפענדען וואסער.

פּלוצלונג אָהן א שום ווארנונג האָט אָנגעפאנגען פינקלען דער אפּאראט מיט אזא מאָדנע דורכדרינגענדע העלע ליכטיגקייט, וואָס האָט בעלויכטען אלעס וואָס אין רום האָט זיך געפונען. דער אפּערייטאָר האָט זיך פערוואונדעטערהייט אומגעדרעהט פון פענסטער און איז צוגעלאָפען צום טעלעפאָן ריסיווער, וועלכער האָט אזוי געפעהרליך געקראכט, דאָס עס האָט זיך אויסגערוכט, אז ער ווערט צו שאָטען אין ברעקלאַך. עטוואָס א עהנליכען קראַך בעמערקט מען מאנכע מאָל אין א שטורם, ווען א דונער און א בליץ טרעפען דעם דראָטה. צו זיין גרויסע איבערראשונג האָט דער אפּערייטאָר פון דראָטהלאָזען טעלעגראַף דייטליך דערהערט א הויכע שטארקע שטימע, חאָטש ער איז געווען פינף פוס ווייט פון דעם קליינעם טעלעפאָן ריסיווער. דיא שטימע האָט געשריען: „האלאָ ערד, האלאָ ערד! איהר פערשטעהט וואָס מען רעדט צו אייך? האללאָ ערד!“ דיעזע ווערטער האָבען זיך געהערט אזוי קלאָהר און דייטליך אין דער עספּעראנטא שפּראַך, אויף וועלכער אלע אינטעליגענטע קלאסען פון דער גאנצער וועלט האָבען שוין גערעדט.

דער אפּערייטאָר איז צומישט געוואָרען פון שרעק. איהם האָט זיך געדוכט אז דיעזע זאָנדערבארע שטימע קומט פון דעם דראָטהלאָזען טעלעגראַף אפּאראט, פון וועלכען עס איז ניעמאלס בעפאָר געהערט געוואָרען א מענשליכע שטימע און אויף וועלכען עס פלעגען זיך בעווייזען בלויז פינטעלאַך און פאסקעלאַך, דיא סיגנאלען פון דיא שיפען, האפענס און דראָטהלאָזע סטיישאָנס. נאָך די ערשטע

איבערראשונג איז דעם אפערייטאָר איינגעפאלען א געדאנק, אז ענדליך האט מען ערפונדען דעם דראטהלאָזען טעלעפאָן צו קענען טעלעפאָנירען אויף ווייטע שטרעקען אזוי וויא טעלעגראפירען. אין דעם מאָמענט האט ער געוואלט צומאכען דעם סוויטש און געבען א סיגנאל, אז ער הערט וואס מען רעדט צו איהם, נאָר דיא זעלבע שטימע האט זיך וויעדער געלאָזט הערען פון דעם ריסיוועד:

— האלאָ ערד, האלאָ ערד!

דיא זאָנדערבארע שטימע האט איהם נאָך אמאָל איבערגעשראָקען מיט'ן טאָן קלאנג צו וועלכען ער איז נאָך ניט צוגעוואָהנט געוואָרען. איהם האט זיך געדוכט, אז אימיצער שפאסט עם מיט איהם לכבוד דיא נייע ערפינדונג צו רעדען אָהן דראטהען אויף א וויטען שטח. דיא זעלבע וואונדערבארע שטימע האט דערוויל א גאנצע מינוט נאכאנאנד ניט אויפגעהערט שרייען: "האלאָ ערד, האלאָ ערד" און האט פלוצלונג אויפגעהערט. באלד נאָך דעם האט דער אפערייטאָר ערהאלטען טעלעגראמען פון סענדי הוק, בייאָן, אטלאנטיק היילענדס און אנדערע סטיישאנס. דער נוסח פון דיעזע אלע טעלעגראמען איז געווען פערשיעדען און האט געלויטעט:

— הוריי! ענדליך האבען מיר שוין ווירלעס טעלעפאָן!

— האט מען דאס גערעדט פון אייער אָפיס?

— וועמעס שטימע איז עס געווען?

עס האט גענומען פינף מינוט בעפאָר מען האט זיך איבערציינגט, אז קיינער וויים ניט פון וואנען און פון וועמען דיא וואונדערפאלע שטימע קומט. אין אלע סטיישאנס פון ווירלעס טעלעגראף סיסטעם האט מען גערעדט פון דעם.

פלוצלונג האט דער דראטהלאָזער טעלעגראף אין גאנצען אויפגעהערט צו ארבייטען. דיא זאָנדערבארע שטימע פון פריהער האט וויעדער אָנגעפאנגען צו קלינגען:

— האללאָ ערד! האללאָ ערד! איהר פערשטעהט וואס מען רעדט צו אייך?

איניגע מינוטען בסדר האט זיך געהערט דיא זעלבע פראגע און ענדליך האבען זיך דערהערט פאָלגענדע ווערטער:

— רופט צוזאמען אלע רעגירער פון אייער ערד און הייסט זיי טהאָן וואס איך פערלאנג. אויב מיין בעפעהל וועט ניט ערפילט ווערען אין א חודש צייט, וועל איך פערארזאכען, דאס אייער גאנצע פלאנעטע, דיא ערד, זאָל ארויספאלען אויף דיא זונן און זאָל פערברענט ווערען אויף אש מיט אלע מענשען ברואים. פערשטעהט איהר וואס מען זאָגט אייך?

דיעזער בעפעהל איז א צווייטען מאָל ארויסגעגעבען געוואָרען וואָרט אין וואָרט וויא פריהער, בעזאכט, מיט דיא זעלבע קלאָהרקייט און דייטליכקייט.

דער אפערייטאָר האט ניט געוואוסט

אויף וואסער וועלט ער געפינט זיך. ווען ער איז עטוואס צו זיך געקומען פון דער נייער איבערראשונג, האט ער טעלעגראפירט נאך בייאן:

— האט איהר געהערט וואס איך האב געהערט?

בעפאר א ענטפער איז געקומען פון בייאן האט זיך וויעדער דערהערט פון ריסיווער דיא שטימע אזוי שטארק, דאס דער אויער האט איהם גענומען שמערצען. ער האט זיך געמוזט אפרוקען אויסצומיידען דעם וועהטאג און ער האט פון וויטען דייטליך געהערט:

— האלא ערד! איהר קענט רעדען צו מיר, ווען איהר זאלט אייער אפאראט אויפהויבען צוויי מאל אזוי הויך וויא ער איז יעצט און ווען איהר וועט שיקען דיא פונקען פון א גלייכען ווינקעל צו דער פלאכע פון דער ערד. פערשטעהט איהר וואס מען רעדט צו אייך? בעסער טהוט עס שנעלער.

דיעזע ווערטער האבען זיך נאכהער דריי מאל נאכאנאנד געהערט אין דעם זעלבען פערשטענדליכען טאן.

דער טעלעגראפיסט אין ווײרלעס סטיישאן איז דיעזען מאל שוין געווארען אויסער זיך פון אויפרעגונג. שווייס האט געגאסען פון זיין פנים אהן אויפהער. ער האט זיך ניט געקענט געפינען קיין ארט אין זיין ענגען צימערעל און ער האט מיט האסט אויפגעעפענט אלע פענסטער. ער האט זיך אבער אויף קיין פאל ניט געקענט בערוהיגען און ער האט וויעדער טעלעגראפירט נאך פערשיעדענע סטיישאנס אנפרעגען אויב דארטען האט מען אויך געהערט דיא בעזאנדערס וואונדערבארע שטימע. פון איבעראל האט מען איהם אפגעענטפערט, אז עס האט זיך געהערט א מערקווירדיגער טעלעפאן מעסעדזש, וואס קיינער איז ניט אימשטאנד צו פערשטעהן און מען גלויבט דעריבער, אז דער נייער ערפינדער פון דראטהלאזען טעלעפאן מאכט עס שפאס מיט דיא סטיישאנס אויסצופרובירען די קראפט און דיא ווירקונג פון זיין ערפינדונג.

דער מאן אין הויכען טהורם איז פערבליעבען אונצופריעדען מיט דיעזע אנטווארטען פון דיא ווײרלעס סטיישאנס. וויא עס האט זיך איהם אויסגעדוכט איז ער געוועזן דער איינציגער מאן, צו וועמען דיא געהיימניספאלע שטימע האט גערעדט דירעקט און דייטליך. אבוואהל עס איז שוין געקומען זיין צייט צו פערשליסען דעם אפיס איבער נאכט און געהן אהיים, דאך איז ער אזוי פעראינטערעסירט געווארען מיט'ן וואונדערבארען מעסעדזש, דאס ער איז פערבליבען לענגער מיט דער האפנונג צו הערען נאך אמאל דיא זעלבע וואונדערבארע שטימע. ער האט גענוארט א האלבע שטונדע און זיין האפענונג איז ערפילט געווארען.

— האלא ערד! פערשטעהסטו וואס

מען רעדט צו דיר? — דיעזע פראגע האט זיך איינינע מאל געהערט און דאן האט זיך געהערט פאלגענדעס: נעהמט זיך גלייך צו דער ארבייט און פיקסט אויף א סטיישאן צו ריידען צו מיר. איהר דארפט האבען אינסטרומענטען פון א גרעסערע עלעקטרישע קראפט, העכערע אפאראטען, וואס זאלען זיין אין אן אנדער פאזיציאן געצויגען צום גרונד און דיא פונקען עלעקטריציטעט דארפען זיין פון א פיעל גרעסערע פערדען קראפט. ברענגט אייער פעהיגסטען עלעקטרישען און איך וועל איהם זאגען וויא דאס אלעס צו מאכען. טהוט עס באלד אדער איהר וועט פערליערען דעם טשענס. איך קען אין פיער און צוואנציג שטונדען ארויפשליידערן דעם כדור הארץ אויף דער זונן און מאכען פון איהר א בארג אש. איך רעד דאס פון אנאנדער וועלט. פערשטעהט איהר דאס? האלא ערד!

דער אפערייטאר האט געפיהלט אזוי וויא א בת קול פון הימעל רעדט עס צו איהם. ער האט געציטערט פון שרעק און האט דיא ווערטער באלד פערצייכענט אין זיין נאטיץ ביכעל. זיין שכל האט איהם געזאגט, אז קיין וואונדער און קיין ניסים טרעפען ניט מעהר אויף דער וועלט, אבער זיין געפיהל האט איהם געזאגט, אז דיא שטימע וואס ער האט יעצט געהערט איז ניט קיין געוויינליכע מענשליכע שטימע, וואס זאל מאכען שפאס, נאר עטוואס אויסערגעוויינליכעס אדער אוננאטירליכעס קומט דא פאר. דורכלעזענדיג דיא ווערטער וואס ער האט ערשט אזוי וואונדערבאר געהערט און וועלכע ער האט פערצייכענט האט ער צו זיך אליין געזאגט: „איך קען שוין דאס מעהר ניט אויסהאלטען. איך מוז עס דערצעהלען א קליגערען פון זיך" און ער האט טאקי גלייך טעלעפאנירט צו א סיטי עדיטאר פון א גרויסער ניו יארקער צייטונג, מיט וועלכען ער איז געווען גוט בעקאנט זייט ער האט אין יענער צייטונג געארבייט אלס טעלעפאן אפערייטאר מיט א פאר יאהר צוריק. ווען ער האט דעם רעדאקטאר דערצעהלט זיין ערפאהרונג פון דעם אבענד אין אן אויפגערעגטען טאן, האט ער אין טעלעפאן דערהערט דעם עדיטארס געלעכטער און נאכהער זיין שטימע:

— מעק — האט דער סיטי עדיטאר געזאגט פריינדליך און גוטמוטהיג — אין הימעלס נאמען פערשליס דעם אפיס און געה גלייך אהיים. זיך אויסרוהען. שלאף זיך גוט אויס און מאך קיינע עקספערימענטען מיט דיינע אינסטרומענטען אין דיין יעצטיגען אויסגעמאטערטען צושטאנד.

מעק האט זיך אבער ניט אונטערגעגעבען. ער האט דעם רעדאקטאר ניט אפגעלאזען פון טעלעפאן. ער האט צו איהם גערעדט אזוי קלאהר און פערשטענדליך, דאס יענער האט איהם גענומען הערען מיט אינטערעס און ניירגירדע.

— שיקט א דראָטהלאָזע טעלעגראמע
— האָט מעק גע'טענה'ט — נאָך
בייאן אדער נאָך אירגענד וועלכען וויי־
לעס סטיישאן און פרעגט זיך ביי זיי
נאָך, אויב זיי האבען ניט ערהאלטען א
דראָטהלאָזען טעלעפאָן, וואָס זיי האָ־
בען ניט פערשטאנען. אויב זיי ווייסען
ניט פון וואָס צו זאָגען, דאן קענט איהר
גלויבען אז איך בין משוגע. ווע זיי ווע־
לען אבער יא באשטעטיגען, אז זיי האָ־
בען געהאט זאָנדערבארע דראָטהלאָזע
טעלעפאָן מעסעדזשעס, דאן זייט אזוי גוט
און שיקט באלד אהער א מיטארבייטער
פון אייער סטעף און איינעם פון דיא
בעסטע עלעקטרישענס און זיי וועלען
דא זיכער הערען עטוואס וואונדערבאָ־
רעס און געהיימניספאלעס וואס איך
האב ווען געהערט אין מיין לעבען.

— אָל רייט, מעק — האט דער רע־
דאקטאר געענטפערט און האט גלייך
אנגעפרעגט אין עטליכע וויירלעס טעלע־
גראף סטיישאנס, פון וואנען מען האט
באשטעטיגט וואס מען האט טעלעפאָ־
נירט. דער עדיטאר איז שוין דיעזען
מאָל געוואָרען נייגעריג צו רעדען מיט
מעק'ן און ער האט איהם טעלעפאָ־
נירט:

— איך שיק צו דיר אין טהורם אונ־
זער רעפאָרטער דזשאנס און עלווערסאָן
דעם גרויסען עלקטרישען, וועלכען מיר
האבען גראדע יעצט אויסגעזונען אויף
א באנקעט. עס מוז זיין א אינטערעסאנ־
טע געשיכטע אין דיין מעשה. האלט זיי
ניט צו לאנג. איך וויל האבען דיא סטאָ־
רי פאר דיא ערשטע פיידזש פון מיין
צייטונג.

ער האט געדענקט אז ער האט א וויכ־
טיגע נייעס וועגען דער ענטדעקונג פון א
דראָטהלאָזען טעלעפאָן. אויף א וויכטי־
גערע זאך האָט ער זיך ניט געריכט. נאָר
דער אפערייטאר האט גראדע געפיהלט,
אז דא איז עטוואס מעהר אינטערעסאנ־
טעס וויא אן אייכפאכע ענטדעקונג פון
א וויירלעס טעלעפאָן, ווייל יעדע צעהן
מינוט פלעגט זיך דערהערען דיא זעלבע
שטימע פון בת קול: „האלא ערד!"

דער עלעקטרישען, וועלכער איז גע־
ווען דער גרעסטער זשעני און ערפינדער
אין אמעריקא, איז געקומען. זיינע גע־
דאנקען זיינען געווען פול מיט נייגירדע
און צווייפעל. ער האט אויסגעהאָרכט
אלץ וואס מעק האט איהם דערצעהלט,
נאר א שמייכעל האט ניט פערלאזען
זיינע ליפען. ער האט גלייך טעלעפאָ־
נירט אין אלע וויירלעס סטיישאנס
נאָכצופרעגען וואָס זיי האָבען געהערט
און פון איבעראל האט מען איהם גע־
ענטפערט, אז מען האט ערהאלטען
דראָטהלאָזע טעלעפאָנס. דער געלעהר־
טער מאן האט נאָך אלץ ניט געגלויבט
וואס ער האט געהערט. איהם האט זיך
געדוכט, אז דיא יונגע לצים האבען זיך
צוזאמענגערעדט צו מאכען שפאס צוזא־
מען. ער האט דעריבער געשיקט
דראָטהלאָזע טעלעגראמען נאָך א פאאר
גרויסע דאמפפערס, וועלכע זיינען גע־

ווען נאהענט צו ניו יארק ביי סענדי הוק און פון דארטען האט מען אויך אלץ בע־שטעטיגט וויא פון דיא ווייערלעס סטיי־שאנס אויף'ן לאנד. ערהאלטענדיג דיי־זען ענטפער איז דער געלעהרטער עלעק־טרישען געווארען אנדערש.

ער האט זיך גענומען צו שיקען א טעלעגראמע נאך קליפדען — אויף דער אנדערער העלפט פון דער וועלט—נאכ־צופרעגען זיך וועגען דעם זעלבען ענין, אבער פלוצלונג האט זיך דערהערט דער פריהערדיגער רוף פון דעם אונבעקאנ־טען פלאץ:

— האלא ערד! האלא ערד!

עלווערסאן, וועלכער איז געווען דער גרעסטער עלעקטרישען אין דער וועלט און האט געוואוסט דיא קונסט פון דראטהלאזען טעלעגראף וויא דעם אלף בית, איז געבליבען שטעהן איבער־ראשט פון דיעזער שטימע. באלד וויא דיעזע שטימע איז שטיל געווארען, האט ער מיט ציטערענדע הענד טעלעגרא־פירט נאך קליפדען, פון וואנען מען האט באלד געענטפערט, אז דיא אייראָ־פייאישע דראטהלאזע טעלעגראפען זיי־נען ניט אין גוטער אָרדנונג און דאס יע־דע וויילע הערט זיך א זאנדערבארע שטימע, וואס שיינט צו קומען פון זעהר א וויטען פלאץ. נאכהער האט עלווער־סאן טעלעגראפירט אויף דעם געוויינ־ליכען טעלעגראף נאך שיקאגא און פון דארטען האט מען געענטפערט, אז אלע טעלעגראף ליינס אין דיא וועסט ליידען פון א גרויסען עלעקטרישען שטורם און דאס דיא אפערייטארס פון דיא וויי־לעס סטיישאנס זיינען איבערראשט פון דעם, דאס פון זייערע ריסיווערס קומט אלע וויילע אן אונפערשטענדליכע, אונ־ערקלעהרליכע שטימע. ער האט אויך אָפגערופען דעם ניו־יארקער טעלעפאָן אפיס און האט אויסגעפונען, אז דער לאנג דיסטענס טעלעפאָן ארבייט ניט צופריעדענשטעלענד. דאן האט ווידער אריינגעבראָכען א בליץ און א געוואלדי־גער עלעקטרישער שטראָם מיט א קנאק, פון וועלכען מען איז שיער ניט טויב גע־ווארען. א געוואלדיג הויכע שטימע האט געשריען:

— האלא ערד! נעהמט זיך גלייך צו דער ארבייט. קריגט א שטארקערען פערדען קראפט עלעקטריציטעט. מאכט אייערע אינסטרומענטען העכער און גרעסער. דיא עלעקטרישע פונקען זאָלט איהר לאזען פון א גלייכע ליניע פון דער פלעכע פון דער ערד. פערשטעהט איהר וואס מען רעדט צו אייך? דאן וועט איהר קענען רעדען צו מיר. איהר זאלט עס מאכען בעפאָר דער נייער חודש פאנגט זיך אָן. אויב איהר וועט מיר ניט פאלגען וועל איך ארויפשמייסען אייער פלאנעטע, דיא ערד, אויף דער זונן. איך קען קאנטראלירען דיא בע־וועגונג פון דעם ערד קוגעל און קירע־ווען איהם וואוהין איך וויל.

ווען דיעזע שטימע האט אויפגעהערט, האט א טויטע שטילקייט געהערשט אין

רום פון טהורם. עלווערסאן האט מיט וואונדער געקוקט אויף'ן טעלעפאן, פון וועלכען דיעזע שטימע האט אקערשט געדונערט. ער האט אויסגעזעהן ווי בעצויבערט. ער האט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן עטוואס איבערנאטירליכעס און ער האט באלד גענומען פון דעסק דיא נאטיצען, וואס דער אפערייטאר האט בעפאר ארונטערגענומען פון דער זעלבער שטימע און האט זיי זעהר פארזיכטיג דורכגעלעזען און נאך אמאל איבערגעלעזען.

ענדליך האט זיך דער רעפארטער אריינגעמישט און געזאגט:

— ענטשולדיגט מיר, מר. עלווערסאן, מיין ציימונג דארף שוין געהן צום פרעס, וואס זאל איך שרייבען וועגען דעם?

ער האט נאריש געשמייכעלט פרעגענדיג דיעזע ווערטער, ווייל איהם האט זיך געדוכט, אז דיא גאנצע געשיכטע איז א קונציגער שפאס.

עלווערסאן האט א גאנצע מינוט ניט געענטפערט אויף דעם רעפארטערס פראגע. ער איז געוועזן אזוי פערטיעפט אין זיינע געדאנקען, אז ער האט פון אנפאנג גאר ניט באמערקט, אז מען רעדט צו איהם. ענדליך האט ער זיך אזוי וויא פון א טיעפען שלאף אויפגעכאפט און געפרעגט:

— האט אימיצער גערעדט צו מיר?

דער רעפארטער האט איבערגעפרעגט זיין פראגע.

— איהר קענט זאגען — האט עלווערסאן גערעדט מיט אויפרעגונג — דאס אויב איך בין ניט משוגע האט א נאפאלעאן פון יוניווערזום צו אונז גערעדט פון א גאנץ ווייטען שטערען און ער וויל באהערשען דיא ערד אדער איהר פערניכטען. איך בעט אייך אויך מיר צו שיקען עטליכע מעסענדזשער באיס. איך וועל דא נאך פערבלייבען צו זעהן וואס עס וועט ווייטער פארקומען.

קאפיטעל 2

פעראייניגונג פון וועלטען

עלווערסאן און דער אפערייטאר זיינען פערבליבען אויף'ן טהורם א גאנצע נאכט. די פריהערדיגע מעסעדזשעס זיינען דורך'ן אבענד ווידער אנגעקומען.ביידע מענער האבען צוזאמען עקזאמענירט דעם רום, דיא אינסטרומענטען און האבען געטראכט און איבערגעקלעהרט וועגען יעדע מעגליכקייט פון א שפאס אדער א בלאף און זיינען געקומען צום שלום, אז קיין בלאף איז ניט מעגליך אונטער אזעלכע אומשטענדען און קרעפטען.

וויא עס איז טאג געווארען האט עלווערסאן געשיקט רופען עטליכע פון די גרעסטע וויסענשאפטס מענער, עקספערטען און ארבייטער. דיא זעלבע מעסעדזשעס פלעגען פון צייט צו צייט ווידער קומען. איבערן גאנצען לאנד און אויך איבער דער גאנצער וועלט

האט זיך פערשפרייט דיא נייעס, אז א געהיימניספאלע עלעקטרישע ערשיינונג האט צושטערט דיא סיסטעמען, דורך וועלכע מענשען ריידען זיך צוזאמען פון דער ווייטענס און גרויסע מענגעס מענשען האבען זיך פערזאמעלט ארום דיא ווירלעס טעלעגראף סטיישאנס און האבען פעראורזאכט אזא טומעל, דאס מען האט געמוזט ברענגען פאליס זיי פערנאנדערצוטרייבען.

פינף וויסענשאפטס מענער צווישען וועלכע עס האט זיך געפונען באררי, דער געלעהרטער, וועלכער האט פערפאלקאמט דיא סיסטעמע פון דראטהלאזע טעלעגראפי, און קאלע, דער בעריהמטער עלעקטריקאל און טעלעפאן עקספערט, האבען זיך פערזאמעלט אין רום פון טהורם און האבען זיך מיט דער גרעסטער איבערראשונג צוגעהארכט און צוגעקוקט צו דיא פלוצלונגע ערשיינונג פון דיא בליצען און טעלעפאנען מיט דער מערקווירדיגער דונערנדער שטימע, וועלכע פלעגט פערניכטען דיא ווירקונג פון דעם לאנג דיסטענס טעלעפאן און טעלעגראף איבער דער גאנצער וועלט אויף עטליכע מינוטען, ווען זיא פלעגט זיך לאזען הערען. ביי א שטונדע האבען זיך דיעזע וויסענשאפטס מענער נאכגעפרעגט אין אלע טהיילען פון דער וועלט וועגען דעם צושטאנד פון טעלעפאן און טעלעגראף אפערייטשאן און איבעראל איז געוועזן צו באמערקען א אויסערגעוועהנליכער אונגעהערטער צושטאנד. זיי זיינען פון טהורם אוועק נאך א האטעל, וואו זיי האבען גענומען א רום צו בערא:טהען זיך.

עלווערסאן האט דערווייל געארדערט דיא ארבייטער צו מאכען א נייעם, פיעל העכערען רום איבער דעם פריהערדיגען מיט א נייעם אפאראט און מיט אזוי פיעל עלעקטרישע קראפט, וואס עס איז נאר מעגליך. ווען דיא וויסענשאפטס מענער האבען געענדיגט זייער בעראטהונג, זיינען זיי ווידער געקומען אין טהורם און דאן איז שוין אנגעקומען א לאנגער טעלעפאן מעסעדש פון דער זעלבער שטימע. דיעזער מעסעדש האט געגעבען איינצעלהייטען וויא מען זאל איינארדנען דעם אפאראט, וויא מען זאל רעדען צו דער אנדערער וועלט און דיא עקספערטען האבען אלעס אויסגעהערט מיט שטוינען.

— איהר מוזט פראדוצירען — האט דיא שטימע געדונערט — ריכטיג 248,000 עלעקטרישע וועללען אין א סעקונדע. נעהמט פיער מאל אזוי פיעל פאוער פון אייער געוויינליכען סיטי עלעקטריק פאוער, מאכט א פעסטען ריכטיגען אינסטרומענט פון וואנען צו טעלעפאנירען צו מיר און וואו צו הערען מיין רעדען.

נאך דעם זיינען געקומען אנדערע אינסטראקשענס וועגען איינצעלהייטען וויא צו האלטען אין ארדנונג דעם טעלעפאן, וויא צו רעדען און וויא אנצונעהמען מעסעדזשעס. דיעזע אלע איני-

סטראקשענס האט דער אפּערייטאר פערשריעבען און דיא געלעהרטע עקספּערטען האבען יעדען ווארט געשטודירט און איבערגעלעזען פיעלע מאל. זיי האבען יעדער פאר זיך גענומען צייכענען פיגורען. נאך א שטונדע שווערע ארבייט האט קאלע, דער טעלעפאן עקספּערט געזאגט מיט א אויפרעגענדען טאן און מיט פלאמענדע באקען :

— מיינע הערען ! דער לעצטער צווייפעל איז יעצט פון מיר פערשוואונדען. איך גלויב שוין יעצט פאלקאם, אז דיעזע מעסעדזשעס קומען צו אונז פון אנאנדער וועלט און ניט פון אונזערער. דיא אינסטראקשאנס, וואס זיינען יעצט ערהאלטען געווארען, לערנען אונז וויסענשאפטליך וויא צו שיקען ווייערלעס טעלעפאנס נאך דיא ווייטעסטע ווינקעלאך פון דער וועלט און אויך נאך אנדערע פלאנעטען.

עלווערסאן האט זיך דערפרעהט מיט דער מיינונג פון אזא פאך־מאן וויא קאלע און ער האט מיט ענטהוזיאזם אויסגעשריען :

— לאמיר זיך טאקי שוין נעהמען צו דער ארבייט !

דער טעלעפאן עקספּערט האט אויסגעקליבען צעהן פעהיגסטע מענער פון זיין לאבאראטאריא און האט זיי געהייסען ארבייטען לויט דיא אינסטראקשאן וואס איז ערהאלטען געווארען דורך דער וואונדערבארער שטימע. אין א וואך צייט איז דיא ארבייט געווען געענדיגט.

דיא פינף עקספּערטען און אייניגע געקליבענע צייטונג רעפּארטערס זיינען צוגעלאזען געווארען אין טהורם אריין. דיא גאנצע וועלט האט דערווייל געקאכט פון דער נייעס, אז פון דער ערד וועט מען זיך באלד אנפאנגען טעלעפאנירען מיט אנאנדער פלאנעטע. אלע האבען געגלויבט אז דיעזע אנדערע פלאנעטע, מיט וועלכער אונזער וועלט קומט אין פערבינדונג, איז דער שטערן מארס. עס זיינען געווען אפּיקורסים, וועלכע האבען לחלוטין ניט געגלויבט, אז עס זאל זיין מעגליך צו טעלעפאנירען פון דיעזער וועלט נאך אנאנדער וועלט, נאר די צאהל פון דיעזע אונגלויביגע פלעגט מיט יעדען טאג ווערען אלץ קלענער און קלענער צוליעב דעם, וואס אלע טעלעפאן און טעלעגראף סיסטעמס פון אלע לענדער זיינען געווארען אונרעגעלמעסיג און דיא מעסעדזשעס פון א פרעמדער וועלט האבען זיך אויסער ניו יארק אנגעפאנגען צו הערען קלאהר און דייטליך אויך אין אנדערע ווייערלעס טעלעגראף סטיישאנס.

ווען דיא נייע טעלעפאן סטיישאן און אפּאראטען זיינען פערטיג געווארען לויט דיא אינסטראקשענס האט עלווערסאן דער ערשטער געפאסט מוטה אנצופאנגען רעדען.

— האללא ! — האט ער געזאגט און בעפאר ער האט צייט געהאט ארויסצורעדען נאך א ווארט האבען זיך דער־

הערט אין רום אין א קלאהרער דייטלי־בער שטימע פאלגענדע ווערטער :

— האלא ! זעהר גוט געטהאן, ערד! איך האב זיך גאר ניט משער געוועזן אז איהר וועט פערטיג מאכען דיא ארבייט אזוי גיך און אזוי ריכטיג וויא איך האב אייך געהייסען. איך גראטוליר אייך פאר אייער פעהיגקייט און פערשטענד־ליכקייט. נאר זייט אזוי פריינדליך, הויבט אויף עטוואס העכער דעם וויע־דערשטאנד פונקט. דער וועטער איז היינ־טיגע נאכט ניט גוט און אייער שטימע הערט זיך דעריבער ניט גאר קלאהר.

— אהא ! — האט אויסגעשריען הארטוועל, דער בעריהמטער תוכן, וועל־כער איז אויך געוועזן צווישען דיא פינף עקספערטען — ער זאגט "נאכט". דאס מיינט אז ער רעדט פון א שטערען וואס געפינט זיך וואהרשיינליך אין דרום זייט. ביי זיי איז יעצט נאכט און ביי אונז איז עס טאג. אזוי מוז עס זיין.

— איך וועל אייך פערשפארען צו טראכטען וואו איך בין — האט דיא זעלבע שטימע געענטפערט אויף דעם אסטראנאמערס באמערקונג. און האט דערמיט געצייגט, אז דער רעדנער הערט יעדען ווארט, וואס מען זאגט ארויס אין טהורם — איך געפין זיך אויף'ן קאנאפוס.

דער תוכן איז אויפגעשפרונגען פון איבערראשונג.

— אך — האט ער געשריען — קאנאפוס איז אזוי ווייט פון אונז, אז מיר האבען נאך ניט בעוויעזען אויסצור־מעסטען דעם שטח פון זיין בויגען, וואס ער לויפט דורך אין דער צייט, וואס זיינע שטראהלען קומען אן צו אונז.

— דאס איז דריי הונדערט פינף און פערציג צעהן טויזענדלאך פון א סע־קאנד פון אן ערך לויט אייערע חשבונות — האט זיך דערהערט דיא זעלבע שטימע.

— פון וואנען ווייסט איהר אונזער סיסטעמע פון אסטראנאמישע אויס־רעכנונגען און פון וואנען קענט איהר אונזער וועלט שפראך ? — האט גע־פרעגט איינער פון דיא געלעהרטע, וועלכער האט נאך אלץ געצווייפעלט, אז דאס רעדט א מאן פון אנאנדער פלאנעטע.

— איך בין געוועזען אין שטאנד צו הערען דיא געשפרעכען און דיסקוסיא־נען, וואס קומען פאר אויף דער ערד פאר דיא לעצטע צעהן יאהר און דורך דעם האב איך זיך אויסגעלערענט איי־ער אינטערנאציאנאלע שפראך עספע־ראנטא, נאר איך האב צו אייך ניט גע־קענט רעדען בעפאר איהר האט אויס־געבעסערט אייער דראטהלאזע טעלע־גראף סיסטעם : איך קען אלץ הערען און זאגאר זעהן וואס עס קומט פאר אויף אייער ערד וויא איהר זעלבסט קענט עס הערען מיט אייערע אויערען און זעהן מיט אייערע אויגען. אגב אורחא לאזט מיך זאגען, אז דער גע־עהרטער דשענטעלמאן, וואס זיצט דא

ביי דעם לעידען טייבעל און האט א פליך אויף'ן קאפ און א בראדעוואקא אויף'ן האלז, וועט זיך אונטעראיילען צו געהן אין זיין פעקטארי, וועט ער נאך קענען רעטען א טייל פון זיין האב און גוטס, וואס האט יעצט אנגעפאנגען ברענען.

דער וויסענשאפטס מאן און מאנפעקטשורער צו וועלכען דיא אביגע בעשרייבונג האט זיך געפאסט, האט אנגעפאנגען צו קוקען אויף אלע זייטען האלב תמ'עוואטע און דאלב דערשראקען. ער איז געווען אונענטשלאסען, וואס צו טהאן. ער איז דאך אוועק אנפרעגען פער טעלעפאן און האט גענומען באלד שרייען: עס איז אמת, מיינע הערען! עס איז אמת!

דער מאנופעקטשורער איז ארויסגעלאפען צו זיין פעקטארי און דיא פערבליבענע עקספערטען זיינען פערוואונדערט געווארען פון דעם וואס זיי האבען אקערשט געהערט.

— וועט איהר אונז פיעלייכט געבען מעהר וויסענשאפט און אינסטראקשאנס צו פערגרעסערען דעם פראגרעס פון אונזער מענשהייט? — האט עלווערסאן געפרעגט מיט הכנעה און יראת הרוממות.

א הארטער טרוקענער געלעכטער האט זיך דערהערט פון טעלעפאן און נאכהער זיינען געקומען פאלגענדע ווערטער:

— נאכדעם וויא איך האב אקערשט געהאט מיט אייך א קורצען געשפרעך וויל איך „רעדען ביזנעס“, לויט מען דריקט זיך געוויינליך אוים ביי אייך. דיעזער שטערן קאנאפוס, וויא אייערע תופנים וויסען עס, האט ניט קיינע טהייערע מעטאלען. בעזאנדערס פעהלט אונז אוים גאלד, וועלכען אונזער געזעלשאפט שעצט זעהר פיעל. איך ווייס אז אייער פלאנעטע איז דיא איינציגע פון דיא באפעלקערטע צוויי פלאנעטען פון אייער זונען־סיסטעם, וואס האט גאלד (די צווייטע בעפעלקערטע פלאנעטע איז דער מארס, נאר דיא מענשען פון מארס בעשעפטיגען זיך ניט מיט'ן גראבען גאלד). דעריבער פערלאנג איך פון אייך אייער גאלד. איך מוז האבען גרויסע סומען גאלד פאר מיינע בעזאנדערע צוועקען און איהר וועט מיר דיזעס גאלד מוזען צושטעלען.

— וואס איז אייער צוועק? ערלויבט מיר צו פרעגען — האט עלווערסאן ארויסגעשטאמעלט מיט שרעק און שטוינען.

— מיין צוועק איז — איז געווען דער ענטפער — צו פעראייניגען דיא פיעלע זונען סיסטעמען ארום מיר אין איין גרויסע וועלט דורך וויסענשאפטליכע מעטהאדען. אלע פעראייניגטע וועלטען זאלען האבען אזא קלימאט און אזא טעמפעראטור, וואס זאל זיך פאסען און זאל זיין אנגענעהם פאר א הויך ענטוויקעלטע מענשהייט און פאר אנדערע ענטוויקעלטע לעבעדיגע וועזענס. מיט איין ווארט איך וויל אונטעריאגען

דורך א וויסענשאפטליכע סיסטעמע דעם פראגרעס, וועלכער קומט אזוי לאנגזאם אויף א נאטירליכען ארט און ווייזע און צו עררייכען דאס דורך וויסענשאפטליכע מעטהאדען, מוז איך האבען גאלד צו טהאן מיין ארבייט און צו צאהלען ארבייטער.

— אין וואס פאר א צושטאנד געפינט זיך דיא ערד אין פערגלייך צו אנדערע בעפעלקערטע פלאנעטען ? — האט עלווערסאן געפרעגט.

— זיא איז דיא פיערטע און דערפאר וויל איך איהר ניט אריינגעדמען אין מיין פלאן. איהר זייט ניעדריגער אין ענטוויקלונג זאגאר פון דיא מענשען, וואס געפינען זיך אויף'ן שטערן מארס, נאר איך וועל דעם מארס אויך ניט אריינגעהמען אין מיין סיסטעם. זאגאר דיא פלאנעטע ארכענאר, וועלכע איז נעבען מיר, וועל איך אויסלאזען. בלויז דער סיריוס און קאנאפוס וועלען זיך בעטהייליגען אין דער פעראייניגטער ציוויליזאציאן. מיר רעדען זיך שוין צוזאמען מיט סיריוס זייט אייניגע יאהרהונדערטע. אונזער שפראך, אונזערע אידעען און אינטערעסען זיינען שוין כמעט דיא זעלבע. יעצט נאמיר רעדען וועגען ביזנעס וואס איך האב מיט אייך. איך דארף, מוז און וועל האבען דאס גאלד, וואס איהר האט אנגעזאמעלט אויף אייער ערד. ווען איהר וועט עס מיר ניט געבען מיט'ן גוטען ווילען, וועל איך דאס קריגען אויף מיין ארט און ווייזע. איהר דארפט וויסען, אז דיא בעוועגונג פון אייער ערד איז דער רעזולטאט פון פערשיעדענע מאגנעטישע קרעפטען פון דער נאטור. דיעזע קרעפטען קען איך קאנטראלירען דורך אונזערע וויסענשאפטס מעטהאדען און ערפינדונגען. איך קען פעראורזאכען, אז אייער ערד זאל צוגעצויגען ווערען צו דער זונן און פערברענט ווערען. בלויז דיא מעטאלען וועלען ניט פערוואנדעלט ווערען אין אש, נאר אין א דאמפף און דורך דיא זעלבע מאגנעטישע קרעפטען, וועלכע איך קאנטראליר, קען איך דיא טהייערע מעטאלען דאן צוציהען צו מיין פלאנעטע, דיא קאנאפוס. אייער גאלד איז אויך ביי אונז אנגענומען אלס געלד, און וואס איך נויטיג זיך יעצט צו צאהלען ווײדזשעס מיינע ארבייטער, וועלכע העלפען מיר אין דער ארבייט דורכצופיהרען מיינע פלענער צו פעראייניגען אונזערע וועלטען. אלזא דיא ברירה איז ביי אייך: ענטוועדער איהר שיקט מיר אייער גאלד אדער איך שיק אוועק אייער ערד קוגעל פערניכטעט צו ווערען אויף דער זונן.

עלווערסאן איז צומישט געווארען הערענדיג אזעלכע וואכעדיגע פראזאאישע דבורים וועגען געלד און גאלד פון א הימלישען וועזען, וועלכען ער האט גערעכענט פאר א מלאך. ער האט אבער געפיהלט אז ער איז ביים פולען פערשטאנד און אז מען רעדט צו איהם פון

א העבערע וועלט, גאנץ דייטליך וועגען דעם טהייערען געלען מעטאל, וואס איז דער בעסטער ארטיקעל אויף דיעזער וועלט. מיט א ציטערענדע שטימע האט ער אנגעפאנגען רעדען צום קאנאפוס:

— אבער וויא איז עס מעגליך, מיר זאלען דערלאנגען דעם גאלד צו אייך? איהר זייט הונדערטער טויזענדער מייל ווייטער פון אונז וויא אונזער זונן, וועלכע איז דריי און נייאנציג מיליאן מייל ווייט פון אונזער ערד.

א געלעכטער פון פעראכטונג און אונגעדולד האט זיך דערהערט אין נייען דראטהלאזען טעלעפאן. נאכהער האבען זיך דערהערט ווערטער:

— דאס איז גאנץ גרינג. איך קען אויסלערנען אייערע אינזשיניערען וויא צו מאכען א לופט שיף, וואס זאל קענען אויפהייבען פינף טויזענד טאן פיער און דריי פיערטעל פון אייערע מיילען אין דער הויך. אין אזא הויך ווערט דיא אטמאספערע ניט בעאיינפלוסט פון דער בעוועגונג פון דער ערד און אונזערע מענשען קענען שוין אהין צוקומען און דארטען וועל איך איך שוין בעגעגענען אין א פליה מאשין און איבערנעהמען דעם גאלד אין אונזער שיף אריין. מיר האט געלונגען אין גאנצען צו לעזען דיא פראגע וועגען קראפט און שנעלקייט. איך קען פליהען אזוי שנעל וואס איהר קענט עס גאר ניט בעגרייפען. האבען אייערע עלטער זיידעס געקענט בעגרייפען, אז איהר וועט קענען רעדען און שרייבען פון איין עק וועלט צום אנדערען און זאגאר רעדען צו אנדערע וועלטען? אזוי קענט איהר בעגרייפען וויא שנעל איך קען צופליהען צו אייך. מיר קענען קומען צו פליהען צו אייך אין א ערך פון איין יאהר נאך אייער צייט רעכנונג.

— מיינט איהר דאס ערנסט צו געבען אונז דיא ברירה איינס פון דיא צוויי, ענטוועדער אפגעבען אייך אונזער גאלד אדער איהר זאלט אונזער ערד ארויפשליידערען אויף דער זונן אונז צו פערברענען? — האט עלווערסאן געפרעגט.

— יעס, דאס איז וואס איך מיין. איך מוז אייך געבען א קאמפלימענט, דאס איהר פערשטעהט גאנץ ריכטיג, וואס איך דענק און רעד צו אייך. יעצט טהוט געפעליגסט וואס שנעלער דאס וואס איהר דענקט צו טהאן צו ערפילען מיין קאנדישאן. עס וועט אין יעדען פאל נעהמען צוויי יאהר בעפאר איך וועל קריגען אייער גאלד אהער און וויל איך האב צו לעבען בלויז נאך פיער הונדערט יאהר אויף אייער צייט רעכנונג, דעריבער אייל איך זיך אזוי צו נעהמען זיך גיכער צו דער ארבייט און מאנופעקטשורען אזוי פיעל קראפט און ענערגי, וואס זאל זיין אים שטאנד צו פעראייניגען אונזערע פלאנעטען אין אן הערליכערע, גליקליכערע ציוויליזאציאן וויא דיא אונטער וועלכע מיר לעבען יעצט. מיר טהוט זעהר לייד, וואס אין אייערע אוי־

גען זעה איך אויס צו זיין א טיראן, אבער איהר עסט דאך זא וויא זא ניט קיין גאלד. איהר קענט ניט אויפטהאן מיט איהם קיין טויזענד חלק, וואס איך קען אויפטהאן פאר'ן גליק פון אונזערע פלאנעטען, דערפאר זאג איך אייך נאך אמאל, אז איהר וועט ניט וועלען אפגעבען מיר אייער גאלד, וועל איך אהן צווייפעל פערניכטען אייער ערד מיט אייער גאנצע זונען סיסטעם. איך גיב אייך צעהן טעג צייט, איהר זאלט מיר קענען געבען א סטייטמענט וויא פיעל גאלד איהר האט און איהר זאלט אויסקלייבען דיא פעהיגסטע אינזשיניערס צו הערען מיינע אינסטראקשאנס וויא צו בויען דיא לופט שיף.

קאפיטעל 3

סטראשונקעס פון העבערע וועלטען

ווען דיא שטימע איז שטיל געווארען האבען דיא געלעהרטע מענער אנגעפאנגען צו קוקען איינע אויף דיא אנדערע מיט זאנדערבארע אויסדריקע אויף זייערע פנים'ער און מיט פערוואונדערונג.

— באה! — האט אויסגעשריען קאלע, דער טעלעפאן עקספערט — אבוואהל איך גלויב, אז דיא ווערטער וואס מיר האבען אקערשט געהערט קומען ווירקליך פון אנאנדער וועלט, קען איך דאך ניט בעגרייפען, אז א מענש פון אירגענד וועלכער אנדער פלאנעטע זאל זיין אים שטאנד ארויפצושליידערען אונזער ערד אויף דער זונן און אונז פערניכטען.

— בארעכענט נור דיא צייט, וואס עס דארף נעהמען דיא ערד זאל ארויפפאלען אויף דער זונן — האט באמערקט דער אסטראנאם — מיר האנדלען אויף שטונדען און טעג, אבער וועלטען באוועגען זיך מיליאנען יאהרען.

— איך ווייס ניט וויא אזוי — האט זיך אפגערופען קאלע — נאר מיר גלויבט זיך וואס דיעזער מאן אדער וועזען — דער הימעל בלויז ווייס וויא זיין קערפערליכער אויסזעהן איז — האט געזאגט. ער רעדט וויא א מאן מיט א גרויסען מעכאנישען בעגריף. ער ווייס פון אזעלכע מעכאנישע פרינציפען און ערפאהרונגען, פון וועלכע מיר האבען נאך ניעמאלס געהערט. דיא בעסטע זאך וואס מיר קענען טהאן איז צו פערעפענטליכען איבער דער גאנצער וועלט וואס מיר האבען יעצט געהערט און איינלאדען וויסענשאפטס מענער און דעם פובליקום צו א דיסקוסיאן. אין צעהן טעג קענען מיר האבען א אינטערנאציאנאלע קאמיטע פון דיא גרעסטע געלעהרטע און שטאאטס מענער, וואס זאל פערהאנדלען מיט דיעזע רויבערישע בעשעפענים.

קאלע'ס פלאן איז אנגענומען געווארען. דעם זעלבען טאג האבען אלע אנוועזענדע וויסענשאפטס מענער ארויסגעגעבען א סטייטמענט צום פובליקום

וואס עס איז אין דער הויך איבערן טהורם פארגעקומען. דער בעריכט פון דיא געלעהרטע האָט ארויסגערופען פיעל געלעכטער און לצנות צווישען פובליקום. ווער עס האָט געזאגט, אז דיא מענער זיינען שוין אויסגעוועבטע עוברי בטול און ווייסען ניט וואס זיי ריידען ; ווער עס האָט בעהויפטעט, אז דיעזע פראָ־מינענטע לייטע זיינען גרויסע בלאָ־פערס, וואס ווילען איינפאך אויסנארען פון דער וועלט דיא ביסעל מזומנים. אזוי האָט זיך עס געקאכט אין לאנד און אין אויסלאנד. דיא אינטעליגענטערע קלאסע בירגער, וועלכע האָבען געוואוסט, ווער דיא פינף וויסענשאפטס מענער זיינען און אז מען קען זיי ניט חושד זיין אין פערזענליכע פניות, אָדער דאָס זיי זיי־נען עוברי בטול, זיינען געשטאנען שטאָהל און אייזען פאָר דיא מיינונג פון דיא געלעהרטע, וועלכע האָבען אונטער־שריעבען דעם סטייטמענט, און אויף'ן צעהנטען טאג איז שוין געוועזן ארגאַ־ניזירט א קאָמיטע פון דיא גרעסטע שטאאטסמענער און געלעהרטע פון פערשיעדענע לענדער צו הערען דיא שטימע פון קאנאָפוס און צו געבען א רעכנונג פון דעם גאלד וואס געפינט זיך אויף דער ערד.

דיא פאָרשטעהער פון דער קאָמיטע האָבען זיך צוזאמענגעקליבען אויף א געהיימע בעראטהונג. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אז אלע זאָלען זיין אנוועזענד און מען זאָל דיא אינסטרומענטען איינ־ארדענען אזוי, אז אלע זאָלען קענען הערען דעם קול און דיא ווערטער, וואס קומען פון א ווייטער פלאנעטע. דיא מעהרסטע מיטגליעדער פון דער קאָמיטע, בעזאנדערס דיא עטליכע אסטראנאמערס וואס האָבען זיך אין איהר געפונען, האָ־בען געצווייפעלט עס זאָל זיך קענען הערען א שטימע פון דעם שטערן קאָ־נאָפוס.

ווען עלווערסאָן האָט דיא מאשינע־ריע פון נייען דראָטהלאָזען טעלעפאָן גע־בראכט אין ארדנונג האָט ער געזאָגט:

— מיר האָבען אהער איינגעלאדען געלעהרטע און רעגיערונגס פארשטעהער פון אלע וויכטיגע מדינות פון ערד־קוגעל. כמעט אלע פון זיי צווייפלען, אז איהר זייט ערנסט מיט אייערע סטראַ־שונקעס. וויא קענט איהר זיי איבער־צייגען ?

— זעהר שנעל — איז געקומען א קאלטער ענטפער — זאגט זיי נאר זיי זאלען זיך פרובירען אויסגעפינען, וואס עס איז געוואָרען מיט אלע טעלעגראף, טעלעפאָן און עלעקטריק פאואר סיס־טעמס אין דיא לעצטע דריי מינוט.

אין דעם זעלבען אויגענבליק איז אין טהורם אויסגעגאנגען דיא עלעקטרישע בעלייכטונג. א חושך מצרים האָט גע־הערשט. מען האָט ארויסגעשיקט מע־סענדזשערס פרעגען, וואָס עס טהוט זיך אין שטאדט און זיי זיינען באלד גע־קומען צוריק מיט נאכריכטען, אז אי־

בעראל האבען זיך אפגעשטעלט דיא סטריט קארס. טעלעפאנען און טעלע־גראפען ארבייטען ניט און אלע עלעקטרישע פלענטס האבען אויפגעהערט צו פראדוצירען קראפט.

— יעצט וועט איהר מיר שיין גלויבען, אז איך בין ערנסט מיט מיין פער־לאנג און מיט מיין סטראשונאק ? — האט זיך דערהערט א הארצלאזע פראגע און אין רום איז ווידער ליכטיג געווא־רען וויא בעפאר. יעצט אום אייך צו איבערצייגען, אז איך בין ניט קיין עלעקטריקאל פייקיר פון אייער קליינעם שטיינדעל פון א פלאנעטע, פרעגט זיך נאך וואס עס איז אקערשט פארגעקומען אויף דער אנדער העלפט פון אייער כדור הארץ און איהר וועט זעהן, אז דארטען איז אויך פארגעקומען אן עלעקטרישע מהומה. אויך דיא סיבה וואס האט יעצט געטראפען מיט וואשינגטאן'ס מאָנומענט האב איך פעראורזאכט.

א דעפעשע איז שנעל געשיקט גע־ווארען נאך וואשינגטאן און דאס איז געווען דער ענטפער :

— א העלפט פון מאנומענט איז צו־ברעקעלט געווארען פון א שרעקליכען בליץ ביי צעהן מינוט צוריק. קיינער פערשטעהט ניט וויא אזוי עס איז גע־ווען מעגליך, עס זאל פלוצלונג קומען אזא בליץ אין אזא שעהנעם וועטער. דער מאנומענט האט געקענט אויסהאלטען יעדען דונער און בליץ. וויא אזוי ווייסט איהר שוין פון דעם אין ניו יארק אזוי שנעל ?

א דראטהלאזע טעלעגראמע איז גע־שיקט געווארען נאך קליפדען, דעם איי־ראפייער אפיס פון טראנס־אטלאנטיק סיסטעם. אין צעהן מינוט איז געקומען א ענטפער, אז עס איז פיעל שאדען געווען צו עלעקטרישע קראפט איבעראל און דאס זיי פערשטעהען ניט דיא אור־זאכע. אלע פרעגען : וואס טהוט זיך אויף דער וועלט ?

דיא קאמיטע האט ניט ווילענדיג ארונטערגעלאזען דיא נעזער, א שרעק האט באהערשט אלע מיטגליעדער, דיא וואס האבען פריהער קיין זאך געגלויבט פונקט וויא דיא ביסעלע מעמבערס, וואס האבען בעפאר זיך פערלאזען אויף דעם בעריכט פון דיא פינף פראמינענטע געלעהרטע און האבען פריהער אויך גע־גלויבט. דער דעלעגאט פון דער איטא־ליענישער רעגירונג האט זיך אוועקגע־שטעלט און האט געזאגט :

— מיינע העררען ! נאך דעם וואס מיר האבען פריהער געהערט און יעצט אליין געזעהן, מוזען מיר גלויבען, אז אויף'ן קאנאפוס איז ווירקליך דא א זשעני וואס בעזיצט א אונגעהייער גרוי־סע קראפט, געגען וועלכע עס איז א געפאהר צו קעמפפען. מיר מוזען דערי־בער זיך אונטערגעבען און אפגעבען אונזער גאלד וויא שלעכט עס זאל ניט זיין פאר אונז דאס צו טהאן און ווערען פעראָרעמט.

אַן אמעריקאַנער פאַרשטעהער האָט זיך האסטיג אויפגעהויבען און האָט אויסגעשריען :

— וואס ? ! זאָלען מיר שוין צושראַקען ווער־ען וויא דיא האָזען און אונטערגעבען זיך ביין ערשטען צייכען פון פיינדליכקייט ? מיליאָנען צו בעשיצען זיך, אבער קיין איין סענט אלס צינז ! איך זאג, מיר זאָלען זוכען מיטלען צו בעשיצען זיך. האָבען מיר דען ניט א רעכט צו לעבען אויף דער וועלט און בעשיצען זיך געגען טיראַניי, מעג אזא טיראַניי קומען זאגאר פון אַנאַנדער וועלט ? זאָל קאַנאָפּוס דאָרטען אנשטעלען געגען אונז זיין טייפעלשע מאַשינערי, מיר טאָרען זיך אָבער ניט אונטערגעבען אהן א פייט !

מען האָט אנגעפאַנגען צו פּאַטשען בראַוואָ ווען דער אמעריקאַנער פאַרשטעהער האָט געענדיגט זיין רעדע. עס איז געווען קענטליך, אז דיא מאַיאָריטעט דעלעגאַטען שטימען איין מיט זיין מיינונג און דאָס א קאַמפּף מוז אָנגעפאַנגען ווערען געגען דיא שוידערליכע טיראַניי פון קאַנאָפּוס. עלווערסאָן האָט קאָנעקטעד דעם רעסיווער און האָט אנגעפאַנגען רעדען צו קאַנאָפּוס.

— נעווער מיינד — האָט זיך דערהערט דיא זעלבע שטימע אין א בייזען טאָן — איך האָב געהערט יעדעס וואָרט, וואס מען האָט גערעדט אין רום אהן א קאָנעקשאָן. איך האָב אנדערע אַפּאַראַטען דורך וועלכע איך הער אַלצדינג, וואָס מען רעדט אויף אייער ערד און דורך וועלכע איך האָב זיך אויסגעלערנט אייער שפּראַך. רעדט זיך ניט איין, אז איהר קענט זיך ווידערשטעלען געגען מיר. איהר וועט מעהר נישט פערליערען צייט. איהר האָט נאָך דיא חוצפה צו רעדען וועגען דאס רעכט צו לעבען. וואָרום גיט איהר ניט דאס זעלבע רעכט צו אייערע מיטמענשען, וואס געפינען זיך נעבען אייך אויף אייער אייגענע ערד ? וואָרום שלאַכטעט איהר אויס איינע דיא אנדערע אהן רחמנות און וואָרום אונטערדריקט איהר שוואַכערע פון אייך ? איהר אַליין גלויבט אין דעם פּרינציפּ, אז מאַכט איז רעכט און אזוי גלויב איך אויך. מיין פּלאַן איז צו פערייניגען אונזערע הויך ענטוויקעלטע וועלטען אין איין פּאָלקאָמע ציוויליזאַציאָן. איך בין פיעל מעכטיגער פון אייך — וואָרום זאָל אזא קליינע אונענטוויקעלטע וועלטעל וויא אייער ערד איז ניט פערניכטעט ווערען, ווען איך האָב עס נויטיג צו טהאָן צו פערפּאָלקאָמען און פעראייניגען דיא ציוויליזאציאָן פון אונזערע וועלטען ? פון אייער אירדישען שטאַנדפּונקט און אויפפיהרונג האָב איך רעכט אייך צו פערוואנדלען אין אש, דאָך וויל איך אייך געבען דיא געלעגענהייט צו בלייבען לעבען. איהר וועט שוין צו אייער בעדויערען אויסגעפינען, אז וואס איך רעד איז ריכטיג. היינט וויל איך וויסען בעשטימט וואס איהר קלייבט זיך אויס — ענטוועדער

איהר זאלט אפפערען אייער גאלד אדער איהר זאלט זיך שיידען מיט אייערע לעבענס.

גלייך וויא דער דונערנדער בייזער קול פון קאנאפוס האט אויפגעהערט, האבען זיך זעקס מענער אויפגעשטעלט צו רעדען.

— איך שלאג פאר — האט אויפגערעגטערהייט געשריען דער פראנצויזישער פארשטעהער, אז מיר זאלען זיך שטעלען געגען דיעזע פאדערונג. זאל זיין וואס עס איז און זאל יענער טהאן וואס ער וויל. מיר בעזיצען גענוג מארך און וויסען צו בעגעגענען אזא שלים־מזל אדער טייוועל.

דער ענטהוזיאזם פון פראנצויז האט בעאיינפלוסט אלע אנוועזענדע און איבער א דאזען שטימען האבען אנגעפאנגען שרייען:

— אונטערשטיצט! אונטערשטיצט!

— זעהר גוט! זעהר גוט! — האט פון קאנאפוס וויעדער גענומען דונערען — איהר וועט באלד אויסגעפינען וויא געפעהרליך עס איז צו וויעדערשטעלען זיך געגען א העכערע מאכט. דערווייל האט זיך מיר א גוד באי, נאר זייט וויסען, אז אייער לעבען איז שוין ניט ווערטה קיין שפיי!

קאפיטעל 4

דיא ערד געגען קאנאפוס

דיא מוטהיגע האנדלונג פון דער קאמיטע פון דיא געלעהרטע און פון דיא שטאאטסמענער האט מען אנפאנגס געלויבט איבעראל, נאר וואס א טאג ווייטער האט דער עולם אלץ מעהר אנגעפאנגען צו גלויבען, אז דיא גאנצע געשיכטע איז א קונציגע שטיק בלאף אדער סענסיישאן. דיא וויסענשאפטס מענער, וועלכע זיינען אנוועזענד געווען אויף דעם מיטינג אין טהורם האבען בלויז געקענט בעשטעטיגען פאר'ן פאלק מיט הוילע ווערטער דאס וואס זיי האבען געהערט און געזעהן. זיי האבען אבער ניט געהאט קיינע ממשות'דיגע מאטעריעלע בעווייזע, אז פון דעם שטערען קאנאפוס האט געדונערט א בעפעהל צו דער ערד. דיא אונוויסענדע מאסען זיינען געווארען שטארק אויפגערעגט געגען דיא "בלאפערשע קאמיטע" און עס וואלט געקענט קומען צו אונרוהען, נאר גליקליכער ווייזע האט דיא געלעהרטע מעמבערס פון דער קאמיטע געלונגען דורך זייער ערפאהרונג, וואס זיי האבען דורכגעמאכט אין דעם געשפרעך מיט קאנאפוס, צו ערפינדען א דראטהלאזען טעלעפאן צו טעלעפאנירען איבער דער גאנצער וועלט און דיעזע פראקטישע ערפינדונג האט אפגעקיהלט דעם צארן פון דעם עולם, וועלכער האט וויעדער אנגעפאנגען צו גלויבען און רעספעקטירען דיא וויסענשאפטס מענער.

עס איז געווען אין אגוסט ווען דער דראטהלאזער טעלעפאן איז עטאבלירט געווארען און דאן האט זיך אנגעפאנגען א אונערטרעגליכע שרעקליכע היץ. אין

דיא גרויסע ענגע שטעדט זיינען מענ־שען געפאלען פון היץ וויא פליגען. אלע האבען געהאפט, אז אין סעפטעמבער וועט קיהלער ווערען, נאר דיא האפנונג איז געווען א אומזיסטע. סעפטעמבער און זאגאר אקטאבער זיינען געווען אזוי היים וויא אגוסט. גרינס און פרוכטען האבען געוואקסען פון דאס ניי און דיא גאנצע וועלט האט זיך אויף אן אמת דערשראקען פון דער אונגאטירליכער מזל־ברכה אויף דיא פעלדער און פון דער אונגעוויינליכער היץ.

דעצעמבער איז אנגעקומען און אויך דאן איז דיא היץ ניט ארונטער. אין דער צייט ווען אלע וואסערען פריהרען געוויינליך איין, זיינען מענשען געלא־פען אין דיא טייכען און צום ברעג ים קיהלען זיך פון דער ברענענדער היץ. אנ־שטאט שנעע און פראסט זיינען געווען גרויסע רעגענס מיט שרעקליכע דונערען און בליצען. פון דיא צפון לענדער זיי־נען געקומען ידיעות, אז מענשען קומען אום פון דער היץ, צו וועלכער זיי זיינען דארטען ניט צוגעוואהנט. דיא חיות פון וואלד זיינען אויסגע׳פגר׳ט און דער אייביגער אייז ארום ים הקרח האט אנ־געפאנגען שמעלצען און פערגיסען דיא ברעגעס פון דיא טייכען פערזאורזאכענ־דיג אונגעהויער גרויסען שאדען.

איין טאג האבען דיא אסטראנאמערס פון יערקעס אבזערוואטארי צוגעשיקט אין איילענים פאלגענדע טעלעגראמע:

— דיא ערד איז ארונטער צוואנציג גראד פון איהר דרך הישר און אנשטאט צו געהן איהר געוויינליכען גאנג ארום דער זונן געהט זיא דירעקט צו דער זונן. וויא עס זעהט אויס זיינען מיר אין געפאהר פערברענט צו ווערען מיט דער ערד צוזאמען.

דיזע טעלעגראמע איז גלייך געקיי־בעלט געווארען נאך אלע ציוויליזירטע לענדער און זיא האט ארויפגעווארפען א אימה ופחד אויף דער בעפעלקערונג פון דער גאנצער וועלט. אלע האבען זיך דערמאנט אן דעם סטראשונאק פון קאַ־נאפּוס. אלע האבען זיך אזוי דערשראַ־קען דאס מען האט אויפגעהערט צו האנדלען און וואנדלען. סקולס האבען זיך געשלאסען. פארבערייטונגען צו מלחמות האבען אויפגעהערט. בלוטיגע שונאים זיינען געווארען אוהבים נאמנים און האבען זיך צוזאמען פאר־בערייטעט צום וועלטס אונטערגאנג דורך תשובה, תפילה וצדקה. מאסמיטינגס זיינען פריי און פראנק אפגעהאלטען געווארען אהן דיא ערלויבנים פון דער פאליציי זאגאר אין אזעלכע דעספאטישע לענדער וויא רוסלאנד און פערזיען. פאנאטישע גלחים האבען פעראנשטאל־טעט ריוויוועל מיטינגס און מענשען האבען געבעטען א כפרה אויף זייערע זינד וואס זיי זיינען בעגאנגען אדער וועלכע זיי האט זיך געדוכט, אז זיי זיי־נען בעגאנגען.

א צייט פון יללות און בכיות איז אנ־געקומען אויף דער וועלט. דיא פעלדער

זיינען געוועזען באדעקט מיט רייכע געדיכ־טע פעטע גראזען און בלומען; דיא זאנגען האבען זיך געבראכען פון דיא שווערע קערנער ווייץ און קארן; דיא בוימער זיינען געוועזען באדעקט מיט פרוכטען. עס האט אויסגעזעהן, אז עס איז ניט איין מיטען ווינטער, נאר אין א מיטען געראטענעם זומער. דיא מענ־שען האבען אבער אין דיעזער אונגע־וויינליכער, אונגאטירליכער גערעטעניש געזעהען זייער ביטערען טרויעריגען שיקזאל פערברענט צו ווערען אין דיא פלאמען פון דער זונן, טויזענדער שטי־מען האבען זיך געגומען הערען אין אלע ווינקעלאך פון ערד קוגעל פאדערענדיג מען זאל זיך פרובירען רעדען צו קאנאַ־פוס — אולי ירחם, פיעלייכט וועט ער בעגנאדיגען דיא ערד פאר איהר העזה פון ווידערשטאנד.

אויף׳ן פערלאנג פון פאלק האט על־ווערסאן געהאט א מיטינג צו בעראטהען זיך מיט דיא אסטראנאמערס, וואס צו טהאן און אויסצורעכענען אין וואס פאר א לאגע דיא ערד געפינט זיך. אויף דיעזען מיטינג איז אויסגערעכענט גע־ווארען, אז דער כדור הארץ רוקט זיך צו יעדע מינוט מיט הונדערט און פופ־צעהן מייל נעהענטער צו דער זונן און אז אין פיער מאנאטען ארום וועלען אלע מענשען מוזען אויסשטארבען פון היץ בעפאר דיא ערד וועט ארויפפאלען אויף דער זונן און צו שמאלצען ווערען.

ווען עלווערסאן האט ארויסגעגעבען דעם בעריכט וואס דיא געלעהרטע אס־טראנאמערס האבען אויסגעפונען, האט זיך ערשט פון דאס ניי אנגעפאנגען א חורבן אין יעדע שטאדט, שטעדטיל און דערפיל. גנבים און גזלנים זיינען געווא־רען דיא פאלקאמע הערשער אין פיעלע שטעדט. טויזענדער מענשען האבען זיך פון שרעק גענומען זייערע לעבענס. פא־נאטיקער זיינען ארומגעלאפען אין דיא גאסען וויא וואהנזיניגע שטראפענדיג דעם עולם און אויפפאדערענדיג אלע־מען צו טהאן מעהר תשובה. אויך האט זיך געגרינדעט א שפאגעל נייע און וויל־דע פאנאטישע סעקטע, וואס האט אנער־קענט קאנאפוס אלס א גאט. פיעלע ריי־כע מענשען האבען צושאנקען זייערע פערמעגענס. מאנכע גנבים האבען תשובה געטהאן און האבען צוריק גע־בראכט אלטע גנבות, נאר פאר דיא מעהרסטע גנבים איז געווארען א פרייע וועלט, ווייל קיין איינעם איז ניט געלע־גען אין זינען צו פערטהיידיגען פערמע־גען, ווען דער טויט איז שוין אויף׳ן נאז. דער וועטער איז דערווייל געווארען מיט יעדען טאג אלץ הייסער און היי־סער. אין מיטען יאנואר, ווען עס זיינען געוויינליך דיא גרעסטע פרעסט, איז אין ניו יארק געוועזען דיא היץ ניין און ניינציג גראד אין שאטען.

— וואו איז עלווערסאן? וואוהין איז עס פערשוואונדען אונזער גרויסער ער־פינדער, אונזער עלעקטרישער צויבערער

עלוורסאָן ? — האָבען געפרעגט דיא צייטונגען און דאס פאָלק.

מען האָט פון איבעראל גענומען זוכען עלוורסאָן'ען און מען האָט איהם ענדליך אויסגעפונען אין א שטעדטיל אין ניו דזשורזי, וואו ער האָט געארבייט אונטער זעהר א גרויסע אנשטרענגונג און אויפרעגונג. אויף'ן פערלאנג פון אמעריקאנער פאלק און פון דיא נאציאָנען אין אייראָפּא, וואו עס האָט אויך געהערשט אזא צושטאנד וויא דא, האָט עלוורסאן איינגעשטימט צו געהן אין טהורם רעדען דורך'ן דראטהלאזען טעלעפאָן צו קאנאָפּוס. צוויי טעג האָט איהם דיזען מאל געדויערט בעפאר עס האָט איהם געלונגען צו מאכען א קאָנעקשאָן.

— אהא ! — האָט דיא בעקאנטע שטימע געזאגט שפּאָטיש — איהר זייט שוין ווידער דא און אייער מוטה האָט זיך שוין אביסעל אויסגעטריקענט. וואס פערלאנגט איהר ?

— אין הימעלס נאמען, מיין הערר !

— האָט עלוורסאן אויסגעשריען — האָט איהר שוין גאר קיין רחמנות ניט אויף דיא טויזענדער מענשען, וועלכע קומען אום פון היץ ? קימערט אייך שוין גאר ניט דער שיקזאל, וועלכען איהר ברענגט אויף טויזענדער מיליאָנען מענשען מיט נשמות ?

—וואָס פאר א ווערטה האָבען ביי מיר א הויפען ווערים, וואס וואקסען אויס פון שטויב — האָט קאנאָפּוס געענטפערט — וואָס זייט איהר ווערטה אלע צוזאמען ? גאר ניט מיט גאר נישט. אייערע אייגענע כעמיקער און דאקטורים האָבען פּיעלע מאל אויסגעהרגעט אין איין אפּערײשאָן מעהר באצילען וויא פיעל מענשען עס זיינען דא אויף אייער ערד און זיי האָבען גאר ניט געפיהלט קיין געוויסענסביסע, וואס זיי פערניכטען אזוי פיעל לעבעדיגע ווערעמלאך מיט אמאל. און זיי זיינען גערעכט אויך, ווייל זיי טהוען עס ניט צוליעב פערזענליכע נוצען נאר צוליעב דעם אייגענעם פראגרעס און איך מוז פערניכטען דעם ערד קוגעל צוליעב אונזער פראגרעס.

— האָט איהר שוין גאר קיין מורא ניט פאר א שטראף ? גלויבט איהר גאר ניט אין שכר ועונש ? — האָט עלווערסאן אויסגעשריען הייזעריג און מיט טרעהרען אין דיא אויגען.

— רעדט מיט מיר ניט וועגען אזעלכע אונבעגרייפליכע ענינים — האָט קאנאָפּוס געענטפערט — איך גיב אייך נאך אמאל א געלעגענהייט מיר אפּצוגעבען אייער גאלד מיט'ן גוטען ווילען. ווען איהר וועט עס ניט טהאָן, וועל איך דאס זא וויא זא קריגען ווען אייער פלאנעטע וועט זיך צוזאמענשטויסען מיט דער זונן. דעם צושמאָלצענעם טהייערען מעטאל וועל איך מיט מיין מאגנעטישע קראפט נאכהער צוציהען צו מיר, ווען פון אייך וועט ווערען אש.

— מיר וועלען אלצדינג טהאָן אפּ־צוהאַלטען אונזער פערניכטונג — האָט עלווערסאָן געזאגט מיט גרויס הכנעה— מען האָט מיך בעפאָלמעכטיגט צו זאגען, אז דיא ערד וועט טהאָן אַלץ וואס איהר פערלאַנגט. דיא מענשהייט בעט אייך אָבער, איהר זאָלט מיט איהר האבען מיטלייד און ניט איבערלאָזען אונז אין גרויס ארמוטה.

—איך מוז האָבען ניט ווייניגער ווי פינף הונדערט טויזענד טון גאָלד. איהר מוזט עס האָבען אָנגעגרייט אין א יאָהר צייט אין שטיקער פון פינף הונדערט פונט יעדע שטיק. שיקט צו א קאָרפּוס אינזשעניערען, וועלכע זאָלען פון מיר נעהמען אינסטראַקשאָן וויא צו בויען דיא פליהמאַשין, וואס וועט דאַרפען נעהמען דאָס גאָלד. איך וועל גלייך אפּ־שוואכען דיא ווירקונג פון מיינע עלעקטראָ־מאגנעטישע מאשינען, וועלכע האָבען ארויסגעשלעפּט אייער ערד פון איהר געוועהנליכען גאנג און זיא וועט צוריק ארויף אויף איהר אלטען דרך אין צוויי חדשים צייט. גוד באַי!

ווען דיא נייעס וועגען קאָנאָפּוסעס פאָדערונג איז בעקאנט געווארען אין דער וועלט, איז איבעראל געווארען ששון ושמחה. באַנפייערס זיינען געמאכט גע־וואָרען, גלעקער האָבען געקלונ־גען, וויהיסלס האָבען געפייפט און דער גאנצער כדור הארץ האָט געפּראַוועט א פורים פון דער גאנצער מענשהייט. וועגען דעם וואס מען מוז אפּגעבען דאס גאָלד האָט זיך שוין קיינער ניט געקימערט. א כפרה דאָס גאָלד אבי מען וועט שוין לאָזען לעבען. קאָמיטעס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין אַלע לענדער צו זאמלען דעם גאָלד און אנדערע קאָמיטעס פון סאָציאָלאָגען און פּאָליטישע עקאָנאָמען זיינען אנגעשטעלט געווארען צו זוכען מיטלען אין גאנצען אפּצושאפען דיא גאָלד סיסטעמע. אין ניו יארק און אין דער נאַכבארשאפט האָט געהערשט א לאַנגע צייט נאכאנאנד א גרויסע פרייד. אלע האָבען איינפאך געטאנצט פון שמחה וועגען דער ישועה. בלויז איין עלווערסאָן האָט זיך ניט בעטייליגט אין פאָלקס פרייד. ער האָט זיך צוריק איינ־געשפּאַרט אין זיין לאַבאָראַטאָריום און האָט געארבייט טאג און נאכט. זיינע אינזשיניערען און ארבייטער זיינען אויך געווען זעהר ביזי, נאָר זיי האָבען אויף קיין פאל ניט אויסגעזאָגט וואס זיי ארבייטען. קלאַנגען האָבען זיך פער־שפּרייט, אז עלווערסאָן האָט מיט זיין געניאַלען ערפינדונגס גייסט אויסגע־לערנט זיך פון קאָנאָפּוס זעהר וויכטיגע זאכען, וועלכע ער ארבייט יעצט אויס פאר'ן בענעפיט פון דער מענשהייט. ער אליין האָט קיין זאך נישט געזאגט. מען האָט דערגאנגען, אז ער האָט געהאט א פּריוואט געשפּרעך מיט קאָנאָפּוס, פון וועלכען ער האָט געקראָגען א פולען אונטעררינכט וויא צו בויען דיא גרויסע לופט שיף, אבער דיעזע שיף איז גע־

בויט געווארען פון א שיפּבילדינג קאמ־
פּאני לויט דיא אינסטראקשאנס פון
קאנאָפּוס און קיין איינער האָט ניט גע־
וואוסט וואס דער גרויסער זשעני אר־
בייט אין זיין לאבאראטאָריום.

דיא נייגיריגקייט פון פאלק צו וויסען
וואס עלווערסאָן איז מחדש אין הלכות
עלעקטריסיטי איז בעזאנדערס שטארק
געווארען, ווען פּראמינענטע אסטראָ־
נאָמערס און עלעקטרישענס האָבען אנ־
געפאנגען צו בעזוכען דעם גרויסען ער־
פינדערס לאבאראטארי. נאכהער איז
בעקאנט געווארען, אז עלווערסאן גרינ־
דעט ביים ברעג ים אין ניו דזשוירזי אן
אפּאראטוס, וואס וועט זיין צוויי מייל
לאנג. השערות זיינען ארויסגעזאגט גע־
וואָרען, אז דער גרויסער ערפינדער האָט
אויסגעפונען א מיטעל ווי איינצוזאמען
דיא קראפט פון דיא וועללען פון מעער
און צו פערוואנדלען דיעזע קראפט אויף
א זעהר וויכטיגען צוועק. א גרויסער
קייבעל איז צוגעצויגען געווארען נאך ניו
יארק און לעבען טהורם האָט מען אנגע־
פאנגען אין א בייסמענט מאכען א זאנ־
דערבארע גרויסע מאשין. דער טהורם
איז אויך איבערגעמאכט געווארען אויף
אזא אופן דאס פון אויבען האָט ער
אויסגעזעהן וויא א דעק פון א שיף איז
צו איהם צוגעבויט.

איין טאג נאכדעם וויא עס זיינען
אנגעקומען פיעלע קלאגען, אז מאנו־
פעקטשורינג און ביזנעס קענען ניט
אנגעטריבען ווערען צוליעב מאנגעל אין
געלד, ווייל מען קאלעקטעד דאס געלד
פאר קאנאָפּוס, האָבען א גרופּע פון דיא
גרעסטע וויסענשאפטס מענער ארויס־
געגעבען פאלגענדע ערקלעהרונג:

— אונז האָט געלונגען צו מאכען א
וואונדערבארע ענטדעקונג ווי צו קאנט־
ראלירען דעם כח המושך פון אונזער
ערד. מיר וועלען יעצט שוין מעהר ניט
זיין אונטערוואָרפען צו דיא בלינדע
קרעפטען פון דער נאטור און מיר וועלען
קענען קירעווען דעם ערד קוגעל וואוהין
מיר וועלען און וויא עס וועט אם
בעסטען לוינען פאר דער מענשהייט.
אום צו איבערצייגען זיך, אז אונזער
ענטדעקונג איז ניט קיין טהעאָרי, ניט
קיין פּוסטע פאנטאזיע, האָבען מיר אין
פערלויף פון דעם לעצטען מאנאט צעהן
מאל שוין פּרובירט קירעווען דיא ערד,
וואוהין מיר האָבען געוואלט, אין גאנץ
פערשיעדענע ריכטונגען, און אונזערע
עקספּערימענטען האָבען געהאט דעם
גרעסטען געוואונשטען ערפאלג. מיר
האָבען עס ביז יעצט ניט פערעפענטליכט
פאר'ן פּובליקום, ווייל מיר האָבען זיך
אליין בעפאָר געוואלט פעסט איבערציי־
גען דורך פערשיעדענארטיגע פּראקטישע
פּראבען, וועלכע האָבען אונז פאלקאם
געלונגען. אונזער נייע ענטדעקונג וועט
אונז אלזא פערהיטען פון א געפאַהר,
דאס דיא זונן זאל ווען עס איז קענען
צוציהען צו זיך אונזער פּלאנעט און
איהר פערברענען. אויסער דעם האָבען
מיר געמאכט א צווייטע ענטדעקונג,

וועלכע איז פיעלייכט נאָך וויכטיגער פון דער ערשטער און וואס בעשטעהט אין דעם, דאס מיר האָבען געמאכט א מאגנעטישען „שירם", וואס וועט אונזער ערד בעשיצען פון אירגענד וועלכער עלעקטרישער אָדער מאגנעטישער קראפט, וואס זאל אויף אונז געשיקט ווערען פון אירגענד וועלכער אנדער פּלאנעט. דיעזע צוויי ערפינדונגען זיינען אונז בעזאנדערס וויכטיג יעצט נאָך דעם וויא א געפעהרליכער טיראנישער נאַפּאלעאן פון קאנאָפּוס האָט אונז געדראָהעט צו פערניכטען, ווען מיר וועלען איהם ניט אָפּגעבען אונזער גאלד. יעצט האָבען מיר שוין קיין מורא ניט פאר דיא סטראשונקעס פון יענעם אכזר פון דיא העכערע וועלטען, וועלכער האָט אונז געוואלט פערשקלאפען צו פערשטארקען זיין מאכט. מיר זיינען זיכער, אז ער וועט אונז יעצט ניט קענען פערניכטען. אין אונזערע ערפינדונגען בענוצען מיר זיך מיט דיא זעלבע נאטור קרעפטען וויא קאנאָפּוס און זא לאנג מיר קענען שוין קירעווען אונזער ערד אין וועלכע ריכטונג מיר ווילען און מיר קענען זיך דורך אונזער נייען שירעם בעשיצען פון עלעקטרישע און מאגנעטישע קרעפטען, וואס ווערען אויף אונז געשיקט פון אנדערע וועלטען, קענען מיר זיך פּאלקאם שטעלען פערטהיידיגען געגען דיא אנגריפע פון דעם דעספּאט פון קאנאָפּוס".

ווען דיעזער סטייטמענט איז ארויסגעגעבען געווארען, האָט גענומען קאָכען אויף דער גאנצער וועלט פון אויפרעגונג. אין אלע לענדער האָט מען נאָך געדענקט דעם פערגאנגענעם הייסען ווינטער, וואס קאנאָפּוס האָט געבראכט אויף דער וועלט און ווען דיא מענשהייט איז שיער ניט אומגעקומען פון היץ אין תקופת טבת. א גרויסע טהייל פון דער בעפעלקערונג אין אייראפּא און אמעריקא האָבען זיך דעריבער איינפאך געשראָקען איינצורייסען זיך מיט'ן מעכטיגען קאנאָפּוס. עס זיינען אבער אויך געוועזען פיעלע „פּאטריאטען", וועלכע האָבען זיך אויסגעדריקט מיט ענטהוזיאזם דאַפיר, אז מען זאָל מוריד זיין אן קאנאָפּוס און מאכען א פייט געגען איהם אין פאל ער וועט ווידער מאהנען דאס גאלד, וואס מען האָט איהם פערשפּראָכען צו געבען. א גאנצען מאָנאט נאכאנאנד זיינען פארגעקומען איבעראל דיסקוסיאנען וועגען דער פראגע, אויב מען זאל אנפאנגען א קאמפף געגען דעם טיראן פון קאנאָפּוס אדער ניט. דיא געלעהרטע ערפינדער האָבען בעשלאָסען צו עפענען דיא נייע פעקטאָרים ביין ניו דזשוירסי ברעג ים און צייגען דעם עולם דיא קראפט פון דיא ניי ערפונדענע מאשינען. דאס האָט געהאלפען צו צוציהען א מאסע פון דיא שרעקעדיגע אויף דער זייטע פון דיא פּאטריאטען. דיא מאיאריטעט פון פאלק איז אבער נאָך אלץ געוועזען אנגעשראָקען פון דיא ווינטערדיגע היצען און האָט געגלויבט,

אז קאנאָפּוס איז נאָך אַלץ מעכטיגער פון דיא געלעהרטע פון דיעזער וועלט.

אין פיעלע געגענדען האָט דיא בעפעלקערונג פּראָטעסטירט ווארום דיא געלעהרטע ערפינדער האָבען אָהן דער צושטימונג פון פאלק בעשלאָסען צו שטעלען זיך געגען קאנאָפּוס און דער עולם האָט אנגעפאנגען צו פארדערן, אז די פראגע וועגען מרידה אָדער אונטערטהעניגקייט צו דער מאכט פון אנאנדער פלאנעט זאָל בעשטימט ווערען דורך א רעפערענדום וואוט. דיא געלעהרטע האָבען זיך געשראקען, אז לויט דיא געפיהלען פון מאיאריטעט פון פאלק וועט געשטימט ווערען געגען א קאמפף און זיי האָבען דעריבער ארויסגעגעבען א פראקלאמאציאן צום פאלק, דאס זיי ווילען עפענטליך צייגען פאר דער גאנצער וועלט זייער וויסענשאפטליכע מאכט צו קאנטראלירען דיא בעוועגונג פון דער ערד. א גאנצע וואך כסדר האָבען זיי באוועגט דיא ערד אזוי, אז זיא איז אימער געוועזן געבויגען צו דער זונן און קיין נאכט איז ניט געוועזן. דיעזע וואונדערבארע ערשיינונג, וואס איז בעפאר פראקלאמירט געווארען פון דיא גרויסע ערפינדער, האָט אלעמען איבערצייגט, אז מען קען זיך ווירקליך פערלאָזען אויף דיא וויסענשאפט מענער צו פערטהיידיגען דיא ערד פון דיא אנגריפע פון קאנאָפּוס. דיא מאיאָריטעט פון דער בעפעלקערונג איז בעגייסטערט געוואָרען פאר א ווידערשטאנד און פאר א קאמפף צווישען דער ערד און דיא וויטע מעכטיגע פלאנעט.

באלד וויא עס איז אפגעשטימט געוואָרען צו שטעלען זיך געגען קאנאָפּוס, האָט מען פון יענער פלאנעט אנגעפאנגען צו קלינגען אין דעם קליינעם אפּיס פון הויכען טהורם פאר דיא ערד. מען האָט גלייך געבראכט עלווערסאָן'ען.

— איך האָב געהערט וואָס איהר האָט געטהאָן — האָט ווידער געברומט דיא אלטע בעקאנטע שטימע פון דעם טיראן פון דער אנדער וועלט — איך האָב געהאט איינעם אנגעשטעלט אייך צו וואטשען און יענער האָט מיר בעריכטעט פון אלעם וואָס איהר האָט געטהאָן. דענקט איהר ווידער צו שטעלען זיך געגען מיר נאָך דעם וויא איך האָב שוין ארויסגעשיקט מיינע לופט־שיפען נאָך אייער ערד צו נעהמען ביי אייך דאס גאָלד?

— גאנץ ריכטיג — האָט עלווערסאן געענטפערט מיט מוטה און שטאָלץ — מיר האָבען בעשלאָסען צו פּייטען אייך מיט דיא זעלבע וואפען, מיט וועלכע איהר האָט געסטראשעט צו פערניכטען אונזער ערד־קוגעל צוליעב דעם פערפלוכטען מעטאל.

— איך וויים דאָס אלעם — האָט קאנאָפּוס געענטפערט — נאָר איהר זייט אזוי פעהיג צו קעמפפען געגען מיר וויא א קליינע קעציל איז פעהיג צו קעמפפען געגען א עלעפאנט.

— מיין גנעדיגער העדר — האָט

עלווערסאן ווידער אונערשראקען גע־זאגט — איהר ווייסט קיין זאך ניט ווי מיר מיינען צו קעמפפען געגען אייך. מיין ערשטע ארבייט איז געווען צו בע־ווארענען זיך, אז איהר זאלט ניט קע־נען זעהן, וואס מיר טהוען צו בעשיצען זיך פון אייך. איהר האט מיר ניט וואס צו בלאפען. צום ערשטען מאל ווען איך האב מיט אייך גערעדט, האב איך אייך גערעכענט פאר אן ענגעל, פאר א הימלישען וועזען, וואס איז פיעל הע־בער אין גייסט פון אונזערע מענשען. איך האב דאן ניט געוואוסט וואס אייער פערלאנג וועט זיין און איך האב דעריי־בער צו אייך גערעדט מיט עהרע־פורכט, מיט א יראת הרוממות. ווען איהר האט אבער גענומען פאדערען פון אונז גאלד, האב איך זיך איבערציינגט, אז איהר זייט ניט קיין מלאך, נאר אויך א מין בשר ודם וויא אונזערע מענשען פון אונזער זינדיגער ערד. איהר האט אויך דיא זעלבע לוסט צו גאלד און צו מאכט וויא מיר. אייער כאראקטער און אייער גייסט איז איין האאר ניט הע־בער פון אונזערע. איהר זייט בלויז מעהר ענטוויקעלט אין דיא וויסענשאפ־טען פון מעכאניק, מאגנעטיזם און עלעקטריציטעט. כל זמן מיר האבען געזעהן אז מיר זיינען מאכטלאז געגען אייערע מעכאנישע־עלעקטריק־מאגנעטי־שע קרעפטען האבען מיר געמוזט אייך נאכגעבען אין אייער אונגערעכטע דעמ־פאטישע פאדערונג, נאר אונזער בי־טערער נויטה האט אונז אויסגעלערענט צו טראכטען און צו מאכען אייניגע וויכטיגע ערפינדונגען, וועלכע וועלען אונז בעשיצען געגען אייך. מיט'ן גר־טען ווילען וועט איהר פון אונז גאר נישט קריגען מעהר. מיר וועלען אייך בעקעמפפען. גוד־באי, קאנאפוס!

קאפיטעל 5

קאנאפוס ערקלעהרט קריעג

און א קאמפף צווישען דיא ערד און קאנאפוס האט זיך אנגעפאנגען א ערנסטער. עס זיינען געווען אויף דער וועלט זעהר פיעל מרה שחורה'ניקעס און פעסימיסטען, וועלכע האבען פראפע־צייהעט, אז דיא ערד וועט אונטערגעהן און זיי האבען געפאדערט מען זאל נאכגעבען דיא פאדערונגען פון קאנא־פוס. זיי האבען געהאלטען מאס־מי־טינגס צו פראטעסטירען געגען דיא רע־גיערונגען, וועלכע האבען ערלויבט דעם ערפינדער עלווערסאן און דיא איבריגע געלעהרטע איינצורייסען זיך מיט דעם בייזען הערשער פון א מעכטיגערע וועלט. דיא מאיאריטעט פון דיא ציר־וויליזירטע לענדער אין איירא פא און אמעריקא זיינען אבער געווען בעגייס־טערט מיט פאטריאטיזם און האבען געהאט דעם פולען צוטרויען צו דיא וויסענשאפטס־מענער. דיא רעגיערונ־גען פון דיא גרעסטע לענדער האבען אסיגנירט פיעל געלד, עלווערסאן זאל

אַנשטעלען פיעלע אינזשיניערען און פערפאַלקאָמען זיינע ערפינדונגען צו זיין אים שטאַנד צו קעמפּפען געגען קאַנאַפּום.

אַ געוויסע צייט האָט אויף דער וועלט געהערשט רוהע און אָרדנונג. דיא נאַציאָנען וועלכע האָבען אַמאָל געהאַט צווישען זיך פּאָליטישע און עקאָנאָמישע סכסוכים האָבען פערגעסען אַלע זייערע טענות ותביעות, וואָס זיי האָבען געהאַט ווען עס איז איינע צו דיא אנדערע. עס האָט ניט געקענט ליגען אין זינען קריעגערייען צוליעב פּיצלאַך לאַנד אָדער צוליעב אָפּצאָהלונגען אויף אויסלענדישע סחורה, ווען אַלע לענדער פון דעם ערד־קוגעל האָבען געמוזט זיין פעראייניגט צו קעמפּפען געגען אַ טיראַנישען שונא פון אַנאַנדער וועלט. דער פריעדען צווישען אַלע נאַציאָנען, וועגען וועלכען דיא נביאים האָבען געטרוימט מיט טויזענדער יאָהרען צוריק, איז אַלזאָ געוואָרען אַ פאַקט אוים נאָטהווענדיגקייט, ניט פון גוטען ווילען, נאָר אוים דעם ביטערען אַלגעמיינעם נויטה צו זיין פעראייניגט אין דעם וויסענשאַפטליכען קאַמפּף געגען אַזאַ אונגעהערטען אכזר וויא דער מאָדערנער נירון־קאַנאַפּום, וואָס האָט פעראורטהיילט דיא גאַנצע מענשהייט צו פערברענען. אַלע נאַציאָנען זיינען אַלזאָ געווען רוהיג און צופריעדען אין דער אַלגעמיינער האָפנונג, אַז עלוועראַסאָן און זיינע געלעהרטע חברים וועלען שוין דורך זייערע וויסענשאַפטס־מעטהאָדען זיין אים שטאַנד צו בעשיצען דיא וועלט, ווען פּלוצלונג האָט זיך אין איין מיטען נאַכט בעוויזען אין הימעל אַזאַ שרעקליך גרויסע אויסשטעלונג פון עלעקטרישע פייערען, וואָס האָט דיא נאַכט פערוואַנדעלט אין טאָג. אַלע האָבען פערשטאַנען, אַז דיעזע עלעקטרישע אילומינאַציאָן אויפ'ן הימעל איז אַ סיגנאַל פון קאַנאַפּום אַז ער פאַנגט אָן אַ מלחמה מיט דער ערד און אַלע זיינען דעריבער אַזוי צושראָקען געוואָרען, דאָס קיין איינעם איז אין זינען ניט געלעגען שלאָף און רוהע. מענשען זיינען אַרויסגעקראָכען פון זייערע וואַרעמע געלעגערס צו לויפען זעהן, וואָס עס טהוט זיך אויף דער וועלט. זאָגאַר חולאים אין דיא האָספּיטאַלס האָבען ניט געקענט איינליגען אין זייערע בעטלאַך פון שרעק און איבעררעשונג און האָבען געפאָדערט מען זאָל זיי לאָזען לויפען אין דרויסען, אונוויסענדע מענשען זיינען אַרום געלאָפען אין דיא גאַסען מיט בכיות און יללות ערוואַרטענדיג אַז פון דער גאַנצער וועלט זאָל ווערען אַזאַ איבערקעהרעניש וויא אַמאָל אין סדום און עמורה. פיעלע מענשען האָבען אויפ'ן קול געזאָגט וידוי ערוואַרטענדיג שנעל דעם טויט. דיא זעלבע עלעקטרישע „אויסשטעלונג" אויפ'ן הימעל האָט מען געזעהן אין דער סאוטה און אין אַלע לענדער פון אייראָפּא, אזיען און אפריקא.

איבעראל האט מען געגלויבט, אז דיא זונן וועט שוין ניעמאלס אויפגעהן אויף דער ערד.

באלד וויא דיעזע זאנדערבארע עלעקטרישע פייערווערק האט זיך בעוויזען אויפ'ן הימעל, האט עלווערסאן פערשטאנען, אז אזא ערשיינונג אין מיטען נאכט וועט מאכען זעהר א שלעכטען איינדרוק אויפ'ן עולם אין דער גאנצער וועלט און ער האט דאריבער פערנאנדער געשיקט קייבעלס און טעלעגראמען נאך דיא הויפטשטעדט פון אלע לענדער אויפפאדערענדיג דיא רעגיערונגען צו בערוהיגען דיא בעפעלקערונג, אז קיין איינער זאל זיך ניט הערשרעקען. ער האט געבעטען, מען זאל טעלעגראפיש מעלדען אין אלע שטעדט, דערפער און סטיישאנס, אז פאר דיא ערשיינונג אויפ'ן הימעל דארף מען זיך ניט שרעקען, ווייל עס איז בלויז א בעגעגניש פון צוויי מעכטיגע עלעקטרישע שטראמען אין דער לופט איניגע מייל העכער פון דעם באדען פון דער ערד. דיא גרויסע עלעקטרישע בעלייכטונג צייגט א זיעג פאר אונזער ערד לכל הפחות אויף דערווייל, ווייל זיא בעוויזט, אז דיא גרויסע עלעקטרישע שטראמען, וואס קאנאפוס שיקט צו שאדען דיא ערד, ווערען צוריקגעשטויסען פון דיא נייע ערפונדענע מאשינען און פון גרויסען פלענט ביים ברעג ים אין ניו־דזשוירזי.

ווען עס איז געקומען דיא צייט פון זונען אויפגאנג און דיא זונן האט זיך בעוויעזען אין פולען גלאנץ וויא געוויינליך, איז דיא עלעקטרישע פייערווערק פערשוואונדען פון הימעל. דיא בעפעלקערונג האט זיך דאן א ביסעל בערוהיגט און מען האט איינגעזעהן, אז עלווערסאן וויים וואס ער רעדט. אין נעקסטען אבענד האט זיך דיא זעלבע אילומינאציאן בעוויזען, נאר זיא האט שוין ניט ארויסגערופען אזא אימה און פחד וויא צום ערשטען מאל. צוויי וואכען נאכאנאנד פלעגט זיך יעדען אבענד אנציגדען דער הימעל נאך האלבע נאכט מיט דעם זעלבען גלאנץ וויא אין אנפאנג. נאכהער איז דיא עלעקטרישע בעלייכטונג געווארען קלענער און קלענער, ביז זי איז אין גאנצען פערשוואונדען. דאן האט עלווערסאן ארויסגעגעבען פאר'ן פובליקום פאלגענדען בולעטין:

„קאנאפוס האט זיך פרובירט צו אטאקירען אונזער פלאנעט מיט זיינע מעכטיגע עלעקטרישע שטראמען, נאר עס האט איהם ניט געלונגען אונז צו שאדען. אונזער „שירם", וואס מיר האבען געגרינדעט ניט לאנג צוריק, האט צוריקגעשטויסען יעדע אטאקע. די ערד איז אויף איין האאר ניט ארונטער פון איהר געוויינליכען גאנג און מיר האבען ניט קיין שום אורזאכע מורא צו האבען פאר אן אנגריף. איך גלויב, אז יעצט וועט קאנאפוס אונז לאזען צו רוה".

עלוועסאן איז אין דער גאנצער וועלט פראקלאמירט געווארען אלס דער רעטטער פון דער מענשהייט. אויף אלע שפראכען האבען פאעטען לכבוד איהם פערפאסט שירים און אין אלע צייטונגען האט מען געשריעבען ארטיקלען וועגען איהם און וועגען זיינע ערפינדונגען און זיינע וואונדער, וואס ער האט בעוויזען אין דער וויסענשאפט פון עלעקטריציטעט. דיא גרויסקייט פון אלע מעכטיגע קעניגע, דיפלאמאטען, זשורנאליסטען, מעכאניקער, דאקטוירים, פילאזאפען און אנדערע בעריהמטע מענער איז געווארען נול אין פערגלייך צו דיא גדלות פון עלווערסאן. און ווירקליך ווער קען זיין גרעסער פון א מאן, וועלכער האט אהן א שום פולווער פערניכטעט דיא געפאהר פון אזא „אויסלענדישען" שונא וויא דער אויסוואורף פון דער פלאנעט קאנאפוס? וועלכער מעכטיגער קייזער אדער דיפלאמאט וואלט געקענט טהאן אזא זאך? און וועלכער מאן איז אזוי קלוג געגוג און אזוי וויסענשאפטליך געבוג וויא עלווערסאן, וועלכער קען פיהרען דיא אירדישע פלאנעט אויף נייע וועגען און אין נייע ריכטונגען? איבעראל האט מען גערעדט וועגען עלווערסאן און עלווערסאן. זיין נאמען האט בערדונקעלט דיא נעמען פון אנדערע אירדישע גדולים אזוי וויא דיא זונן פערדונקעלט מיט איהר העלען שיין דיא לבנה און דיא שטערען. מען האט עלווערסאן'ען מיט רעכט געגליכען צו א מלאך, נאר אויך דיא שטראהלען פון זיין גדלות זיינען פערדונקעלט געווארען. א גאנצען מאנאט איז ניט געווען קיין צייכען פון קאנאפוס, אז ער וויל אטאקירען דיא ערד, אבער איין טאג האט אויסגעבראכען א מהומה אין עלווערסאן'ס אפיס. זיינע געלעהרטע מיטארבייטער האבען זיך געקאכט פון אויפרעגונג און צער. ער אליין איז אויך געווארען אונרוהיג. פון אנפאנג האט קיין איינער נישט געוואלט אויסזאגען פון חדר דיא אורזאכע פון דעם טומעל און שרעק, נאר ווען קלאנגען וועגען דעם האבען זיך שוין אנגעפאנגען צו פערשפרייטען צווישען פאלק און אין דער פרעסע, האבען עלווערסאן און זיינע אסיסטענטס געפונען פאר נויטיג ארויסצוגעבען פאלגענדען סטייטמענט:

„וועהרענד עס איז ניטא קיין אורזאכע צו שרעקען זיך, אז אונזער וועלט זאל דירעקט אטאקירט ווערען פון אנאנדער וועלט, מוזען מיר אבער מודה זיין, אז קאנאפוס איז געפאלען אויף א זעהר געשיקטע המצאה, וואס פערורזאכט אונז פיעל פערדרוס און וועלכע בעשטעהט אין דעם, דאס ער האט בעשלאסען ארויפצוווארפען דיא פלאנעט מארס אויף דער זונן. מיר זעהען דאס פון דעם וואס מארס איז ארונטער פון דרך הישר, אין וועלכען ער איז געגאנגען פון ששת ימי בראשית אן און ער פליהט יעצט צו

דער זונן. קאנאָפּוס האָט זיך איבערצייגט, אז זיינע מאַגנעטיש־עלעקטרישע אטאקעס קענען שוין אונז ניט שאדען און ער אָפּפערט דיא פּלאנעט מארס, אום אונז אינדירעקט צו שאדען. ווען איהם זאָל געלינגען צו פערברענגען דעם מארס אויף דער זונן, וועט ער פעראורזאכען אזא אונגליק אויף דער גאנצער זונען סיסטעם, דאָס אונזער ערד וועט דורך דעם זיין אין גרעסטען געפאהר.

„דיא איינציגע זאך וואס מיר דארפען יעצט טהאָן איז צו געברויכען אונזער ניי ערפונדענע קראפט צו בעוועגען דיא ערד און צוצוקומען צום שטערן מארס איהם צו בעשיצען מיט אונזערע „שירמס", אז דיא מאגנעטיש־עלעקטרישע קראפט פון קאנאָפּוס זאָל איהם ניט קענען שליידערען צו דער זונן. דאס איז וואס מיר פאנגען שוין אָן צו טהאָן. מיר בעטען דעם עולם ניט צו דערשרעקען זיך, ווען זיי וועלען באמערקען ענדערונגען אין דער סיסטעמע פון טאָג און נאכט, אדער אויב עס וועט ווערען קעלטער וויא געוויינליך און דיא לבנה מיט'ן שטערן מארס וועלען אויסזעהן פיעל גרעסער וויא יעצט. דיעזע ענדערונגען וועלען מוזען זיין צוליעב דיא נייע בעוועגונג פון דער ערד אין איהר רייזע צו בעשיצען פון קאנאָפּוס דעם מארס. מיר וועלען מוזען צוקומען נעהענטער צו דער לבנה און דעריבער וועט זיא אויסזעהן גרעסער. מיר וועלען מוזען צו געהן זעהר נאָהענט צו דער פּלאנעט מארס און קיינער זאָל דעריבער ניט דערשרעקען זיך און ניט איבערראשט ווערען, ווען דער מארס וועט פערשטעלען פון דער וועלט א גרויסען טהייל פון הימעל און ער וועט אויסזעהן זעהר גרויס.

„דיעזע אלע נייע ערשיינונגען און ענדערונגען וועלען זיין נאטירליך. זיי וועלען זיין דיא פאָלגע פון דעם נייען מארשרוט, וואס דיא ערד מוז נעהמען צו בעשיצען דעם מארס און זיך אויך דורך דעם. אין צוויי מאָנאטען וועט אלעס צוריק ווערן נאָרמאל. די ערד וועט אריין אין איהר אלטען גאנג און דיא ארדנונגען פון דער נאטור וועלען ניט געענדערט ווערען. מיר וועלען אין אונזער יעצטיגער רייזע האָבען דיא געלעגענהייט צו פערווירקליכען דעם טרוים פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט צו רעדען צו דיא מענשען פון פּלאנעט מארס. מיר וועלען זיך צוזאמענרעדען מיט אונזער שכנישער פּלאנעטע צוזאמען צו בעקעמפּפען קאנאָפּוס. אונז וועט זיין פיעל לייכטער צו צוקומען צום מארס וויא קאלומבוסען איז געווען צו צוקומען פון שפּאניען נאך אמעריקא אין דיא ענדע פון פופצעהנטען יאהרהונדערט. קאלומבוס האט דאן קיין בעגריעף געהאט וועגען דעם לאנד, וואס ער האָט דאן ענטדעקט. ער האָט זאגאר ניט געוואוסט דעם ריכטיגען וועג. ער איז געגאנגען בלינדערהייט זוכען אינדיען און איז געקומען נאך אמעריקא. מיר וועלען

יעצט „פאהרען“ צום מארס מיט א בע־שטימטען גראדען און ריכטיג אויסגע־מאסטענעם וועג. אונזערע אסטראנא־נאמערס ווייסען דיא געאגראפיע פון דעם מארס. זיי האבען זאגאר שוין לאנד־קארטען פון איהם און מיט דער הילפע פון דער נייע ערפונדענער קראפט צו בעוועגען דיא ערד אין יעדע ריכטונג וועלען מיר אונזער שליחות אויספיהרען פיעל שנעלער וויא דאס האט געטהאן דער אלטער קאלומבוס ענטדעקענדיג אמעריקא“.

דיעזער לאנגער סטיימענט איז ארויס־געגעבען געווארען מיט דער אבזיכט צו בערוהיגען דיא מענשהייט, נאר ער האט ניט ערררייכט פאלקאם זיין צוועק. דיא נאציאנען פון דער וועלט האבען זיך גע־שראקען פאר דיא מאכט פון קאנאפוס. אבוואהל עלווערסאן האט ווירקליך בע־וויזען וואונדער מיט זיינע גרויסע ער־פינדונגען צו בעוועגען דיא ערד און צו פערניכטען דעם שאדען וואס קאנאפוס האט געוואלט טהאן דירעקט צו אונזער פלאנעט, האבען דיא מעהרסטע טהייל פעלקער געשראקען זיך פאר זיין נייע אונטערנעהמונג צו פליהען איבער אונ־בעקאנטע עולמות העליונים בעשיצען די פלאנעט מארס. איבעראל, אין אלע לענדער האט מען גערעדט וועגען דער נייער לאגע, אין וועלכע עלווערסאן ברענגט אונזער וועלט. עס זיינען געווען פיעלע ספארטס, בעזאנדערס אין אמע־ריקא, ענגלאנד און פראנקרייך, וועלכע האבען אמת הנאה געהאט פון אזא אנ־גענעהמע רייזע דורך אונבעקאנטע וועל־טען. דיא ספארטס, וואס פלעגען זיך קאבען אין אויטאמאבילס און באלונס, האבען געווארפען זייערע „אלטמאדי־שע“ רייזעס און רייסעס און האבען זיך געפערגעלט אין נחת פון דער געלעגענ־הייט צו מאכען א אומזיסטע רייזע אזש צום שטערן מארס און פערבייגעהענדיג שליסען א נעהענטערע בעקאנטשאפט מיט דער לבנה און אנדערע הימלישע קערפער. אבער אויסער די ספארטס פון אמעריקא, ענגלאנד און פראנקרייך, האט אזא אויסערגעוויינליכע רייזע דיא בע־פעלקערונג ניט געשמעקט בעזאנדערס אנגענעהם. קיין איינער האט זיך אבער ניט געקענט העלפען אזא רייזע אפצו־האלטען, ווייל עטוואס האט דאך גע־מוזט געטהאן ווערען צו פערניכטען דיא געפעהרליכע מאכט פון קאנאפוס אי־בער דיא פלאנעטען פון אונזער זונען סיסטעם. דיא רעגיערונגען פון אלע ציוויליזירטע לענדער האבען איינגע־שטימט צו עלווערסאן׳ס פלאן און זיי האבען פערנאנדער געשיקט ווארנונגען אין אלע שטעדט און דערפער, אז מען זאל זיך ניט שרעקען פון אלע אותות השמים, וואס מען וועט אין דיא נעקס־טע איינינגע מאנאטען באמערקען.

דיא אסטראנאמישע אבזערוואטאריעס זיינען דערוויל געווען זעהר ביזי מיט זייערע פערגרעסערונגס גלעזער און אינ־סטרומענטען צו בעאבאכטען דעם

מארס, וועלכער איז מיט יעדען טאָג
אלץ מעהר ארויס פון זיין אמאָליגען נאַ־
טירליכען גאַנג און איז געלאָפען אלץ
נעהענטער צו דער זונן. עס האָבען זיך
געפאָדערט בעזאָנדערס פאַרזיכטיגע
אויסרעכנונגען און חשבונות אויסצוגע־
פינען דיא בעסטע ריכטונג וויא צו קי־
רעווען דיא ערד אזוי, אז זיא זאָל זיך
קענען באגעגענען מיט'ן מארס. עט־
וואס עהנליכע אויסרעכנונגען ווערען
געמאכט אויף א שיף, וואס וויל אין
מיטען ים אָניאָגען אנאנדער שיף מיט
א וויכטיגע שליחות. דער ים פון דעם
וועלט־אל איז אָבער פיעלע מיליאָנען
מאָל גרעסער פון דעם ים איבער וועל־
כען אונזערע דאמפּפערס שווימען און
דער חשבון איז דעריבער געוועזן פיעל
שווערער, דאָך איז ער ריכטיג און
פינקטליך אויסגערעכענט געוואָרען און
אונזער אירדישע פלאנעט איז אזוי נאָ־
הענט צוגעקומען צו דער פלאנעט
מארס, דאָס עלווערסאָן האָט, אין דער
אנוועזענהייט פון דיא גרעסטע וויסענ־
שאפטס מענער און רעגיערונגס פאַר־
שטעהער, אָנגעפאנגען צו קאָנעקטען די
סוויטשעס פון גרויסען סוויטש־באָארד
אויפ'ן וואנט, וועלכע האָבען צוזאמען
מיט'ן גרויסען פלענט ביים ברעג ים אין
ניו־דזשוירזי, גענומען שיקען אן עלעקט־
רישען שטראָם צום מארס.

א היבשע צייט האָט דער געניאלער
עלעקטרישען געשאָטען עלעקטרישע
שטראָמען און סיגנאלען אָהן ערפאָלג.
אלע אנוועזענדע זיינען געוואָרען פער־
צווייפעלט, וואָס קיין ענטפער איז ניט
געקומען. זאָגאר עלווערסאָן אליין האָט
מודה געווען, אז ער צווייפעלט שוין
אויב דיא בעפעלקערונג פון מארס
איז גענוג ענטוויקעלט צו פערשטעהן
דיא סיגנאלען און צו קענען ענטפערען
אויף זיי. עס האָבען זיך זאָגאר געפונ־
נען אזעלכע פעסימיסטען, וואָס האָבען
אויסגעדריקט זייער מיינונג, אז אויפ'ן
מארס זיינען גאָר קיין מענשען ניטאָ.
אומזיסט האָבען דיא אסטראָנאָמערס
אפּגעשלאָגען יענע פעסימיסטען מיט די
בעווייזע, דאָס אויפ'ן מארס האָט מען
נאָך אם ענדע פון נייצעהנטען יאהר־
הונדערט ענטדעקט נייע קאנאלען, וואָס
זיינען געמאכט געוואָרען ניט פון דער
נאטור, נאָר פון מענשעשע הענד. דיא
צווייפלער האָבען אין זייער יאוש קיי־
נע ארגומענטען אָנגענומען און האָבען
מיט זייער מרה־שחורה געבראָכען דעם
מוטה פון פיעלע אנדערע, וואָס זיינען
פריהער געווען אָפּטימיסטיש און האָפּ־
נונגספאָל. צווישען דיא רעגיערונגס
פערטרעטער און זאָגאר צווישען דיא גע־
לעהרטע, וועלכע זיינען געווען אין
טהורם, האָבען זיך געפונען אזעלכע,
וואָס האָבען געמאכט פאָרווירפע דעם
גרויסען ערפינדער, וואָרום ער האָט
געוואגט צו שטעלען זיך געגען אזא
„הימלישע מאכט" וויא קאָנאָפּוס. על־
ווערסאָן האָט זיך געמאכט ניט הערענ־
דיג וועגען די פאָרווירפע און טענות פון

מאַנכע אנוועזענדע. ער האָט פאָרטגעזעצט זיין ארבייט ביז ענדליך, ווען עס איז שוין געווען שפּעט אין אבענד, האָט ער בעמערקט וויא עס קומט פון מארס א שוואכער ווידערקלאנג פון דעם גערויש פון א גרויסע שטאָדט און פונקט וויא די פּערצייטיגע ענטדעקער פון אמעריקא האָבען אויסגעשריען: „לאַנד" דערזעהענדיג דעם נייעם באָדען, אזוי האָט ער אויסגעשריען: „מענשען" דערפרעהענדיג זיך מיט דער ענטדעקונג אז אויפ'ן מארס זיינען דאָ מענשען מיט שכל, וואָס בויען גרויסע ציוויליזירטע שטעדט אזוי וויא אויף אונזער פּלאַנעט.

אלע אנוועזענדע זיינען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער, ווען זיי האָבען דערהערט עלוועדסאָן'ס אויסגעשריי. קיינער האָט ניט געקענט אָפּלייקענען דעם פאקט, אז דער מארס איז זיכער בעפעלקערט. וואָס ווייטער האָט מען אלץ מעהר געזעהן סמנים פון ישוב. עס האָבען זיך אָנגעפאנגען צו זעהן זאָנדערבארע שעהנע בעלייכטונגען און אלע זיינען פרעהליכער געוואָרען. דיא פּעסימיסטען, וואָס האָבען אקאָרשט מיט א פערטעל שטונדע בעפאָר געקיקט אויף עלווערסאָן'ס פּאליטיק מוריד צו זיין אָן קאנאָפּוס און פיהרען דיא וועלט לויט זיין פערשטאנד, זיינען געווען דיא ערשטע איהם צו בעגריסען מיט זיין ענטדעקונג פון מענשען אויפ'ן מארס. עלווערסאָן האָט גלייך טעלעפאָנירט אינסטראקשאָנס נאָך דעם גרויסען עלעקטריק פּלענט אין קאלקוטא, אינדיען, ווי זיי זאָלען זיך דאָרטען נוהג זיין ווערענד דעם מיטינג צווישען דער ערד און דעם מארס, האָט געגעבען ארדערס זיינע אסיסטענטס ווי זיי זאָלען אטענדען דיא מאשינערי אין טהורם און אין גרויסען פּלענט ביים ים און וויא זיך צוזאמען צו רעדען מיט דיא אסטראָנאָמישע אבזערוואטאָריעס. און צעהן מינוט נאָכדעם האָט ער זיך איינגעשלאָסען אין זיין רומקע מיט איינעם פון זיינע פעהיגע אסיסטענטס און מיט א מעסענדזשער באָי. א גארד האָט ער אוועקגעשטעלט ביים טיהר קיין איינעם ניט צו ערלויבען אריינצוגעהן אינעווניג אָדער איהם צו באָדערען דעם קאָפּ. עס איז געקומען דיא צייט, ווען עלווערסאָן האָט געדארפט ארויספיהרען דיא ערד ווייט פון איהר נאטירליכען וועג. ער האָט געמוזט זיצען וויא א קעפּטען פון א גרויסע שיף, וואָס געהט אין א נייעם וואסער, און וואטשען זיין גרויסע שיף, דיא אירדישע פּלאַנעט, איהר פיהרען צו איהר צוועק און אכטונג געבען, זיא זאָל זיך ניט אָנשטויסען אן אנאנדער פּלאַנעט. דאָס איז געווען דיא גרעסטע פעראנטוואָרטליכע ארבייט, וואָס ער האָט קיין אנדערען ניט געקענט פערטרויען.

קיינער וואָלט גאָר ניט בעמערקט אז דיא ערד איז ארויס פון איהר אלטען

מארשרוט, ווען דיא לבנה וואָלט ניט געווארען זעקס מאָל גרעסער וויא געוועהנליך און ווען דער מארס וואָלט ניט אויסגעוואקסען אונגעהויער גרויס — אזוי גלאט און רוהיג איז די ערד געשוואומען אויף איהר נייען וועג. פון אזיען, אפריקא און אויסטראליען זיינען געקומען נאכריכטען, אז די ווילדע און די האלב ציוויליזירטע פעלקער פאַרבערייטען זיך צום וועלטס אונטערגאנג מיט פערשידענע ווילדע צערעמאָניעס און דאָס זיי גלויבען, אז דיא פלאנעט מארס קומט עם נעהענטער צו אונז צו פערניכטען די מענשהייט. אין אייראפא און אין אמעריקא האָט דיא בעפעלקערונג געגלויבט אין עלווערסאָן און דיא ערקלעהרונג פון דיא רעגיערונגען, אז אלעס וועט צוריק קומען אין ארדנונג און זיי האָבען זיך געהאלטען רוהיג.

ווען דיא ערד איז געקומען נאָהענט צום מארס, האָט עלווערסאָן אויסגעארבייט א פלאן וויא צוזאמען צו רעדען זיך מיט דער בעפעלקערונג פון יענער פלאנעט אויף אזא אופן, אז קאנאָפּוס זאָל ניט קענען איבערנעהמען דיא דראטהלאָזע טעלעגראמען און טעלעפאָנען וואס וועלען געשיקט ווערען צווישען ביידע שכנישע פלאנעטען. מען האָט געמוזט מאכען א „ליקיידזש" אין דעם שירם פון דער ערד, אז דיא עלעקטרישע שטראָמען פון מארס זאָלען יא קענען צו אונז אריינדרינגען און פון קאנאפּוס ביט. דאָס איז געווען לייכט צו מאכען, ווייל דער מארס איז געוועזן נאָהענט און ווען דער געניאלער ערפינדער האָט זיך איבערצייגט, אז מען קען שוין אָנפאנגען צו רעדען צום מארס און דיא אסטראנאָמערס האָבען אויסגערעכענט, אז דיא איינוואָהנער פון יענער פלאנעט וועלען אונזערע אירדישע שטימען קענען הערען, זיינען אויפגעשפּרונגען גאנץ שפּאָגעל נייע פראגען: ווי רעדט מען צו דיא מענשען פון אן אונבעקאנטער פרעמדער וועלט? וואָס פאר א אירדישע שפּראך וועלען דיא איינוואָהנער פון מארס קענען פערשטעהן אם בעסטען? פערשטעהן זיי גאָר אירגענד וועלכע שפּראך, וואס ווערט גערעדט אויף אונזער פלאנעט? צו שווימען גאנץ נאָהענט צום מארס, אז מענשען זאָלען זיך קענען זעהען איינע דיא אנדערע און רעדען דורך צייכענס און סיגנאלען איז אונמעגליך, ווייל אין א נאָהענטע בעריהרונג קענען זיך ביידע וועלטען אָנשטויסען איינע אָן דיא אנדערע, און ביידע, אי דיא ערד, אי דער מארס קענען פון אזא צוזאמענשטויס חרוב ווערען פונקט וויא צוויי אייזענבאהן ציגע ווערען פערניכטעט ווען זיי שטויסען זיך אָן. מען מוז אלזא רעדען פון ווייטען ניט מיט צייכענס, ניט אויף פינגער שפּראך, נור דורך שטימען אין א ווייערלעס טעלעפאָן און דיא פראגע וויא, אויף וואס פאר א שפּראך רעדט מען צום מארס, האָט קיינער ניט געוואוסט וויא צו לייזען. ענדליך איז עלווערסאָן נאָך א לאנגע בעראטהונג

מיט אלע געלעהרטע געפאלען אויף פאלגענדע המציאה :

ער האט אויסגעקליבען א מאן, וועלכער האט זעהר א שטארקע מוזיקאלישע שטימע, וואס איז פעהיג אויסצודריקען פערשיעדענארטיגע אויסדריקע און געפיהלען. און האט דיעזען מאן געגעבען א אויפגאבע צו רעדען דורך דעם דראטלאזען טעלעפאן צו דיא בעפעלקערונג פון מאר'ס ניט מיט ווערטער פון אירגענד וועלכער שפראך, נאר מיט פריינדליכע אנגענעהמע טענער. עלווערסאנס אידעע איז בעשטאנען אין דעם, דאס איז פאל דיא מענשהייט פון מארס וועט ניט פערשטעהן אונזערע שפראכען, וועט זיא פערשטעהן דיא שפראך און דיא געפיהלען פון גוטע מענשליכע נגונים און טענער. דער טעלעפאן עקספערט קאלע איז אוועקגעשטעלט געווארען ביי דער זייט פון דעם טאלאנטפאלען „חזן“ אלס זיין עומד על גבו, וואס זאל אכטונג געבען אויף דעם זינגערס געזאנג און אויף דעם ענטפער, וואס וועט קומען. ער האט געהאט אן עקסטענשאן ריסיווער און צוויי טעג כסדר האט מען אויף אזא אופן גערעדט דורך טענער און ניגונים צום מארס. פון אנפאנג האט זיך געהערט א שוואכער ענטפער, נאר וואס דיא ערד איז צוגעקומען נעהנטער צו יענער פלאנעט, אלץ דייטליכער און קלעהרער זיינען געווארען דיא קלאנגען וואס זיינען געקומען פון מארס.

עס איז קענטליך געווען, אז דיא מענשען פון מארס הערען דיא מוזיקאלישע שטימע פון אונזער אירדישען זינגער און ענטפערען אויף איהר. נאר מען קען ניט פערשטעהען זייערע אויסדריקע. קאלע האט געראטהען, מען זאל רופען א גרויסען שפראכען קענער, וועלכער האט א גוטען זכרון און וועלכער זאל זיך צוהארכען צו דיא אנטווארטען פון דער אנדער פלאנעט און ערקונדיגען זיך דיא סיסטעם פון יענעם ארט רעדען. דער קול פון שטערען מארס איז געווען זעהר דייטליך, שטארק און איינדרוקספאל. דער שפראכען קענער האט זיך א גאנצען טאג צוגעהארכט צום קול פון מארס און ער איז געקומען צום שלום, אז דער איינפאל צו זינגען צו יענער פלאנעט מיט פריינדליכע אנגענעהמע טענער איז געווען אן אויסגעצייכענטער און א ווירקזאמער. יענע מענשען האבען פערשטאנען אונזער'ע געפיהלען פון פריינדשאפט און זיי הערען ניט אויף צו רעדען צו אונז מיט דער האפנונג, דאס מיר וועלען זיי אנפאנגען צו פערשטעהען. און ווירקליך אם ענדע פון פיער טעג האט דער שפראכען-קענער אנגעפאנגען דייטליך צו געדענקען זילבען און קליינע ווערטער פון א נייער זאנדערבארער שפראך, פון וועלכער ער האט קיין בעגריעף געהאט בעפאר. דיא מענשען פון מארס האבען ארויסגעצייגט אין זייער רעדען פיעל אינטעליגענץ. בעגרייפענדיג, אז מיר קענען זיי ניט פערשטעהן פלעגען זיי זייערע ווערטער ארויסגעבען ניט געאיילט, קלאהר און דייטליך, איבער'חזרן'דיג עטליכע מאל יעדען

וואָרט אָדער יעדע זילבע אום מיר זאָלען זיך קענען שנעל צוגעוואָהנען צו זייער לשון.

אם ענדע פון פיער און צוואנציג טעג שווערע ארבייט האָט דער עקספּערט לינגוויסט (שפּראַכען קענער) ערקלעהרט, אז ער פערשטעהט שוין, וואָס מען רעדט פון מארס. דיא געלעהרטע פון יענער פּלאַנעט האָבען געפרעגט, אויב דיא ערד קען זיי העלפען, זיי זאָלען ניט ארויספּאַלען אויף דער ברענענדער זונן, אויב דיא ערד האָט פעראורזאכט זייער אונגליק. זיי האָבען זיך מיט זייער שכנה, דיא ערד, אינטערעסירט זייט איייניגע יאָהרהונדערטע, טראָץ דעם וואָס זיי האָבען ביז יעצט ניט געקענט זיך צוזאַמענרעדען מיט אונז. מען האָט זיי אויף זייערע פראגען געענטפערט, אז דיא ערד איז זייער פריינד און קומט זיי יעצט צו הילפע אין זייער גרויסען נויטה.

אום וואָס שנעלער און בעסער צוזאַמען צורעדען זיך מיט'ן מארס האָט מען גלייך גענומען נאָך עטליכע גרויסע לינגוויסטען זיי צו לערנען דיא שפּראַך פון יענער פּלאַנעט. דיא ערד איז דערווייל צוגעקומען אזוי נאָהענט צום מארס, דאָס אונזערע אסטראָנאָמען האָבען דורך זייערע גלעזער און אינסטרומענטען געקענט זעהן אלצדינג וואָס דאָרטען קומט פאָר. דיא סיסטעמע פון קאנאליזאציאָן האָט זיך געזעהען אזוי קלאָהר און דייטליך אזוי וויא עס וואָלט געווען אויף אונזער ערד. עס איז געווען וואָס צו זעהן. דיא פּלאַנעט איז דורכגעוועבט מיט קאַנאַלען, אויף וועלכע עס פאָהרען היין און צוריק פּראַכטפאָלע דאמפּפערס און עלעקטריק באָאטס מיט פּאסאזשירען און פראכט. דיא מענשען פון מארס האָבען דיא תוכנים פון יערקעס אָבזערוואטאָריום געזעהען דורך דיא טעלעסקאָפּען. יענע מענשען זיינען ריעזען אין פערגלייך צו אונזערע. זיי זיינען דריי מאָל אזוי הויך וויא אונזערע. זייערע פיס זיינען גראד ניט פיעל גרעסער וויא ביי אונזערע מענשען, נאָר דערפאר זיינען זייערע קערפּער לאנג. זעהר שעהן איז דיא פאָרמע פון זייערע קעפּ. זייערע געזיכטער זיינען זעהר אינטעליגענט. זיי האָבען גרויסע פיינע אויגען און קליינע מיילער מיט דינע ליפּען. כמעט יעדער איינער פון זיי טראָגט אויף זיינע פּלייצעס א שווארצע קיים צוגעבונדען מיט א סטראַפּ און וויא עס האָט זיך נאכהער ארויסגעוויעזען, איז דיעזער קיים א צוזזאמענגעלעגטער באַנדעל פון אזא מאַשין, וואָס ווערט גענוצט צו פליהען אין דער לופטען און אויך צו לויפען שנעל איבער'ן באָדען פון יענער פּלאַנעט. דער זעלבער שווארצער באַנדעל ענטהאלט אויך א דראָטהלאָזען טעלעפאָן צו רעדען נאָך אירגענד וועלכען פּלאַץ פון שטערן מארס.

אויף'ן מארס זיינען ניטאָ קיינע אייזענבאהנען. זיי דארפען ניט האָבען קיינע ריילראָאדס ווייל דיא סיסטעמע פון קאַנאַלען איז אזוי ענטוויקעלט און שיפען

שווימען דאָרטען אזוי שנעל און פריי
פאר אלעמען, דאָס באהנען זיינען גאנץ
איבעריג און נוצלאָז. זייט אייניגע יאָהר־
הונדערטע האָט זיך דער מאטעריעלער
פראָגרעס אָפּגעשטעלט אויף'ן מארס. זיי־
ער ציוויליזאציאָן איז שוין געשטיעגען
צו דער העכסטער מדרגה. דיא איינוואָה־
נער זיינען צופריעדען מיט זייער לאגע.
זיי גיבען זיך איבער אם מעהרסטען צו
פּאָעזי, ליטעראטור, מוזיק, קונסט און
פילאָזאָפיע. זיי האָבען אויפגעהערט צו
זוכען נייע ערפינדונגען און ענטדעקונ־
גען, ווייל זיי האָט קיין זאך ניט גע־
פעהלט. דער אונגליק וואס קאנאָפּוס
האָט אויף זיי געבראכט איז געקומען
אזוי אונגעריכט און אזוי אונערווארטעט,
דאָס זיי האָבען טראָץ זייער הויך ענטווי־
קעלטער ציוויליזאציאָן ניט געקענט גע־
פינען קיין עצה וויא זיך צו פערהיטען פון
פערניכטונג. דיא מעלדונג אז דיא ערד
קומט זיי צו הילף איז פאר זיי געוועזן
דיא גליקליכסטע נייעס און איבעררא־
שונג.

ווען דיא ערד איז צוגעקומען אזוי
נאָהענט צום מארס, דאָס נעהנטער האָט
זיא שוין ניט געטאָרט געהן אויס גע־
פאהר פון א צוזאמענשטויס, האָט זיך
ערשט אָנגעפאנגען ארבייט פאר עלווער־
סאָן. ער האָט צוערשט גענומען קירעווען
דיא ערד ניט צום מארס, נאָר אין א גלייך
לויפענדע פאראלעל ליניע. נאכהער האָט
ער גענומען גרינדען מאשינערי און
שירמס אָפּצושטויסען דיא עלעקטראָ־
מאגנעטישע קראפט פון קאנאָפּוס, וואס
שטויסט דעם מארס אויף דער זונן. צוויי
מעת לעת האָט דער מארס צוזאמען מיט
דער ערד געמוזט לויפען אין דער ריכ־
טונג פון דער זונן, אָבער אויף'ן דריטען
טאָג ווען דיא מאשינערי און דיא שירמס
זיינען פערטיג געוואָרען, איז קאנאָפּו־
סעס טייוועלשע קראפט אין גאנצען פער־
ניכטעט געוואָרען. דער מארס האָט אויפ־
געהערט צו פליהען צו דער זונן און ביי־
דע צוזאמענגעהענדע פלאנעטען האָבען
זיך אָפּגעשטעלט אין אונענדליכען רוים
פון'ם יוניווערזיום און האָבען זיך בלויז
געדרעהט ארום זייערע אקסען. צוויי לי־
ניעס פון דראָטהלאָזען טעלעפאָן זיינען
געגרינדעט געוואָרען צווישעןביידע נאָ־
הענטע פלאנעטען און עלווערסאָן האָט
דורך זיינע ליגגוויסטען געגעבען בעפעה־
לע צו דיא אינדזשינירען פון מארס, זיי
זאָלען איהם מיטהעלפען בעקעמפען
קאנאָפּוס און זאָלען זיך אויסלערנען
אליין וויא צו בעשיצען זייער וועלט גע־
גען יענעם אכזר פון א גרויסער וייטער
פלאנעט.

די עלעקטראָ־מאגנעטישע קראפט פון
קאנאָפּוס האָט שוין מעהר ניט געקענט
בעוועגען דעם מארס צו דער זונן. בלויז
דיא טעמפּעראטור איז עטוואס קיהלער
געוואָרען און רעגענס האָבען אָנגעפאנגען
מעהר צו גיסען אלס א פאָלגע פון קאנאָ־
פוסעס עלעקטרישע שטראָמען. דאָס איז
אָבער גראדע געוועזן זעהר ניצליך פאר
ביידע שכנישע פלאנעטען, וועלכע האָ־

בען צוליעב זייער נאָהענטקייט צו דער זונן געליטען פון היץ און טריקעניס. קאַנאָפוס'עם קראַפט האָט שוין אלזאָ גע־בראַכט מעהר נוצען וויא שאַדען. דער־וויל האָבען די אינדזשינירען פון מארס זיך אויסגעלערענט פון עלווערסאָן ווי צו מאכען אן עלעקטרישען פלענט און שירם צו בעשיצען זייער פּלאַנעט פון קאנאָ־פּוסעס ווייטערע אטאקעס און וויא צו בעוועגען זייער וועלט אין יעדע ריכטונג. ווען דער מארס האָט איינגעאָרדנעט די־זע אלע מאשינערי האָט דיא ערד גע־וואַרט א גאנצען מאָנאַט צו זעהן וויא וויים דער מארס איז איינגעאיבט אין דעם לימוד זיך אליין צו קאָנטראָלירען אין גאנג און צו בעשיצען זיך געגען קאנאָפּוס. דיא לעהרע האָט זיך פּאלקאָם איינגעגעבען און דער מארס האָט זיך שוין אליין געקענט בעשיצען.

דיא שמחה צווישען דיא בעפעלקערונג פון מארס איז געווען אזוי גרויס צו־ליעב דיא רעטונג פון א זיכערע פערניכ־טונג דאָס זיי האָבען טעלעפאָנירט צו אונזער ערד, אז זיי ווילען אויס דאנק־בארקייט שיקען צו אונז דורך א לופט שיף, עקסטרא געבויט צו אזא רייזע, א דאנקזאגונג מיט סאמפּעלס פון זייער לי־טעראטור, מוזיק און קונסט. דיא ערד איז אויפגעפאָדערט געוואָרען אויך צו שיקען סאמפעלס פון אונזער מוזיק, לי־טעראטור און קונסט און עס איז בע־שטימט געוואָרען א פּלאַץ אויף העלפט וועג, וואו ביידע פליהמאשינען זאָלען זיך בעגעגענען און איבערנעהמען דיא פרע־זענטען. ווען ביידע לופט־שיפען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין דער לופטען, האָ־בען זיי געשאָטען אזוי פיעל בריליאנטע־נע פייערווערק, דאָס דיא בעפעלקערונג פון ביידע פּלאנעטען האָבען עס געזעהען און בעוואונדערט. דער מיטינג צווישען דיא פאָרשטעהער פון דער ערד און פון דעם מארס איז געווען א העכסט געלונ־גענער און צופריעדענשטעלענדער. דיא מארסיסטען האָבען אויסגעדריקט זייער טיעפע דאנקבארקייט צו אלע ערדיסטען און פארגעשלאָגען א פּלאן, אז ביידע פריינדליכע פּלאנעטען זאָלען זיך פער־אייניגען אין א אונטערנעהמונג צו בע־שיצען דיא גאנצע זונען סיסטעם פון דעם בייזען ווילען פון דעם טיראן פון קאנאָפּוס.

נאָך דיעזען מערקווירדיגען מיטינג, האָט זיך אָנגעפאנגען דיא וויכטיגסטע ארבייט צו געפינען א פּלאן ווי צו בעשי־צען דיא איבעריגע פּלאנעטען פון אונ־זער זונען סיסטעם פון פערניכטונג. קאַ־נאָפּוס האָט מיט זיין אונגעהייער גרויסע מאגנעטא־עלעקטרישע קראַפט געקענט זיך נעהמען פאר א דריטע פּלאנעטע איהר צו פערניכטען אויף דער זונן און דערמיט צו שאַדען דיא ערד און דעם מארס. געלעהרטע פון ביידע פריינדליכע פּלאנעטען האָבען איינגעשטימט אין דער מיינונג, אז אום צו זיין פּאלקאָם רוהיג פון א טייוועלשע מאכט פון א קאנאָפּוס, מוז מען בערייזען אלע וועלטען פון דער

זונען סיסטעם און איבעראל גרינדען עלעקטרא־מאגנעטישע שוץ־שירמס אזוי וויא אויף דער ערד און אויף'ן מארס.

עלווערסאן האט פערבראכט א האלבען טאג אין א געשפרעך דורך'ן טעלעפאן מיט פאנארוס, דעם גרעסטען עלעקטרישען פון מארס, צו בעראטהען זיך וועגען דיא שוץ־שירמס אויף אנדערע פלאנעטען.

— וואס מיך קרענקט — האט עלווערסאן געזאגט צו דעם זשעני פון דער שכנ'ישער וועלט—איז דאס וואס מיר וועלען האבען פיעל טראבעל מיט אזא אונטערנעהמונג. מיר וועלען מוזען יעדע צוויי יאהר מאכען א רייזע ארום אלע וועלטען פון דער זונען סיסטעם און איבעראל גרינדען שוץ־שירמס צו בעשיצען זיי, קאנאפוס זאל זיי ניט שליידערן צו דער זונן און פערניכטען זיי מיט אונז צוזאמען. דאס וועט זיין א צו שווערע ארבייט און וועט קאסטען צו טהייער.

—ווארום — האט פאנארוס געפרעגט מיט זעהר אן ערנסטען טאן — זאלען מיר ניט אריבער צו קאנאפוס און ערקלעהרען איהם קריעג און ארויסקריעגען פון איהם א גאראנטי, אז ער וועט אונז לאזען צורוה אדער איהם בעזיעגען.

עלווערסאן איז אויפגעשפרונגען ענטהוזיאסטיש פון דיעזער אידעע און האט אריינגעשריען אין טעלעפאן:

— אייער פלאן איז א גרויסארטיגער! איך גלויב אז מירביידע צוזאמען קענען עס טאהן!

קאפיטעל 6

צו דער מלחמה אין הימעל

עלווערסאן'ס ענטהוזיאזם פאר א קריעגס ערקלעהרונג געגען קאנאפוס איז אפגעקיהלט געווארען, ווען ער האט דיעזען פלאן איבערגעגעבען זיינע געלעהרטע חברים און אסיסטענטס. אלע וויסענשאפטס מענער האבען אויסגעדריקט זייער מיינונג געגען אזא ריזיקאלען און ערשטוינענדען פלאן צו פיהרען א מלחמה אין הימעל. עס איז בעשלאסען געווארען איינשטימיג, אז דיא ערד זאל אפגעפיהרט ווערען צוריק אין איהר אלטען וועג און מען זאל ווארטען, וואס עס וועט ווייטער זיין. אין פאל קאנאפוס זאל א דריטען מאל אנפאנגען זיין טייוועלשע ארבייט צו פערניכטען א אונבעשיצטע פלאנעט פון אונזער זונען סיסטעם, וועט דאך דאן זיין צייט צו אנפאנגען א קאמפף געגען איהם אזוי וויא עס איז אקערשט געווען, ווען ער האט געוואלט פערברענגען דעם מארס צו שעדיגען דיא ערד.

— ווארום זאלען מיר אליין קריכען אין א געפעהרליכע קריעג כל זמן מען גרייפט אונז ניט אן? קאנאפוס וועט שוין מעהר ניט וואגען זיך אנצופאנגען מיט אונז נאך דעם וויא עס האט איהם שוין צוויי מאל ניט געלונגען!—האבען עלווערסאן'ס געלעהרטע ראטהגעבער גע'טענה'ט און ער האט מבטל געווען זיין

דעה צוליעב דיא מיינונגען פון זיינע פריינדע און קאמעראדען. ער האט דעריבער געמעלדעט צו פאנארוס, דעם עלעקטרישען־צויבערער פון מארס, אז די ערד שטימט ניט איין פארלויפיג אנצופאנגען א מלחמה געגען קאנאפוס. דיא ערד און דער מארס האבען זיך אלזא געדארפט צושיידען, יעדע פלאנעט זאל געהן נאך איהר אלטען וועג און דיעזע שיידונג איז געפייערט געווארען מיט גרויס'ע פאראדען און פייער ווערק אויף ביידע וועלטען. עלעקטרישע אילומינאציאן פון פערשיעדענע קראפט האט בעציערט דעם מארס אזוי שטארק, דאס מען האט עס געקענט זעהן אהן שפאקטיוועס און אהן ברילען אויף דער ערד. אויך אונזערע באנפייערס און עלעקטרישע בעלייכטונג לכבוד דעם אפרייזען האט מען געזעהן אויף'ן מארס. עס איז געוועזן אזא יום טוב אויף ביידע פלאנעטען, וואס עס איז נאך ניעמאלס געזעהן און געהערט געווארען בעפאר. ביידע וועלטען האבען געוואלט אויסדריקען זייער פרייד פון באקענען זיך און פון אייביגער פריינדשאפט אין דער צוקונפט. דיא בעפעלקערונג פון ביידע פלאנעטען זיינען געוועזן אנגעטהאן אין זייערע ים טוב'דיגע קאסטיומען און אלעמענס פרייד איז געוועזן ניט קיין געקינסטעלטע, נאר א אמת'ע אינערליכע שמחה. מענשען האבען דערזעהן מיט זייערע אייגענע אויגען, אז עס איז דא נאך א וועלט, מיט לעבעדיגע ברואים, א צווייטע וועלט מיט מעהר ענטוויקעלטערע און מעהר גליקליכערע מענשען, וועלכע האבען עררייכט א פיעל העכערע שטופע פון ציוויליזאציאן און פראגרעס און וועלכע האבען אליין, אהן אונזער שטיצע, ניט געקענט זיך העלפען. יעדער איינוואהנער פון דער ערד איז געוועזן שטאלץ דערמיט, וואס מיר זיינען געוועזן אים שטאנד צו רעטען פון פערניכטונג א בעסערע און א שעהנערע וועלט פון אונזערע. עס איז וואהר, אז מיר זיינען געגאנגען רעטען דעם מארס צוליעב זיך זעלבסט, אבער דערווייל האבען מיר יענע פלאנעט גערעטעט פון אונטערגאנג און יענע מענשען זיינען אונז געוועזן אזוי דאנקבאר און זיינען געווארען אונזערע אייביגע פריינד.

היינט דער פארטשריט, צו וועלכען מיר ווילען יעצט קומען צוליעב אונזער בעקאנטשאפט מיט יענער הויך ציוויליזירטער פלאנעט? און זייער קאנאלען־סיסטעם, וואס מיר האבען געזעהן און וועלכע אונזערע געלעהרטע האבען אויסגעפארשט? און זייערע מאשינקעס וואס מען קען געברויכען אלס פליגלען פון אן אדלער צו פליהען אין דער לופטען און אלס פיס פון א הירש צו לויפען שנעל און צו האבען קפיצת הדרך אויף'ן באדען? דאס אלעס וואס מיר האבען געזעהן אויף'ן מארס וועט אונז צוניץ קומען צו ענטוויקלען אונזער פראגרעס און צו לעבען גליקליך אויף אונזער ערד. אזוי האבען געדענקט מיט רעכט דיא מענשען פון דיעזער פלאנעט און די פריינדשאפט צו יענע מענשען האט דעריבער געגליהט מיט אן אנגענעהמע ווארימקייט און צופריעדענהייט אין יעדעם הארץ. דיא צייטונגען פון אלע לענדער האבען געהאט גענוג שטאף צו בעשרייבען דיא

פאראדען און די אילומינאציאנען אויף'ן מארס ביי דער שיידונג פון ביידע פלא־נעטען און ביידע וועלטען זיינען געבלי־בען פאלקאם צופריעדען מיט זייער גליק־ליכען "מיטינג". אין א פינף און צוואנ־ציג טעג איז דיא ערד צוריק אריין אין איהר ארביט (קרייז־וועג). די רייזע צו־ריק האט געדויערט מיט פינף טעג ווי־ניגער וויא צום מיטינג מיט'ן מארס. עלווערסאן האט פיהרענדיג דיא וועלט נאך איהר אלטען וועג ניט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען נייע ערפינדונגען און עס האט איהם טאקי געלונגען צו ענטדעקען א מיטעל צו בעוועגען דיא ערד מיט א אונגעהויער גרויסע שנעל־ליגקייט. ער האט אנאנסירט, אז ער האט יעצט דיא מעגליכקייט צו מאכען דיא ערד לויפען אזוי שנעל וויא דיא האללי קאמעט אהן דעם, אז עס זאל שאדען דיא בעפעלקערונג.

גלייך וויא דיא ערד איז אריין אין ארביט, האט עלווערסאן געמעלדעט וועג־גען זיין וויכטיגע ערפינדונג צו פאנא־רום. ער האט עס געטהאן ערשטענס אויסצודריקען דעם צוטרויען און דיא פריינדשאפט פון דעם כדור הארץ צום מארס און צווייטענס האט ער ערוואר־טעט, אז פון יענער פריינדליכער פלאנעט וועט מען צו אונז מעלדען אויס דאנק־בארקייט וויא צו בענוצען זיך מיט זייע־רע ערפינדונגען, וועלכע זיינען אונז נאך פרעמד. עלווערסאן האט שוין געהאט פערלאזען זיין רומקע אין דעם הויכען טהורם ארום מעדיסאן סקוועער, אין וועל־כער ער איז געזעסען וויא א שיפס־קאפי־טאן אין זיין קעבין כל זמן דיא ערד איז געשוואומען אויסער איהר וועג. ווען די ערד איז געווען צוריק אויף איהר פלאץ, האט ער זיך אריינגעקליבען אין זיין ניו־יארקער אפיס אין איינעם פון דיא גרעס־טע „הימעלקראצערס" אויף בראדוויי. פון דארטען האט ער עס טעלעפאנירט צו פאנארום, וועלכער האט איהם גע־דאנקט פאר דעם סוד פון דער ערפינדונג און האט דערביי באמערקט פאלגענדעס:

— זעהר גוט, עלווערסאן ! יעצט ווע־לען מיר אויסמיידען א גרויסע שוועריג־קייט אין פאל עס וועט אונז פארט אויס־קומען צו אטאקירען קאנאפוס. דיא שרעקליכע ווייטקייט צו יענעם טיראן איז דורך אייער נייער ערפינדונג כמעט וויא פערשוואונדען. איך קען אייך מיט ווערטער ניט אויסדריקען וויא דאנקבאר איך און אלע איינוואהנער פון מיין פלא־נעט זיינען צו אייך. איך האף, אז ווען איהר וועט מאכען אירגענד וועלכע נייע ערפינדונג אדער ענטדעקונג, וועט איהר מיר ווידער מעלדען. אין פאל איהר וועט זיך וועלען בענוצען מיט אונזערע ערפינדונגען קענט איהר זיי פון אונז פאדערען מיר זאלען זיי אייך צייגען און אויסלערנען. יעצט נאמיר ביידע זיך נעהמען צו דענקען וועגען דער פראגע וויא צו זיין פערטיג און פערפאלקאמ־נען זיך צו אטאקירען קאנאפוסען אין זיין לאנד.

ביידע גרויסע מענער פון ביידע פלאַנעטען האָבען גערעדט דורך דעם נייעם דראַטהלאָזען טעלעפאָן, וועלכער איז עטאַבלירט געוואָרען וועהרענד דעם פאַריגען מיטינג און עלווערסאָן האָט זיך געזעצט צו דער ארבייט אויסצואַרבייטען א פּלאַן וויא צו בעזיעגען דעם יוניווערזום. זיינע מיטאַרבייטער זיינען אַזוי געוועזען בעגייסטערט פון זיין ערפינדונג צו בעוועגען דיא ערד מיט אַ אונגעהויער גרויסע שנעליגקייט, דאָס זיי האָבען שוין געגלויבט דיעזען נייעם פּלאַן, וואָס ער האָט זיי פערטרויט.

דיא אַסטראָנאָמען האָבען דערוויילע ניט אויפגעהערט צו בעאָבאַכטען דיא הימלען, אום צו בעמערקען פּיעלייכט האָט זיך קאָנאָפּוס ווידער געגומען דורכצופיהרען א טריק איבער אירגענד וועלכע פּלאַנעט, נאָר מען האָט גאָר נישט בעמערקט. עלווערסאָן האָט דעריבער געקאָנט זיצען רוהיג אין זיין לאַבאָראַטאָריום און טראַכטען צוזאַמען מיט זיינע אַסיסטענטען וועגען נייע ערפינדונגען און ענטדעקונגען. ער האָט ארויסגעצייגט א אונגעהערטע געניאַליטעט מחדש צו זיין נייע גרויסע זאַכען יעדען מאָל ווען זיי האָבען זיך געפאָדערט פאַר'ן פריעדען און גליק פון דער מענשהייט. ער האָט איבערראַשט דיא עלעקטרישענס פון אייראָפּאַ מיט א שפּאָגעל נייע אונערוואַרטעטע ענטדעקונג פון דער קראַפט פון ראַדיום, וואָס מען קען בענוצען אהן דעם טראַבל ארויסצוקריגען קליינע קערנער פון דיעזען וואונדערבאַרען מעטאַל פון דער ערד. ער האָט געקענט בענוצען דיזע ראַדיום קראַפט וועהרענד דער ראַדיום בלייבט אונטער'ן באָדען אין זיין נאַטירליכען צושטאַנד און איינשפּאַנען דיעזע קראַפט פאַר'ן בענעפיט פון דער מענשהייט.

דיא עלעקטרישענס זיינען ערשטוינט געוואָרען פון דיעזע וואונדערליכע ענטדעקונג. איין מאָנאַט איז געוועזען גענוג דאָס אין דער גאַנצער וועלט זאָל מען אָנפאַנגען צו הייצען און בעלייכטען און צו טרייבען דיא רעדער פון אינדוסטריע דורך דער קראַפט פון ראַדיום, וואָס געפינט זיך אין אַ רויהען צושטאַנד אין דער ערד. דיא וועלט האָט איינגעזעהן אז ראַדיום איז נאָך וויכטיגער פון עלעקטריציטעט. דיא קאָסטען צו בעהייצען און צו בעלייכטען וואָהנונגען און צו טרייבען דיא מאַשינען אין דיא פעקטאָרים איז געוואָרען שפּאָט ביליג. א עקאָנאָמישע רעוואָלוציאָן האָט אויסגעבראָכען אהן בלוטפערגיסונג דורך עלווערסאָן'ס ענטדעקונג צו בענוצען דיא קראַפט פון ראַדיום. יעדער מענש מיט עטוואָס קאַפּיטאַל און פערשטאַנד האָט געקענט אויפטהאָן גרויסע זאַכען אין אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען. די פראַגע וועגען בעהייצען און בעלייכטען דעם ערדקוגעל איז דורך דעם געלייזט געוואָרען אויף אַזאַ אופן, דאָס מען האָט שוין געקענט אויסקומען זאָגאַר אהן דער זונן.

פאַנאָרום האָט דערווייל אויף'ן מאַרס

אויך ניט געשלאָפען. ער האָט זיך אויך גענומען ענטהוזיאסטיש פאר דער ארבייט. זיין שטרעבען איז געווען צו ערפינדען א מיטעל וויא צו טרייבען א גרויסע עלעקטרישע קראפט אָהן דראָטהען אויף גאנץ הויכע און ווייטע שטרעקען. אין זעקס וואָכען צייט האָט ער געמעלדעט עלווערסאָן'ען, אז איהם האָט געלונגען צו טרייבען עלעקטרישע וועללען אָהן דראָטהען אויף א שטח פון הונדערט טויזענד מייל מיט אזא קראפט, דאס עס זאל פערניכטען דיא גרעסטע שטאדט מיט דער זעלבער לייכטקייט וויא מען טויטעט אין סינג־סינג א מערדער אין עלעקטריק טשער.

יעדע וויכטיגע ערפינדונג, וואס פלעגט געמאכט ווערען אויף דער ערד, פלעגט מען גלייך מעלדען נאך'ן מארס און יעדע ענטדעקונג, וואס עס האָט אויף יענער פלאנעט געלונגען צו ענטדעקען, פלעגען זיי מעלדען צו אונזער ערד. אויף אזא אופן האָבען ביידע פלאנעטען צוזאמען געהאט א דאפעלטען בענעפיט און זיינען געשטיגען צוזאמען צו פאלקאמענהייט און הצלחה. גליקליך איז געווען דיא מענשהייט פון ביידע פלאנעטען און א גרויסע צופריעדענהייט און פרעהליכקייט האָט געהערשט אי אויף'ן מארס און אי אויף דער ערד, ווען פלוצלונג האָבען דיא אסטראָנאָמען באמערקט אין דיא אבזערוואטאָריעס, אז דער שטערן סאטורן ברעכט צוזאמען און שטיקער פון יענער פלאנעט פליהען אין דער ריכטונג פון אונזער ערד און דראָהען אונז צו פערניכטען.

ווען מען האָט באמערקט אין דיא אבזערוואטאָריעס דעם צושטאנד פון סאטורן האָט מען גלייך טעלעפאָנירט צו עלווערסאָן, וועלכער האָט צו יענער צייט רוהיג געשלאָפען ניט ערווארטענדיג קיין געפאהר. מען האָט איהם גלייך אויפגעוועקט פון שלאָף און דערצעהלט, אז פון סאטורן פאלען צו דער ערד גרויסע אָפגעבראָכענע שטיקער, וועלכע זיינען גרעסער וויא די ערד זעלבסט.

שנעל האָט ער זיך אָנגעטהאָן און איז אוועקגעלאָפען ניט אין זיין פריוואט אָפיס אויף בראָדוויי, נאָר צום גרויסען טהורם, וואו ער האָט בעסער געקענט שטודירען דיא לאגע פון'ם צושמעטערטען פלאנעט און די געפאהר פאר אונזער וועלט. ער האָט גלייך טעלעפאָנירט צום מארס דיא שרעקליכע נייעס און האָט טעלעפאָנירט נאָך דער אסטראָנאָמישער אבזערוואטאָריע, פון וואנען מען האָט איהם געענטפערט פאָלגענדעס:

„עס פליהען צוויי גרויסע שטיקער דירעקט צו דיא ערד און אין צעהן טעג וועט דער כדור הארץ ווערען חרוב ומוחרב, אויב עס וועט קיין מיטעל געפונען ווערען געגען דיזע אונערווארטעטע געפאהר".

פאנאָרוס פון מארס האָט אויך געענטפערט אויף עלווערסאָן'ס טעלעפאָן, אָבער ער איז ניט געווען צושראָקען.

— מיר וועלען איינפאַך מוזען אַרויס פון אונזערע אָרביטען און נעהמען אַן אנדער וועג, וואו דיא צובראָכענע שטיקער פון סאטורן וועלען אונז ניט קענען טרעפען — האָט ער באמערקט — איין זאַך איז יעצט זיכער, דאָס מיר מוזען אָנפאנגען א מלחמה געגען קאנאָפוס, אָהן א קריעג וועט יענער טיראן אונז ניט לאָזען צורוה. אויב איהר שטימט איין, וועט דער מארס מאָרגען מיט אייך ארויסגעהן אויף דער לאנגער רייזע צו בעקעמפפען דעם אכזר פון יענער זייט הימעל.

עלווערסאָן האָט זיך בעראטהען מיט זיינע געלעהרטע יועצים און ביי זיי איז געבליבען אָנצונעהמען דעם פאָרשלאג פון מארס, נאָר דער עולם טאָר דערפון פאָרלויפיג נישט וויסען. ערשט ווען דיא ערד איז ארויס פון איהר אָרביט צוואנציג גראד און דיא געפאהר פון דעם סאטורן איז שוין געוועזן פאָראיבער, האָט מען דעם פובליקום דערצעהלט וואו מען האלט יעצט אין דער וועלט און מיט דער וועלט. עלווערסאָן האָט אָנגעשטעלט זיינע גרעסטע עלעקטרא־מאגנעטישע מאשינען צו פערשטויסען פון דער ערד אויף א ווייטען שטח דיא קלענערע שטיקער וואָס זיינען געפאלען פון סאטורן. דער עולם האָט זיך ניט געשראָקען טראָץ דעם וואָס דיעזען מאָל האָט אונזער וועלט געמוזט אָפרייזען ווייטער פון דער זון. אלע האָבען געהאט צוטרויען צו דעם עלעקטרישען צויבערער, וועלכער קען מיט זיין וויסענשאַפט באוועגען וועלטען. אלע האָבען געזעהן דיא גרויסע שטיקער לאווא און פייער, וואָס זיינען געפלויגען פון דער צושמעטערטער פלאנעט און וויא עלווערסאָן האָט מיט זיין נייע באוועגונג, וואָס ער האָט געגעבען דיא ערד, געראטעט אונזער וועלט פון פערניכטונג, און אלע זיינען איהם דערפאר געוואָרען זעהר דאנקבאר און געהאָרכזאם.

דיא צייט צו פיהרען א מלחמה געגען קאנאָפוס איז געקומען. מען האָט ניט געטאָרט אָפלעגען דיא שלאכט, ווייל עס איז געוועזן קענטליך, אז ער וויל אויס ראכע צו דער ערד פערניכטען אונזער גאנצע זונען סיסטעם. אין אייניגע טעג נאָך זייער ארויסגעהן צו פיהרען מלחמה אין הימעל האָט עלווערסאָן געבעטען פאנאָרוס'ען אויפ'ן מארס, ער זאָל צוזאמענרופען וויסענשאפטס מענער און פראָמינענטע בירגער פון זיין פלאנעט אויסצואַרבייטען א פלאן וויא דיא קריעג זאָל געפיהרט ווערען און נאכהער האָט ער ארויסגעגעבען פאָלגענדע ערקלעהרונג:

״דיא עקספלאָזשען אויף דעם סאטורן איז איינע פון דיא מעשים תעתועים פון אונזער שונא קאנאָפוס. מיר האָבען פאָרלויפיג ארונטערגענומען דיא געפאהר פון א צוזאמענשטויס מיט דער צושמעטערטער פלאנעט און מיר האָבען אויך פערהיט, אז דיא אָפגעבראָכענע שטי־

קער פון יענער צושמעטערטער פלאנעט זאלען ניט פערניכטען אירגענד וועלכען אנדערען שטערן פון אונזער זונען סיסטעם, אבער עס איז דאך קיין תכלית אזוי צו זיין אין אייביגע געפאהר און ציטערנים פאר אזא טיראנישע באשעפענים. דעריבער איז עס געבליבען ביי מיר און דעם סטאף פון מיינע געלעהרטע קאמעראדען וויא אויך ביי דיא געלעהרטע פון מארס, אז מיר זאלען מיט פעראייניגטע קרעפטען אפרייזען צו דער זונען סיסטעם פון קאנאפוס און דארטען איהם אנגרייפען אין זיין אייגענע פלאנעט.

„צוזאמען מיט'ן מארס האבען מיר אין דיא לעצטע עטליכע מאנאטען עררייכט א אונגעהערטען פראגרעס אין וויסענשאפט. מיר האבען זיך אויסגעלערענט צו בעלייכטען און בעווארעמען דעם כדור הארץ אהן דער הילפע פון דער זונן. מיר קענען יעצט באוועגען זעהר שנעל אונזערע ביידע פריינדליכע פלאנעטען אין וועלכע ריכטונג מיר ווילען און מיר האבען יעצט דערגאנגען א מיטעל וויא צו עקספלאדירען דורך א גרויסען שטראם עלעקטריציטעט זאגאר אזא גרויסע פלאנעט וויא קאנאפוס און זאגאר אויף א ווייטערע שטרעקע וויא קאנאפוס האט עקספלאדירט דעם סאטורן.

„נאך מעהר, מיר האבען דיעזע לאגע געשטודירט אויך פון דעם פסיכאלאגישען שטאנדפונקט און מיר זיינע געקומען צום שלום, אז קאנאפוס איז א וויסענשאפטליכער טיראן, וואס וואהנט אויף דעם שטערן פון דעם זעלבען נאמען און וועלכער וויל אויסאיבען א טייוועלשע מאכט אויף אונזער ערד און אנדערע פלאנעטען אהן דיא צושטימונג און געגען דעם ווילען פון זיינע מיט־מענשען. מיר גלויבען, אז ער מוז זיין א צו־ווילדעטער אפגעזונדערטער וויסענשאפטס מאן, וואס בעזיצט משוגע'נע אכזריות'דיגע קאפריזען צו בעהערשען דעם וועלט־אלל און זא גלייך מיר וועלען קענען צוקומען נאהענט צו זיין פלאנעט און צוזאמענרעדען זיך מיט דיא איבעריגע בירגער פון זיין וועלט, וועלען מיר מיט זייער הילפע זאגאר זיין אים שטאנד צו מאכען אונשעדליך יענעם דעספאט.

„מיר קענען פערזיכערען יעדען איינוואהנער פון דער ערד, אז מיר זיינען אין דיעזער ווייטער רייזע זיכער פון יעדע געפאהר. אונזערע עלעקטריק־מאגנעטישע שירמס וועלען אונז בעשיצען פאלקאם פון קאנאפוס'עס אטאקע; ליכט און ווארעמקייט וועלען מיר האבען גענוג, עס זאל זיך פאסען פאר'ן געזונד פון דער מענשהייט און פאר'ן קאמפארט פון יעדען בירגער באזונדער; פרוכטען, גרינסען און תבואות וועלען וואקסען דיא זעלבע זאך וויא בעפאר. וואס צו עסען און וואס צו טרינקען וועט קיין איינעם ניט פעהלען. מיר קענען אליין מאנופעקטשורען וואס פאר א וועטער מיר ווילען. מיר וועלען נאך

אויסמיידען דיא היצען פון דער זונן ניט פערליערענדיג אין קראפט צו פּראָדוצירען עסענווארג. מיר ברויכען בלויז צו קומען נאָהענט צום פלאנעט ארכענאר, וועלכער האָט אויך געליטען פון טיראַן קאנאָפּום און צוזאמען מיט'ן מארס וועט אונז געלינגען צו בעזיעגען דעם גרעסטען געפעהרליכסטען דעספּאָט פון דעם יוניווערזום. מיר פאָדערען אויף דעריבער דיא בעפעלקערונג פון דער גאנצער וועלט, אז זיי זאָלען צושטימען צו אונזער רייזע צו בעפרייען אלע וועלטען פון דער טיראַניי פון קאנאָפּום.

עלווערסאָן'ס ערקלעהרונג האָט פערורזאכט א געוואלדיגע סענזיישאן אויף דער וועלט. אין אלע לענדער האָט מען נאָר גערעדט וועגען דער קינפטיגער מלחמה געגען קאנאָפּום. עס זיינען געווען לייטע, וועלכע האָבען זיך זעהר שטארק געשראָקען פאר אזא געפעהרליכע אונטערנעהמונג. אנדערע האָבען סתם גע'טענה'ט, אז עס איז א גרויסע שאָד וואָס דיא וועלט קען ניט זיין רוהיג. אָט האָט זיך אלע פריינדע פון פריעדען געדוכט, אז דיא מענשהייט איז שוין פעראייניגט אין א עוויגען פריעדליכען בונד און מען וועט שוין מעהר ניט הערען פון פּאָרבערייטונגען צו מלחמות, מוז מען שוין ווידער אָנפאנגען א קריעג און גאָר מיט אנאנדער ווייטער וועלט.

עס האָבען אבער קיינע טענות געהאָלפען. עלווערסאָן האָט מיט זיין ערקלעהרונג אלעמען איבערציוגט, אז איין מאל פאר אלע מאל מוז דיא וועלט דורכמאכען א גרויסע מלחמה מיט אנאנדער פלאנעט און ערשט דאן וועט מען וויסען פון א אמת'ען פריעדען. דיא מאיאריטעט לענדער און רעגיערונגען האָבען דעם עלעקטרישען צויבערער געגעבען פול מאכט צו פיהרען דיא ערד וואוהין ער געפינט עס פאר נויטיג און דעם 25טען דזשון איז דיא ערד ארויס צוזאמען מיט'ן מארס אין דער ריכטונג פון קאנאָפּום אויף א וועג, אויף וועלכען זיא איז ניעמאלס געגאנגען בעפאָר. דיעזער טאָג איז פון אלע רעגיערונגען ערקלעהרט געוואָרען אלס א יום טוב, אום צו ערמוטיגען אלע נאציאָנען און זייער זאָנדערבארען "פעלדמארשאל" און הויפּטקאָמאנדיער עלווערסאן, וועלכער האָט אויף זיין לעבען א ביקס ניט געהאלטען אין האנד און וועלכער איז דאך געגאנגען בעקעמפּפען קאנאָפּום מיט מעהר מוטה און מיט מעהר זיכערהייט אין א זיעג וויא אלכסנדר מוקדון אדער וויא דער ערשטער נאפּאָלעאָן.

פּאָעטען האָבען געהאט וואס צו בעזינגען אין שירים אויף אלע שפראכען. זשורנאליסטען און רעפּארטערס האָבען געהאט גענוג שטאָף צו פעראינטערעסירען דיא לעזער פון זייערע צייטונגען בעשרייבענדיג מיט אלע איינצעלהייטען וויא דיא קינפטיגע אטאקע אויף קאנאָפּום וועט געמאכט ווערען. עדיטאָריעל שרייבערס האָבען פערגליכען דעם פּראָגרעס פון דער מענשהייט אין עלווערסאן'ס צייטען צו דער לאגע פון דער וועלט מיט עטליכע הונדערט יאהר צוריק, ווען מענשען האָבען זיך געלאזען אין וועלט מעער זוכען נייע לאנד אין זעגעל שיפען און האָבען ניט געוואוסט

וואוהין צו קעהרען זיך און וואו צו ווענ־
דען זיך. עס איז ווירקליך געווען וואס צו
בעוואונדערען וויא איין מאן קען קירע־
ווען דיא ערד פיעל זיכערער אין דעם
אונענדליכען רוים פון דעם יוניווערזום
וויא מען פלעגט אמאל קירעווען שיפען
אין ים. אלע זיינען געווען בעגייסטערט
מיט דעם, וואס זייט עס האט זיך אנגע־
פאנגען דיא קאנאפום מהומה האט גע־
הערשט פאלשטענדיגער פריעדען און
פריינדשאפט צווישען אלע נאציאנען.
מען האט איבעראל געפיהלט אז דיעזע
פערברידערונג צווישען פערשיעדענע
פעלקער וועט שוין פערבלייבען אויף
אימער און אויביג, ווען עס זאל זאגאר
בעזייטיגט ווערען דיא אויסערליכע גע־
פאהר פאר דער גאנצער וועלט. דער אל־
געמיינער פריעדען האט זיך ארויסגע־
צייגט אלס דער בעסטער מיטעל צום
עקאנאמישען פראגרעס פון יעדע לאנד
בעזונדער און צום אלגעמיינעם גליק פון
דער גאנצער מענשהייט.

עלווערסאן האט דערווייל געקירעוועט
דיא וועלט אלץ נעהענטער צו קאנאפום
און אלץ ווייטער פון דער זונן, וועלכע
איז מיט יעדען טאג געווארען אלץ קלע־
נער און קלענער.

דיא ערד האט גאר נישט געליטען פון
איהר דערווייטערען זיך פון דער זונן.
ווארעמקייט און ליכטיגקייט פלעגען גע־
מאכט ווערען צו ארדער וויפיעל מען
האט געוואלט און געדארפט. אם ענדע
פון ערשטען מאנאט פון דער ערד'ס נייע
רייזע איז דיא זונן געווארען אזוי קליין
וויא א געוועהנליכער שטערען. מאנכע
מענשען האבען זיך דערפאר געשראקען,
גאר זיי האבען גאר נישט געקענט אויס־
זעצען דאגעגען, ווייל זיי האבען זיך אם
ענדע דזשוליי געפיהלט פיעל מעהר בע־
קוועם וויא אין געוועהנליכע צייטען,
ווען דיא היץ איז דאן אונערטרעגליך.
יעצט האט מען ניט געוואוסט וואס היים
איז. אויף דיא פעלדער איז געוואקסען
וויא געוועהנליך. עלווערסאן האט זא־
גאר איינגעפיהרט א סיסטעם פון א
לאקאל וועטטער קאנטראל, דאס הייסט
יעדער סטייט און יעדע לאנד האט זיך
געקענט ארדערען פון זיינע פלענטס,
וואס פאר א וועטטער זיי האבען גע־
וואלט. דיא לענדער, אין וועלכע מען איז
געוואהנט צו הייסע וועטטערן, האבען
געקענט ארדערן אזא ווארימקייט וואס
זיי גלייכען אם בעסטען און פינקטליך
אויפ'ן גראד. דאגעגען דיא מדינות,
אין וועלכע עס הערשען א טהייל פון
יאהר קאלטע וועטערען און גלייכען ניט
קיין היץ, האבען געהאט אזא קיהלע
טעמפעראטור, וואס זיי האבען געגלי־
כען.

פינף מאנאטען בסדר איז דיא וועלט
געפלויגען אין דער בעגלייטונג פון
מארס מיט דיא גרעסטע שנעליגקייט
אין דער ריכטונג, צו וועלכער זיא איז
בעשטימט געווארען פון עלווערסאן און
זיין פריינד פאנארום פון דער שכנ'י־
שער פלאנעט. דיא אסטראנאמען זיי־
נען אין יענער צייט געווען דיא גליק־
ליכסטע מענשען אויף דער וועלט, ווייל
זיי האבען געהאט א געלעגענהייט צו
בעאבאכטען און אויסצופארשען וואונ־
דערבארע פלאנעטען, וועגען וועלכע זיי

האָבען געהאַט אַ קליינעם בעגריף בער־פאָר. דיא גאַנצע בעפעלקערונג פון דער ערד איז פעראינטערעסירט געוואָרען מיט דיא וואונדערבאַרע פּלאַנעטען און קאָמעטען, וואָס זיי האָבען געזעהן אין דיא עולמות העליונים. ערשט זייענדיג צווישען אַזעלכע הויכע וועלטען האָט יעדער אינטעליגענטער מענש געפיהלט וואָס פאַר אַ קליינער קערענדיל אונזער גאַנצע גרויסע ערד איז אין פערגלייך צום גאַנצען יוניווערזום און אַ נייער חשק צו שטודירען און צו פאָרשען דיא נאַטור האָט זיך ערוועקט צווישען מענשען. אַלע וואונדערליכע אַסטראָנאָמישע בעאָבאַכטונגען, וואָס מען פלעגט מאַכען אויף אונזער פּלאַנעט פלעגען גלייך בעריכטעט ווערען צום מאַרס און זייערע בעאָבאַכטונגען און ערפינדונגען פלעגען זיי מעלדען צו אונז. דער דראָטהלאָזער טעלעפאָן ערד־מאַרס האָט אַזוי גוט געווירקט און איז געווען אַזוי ביזי וויא דער טעלעפאָן צווישען פערשיעדענע סטיישאָנס אויף דעם ערד־קוגעל.

עס איז געווען אַ וואונדערבאַרע רייזע, וואָס האָט דיא וועלט פערשאַפט פיעל פערגניגען און האָט ארויסגערופען פיעל ענטהוזיאזם!

קאַפּיטעל 7

דיא אַטאַקע פון דיא שטערען

דער מאַרשרוט איבער וועלכען ביידע פריינדליכע פּלאַנעטען זיינען געגאַנגען איז געווען אין דרום זייט פון מילך־וועג. דיעזער וועג איז געווען דער זיכערסטער ניט צו קומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט אַנדערע פּלאַנעטען און ניט בעאיינפלוסט צו ווערען פון דעם כח המושך פון אַנדערע זונען סיסטעמען. דיא ערד און דער מאַרס זיינען דורכגעגאַנגען בשלום צווישען צוויי גרויסע שטערען, מיראַק און אַלמאַק. דיעזע ביידע פּלאַנעטען זיינען געווען אַזוי נאָהענט אַז מען האָט דורך אַסטראָנאָמישע אינסטרומענטען געקענט זעהען, אַז זיי זיינען ניט בעפעלקערט. נאָך דיעזע שטערן איז דיא ערד געקומען נאָהענט צו דער גרופּע טאַוורוס, און דאָ האָט מען פּלוצלונג ענטדעקט אַ מין דונקעלע קאָמעט, וואָס האָט אָהן פערגרעסערונגס גלעזער אויסגעזעהן ווי אַ וואָלקען אין וועלכען עס שיינט אַ פייערדיגער ברעג.

ווען מען האָט אויף דער ערד און אויף דעם מאַרס בעמערקט דיעזען קאָמעט, האָט מען קיין זאַך געקענט פערדעכטיגען, אַז ער זאָל קענען שאַדען דיא רייזענדע פּלאַנעטען. אַלע זיינען געגאַנגען זעהן דעם קאָמעט אַלס אַ אונגעוויינליכע ערשיינונג, אָבער פּלוצלונג האָט פון דעם ליכטיגען ברעג וואָלקען גענומען שיסען פייער אין דער ריכטונג פון דער ערד. פון אַלע אַסטראָנאָמישע אָבזערוואַטאָריעס האָט מען גענומען באָמבאַרדירען עלווערסאָן'ען אין זיין גרויסען טהורם אין ניו יאָרק, וואַרנענדיג וועגען דיא נייע געפאַהר. עלווערסאָן האָט אָנגעווענדעט דיא גאַנצע עלעקטרישע קראַפט פון אַלע זיינע

פלענטס אָפּצוציהען דיא ערד אָן א זייט, נאָר עס האָט אויסגעזעהן אז דער גרויסער פייער וועט ארומרינגלען דיא גאנצע וועלט און אז עס איז צו שפּעט אויסצומיידען א קאטאסטראָפע.

עלווערסאָן האָט זיך אָבער אויך אין דיעזען אונגליק ניט פערלאָרען. ער האָט ביי זיין זייט אימער געהאלטען אסטראָנאָמערס, זיי זאָלען איהם יעדען אויגענבליק מעלדען דיא ריכטונג, דיא קראפט און דיא גרויס פון דעם פייערדיגען קאמעט און איהם האָט דאָך געלונגען אָפּצוקירעווען דיא ערד אזוי, אז דער פייער זאָל אונזער וועלט ניט טרעפען. דיא געפאהר איז דאן פערבליבען פאר'ן מארס, נאָר עלווערסאָן האָט אהין באלד געשיקט א ווארנונג און אויך דעם מארס האָט געלונגען זיך צו רעטען אויף דעם זעלבען ארט און וויזע וויא דיא ערד. מען איז אָבער נאָך ניט אזוי גיך פטור געוואָרען פון דעם פייערדיגען קאמעט. א גאנצע וואָך האָט געדויערט ביז מען איז אין גאנצען ארויס פון זיין שכונה און ער האָט שוין ניט געקענט ארומרינגלען אונזער פלאנעט און דעם מארס.

ווען ביידע רייזענדע פלאנעטען זיינען דורכגעגאנגען דעם ״מילך־וועג״ און זיינען אריבער דיא אָריאָן־גרופּע פלאנעטען, איז אזוי ליכטיג געוואָרען אויף דער ערד אזוי וויא אין מיטען טאָג ווען דיא זונן שיינט. דיעזע ליכטיגקייט איז געקומען פון דיא שטערען אלדאבאראן, בעלאטריקס און בעטעלגיז און האָט אָנגעהאלטען א גאנצע וואָך. דיא גאנצע בעפעלקערונג האָט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט בעטראכט דיא שעהנע אנגענעהמע ליכטיגקייט פון דיעזע דריי גרויסע שטערן און פון מאסען קלענערע, וועלכע האָבען געגלענצט אין הימעל וויא ברילליאנטען. דיא זייט וואו דיא זונן געפינט זיך האָט אויסגעזעהן טונקעל ווי נאכט. דיא רייזע האָט געמוזט נעהמען א ווענדונג אָן דער זייט אום אויסצומיידען א צוזאמענשטויס מיט דער פלאנעט ריגעל און צוצוקומען נעהענטער צום ארכענאר, דער צוועק פון דער גאנצער רייזע און דער הויפּט פּונקט פון וועלכען מען האָט געדארפט בעקעמפפען קאנאָפוס.

ווען מען איז צום צוועק געקומען האָט זיך אָנגעפאנגען א ערנסטע שלאכט צווישען דיא פיינדליכע פלאנעטען אין גרויסען רוים פון אונענדליכען יוניווערזום און דיא ערד האָט דאן בעגריפען דיא שרעקליכע געפאהר פון איהר אונגעוויינליכער געוואגטער רייזע.

דער ״פעלדמארשאל״ עלווערסאָן האָט געבראכט אין גוטען אָרדנונג זיין וויסענשאפטליכע געוועהר — דיא עלעקטרישע קראפט און מאשינערי. זיינע הויפּט ראטה־געבער אין שלאכט זיינען געווען דיא אסטראָנאָמערס, וועלכע האָבען אָהן אויפהער געמוזט אכטונג געבען אויף דיא אונגעוויינליכע בעוועגונג פון יעדער פלאנעט און קאמעט, אום קאנאָפוס זאָל ניט אונערווארטעט אונז מיט זיי אטאקירען. ווען מיר זיינען פערביי דיא פלאנעט ריגעל, האָ־

בען דיא אסטראָנאָמערס באַמערקט א זעקס שטערן פון דריטען, פערטען און פינפטען ראַנג וויא זיי פליהען פון פערשיעדענע זייטען צו דער ערד. נאכהער האָבען אָנגעפאַנגען פליהען פיעלע קליינע שטערנס און פאַנאַרוס האָט טעלעפאָנירט פון מאַרס, אז אויך צו זייער פּלאַנעט פליהען מאסען שטערען, יעדער איינער פון וועלכע קען פעראורזאכען א חורבן.

קאַפּיטעל 8

עלוועדסאָן גיט זיך אן עצה

אין דעם קליינעם רום אויפ'ן טהורם אין מעדיסאָן סקוועד איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען א קאָנפערענץ צווישען עלוועדסאָן און דיא גרעסטע געלעהרטע פון ניו יאָרק. דראָטהלאָזע טעלעגראַמען און טעלעפאָנען זיינען געפלויגען נאָך אלע וויכטיגע שטעדט פון דיא יונייטעד סטייטס און אייראָפּא צו בעראטהען זיך מיט דיא גרעסטע אסטראָנאָמערס און אנדערע וויסענשאפטסמענער. דיא גאַנצע לאַגע איז דיסקוטירט און בעטראכט געוואָרען פון אלע זייטען.

קאַלע, דער אלטער עקספּערט, איז איינפאַך געוועזען צומישט פון שרעק.

— מיינע הערען — האָט ער געזאָגט אויפ'ן קאָנפערענץ — דער יום־הדין איז געקומען. מיר קענען ניט קעמפפען געגען אלע פלאַנעטען און קאַמעטען, וועלכע פליהען אהער אונז צו אטאַקירען. מיר זיינען פערלאָרען. ווען יענע הימעלשע קערפּער וועלען אונז טרעפען, וועט פון אונז קיין שריד ופליט ניט בלייבען. אונזער גאַנצע ערד וועט צושאָטען ווערען אין שטויב אָדער זיא וועט פערברענט ווערען אויף אש און דאָס פאָלק וויים נאָך ניט פון זיין געפאהר. עס וואָלט געווען א יושר, אז מען זאָל מעלדען דער בעפעלקערונג, אז עס ווערט באלד א סוף פון דער וועלט. זאָל יעדער איינער באַגעגענען זיין טויט לויט זיין געוויסען אָדער לויט זיינע רעליגיעזע געפיהלען וועלען איהם דיקטירען. לאָמיר אלע שטארבען וויא מענשען, ניט וויא חיות און בהמות, און זאָל אונזער אלעמענס שיקזאַל בעקאַנט ווערען צו אלע איינוואָהנער פון ערד־קוגעל.

עלוועדסאָן און זיינע אסיסטענטס ווי אויך דיא אסטראָנאָמערס האָבען זיך ניט צוגעהאָרכט צו דעם, וואָס דער אלטער קאַלע האָט געטענה'ט. זיי זיינען געווען פערנומען מיט וויכטיגע ארבייט צו בעאָבאכטען דיא פאַלענדע שטערען, צו שטודירען דיא הימעלקארטען און צו זוכען מיטלען וויא ארויסצוקריכען פון געפאהר. מעסענדזשערס מיט טעלעגראַמען זיינען געפלויגען אהין און צוריק. פון דער גאַנצער וועלט זיינען געקומען עצות, מעלדונגען און נאכפראַגען. עלוועדסאָן איז געווען אזוי פערטראַכט, אז ער האָט ניט געהערט, וואָס מען האָט צו איהם גערעדט. ענדליך האָט ער א שטאַרקען קלאַפּ געטהאָן מיט זיין האַנד אויפ'ן דעסק און האָט אויסגעשריען:

— איך דענק, איך האָב עס!

אלע האבען זיך א קעהר געטהאן צו איהם ערווארטענדיג פון איהם א נייע ערפינדונג. ער האט זיך געשטעלט אויף זיינע פיס און האט מיט א פלאמענדען פנים געפרעגט דיא אסטראנאמערם:

— וויא וויט זיינען דיא פאלענדע שטערען פון אונז?

אין צוויי מינוט צייט האבען זיי איהם געענטפערט:

— דיא דריי שטערען וואס זיינען אם נעהענטססטען צו אונז זיינען פינף און צוואנציג הונדערט טויזענד מייל פון אונז און קענען גרייכען אהער אין צוויי און זיעבציג שטונדען. דיא איבריגע זיינען אביסעל וייטער און זיי וועלען קומען אהער מיט עטליכע שטונדען שפעטער.

— יעצט — האט זיך עלווערסאן אפגערופען — רופט אפ דעם מארס און פרעגט איהם אויב ער קען אונז העלפען.

נאכהער האט ער זיך געווענדעט צו זיינע געלעהרטע אסיסטענטס און האט זיי געזאגט:

— איהר ווייסט דאך פון דיא ערפינדונג וואס חעלמניץ האט מיט עטליכע יאהר צוריק געמאכט וויא אפצוציהען די מאגנעטישע קראפט פון פליהענדע קערפער און איך וויל דיעזע ערפינדונג אויספרובירען אויף דער ערד און אויף די שטערען וואס פליהען צו אונז. איך גלויב אז מיט מיין עלעקטרישע מאשינערי און מיט דיא הילפע פון די עלעקטרישע פלענטס, וואס געפינען זיך אין קליפדען, איירלאנד, און אין קאלקוטטא, אינדיען,. וועלען מיר אונזער ערד און יענע פליהענדע שטערען „בערויבען" פון זייער מאגנעטישע קראפט און זיי וועלען דאן ניט קענען געשטויסען ווערען צו אונז. קאנאפוס האט אין דיא לעצטע פיער און צוואנציג שטונדען זיך גענומען צו א נייעם טריק. ער בענוצט זיך מיט די מאגנעטישע קראפט פון אונזער אייגענער ערד אלם כח המושך און טרייבט יענע שטערען אויף אונז. זא באלד מיר וועלען אבער דיעזע קראפט אפציהען פון אונזער ערד דורך אונזער עלעקטרישע קראפט, וועט דער פאלען פון יענע שטערען געהן פיעל שוואכער און מיר וועלען שוין קענען זיי אוועקשטויסען פון אונז אדער פערניכטען בעפאר זיי קומען צו צו אונז. איך מוז אבער האבען דיא מיטווירקונג פון דיא גרעסטע פלענטס אין אייראפא און אזיען, אום אפצושוואכען יענע שטערען וואס פליהען אין דיא ריכטונגען פון יענע וועלט טהיילען. איך וועל געבען אינסטראקשענס נאך קליפדען און קאלקוטטא און איך האף, אז מיר וועלען אויך דיעזע לעצטע געפאהר פון קאנאפוס'עס שמד שטיק אויסמיידען מיט ערפאלג.

ערקלעהרענדיג פאר זיינע אסיסטענטס וויא ער דענקט צו פיהרען דעם קאמפף געגען קאנאפוס, האט עלווערסאן יעדען איינעם פון זיינע מיטארבייטער געגעבען ארדערס וואס צו טהאן. וואטרעס, איינער פון דיא גרעסטע אסטראנאמערס, האט געקראגען דיא ארבייט צו זיין אין שטענדיגע פערבינדונג מיט'ן מארס און אכטונג צו געבען, אז אויף יענער פלאנעט זאל מען אויך דורכפיה־

רען דיא זעלבע פערטהיידיגונגס סיס־
טעם וויא אויף אונזער ערד. באורדי
פלעגט איבערגעבען אלע בעפעהלע נאך
קליפדען און קאלקוטא. א גרויסע ביזי
האט זיך אנגעפאנגען אין אלע גרויסע
עלעקטרישע פלענעטס. הונדערטער אר־
בייטער האבען געארבייט טאג און נאכט.
אלע אסטראנאמישע אבזערוואטאריעס
פון דער גאנצער וועלט האבען שטענ־
דיג בעאבאכטעט דיא בעוועגונג פון דיא
שטערן אין הימעל.

דרייסיג שטונדען זיינען פאראיבער
אין הכנות צום קריעג אויף ביידע פער־
איינינטע פלאנעטען, ווען פלוצלונג
האט זיך ווידער דערהערט דיא אלטע
שטימע פון דעם טיראן קאנאפוס:

— העלא, ערד! — האט ער ווידער
געשריען מיט זיין דעספאטישען טאן.

— וועל — האט זיך עלווערסאן אפ־
גערופען אין ריסיווער — וואס פער־
לאנגט איהר?

— זייט איהר דיא זעלבע פערזאן, צו
וועלכע איך — קאנאפוס — האב גע־
רעדט בעפאר? !

— איך בין דאס — האט עלווערסאן
געענטפערט. — אבער וואס פערלאנגט
איהר?

— איך וויל אייך מעלדען — האט
דער גרעסטער טיראן פון יוניווערזום
גערעדט — אז איך שליידער אויף אייך
זיעבעציג שטערען, יעדער איינער פון
וועלכע איז גרעסער פון אייער ערד און
אויך פון דעם מארס און אין א ערך פון
צוועלף שטונדען נאך אייער צייט רעכ־
נונג וועט קיין שום זכר ניט בלייבען
פון אייערע ביידע פלאנעטען.

— אזוי גאר? — האט עלווערסאן
סארקאסטיש געפרעגט — כלעבען עס
איז פון אייער זייט א גרויסע פריינד־
שאפט. איהר זייט באמת א מוסטער פון
א העפליכען געפיהלפאלען דזשענטעל־
מאן.

— איך וויל אייך בלויז נאך איין
התראה געבען — האט דיא זעלבע
שטימע געדונערט מיט רציחה — אז
אויב איהר וועט זיך יעצט אונטערגע־
בען אונטער דיא קאנדישאנס, וואס
איך האב שוין אמאל פון אייך פער־
לאנגט, וועל איך אין איין שטונדע דיא
פאלענדע שטערן צוריק ציהען צו זייערע
פלעצער און איהר וועט זיין גערעטעט.
אין פאל איהר וועט אבער זיך איינ־
עקשנען און ניט וועלען זיך אונטערגע־
בען, וועט איהר אלע מארגען אין דיעזער
צייט זיין פערניכטעט.

— און איך האב אייך בלויז צו זא־
גען — האט עלווערסאן שטאלץ גע־
ענטפערט — דאס אויב איהר וועט זיי
ניט סטאפען באלד אהן דעם מיר זא־
לען אייך נאכגעבען אייערע פאדערונ־
גען, וועט איהר אליין באלד פערזוכען
דיא זעלבע מעדיצין, וואס איהר האט
אונז געוואלט געבען.

א בייזע מורמלעריי האט זיך געהערט
אנשטאט אן ענטפער און דער געשפרעך
האט זיך געענדיגט.

א שטונדע שפעטער האט עלווערסאן
געגעסען מיטאג אין איילעניש, ווען ער
האט ערהאלטען א טעלעפאן, אז אלעס
איז שוין פערטיג צום קאמפף אין דיא
עלעקטרישע פלענעטס. ער האט ניט
געענדיגט עסען און איז ארויסגעלאפען

אינספעקטען דיא פלענטס. אין איין שטונדע האָט ער אלעס בעטראכט און געפונען יעדע זאך אין בעסטען אָרדנונג. ער האָט באלד דורכ'ן דראָטהלאָזען טעלעפאָן אָנגעפרעגט אין קאלקוטא, וואו זיי האלטען דאָרטען מיט זייערע הכנות און אין נאָך צוויי שטונדען זיינען זיי אויף דער אנדער העלפט פון ערד־קוגעל אויך געווען פערטיג.

עלווערסאן איז געווען העכסט צופריעדען מיט דעם צושטאנד פון זיינע עלעקטרישע מאשינען און פעקטאָריעס און מיט אלעס וואָס עס איז געשאפען געוואָרען אין קליפדען און קאלקוטא צו פערטהיידיגען דיא ערד. ער איז שוין געווען פערטיג אנצופאנגען זיין ארבייט, נאָר עס איז נאָך געווען צו פריה. דער קאמפף האָט זיך געדארפט אָנפאנגען, ווען דיא פאלענדע פלאנעטען וועלען צוקומען נעהענטער צום מארס און צו דער ערד און דערווייל האָט ער זיך צוגעלעגט שלאָפען, אום צו קענען זיין וואך, ווען דיא מלחמה אויף לעבען און טויט וועט זיך אָנפאנגען. ביי א פּאָאר שטונדען האָט ער אָפּגעשלאָפען, ווען מען האָט איהם אויפגעוועקט צוליעב דעם, וואָס מעסענדזשערס האָבען געבראכט טעלעגראמען פון דיא אסטראָנאָמישע אבזערוואטאָריעס פון אלע וועלט־טהיילען, אז פיעלע שטערען פליהען צו דער ערד. עלווערסאן האָט זיך א האָאר ניט דערשראָקען. ער האָט אלעס ערווארטעט בעפאָר. דיא איינציגע זאך וואָס ער האָט געטהאָן איז געווען פערזענליך איבער־צו־נעהמען די קאמאנדא איבער דיא עלעקטרישע מאשינערי און פלענטס. אין איינינגע שטונדען ארום האָבען שוין אָנגעפאנגען אריינצוקומען טעלעגראמעס און טעלעפאָנס פון דיא אבזערוואטאָריעס, אז דיא שטערען פליהען צוריק פון דער ערד. ערשט דאן האָבען זיך אלע איבערציינט אין דיא וואונדערבארע קראפט פון דעם גרויסען ערפינדער צוריק צו שליידערען דיא פלאנעטען און קאמעטען, וואָס קאנאָפוס האָט געוואָרפען אויף אונזער ערד.

עלווערסאָן'ס קונסט צו שטעלען זיך געגען אזעלכע געפעהרליכע אטאקעס פון קאנאָפוס איז באלד פערעפענטליכט געוואָרען אין אלע צייטונגען פון דער גאנצער וועלט. ער איז אָבער נאָך ניט צופריעדען געבליעבען מיט זיין זיעג. כל זמן ער האָט ניט געקראָגען קיין גאראנטי פון קאנאָפוס, אז יענער טיראן וועט נאָך א מאָל ניט ברענגען דיא וועלט אין געפאהר און ער האָט דעריבער פאָרטגעזעצט זיין רייזע נעהענטער צו קאנאָפוס אום צו קענען איהם אטאקירען. דיא שטערען וואָס זיינען געשליידערט געוואָרען אויף אונזער ערד און אויף דעם מארס זיינען אלע צוריק אריין אין זייערע אָרביטען. עס איז אלזאָ קענטליך געווען, אז דער טיראן קאנאָפוס האָט פערלאָרען זיין שלאכט און עלווערסאָן האָט געפיהלט, אז ער וועט איהם קענען צווינגען צו טוירמס. זיין פאליסי איז געווען צו פעראינטערעסירען דיא בעפעלקערונג פון דער פלאנעט ארבענאר, זיי זאָלען אויף צו־

שטעהן צום פערבאנד ערד־מארס און עס זאָל זיך גרידען א דריי־בונד געגען קאנאָפוס. דאָס אויף דעם ארכענאר זיינען געווען מענשען, האָבען דיא אסטראָנאָמען דייטליך געקענט פערשטעהן, אָבער יענע מענשען זיינען ניט אזעלכע וויא דיא פון דער ערד און פון מארס.

דיא טעמפעראטור אויף דער פלאנעט ארכענאר איז זעהר א הייסע. דאָרטען איז אזוי ווארעם און ליכטיג, דאָס יענע היצען און ליכטיגקייט האָט מען גענומען זאָגאר פיהלען אויף דער ערד. מען האָט אלזאָ, לויט יענער טעמפעראטור, געקענט פערשטעהן, אז דיא מענשען זיינען דאָרטען אויך גאנץ אנדערע. מען האָט ניט געקענט גענוי וויסען אויב זיי בעזיצען אירגענד וועלכע שפראך און וויא ווייט זיי זיינען גייסטיג ענטוויקעלט. עלווערסאָן האָט דעריבער אויסגעפּרובירט מיט דער פלאנעט ארכענאר דיא זעלבע מעטהאָדע וויא ביי זיין ערשטען צוזאמענרעדען זיך מיט דיא מענשען פון מארס. דער זעלבער מאן מיט דער שעהנער, זיסער, מוזיקאלישער שטימע איז איינגעלאדען געוואָרען צו רעדען אין א נייעם דראָטהלאָזען טעלעפאָן עקסטרא געגרינדעט מיט א שטארקע עלעקטרישע קראפט צום ארכענאר. דער זינגער האָט געזונגען זיינע אנגענעהמע פריינדליכע ניגונים, וואָס האָבען בעצויבערט דיא איינוואָהנער פון מארס און אין א פּאָאר טעג ארום האָט מען אָנגעפאנגען צו ענטפערען מיט א שטימע וואָס האָט אויסגעזעהן נאָכ'ן קלאנג אזוי וויא מען וואָלט געשפּיעלט אויף א מוזיקאלישען אינסטרומענט. דער זעלבער שפּראכענקענער וואָס האָט אויסגעלערנט דעם לשון פון מארס איז אָנגעשטעלט געוואָרען צו צו־האָרכען זיך יעדען טאָג צו דעם קלאנג וואָס קומט פון ארכענאר. דריי מאָנאטען האָט געדויערט בעפאָר דיא ערד און דער ארכענאר האָבען זיך אָנגעפאנגען צו פערשטעהן. עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז דיא מענשען פון דער נייער פלאנעט זיינען גאנץ פערשיעדען פון אונזערע. זיי זיינען האַלבע גייסטער. זייערע קערפּער זיינען ניט אזוי פול מיט פלייש און ביינער וויא אונזערע. זיי זיינען מעהר אָנגעפיהלט מיט אזא מין וויכען מאטעריאל, וואָס איז עהנליך צו דאמפּף, און זיי בעזיצען זעהר א הויכע ציוויליזאציאָן.

עלווערסאָן האָט זיי ערקלעהרט וואָס דיא ערד פערלאנגט פון זיי. זיי האָבען געענטפערט, אז זיי זיינען העכסט צופריעדען צו פעראייניגען זיך מיט דער ערד און מיט'ן מארס געגען קאנאָפּוס, וועלכער טיראניזירט זיי אָהן רחמנות. זיי האָבען זיך פּרובירט שטעלען געגען דעם טיראן, נאָר יענער האָט אויף זיי ארויפגעשיקט עקספּלאָדירענדע שטאָפען, פון וועלכע זעהר א גרויסע טהייל פון זייער בעפעלקערונג זיינען אויסגעשטאָרבען. זיי וואָלטען דעריבער געווען העכסט צופריעדען צו צושטעהן צו א קאמפּף געגען דעם אכזר.

— נעהמט זיך גלייך צו דער ארבייט — האָט עלווערסאָן זיי געזאָגט —

שיקט צום טעלעפאָן אייערע גרעסטע איזשעניערען, וועלכע וועלען קריגען פון מיר אינסטראַקשאָנס וויא צו מאכען בעוועגען אייער פלאנעט אין וועלכע ריכטונג איהר ווילט און אויך וויא צו בעשיצען זיך פון די עקספלאָזשעס וואָס קאָנאָפּוס שיקט אויף אייך.

דיא אינזשעניערס און עלעקטרישענס פון ארכענאר האָבען זיך ארויסגעצייגט צו זיין זעהר פעהיגע אינטעליגענטע מענשען. זיי האָבען גלייך בעגריפען, וואָס מען האָט זיי געלערענט. זיי זיינען געוועזען גוט בעקאנט מיט דער עלעקטרישער וויסענשאפט און מיט מעכאניק. זיי זיינען געשטאנען פיעל ניעדריגער פון אונז אין מאנכע וויסענשאפטען, אָבער אין מאנכע הינזיכטען, בעזאָנדערס אין דער קונסט צו ענטוויקלען גאזען, אָפּשוואכען אָדער פערשטארקען נאטירליכע היטץ, זיינען זיי געוועזען פיעל מעהר בעקאנט פון אונז. זיי האָבען אויך געהאט א רעגיערונג מיט פרייע אינסטיטושענס און געזעצע. מען האָט אלץ געקענט דערגעהן וויא זיי פיהרען זיך אין זייערע פריוואט און געזעלשאפטליכען לעבען, נאָר מען האָט ניט געקענט בעגרייפען וואָס פאר א אויסזעהן זיי האָבען. מאנכע אסטראָנאָמערס האָבען זאָגאר בעהויפּטעט, אז דיא מענשען פון דעם ארכענאר מוזען בייטען זייערע שייפּס, זייער אויסזעהן צוליעב דיא אונגעהויער גרויסע היטצען וואָס עס הערשט אויף זייער פלאנעט. דאָס זייערע מענשען האָבען ניט געקענט זיין פון דאָס זעלבע פלייש, בלוט מענשען וויא מיר זיינען, קענען ניט עקזיסטירען.

וואָס יענע מענשען עסען אָדער טרינ־ קלאָהר פון דער אונגעהויער הויכער און ביינער וויא אונזערע, איז געוועזען טעמפּעראטור, אין וועלכער אזעלכע קען, וואָס פאר א זאָרט ליטעראטור און קונסט זיי בעזיצען איז געוועזען שווער צו פערשטעהן. זייערע טעמפּעראמענטען און געפיהלען האָבען געוויס געמוזט זיין פערשיעדען פון אונזערע אלץ צוליעב זייער הייסען קלימאט. דיא היץ פון דעם ארכענאר האָט אזוי געווירקט אויף אונזער פלאנעט, דאָס עלווערסאָן האָט אין גאנצען געסטאָפּט צו בעהייצען און בעלייכטען דיא ערד. וועהרענד דער צייט וואָס מיר זיינען געוועזען נעבען דעם ארכענאר האָט אויף אונזערע פעלדער און גערטנער געוואקסען זעהר פיעל, נאָר דיא פריכטע, גרינסען און תבואה האָבען געקראָגען גאנץ אנדערע פארבען. דיא עפּעל, צום ביישפּיעל, פלעגען וואקסען שווארץ. גרינסען און גראָזען זיינען געוועזען בלוי. בלומען האָבען אלע געביטען זייערע קאָלירען. קיין זאך האָט אָבער פערלאָרען אין טעם, אין גערוך און אין נאהרהאַפטיגקייט. דיא ערד האָט זיך געפיהלט גאנץ בעקוועם אין דער נאכבארשאפט פון דער פלאנעט ארכענאר, מיט וועלכער זיא און דער מארס זיינען צוזאמען געגאנגען אין א דריי־בונד צו אטאקירען קאנאָפּוס, דעם אלגעמיינעם שונא פון אלע ציוויליזירטע וועלטען.

עלווערסאָן איז געוועזען דער הויפּט

קאָמאַנדיר פון אַלע דריי פּעראייניגטע פּלאַנעטען. ער האָט געפיהלט דיא גרויסע פּעראַנטוואָרטליכקייט, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך. דיא לעבענס פון ביליאָנען מענשען זיינען געווען אבהענגיג אָן זיין נצחון אָדער פּערלוסט. ער איז געווען זיכער, אז זיינע ערפינדונגען וועלען איהם ברענגען א טריאומף און א זיעג, דאָך האָט ער אויסגעזעהן זעהר מאַגער און בלייך פון דער דאגה צו טראָגען אויף זיינע פּלייצעס דריי גרויסע וועלטען. דיא איינוואָהנער פון דיא פּעראייניגטע פּלאַנעטען האָבען ניט אויפגעהערט צו קלערען — וואָס וועלען דיא נעקסטע פּאָאר וואָכען ברענגען — זיעג אָדער פּערניכטונג?

קאַפּיטעל 9

דאָס הימלישע שלאַכט-פעלד

בעאָבאַכטענדיג זעהר אויפמערקזאַם דיא צייט ווען קאַנאָפּוס האָט גערעדט צו דער ערד און אויסרעכענענדיג צוזאַמען מיט דיא אַסטראָנאָמערס דיא בעוועגונג פון דער פּלאַנעט קאַנאָפּוס, האָט עלווערסאָן פּערשטאַנען, אז דער טיראַן, וועלכער וויל הערשען איבער פּערשיעדענע וועלטען מוז וואָהנען אויפ'ן דרום זייט פון זיין פּלאַנעט. ער האָט דעריבער געאָרדערט צום מאַרס און צום ארכענאַר, אז זיי זאָלען צוזאַמען מיט דער ערד פליהען וואָס שנעלער כל זמן דער צפון זייט פון קאַנאָפּוס איז געווען געגענאיבער דריי פּעראייניגטע וועלטען. זיין חשבון איז בעשטאַנען אין דעם, אז דער טיראַן זאָל ניט וויסען זייער בעוועגונג. ווען דער דרום זייט פון שטערען קאַנאָפּוס בעווייזט זיך קען יענער דעספּאָט באַמערקען וואָס זיינע שונאים טהוען.

אַלע דריי פּלאַנעטען זיינען צוגעקומען אזוי נאָהענט צו קאַנאָפּוס, דאָס זיי האָבען שוין גענומען פיהלען דיא ליכטיגקייט און דיא וואַרעמקייט פון יענער גרויסער וועלט, וואָס זיי געהען צוזאַמען אטאַקירען. פּלוצלונג איז געקומען זעהר א אונרוהיגע ידיעה פון מאַרס:

„עס מוז עטוואָס שנעל געטאָהן ווערען — האָט מען פון דאָרטען געמעלדעט — אונזערע וואולקאַנען האָבען אַלע מיט אַמאָל גענומען שפּייען מיט פייער און מיט לאַווא. עס טרייסעלט זיך דער גאַנצער באָדען פון מאַרס. וויא ווייט מיר קענען פּערשטעהן שיינט עס, אז א גרויסער שטראָם עלעקטריציטעט האָט דורכגעדרונגען אונזער שירם, וואָס מיר האָבען געגרינדעט צו בעשיטצען זיך פון קאַנאָפּוס און אונז דראָהעט א גרויסע געפאַהר“.

עלווערסאָן האָט גלייך געגעבען אינסטראַקשאָנס דיא עלעקטרישענס פון מאַרס וויא צו פיקסען זייער שירם און אָפּטרייבען צוריק דיא עלעקטראָ-מאַגנעטישע קראַפט פון שונא. ער האָט קוים געענדיגט צו זיי רעדען ווען עס זיינען אָנגעקומען טעלעגראַמען און טעלעפאָנען פון זיד-אייראָפּא און פון אַלע לענדער, וואָס געפינען זיך ארום דעם מי-

טעל-לענדישען ים, אז דארטען האבען אויך אויסגעבראכען ערד-ציטערניסע און אלע אויסגעלאשענע וואולקאנען האבען פלוצלונג גענומען שפייען פייער און לאווא. בעזאנדערס שרעקליכע ערד-ציטערניסע האבען אויסגעבראכען אין נארד-אפריקא. עלווערסאן האט גלייך טעלעפאנירט נאך קאלקוטא, אינדיען, און האט יענעם עלעקטרישען רויסען פלענט געגעבען דיא זעלבע ארדערס וואס ער האט אקארשט טעלעפאנירט נאך דעם מארס. ער האט אויך געגעבען ארדערס נאך ניו-דזשוירזי און האט אנגעשטעלט זעהר פיעל ארבייטער צוצובויען נאך א פליגעל צו דעם אלטען גרויסען פלענט. ער האט אויף דיעזע ארבייט געהאט צעהן פרייע שטונדען ביז קאנאפוס וועט זיך אומקעהרען צו ניו יארק מיט זיין דרום-זייט. דיעזער נייער פליגעל איז געווען א ערפינדונג וועגען וועלכער ער האט שוין לאנג געקלעהרט און וועלכע ער האט פערווירקליכט אין דער צייט פון גרעסטען נויטה. דאס איז געווען א מין עלעקטרא-מאגנעטישער אבלייטער אזוי וויא דער בליטץ אבלייטער וואס בענדזשאמין פרענקלין האט אמאל ערפונדען צו בעשיצען מענשען און וואהנונגען פון דער געפאהר פערניכטעט צו ווערען פון בליטץ. עלווערסאן'ס נייער מאגנעטא-עלעקטרישער אבלייטער האט געקענט אפציהען דיא עלעקטרא-מאגנעטישע קראפט פון קאנאפוס וועלכע פלעגט יעצט טהיילווייז דורכדרינגען דעם שירם פון דער ערד דערפאר, וואס מיר זיינען צוגעקומען נאהענט צו דער פיינדליכער פלאנעט. ווען דיעזער אבלייטער איז געווארען פערטיג ביים ברעג ים אין ניו-דזשוירזי, איז עלווערסאן אוועקגעפאהרען איהם אינספעקטען צוזאמען מיט'ן עלעקטרישען באררי און מיט דעם אסטראנאם וואטערס. ווען אלע דריי זיינען אהין אריין, האבען זיי געפונען, אז דער מיטער פון דער עלעקטרישער קראפט האט געצייגט דעם גרעסטען ציפער, וואס ער קען נאר צייגען און איז פון דער נייער קראפט צובויגען געווארען. אזוי גרויס איז געווען דיא עלעקטרא-מאגנעטישע קראפט, וואס קאנאפוס האט "דורכגעשמוגעלט" דורך אונזער שירם.

באררי איז א פערציטערטער געווארען פון דער גרויסער קראפט, וואס דער נייער אבלייטער נעהמט אין זיך אריין. עלווערסאן האט זיך אויך פערטראכט און איז פערבליבען זיצען ביי זיין נייע מאשין דורך נאכט מיט'ן צוועק אויסצופארשען דיא נאטור פון דעם שטראם קראפט וואס מען שיקט אויף אונזער ערד נעגען אונזער ווילען. ווען אויף מארגען פריה זיינען אהין געקומען רעפארטערס פרעגען, וואס עס הערט זיך, האבען זיי דעם עלעקטרישען צויבערער געפונען זיצענדיג ביי זיין דעסק מיט א פרעהליכען פנים און ער האט זיי געגעבען צו פערעפענטליכען זעהר א גינסטיגען סטייטמענט:

"מיר האבען וויעדער געוואונען — האט ער געשריעבען — קאנאפוס האט זיך פרובירט צו טהאן מיט אונז דאס, וואס ער האט געטהאן דעם אונגליקליכען סאטורן. ער האט געוואלט עקס-

פלאַדירען אונזער פּלאַנעט אזוי וויא יענעם, נאָר דער נייער אבלייטער וואָס איך האָב געבּעטען געלאָזט מאַכען, האָט זיינע טייפעלשע פּלענער פערניכטעט. נאָך מעהר: איך האָב דיעזע נאכט אויסגעפונען, אז דיא עלעקטראָ־מאַגנעטישע קראַפט וואָס ער שיקט אהער אונז צו פערניכטען און וועלכע איך ציה אָפּ דורך מיין אַבלייטער, קען אונז ברענגען זעהר פיעל נוצען צו טרייבען מאַטאָרס. מיר קענען עס דורך וויירלעס פערשפרייטען איבער'ן גאַנצען ערד־קוגעל צו טרייבען מאַשינערי אין אלע פעקטאָריעס פון דער וועלט און צו בעלייכטען אלע וואָהנונגען. הלואי, שיקט ער אונז אָהן אויפהער אזא קראַפט, וועט ער אונז פערשפּאָרען דיא ארבייט צו פּראָדוצירען עלעקטרישע קראַפט".

אויף דער ערד, אויפ'ן מארס און אויף דעם ארכענאר איז געוואָרען ששון ושמחה, ווען מען האָט זיך דערוואוסט פון עלווערסאַן'ס עלעקטראָ־מאַגנעטישען אַבלייטער און וויא ער קען קאַנאַפּוס'עס טויטליכע וואפען פערוואַנדלען אין א ניצליכע ווערטהפאָלע קראַפט פאַר'ן בענעפיט פון דער מענשהייט. מען האָט איבעראל אויף אלע דריי פעראייניגטע פּלאַנעטען געלאַכט, געשפּאַסט און געטאַנצט פון פרייד. עלווערסאַן אליין האָט אָבער קיין צייט געהאט צו לאַכען. ער און זיין גאַנצער סטאַף זיינען געווען זעהר ערנסט און בעשעפטיגט אין אויסארבייטען נייע פּלענער פון פערטהיידיגונג און אטאַקעס. דיא שווערסטע ארבייט האָט ערשט געדאַרפט פאַרקומען. דער שונא איז געווען זעהר מעכטיג. מען איז נאָך ניט געווען זיכער, אז ער וועט ניט געפינען אירגענד וועלכע אנדערע טריקס צו שאַדען דיא ערד און דיא איבעריגע צוויי וועלטען, וואָס זיינען מיט איהר אין פערבאנד. דיא ערשטע זאַך וואָס עלווערסאָן האָט געטהאָן איז געווען צו בענוצען זיך מיט קאַנאַפּוס'עס עלעקטראָ־מאַגנעטישע קראַפט צו פערשטאַרקען דיא קראַפט פון זיינע פּלענטס געגען דעם פיינד זעלבסט. אונזער אייגענע עלעקטרישע קראַפט איז שוין געוואָרען וויינינגער ווירקזאם געגען דעם שונא'ס קראַפט וואָס נעהענטער מיר זיינען צוגעקומען צום שונא'ס וועלט. דער עלעקטרישען בארדי האָט איבערגענומען דיא השגחה אויף דיא פּלענטס און שירמס און ער האָט איבערגעלאָזען בלויז פּלאַץ פאר א קליינעם שטראָם עלעקטריסיטי, וואָס זאָל קענען אריינדרינגען צו אונז פון קאַנאַפּוס צוזאַמענצורעדען זיך פער טעלעפאָן אין פאַל עס וועט קומען א צייט צו רעדען מיט יענעם דעספּאָט וועגען טוירמס.

ווען אלע דריי פעראייניגטע פּלאַנעטען זיינען צוגעקומען אזוי נאָהענט צו קאַנאַפּוס, דאָס ווייטער איז שוין געווען אונבעקוועם און געפעהרליך צו געהן, האָט עלווערסאַן געהייסען אָפּהאַלטען זייער בעווענונג. ער האָט געוואָרט, אז קאַנאַפּוס זאָל אָנפאַנגען א נייע אטאַקע, נאָר ווען דער טיראַן האָט גאָר נישט געטהאָן, איז דער הויפּט־קאָמאַנדיער פון דיא דריי פריינדליכע וועלטען אוועק שלאָפען אין דעם גרוי־

סען טהורים ביי מעדיסאָן סקוועור. ער האָט אָנגעשטעלט אסיסטענטס און אַפּערייטאָרס ביים האנד, אום מען זאָל איהם אויפוועקען פון שלאָף, ווען עס וועט עטוואָס געפעהרליכעס אָדער אויססערגעוועהנליכעס באמערקט ווערען. עס האָט אָבער קיין עקסטרא זאַך געטראָפען דיא גאנצע צייט וואָס ער האָט געשלאָפען. ווען ער איז אויפגעשטאַננען א אויסגערוהטער, האָט ער ווידער אָנגעפאנגען טהעטיג צו ארבייטען אויף נייע פּלענער און המצאות. ער האָט געהייסען גרינדען פיער פערשיעדענע דראָטהלאָזע טעלעפאָן סטיישאָנס אין דער ריכטונג צום פּלאנעט קאנאָפּוס אויף פערשיעדענע פונקטען פון יענעם שטערען, אום צו האָבען דיא מעגליכקייט צוזאמען צורעדען זיך מיט דיא איינוואָהנער פון יענער זאָנדערבארער גרויסער וועלט אָהן דעם וויסען פון זייער טיראַן, וועלכער רופט זיך מיט דעם זעלבען נאָמען קאנאָפּוס וויא זיין וועלט רופט זיך.

עלווערסאָן האָט מיט דער הילפע פון זיינע תוכנים אויסגעמאָסטען דעם שטח פון דער ערד צום קאנאָפּוס און האָט אָנגעשטעלט אזא עלעקטרישע קראפט אויף אלע נייע פיער טעלעפאָן סטיישאָנס, אז דיא בעפעלקערונג זאָל קענען הערען וואָס מען רעדט צו זיי, נאָר ניט אכטענדיג וואָס מען האָט צו זיי פיעלע מאָל גערעדט איז געווען אין קול ואין עונה פון יענער וועלט.

איין טאָג אין א פריה־מאָרגען, ווען מען האָט פון דער ערד גראד ניט גערעדט צום פיינדליכען פּלאנעט, האָט זיך פלוצלונג דערהערט דיא אלט בעקאנטע שטימע פון דעם טיראַן קאנאָפּוס:

— איך גיעב אייך — האָט ער געליארעמט — צעהן טעג צייט איהר זאָלט זיך צוריק אומקעהרען אהין פון וואנען איהר זיינט אהער געקומען. אויב איהר וועט עס ניט טהאָן, וועל איך אויף אייך ארויפלאָזען אזא קראפט, וועגען וועלכער איהר האָט קיין בעגריעף אויף אייער פינסטערער ערד און וועלכע וועט אייך פערניכטען בעפאָר איהר וועט זיך ארומקוקען אז דיעזע אומבריינגענדע קראפט קומט צו אייך. אויב איהר דענקט, אז אייערע דריי פעראייניגטע קליינע וועלטלאַך קענען מיר איבערשרעקען, וויל איך אייך געבען מיין ווארנונג, אז איהר זאָלט ניט זיין קיין נאַראָנים און קיין עזות פּנים'ער. ווען איהר וועט מיין בעפעהל ניט פאָלגען, וועט איהר זאָגאר קיין צייט האָבען צו טהאָן תשובה — אזוי שנעל וועט קומען מיין ראכע אויף אייך, אייך צו פערוואנדלען אין אש און שטויב!

ווען דיעזער טעלעפאָן איז אָנגעקומען אין דעם הויכען טהורים, איז גראד עלווערסאָן ניט געווען. ער איז געווען אין בייסמענט פון טהורים רעוווידירען דיא מאשינערי. זיינער אן אסיסטענט האָט יעדען וואָרט פון דעם טיראַן קאנאָפּוס פערצייכענט אויף א פּאפּיער און האָט עס מיט א מעסענדזשער שנעל ארונטערגעשיקט אונטען. עלווערסאָן, איז גלייך ארויף צום טעלעפאָן אין דער הויכער רומקע.

— גוט מארנינג, קאנאפוס — האט ער געזאגט — וואס קענען מיר זינדיגע מענשעלאך פון דער קליינער שוואכער שוצלאזער ערד טהאן פאר אייער האהייט, דעם מעכטיגען הערשער קאנאפוס פון דער גרויסער ליכטיגער וועלט קאנאפוס ?

— איך פערלאנג פון אייך — האט יענער געדונערט מיט צארן — דאס איהר זאלט זיך שוין אפטראגען פון דיעזער נאכבארשאפט צוריק נאך דיא ארביטען, פון וועלכע איהר זייט וויא דיא ווערים ארויסגעקראכען נאך אזעלכע הויכע וועלטען. ווען איהר וועט עס ניט טהאן וועל איך אייך פערניכטען אויף אזא אופן, וואס אייך האט זיך ניעמאלס געקענט זאגאר חלום'ען.

— זעהר בראוו גערעדט — האט זיך עלווערסאן פערנאנדערגעלאכט — מיר האבען שוין פון אייך גענוג געהערט אזעלכע סטראשונקעס. יעצט בערעכענט זיך, איהר גרויסער שררה וואס איהר זייט, אין וואס פאר א לאגע מיר אלע זיינען. דענקט איהר, אז מיר זיינען קליינע קינדער וועלכע איהר קענט איינשרעקען מיט אייערע בייזע דעמפאטישע אוקאזען און בעפעהלע ? יעצט וויל איך אייך ווארנען, דאס מיר האבען זיך ענטשלאסען אייך אוועקצושטעלען אין אזא לאגע, וואו אזא גרויסער פערברעכער פון דעם יוניווערזום בעלאנגט — אין א פלאץ וואו איהר זאלט קיינעם ניט קענען שאדען. אזא געמיינער כאראקטער וויא איהר זייט איז ניט ווערטה צו האבען דיא מעכאנישע און עלעקטרא - מאגנעטישע וויסענשאפט וואס איהר בעזיצט און מיר ווילען דארויבער פערניכטען אייער געפעהרליכע טייוועלשע צוועקען צו בעהערשען פיעלע וועלטען. פאר אייערע סטראשונקעס האבען מיר קיין שום מורא ניט. דענקט איהר, אז מיר פערשטעהן שוין גאר ניט דאס ווען איהר וואלט אונז געקענט פערניכטען, וואלט איהר שוין דאס לאנג געטהאן ? !

נאך אמאל האט זיך דערהערט א בייזער אויסגעשריי פון דעם טיראן און דער געשפרעך האט זיך אונטערבראכען.

עלווערסאן האט זיך נאכהער איינינע מאל פרובירט רעדען צו דיא מענשען פון קאנאפוס, נאר ער האט זיך איבערציינט, אז דער אלטער טיראן האט געמאכט א שירם ארום זיין פלאנעט, אום דיא עלעקטרישע וואלען, וואס ברענגען דיא טעלעפאנס זאלען אהין ניט קענען אריינדרינגען און דיא בעפעלקערונג פון יענער וועלט זאל ניט וויסען, וואס עס קומט פאר מיט דיעזער וועלט. עלווערסאן האט געזוכט א פלאן וויא צו רעדען צו דיא מענשהייט פון קאנאפוס, ער האט זיך בעראטהען מיט דיא עלעקטרישענס און געלעהרטע פון מארס און פון ארכענאר. דיא לייטע פון מארס האבען קיין עצה געקענט געבען, נאר דיא עלעטרישענס פון ארכענאר האבען גראד געגעבען א גוטען ראטה ווי צו קענען רעדען צו דיא בעפעלקערונג פון קאנאפוס און אין צעהן שטונדען האט מען אנגעפאנגען ענטפערען פון דער פיינדליכער וועלט. דיא לייטע וועלכע האבען יעצט געערדט צו דער ערד

האָבען ניט פערשטאַנען דיא עספּעראַנטאָ שפּראַך אַזוי וויא זייער טיראַנישער לאַנדסמאַן. מען האָט ווידער געמוזט דורכמאַכען דיא אַלטע עקספּערימענטען, וועלכע מען האָט געמאַכט בעפאַר מען האָט זיך געקענט צוזאַמענרעדען מיט דעם מארס און מיט דעם ארכענאַר. עס האָט גענומען זעקס וואָכען בעפאַר מען האָט געקענט רעדען מיט דיא מענשען פון דער פּלאַנעט קאַנאָפּוס און דאַן האָט עלוורסאן צו זיי געשיקט פאָלגענדען מעסעדזש:

„עס איז שוין איבער א יאָהר זייט מיר ווערען פערפאָלגט פון א געלעהרטע מעכטיגע פּערזאָן, וואָס וואָהנט אין דרום זייט פון אייער וועלט. מיר זיינען געצוואונגען געווען אויסצוטראַכטען מיטלען צו שטעלען זיך געגען איהם, אום זיך זעלבסט צו בעשיצען. אונז האָט געלונגען צו פערניכטען זיינע מיוועלשע פּלענער אונז אלעמען אומצוברענגען און ער האָט דעריבער דאַן צושמעטערט דעם סאטורן מיט׳ן אבזיכט, אז דיא פליהענדע שטיקער פון יענער פערניכטעטער פּלאַנעט זאָלען אונז טרעפען. דאס האָט אונז אויך געלינגען צו פערמיידען. אונז איז אבער נמאס געווארען צו שטעהן און וואַרטען אויף איבערפאַלען און נייע געפאַהרען. מיר האָבען דעריבער בעשלאָסען צוזאַמען מיט׳ן מארס געהן אייך צווינגען, איהר זאָלט יענע געפעהרליכע פערזאָן אונטערדריקען און צווינגען, אז ער זאָל אונז מיט זיינע ווייסענשאַפטליכע מעטהאָדען מעהר ניט אנגרייפען און אונז שאַדען. מיר האָבען זיך דערוואוסט אז אויך דער ארכענאַר האָט געליטען פון דעם זעלבען טיראַן, וואָס געפינט זיך אויף אייער וועלט און מיר האָבען מיט דיעזער פּלאַנעט געשלאָסען א דריי בונד צו בעקעמפּפען צוזאַמען דיא טיראַניי. יעצט פערלאַנג איך פון אייך אין נאמען פון דעם דריי בונד ערד־מארס־ארכענאר אויסצוגעפינען יענעם דעמאָן, וועלכער האָט זיך ערווארבען א אונגעהויער גרויסע מאַכט דורך וויסענשאַפט צו קעהרען וועלטען און פערניכטען גאַנצע פּלאַנעטען. טהוט מיט איהם וואָס איהר ווילט, נאר מאַכט איהם אויף אימער אונשעדליך פאַר אונזערע וועלטען, וועלכע זוכען בלויז פריעדען און רוהע".

וויא עלוורסאן האָט געענדיגט רעדען, האָט זיך דערהערט א אויסדרוק פון פערוואונדערונג פון קאַנאָפּוס.

— מיר הערען עס ערשט צום ערשטען מאָל פון אזא זאַך — האָט יענע שטימע געזאָגט.

— איך גלויב אייך — האָט עלווערסאן געענטפערט — איך האָב אליין אויך געדענקט, אז דיא בעפעלקערונג פון אייער וועלט וויים גאר ניט פון דיא מעשים תעתועים, וואָס יענער דעספּאָט טהוט אפּ אין אנדערע וועלטען. איך וויל אייך בעטען איהר זאָלט עס מעלדען אייער פּובליקום, אייער רעגירונג און זאָלען וואָס שנעלער אנגענומען ווערען מיטלען אויסצוזוכען יענעם טיראַן און מאַכען איהם אונשעדליך.

נאָך דיעזע געשפּרעך איז פערלאָפען א מאָנאַט און פון קאַנאָפּוס איז קיין

שום ידיעה געקומען. עלווערסאן האט ווייטער גענומען צו זיי רעדען און מען האט איהם געענטפערט, אז מען האט נאך יענע פערזאן ניט געקענט געפינען.

עס זיינען אוועק נאך צוויי מאנאטען און וועגען יענעם טיראן איז קיין ידיעה געקומען. דיא בעפעלקערונג פון אונזער וועלט און פון דעם מארס איז שוין נמאס געווארען צו שטעהען אין דער נאכבאר־שאפט פון קאנאפוס און אנדערע פרעמ־דע וועלטען און זיי האבען אנגעפאנגען צו שרייען, אז זיי ווילען געהן צוריק "אהיים" צו דער ליכטיגער זונן, אב־וואהל עס האט זיי קיין זאך געפעהלט, גראדע פערקעהרט זיי האבען געהאט נאך בעסערע קאמפארטס, א אנגענעהמען קלימאט, דאך האט זיי שוין דערעסען די נייע שכונה צווישען פרעמדע וועלטען. זיי האבען ניט געקענט מעהר קוקען וואס זייערע עפיל זיינען שווארץ פון דער ליכט סיסטעם ענדערונג און וואס אלע גרינסען און גראזען זיינען געוואו־רען בלוי. דער עולם האט געשריען: לאמיר געהן אהיים! גענוג שוין צו זו־כען א שלאכט מיט א העכערע גרעסערע וועלט און עלווערסאן האט איינגעזעהן אז מיט אזא אויפגערעגטען המון קען מען שוין לענגער דא ניט פערבלייבען. ער האט דעריבער בעשלאסען צו נעהמען ערנסטע שריטע צו צווינגען דעם קאנא־פוס צו טהאן וואס ער האט פון יענער וועלט פערלאנגט.

קאפיטעל 10

זיעג און פריעדען

עלווערסאן האט אפגערופען מארס און האט געגעבען אינסטראקשאן וויא צו פערשטארקען אלע עלעקטריש־מאג־נעטישע פלענטס און צו זיין מוכן ומזומן צו א שלאכט. נאכהער האט ער פער־שטארקט זיינע פלענטס אין ניו יארק און ביים ברעג ים אין ניו דזשוירזי. אין דעם ארכענאר האט ער ניט געהאט קיין גרויס צוטרויען, ווייל יענע פלאנעט איז עטוואס פרעמד געוועזן צו אונזערע פלאנעטען אין דעם כאראקטער פון זיין בעפעלקערונג און ער האט דעם אר־כענאר דעריבער קיינע ספעציעלע אינ־סטראקשאנס געגעבען.

ווען עלווערסאן האט געזעהן אז אויף דער ערד און אויף'ן מארס איז אלעס פערטיג צו א וויסענשאפטליכע מלחמה, האט ער אפגערופען קאנאפוס:

— איך מוז אייך זאגען — האט ער גערעדט מיט א ערנסטען טאן — אז עט־וואס מוז געטהאן ווערען צו אונטערדריי־קען יענעם טיראן און צו פערניכטען זיי־נע טייוועלשע פלענער אונז צו שאדען. מיר ווארטען שוין דא צו לאנג אויף אייער ענטפער. אויב יענער חכם להרע וועט ניט אונטערדריקט ווערען און אויב איהר וועט אונז ניט ארויסגעבען א גאראנטי, אז פון אייער וועלט וועט מען מעהר ניט אנגרייפען אונזערע וועל־טען, וועלען מיר זיין געצוואונגען צו

פערניכטען אייער פלאנעט. איהר זאלט ניט דענקען, אז מיר סטראשען אייך, אדער דאס מיר זוכען קריעג, גראדע פערקעהרט. מיר זוכען פריעדען און אויב מיר וועלען זיין געצוואונגען אייך צו אטאקירען, איז עס בלויז אוים זעלבסטשוץ, אום צו געווינען פאר אונזערע פעראייניגטע פלאנעטען פריעדען און רוהע אין דער צוקונפט. איך גיב אייך נאך איין מאנאט צייט צו סעטלען דיעזע פראגע.

— זעהר גוט — האט מען געענטפערט — מיר וועלען זעהן, וואס מען קען טהאן צופריעדענצושטעלען אייער פערלאנג.

אין צעהן טעג ארום האבען דיא אסטראנאמערס פון אלע אבזערוואטאריעס געמעלדעט עלווערסאן׳ען, אז קאנאפוס איז ארויס פון זיין ארביט און קומט צו נעהענטער צו דער ערד און צו דיא איבריגע צוויי פלאנעטען פון דריי בונד. אלע האבען פערשטאנען, אז קאנאפוס געהט צום שלאכט און פיעלע האבען זיך שטארק דערשראקען. עלווערסאן איז אבער גראדע געוועזן רוהיג און צופריעדען.

ווען דער עלעקטרישען באררי איז אריין אין עלווערסאן׳ס אפיס מיט אן ארנטערגעלאזענעם נאז און מיט א פערטרויערטען פנים, האט דער הויפט קאמאנדיער פון דיא דריי פעראייניגטע וועלטען איהם בעגריסט מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפען און האט איהם געזאגט:

— זיי רוהיג, באררי! איך האב עס אלץ ערוואַרטעט. איך פערשטעה, אז דיא פערזאן וואס האט דיא לעצטע צייטען צו מיר גערעדט פון קאנאפוס האט געמוזט זיין א פריינד פון יענעם טיראן. איך האב ערוואַרטעט אז זיי וועלען ארויס געגען אונז אין שלאכטפעלד, נאר איך האב זיך צו דעם גוט פאַרבערייטעט בעפאר.

עלווערסאן האט זיך איבערלעגט, אז מען דארף אויך האבען דיא מיטווירקונג פון ארכענאר. ער האט דעריבער גלייך טעלעפאנירט אהין, אז זיי זאלען נעהמען שיקען זייערע שטארקסטע עלעקטריק מאגנעטישע שטראמען אין דער ריכטונג פון קאנאפוס. ער האט דעם ארכענאר געגעבען צו פערשטעהען, אז פון קאנאפוסען קען ער שוין זא וויא זא ניט ערווארטען קיין גנאדע פאר זיין מרידה און עס לוינט דעריבער פאר׳ן ארכענאר צו פערניכטען מיט פעראייניגטע קרעפטען דעם קאנאפוס. דיא געלעהרטע עלעקטרישענס פון ארכענאר האבען דערויף באלד געענטפערט, אז זיי זיינען העכסט צופריעדען צו קעמפפען געגען דער טיראניי, וואס האט זיי אזוי פיעל שלעכטעס געטהאן.

ווען עלווערסאן האט זיך איבערצייגט אין דער טרייהייט פון ארכענאר, האט ער ארויסגעגעבען צו אלע דריי פעראייניגטע וועלטען דעם בעפעהל צו שיסען צום קאנאפוס זייערע עלעקטרישע שטראמען. דיא ערד, דער מארס און דער ארכענאר האבען מיט אמאל ארויפגעלאזען אויף זייער שונא די שטארקסטע קראפט. דיא אסטראנאמערס האבען

אהן אויפהער געוואטשט דעם קאנאָפּוס און אויף'ן זעקסטען טאג זייט עס האָט זיך אָנגעפאנגען די עלעקטרישע „באָמבאַרדיראָווקא", האָבען זיי פון אַלע אבזערוואטאריעס געמעלדעט מיט גרויס שמחה:

— עס ווירקט! דער קאנאָפּוס עקספּלאָדירט אין עטליכע פּלעצער!

— הורריי, אונזערע קרעפטען זיעגען. דער קאנאָפּוס פאנגט שוין אָן זיך ברעכען!

אַזעלכע און עהנליכע טעלעפאָנס זיינען אנגעקומען פון פערשיעדענע אסטראָנאָמישע אבזערוואטאריעס און אין עטליכע שטונדען ארום האָט מען בעמערקט, אז קאנאָפּוס מאכט פּליטה פון שלאכט און ציהט זיך צוריק נאָך זיין אָרביט.

ווען דיא פיינדליכע וועלט איז צוריק אריין אין איהר קרייז־וועג איז פון דארטען אנגעקומען א טעלעפאָן אין עלווערסאן'ס אפּיס, אבער דיעזע שטימע איז געווען גאר א נייע, א עדעלערע.

— וואס פאר נוצען וועט פאר אייך ארויסקומען פון אזא פערפאָלגונג — האָט דיא שטימע גערעדט מיט א געבעט פון רחמנות, מיר האָבען זיך ביז יעצט נאָך ניט געהאט פערפאלקאמט אין אייער שפּראַך און דעריבער האָבען מיר צו אייך ניט געקענט רעדען און ניט פערשטאנען אייערע פערלאנגען.

— אָה, האָט עלווערסאן געענטפערט בייז — רעדט אונז ניט איין, אז איהר האָט אונז ביז יעצט ניט פערשטאנען. מיר פערשטעהען גאנץ גוט אייערע טריקס. איהר האָט געמיינט, אז מיר וועלען זיך דערשרעקען פאר אייך, ווען איהר וועט אָנפאנגען לויפען צו אונז. נו, יעצט פיהלט איהר שוין, אז מיר האָבען פאר אייך קיין מורא ניט און אז מיר וועלען א האר ניט נאכגעבען פון אונזער פאָדערונג?

— וועל, וואס געווען איז געווען — האָט דיא שטימע ווייטער גערעדט פון קאנאָפּוס — איך מוז אייך יעצט זאָגען דעם אמת, אז אונזער בעפעלקערונג בלאָמירט מיך דערפאר, וואס איך האָב מיט אייך ניט ריכטיג געהאנדעלט. איך וויל אייך דעריבער יעצט פערזיכערען דאס אין פאל איהר וועט אונז אויפהערען צו אטאקירען מיט אייער עלעקטרישע קראפט, וועלען מיר אין צוויי וואָכען נאָך אייער צייט רעכנונג אויסגעפינען יענעם מאן, וועלכער שטערט דיא רוהע פון אייערע וועלטען און מיר וועלען איהם טויטען אדער איינשפּארען אין געפענגניס.

— אָט, דיעזען מאל רעדט איהר ביזנעס — האָט עלווערסאן געענטפערט — איך פערשטעה, אז איהר זייט א רעגיערער אדער א פיהרער אויף אייער וועלט און איך פערלאנג דעריבער, אז ווייטער זאלט איהר אויך מיט מיר רעדען, ניט קיין אנדערער, און אום צו זיין זיכער אז איהר וועט מיט מיר ווייטער פערהאנדלען און ניט קיין אנדערע אונפעראנטווארטליכע פערזאן, בעט איך אייך איהר זאלט מיר אויף ווייטער אדרעסירען מיט'ן נאמען „לינקאלן".

— לינקאלן — האָט זיך יענער איינגע'חזר'ט דעם נאמען און עלווערסאן

האָט איהם פערשפּראָכען צוריק צו ציהען פאַרלויפיג דיא אטאקע.

אין צעהן טעג ארום האָט מען פון קאַנאַפּוס געגעבען א סיגנאל צו רעדען.

— לינקאָלן — האָט זיך געהערט די זעלבע שטימע וואס האָט דעם לעצטען מאָל גערעדט — איהר מוזט זיין אזוי פריינדליך און האָבען געדולד נאך א קורצע צייט. איך האָב אייך פאַריגען מאָל געבעטען צו ווארטען צוויי וואכען, נאר עס קען זיין, אז עס וועט דויערען עטוואס לענגער און איך בין אייך יעצט געקומען בעטען, איהר זאלט אונז געבען נאך א ביסעל צייט אין פאל מיר וועלען ניט זיין פערטיג צו כאפּען יענע פערזאָן. ווער יענער מאַן איז, ווייסען מיר שוין. ער איז א אלטער גרויסער געלעהרטער, וועלכער איז אראפּ פון זינען. זיין משוגעת בעשטעהט אין דעם, דאס ער האָט זיך איינגערעדט, אז ער איז א געטליכער מאַן, וואס האָט רעכט און דארף רעגירען אלע וועלטען. ער וואהנט אין א קליינע שטאדט אויף א ווייטען אינזעל, וואו ער בעשעפטיגט אייניגע טויזענדער ארבייטער אויף זיינע עלעקטריק־מאגנעטישע פעקטאָריעס. זיינע ארבייטער זיינען מיט איהם זעהר צופריעדען, ווייל ער צאהלט זיי גוט און רעגעלמעסיג. זיי פרעגען איהם קיינע קשיות, וואס ער טהוט. זיי ערפילען זיינע ארדערס און זיינען צופריעדען מיט זייער שיקזאל. זיין שטאדט איז ארומגערינגעלט מיט א פעסטונג, וועלכע ווערט טאג און נאכט בעוואכט. מיר האָבען איהם געוואָלט ארעסטען, קענען מיר פאַרלויפיג דאָס ניט טהאָן, ווייל מען קען צו איהם ניט צוקומען. מיר האָבען געשיקט מיליטער צו בעלאגערען זיין פעסטונג, האָט ער מיט איין עלעקטרישען שטראם געטויטעט דריי טויזענד מאַן פון אונזער ארמעע. א מאַן, וואס האָט ארויסגעצויגען פון יענעם אינזעל, האָט דערצעהלט, אז דער משוגענער זשעני פלעגט שיקען לופט שיפען צו זאמלען גאלד פון פרעמדע וועלטען. אונזער הויפּט רעגירונג האָט פון דעם אלעם נישט געוואוסט. דיא ארבייטער וואס זיינען בעשעפטיגט ביי איהם ווי אויך זיינע שכנים האָבען קיין מאָל ניט דערצעהלט וועגען איהם און זיינע מעשים, ווייל ער האָט זיי פערזאגט צו שווייגען און ווייל זיי ציטערען פאר זיינע וואונדערליכע צויבערענדע ערפינדונגען און קרעפטען מיט וועלכע, ווי איהר אליין האָט געזעהן, ער קען פערניכטען גאנצע וועלטען. מיר וועלען אבער דאך געפינען א וועג וויא דיעזען אלטען צויצערער צו פאנגען — אָבער א — ווארט א ווילע, לינקאָלן. . . דא האָט מען מיר געבראכט א מעסעדזש. אָה, און מען שרייבט מיר יעצט, אז ער איז געפאנגען. דער אלטער משוגענער זשעני וועט אייך שוין מעהר ניט קענען שאדען. איך פערזיכער אייך אין נאמען פון דער גאנצער בעפעלקערונג פון אונזער וועלט, אז מען וועט אייך קיין מאָל ניט אנגרייפען פון

קאנאַפּוס. אונזער אַלעמענס פריינדלי־כער גרוס צו דער ערד, צום מארס און צום ארכענאר!

— הוריי פאר'ן אלגעמיינעם פריעדען פון אלע וועלטען! — האט עלווערסאן ענטהוזיאסטיש אויסגעשריען — יעצט ערלויבט מיר צו טעלעפאנירען דיא נייעס איבער אלע דריי פעראייניגטע פלאנעטען.

עלווערסאן האט דיא נייעס טעלעפאַ־נירט נאך דיא דריי וועלטען, וואס ער האט קאמאנדירט און נאכהער האט ער ווידער גערעדט:

— יעצט וועל איך אייך בעטען איהר זאלט איינשטימען צו שליסען מיט אונז א פריעדענס בונד און וועקסלען אונזערע וויסענשאפטס מעטהאדען פאר'ן בענע־פיט פון דער מענשהייט פון אלע וועל־טען און פלאנעטען, וואס קומען אריין אין דיעזען פערבאנד און דאן וועלען מיר זיך צוריקקעהרען נאך אונזער זונען סיסטעם, וויל מיר זיינען אזעלכע מענ־שען וואס גלייכען פריעדען און ווינשען וואס שנעלער צו זיין אין אונזערע היימ־ליכע ספערען.

דער רעגיערער פון קאנאַפּוס האט מיט צופריעדענהייט אנגענומען עלווער־סאן'ס פארשלאג. אלע פלאנעטען האבען זיך גלייך פעראייניגט אין א פרידליכע פעדערייזשאן. עטליכע טעג האט געדוי־ערט בעפאר עלווערסאן און זיינע אסיס־טענטס האבען איבערגענומען אלע הויפּט וויסענשאפטען פון קאנאַפּוס, וואס זיינען אונז געווען אונבעקאנט. מיר האבען זיי אויך געהאט וואס צו געבען וואס פאר זיי איז געווען נייעס. מיר האבען אבער פון יענער וויטער גרויסער וועלט מעהר ערפאהרען וויא זיי פון אונז. ערד, מארס און ארכענאר האַ־בען זיך פריינדליך צושיידען פון קאַ־נאַפּוס און נאכהער צווישען זיך און האַ־בען זיך אומגעקעהרט „אהיים". דיא ערד איז געווארען גליקליך פון ערפאהר־רונג און וויסענשאפט און אונזער מענש־הייט האט געשטיעגען צום העכסטען גראד פון פראגרעס און הצלחה.

ענדע.